STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03197

GEHEYMNISE FUN PARIZ

Eugene Sue

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געהיימניסע פון פאַריז

פון

אייזשען סיו

איבערזעצט פון

י. פּאַליי

צווייטער באַנד

ניו יארק:
היברו פּאבלישינג קאמפּאני
83-85 קאַנאל סטריט.
1918

36טעס קאַפּיטעל.

קלעמענס דע האַרוויל.

דער לעזער מוז אונז ענטשולדיגען ווארום מיר לאָזען דיא עהרליכע נאַבטיגאַל אין אזא קריטישע לאַגע. מיר וועלען שפּעטער ערצעהלען וואָס מיט דיעזען געפלאַגטען קינד איז געשעהן נאך דעם שרעקליכען איבערפאַל.

דער לעזער געדענקט געוויס, דאס רודאָלף האט גערעטעט דער שעהנער מאַרקיזין דע האַרוויל פון דער אינטריגע וואס שרה מעקגרעגאָר האט געמאַכט דערמיט וואס זיא האט זיא אָנגערעדט צו שענקען א בעזוך דעם קאָמאַנדיר טשאַרלעס ראָבערט און צו דער זעלבער צייט האט זיא אָנגעזאָגט איהר אייפערזיכטיגען מאַן, ער זאָל זיא נאַכשפּיערען.

פּרינץ רודאָלף וואַר זעהר געריהרט פון דער סצענע אין טעמפּעל שטראַסע. ער איז אוועק צו זיך אהיים און האט אפּגעלעגט זיין וויזיט צו פרייליין דיפּעלטאָן און צום ארמען מאָרעל אויף אַן אַנדער צייט. ער האט גערעכענט, אז דער ארמער מאָרעל איז פאַרלויפיג פערזאָרגט מיט דאָס געלד וואס ער האָט דער מארקיזין געגעבען אום זיא זאל קענען זאָגען איהר מאַן, אז זיא געהט העלפען דיא ארמע. דער פּרינץ האט נאטירליך ניט געוואוסט, אז האָפּי האט ארויסגעריסען דאס געלד פון דער מארקיזינ׳ס האנד.

אום פיער אוהר האט אן אלטע פרוי געבראַכט א בריעף, וועלכען זיא האט אבגעגעבען רודאָלף׳ס דיענער און איז אוועק ניט ווארטענדיג אויף אן אנטוואָרט.

רודאָלף האט דעם בריעף גלייך געעפענט און האָט פאָלגענדעס געלעזען:

„קעניגליכע האָהייט !

איך בין אייער קעניגליכע האָהייט שולדיג מעהר וויא מיין לעבען; און איך ווינש אויסצודריקען צו אייך מיין דאנקבארקייט נאך היינטיגען טאָג. מאָרגען וועל איך פיעללייכט ניט קענען, ווייל דיא שאנדע וועט צושליסען מיין מויל. אויב אייער קעניגליכע האָהייט וועלען מיר בעוויליגען א וויזיט היינטיגען אבענד וועט איהר עגדיגען דעם טאָג מיט וואס איהר האט איהם אנגעפאנגען — מיט גראָסמוטהיגע טהאַטען.

קלעמענס דע הארוויל.“

„נ. ב. בעמיהעט זיך ניט צו ענטפערען אויף דיעזען שרייבען; איך וועל זיין דעם גאנצען אבענד צו הויזע.“

רודאָלף איז געווען איבערגליקליך; פון דער דיענסט וואס ער האט געלייסטעט פאר דער מארקיזין; דאָך האָט איהם פערדראָסען אויף דיא אינטימע פריינדשאפט, וואס דיעזע לייסטונג האט געמאכט צווישען איהם און דיא מארקיזין. אבוואהל ער וואר אונפעהיג צו בעטריגען דיא פריינדשאפט צום מארקיז אליין; דאך האט רודאָלף געפיהלט, אז דיא שעהנקייט, פעהיגקייט און דער רייץ וואָס דיא מארקיזין האט בע-זעסען האבען איהם צו שטארק געבונדען צו איהר. ער האט זיך אנפאנגס גע-שטארקט איבער זיינע געפיהלע און האט זיך ענטזאגט דעם פערגניגען, צו זעהן זיך מיט איהר. ער האט גוט געדענקט און עס האט אויף איהם שטארק געווירקט דער געשפרעך וואס שרה מעקגרעגאָר און איהר ברודער טהאָמאס סייטאָן האבען געהאט אין גארטען ביים אמבאסאדאר. שרה האט מיט האס און מיט אייפערזוכט ערצעהלט אז דיא מארקיזין איז בעגייסטערט און ענטציקט פון רודאָלף'ן. אבוואהל דיא מאר-קיזין אליין ווייס ניט אז דיעזע בעגייסטערונג הייסט ליעבע. רודאָלף האט געוואוסט אז שרה איז זעהר גלוג, זעהר חיטרע און איז בעקאנט מיט דיא געהיימניסע פון מענשענס הארץ, און ווען שרה האט איהר ברודער דערצעהלט, דאס דער מארקי-זין'ס סימפאטיע צום קאָמאנדיר איז נור, ווייל אין איהר הערצען האט זיך ערוועקט א געפיהל צו א מאן, וועלכער ערוויטערט זיך פון איהר, וועלכער שטויסט זיא פון זיך און ווייל זיא וויים ניט געגוי וואס דיעזער געפיהל בעדייטעט, דארום איז זיא זעהר לייכט צוגעצויגען געוואָרען צום פוסטען פראנט וואס פערשטעהט וויא זיך צו פערשטעלען. דער קאָמאנדיר ראָבערט האט ערוועקט דעם מיטליידס געפיהל אין דע הארוויל'ס הערץ, וועלכע איז פאָל מיט א שטומער ליעבע צו רודאָלף'ן. רודאָלף האט אויך געוואוסט, אז אנדערע פרויען, וועלכע זיינען צוגעצויגען צו א מאן וויא דיא מארקיזין צו איהם, וואלטען ניט געריהרט געוואָרען פון דעם קאָמאנדיר'ס מע-לאנכאָלי, דאך האט רודאָלף אויך געוואוסט, אז אין א צייט פון נסיון וואלטען דיא

.כט צו איהר מאן און דיא געפיהלען צום פרינץ איהר אָבגעהאלטען פון א לייבט־זיניגען פערברעכען אום צופריעדענצושטעלען דיא ליידענשאפטען פון דעם מעלאַנ־כאָלישען קאָמאנדיר.

רודאָלף האט געטראכט און גערעכט פון זיין וויזיט צו דער מארקיזין. ער האט ענדליך בעשלאָסען צו בעזוכען דער מארקיזין, ווייל ער איז געווען זיכער, אז ער וועט בעקעמפפען דיא געפיהלע, וואס ציהען איהם צו איהר. ער האט גערעכענט, אז איהר ענטשלוס צו בעזוכען דעם קאָמאנדיר איז אויף איהר אזא פלעק, וואָס וועט אין גאנצען אויסלעשען דיא ליעבע אין זיין הערצען. ער האט זיך אויך געפרעהט, דאָס ער וועט האבען א געלעגענהייט צו עפענען איהרע אויגען געגען שרה׳ס אינטרי־גען און דערמיט וועט ער איהר בעצאָהלען פאר דיא געפיהלע וואס ער האט ערוועקט אין איהר הערצען.

מארקיזין דע הארוויל האט מיט אונגעדולד ערוואַרטעט דעם אבענד. צוויי גע־דאנקען האבען יעצט אנגעפיהלט איהר גאנצען וועזען. זיא איז געווען פאל מיט פערעהרונג און בעגייסטערונג ווען זיא האט זיך פאָרגעשטעלט רודאָלף׳ס פריינדליכ־קייט און וואָהלטהאט; צו דער זעלבער צייט איז זיא געוואָרען אנגעפילט מיט אבשיי און האס, ווען זיא האט זיך עראינערט אויף׳ן קאָמאנדיר טשארלעס ראָבערט. איינינע אורזאכען האבען איהר געבראכט צו דיעזען האס. א פרוי וועט זעהר אָפט ריזיקירען איהר גליק, איהר פריעדען און איהר עהרע צוליעב א מאן; זיא וועט איהם אבער קיין מאל ניט מוחל זיין, ווען ער וועט איהר ברענגען צו ערניעדערונג און שאנדע. מארקיזין דע הארוויל האָט געפיהלט, וויא איהרע באקען ווערען רויט און איהר גאנצע עהרע ווערט געטראמפעלט, ווען זיא האָט זיך פאָרגעשטעלט דיא סצענע און דעם שפאָס וואס דיא אלטע פיפעלעט האט פון איהר געמאכט. דאס וואר נאָך ניט אלעס. נאכדעם וויא רודאָלף האט זיא געווארענט פון איהר געפאהר איז זיא ארויפ־געלאָפען צום פינפטען עטאזש. ווען זיא איז געווען אויפ׳ן טרעפ איבער דעם קאָ־מאנדירס וואוינונג האט זיא בעמערקט, וויא דיעזער פראנט, וועלכער האט דער־הערט דיא לייכטע טריט פון דער פרוי, וואס ער ערוואַרטעט אזוי נייגיעריג, האט געעפענט א האלבע טהיר און האט ארויסגעקוקט מיט א שמייכעל און טריאומפי־רענדען בליק. דיא קליידער וואס ער האט צו דער צייט געטראָגען און דער בליק אין זיין געזיכט האבען דער מארקיזין גלייך געגעבען צו פערשטעהן וויא ווייט ער האט זיא גענארט און צו וועלכען צוועק ער האט זיא געוואָלט האבען ביי זיך אין הויז. זיא איז איינענטליך איהם נעגאנגען; זעהן ניט אוים ליעבע, נור אוים מיטלייד; זיא האט איהם געוואָלט בעצאָהלען פאר דער בעליידיגונג וואס ער האט געליטען פון

הערצאָג פאָן לוסעני צוליעב איהר. ווערטער קענען ניט בעשרייבען דעם האס און פערראַכטונג וואס מארקיזין דע הארוויל האט געהאט געגען דעם קאָמאנדיר וואס האט זיא אזוי שענדליך אויסגעלאכט.

דער זייגער האט געשלאָגען. וואָס דיא מינוטען צו איהר זעהן זיך מיט רוד דאָלף'ן זיינען געוואָרען נעהענטער האט איהר הערץ אלץ מעהר גענומען קלאפּען. נור ענדליך האט זיא געפּאסט מוטה און האט בעשלאָסען צו פערטרויען צו איהר רעטער א גרויסע טרויעריגע געהיימניס, מיט דער האפנונג, אז איהר אָפענהערציגקייט וועט פאר איהר פיעללייכט צוריקגעווינען רודאָלף'ס רעספּעקט. דיא דאנקבארקייט וואס זיא האט געפיהלט צו איהר רעטער האבען ערוועקט איהרע אלטע געפיהלען צו רודאָלפ'ן. איהר הארץ האט איהר געזאָגט, דאס ניט א צופאל האט איהם געבראכט צו איהר הילפע. ניין רודאָלף'ס ערוויטערונג פון איהר האבען אויך עפּעס צו בעדייטען און דאס ער דענקט און טראכט פון איהר מעהר וויא פון א געוועהנליכע פריינדין. אין איהרע גערדאנקען האט זיך אויך ערוועקט א צווייפעל אין שרה'ס פריינדשאפט. אין אזעלכע גערדאנקען האט זיא פערבראכט דיא לעצטע מינוטען ביז א דיענער האט געמאלדען, אז מאדאם אסטאָן און דיא יונגע מארקיזין ווינשען זיא צו זעהן.

מארקיזין דע הארוויל האט א נויג געטהאָן מיט'ן קאָפּ און דיא צוויי זיינען אריין אין זאאל.

דיא יונגע מארקיזין, דאָס וואר איהר פיער-יאהריגעס קינד. איהר נאמען וואר קלארא, זיא האט אויסגעזעהן זעהר שוואך און קראנק. מאדאם אסטאָן, איהר גובערנאנטין האט זיא געפיהרט ביי'ן האנד. דאָס קינד איז גלייך געגאנגען צו איהר מוטער.

— וויא האָט דאָס קינד געפיהלט? — האט דיא מארקיזין געפרעגט דער אלטער גובערנאנטין.

— ניט געפעהרליך, אָבוואָהל איך האב זיך איין מאָל פאר איהר דערשראָקען —

— ווידער! — האט קלעמענס אויסגעשריען צודריקענדיג דאָס קינד צו איהר ברוסט.

— צום גליק איז דאָס געוועזן אין אירטהום, — האט דיא גובערנאנטין געענטפערט — דער אנפאל איז ניט געקומען. קלארא איז שוואך געוואָרען און איז געבליעבען זעהר שטיל; אבער באלד איז זיא בעסער און מונטערער געוואָרען. זיא איז יעצט געקומען קוסען איהר מוטער איידער זיא געהט צור בעט.

— ארמער, טהייערער ענגעל! — האט דיא מארקיזין געזאגט ווערהרענד זיא האט איהר קינד בעדעקט מיט הייסע קיסע.

דאס קינד האט צוריקגעקושט זיין מוטער. וועהרענד מוטער און טאָכטער האבען זיך געזעגענט איז א דיענער וויעדער ערשיענען און האט געמאָלדען „זיין קע־ניגליכע האָהייט דער גראָס־הערצאָג פון געראָלשטיין."

קלארע, וועלכע איז געשטאנען אויף איהר מוטער'ס שויס, האט ארומגערינ־געלט איהר מוטער'ס האלז מיט איהרע דארע הענד. רודאָלף איז ערשיענען. קלע־מענס איז געוואָרען רויטה און צוטומעלט. זיא האט געשטעלט איהר קינד אויף׳ן דיוואן און האט געהייסען דער גובערנאנטין צונעהמען דאס קינד.

נאכדעם וויא רודאָלף האט זיך העפליך פערנייגט פאר דער מארקיזין האט ער געזאָגט:

— וועט אייער גנעדיגקייט מיר ערלויבען צו בענייען מיין פריינדשאפט מיט מיין קליינעם פריינד, וועלכעס האט מיך שוין געווים פערגעסען?

רודאלף האט זיך איינגעבויגען און האט געגעבען זיין האנד צום קינד. קלארע האט איהם א ווילע אנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען ביז זיא האט איהם ער־קענט.

— געדענקסט דוא זיין קעניגליכע האָהייט, מיין קינד? — האט קלעמענס גע־פרעגט און קלארע האט א שאָקעל געטהאָן איהר קאָפּ.

— מיט שיינט, אז איהר געזונד האט זיך פיעל פערבעסערט, זייט איך האָב זיא געזעהן, — האט ער געזאָגט אין א טאָן פון גרויסער אינטערעסע.

— זיא איז פיעל בעסער, אָבער נאָך זעהר ליידענד.

רודאָלף און דיא מארקיזין, וועלכע וואָרען וויא צוטומעלט פון זייערע פערשיע־דענע געדאנקען האבען געוואָלט בענוצען דיעזען קינד צו זייער ערשטען געשפרעך אום דערוויל צו בערוהיגען זייער ערשטע אויפרעגונג. דיא גובערנאנטין האט עס נאטירליך ניט פערשטאנען. זיא האט דעם קינד צוגענומען און דיא צוויי זיינען פער־בליבען גאנץ אליין.

רודאָלף איז געשטאנען אנגעלעהענט ביי א שטוהל. דיא מארקיזין האט איהם ערשט יעצט גוט בעטראכט. ניעמאלס האט ער איהר אויסגעזעהן אזוי שעהן, ניע־מאלס האט זיין שטימע אזוי זיעס געקלונגען און ניעמאלס איז ער געווען אזוי העפ־ליך, וויא אין דיעזען מאָל. רודאָלף האט גאנץ גוט געפיהלט וויא שווער עס איז פאר דער מארקיזין אנצופאנגען א געשפרעך און זאָ האט ער צו איהר געזאָגט:

— מאדאם, איהר זייט געווען דער קרבן פון א שענדליכער אינטריגע. אן אונמענשליכער פּלאן פון דער גרעפין שרה מעקגרעגאר האט אייך שיער ניט רוענירט.

— זאָ! — האט דיא מארקיזין אויסגערופען — מיין פערדאכט האט מיך אלזאָ ניט בעטראָגען! וויא זא האט אייער קעניגליכע האָהייט דיא אינטריגע ענטדעקט?

— דורך א צופאל, האב איך געסטערן אבענד פון דער פערשווערונג ערפאהרען. אלס איך וואר אויפ'ן באל פון אמבאסאדאר און איך בין געזעסען אין אן אָפּגעלעגטען ווינקעל פון ווינטער-גארטען, זיינען דיא צוויי, שרה מעקגרעגאָר און איהר ברודער געזעסען הינטער מיר און האבען געשפּראָכען פון זייערע פּלענער און פון דער פערשווערונג געגען אייך. איך האב אייך געוואָלט ווארנען און אייך פערהיטען פון דער נעץ, וואָס מען האט פאר אייך אויסגעשפּרייט און איך בין געלאָפען צום באל פון מאדאם נערוואל, מיט דער האָפנונג, אז דאָרט וועל איך אייך געפינען; אבער דארט זייט איהר ניט געווען. ווען איך וואָלט אייך געשריעבען, וואָלט איך געמוזט ריזיקירען מיט דעם בריעף, וואָס קען ארייננפאלען אין מארקיז'ס האנד. איך האב דארום בעשלאָסען צו געהן און ווארטען אויף אייך אין טעמפּעל-שטראסע אום צו פערהיטען אייך פון שרה'ס פערשווערונג. ערלויבט מיר צו האָפען, אז איהר ענטשולדיגט מיר, וואָס איך רייד זאָ פיעל פון א געגענשטאנד, וואָס מאכט אייך קיין פערגניגען. איך פערזיכער אייך, דאס ווען איהר שרייבט מיר ניט אייער פריינדליכען בריעף, וואָלט איך אין מיין גאנצען לעבען ניט געוואגט צו בעריהרען דיעזען געשפּרעך.

נאָך א קורצען שווייגען האט דיא מארקיזין געזאָגט:

— עס גיבט נור איין וועג צו בעווייזען אייער האָהייט מיין דאנקבארקייט פאר אייער גראסמוטה — דאס איז, צו ענטדעקען פאר אייך דאס, וואָס איך האב פאר קיין לעבעדיגען מענשען ענטדעקט. דיעזער סוד וועט מיך פאר אייך ניט מאכען גערעכט; אבער מעגליך, אז ער וועט פעראורזאכען איהר זאָלט מיין אויפפיהרונג ניט האלטען פאר אזא פערברעכען.

— איך וואָלט אבער פערלאנגט, דאָס דיא מארקיזין זאָל ניט פערגעסען, אז אייער מאן איז צו מיר כמעט וויא א ברודער. מיין פאטער וואר צוגעבונדען צו זיין פאָטער מיט א דאנקבארע ליעבע, וועלכע איך דארף ניט פערגעסען.

דיא מארקיזין האט אן אויגענבליק בעוואונדערט רודאָלף'ס הקדמה; אבער באלד האט זיא איהם געענטפערט.

— עבען וויל איהר זייט ברידערליך בעפריינדעט מיט'ן מארקיז דע הארוויל, וויל איך אייך ערצעהלען דעם גאנצען אמת, און דערמיט וויל איך אייך ווייזען מיין צוטרויען צו אייך.

— אָה, איך וועל אימער זיין שטאָלץ און גליקליך צו האבען א בעווייז פון אייער צוטרויען; אבער ערלויבט מיר צו זאָגען, אז איך ווייס דאס איהר זייט נעריהרט געוואָרען פון רחמנות און פון שרה מעקגרעגאָרס פאַלשע רייד, וואָס זיא האט אָנגעווענדעט אום אייך צו רוענירען פאר איהרע אינטערעסען. איך ווייס אויך, דאס איהר האט זעהר לאנג געקעמפפט ביז איהר האט געמאכט דעם שריט וועלכען איהר בעדויערט יעצט אזוי שטארק.

קלעמענס האט דעם פרינץ אנגעקוקט מיט איבערראשונג.

— זייט איהר איבערראשט? ביי א צווייטער געלעגענהייט וועל איך אייך ערצעהלען, וויא זא איך ווייס יעדע זאך, ניט דורך כשוף. אבער ביטע, איז אייער מאן פאַלשטענדיג בערוהיגט?

— יא, קעניגליכע האָהייט, — האט קלעמענס געזאגט און האט אראָפּגעלאָזט איהרע אויגען — אָה, וויא שווער עס איז פאר מיר צו הערען וויא ער בעט מיך אום פערצייאונג ווארום ער האט מיך פערדעכטיגט, און וויא ער לויבט מיין בעשידענהייט און וואָהלטהאט.

— ניין, פערהאסט ניט אזא חלום, וואָס מאכט איהם גליקליך; אין געגענטהייל, טהוט אַלעס וואס איהר קענט אום ער זאָל פון חלום ניט ערוואכען. נאך מיין מיינונג איז קיין ווייב אזוי אינטערעסאנט און אנגענעהם פאר איהר מאַן, וויא דאס ווייב וואס זוכט פון איהם א געהיימע פערצייאונג.

— איך פערשטעה פאַלשטענדיג וואס אייער האָהייט מיינט דערמיט צו בעצוועקען. איהר ווילט קליין מאכען אייער וואָהלטהאט אין מיינע אויגען און איהר ווילט מיך שטארקען. גוט איך בין צופריעדען. אָבער וואס איך האב אייך צוזאָגען איז אזוי מעלאנכאָליש, אזוי טרויעריג און איז אזוי ענג פערבונדען מיט דער געשיכטע פון היינטיגען טאָג, דאס איך געפין עס פאר נויטהיג אייך צו ערצעהלען און איך האָף, אז איהר וועט מיר געבען דיא בעסטע עצה. נור איידער איך קום צום פונקט וואָס איז פערבונדען מיט דעם היינטיגען פריהמאָרגען, בעט איך אייער ערלויבניס צו ערצעהלען פון דער צייט וואָס איהר האט מיך ניט געקענט, — דיא צייט בעפאָר איך האב געהייראטהעט מיט מארקיז דע הארוויל.

רודאָלף האט זיך פערנייגט און קלעמענס האט אָנגעפאנגען צו ערצעהלען.

— צו זעבצעהן יאָהר בין איך געבליעבען אָהן א מוטער. איך וועל אייך ניט שילדערען וויעפיעל איך האב זיא געליעבט. שטעלט זיך נאר פאר דיא פאַלשטענדיגסטע ליעבע אויף אונזער ערד. איהר ליעבע צו מיר איז געוועזען אָהן א גרענעץ און אין דיעזער ליעבע האט זיא געפונען יעדע טרויסט אין דיא ביטערסטע צייטען. זיא

האט קיין גרויסע ליעבע געהאט צו געזעלשאפט, איהר איינציגער אונטערהאלט איז געוועזן מיין ערציהונג. איהר הויכע וויסענשאפט און גרויסע פּראקטיק האבען איהר געמאכט פּאר דער בעסטער ערציהערין אין דער וועלט.

צו מיין זעבצעהנטען יאָהר האט מיין מוטער פערלאָרען דיא גאנצע קראפט צו אונטעררריכטען. מיין פאָטער האט דאן ערקלעהרט, דאס אום איך זאָל ניט בלייבען שטעהן אין מיין מיטען קורס, וועט ער ברענגען אין הויז א יונגע אלמנה, וועלבע איז דורך א מערקווירדיגען צופאל געוואָרען אונגליקליך און דיזע אלמנה וועט ענדיגען וואס מיין מוטער האט אנגעפאנגען.

אנפאנגס האט מיין מוטער דיזען פּלאַן ניט געוואָלט הערען, און איך האב איהם געבעטען ער זאל ניט ברענגען א פרעמדע פּערזאָן, וועלבע זאָל שטעהן צווישען מיר און מיין מוטער. ער האט אבער זיין מיינונג ניט געביטען, און ניט אכטענדיג אויף אונזערע טרעהרען איז מאדאם ראָלאנד, אן אלמנה פון א פּאָלקאָווניק, וועלכער איז געשטאָרבען אין אינדיען — וויא זיא האט ערצעהלט — אין אונזער הויז גע-בראכט געוואָרען און זיא איז בעאויפטראגט געוואָרען צו ווערען מיין הערשערין.

— וואס, דיזעלבע מאדאם ראָלאנד, וועלבע אייער פאָטער האט געהייראַט-העט באלד נאך אייער האכצייט מיט'ן מארקיז? — האט רודאָלף געפרעגט.

— יא, קעניגליבע האהייט.

— זיא וואר שעהן?

— ניט זעהר.

— פעהיג?

— יא, פעהיג צו שווינדעל און פאלשקייט, ניט מעהר. זיא וואר צו יענער צייט אומגעפעהר 25 יאָהר. דער אויסדרוק פון איהר געזיכט וואר זעהר מילד. קיין בילדונג האט זיא ניט געהאט; איך קען נאך יעצט ניט פערשטעהן וויא זאָ מיין פאָטער האט ניט פערשטאנען, אז דיזע אונוויסענדע פרוי, זוכט עטוואס בייזעס אין אונזער הויז. מיין מוטער האט איהם אויפמערקזאם געמאכט אויף מאדאם ראָלאנד'ס פאלשטענדיגע אונוויסענהייט. ער האט אבער געענטפערט אין אזא טאָן, דאס מיר האבען פערשטאנען דאס דיזע פרוי מוז אונטער אלע בעדינגונגען בלייבען אויף דער שטעלע צו וואס ער האט זיא בעשטימט. איך האב עס ערשט שפּעטער ערפאהרען. אין יענעם אויגענבליק זיינען מיין מוטער'ס אויגען געעפענט געוואָרען און דאס האט אויף איהר שטארק געווירקט. ניט נור ווייל איהר מאן איז איהר אונטריי, נור ווייל זיא האט גוט געזעהן וואס מיך ערוואַרטעט אין דער צוקונפט, און דיא

ליידען וואס איך וועל דורכמאכען, ווען איך וועל בעגרייפען, וואס פאר א פערזאָן מיין פאָטער האט בעשטימט פאר מיין ערציהערין.

— ניט ריידענדיג פון דער מאָראל, שיינט מיר דאס אייער פאָטער האט זעהר אונפראקטיש געהאנדעלט, ווען ער האט אזא פערזאָן אריינגעפיהרט אין זיין הויז?

— מיין פאָטער וואר אן אויסגערעכענטער, איבערלעגטער געזעלשאפטליכער מאן, און קיין זאך וואָלט איהם ניט געבראכט צו אזא אונאנשטענדיגען שריט; נור דיא פאלשע ראָלע וואס מאדאם ראָלאנד האט געשפיעלט האט איהם בעקעמפפט א ראָלע וועלכע איז נאך מעהר פערדאָרבען און מעהר לעבערליך, ווייל זיא האט זיך געמאכט, אז זיא איז פערליעבט און אז זיא ליידעט פון דער ליעבע.

— וויא אלט וואר אייער פאָטער צו יענער צייט?

— זעכציג יאהר.

און האט ער ווירקליך געגלויבט, אז א יונגע פרוי איז אין איהם פערליעבט?

— יא. דיא נעץ וואס איהר ראטהגעבער האט געפלאָכטען וואר פאר איהם אונאויסמיידליך.

— ווער איז דאס איהר ראטהגעבער געוועזן?

— איך וועל עס אייך אין פערלויף פון דער ערצעהלונג ערקלעהרען. דיא הויפטזאכע וואס האט ערוועקט מיין האס צו איהר, וואר איהר אויפפיהרונג געגען מיין מוטער און דיא שרעקליכע ראָלע וואָס זיא האט געשפיעלט אין מיין חתונה — רודאָלף האט זיא אָנגעקוקט מיט איבערראשונג.

— מארקיז דע הארוויל איז אייער האָהייטס פריינד, — האט קלעמענס ווייטער געזאָגט — איך ווייס גאנץ גוט דיא וויכטיגקייט פון דיא ווערטער, וועלכע איך האב ערשט עבען ארויסגערעדט. איך האָף, אז איהר וועט מיר באלד געשטעהן, אז איך האב דאס רעכט דיעזעס צו זאָגען. איך וויל אָנפאנגעס ערצעהלען פון מאדאם ראָ־לאנד, וועלכע האט זיך בעזעצט אין אונזער פאמיליע אלס מיין גובערנאנטין און האָט אנגעפאנגען צו ווערען דיא ווירטהין פון אונזער הויז, ווייל איך און מיין מוטער האבען זיך פון אלעם צוריקגעצויגען.

— אָה, וויא שרעקליך אייער מוטער האט געמוזט ליידען!

— יא, זיא האט געליטען, אבער פיעל מעהר פון מיין לאגע אלס פון איהר איינענער. איהר געזונד וועלכער וואר שוין זאָנסט זעהר ערשיטערט, איז מיט יעדען טאג געוואָרען אלץ שוואכער און שוואכער, ביז זיא איז געפאלען אין אן ערנסטע קראנקהייט. אונזער פאמיליען דאָקטאָר וועמען מיין מוטער האט אלעם געטרויט איז געשטאָרבען גראדע אין יענער צייט ווען מיר האבען איהם בעדאַרפט זעהר נויטהיג.

מאדאם ראָלאנד האט נעהאט א דאקטאָר און א פריינד, אן איטאַליענישען דאָק־טאָר, וועלכען זיא האט זעהר געליבט. מיין פאָטער האט זיך ביי איהם איינינע מאָל קורירט און וואר פון איהם צופריעדען. זיא האט דיעזען דאָקטאָר געבראַכט צו מיין מוטער. מיין מוטער האט זאָגאר פראָטעסטירט, אָבער דאָך האט דיעזער מאָן זיא בעהאנדעלט וועהרענד איהר לעצטע קראנקהייט.

ביי דיעזע ווערטער האט דיא מארקיזין אָנגעפאנגען צו וויינען.

— איך מוז אייך מודה זיין מיין שוואַכקייט, קעניגליכע האָהייט, — האט זיא געזאָגט — נור ווייל דער דאָקטאָר איז רעקאָמענדירט געוואָרען פון מאדאם ראָלאנד האב איך איהם שוין פיינד געהאט. מיר האט זעהר לייד געטהאָן צו זעהן וויא מיין מוטער פאנגט אָן איהם צו גלויבען. ער וואר א פעהיגער ארצט דיעזער דאָקטאָר פאָלידאָרי —

— וואָס זאָגט איהר מאדאם? — האט רודאָלף אויסגעשריען.

— וואָס איז אייך געשעהן, מיין הערשער? — האט דיא מארקיזין געפרעגט ווען זיא האט בעמערקט, וויא רודאָלף געזיכט ווערט בלאָס.

— אָבער ניין, דאָס קען ניט זיין, — האט דער פרינץ געזאָגט גלייך וויא ער וואָלט ריידען צו זיך אליין — איך האב געוויס אן אירטהום. זייט דעם אָנפאנג פון אייער געשיכטע מוז שוין זיין פינף אדער זעקס יאָהר, וועהרענד וויא מען האט מיר ערצעהלט איז פאָלידאָרי בלויז צוויי יאָהר אין פאריז, און לעבט אונטער א פאַלשען נאָמען. דיעזען פאָלידאָרי, דיעזען שאַרלאטאַן האב איך ערשט געסטערען געזעהן! מאדאם ערלויבט מיר אייך צו פרעגען א פּאאר ווערטער וועגען דיעזען פאָלידאָרי. וויא אַלט אומגעפעהר איז יענער איטאַליענער געוועזן?

— אומגעפעהר פופציג יאָהר.

— און וויא האט ער אויסגעזעהן?

— זעהר סאַרקאַסטיש און עטוואָס אונגעוועהנליכעס. איך וועל ניעמאָלס פערגעסען זיינע העל־גרינע אויגען און זיין געדרעהטען נאָז וויא פון אן אָדלער.

— דאָס איז ער! דאס איז ער און קיין אנדערער! — האט רודאָלף געשריען — דענקט איהר מאדאם, אז דיעזער דאקטאר פאָלידאָרי איז נאָך יעצט אין פאריז?

— דאס ווייס איך ניט, קעניגליכע האָהייט! א יאָהר נאָך מיין פאָטער'ס האָכצייט האט ער פערלאָסען דיא שטאדט. מיינע א בעקאנטע דאמע, דיא הער־צאָגין פון לוסעני, האט צו יענער צייט אויך בענוצט דיעזען איטאַליענישען דאָקטאָר—

— וואָס, מאדאם פון לוסעני? — האט רודאָלף ווידער אויסגעשריען.

— יאָ, אבער וואָרום וואונדערט דאס אייער קעניגליכע האָהייט?

— ערלויבט מיר צו פערשווייגען דיעזען אנטוואָרט. נור זאָגט מיר וואס האט דיא הערצאָגין פון איהם ערצעהלט?

— זיא ערצעהלט, דאס זייט ער איז אוועק פון פאריז שרייבט ער איהר זעהר קלוגע בריעף וועגען דיא לענדער וועלכע ער בערייזט; ווייל ער איז א גרויסער רייזענדער. יא, יעצט ערינער איך מיך. צוריק מיט א מאָנאט, אלס איך האב דער הערצאָגין געפרעגט אויב זיא האט נאך בריעף פון דאָקטאָר פאָלידאָרי, האט זיא מיר געענטפערט זעהר טרוקען, דאס זייט א לאנגע צייט האט זיא פון איהם גאָר נישט געהערט, דאס מען וויים ניט וואס פון איהם איז געוואָרען און דאס מאנכע רעכענען איהם פאַר טוידט.

— דאָס איז מערקווירדיג! — האט רודאָלף געזאָגט, ווייל ער האט זיך ערינערט, אז דיא הערצאָגין האט ערשט געסטערען בעזוכט דעם שאַרלאַטאַן בראַדעמאָנטי.

— איז דיעזער מאַן, אייער האָהייט בעקאַנט?

— יא, צו מיין אונגליק איז ער מיר בעקאַנט. נור איך בעט אייך זעצט פאָר אייער ערצעהלונג. איך וועל אייך שפּעטער פון איהם זעהר פיעלעס ערצעהלען.

— וואס, איהר ווייסט עטוואס וועגען דיעזען דאָקטאָר?

— רופט איהם ניט דאָקטאָר, נור רופט איהם לומפּ, וועלכער איז איינגעווירקעלט אין אלע זאַרטען פון פערברעכען.

— פערברעכען? — האט מארקיזין דע הארוויל געשריען — דיעזער מאַן איז א פערברעכער! ער, דער פריינד פון מאדאם ראָלאנד, דער אַרצט וואס האט קורירט מיין מוטער, וועלכע איז געשטאָרבען אונטער זיין אויפזיכט! אָה, קעניגליכע האָהייט, מיין פערדאכט האט מיך ניט בעטראָגען!

— אייער פערדאכט?

— יא. איך האָב איהם פערדעכטיגט, נור ווייל מאדאם ראָלאנד האט איהם אין אונזער הויז געבראכט; איך האב אָבער ניט געוואָלט אלעס ערצעהלען, ווייל איך האב מורא געהאט צו בעשולדיגען א מאַן, וועלכער איז פיעללייכט אונשולדיג. יעצט רעכען איך, אז איך מעג אייך אלעס דערצעהלען. מיין מוטער איז געלעגען פינף טעג זעהר קראַנק; איך האב זיא דאַן געהיט וויא טאג אזוי נאכט. אין אבענד בין איך ארויס צו אטהמען אביסל דיא פרישע לופט פון אונזער באַלקאָן. אין א פערטעל שעה שפּעטער האב איך זיך צוריק אומגעקעהרט דורך א לאַנגען און פינסטערען קאָרידאָר. איך האָב פון וויטען בעמערקט וויא פּאָלידאָרי געהט ארויס פון א צימער און מאדאם ראָלאנד בעגלייט איהם. איך בין געשטאַנען אין שאָטען

און זיי האבען מיך ניט געזעהן. מאדאם ראָלאנד האט געשפּראָכען עטליכע ווערטער; אבער אין אזא נידעריגען טאָן, דאָס איך האב ניט געקענט הערען. דער דאָקטאָר האט געענטפערט אין א העכערען טאָן, דיא ווערטער: „איבערמאָרגען" און ווען מאַדאם ראָלאנד האט צו איהם נאָך א פּאאר ווערטער געזאָגט, האט ער א פּאאר מאל ווידערהאָלט: „איבערמאָרגען, איבערמאָרגען."

— וואָס האבען דיעזע ווערטער געקענט בעדייטען?

— וואָס זאָלען זיי בעדייטען? אויפ'ן „איבערמאָרגען" איז מיין מוטער געשטאָרבען!

— אָה, דאָס איז שרעקליך.

— נאָך דיעזער העכסט טרויעריגער בעגעבענהייט האט מען מיך געשיקט איך זאל פערברענגען ביי א פריינדין, וועלכע האט אין גאנצען פערגעסען, אז איך בין נאָך א קינד און האט מיר ערקלעהרט דיא אורזאכען פאר וואָס איך האָב צו האסען דער מאדאם ראָלאנד. ערשט דאן האב איך פאָלשטענדיג בעגריפען וואס מיין ארמע מוטער האט געליטען. דאָס ערשטע מאל ווען איך האב מיין פאטער געזעהן, האב איך געמיינט, אז מיין הערץ ועט פּלאצען. ער איז געקומען מיך צו נעהמען נאָך נאָרמאנדי וואו מיר האבען בעדארפט פערברענגען דיא טרויער טעג. וועהרענד דער רייזע האט ער מיר דערצעהלט, גאָר אהן שום פאָררעדע, גלייך וויא דאס וואלט געווען א העכסט נאטירליכע זאך אין דער וועלט, דאס אויס ליעבע צו מיר און צו איהם האט מאדאם ראָלאנד גאנץ פריינדליך איינגעוויליגט צו ווערען דיא גאנצע ווירטהין פון אונזער הויז און זיין מיין פריינדין און וועגווייזערין.

אלס מיר זיינען צוריק געקומען נאָך אָבירס, אין מיין פאטערס הויז, איז דיא ערשטע פערזאָן וואָס האט אונז אויפגענומען, געווען דיעזע ראָלאנד. זיא האט זיך דאָרט עטאבעלירט גלייך נאָך מיין מוטערס טויט. אבוואָהל זיא האט זיך געוואָלט מאכען טרויעריג און אונטערטהעניג, דאך האט מען אין איהר בעזיכט געקענט זעהן, וויא זיא טריאומפירט. איך וועל ניעמאלס פערגעסען דעם שטאָלצען און שפּאָטישען בליק וואס זיא האט צו מיר געוואָרפען, גלייך וויא איך האב זיא געזעהן. אין איהר בליק זיינען געלעגען דיא ווערטער: „איך בין דאָ דיא ווירטהין, און דוא ביזט דער גאסט." דיעזע פרוי האט נאָך געהאט דיא פרעכהייט צו בעזעצען זיך אין מיין מוטער'ס צימער.

איך האב זיך בעקלאגט פאר מיין פאטער, דאָס מיינע געפיהלע ווערען דאַדורך געטראמפּעלט. ער האט מיר געענטפערט קורץ און שארף, אז ער פערלאנגט דורכאויס איך זאל מאדאם ראָלאנד בעטראכטען און עהרען וויא מיין צווייטע מו־

טער. איך האב דיזען נעבאָט ניט געקאָנט ערפילען און אייניגע מאל האב איך פאר איהר געוויזען מיין האס און פעראכטונג. מיין פאָטער האט מיר אין איהר גע-נענווארט, אייניגע מאל בעליידיגט ווארום איך פערשטעהע ניט צו שעצען און דאנקען דיא פריינדשאפט פון דיזען ענגעל, וועלכען גאָט האט אונז געשיקט פון הימעל. אָה, וויא האב איך דערפון געליטען!

— איך קען זיך פאָרשטעלען גלייך וויא איך אליין בין אנוועזענד ביי דיזע פאמיליען־אונגליקען, וועלכע זיינען אזוי טרויעריג און דאָך אזוי וואהר! אין וויפיעל פאמיליען האָבען זיי זיך שוין אפגעשפיעלט און אין וויפיעל וועלען זיי זיך נאך אפ-שפיעלען. איך בין נייגיעריג צו וויסען, מיט וועלכען טיטעל האט אייער פאטער זיא פאָרגעשטעלט פאר זיינע נאכבארען? — האט רודאָלף געפרעגט.

— אלס מיין גובערנאנטען און זיין פריינדין. איבערהויפט האָבען מיר זעהר וועניג בעזוכער געהאט. מיין פאטער האט זעהר שנעל אויסגעטאהן זיין טרויער נאך מיין מוטער. זיין ליעבע צו מיר איז יעדען טאָג געוואָרען קעלטער, וועהרענד מיין פרייהייט האט ער אלץ מעהר און מעהר בעשרענקט. ער פלעגט קומען צום פריהשטיק נאכדעם פלעגט ער אוועקגעהן צו מאדאם ראָלאנד, וועלכע האט גערדיענט אלס זיין סעקרעטער. דאן פלעגען זייביידע שפאצירען ביז מיטאג־שטונדע. מאדאם ראָלאנד פלעגט זיך דאן זעהר שעהן אויספוצען, און מיין פאטער פלעגט זיך אויך קליידען וויא א יונגער מאן וואס געהט אין געזעלשאפט.

נאך מיטאג פלעגט ער אויפנעהמען אייניגע פערזאָנען, וואס האבען איהם בע-דארפט זעהן וועגען געשעפט, דאן פלעגט ער זיך ווידער אמוזירען מיט דיזער ראָ-לאנד ביז ער פלעגט זיא בעגלייטען אין מיין מוטערס צימער. וועגען מיר האט ער זיך אבסאָלוט ניט געקימערט, מיך האט ער ניט געוואָלט זעהן און האט קיין מאל ניט געוואלט וויסען וויא איך פערברענג מיין צייט.

— און וויא האט דיזע פרוי זיך געגען אייך געהאלטען, ווען איהר זייט געווען גאנץ אליין?

— זיא האט געזוכט אויסצומיידען אזא געלעגענהייט. נור אין א געוויסען אבענד, האט זיך געמאכט, אז מיר ביידע זיינען געווען אליין אין הויז און זיא האט מיך פארגעהאלטען פאר א פאאר הארטע ווערטער, וואס איך האב איהר געזאָגט. זיא האט זיך גאנץ קאלט אויסגעשפראָכען מיט פאלגענדע ווערטער: „זייט פאָר-זיכטיג! איהר וועט פאלען אונטער מיינע פיס, איהר וועט אין גאנצען פערניכטעט ווערען!“

— וויא מיין מוטער! — האב איך אויסגעשריען — עס איז נעבעך אויף אייך

א רחמנות וואס איהר האט ניט מיט זיך דעם דאָקטאָר פּאָלידאָרי, וועלכער זאָל אייך פערשפּרעכען, אז אייער ראַבע וועט איבערמאָרגען געזעטיגט ווערען!

— און וואָס האט זיא געענטפערט אויף דיעזע שרעקליכע ווערטער, וואָס איהר האט איהר עראינערט?

— אנפאנגס איז זיא געוואָרען רויטה און בלאַס, נאכדעם האט זיא זיך בער־ הערשט און האט פערלאנגט איך זאָל איהר געבען אן ערקלעהרונג אויף דיעזע ווערטער.

— אייער געוויסען וועט עס אייך אמאל ערקלעהרען, — האב איך געענטפערט. א קורצע צייט נאך יענעם אָבענד האט געטראָפען א סצענע, וועלכע האט בעשטימט מיין שיקזאל. צווישען דיא פאמיליענבילדער וואס זיינען געהאנגען אין אונזער זאאל האט זיך געפונען דאס בילד פון מיין מוטער. א געוויסען טאג האב איך בעמערקט, אז דיעזעס בילד איז פערשוואונדען געוואָרען. צוויי פון אונזערע שכנים, וועלכע האבען געהאט דעם גרעסטען רעספעקט פאר מיין מוטער זיינען דאמאָלס געוועזען אין אונזער הויז. איך האב מיין פאטער געפרעגט: „וואו איז מיין מוטערס בילד?" מיין פא־ טער האט זיך אביסעל פערקרימט און האט געענטפערט, דאס ער פלעגט זעהר ליי־ דען ווען ער האט דאס בילד פאר זיך געזעהן. צו דער זעלבער צייט האט ער מיר געגעבען א צייכען, אז פרעמדע מענשען זיינען אין הויז.

— וואו געפינט זיך יעצט מיין מוטערס בילד? — האב איך איהם געפרעגט. ער האט זיך געווענדעט צו מאדאם ראָלאנד און האט איהר געפרעגט וואו דאס בילד איז אהינגעקומען.

— אין קיך פאר דיא דיענסטען! — האט זיא געענטפערט און האט מיר צו־ געוואָרפען א שפּאָטישען בליק, וויל זיא האט גערעכענט, אז איך וועל ניט רעדען וועהרענד דיא פרעמדע מענשען זיינען אין הויז. זיא האט א טעות געהאט, איך האב גלייך געענטפערט:

— איך קען זיך לייכט פאָרשטעלען, אז מיין מוטער'ס בילד האט אייך גע־ שטאָכען אין הערצען, אָבער איך האב ניט געקענט גלויבען, אז איהר וועט זיין אזוי פרעך ניט צו אכטען דעם פּאָרטרעט פון א פרוי, וועלכע האט א י י ך אריינגעלאָזען אין איהר הויז וועהרענד איהר האט געליטען הונגער און אָרימקייט!

— בראַוואָ! — האט רודאָלף אויסגעשריען — דער אייז פון אייער פעראַכטונג האט דאן געבראָכען!

— „מאדמואזעל"! — האט מיין פאָטער אויסגעשריען — דוא פערגעסט, אז דיעזע דאַמע האָט געזאָרגט און זאָרגט נאך יעצט פאר דיין ערציהונג, בעסער וויא

אן ערגעבענע מוטער! וויא מיר שיינט האסט דוא אויך פערגעסען מיט וועלכען רעספעקט איך קוק אויף איהר. און וויל דוא האסט זיך ערלויבט אויסצודריקען דיין אונדאנקבארקייט אין געגענווארט פון פרעמדע פערזאָנען, זאָג איך דיר, אז איך וועל עס דיר ניעמאלס פערצייען!

איך האב אבער מיין קאָפּ ניט אראָפּגעלאָזען, איך האב גוט געוואוסט, אז דיא פרעמדע ווייסען דאס איך בין גערעכט. מאדאם ראָלאנד האט זיך ניט געקענט בעהערשען און זיא האט אויסגעשריען:

— איך מוז אייך זאָגען מאדמואזעל, אז איך בין קיין דאנקבארקייט צו אייער מוטער ניט שולדיג. וואס איך קען פון איהר גערענקען, איז נור פיינדשאפט און אייפערזוכט, וואס זיא האט מיר בעוויזען. איך מוז אייך אָפען זאָגען, אז ניט אויס פריינדשאפט האט מיך אייער מוטער געהאלטען אין איהר הויז, זיא וואר דאצו געצוואונגען —

— האלט, האלט! — האב איך אויסגעשריען — אויס רעספעקט צו מיין פאָטער בעט איך אייך איהר זאָלט זיך ניט מודה זיין אויף אייער שענדליכע און פערדאָרבענע ראָלע אין דיעזען הויז!

— דאס איז נאך בעסער וויא פריהער! — האט רודאָלף געזאָגט — דאס איז א גוטער פּאטש אין איהר פרעכען געזיכט! אבער איך קען מיך פאָרשטעלען, וואס אייער פאָטער האט אויף דעם געזאָגט.

— מיין פאָטער איז אויף מאָרגען געקומען אין מיין צימער און האט צו מיר געזאגט:

— אום צו פערמיידען נאך אזא סצענע וויא דיא נעכטיגע, האב איך בעשלאָסען, דאס באלד וויא אונזער טרויער וועט זיך ענדיגען זאָל איך הייראטהען דיא מאדאם ראָלאנד. דוא וועסט זיא דאן דארפען אכטען וויא מיין געזעצליכע ווייב. צוליעב געוויסע אורזאכען איז זעהר פּראקטיש, דוא זאָלסט הייראטהען פאר מיר. דיין מוטער'ס פּריוואט פערמעגען, וועלכער בעטרעפט א מיליאָן פראנק וועט געהערען צו דיר. פון הייטיגען טאג וועל איך זעהן אויסצוקלייבען דיין חתן פון דיא פערשיעדענע שדוכים וואס מען האט מיר פאר דיר פאָרגעשלאָגען.

נאך דיעזען געשפּרעך האב איך זיך אין גאנצען אָבגעזונדערט פון מיין פאָטער. מיין לעבען איז געוואָרען איינזאם און מעלאנכאָליש, און דיא לאסט פון מיין פאָטערס הויז איז מיר געוואָרען אזוי שווער דאס איך האב אונגעדולדיג ערווארטעט מיין פאָטער זאָל מיר ברענגען דעם חתן, וועלכען ער וועט אויסקלייבען און דיעזער חתן זאָל מיך וואָס אם שנעלסטען מאכען צו זיין ווייב. מאדאם ראָלאנד האט מיך

איטער געזוכט צו ערגערען דערמיט, וואס זיא האט זיך געקליידעט און געפוצט אין מיין מוטערס טהייערסטע ארטיקלען. מיין מוטער׳ס פריוואט ביבליאָטהעק, מיין מוטערס אנטיקען, וועלכע איך האב פאר איהר געקויפט און אויף וועלכע עס וואר איהר נאָמען, האט דיעזער אויסוואורף פאר זיך גענומען.

אין א קורצער צייט נאך דיעזע אלע בעגעבענהייטען, איז מאדאם ראָלאנד געפאָהרען נאך פאריז. זיא האט דארט בעדארפט בלייבען העכסטענס אכט טאָג, אבער מיין פאָטער האט עס ניט געקענט איבערטראָגען. מיט יעדען טאָג וואָס ער איז געווען אָהן דיעזער ראָלאנד איז זיין געזונד געוואָרען שוואכער. אין א געוויסען פריה־מאָרגען, אלס איך האב איהם געפרעגט וויא ער פיהלט, איז ער גענאנגען אזוי וויט צו זאָגען:

— איך בין קראַנק, און דוא ביזט אין דעם שולדיג. איך בין זעהר צוגעבונדען צו מאדאם ראָלאנד, וועלכער דוא האסט אזוי שענדליך בעליידיגט און יעצט איז זיא אוועק פון מיר, נור צוליעב דיין אינטערעסע.

דיעזע בשורה, אז מאדאם ראָלאנד איז געפאָהרען אין מיין אינטערעסע האט מיך נאך מעהר ערשראָקען.

אין עטליכע טעג ארום איז מיין פערזאָרגערין געקומען פון פאריז. מיין פאָטער האט זיא אויפגענומען מיט דער גרעסטער פריידע. ער האט באלד נאך מיר געשיקט און אין איהר נעגענוואַרט האט ער צו מיר געזאָגט:

— איך האב דיר שוין אמאל געזאָגט פון מיין בעשלוס. דיין טרויער וועט זיך ענדיגען אין א מאָנאט פון הייטע. מאָרגען וועט אונז בעזוכען מארקיז דע הארוויל. דער מארקיז איז זעהר רייך, ער איז אים שטאנדע צו מאכען דיך גליקליך. ער האָט דיך אמאל געזעהן און ער איז אין דיר פערליעבט. אלע אנדערע פערהאנדלונגען פון שידוך זיינען געמאכט געוואָרען. עס ווענדעט זיך נור, אויב דוא וועסט איינשטימען צו הייראטהען פון הייטע אין זעקס וואָכען. אויב דוא וועסט זיך קאפריזען און דוא וועסט ענטזאגען דיעזען אויסגעצייכענטען און גליקליכען שידוך, וועל איך דיר מעהר אין זינען ניט האבען, און באלד וויא איך וועל ענדיגען מיין טרויער וועל איך הייראטהען. איך מוז דיר אויך זאָגען, אז נאך מיין חתונה קענסט דוא פערבלייבען אין מיין הויז נור דאן, ווען דוא וועסט מיר הייליג פערשפרעכען צו עהרען מ י י ן פ ר י וויא דיין מוטער!

— איך פערשטעה פאָטער, וואס דוא מיינסט! — האב איך איהם פערט — אויב איך וועל ניט הייראטהען דעם מארקיז דע הארוויל וועסט

הייראטהען דער מאדאם; אָבער קען עס אייך שאדען, ווען איך זאָל צוליב אייער בעקוועמליקייט אַוועקגעהן אין א מאָנאסטיר?

— אָה, דאָס קען אונז גאָר ניט קימערען! — האט מיין פאָטער קאַלטבליטיג געענטפערט.

דיעזער אַנטוואָרט האט מיך געמאכט שוידערן; אבער איך האב מיך בע־הערשט און האב מיין פאָטער ערצעהלט, דאָס איך האב געהערט פון דעם מאַרקיז, דאס ער וואר שוין צוויי מאָל א חתן אוןביידע שדוכים זיינען גראָדע פאַר דער חתונה אויפגעגעבען געוואָרען.

מיין פאָטער האט געענטפערט, אז ער ווייס עס אַליין, נור אויב איך האב קיין אנדער איינוועגדונג אויסער דיעזע, מעג איך זיך שוין בעטראכטען אַלס פער־הייראָטהעט צו דעם מאַרקיז, וועלכער איז א גראָטענער, רייכער יונגער מאַן און וועט מיך געוויס גליקליך מאכען.

מאדאם ראָלאַנד איז געווען גליקליך פון דיעזען שדוך. זיא איז אייגענטליך געווען דער איינציגער שדכן. זיא האָט געוואוסט דיא ריכטיגע אורזאכע ווארום דיא פריהעריגע כלות האבען זיך ענטזאגט צו הייראטהען, דעם רייכען און גראָטענעם מאַרקיז, און וויל דיא ריכטיגע אורזאכע איז געווען א שרעקליכע, דארום האט זיא געשטרעבט מיט אַלע קרעפטען צו וואַרפען מיך אין אונגליק.

— און וואס איז דיעזע שרעקליכע אורזאכע געווען? — האט רודאָלף נייגיעריג געפרעגט.

— איך וועל עס אייך ערצעהלען כסדר. מאַרקיז דע האַרוויל איז געקומען. זיינע מאַניערען, זיין פערשטאַנד און זיין אויסזעהן זיינען מיר געפעהלען געוואָרען. זיין שפּראַכע וואר זאנפט, זיין שטימונג זעהר פריינדליך, אָבוואהל מאנכעס מאָל וואר ער זעהר מעלאַנכאָליש. איך האב אין איהם בעמערקט א קאָנטראַסט, וועלכע האט מיך איבערראשט און איז מיר דאך געפעהלען געוואָרען. ער וואר רייך, גוט ערצויגען, מיט א גרויסע רעפּוטאציאָן; אבער זעהר אָפט האט ער אויסגעזעהן וויא ער וואָלט פאר זיך אַליין מורא געהאט. איך האב געהאט פיעל פערגניגען צו זעהן דעם גרויסען צוטרויען און דיא גרויסע פריינדשאפט וואס ער האט געצייגט זיין אַלטען דיענער. באַלד וויא ער איז צו אונז געקומען איז ער פערבליעבען אין זיין צימער גאנצע צוויי טעג. מיין פאָטער האט איהם געוואָלט זעהן, נור דער אַלטער דיענער האט קיינעם ניט אריינגעלאָזען מיט'ן אויסרייד, אז זיין הערר ליידעט פון גרויסע קאָפּ־שמערצען און איז ניט פעהיג צו שפּרעכען איין איינציגען וואָרט.

(Paris, 25.)

ווען דער מארקיז איז ווידער ארויס פון זיין צימער איז ער געוועזן זעהר בלאס.

ווען איך בין מיט איהם געוואָרען מעהר בעפריינדעט און מעהר פערטרויט, האב איך אין איהם ענטדעקט נייע מעלות און איך האב מיט איהם זעהר סימפּאַ־טעזירט. ער האט בעדארפט זיין גליקליך, דאך איז ער געווען מעלאנכאָליש און ווען איך האב איהם דעריבער געפרעגט, האט ער מיר ערקלעהרט, אז ער קען ניט פער־געסען זיינע עלטערן, וועלכע האבען אימער געוואונשען צו זעהן זיין צוקינפטיגע פרוי און דאס זיי וואלטען געווען דיא גליקליכסטע, ווען זיי וואלטען געלעבט מיך צו קע־נען. דער מארקיז האט מיר פערזיכט דיא טרויעריגקייט אין מיין פאָטערס הויז.

מיין פאָטער איז אויך זעהר צופריעדען געווען מיט מיין באלדיגע האָכצייט. וואס נעהענטער דער טאג פון אונזער האכצייט איז געקומען, אלץ גליקליכער האט זיך דער מארקיז געפיהלט; דאך האב איך אייניגע מאָל בעמערקט, אז ער איז זעהר טרויעריג, זעהר מעלאנכאָליש.

איין מאל האט ער מיך אזוי פיעל בעטראכט און זיינע אויגען זיינען געווען אזוי פאָל מיט טרעהרען, דאס מיר האט געשיינט, אז ער וויל מיר ענטדעקען א גרויסע געהיימנים. איך האב זיך דאמאלס ערינערט אויף דיא כלות, וואָס האבען זיך פון איהם ענטזאגט און איך האב אנגעפאנגען צו ציטערען. מיין הארץ האָט מיר געזאָגט, אז דער מארקיז איז פערבונדען מיט א געהיימנים וואס וועט מיך אונ־גליקליך מאכען אויפ'ן גאנצען לעבען; אבער דיא צרות וואס איך האב געהאט אין מיין פאָטער'ס הויז, און דער חשק צו אנטלויפען פון מאדאם ראָלאנד האבען מיך געמאכט איך זאל אלעס פערגעסען.

דיא צייט פון אונזער חתונה איז געקומען. הערצאָג פאָן לוסעני און מאָנסיו דע סאנט־רעמי זיינען געקומען אלס מיין חתנ'ס געסט פון מיין צד זיינען זעהר ווע־ניג פריינדע געלאדען געוואָרען. באלד נאך דער חתונה האבען מיר זיך בעגעבען נאך פּאריז. איך האב קיין ליעבע צו מיין מאן ניט געהאט; איך האב אבער גע־פיהלט א גרויסע אינטערעסע אין איהם און שפּעטער האב איך איהם גענומען שעצען.

גלייך נאך מיין חתונה האט מיך מיין פאטער זעהר פריינדליך ארומגענומען און געקושט. מאדאם ראָלאנד האט אויך דאָס זעלבע געטהאן. אין געגענווארט פון אלע געסט האב איך ניט געקענט אויסמיידען דיעזע פּרעבע, היפּאָקריטישע פריינדשאפט. מיט איהר טרוקענע האנד האט זיא מיין האנד געקוועטשט, ניט גע־דריקט, און האט מיט איהר האָניג־זיסען צינגעלע ארייננערעדט אין מיין אויער פאָלגענדע ווערטער, וועלכע איך וועל ניט פערגעסען ביז דער לעצטער סעקונדע פון

מיין לעבען. „אין דיין גרויסען גליק זאלסט דוא מיך ניט פערגעסען, ווייל איך האב פאר דיר אויסגעזוכט דעם חתן.“ האט זיא צו מיר געזאָגט. אבער אָה, דאָן האב איך ניט געפיהלט דעם גיפט פון דיעזע רייד.

מיר זיינען באַלד אבגעפאהרען און באַלד זיינען מיר געקומען אין פּאַריז, און זיינען אריין אין דיעזען הויז.

היער איז דיא מאַרקיזין א ווײלע שטיל געבליבען. איהר געזיכט איז געוואָרען פאָל מיט טרעהרען. זיא האט זיך געשטאַרקט און מיט אַ ציטערענדע שטימע האט זיא ווייטער גערעדט:

אָבער איהר מוזט און איהר זאָלט אלעס וויסען. יא, אלעס, זאָנסט וועל איך אין אייערע אויגען נאָך אלעס בלייבען אונגערעכט.... איך בין אריינגעפיהרט געוואָרען אין דיא צימערען וואס וואָרען פאר מיר בעשטימט און דארט האט מען מיך געלאָזט גאַנץ אליין. אין א שטונדע ארום איז דער מאַרקיז צו מיר געקומען. ניט אכטענדיג זיינע ליעבע רייד און זיין פריינדליכע בענעהמונג, בין איך דאָך געוואָרען פאָל מיט שרעק.... פלוצלונג האט מיין מאַן ארויסגעלאָזען א געשרוי און האט אנגעהאַפּט מיין ארם אזוי פעסט, דאָס מיך וואונדערט וויא אזוי ער איז ניט צובראָכען געוואָרען. איך האב זיך געוואלט אויסרייסען פון זיין האנד; איך האב געפיהלט דעם טויט פאר זיך און האב מיט טרעהרען איהם געבעטען ער זאל מיך אפּלאָזען; אבער אומזיסט. ער האט מיך זאגאר ניט געהערט. זיין געזיכט איז פערקרימט געוואָרען פון אן אונגעוועהנליכע קאָנוואולסע, זיינע אויגען זיינען ארומגעלאָפען אין זייערע גריבער נאָך שנעלער וויא א בליץ; זיין מויל האט זיך פערקרימט און בלוטיגער שוים האט געפלייצט, זיין גאַנצער קערפּער האט געציטערט; אבער זיינע הענד האבען נאָך אלץ געהאלטען מיין ארם. ענדליך האט ער גענומען וואנקען און האט מיך פרייגעלאָזט. ער איז געפאלען צו דער ערד און האט זיך געצאַפּעלט, האט זיך געשליידערט, האט געצוקט מיט יעדעס גליעד און האט געזיפצט און געקרעכצט פון גרויסע וועהטאָגען. איך בין געשטאַנען וויא געלעהמט, האב זיך געטרייסעלט וויא א בלאַט און האב ניט געוואוסט וואס דאס איז! — דאס איז געוועזען מיין האכצייט! דאס איז געוועזען דיא ראַכע פון מאַדאַם ראָלאַנד!

— אונגליקליכע פרוי! — האט רודאָלף געזאָגט אין א טאָן פון דער טיפסטער סימפּאַטיע — איך פערשטעה יעצט אלעס. אייער מאַן האָט דיא „שלעכטע קראַנקהייט.“ אָה, דאס איז ווירקליך שוידערהאַפט!

— דאס איז נאָך ניט אלעס, — האט קלעמענס געזאָגט מיט אַ ציטערענדען קול.

יענע אונגליקליכע נאכט, זאל אויף אייביג זיין פערשאָלטען. מיין טאכטער, מיין אונשולדיג קינד, האט נעירש׳נט דיעזע קראנקהייט!

— אייער טאכטער? איז דאָס דיא אורזאכע פון איהר שוואכקייט, איהר בלאַסקייט?

— יא. דיא ערצטע זאגען, אז מען קען זיא ניט היילען!

מארקיזין דע הארוויל האט פערדעקט איהר געזיכט מיטביידע הענד און האט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. רודאָלף האט ניט געקענט ארויסלאָזען איין איינ־ציגען ווארט.

— יעצט פערשטעה איך, — האט רודאָלף אנגעפאנגען צו רעדען אום אויפ־צו־וועקען דער מארקיזין פון איהר מעלאנכאָלי — יעצט פערשטעה איך ווארום דער מארקיז איז אימער אזוי טרויעריג און אזוי מאגער!

— זייט מיר אבער מודה, קעניגליכע האהייט, אז מיין מאן איז בעגאנגען א גרויסען פערברעכען דערמיט וואָס ער האט מיך געהייראטהעט און האט נאך גע־בראכט אן אונשולדיגעס קראנקעס קינד אויף דער וועלט!

— איך בין אונפארטייהיש זאגאר צו מיי בעסטען פריינד וויא דער מארקיז. איך אנערקען זיין פערברעכען, אבער דיא שולד פון דער פערדארבענער ראָלאנד איז טויזענד מאל גרעסער; דען זיא האט איהם געבראכט צו אייך און זיא האט איהם אנגערעדט ער זאָל מיט אייך הייראטהען אום צו נעהמען פון אייך ראכע. — דאָך מארקיזין, אָבוואהל איהר זייט גערעכט געגען אייער מאן, וועלכער האט אייך אויף אייביג אונגליקליך געמאכט, דאָך דארפט איהר אויף איהם מיטלייד האבען. ער איז דאָך א געפלאגטער און א קראנקער. דער טויט ליעגט אימער אין זיין בוזים און אלע פּלאגען וואס דיא העלע קען אין זיך האבען זיינען פעראייניגט מיט דיעזער שרעקליכער קראנקהייט. איהר דארפט איהם פערצייהען זיין פערברעכען, און איהר מוזט זיך ערבארמען איבער איהם.

— אָה, קעניגליכע האָהייט! ווען איהר וואלט זיך געקענט פאָרשטעלען דיא שרעקליכע סצענע, ווען דער מלך־המות נעהמט איהם פארן אקסעל און טרייסעלט איהם און שליידערט איהם אויפ׳ן באָדען; זיינע אויגען ווערען פארגלאָצט, זיין גע־זיכט פערקרימט, און מיט בעס און פערצווייפלונג בריקעט ער מיט דיא פיס, שלייד־דערט מיט דיא הענד; ער הערט ניט, ער זעהט ניט און פיהלט ניט. און נאכדעם וויא ריעזער אנפאל געהט פאָראיבער שטעהט ער אויף צומישט און צוטומעלט און ווייס ניט אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך....

יעדעס מאל ווען מיין אונשולדיגעס קינד בעקומט דיעזען אנפאל צוליב איהר

אונגעלומפערטען פאטער, דאן פערליער איך מיין געדולד און איך שילט איהר פאַ־טער, ווארום ער האט געבראכט אזא אונגליקליכעס קינד אויף דער וועלט! דאך ווען מיין קינד קומט צו זיך, זיא ווערט עטוואס בעסער, דאן געהט אָפּ מיין כעס פון איהר פאטער און איך פאנג אן צו פיהלען א מיטלייד מיט מיין מאן.

אבער האב איך צוליעב דעם געהייראטהעט? האט מען מיך צוליעב דעם פערבונדען מיט אזא קראנקען אום איך זאל אימער שוועבען צווישען שרעק, כעס און מיטלייד? בין איך צוליעב דעם געווארען א מוטער אום איך זאל גאנצע נעכט וואכען איבער מיין קינד, וועלכע געהט אוים וויא א ליכט? און נאך דיעזע אלע שמערצען שיט מען מיר זאלץ אויף דיא וואונדען און מען זאָגט מיר, אז איך בין א גליקליכע, איך לעב אין נחת, אין רייכטהום און אין כבוד! אָה, איך בין וויא א ברענענדער בארג, וואס זעהט אוים פון וויטען וויא א גאָרטען מיט אלערליי שעהנע בלומען, אבער קוים קומט מען צו נאָהענט, אזוי זעהט מען, אז עס איז נור פייער און פלאם!

— אמת, מיין גוטע ליידענדע זעעלע. אבער צו יעדען וועהטאג גיעבט עס א הילפע. אייער לאגע איז זעהר טרויעריג, דאך ווען איהר זאלט ווידמענען אייער צייט צו צדקה, צו וואָהלטהאט, זוכען דיא ארמע אום צו העלפען, זוכען דעם קראנקען אום צו טרייסטען, זוכען דעם געפאנגענעם אום איהם צו בעפרייען, וועט איהר פערברענ־גען אייער צייט אין צופריעדענהייט און אין דעם פערגניגען, דאָס אייער לעבען ברענגט דאָך גוטעס. ווען ניט פאַר זיך, וועט עס זיין פאַר'ן צווייטען. ווען איהר וועט זיך ווידמענען פיר וואָהלטהאַט, דאן וועט איהר אויפהערען צו האסען אייער אונגליקליכען מאן. דאס וועט זיין אייער טרייסט. איך פון מיין זייט קען פאר אייך אויך עטוואס טהאן. איך וועל אייך שיקען א דאָקטאָר, וועלכער איז איינער פון דיא בעסטע אין זיין פאך. אין אמעריקא האט ער אייניגע מענשען אויך געהיילט פון דיעזער קראנקהייט, מעגליך, אז איהם וועט אויך געלינגען צו רעטען אייער מאן און אייער קינד...

— און וויא רופט מען דיעזען דאָקטאָר?

— זיין נאָמען איז דוד. ער איז א נעגער; אבער א י י ן ספּעציאַליסט.

— אָה, קעניגליכע האהייט! אייער עצה איז וויא א באַלזאם אויף מיין זעעלע און דיא האָפנונג אויף אייער דאָקטאָר גיט מיר נייע קרעפטען. ניט אימזיסט האב איך אייך געשריעבען, אז אויב איהר וועט מיך היינט בעזוכען וועט איהר ענדיגען דעם היינטיגען טאָג מיט אזעלכע וואָלטהאטען וויא איהר האט אנגעפאנגען.

— לעבט וואהל מארקיזין! — האט רודאָלף געזאָגט און האט זיך אויפגע־שטעלט פון שטוהל — יעצט וועל איך פאהרען, אין דריי טעג ארום וועל איך אייך

וויעדער בעזוכען און מיר וועלען זיך בעראטהען וועגען אייער נייע קאריערע אלס וואָלטהעטיגע פרוי. לעבט וואהל!

רודאלף האט זיך געזעגענט און איז באלד אבגעפאָהרען צוריק נאך הויזע.

37טעם קאפיטעל.

א ר מ ו ט ה.

דער לעזער האט וואהרשיינליך ניט פערגעסען דעם ארמען ארבייטער מיט'ן נאמען מאָרעל, וועלכער וואוינט אין דאך־שטיבעל אין טעמפעל שטראסע.

עס איז פינף אוהר אין דער פריה, אין גאס הערשט א טויטע שטילקייט, שנעע פאלט אין מאסען און א קאלטער ווינד טרייבט דעם שנעע מיט מאכט. א ליכט, צונעשמאָלצען צו א שטיקעל האלץ בעלייכט אביסעל דיא נעדיכטע פינסטערנעס פון דעם דאך־שטיבעל, וועלכע זעהט אויס וויא א שטייג פאר היהנער, ניט קיין וואוי־נונג פאר מענשען. דיא שטיבעלע איז קליין און דער גרעסטער טהייל פון דיעזען לאָך איז פערלאָרען צו ליעב דעם וואס דער דאך געהט־קרום באָרג־אראפּ אויף דער פּאָדלאָגע (פלאָר). דיא וועגט זיינען נאס און צולעכערט, דער פלאָר איז פון צופוילטע ברעטער און דער דאך זעהט זיך דורך וויא א זיפּ. דיא טהיר צו דיעזען דאך־שטוב עפענט זיך וויא א דעק פון א קאסטען. אונטער'ן טהיר איז דער לייטער וואס דיענט אלס טרעפּ צו דיעזען דאך־שטוב: איבער'ן פלאָר וואלגערען זיך א פּאאר בינדליך שטרוי, עטליכע גרויסע ביינער, אביסעל שמאטעס, און א צוויי אדער דריי שערבליך — דאס איז דיא הויזווירטהשאפט און דער פערמעגען פון דיעזען שטוב.

דאס בילד, וואס דיעזעס לאָך שטעלט פאר איז דאס בילד פון ארמוטא און נויטה. דאָך אויפן טישעל וואו דאס ליכט איז געשטאנען זיינען געלעגען צעהנד־ליגע גרויסע בריליאנטען און דיאמאנטען, וועלכע האבען געוואָרפען איבער'ן טיש א טויזענד פאבינע ליכטינקייט, וועלכע קומען נור פון דיא טהייערסט שטיינער אין דער וועלט.

מארעל האט געשליפען דיא אמתיע גוטע שטיינער, ניט דיא פאלשע, וויא ער האט פאר יעדען אין זיין הויז דערצעהלט און וויא אלע איינוואוינער פון דער גאס האבען געגלויבט. ער האט יעדען געזאָגט, אז דאָס זיינען פאלשע שטיינער, אום מען זאל ניט בעקומען אפּעטיט זיי צו גנב'נען אדער רויבען. דער לעזער אבער קען פערשטעהן, וויא ווייט עהרליך און פערטרויענס־ווערטה דיעזער ארמער ארבייטער איז געווען, דאָס זיינע ברויט־געבער האבען איהם געטרויט צו נעהמען נאך הויזע אזעלכע אוצרות אין דער צייט ווען זיין פאמיליע שטאַרבט פון הונגער.

דער עהרליכער מאָרעל זיצט יעצט אויף א צובראָכענעם בענקעל צוגעשפּארט

צום טיעשעל, און פון קעלט, פון אונמוטה, פון מיעדיגקייט און פון שלאפלאָזע נעכט האט ער אראפגעלאָזען זיין קאָפּ און דרעמעלט. זיין שטערן ליעגט אויף א קליינעם שלייף־שטיין אויף וועלכען ער שלייפט זיינע אינסטרומענטען און ביי זיין רעכטע האנד ליעגען פערשיעדענע ווערק־צייג, שערען, מעסערס, פיילען און זעגעליך. דער ארביי־טער איז אנגעטהאָן אין א צוריסענעם רעקעל און א פּאאר דיענע צוריסענע הויזען. זיינע בלאָע קאַלטע פיס שטעקען אין א פּאאר צוריסענע שיך. אין שטוב איז אזוי קאלט און דער ווינד בלאזט אהין אריין מיט אזא מאכט, דאס דער שלאָפענדער טרייסעלט זיך וויא א בלאט. דער גרויסער אבגעברענטער קנויט פון ליכט און דיא אנגעשמאָל־צענע חלב אויפ'ן טיש בעווייזט, אז מאָרעל שלאָפט שוין זייט א היבשע ווייַלע.

מאָרעל ליעגט און דרעמעלט אבער אויסער איהם געפינען זיך נאך זיעבען נפשית אין דיעזען שטייג און דיעזע נפשות שלאָפען ניט. יא, אין דיעזען אונמענש־ליכען וואוינונג געפינען זיך אכט נפשות. פינף פון זיי זיינען קינדער, דיא עלטסטע איז 12 יאהר און דיא אינגסטע 4 יאהר; זייער קראַנקע, אבגעצערטע מוטער, דער מיעדער פאטער און זיין אכציג־יאהריגע שוויגער, וועלכע איז משוגע פון הונגער און קעלט. דיא קעלט אין גאס מוז זיין זעהר שרעקליך, דען דער אטהעם פון אכט נפשות אין אזא קליינעם צימער מוז אנפילען דיא לופט מיט אן אונערטרעגליכע היץ, און דאך איז אין שטוב נעווען זעהר קאַלט.

אויסער דעם פאטער, וועלכער איז איינגעשלאָפען פון גרויס מידקייט האט קיינער אין הויז ניט געשלאָפען. קיינער, וויל קעלט, הונגער און קראַנקהייט האט אויפגעריסען זייערע ברעמען און האט ניט געלאָזען צומאכען מיט אן אויג.

דיא רייכע וועלט ווייס זעהר ווענינ וויא טהייער דער שלאָף איז פאר'ן ארמען ארבייטער, דער שלאָף אין וועלכען מען פערגעסט דיא זארגען און מען קלייבט צו־זאמען נייע קרעפטען צום ארבייטען. אבער אום רוהיג צו שלאָפען מוז מען פון הויז פעריאָגען דיא מחבלים, וועלכע מען רופט: הונגער, קעלט און קראַנקהייט.

אין א צווייטען ווינקעל, ניט ווייט פון ארבייטס טיש ליגט מאָרעלס שוויגער־מוטער, אונטער איהר זייט ליגט אביסעל שטרוי און איהר קערפּער איז בעדעקט מיט אן אלטען זאק, וועלכער וועט באלד צופאַלען פון אלטקייט. ניט ווייט פון דער משוגענער באָבע אויף א צווייטע ביסעל שטרוי ליעגען דיא פינף קליינע קינדער. זייערע מאָגערע געזיכטער זיינען פערצויגען מיט א געלע הויט און איבער זייערע אויגען רוהט דער טויט. זייערע קערפּער האָבען נור הויט און אויסגעדאַרטע ביינער. זייערע גליעדער ציטערען און טרייסלען פון קעלט און הונגער.

ניט ווייט פון דיזע זעקס לעבעדיגע מתים איז געלעגען דיא מוטער פון דיעזע

קינדער און האט זיך געקייקעלט און געשליידערט איבער א פּאאר שמאטעס. איהר נאנצער קערפּער האט געפיבערט און יעדעס גליעד אין איהר קערפּער האט וועהגעטהאן. ארום איהרע אויגען האט זיך פערצויגען א בלאָע הויט, איהרע באקען זיינען פריה־צייטיג איינגעפאלען און דיא פארב פון איהר געזיכט איז שווארץ וויא דיא ערד. איהרע ליפּען זיינען וויים און צושפּאלטען ביז בלוט האט פון זיי געטריפט.

א טויטע שטילקייט הערשט אין דיעזען דאך־שטיבעלע, קיינער רעדט ניט א ווארט, קיינער לאזט ניט ארוים א קרעכץ, אום מען זאל ניט אויפוועקען דעם ארמען פאטער, וועלכער דרעמעלט א ווייליע פון גרוים מידקייט. דיא קראנקע מוטער ליגט מיט שטארע אויגען און בעטראכט איהרע קינדער; דיא משוגענע אלטע באָבע ליגט שטום וויא א ווילדע טיהר און איהרע פייערדיגע אויגען לויפען ארום איבער'ן שטיבעל, וויא דיא אויגען פון א הונגעריגען וואָלף. אבער פּלוצלינג האט זיך דיא משוגענע געזעצט אויף איהר ביסעל שטרוי און האט אנגעשטעלט איהרע ווילדע אויגען אויפ'ן טיעשעל וואו דיא ליכט און דיא טהייערע שטיינער האבען געבלישצעט. זיא האט א ווייליע געקוקט. דאן האט זיא זיך גאנץ לאנגזאם געשטעלט אויף דיא שוואכע פים, איהר קאָפּ האט זיך געוויגט וויא א שווערער זאנג אויף א דינעם, טרוקענעם שטרוי; איהר אונטערשטע ליפּ האט זיך אויסגעצויגען און האט זיך געטרייסעלט וויא א בלאט אין שטורם; איהר בלאסע און פירכטערליכע געזיכט האט זיך געקרימט און געקנייטשט אין אלערליי שרעקליכע גרימאסען. וויא א גנב האט זיך דיעזע משוגענע געשארט און גערוקט צום טיעש, ביז זיא איז געקומען צו דיא טהייערע שטיינער. גאנץ לאנגזאם האט זיא אויפגעהויבען איהר מאגערע האנד און האט געהאלטען דיא לאנגע דארע פינגער ביי'ן פייער אום זיך אביסעל צו ווארמען. זיא האט אין גאנצען פערגעסען אז פייער איז היים און האט אריינגעלייגט איהרע פינגער אין פלאם. דיא פינגער האבען א ברען געטהאן און דיא משוגענע האט ארויסגעלאָזען אזא גוואלד און אזא ברומערייי, דאס אלע זיינען אויפגעשפרונגען. מאָרעל האט זיך אויך אויפגעכאפּט.

— וואס איז אייך געשעהן מוטער? וואס זוכט איהר דא מוטער? — האט מאָרעל אין א שטילען טאן דער משוגענער געפרעגט — געהט צו בעט, מוטער, מאכט קיין לארם, לאָזט שלאָפען אייער קראנקע טאכטער און אייערע הונגעריגע עניקלעד.

— איך שלאָף נאך ניט, פאטער! איך וויל אנווארמען דיא קליינע שוועסטעריל! — האט דיא עלטסטע פון דיא קינדער געזאָגט.

— איך בין הונגעריג און איך קען ניט שלאָפען. איך האב נעכטען ניט גע־קענט עסען ביי מאדמאזעל דיפעלטאַן, — האט זיך איין אינגעל אפגערופען.

— ארמע קינדער! — האט מאַרעל מיט א זיפץ געזאָגט — איך האב געמיינט, אז איהר שלאָפט.

— איך האב דיך ניט געוואלט וועקען, ליעבער מאַרעל, — האט זיין ווייב גע־זאָגט — איך האב געוואלט בעטען אביסעל וואסער. מיין פיבער איז מיר ווידער בעפאלען, איך בין שרעקליך דירסטיג.

— גלייך וועל איך עס דיר געבען, — האט דער אונגליקליכער ארבייטער גע־ענטפערט — אבער צו ערשט מוז איך זעהן דיין מוטער זאל געהן אויף איהר פלאַץ.

— ריהר ניט דיא שטיינער! — האט ער געזאגט צו דער אלטער משוגענער, וועלכע האט געוואלט חאפען א גרויסען שטיין — געה שלאָפען, מוטער! — האט ער זיך ביי איהר געבעטען.

— זעה נור זעה! — האט דיא משוגענע געשריען, ווייזענדיג מיטן פינגער אויפ'ן גרעסטען שטיין.

— איך וועל זיך בייזערען, ווען איהר וועט א שטיין בעריהרען! — האט ער געזאָגט אום אנצושרעקען דער פערריקטער פרוי, וועלכע האט זיך אלץ געשאַרט צום גרויסען בריליאַנט.

— ערבאַרמונג מאַרעל, איך ווער פערברענט פון דורסט! — האט זיין פרוי געמורמעלט — איך בעט דיך, גיב מיר אביסעל וואסער.

— וואס ווילסט דוא פון מיר? איך קען ניט לאָזען דיין מוטער זיא זאל אי־בערפיהרען א צווייטען שטיין, וויא זיא האט געטהאן לעצטען יאהר. איין נאָט וויים, וויעפיעל מיר האבען פון דיעזען שטיין געליטען און וויעפיעל מיר וועלען נאך דאַבען צו ליידען!

ועהרענד ער האט דיעזעס געזאָגט האט ער צוגעלעגט זיין האנד צום שטערן גלייך וויא ער וואלט דארט געפיהלט א גרויסען וואָלקען. דאן האט ער זיך געווענ־דעט צו זיינע קינדער און האט געזאָגט:

— פעליקס, גיב דיין מוטער אביסעל וואסער. דוא שלאָפסט דאך ניט.

— ניין, ניין, איך וויל ניט זיין וואסער. ער וועט זיך פערקיהלען, — האט דיא קראַנקע מוטער געזאָגט.

— מיר וועט ניט זיין קעלטער בייין וואסער וויא ציך דיא שטרוי! — האט פעליקס געענטפערט און האט זיך געשטעלט.

— ווילט איהר ניט געהן שלאָפען! — האט מאָרעל מיט כעס געשריען אויף דער משוגענער וועלכע האט זיך געריסען צו דיא דיאמענטען.

— מוטער, דאָס וואסער איז געפראָרען! — האט פעליקס געשריען.

— ברעך אויף דעם אייז, — האט דיא מוטער געזאגט.

— דער אייז איז צו דיק; איך קען ניט.

— מאָרעל איך בעט דיך ברעך אויף דעם אייז, — האט זיין קראנקע ווייב, מאדעליין, כמעט וויינענדיג געבעטען — אין הויז איז קיין אנדער זאך ניטאָ. גיב מיר האָטש א טראָפּען וואסער, דוא ווילסט דאך ניט איך זאָל שטארבען פון דורסט.

— אהה, מיין גאָט, שענק מיר אביסעל געדולד! וואָס פערלאנגסט דוא פון מיר, איך קען דיין מוטער ניט לאָזען אליין! — האט מאָרעל מיט פערצווייפלונג גע־שריען. ער האט אין אמת'ן ניט געקענט אפּטרעטען פון דער אידיאָטקע, וועלכע האט זיך געריסען נור צו דיא דיאמאנטען.

— רוף דוא זיא צו זיך, — האט מאָרעל צו זיין ווייב געזאָגט — זיא וועט דיך אפשר פאָלגען.

— מוטער קום אין בעט. ווען דיא וועסט זיין א גוטע וועל איך דיר געבען א ביסעל קאפע, וועלכע דיא ליעבסט אזוי שטארק.

— זעה נור זעה! — האט דיא משוגענע געשריען און האט זיך געריסען צו דיא טהייערע שטיינער.

מאָרעל האט זיא געוואלט צוריקשטויסען; אבער אומזאָנסט.

— גרויסער גאָט! דוא ווייסט דאך אבער, אז וואו מען שרעקט זיא ניט מיט א בייטש וועט זיא ניט פאָלגען! — האט דיא קראנקע מאדעליין געזאָגט וויינענדיג.

— איך מוז דאס טהאָן; אבער אבוואָל זיא איז משוגע שניידעט מיר אין האר־צען צו שרעקען אן אלטע פרוי מיט א בייטש, — האט מאָרעל געענטפערט, דאן האָט ער זיך געווענדעט צו דער משוגענער און האט געשריען:

— געה שלאָפען זאָג איך דיר, ווען ניט נעהם איך דעם בייטש. שנעל שלאָ־פען, זאָנסט נעהם איך דעם בייטש.

הערענדיג וועגען דעם בייטש האט דיא משוגענע פערקריצט דיא צייהן, צו־גלאָצט דיא אויגען און האט זיך א לאָז געטהאן צו איהר געלעגער און האט זיך גע־שליידערט אויפ'ן שטרוי. זיא האט אבער געמאכט אזעלכע קולות און האט גענומען קוויטשען און האווקען מיט אזא ווילדען קול, דאס דיא קינדער האבען געמיינט, אז זייער פאָטער שלאָגט זייער אלטע באָבע און זיי האבען זיך אלע אויפגעחאפט מיט א געוויין:

— אָה, פאטער, שלאָג ניט דער גראָסמוטער! פאטער האָב רחמנות, שלאָג זיא ניט.

עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען דיעזע ריהרענדע סצענע פון געמאכטע קולות. דיא קינדער האבען זיך צרוויינט פאר זייער גראָסמוטער, דיא גראָסמוטער האט גע־בולען וויא א הונד, געמאכט וויא א קאץ און געברומט וויא א געקווילעטער אָקס, און דיא קראנקע פרוי האט געקרעכצט און געזיפצט פון פיבער און שמערצען.

מאָרעל איז שוין געוואוינט געווען צו אזעלכע סצענען, נור דיעזען מאל איז שוין דיא מאָס פון זיינע צרות אריבער אלע גרענעצען און פון גרויס וועהטאָג האט ער זיך צושריען:

— ליעבער גאט! וויא לאנג נאך וועסט דוא מיך פלאָגען? ווארום שיקסט דו מיר ניט דיין טויט און בעפרייסט מיך ניט פון אזעלכע צרות! צו מיין גרויסען אונגליק האב איך נאך דער משוגענער שוויגער אויף מיין קאָפּ!

— בין איך דען שולדיג, אז מיין אלטע מוטער איז פון הונגער משוגע געוואָ־רען? — האט מאדעליין גענטפערט מיט א יאמערדיגען קול.

— אבער וואָס בין איך שולדיג? ווארום זאל איך פון אייך אלעמען ליידען? וואס איז מיין גאנצעס לעבען? איך בין א שקלאַף וואס ארבייט פון אייערטוועגען וויא טאג אזוי נאכט. איך בעקלאָג זיך קיין מאל ניט אויף דעם, ווייל דאס איז מיין שיקזאל! אבער מיין געדולד האט געפלאצט פון אזעלכע צרות וואס קיין מענש אויף דער וועלט וויים פון זיי! ארמוטה, הונגער, קעלט, קראנקהייט — דאס אלעס מוז איך איינער אליין אויסשטעהן! דיעזעס שיינט נאָך צו זיין וועניג, האב איך נאָך א משוגענע שווינער, וועלכע איך מוז היטען, זיא זאל מיך אין גאנצען ניט אונ־גליקליך מאכען!

— וואס קען איך טהאָן, ווען דיא פאָרשטעהער פון דיא האָספיטאלען ווילען מיין מוטער ניט צונעהמען, און וואס קען דיר העלפען ווען דוא וועסט שרייען איבער זאכען וואָס קיינער האט קיין שולד? — האט דיא קראנקע פרוי מיט איהרע לעצטע קרעפטען געפרעגט.

— איך וויים, אז איך קען זיך ניט העלפען; אבער איך האב שוין מעהר קיין כח! פון אלע זייטען איז דער אונגליק גרויס, איך רעד פון פערצווייפלונג —

— אבער גיב מיר אביסעל וואסער! — האט מאדעליין געבעטען — דער דורסט פערברענט מיך, דער פיבער פלאקערט, גיב אביסעל וואסער!

מאָרעל האט גענומען א קרינעל, איז צוגעגאנגען צום וואסער, האט אויפגע־בראָכען דעם אייז און האט געבראכט עטליכע טראָפּען צו זיין ווייב; אבער קוים

האט דיא קראַנקע אויסגעשטרעקט איהר דאַרע האַנד אַזוי האט ער מורא געהאַט און האט געזאָגט:

— דאס וואַסער איז זעהר קאַלט, איך האָב מורא עס וועט דיר שאַדען, דוא האסט פיבער—

— אויב דאס וועט מיר שאַדען, בעט איך דיך דוא זאָלסט מיר גלייך געבען דאס וואַסער. איך וועל שטאַרבען און דוא וועסט באַלד בעפרייט ווערען פון א קראַנקע ווייב.

— וועה איז מיר,—האט מאַרעל געזיפצט. פערגרעסער ניט מיינע צרות מיט אַזעלכע שניידענדע ווערטער!—איך האָב אַליין ניט געוואוסט וואס איך רעד, איך האָב מורא געהאַט איך זאָל אַליין ניט אַראָפּ פון זינען. בין איך דען בעשאַפען געוואָרען פון שטיין, אדער איז מיין הערץ געגאָסען פון אייזען? יעדען אויגענבליק ציטער איך מיך זאָל ניט בעפאַלען א משוגעת וויא דער שווינגער און דאַן וועט איהר פערלירען דעם לעצטען שטיקעל ברויט וואס איך קען פאַר אייך שאַפען. וויסען זאָלסט דוא, מאַדעליין, אַז איך לעב נור פון אייערטוועגען. ווען איך וואָלט אייך ניט געהאַט וואָלט איך זיך שוין לאַנג געשליידערט אין טייך.

— איך וויים וויא אונגערעכטיג איך בין געגען דיר!—האט מאַדעליין מיט דיא לעצטע קרעפטען געענטפערט—פערציהע מיר מיינע נאַררישע רייד.... אָה, מיין יונג איז צוגעקלעפּט צום גומען, אָה, ערבאַרעם זיך, גיב מיר אביסעל וואַסער!

— איך האָב אָנגעוואַרעמט דאָס וואַסער מיט מיינע הענד,—האט מאַרעל געזאָגט—נא טרינק, אבער זעהר לאַנגזאַם, עס קען דיר נאָך שאַדען.

— איך דאַנק דיר,—האט דיא קראַנקע געענטפערט און האט אַראָפּגעשלונגען דאס גאַנצע וואַסער מיט איין זופּ.

— וועה, וועה,—האט זיא באַלד אָנגעפאַנגען צו קרעכצען—יעצט איז מיר נאָך קעלטער וויא פריהער. איך בין געוואָרען וויא א שטיק אייז, איך קען ניט ריהרען מיט קיין האַנד און קיין פוס.

מאַרעל האט אַראָפּגענומען זיין צוריסענעם רעקעל פון זיך און האָט איינגעדעקט זיין קראַנקער ווייב. ער אַליין איז געבליבען נאַקעט, וויא דיא מוטער האט איהם געהאַט, ווייל אונטערן רעקעל האט ער זאָגאַר קיין העמד ניט געהאַט.

— וואס האסט דוא, מאַרעל, געטהאַן? דוא וועסט זיך דאָך פערקיהלען!

— פאָרלויפיג איז מיר ניט קאַלט. שפּעטער א ווײלע וועל איך דעם רעקעל צוריק אנציהען.

— דוא האסט דעכט, מאַרעל, איך וויים ווירקליך ניט ווארום קומט אונז צו ליידען אזעלכע יסורים וועהרענד אנדערע — —

— יעדער איינער האט יסורים. דעם רייכען איז אויך ניט גוט.

— יא, זייערע יסורים זיינען גאנץ אנדערע. זיי ווייסען ניט וואס הונגער בע־דייט, וואס פאר א ביטערקייט עס איז ווען עס איז קאלט. אָה, מאַרעל, ווען איך עראינער זיך, אז פאר איין שטיינדעל, וועלכען דוא שלייפסט, וואלטען מיר אלע געקענט רעטען אונזער לעבען; דאן שוידערט עס מיך גענען דער אונגערעכטער וועלט...

— און וואָס פאר א נוצען ברענגט זיי אזא שטיין? — האט מאַרעל געפרעגט קוועטשענדיג מיט דיא פּלייצעס.

— ווען מיר זאלען אזעלכע פראגען שטעלען, קענען מיר געהן נאך א סך ווייטער. מיר קענענען פרעגען אויף א סך זאכען וואס פאר א נוצען האבען זיי דערפון? מיר קענען אויך פרעגען, וואצו האט דער קאָמאנדיר בעדאַרפט דינגען און אויספּוצען דעם ערשטען עטאזש, ווען ער קומט אהין קיין מאָל ניט אריין? וואָצו דאַרף ער דיא גוטע מעבעל ווען ער אליין וואוינט גאר אין אן אנדער אָרט? הונדערט אזעלכע ארמע לייט וויא מיר, האבען געקענט האבען בעטען צו שלאָפען און טישען צום עסען פאר דיא עט־ליכע שטוהלען וואס שטעהן גאנץ אומזיסט אין זיין עטאזש. יעדען טאג ווערט דארט געהייצט גאנץ אומזיסט, וועהרענד מיר מיט אונזער קינדער דארפען שטארבען פון קעלט?!

— זעהסט דוא, מאַרעל, אז דארט וואו דיא מעבעל שטעהט ווערט געווארמט, אבער מיר קבצנים זיינען גאָר קיין מעבעל, מיר קענען פריהרען! אָה דיא רייכע! דיעזע הארטע שלעכטע נגידים!

— זיי זיינען ניט בעסער פאר קיינעם, מאדעליין, — האט מאַרעל געענטפערט. דיא רייכע זעהן ניט און ווייסען ניט וואס אָרימקייט איז. זיי ווערען געבאָרען אין הייבעלעך און שטארבען גליקליכע און וויא זא קענען זיי דענקען פון אזעלכע ארמע שנאָרער וויא מיר זיינען! איך בעהויפטע, אז דער רייכער קען זיך גאר ניט פאָר־שטעלען, דאס אזעלכע ארמע לייטע וויא מיר גיעבען אין דער וועלט. וויא קענען זיי ווייסען א זאך פון וואס זיי האבען קיין בעגריף. ווען זיי זיינען אמאל זעהר הונ־געריג זיינען זיי דאן ערשט גוט צופריעדען, וויל דאן קענען זיי עסען מיט אפּעטיט. ווען עס איז קאלט איז פאר זיי נאך בעסער, דען דאן זאגען זיי, אָה וויא געשמאק, וויא טרוקען דער פראסט מאכט דיא לופט. אין א גוטען פראָסט קענען זיי שפּאצירען און נאָכדעם זעצען זיי זיך ארום א גרויסען פייער און פערברענגען א פריילּיכען אבענד

זיי קענען דארום קיין ערבארמונג פיהלען פאר אונז, וויל פראָסט און הונגער איז ביי זיי גאָר א נחת. ווען מיר וואלטען געווען אויף זייער ארט, וואלטען מיר אויך ניט געוואוסט וואס ארימקייט בעדייטעד.

— ארמע מענשען זיינען אין דיעזער הינזיכט בעסער פון דיא רייכע. זיי העל־פען איינע דיא אנדערע, — האט מאדעליין געזאָגט — דיא ארמע ארבייטערין, פריי־ליין דיפּעלטאָן, וועלכע האט אונז אזוי פיעל מאל געהאָלפען און געסטערען גענומען צוויי פון אונזערע קינדער צו איהר אבענדס מאהל־צייט. זיא האט אליין אויך ניט געהאט פיעל צו עסען, דאָך האט זיא זיך געטהיילט דעם ביסען מיט אונזערע קינ־דער. אין איהרע יאהרען איז דער אפּעטיט זעהר גוט און זיא האט דארום געמוזט גוט הונגערען צוליעב אונזערע קינדער.

— ארמעס קינד, זיא איז ווירקליך זעהר גוט! און ווארום? וויל זיא אליין האט פערזוכט וואס ארימקייט איז. איך זאג אימער, דאס ווען דיא רייכע וואלטען געוואוסט פון דעם ארימאַנ׳ס לעבען —

— נו, וואס וואָלט דאַן געווען? — האט דיא קראנקע געפרעגט — אט איז געסטערען ביי אונז געווען א רייכע פרוי און האט געפרעגט וואס אונז פעהלט. אויף איהר געזיכט האט געשיינט, אז זיא איז שטארק גערירט פון אונזער לאגע, און דאָך איז זיא מעהר צו אונז ניט געקומען.

— איך האָף נאָך, אז זיא וועט צו אונז קומען, איהר געזיכט זעהט אויס זעהר פריינדליך און זעהר מילד, — האט מאַרעל זיין ווייב פערזיכערט.

— ביי דיר זיינען דאָך אלע רייכע גוטע און בראווע מענשען. דוא רעכענסט, אז דיא רייכע זיינען גאָר פון אן אנדער פלייש און בלוט.

— ניין, ניין, דאס זאג איך ניט, — האט מאַרעל געענטפערט — איך זאג פער־קעהרט, דיא רייכע האבען זייערע חסרונות. נור איך זאג, אז זיי וויסען גאָר ניט פון דער ארימקייט וואס עקסיסטירט אונטער דער ארבייטער קלאַסע. דער הויפּט אונגליק איז, וואס מיר האבען א סך אנגעדונגענע מענשען וואס זאָלען זוכען דיא פערברעכער, אבער מיר האבען קיין איינציגען מאן וואס זאָל אויספאָרשטען דיא לאגע פון עהרליכען ארבייטער, וועלכע זיינען בעלעסטיגט מיט גרויסע פאַמיליען, מיט שרעק־ליכע צרות און וועלכע זיינען געצוואונגען צו בעגעהן א פערברעכען אום צו ערהאל־טען דאס לעבען פון זייערע קינדער. עס איז זעהר גוט צו בעשטראפען א פערברע־כער, אבער נאָך בעסער איז מען זאָל זעהן אבצושאפען דיא אורזאכען וואס פיהרען צו פערברעכען. א מענש קען בלייבען עהרליך גאנצע פונפציג יאהר פון זיין לעבען, אבער אם ענדע פון זיינע יאהרען פאלט ער אריין אין אזא ארמוטה און הונגער, דאס

ער בענעהט א גנבה, און דאן חאפט מען איהם גלייך. דיא גאנצע צייט וואס ער האט ניט געגנב'ט האט קיינער פון איהם ניט געוואוס. אבער וואס נוצט אונז דיא פהילאָ־זאָפי, וויא פיהלסט דוא יעצט, מיין ווייב?

— איינס און דיעזעלבע. מיינע פיס זיינען אין גאנצען פערפראָרען; אבער זעה נור וויא דוא ציטערסט פון קעלט. נעהם צוריק דיין ראָק און לעש אויס דיא ליכט, עס איז שוין טאג.

אין דער טהאט. א קליינע טאגעס ליכטיגקייט האט אריינגעשיינט דורך דיא פערפראָרענע פענסטער און דיא ארימקייט, דער עלענד האט זיך נאך פירכטערליכער בעוויזען וויא פריהער.

— איך וועל יעצט ווארטען ביז עס וועט ווערען גענוג ליכטיג צו ארבייטען, — האט דער נאקעטער ארבייטער געזאגט וועהרענד ער האט זיך געזעצט נעבען זיין ווייב און האט אנגעשפארט זיין קאָפּ אויף ביידע הענד.

נאך א קליינעם שטילשווייגען האט מאדעליין ווידער אנגעפאנגען צו רעדען.

— ווען וועט מאדאם מאטיאָ קומען נאך דיא שטיינער, וועלכע דוא שלייפסט פאר איהר? — האט זיא איהם געפרעגט.

— הייטע. איך האב בלויז נאך איין פאלשען שטיין צו פוצען.

— וואס? פאלשע דיאמאנטען? דוא ארבייטסט דאָך נור אויף גוטע שטיינער! דוא בעהאלסט עס נור פאר אלעמען אין הויז אום מען זאָל דיך ניט בע'גנב'נען. אבער מיר דארפסט דוא דאָך ניט נארען!

— ניין, דיעזען מאל זאָג איך דיר דעם אמת. דוא האסט געשלאָפען, ווען מאטיאָ איז דעם לעצטען מאָל אהער געקומען און האט מיר געבראכט צעהן פאלשע שטיינער, וועלכע זיא האט מיר געהייסען שלייפען און אויסארבייטען וויא דיא צעהן גוטע שטיינער וואָס איך האב פאר איהר דא ניט לאנג געשליפען.

— און צו וואָס ברויכט זיא דיעזע צעהן שטיינער? — האט מאדעליין גע־פרעגט.

— א גרויסע דאמע, אן הערצאָגין, וועלכע בעזיצט פיעל טהייערע שטיינער האט בעאויפטראגט דעם דיאמאנטען הענדלער מאנסיו בודיון, ער זאָל פערקויפען איהר גאנצען צירונג און אנשטאט דעם זאָל ער איהר מאכען פונקט אזא צירונג פון פאלשע שטיינער. מאדאם מאטיאָ איז אן אגענט פון דיעזען דיאמאנטען הענד־לער. זיא האָט מיר געבראכט דער הערצאָגינ'ס גוטע שטיינער, וועלכע ליעגען דאָרט אויפ'ן טיעש און האט מיר געהייסען שלייפען דיא פאלשע פונקט וויא דיא גוטע. ניט איך אליין, נור נאָך צעהן דיאמאנטען שלייפער זיינען בעשעפטיגט מיט דער

זעלבער ארבייט, מיר אַלע דאַרפען פערטיג מאַכען הייטע גאַנץ פריה. מאַטיאָ האָט מיר דערצעהלט, אז דיא רייכע פרויען בייטען אָפּט אום אין געהיים זייערע גוטע דיאַמאַנטען אויף פּראָסטע גלעזלעך.

— דוא זעהסט, ליעבער מאַרעל, דאָס דיא רייכע פרויען קענען טראָגען פאַלשע שטיינער אנשטאט גוטע, און דאָך וויל קיינע פון זיי שענקען פאַר אונז חאָטש איין שטיינדעלע, וועלכער וואָלט אונז געקענט רעטען פון הונגער. נור זאָג מיר מאַרעל, וואס בעקומסט דוא פאַר דיעזע ארבייט?

— דוא ווייסט דאָך, אז מאַטיאָ האָט מיר בעצאָהלט אין פאָראויס.

— אזוי? וואָס וועלען מיר עסען דעם גאַנצען טאָג? וואָס וועלען עסען אונזערע קינדער?

— איך ווייס אויך נים, — האָט מאַרעל געענטפערט מיט אַ זיפץ.

— אפשר וועט דיא מומע בורעט דיר באָרגען נאָך אַ האַלבען פראַנק?

— אָה, ניין! מיר האָבען ביי איהר שוין פערזעצט אַלע קליידער וואָס מיר האָבען געהאַט, זיא האָט יעצט אויף אונז אַ רעכענונג פון פּראָצענט. מעהר וועט זיא אונז קיין פעניג נים באָרגען.

— אָבער וואָס וועלען מיר טהאָן מיט אונזערע קליינע קינדער, וועלכע געהן אוים פאַר הונגער? אָה וועה איז מיר, דוא ביזט אין גאַנצען שולדיג אין אונזער הונגער, דוא האָסט דיעזען יאָהר נים געוואָלט געהן אין דער אונטערשטיצונגס געזעלשאַפט.

— דיא אונטערשטיצונגס געזעלשאַפט באָרגען אוים געלד נור צו אַזעלכע אָרמע לייט וואָס האָבען אייגענע ווירטשאַפט. מיר האָבען קיינע און דאַרום האָבען מיר קיין רעכט צו באָרגען געלד. קינדער ווערען אין זייערע אינסטיטוטען אריינגענומען נור ווען זיי האָבען אייגענע העמדער, אונזערע קינדער זיינען נאַקעט צו זייער שטיצע. אויסער דעם, איידער איך זאָל אויסווירקען מען זאָל אונז שטעלען אויף זייער רייסטער, מוז איך אָם וויינינגסטען צוואַנציג מאָל געהן אהין און צוריק און דיא צייט וואָלט מיך מעהר געקאָסט אלס איך קען דאָרט קריגען. נאָך אַלעמען וואָס גיט מען דאָרט? אַ לעבעל ברוים איין מאָל אין וואָך און אַ פונט פלייש איין מאָל אין דריי וואָכען.

— וואָס קענסט דוא אָבער יעצט טהאָן?

— איך האָף, אז דיא דאַמע וועלכע איז דאָ נעכטען געוועזען וועט אונז נים פערגעסען.

— אויף דעם דארפסט דוא זיך ניט פערלאָזען. איך גלויב. אז מאדאם מאטיאָ וועט דיר באָרגען א פאָאר פראנק. דו ארבייטעס פאר איהר שוין מעהר וויא צעהן יאָהר זיא וועט געוויס ניט קענען צוזעהן דעם צער פון אן עהרליכען ארבייטער וואס ליידעט הונגער מיט זיין גרויסע פאמיליע.

— איך גלויב נים, אז זיא וועט אונז עטוואָס באָרגען. מיט „א צייט צוריק האט זיא מיר אויסגעהאלפען אין 120 פראנק. זיא איז אויך קיין רייכע. זיא ליידעט זעהר אָפט פון מאנגעל אין פרנסה.

— יעצט זעהסט דוא, אז דוא טהוסט א נאררישקייט דער מיט וואס דוא ארבייטסט פאר קאָנטראַקטער און נעהסט ניט ארבייטען אין א רייכע הויז, ביי א גרויסע פירמע. נור דוא אליין ביזט שולדיג אין אונזער אונגליק.

— איז דאָס מיין שולד! — האט דער אונגליקליכער ארבייטער אויסגעשריען. איז ניט דיין מוטער אליין דיא שולד פון אונזער אָרימקייט? ווען מיר וואלטען ניט געוועזען געצוואונגען צו בעצאהלען פאר דעם גרויסען דיאמאנט, וועלכען דיין משוגענע מוטער האט איבערגעפיהרט, וואלט איך ניט געווען אין קיין געלד-פערלעגענהייט, איך וואלט דאמאלס געקענט נעהמען דעם פאָלען פרייז פון מיין ארבייט, ווייל איך וואלט ניט געווען געצוואונגען צו נעהמען אין פאָראויס. מיר וואָלטען ניט ארויסגע-נומען דיא עלף הונדערט פראנק פון באנק און מיר וואלטען ניט געבאָרגט נאך דריי-צעהן הונדערט פון דעם פערפלוכטען און פערדאמטען יעקב פערנאַנד.

— ביזט דוא נאך יעצט אין כעס אויף דיעזען נאטאריוס? ווילסט דוא נאך אלץ ניט געהן בעטען אזא רייכען מאן וווא ער איז, טאָמער וועט ער זיך ערבארמען איבער דיר און איבער דיינע קינדער און וועט דיר העלפען מיט עטוואס? עס איז טאקע אמת, אז ער איז א קארגער פראָצענטניק, דאָך טאָמער וועסט דוא עטוואָס אויסבעטען....

— וואָס? ביי איהם זאל איך בעטען? ניין, בעסער וועל איך זיך וואַרפען אונטער דיא פיס פון א טיגער! — איך בעט דיך מאדעליין, דוא זאלסט ניט עראינערן זיין נאָמען, דען זיין נאמען מאכט מיך שווידערען און א משוגעת בעפאלט דאן אלע מיינע נערוועז. דוא ווייסט דאָך מאדעליין, אז איך האב א גוטען כאראקטער, און זייט איך לעב האב איך קיין מענשען קיין בייזעס ניט געוואונשען; נור דיעזען נאטא-ריוס וועל איך שילטען זיבען מאל א טאג. און מיין איינציגער וואונש איז, איך זאל זיך מיט איהם קענען אפרעכענען! אָה, נאט, וואס האב איך געגען דיר אזוי פיעל געזינדיגט! ווארום האסט דוא מיך אריינגעגעבען אין דיא הענד פון אזא היפאָקריט!

פון אזא באנדיט! פון אזא מענשענפרעסער! וויא קענסט דוא גאָט צוזעהן אזא ניעדערטרעכטיגקייט? וויא קענסט דוא ליידען אין דיין וועלט אזא ווילדע חיה וואָס שלינגט לעבעדיגע מענשען און זאָגאר דאָס בלוט פון עהרליכע ארבייטער?

(מיר ווינשען דער לעזער זאל זיך עראינערען, אז נאכטיגאל איז אפגעגעבען געוואָרען צו דיעזען יעקב פעראנד, אלס זיא איז אלט געווען פיער יאהר און, אז פון זיין הויז האט מען זיא אפגעגעבען צו דער לילית.)

— פּאָרזיכטיג, מאָרעל! פּאָרזיכטיג! — האט מאדעליין געזאָגט. היט זיך ניט צו ריידען געגען איהם, ער קען דיך ארעטירען צו יעדער צייט ווען ער וויל. ער האט שוין צוריק מיט דריי חדשים ארויסגענומען א פּערהאפטס בעפעהל געגען דיין פּער־זאָן פאר דאָס געלד וואס דוא ביזט איהם שולדיג. ער האלט דיך מיט דיעזען דאָ־קומענט וויא אויף א קייט. אויך איך האָב און פערדאָם דיעזען באנדיט; אבער איך ווארען דיך פון ריידען א בייזען וואָרט געגען איהם.

— וואָס? און איך זאל איהם ערלויבען צו בעפלעקען אונזער טאָכטער? זאג נור מוטער? — האט דער אונגליקליכער געשריען מיט א ווילדען צאָרען.

— אין גאָטעס נאמען, שריי ניט אזוי. דיא קינדער שלאָפען ניט, זיי וועלען הערען אלעס וואָס דוא שרייסט!

— זאָלען זיי הערען! וואס קימערט עס מיך. דאס וועט זיין א גוטע ווארנונג פאר אונזערע צוויי אינגערע טעכטער! דאס וועט זיי ווארנען פון דיא פריינדשאפט און אינטערעסע וואס אזא חיה וויא פעררואנד קען צו זיי ווייזען. דוא עראינערסט מיך אימער, אז מיר זיינען אין זיינע הענד; אבער זאג מיר נור גאנץ פריי, זאל איך קויפען מיין פרייהייט מיט מיין קינדס אונשולד?

מאָרעל האט זיך ביי דיעזע ווערטער צו־וויינט וויא א קליין קינד, וויל זיין עהרליכער און גוטער כאראקטער האט שוין מעהר ניט געקענט איבערטראָגען אזא בעס.

— אָה, מיינע קינדער! — האט ער געלארמט און טרערען האבען געשטראָמט פון זיינע אויגען — מיין ארמעס, ארמעס קינד, מיין גוטע און מיין שעהנע לואיזע! אָה, דוא ביזט צו שעהן, פון דיין שעהנקייט וואקסט אונזער גאנצער אונגליק! ווען דוא מיין קינד וואלסט ניט געווען אזוי ליעבליך, וואלט דיעזער באנדיט זיך ניט אנגעבאָטען צו באָרגען מיר דאָס געלד. איך בין פלייסיג און עהרליך. דער דיא־מאנטען־הענדלער וואלט מיר געגעבען צייט; איך וואלט ניט געווען פערפּפליכטעט צו אזא אלטען הונד און ער וואלט זיך ניט געקענט בענוצען מיט מיין ארמוטה צו בעפלעקען אונזער טאָכטער! איך וואָלט איהר ניט געלאזט בלייבען אין זיין הויז

מעהר ניט א יין טאָג. אבער פאַרלויפיג מוז עס אזוי זיין! עס מוז אזוי זיין! איך קען ניט וואגען צו הייסען מיין טאָכטער, זיא זאל פון איהם אוועקגעהן. ער האט אונ אין זיין מאכט! אָה, ארמוטה! ארמוטה! וועלכע ניעדערטרעכטיגקייטען דוא קענסט פערטראָגען!

— אבער וואָס קענען מיר טהאן? — האט מאדעליין געפרעגט און איהרע אויגען זיינען נאס געווארען — ער האט צו אונזער לואיזען געזאגט: „אויב דוא פערלאסט מיך, וועל איך דיין פאטער אין געפענגניס ווארפען.“

— יא, ער רעדט צו איהר וויא דיא ניעדערטרעכטיגסטע בעשעפענעס!

— ווען מיר וואלטען זיך נור געקענט העלפען; אבער וואָס קענען מיר טהאָן. ווען זיא אנטלויפט פון זיין הויז וועט ער דיך פערהאַפטען, און דאַן, ווען דוא ביזט אין געפענגניס וועל איך שטארבען און דיא קינדער מיט דער קראַנקער מוטער וועלן אויסגעהן פון הונגער! זאָגאר ווען לואיזע זאל אויף א צווייטען אָרט פערדיענען צוואנציג פראנק א חודש, וואָס קענען זיעבען פערזאָנען דערפון האבען?

— יא, יא. אום מיר זאָלען קענען עקסיסטירען, איז אונזער שעהנע לואיזע אין געפאהר בעפלעקט און נעשענדעט צו ווערען!

— אָבער דוא האָסט אימער ליעב דיא צרות צו פערגרעסערען. עס איז אמת, אז דער נאָטאריוס איז זעהר צו דרינגענד, דען אזוי ערצעהלט זיא אונז, אבער דאָך קענען מיר זיך פערלאָזען אויף איהר מוטה און עהרליכקייט.

— אָה יא, זיא איז א פלייסיגע, אן עהרליכע און א גוטעס קינד! ווען זיא האט דערזעהן, אז מיר ווערען ארמער צוליעב דיין קראַנקהייט, איז זיא אוועק דיענען אום ניט צו פאלען צו לאַסט אויף איהר ארמען פאטער. אָבער ווען איך האב איהר ערלויבט אוועקצוגעהן, וואָס האט עס מיך דאַן געקאָסט? זיא א דינסט! זיא זאָל ווערען ערניעדעריגט, גענעסטערט און גראָב בעהאַנדעלט! זיא, וועלכע איז פון דער נאטור אזוי רייך בעשאָנקען און איז פון דער נאטור אזוי שטאלץ, דאָס מיר האבען פון איהר אמאל געלאַכט און האבען זיא גערופען „פרינצעסין“, ווייל זיא האָט געזאָגט, אז מיט רייגליכקייט און ביליגע מעבעל וועט זיא מאכען פון אונזער הויז א פאַלאַסט.

טהייערעס קינד, עס וואלט געווען מיין גרעסטער גליק צו האבען דיך אין מיין הויז זאגאר ווען איך זאָל פאר דיר דארפען ארבייטען וויא טאָג אזוי נאכט! אָה, ווען איך האָב געזעהן איהר זיסע געזיכט, איהרע שעהנע אויגען און האָב געהערט איהר מעלאָדישע שטימע, איז דיא שווערסטע ארבייט פאר מיר געווען א שפיעל. ארמע לואיזע, דוא ביזט אזוי פלייסיג און אזוי לוסטיג. און וויא האט זיא דיך

אויפגעפאסט! און וויא צערטליך זיא האט אכטונג געגעבען אויף איהרע שוועסטער און ברידער און האט פאר אלעמען געפונען צייט. אַה, וויא דיא טהייערע, גוטע און שעהנע לואיזע איז אוועק איז אונזער גליק און פריידע פערשוואונדען.

— אָה מאַרעל, ערא‏ינער מיך ניט דיא פערגאנגענהייט! דוא וועסט צורייסען מיין הארץ.

— און ווען איך שטעל זיך פאָר, אז דיעזער אלטער הונד האָט מיין קינד בע־פלעקט, דאן וויל איך לויפען צו איהם און אריינשטעכען א מעסער אין זיין ברוסט.

— און וואס וועט דאן זיין דיין ענדע? איך זאָג דיר נאך א מאָל, אז דוא שטעלסט זיך פאָר ערגער וויא דאס איז. דער נאטאריוס האט פיעללייכט געמאכט א שפאס. בערעכען נור, אז ער געהט יעדען זאָנטאג אין קירכע און פערברענגט א לאַנגע צייט מיט'ן פריסטער, און אלע זאָגען, אז עס איז זיכערער צו בעהאלטען ביי איהם אלס אין דער גרעסטער באַנק.

— דאָס איז קיין בעווייז! ער איז רייך און איז א היפאָקריט און ניט מעהר! איך קען מיין טאָכטער זעהר גוט. זיא איז עהרליך, אבער זיא ליעבט אונז זעהר שטאַרק, איהר הארץ ווערט צוריסען פון אונזער ארימקייט. זיא ווייס, אז אהן מיר וועט איהר אלע שטארבען פון הונגער. ווען דער לומפ זאל איהר זאָגען, אז ער וויל אונז פערהאפטען, קען דיעזעס ארמעס קינד זיך אזוי שטארק ערשרעקען, דאס דעם אלטען טיראן קען געלינגען זיין בלוטיגער פלאַן.... אָה, מיין מוח קעהרט זיך מיר איבער, איך געה אראָפּ פון זינען.

— ווען דאס וואלט חלילה אזוי געוועז וואלט ער איהר געגעבען געלד און פרע־זענטען און איך בין זיכער, אז זיא וואָלט קיין זאך פאר זיך ניט געהאלטען. זיא וואלט אלעס אונז איבערגעגעבען.

— שטיל, זאָג איך! — האט דער געטרייער פאטער מיט א שטימע פון א לייב געברומט — שטיל, דען איך שוידער! דוא, א מוטער זאָלסט האבען אַזעלכע געדאנ־קען! שטיל!

— וואס האב איך דען געזאגט? איך מיין ניט חלילה, אז מיר וואלטען עס צוגענומען. איך מיין נור, אז דאָס איז א צייכען, אז אונזער קינד איז נאך הייליג—

— אבער מוטער! — האט ער ווידער געשריען — האסט דוא בעמערקט, דאס יעדעס מאָל ווען לואיזע בעזוכט אונז און נעהמט זיך מיט מיר ארום ווערט איהר געזיכט רויטה וויא א פייער?

— איך האב עס בעמערקט; דאס איז אבער פון פריידע, וואס זיא זעהט אונז.

— ניין, איך פירכטע, אז דאָס איז פון שאנדע.... דען זיא זעהט אויס זעהר טרויעריג!

— זיא איז טרויעריג, וויל זיא זעהט אונז אין אזא לאגע; דאך פרעהט זיא זיך ווען זיא זעהט דיך פריי און מיך לעבעדיג. איך האב איהר איינינע מאל געפרעגט וועגען דעם פערפלוכטען פעררענד און זיא האט מיר געזאָגט דאָס ער רעדט ניט מעהר וועגען ארעטירען איהר פאטער.

— יא, האט זיא דיר געזאגט מיט וועלכען פרייז זיא האט איהם אונטערגעקויפט? ניין, דאס האט זיא דיר ניט געזאָגט! זיא ווערט אבער רויטה ווען זיא אומארמט מיך. אה, ווער וויס, ווער וויס וויא טהייער זיא האט פאר מיין פרייהייט בעצאָהלט!

— וויא ערגערט עס מיך, ווען איך וויס, אז איינער פון דיא שטיינער וואס ליעגט אויף דיין טיש וואלט געווען גאנץ גענוג צו בעצאָהלען דעם פראָצענטניק דעם חוב און צו בעפרייען אונזער טאָכטער פון אזא געפאהר,—האט מאדעליין געזאגט.

— וואָס נוצען דיר אזעלבע נארישע רייד. דיא שטיינער זיינען ניט אונזערע. מיר זיינען ארמע לייט און דיא דיאמאנטען בעלאנגען צו דיא רייכע. וואויל איז צו דעם, וואס קען האלטען זיינע קינדער אין זיין הויז און ווער איז צום ארבייטער, וואָס מוז שיקען זיינע קינדער זיי זאָלען דיענען פאר זייער ברויט!

איידער מאָרעל האט געענדיגט, האט ער דערהערט וויא מען קלאָפּט אין זיין טהיר.

38טעס קאפיטעל.

דער פעהאַפטונגס בעפעהל.

מאָרעל איז אויפגעשטאנען און האט געעפענט דיא טהיר. צוויי מענער זיינען אריין אין דעם דאך-שטיבעלע. איינער וואר הויך און דין, מיט א העסליכעס געזיכט, וועלכער וואר פאל מיט רויטע פריסטשעס. זיין באָרד איז געווען אביסעל וויס און דיא וואָנצעס זעהר לאנג; ער האט געטראָגען א לאנגען מאנטעל, וועלכער וואר געשפילעט ביז'ן האלז, זיין האלז וואר רויטה און אויסגעצויגען. דיעזער מאן האט געהייסען מאליקאָרן.

דער צווייטער מיט איהם וואר קורץ און גראָב, מיט א פראָסטער געזיכט און רויטהע האאר. זיינע אויגען ווארען פאָל מיט פייער און פלאם, חוצפה און רשעות

האט מען געקענט זעהן אין יעדען בעוועגונג פון דיעזען מענש. דיעזער מאן האט גע־הייסען באַרדאן.

— אָה, וואָס פאר א געשטאַנק פון ארמוטה און קראנקהייט! — האט מאַלי־קאָרן געזאָגט גלייך וויא ער איז אריבער דעם שוועל.

— איך הער שוין, אז דאָ הייצט מען ניט מיט פערפיומע, — האט באַרדאן זיך אבגערופען און איז צוגעגאנגען צום ערשראָקענעם און איבערראשטען מאַרעל.

דורך'ן טהיר האט מען געקענט זעהן וויא דער הינקעדיגער האָפּי שטעהט און קוקט זיך איין און הערט זיך צו וואָס דא געהט פאָר.

— וואס ווינשט איהר אין מיין הויז? — האט מאַרעל געפרעגט מיט בעס, ווייל זיי האבען זיך לוסטיג געמאכט איבער זיין ארמוטה.

— ביזט דוא מאַרעל? — האט באַרדאן איהם געפרעגט.

— יא, דאס בין איך.

— ביזט דוא א דיאמאנטען שלייפער?

— יא, יא, דאָס בין איך.

— זאָגסט דוא אמת?

— געוויס! זאגט מיר וואָס ברויכט איהר דא אדער איהר זאלט זאָ פאָרט מיין הויז פערלאָסען.

— זעה נור, וויא דער פערברעכער איז שטאָלץ! זאלסט וויסען זיין אונמענש, אז איך בין געקומען דיך צו פערהאפטען. נור וואָס שרעקט עס דען דיך. דאָרט אין תפיסה וועסט דוא אם וויינגסטען האבען וואָס צו עסען. איך בין זיכער, אז דוא וועסט פון אונז ניט אנטלויפען וויא דער הערר פון סט. רעמע איז אנטלאָפען און מיר ווייסען ניט וואו ער איז אהין געקומען.

— ווען איך וואלט וויסען, אז איהר זייט ניט שיכור, וואלט איך אייך בע־צאהלט פאר אייער פרעכהייט; נור יעצט בעט איך אייך איהר זאָלט זאָ פאָרט פערלאסען מיין הויז.

— וועה צו דיר שלעפּער! דוא מיינסט, אז מיר ווילען פערברענגען אין דיין שמוציגע הויז? הא, הא! אונזערע הינט וועלען דאָ אויך ניט וועלען ליעגען.

— וועה! — האט מאדעליין אויסגעשריען — וועה, שריי מיין מאן נאָך הילפע! זאל מען צוזאמענלויפען פון גאס! אבער פריהער פון אלעם זעה מיין מאן דיא דיאמאנטען וואָס וואלגערען זיך אויפ'ן טיש!

מאַרעל האט געזעהן, אז דיא רוקען זיך צום טיש האט ער אויך געמיינט, אז דאס זיינען גנבים און גאַכטרויבער. ער איז גלייך צוגעלאָפען צום טיש און האט

צוגעדעקט דיא שטיינער מיטביידע הענד. דער קליינער האפּי, וועלכער האט גע־הערט וואס מאדעליין האט געזאָגט און האט געזעהן וואס מאָרעל האט געטהאן האט ער זיך געקלעהרט:

— אזוי! מאָרעל שלייפט אמת׳ע שטיינער. ער נאַרט אונז נור אפּ, אז דאָס זיינען פראָסטע גלעזער. גוט, זעהר גוט צו וויסען. איך מוז עס דערצעהלען מיין אלטער לילית.

— אויב איהר וועט פון דאנען זאָ פאָרט ניט געהן וועל איך רופען פּאָליציי! — האט מאָרעל געשריען.

דיא קינדער האבען זיך צו־וויינט, דיא משוגענע האט זיך אויך געזעצט און האט געשריען.

— וואָס? דיא פּאָליציי? — האט מאַליקאָרן געפרעגט — אָה אויב דוא ווילסט מיט אונז ניט געהן, האסט דוא גלייך דיא פּאָליציי.

— אונז האט מען אהער געשיקט מיר זאלען דיך אוועקשלעפּען אין געפענגניס! דוא הערסט לומפּ, אין געפענגניס, אין געפענגניס! — האט באָרדאן געזאָגט.

— וואָס האָב איך דען אזוינס געטהאן? וואָס איז מיין פערברעכען? — האָט מאָרעל געשריען.

— וואָס איז דיין פערברעכען? — האט מאַליקאָרן געשפּאָטעט — וואס האסט דוא אזוינס געטהאן? אָה, גאָר נישט — נור דוא באָרגסט געלד און ווילסט ניט בעצאהלען!

— וועמען בין איך שולדיג?

— יעקב פערראנד.

— יעקב פערראנד! — האט מאָרעל אויסגעשריען און איז געפאלען אנגעשפּאַרט אויפ׳ן טיש.

— מיר זיינען געשיקט פון געריכט, — האבען ביידע פּאָליציי־באנדיטען גע־זאָגט — מיר זאלען דיך פערהאפטען און האלטען אין אסטראָג ביז דוא וועסט בע־צאהלען דיא דרייצעהן הונדערט פראנק מיט׳ן פּראָצענט וואָס דוא ביזט שולדיג צום אדוואקאט יעקב פערראנד.

— אָבער לואיזע! לואיזע! — האט מאָרעל געשריען וויא א וואהנזיניגער — וואו איז לואיזע מיין טאָכטער? איז זיא אנטלאָפען פון דעם לומפּ׳ס הויז און דארום האט ער בעשלאָסען צו רויבען מיין פרייהייט? וועה געשריען, וואו איז מיין לואיזע!

— ווער איז דאָס דיעזע לואיזע? — האט באָרדאן געפרעגט.

— לאָז איהם פלוידערען, — האט מאַליקאָרן געענטפערט — זעהסט דוא ניט

אז ער איז משוגע. קום מיט אונז מאַרעל. האלט אונז ניט אויף אין דיעזען פער־פעסטעטען קבר.

— געה ניט מיט זיי, מאַרעל! — האט מאדעליין געשריען מיט איהרע לעצטע קרעפטען—קעמפף פאַר דיין פרייהייט. צוריים דיעזע חיות, זיי ניט אזא שוועכלינג, לאַז זיך ניט פערהאַפטען. לאַז אונז דא ניט איבער צו שטארבען פון הונגער!

— שטיל דוא נאר! — האט באַרדאַן אויף איהר געשריען — אויב דיין מאַן וועט מיך בעריהרען מיט א פינגער וועל איך איהם צוריסען אין שטיקער.

מאַרעל, וועלכער האט נור געדענקט פון זיין טאָכטער, האט גאר ניט געהערט וואָס דאַרט ווערט געשפּראָכען. נור פלוצלינג האט ער מיט פריידע אויסגעשריען:

— לואיזע איז פון נאָטאריוס אנטלאָפען. יעצט וועל איך רוהיג געהן אין גע־פענגנעניס!

נור וויא ער האט דערזעהן זיין ווייב און זיינע קינדער האט ער פערצווייפעלט אויסגעשריען:

— אבער ווער וועט זאָרגען פאַר דיעזע אונשולדיגע נפשות? וויל דער נאָ־טאַ יוס, אז דיעזע אונשולדיגע זאלען פאלען פאַר איהם אלס קרבן!

— גענוג צו ריידען, — האט באַרדאַן געשריען — קום שנעלער פון דאנען.

— איך בעט אייך גוטע הערען, — האט מאדעליין פון איהר געלעגער גע־קרעכצט — איך בעט אייך אום פערצייאונג וואס איך האב אייך בעליידיגט. איך גלויב ניט, אז איהר וועט זיין אזוי שלעכט צו רויבען פון מיר מיין מאַן. וואס וועט זיין מיין ענדע, פון מיינע פינף קינדער און מיין משוגענע מוטער? זעהט נור דארט ליעגט מיין מוטער מיט א נאקעטען קערפער אויף דעם נאקעטען באָדען און איהר קער־פער ווערט א שטיק אייז! ערבאַרעמט אייך, מיינע הערען, האט מיטלייד! — מאַ־דעליין האט זיך געווענדעט צו איהרע קינדער און האט געזאָגט:

— קניעט, פערלאָרענע קינדער, פאלט דיעזע הערען צו דיא פיס, קושט דעם שטויב פון זייערע פיס, זאלען זיי ניט צונעהמען אייער פאטער, אייער ערנעהרער.

נור דיא נאַקעטע און דיא באָרפיסע קינדער האבען ניט געקענט אויפשטעהן פון זייער געלעגער. זיי האבען ניט אויפגעהערט צו וויינען און צו שרייען. דיא משוגענע האט דערהערט דעם טומעל און דעם געוויין אין הויז, און האט בעטראַכט דיא פרעמדע מענשען איז איהר בעפאלען א שרעק־ליכע ווילדקייט. זיא איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, האט גענומען קלעטערען אויף דיא גלייכע ווענט און האט געבולען וויא א הונד, געאוקעט וויא א קאץ און געראָוועט וויא א געקוילעטער אָקס. מאַרעל איז פערציטערט געוואָרען,

זיין הארץ איז אין איהם געשטארבען, ער איז געוואָרען וויא א שטיין. דאס אונגליק וועלכער איז איהם יעצט בעפאהלען וואר שרעקליך, שרעקליך אָהן א ברעג. אלע זיינע גליעדער זיינען פאראליזירט געווארען. ער איז געזעסען אויפ'ן שטוהל מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ....

— טויזענד קללות אויף דיין קאָפּ! — האָט מאַליקארן געדאָנערט — ווערסט דוא מיט אונז געהן, אדער דוא ווילסט מיר זאָלען דיך נעהמען מיט גוואלד? וואָס מיינסט דוא, מיר זיינען געקומען, מיר זיינען געקומען פערברענגען מיט דיר אין דיין פער־פעסטעטע לאָך! קום גלייך מיט אונז, זאנסט שמידען מיר דיך אין קעטען און שלעפּען דיך וויא א פגר איבער'ן גאס!

ביי דיעזע רייד האט ער דעם אונגליקליכען גענומען פאר'ן קארק און האט איהם גענומען שלעפּען פון אָרט. דיא קליינע קינדער האבען זיך זעהר ערשראָקען און נאַ־קעטע, באָרפוסע און האלב ערפראָרענע זיינען זיי אויפגעשפּרונגען פון זייער געלע־גער און האבען זיך געוואָרפען ביי דיא פיס פון דיא צוויי פאליצייסקי באנדיטען און האבען גענומען שרייען:

— ערבארמט אייך! שלאָגט ניט אונזער פאטער!

דער אנבליק אויף דיא נאקעטע און אויסגעדארטע קינדער, וועלכע האבען גע־ציטערט פון קעלט און פון מורא איז מאַליקאָרן באלד געריהרט געוואָרען. נור באר־דאָן האט מיט דיא פיס געבריקעט אויף דיא שוואכע קינדער, וועלכע זיינען פאר איהם געפאלען אויף דער ערד.

דיעזע שווידערהאפטע סצענע האט זיך נאָך ניט געענדיגט און דיא עלטערע מיידעל וועלכע איז געלעגען אויף א י י ן זאק מיט דער איינגסטער און שוואכסטער שוועסטער האט זיך פלוצלינג צו־ווייגט מיט פאָלגענדע ווערטער:

— מוטער! מוטער! זעה וואס מיט אדעלען איז געוואָרען. זיא איז וויא א שטיק אייז, מיט דיא אויגען קוקט זיא אויף מיר אבער זיא קען ניט ריהרען מיט קיין גליד!

דיא קליינע אדעלע איז אויסגעגאַנגען פון קעלט און פון הונגער אהן א זיפץ און אהן א קרעכץ. איהרע אויגעלעך האט זיא פערגלאָצט צו איהר עלטערע שווע־סטער און איז אזוי געשטאָרבען.

מאדעליין האט זיך פערגעסען, אז זיא האט קיין כח אויפצושטעהן. זיא האט זיך מיט אימפּעט א שטעל געטהאן, זיא איז אבער באלד געפאלען אויפ'ן באָדען. מאדעליינס ביטערער געשריי און איהר פאַל האט אויפגעוועקט דעם פערטומעלטען מאָרעל. ער איז צוגעלאָפען צו זיין קליינע טאָכטער און האט זיא געפונען טויט.

דער פון צרות פערשטיינערטער און ערשלאָגענער מאָרעל איז געבליבען שטעהן איבער זיין טויטעס קינד וויא אַ מצבה פון ארמוטה און אונגליק. זיין קאָפּ איז גע־האנגען איבער זיין ברוסט, דיא ווייסע האאר פון קאָפּ זיינען געשטאַנען וויא טשווע־קעס און פון זיינע אויגען האבען זיך געגאָסען טרעהרען.

— מאָרעל, מאָרעל! גיב מיר מיין אדעלען אהער! — האט דיא אונגליקליכע מוטער מיט אויסגעשטרעקטע הענד געשריען — איך גלויב ניט, אז דאס קינד איז טויט. דוא וועסט זעהן וויא איך וועל זיא ערוואַרמען און זיא וועט לעבען!

דיא משוגענע האט בעטראַכט דיא פערווירונג אין הויז און איז נאָך ווילדער געוואָרען. זיא האט אַ ווײלע בעטראַכט דעם טויטען קינד, נאכדעם האט זיא ווײ־דער גענומען קלעטערען אויף דיא וועגד און שרייען: „דאס קינד איז הונגעריג! דאס קינד וויל עסען! עסען! עסען! עסען!“

— זעהט נור, מיינע הערען, — האט מאָרעל מיט געוויין צו דיא בעאמטע געזאָגט — בעטראַכט נור מיין טויטען קינד. געסטערען האב איך זיא נאָך געקושט און יעצט איז זיא טויט!

— מאָרעל גיב מיר דאס קינד! איך גלויב ניט, זיא זאל זיין טויט. איך וויל זיא בעטראַכטען! — האָט מאדעליין געשריען.

מאָרעל האט איהר געגעבען דעם טויטען קערפּער און האט נאָכדעם צוגעדעקט זיין געזיכט און געיאָמערט אויפ'ן קול.

מאדעליין האט אוועקגעלייגט דאס קינד נעבען זיך און האט זיא גענומען בע־וויינען מיט הערץ-רייסענדע רייד. דיא איבריגע קינדער האבען געקניעט פאר דעם טויטען קינד און האבען זיך צושריען אויפ'ן קול.

— דיא געשיקטע פון גערעכטיגקייט זיינען ניט געריהרט געוואָרען פון דיעזער סצענע. מאליקאָרן האט זיך געווענדעט צום אונגליקליכען פאטער און האט גע־זאָגט:

— הער נור אויס מאָרעל. דיין קינד איז געשטאָרבען, כ'לעבען דאָס איז אַ וועהטיג, אבער מיר אלע מוזען שטאַרבען און מיר קענען דיא טויטע ניט לעבעדיג מאַכען. יעצט קום מיט אונז. דאָרט אין געפענגניס וועסט דוא צייט האבען צו וויינען און צו קלאָגען. מיר קענען דאָ לענגער ניט פערבלייבען אין דיין פערפעסטע־טען וואוינונג.

מאָרעל האט ניט געהערט וואס דער בריטאַן האט צו איהם געזאָגט. פון גרויס וועהטאג האט ער זיך צורעדט:

— ווער האט מיר צוריק מיט אַ שעה געקענט זאָגען, אז דיעזע קליינע בלומע

וועט שטארבען! איך בין אזא עלענדער ארימאן דאס איך קען פאר איהר אפילו ניט קויפען קיין ארון און קיינע תכריכים. אדעלע, אדעלע! נאקעט ביזט דוא געקור־מען אויף דער וועלט און נאקעט געהסט דוא פון דאנען אוועק! וועה איז מיר, איך וואלט בעסער געשטארבען פאר דיר! אָה, וויא גליקליך דוא ביזט דאס דוא ביזט גע־שטארבען א קליינע און פאר דיר וועט מען מיר פיעללייכט בארגען א הילצערנעם ארון. קיין וואגען צו דיין לויה דארף איך אויך ניט. איך וועל דיך נעהמען אונטער מיין ארעם און וועל אליין פאר דיר גראבען א קבר! הא, הא, הא!

מארעל האט זיך צושריען און צולאכט גלייך וויא ער וואלט פון זינען אראפ.

— דער מאן איז משוגע, — האט בארדאן געזאגט — זעה נור וויא ער קרימט זיך, וויא ער לאכט. דיא משוגענע פרוי שרייט אויך מיט ווילדע קולות און אלע קינדער מאכען גוואלדען; אבער וואס קימערט עס אונז? זיינען מיר דען שולדיג וואס זיין טאכטער איז טויט? אזא קבצן דארף זיך ניט ערלויבען צו הייראטהען און קינדער האבען.

— קום נור מיט אונז! — האט בארדאן צום אונגליקליכען פאטער געזאגט — וויא לאנג נאך וועסט דוא אונז דא אויפהאלטען. אויב דוא קענסט ניט בעצאהלען דיין חוב מוזט דוא שמאכטען אין אסטראג.

— וואס? מארעל זאל געהן אין אסטראג? — האט מען דערהערט א שטימע הינטער'ן טהיר און א שעהנעס מערבען האט זיך באלד בעוויזען אויפ'ן שוועל.

— אָה דיפעלטאן! — האט איינער פון דיא קינדער אויסגעשריען — רעטעט מיין פאטער פון דיזע מענשען וואס ווילען איהם אוועקשלעפען פון אונז! אדעלע איז אויך געשטארבען!

— אדעלע איז געשטארבען! און דער פאטער ווערט ארעטירט! איך קען עס ניט גלויבען! — האט דיפעלטאן געזאגט און האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען.

— איז דען גאר קיין ענדע צו אונזער זיצען אין דיזען הויז? שנעל קום מיט אונז! — האבען דיא צוויי בוזאנעס געשריען,

— איך קען ניט אוועקגעהן און לאזען דיא טהייערע שטיינער אויף הפקר. מיין פרוי אין קראנק און ווער וועט אויף זיי אכטונג געבען — האט מארעל זיך גע־בעטען.

— נוט, נוט, איך און לילית וועלען שוין אויף זיי אויפפאסען, — האט האפּי ביי זיך נעקלערהרם.

— וואס קימערט עס אונז? מיר נעהמען דיך גלייך צו, דיא שטיינער קענסט

דוא נעהמען מיט־זיך. שנעל קום פון דאנען, דען דיין פרוי איז יעצט פערטהאן מיט איהר טויטען קינד און זיא וועט ניט זעהן וויא דוא געהסט אוועק.

— ערלויבט מיר אבער ביז איך וועל בעערדיגען מיין קינד! — האט מאַרעל געבעטען מיט טרעהרען.

— ניין. מיר וועלען דיך אויף איין סעקונדע אויך ניט אפלאזען.

— און ווען האט מען מיך פערמשפט?

— נאָך צוריק מיט פיער חדשים. נור אזוי וויא יעקב פערראנד איז א בראַווער מענש האט ער ביז יעצט געווארט. געסטערען האט ער אונז געהייסען מיר זאָלען דיך פערהאַפטען.

— נאָך נעכטען האט ער מיך געהייסען פערהאפטען; אבער וואָרום איז מיין טאָכטער לואיזע ניט געקומען אהיים? וועה געשריען, וואס איז געשעהן מיט מיין קינד! — האט מאַרעל געקלאגט וועהרענד ער האט דיא שטיינער צוזאמענגעלייגט אין א קליין קעסטעלע.

— טהו אָן דיינע קליידער און קום מיט אונז!

— איך האב קיינע קליידער, איהר וועט זיך געוויס שעהמען צו געהן מיט אזא נאקעטען וויא איך.

— ביי דיא טרעפ שטעהט אַן עקיפּאַזשע. דוא וועסט פאר איהר דארפען בעצאהלען און מיר וועלען אין איהר פאָהרען — האט מאליקאָרן געשפּאסט.

— פאָטער! דיא מוטער רופט דיך! — האט א קינד געשריען.

— הערט מיך אויס, מיינע הערען, — האט מאַרעל געזאגט אין דער שטיל צו דער גערעכטיגקייט משרתים — טהוט מיר א טובה און זאָגט אין א הויכען טאָן, אז איהר לאָזט מיך פריי אויף עטליכע טעג, און געהט ארויס און וואַרט אויף מיר ביי דיא טרעפּ. אין א פּאאר מינוטען ארום וועל איך צו אייך ארויסקומען, אום מיין פרוי און דיא קינדער זאלען ניט זעהן דאס איהר נעהמט מיך צו. איך האב מורא אז איך וועל ניט קענען איבערטראָגען זייערע קולות.

— אבער טאמער נארסט דוא אונז און וועסט דערוויל אנטלויפען?

— איך שווער אייך ביי גאָט, אז איך קום באַלד אראָפּ.

— ער קען פון דאנען ניט אנטלויפען נור איבער דיא טרעפּ. מיר וועלען עס איהם טהאָן, — האט באָרדאָן געזאגט צו זיין קאַמעראַד.

— מיר טהוען דיר דיא טובה — האט מאַליקאָרן צום אונגליקליכען געזאָגט — אבער זעה נור דוא זאלסט באַלד אראָפּקומען.

— דיא באנדיטען זיינען ארויס פון הויז און האבען זיך געשטעלט אויף דיא טרעפּ. האָפּי האט זיך בעהאלטען.

— זעהט נור מאדעליין, דיא פּאָליציי בעאמטע זיינען אוועק אהן אייער מאן! — האט פריילין דיפעלטאן געזאָגט.

— מוטער, זיי נעהמען שוין ניט דעם פאטער! — האט דיא עלטסטע קינד געשריען.

— מאַרעל, מאַרעל! נעהם א דיאמאנט און פערקויף, גיב עסען דיין קינד, גיב עסען אונזער אדעלען ועט זיא ניט שטארבען — האט מאדעליין פון צומישונג געזאָגט.

מאַרעל האט דערזעהן, אז זיין פאמיליע האבען פון איהם צוגענומען זייערע אויגען, האט ער זיך גלייך ארויסגעגנבעט פון הויז. וויא ער האט צוגעמאכט דיא טהיר האט ער זיך געשטעלט אויף דיא קניע און האט געזאָגט:

— לעב וואהל, טהייערע מאדעליין! איך לאָז אייך איבער אין גאָטס הענד. גאָט זאָל זיך איבער אייך ערבארמען!

— גענוג שוין! גענוג שוין! מיר האָבען קיין צייט! — האבען דיא בעאמטע אויף איהם געשריען.

מאַרעל האט זיך געשטעלט אויף דיא פיס צו געהן. אָבער פּלוצלינג האט ער דערהערט א שטימע איבער דיא טרעפּ.

— לואיזע, מיין קינד! — האט דער אונגליקליכע פאטער אויסגעשריען — פאר מיר איז גענוג צו זעהן דיך חאָטש דיא לעצטע מינוט איידער איך געה אוועק.

— איך בין גליקליך, וואס איך האב ניט פערזאמט דיא צייט! — האט לואיזע געשריען און איז ארויפגעלאָפען אויף דיא טרעפּ.

לואיזע איז צוגעלאפען צו איהר פאָטער און איז געפאלען אין זיינע ארמען.

— ביזט דוא עס מיין טאָכטער, ביזט דוא עס מיין נשמה? אבער וואָרום ביזט דוא אזוי בלאָס? וועה איז מיר מיין קינד, ווארום ביזט דוא אזוי בלאָס? — האט דער פאָטער צו איהר געזאגט וועהרענד ער האט זיא בעדעקט מיט צערטליכע קיסע.

— איך בין מיעד געוואָרען לויפענדיג, פאָטער, זאָנסט איז דא קיין זאך — — — — היער האסט דוא דאס געלד פאטער.

— וואס פאר א געלד? — האט מארעל געפרעגט מיט שרעק.

— דיא געלד פאר דיין ערלעזונג. דוא ביזט פריי!

— און פון וואנען וויסט דוא, וואס מיט מיר איז געשעהן, לואיזע?

— איך ווייס אלעס פאָטער, נעהם דאס געלד און זיי פריי! — האט לואיזע געזאגט וועהרענד זיא האט איהם געגעבען א ביימעל מיט געלד.

— אָבער פון וואנען האסט דוא דאס געלד? — האט מאָרעל געפרעגט מיט שרעק.

— איך וועל עס דיר באלד ערצעהלען. אָבער בערוהיג זיך פאָטער, געה און בערוהיג דער מוטער.

— ניין, איך געה ניט אוועק פון דאנען ביז דוא זאגסט מיר פון וואנען דוא האסט דאס געלד!

— ווארט נור א ווײלע, האט מאליקארן צום פערהאפטעטען געזאָגט — פריהער לאָז מיך איבערצעהלען דאס געלד. דא איז דאך נאר דרייצעהן הונדערט פראנק און וואו איז דאס איבריגע?

— דוא דארפסט דאך נור צאָהלען דרייצעהן הונדערט פראנק, פאָטער? — האט לואיזע פערוואונדערט געפרעגט.

— געוויס! — האט מארעל געענטפערט.

— דרייצעהן הונדערט פראנק איז דאך נור דער קרן, און וואו איז דער פראָצענט? זייט איהר האט געבארגט דאס געלד זייט איהר שולדיג צוועלף הונדערט פראנק פראָצענט און געריכטס קאָסטען! — האט איינער פון דיא בעאמטע ערקלעהרט.

— אָה, וועה! אָה, וועה! — האט לואיזע געשריען — איך האב געגלויבט, אז ער מאָנט ניט מעהר וויא דרייצעהן הונדערט פראנק! גוטער הערר — האט לואיזע זיך צו איינעם פון דיא בעאמטע געווענדעט — גוטער הערר, דיא איבריגע געלד וועלען מיר אייך אין א פאָר טעג ארום בעצאָהלען.

— אין א פאאר טעג ארום? זעהר גוט. ברענג דאס געלד אין געריכט און דיין פאָטער וועט דאן בעפרייט ווערען, דען נור דאס געריכט האט דאס רעכט אזוי צו האנדלען ניט איך. קום מיט אונז מאָרעל, שנעל קום מיט אונז! מיר האבען קיין צייט!

— ווילט איהר נעהמען מיין פאָטער מיט געוואלד? — האט לואיזע געשריען.

— ווען ער בעצאָהלט ניט דעם פראָצענט וועלען מיר איהם געוויס פערשליסען אין אסטראָג. קום דאך מיט אונז!

ביי דיעזע ווערטער האט באָרדאן גענומען דעם אונגליקליכען מארעל פאר'ן האנד.

— אָה, פאָטער איך האב געמיינט, אז איך וועל דיך אויסלעזען, אָבער יעצט זעה איך, אז מיין האפנונג וואר אומזיסט. פאר דיר גיבט עס קיין הילפע —

— ניין, דער קוואל פון הילפע ווערט ניעמאלס אויסגעשעפּט! — האט א מעכטיגע שטימע אויסגעשריען און פּלוצלינג האט זיך רודאָלף בעוויזען פאר מאָרעלס טהיר. דען רודאָלף איז דיא גאנצע צייט געשטאנען הינטערן וואנד און האט אלעס געהערט. דיא פּאָליציי בעאמטע זיינען איבערראשט געוואָרען, מאָרעל און זיין טאָכטער זיינען געוואָרען צוטומעלט. רודאָלף האט ארויסגענומען פון טאשע א בייטעל מיט געלד און האט פון דאָרט ארויסגענומען דריי פּאפּירען און געבענדיג צו מאליקארן האט ער געזאגט:

— היער האט איהר 2,500 פראנק, דאס געלד וואָס איהר האט גענומען פון דאס פריילין, גיט איהר באַלד צוריק.

דער בעאמטער איז פערוואונדערט געוואָרען; ער האט גענומען דאס געלד האט עס בעטראכט פון אלע זייטען, דאן האט ער זיך געווענדעט צו רודאָלפן און האט געזאָגט:

— דאס געלד איז ניט פאלש, אָבער וואו האסט דוא גענומען אזוי פיעל געלד? אָן דיינע קליידער זעה איך, אז דוא ביזט ניט אזא נגיד.

— וואס קימערט עס אייך. איך האב דאך אייך געהייסען איהר זאָלט דאס פריילין אָפּגעבען איהר געלד! — האט רודאָלף געענטפערט.

— ווער זייט איהר דאס, וואס איהר קענט מיר בעפעהלען? — האט דער בעאמטער געפרעגט מיט א פערטיגען קולאק.

— גיט דאס פריילין איהר געלד צוריק! — האט רודאָלף אויסגעשריען און האט איהם א נעהמגעטהאן פארן קארק — שנעל גיב איהר דאס געלד צוריק און אנטלויף פון דאנען, מעהר האסט דוא דאָ ניט צו טהאן. שטעהסט דוא נאך א ווייל אזוי צוזען איך דיין קאָפּ אין טויזענד שטיקער.

— היער איז דאס געלד און היער איז אייער וועקסעל צוריק! — האט מאליקאָרן געזאָגט, וועהרענד ער האט אָבגעגעבען דאס געלד און דעם וועקסעל און האט זיך גענומען בעהאלטען הינטער באָרדאָנ׳ס פּלייצע.

— שנעל פון דאנען, מענשען-פרעסער! — האט רודאָלף דיא צוויי בעאמטע נאָכגעשריען, וועהרענד דיא בעאמטע זיינען געלאָפען טרעפּ אראָפּ.

39טעס קאַפּיטעל.

דיפּעלטאָנ׳ס ביאָגראַפיע.

מאָרעל און זיין טאָכטער, זיינען געשטאנען פערשטיינערט און פּאראלעזירט פון רודאָלפ׳ס ערשיינונג און פון דער הילפע וואָס ער האט זיי זאָ אומגעריכט געבראכט. ביידע האבען ניט געקענט געפינען אזעלכע ווערטער, וואָס זאָלען אויסדריקען

זייער דאַנקבאַרקייט צו זייער משיח, דארום זיינען זיי פאַר איהם געשטאַנען וויא געלעהמטע מענשען.

רודאָלף האט פערשטאַנען, וואָס דיעזער שטילשווייגען בעדייטעט. ער האָט געוואָלט זיי זאָלען וויסען, אז פון יעצט אָן וועלען זיי מעהר קיין הונגער ניט ליידען; אויך האט ער געוואָלט אויסמיידען דעם אויסברוך פון דאַנקבאַרקייט. דארום האט ער זיך געווענדעט צו דעם פערטומעלטען מאָרעל און האט איהם געפרעגט.

— האט א דאַמע אייך געסטערן בעזוכט?

— יאָ, מיין העדר. דיא שרעק און דער טרויער אויף איהר געזיכט האט אונז בעוויזען, דאס אונזער לאַגע האט זיא בעריהרט.

— יאָ, זיא איז דאס אייער וואָהלטהעטערין. איך בין נור איהר אגענט און טהו וואָס זיא הייסט. זיא האט מיך געשיקט איך זאָל אייך העלפען; דען דיא הויז־קיפּערין האט מיר דערצעהלט פון אייער ארמוטה און איך האב עס דער דאַמע איבערדערצעהלט. געסטערן האט דיא דאַמע אייך בעזוכט און האט געזעהן דאס איך האב זאָגאר קיין העלפט ניט געשילדערט וויא עס איז אין דער ווירקליכקייט. זיא האט מיך אַהער געשיקט און האט מיר געהייסען איך זאָל אייך זאגען, דאס זיא וועט אייך העלפען אין דער צוקונפט ביז זיא וועט געפינען אן אָרט, וואו איהר וועט קענען פערדיענען גענוג צו ערנעהרען אייער גוטע פאַמיליע.

— אָבער פון וואַנען ווייסט איהר דאס מיר זיינען ווערטה אייער פריינדשאַפט? האט מאָרעל געפרעגט.

— איך בין דעם גאַנצען פריהמאָרגען געזעסען אין מיין צימער און האב געהערט אלעס וואָס איהר האט צווישען זיך געשפּראָכען. איך האב זיך איבערצייגט, אז איהר זייט עהרליכע און בראַווע לייט. ווען איך האב געוואָלט ארויסגעהן פון מיין צימער און רעטען אייך פון דיא פּאָליציי בעאַמטע, האב איך דערהערט אייער טאָכ־טער׳ס שטימע און איך האב איהר געלאָזען צו געניסען פון דער פריידע, דאס זיא איז אייער רעטערין. איך האב אָבער באַלד געזעהן, אז דיא פרעכע פּאָליציי בעאַמטע פערגינען איהר ניט דעם פערגניגען, זאָ בין איך ארויסגעקומען און האב ערפילט מיין ווירטהינ׳ס בעפעהל. מיין ווירטהין האט מיר געהייסען איך זאל אייך זאָגען, אז זיא וועט פאַר אייך מאַכען א הויז צו וואוינען און וועט פאַר אייך געפינען אן אנשטענ־דיגע פּרנסה וויא עס פּאַסט פאַר אַזא עהרליכען ארבייטער וויא איהר זייט.

— אָבער וויא רופט מען דיעזע עדעלע דאַמע, ווער איז דיעזער ענגעל, וואָס האט זיך ערבאַרעמט איבער אזא פערלאָרענעם און אונגליקליכען? איך בעט אייך זאָגט מיר.

— אויב איהר וועט מיר פערשפרעכען דאָס איהר וועט קיינעם ניט זאָגען איהר נאָמען וועל איך אייך זאָגען ווער זיא איז

— איך שווער עס אייך.

— דיעזע דאמע הייסט קלעמענס, זיא איז די פרוי פון מארקיז דע האורוויל,— האט רודאָלף געענטפערט.

— אָה! — האט מאָרעל אויסגערופען— דיעזער נאָמען וועט מיר זיין הייליג, ווייל דאס איז דער נאָמען פון דעם ענגעל, וועלכער האט מיך אויסגעלעזט פון צרות. זאָל איך פערגעסען מיין אייגענעם נאָמען אויב איך וועל איהר נאָמען פערגעסען! דיעזע דאמע האט מיך און מיין פאמיליע גערעטעט פון טוידט.... וועה! מיר אלע לעבען, נור מיין אדעלע איז טוידט!

ביי דיא לעצטע ווערטער זיינען הייסע טרעהרען געפלאָסען פון זיינע אויגען.

— מיר קענען דיא טוידטע ניט לעבעדיג מאכען,— האט רודאָלף מיט געפיהל געענטפערט— נעהט יעצט מיין הערר, און נעהמט אריין אייער פאמיליע אין מיין וואוינונג. איך וועל דערווייל זעהן דאס מאָנסיו פיפעלעט זאָל פערשאפען אן ארון און תכריכים און זאל בעערדיגען אייער טוידטען קינד.

— גאָט זאָל מיך היטען! איך וויל אייער וואוינונג ניט פערנעהמען. ניין, ניין, איך וועל זיצען אין מיין הויז. יעצט וועל איך לעבען רוהיג אין מיין וואוינונג. און אויב מיין טאָכטער לואיזע וועט בלייבען אין מיין וואוינונג, וועט זיא איהם אויס-פוצען אזוי וויא אמאל—

— אייער טאָכטער וועט מעהר ניט האבען נויטהיג אייך צו פערלאסען. איהר וועט צוזאמען געניסען פון דיא גוטס וואָס איהר וועט האבען,—האט רודאָלף גע-ענטפערט.

— איז דאָס וואהר? איז דאָס מעגליך?

— דאס אלעס איז מעגליך, איהר פאָלגט נור וואָס איך וועל אייך הייסען. נעהט און זיצט אין מיין הויז ביז איהר וועט האבען א בעשטענדיגען וואוינונג. זאָגט מיר נור, אויב אייער פערפאָלגער איז דערזעלבער יעקב פערראנד, וועלכער וואוינ-אין דער שטראסע דו סענטיער?

— יא, מיין הערר, דאס איז דער מערדער, וואס האט מיך אזוי פיעל געפלאָגט און געמאַטערט — און ווער ווייס אויב ער האט ניט פערפלעקט מיין טאָכטערס עהרע!

ביי דיעזער ערינערונג האט מאָרעל פערבראָכען דיא הענד און האט געטר-ים דיא תים.

— דיא מערדערייען פון דיעזען אונמענשען בעוויזען, אז ער האט זיין פלאן ניט ערדייכט, זאנסט וואלט ער ניט געשיקט דיא פאליציי בעאמטע זיי זאלען אייך פערהאפטען.

ביי דיעזע רייד איז פריילין דיפעלטאן ארויס פון מארעלס הויז. איהרע אויגען זוארען פאל מיט טרעהרען און איהר גאנצע געזיכט וואר בעדעקט מיט טרויער.

— פריילין, — האט רודאלף צו איהר געזאגט — איך ווינש זעהר דאס מאנסיו מארעל און זיין פאמיליע זאלען זיך בעזעצען אין מיין וואוינונג ביז דיא דאמע, וועלכע האט מיך אהער געשיקט וועט קומען און בעזארגען א הויז מיט ווירטהשאפט פאר דיעזע עהרליכע און בראווע לייט.

דאס פריילין האט רודאלפ'ן אנגעקוקט און האט געענטפערט:

— איהר זייט זעהר גנעדיג מיין הערר.

— אבער פריילין, איך וואלט פון אייך פערלאנגט דיא ערלויבניס צו שרייבען א פאאר בריעף אין אייער צימער ביז איך וועל פאר זיך געפינען א נייעם וואוינונג.

— מיט מיין גאנצען הערצען וועל איך אייך ערלויבען צו זיצען אין מיין צימער וויפיעל איהר וועט אליין פערלאנגען.

— יעצט מאנסיו מארעל, נעהמט אייער פאמיליע און בעזעצט זיך אין מיין וואוינונג.

— פאטער, דיא מוטער רופט דיך! — האט א קינד אויסגעשריען.

— נעהט מארעל מיין פריינד, — האט רודאלף צו איהם געזאגט — איך וועל נעהן פארבערייטען מיין וואוינונג, דאן וועל איך אייך רופען.

מארעל איז אריין אין הויז און רודאלף האט זיך צו פריילין דיפעלטאן גע־ווענדעט:

— יעצט מיין אדעלע נאכבארין האב איך אייך נאך עטוואס צו בעטען. איך ווייס, אז איהר זייט א ווירטהין אין הויז און דארום וואלט איך אייך בעטען איהר זאלט מיר געבען א ראטה, וואו צו קויפען קליידער און א גאנצע ווירטהשאפט פאר דער אונגליקליכע פאמיליע?

— אה, דאס איז קיין שווערע זאך. אין צוויי שטונדען צייט קען מען איינקוי־פען דיא בעסטע קליידער און דיא שעהנסטע הויזווירטהשאפט; עס איז גאר ניט וויט פון דאנען. דא האבען מיר א באזאר, וועלכע מען רופט דער „טעמפעל“, און דארט געפינט מען אלעס וואס מען פערלאנגט. דיא מיינסטען זאכען זיינען דארט געניצטע, פון צווייטען האנד, אבער דארט געפינט מען אלעס גוט און ביליג. דאך

רעכען איך, אז דאס דארף אנטרעפען א גרויסע סומע,— האט דיפעלטאן גענענט־פערט און האט אויסגעשטעלט איהרע גרויסע אויגען.

— דאס מאכט ניט אויס. דיא דאמע וועלכע האט מיך אהער געשיקט האט מיר בעפוילען, איך זאל זיך ניט קימערן וועגען געלד. איך וואלט אבער פערלאנגט פון אייך איהר זאלט מיך בעגלייטען אין „טעמפעל" אום איהר זאלט מיר העלפען איינצוקויפען וואס דיעזע אונגליקליכע געברויכען.

— איך האב זאגאר קיין צייט, יעדע סעקונדע פון מיין לעבען איז א פער־קויפטע צו מיין ארבייט, זאנסט האב איך ניט פון וואנען צו לעבען, דאך וועל איך געהן מיט אייך. נור איהר מוזט מיר א ווײלע פערצייען, ביז איך וועל אנציהען מיינע קליידער.

— זעהר רעכט, איך וועל דערווייל געהן נעהמען מיינע פאפיערען.

רודאלף איז אריין אין זיין צימער אבצורייניגען זיינע קליידער, וועלכע ער האט איינגעשמוצט אין מארעלס הויז און דיפעלטאן איז אריין אין איהר צימער אנצוטהאן איהרע קליידער.

מיר וועלען דיעזע קורצע געלעגענהייט בענוצען צו דערצעהלען אונזערע לעזער דאס רודאלף האט נאך ניט געוואוסט, אז זיין נאכטיגאל, דיא שעהנע מרים איז געגנב'עט געווארען פון מאדעל־פארם. דיא אורזאכע ווארום ער האט ניט געוואוסט, וועלען מיר אין פערלויף פון דיא נעכסטע קאפיטלעך דערצעהלען. מיר ווילען דא אונזערע לעזער אויך ערינערן דאס נור דיפעלטאן האט געוואוסט דעם אדרעס פון דעם יונגען דזשערמען, דער איינציגער זאהן פון מאדאם געארג. וויא דער לעזער ווייס איז רודאלף געווען פעראינטערעסירט צו געפינען מאדאם געארג איהר זאהן. ער האט עקסטרא איינגעלאדען דיעזער פריילײן זיא זאל מיט איהם געהן אין „טעמפעל", אום ער זאל זיך מיט איהר בעסער בעקענען, און זיא זאל צו איהם האבען א גרעסערן צוטרויען.

דער לעזער דארף אויך ניט פערגעסען דאס נאכטיגאל און דיפעלטאן ווארען זעהר בעפריינדעט, ווען זיי זיינען געזעסען אין געפענגנים.

דיפעלטאן איז געווען אין איהר זיבצעהנטען לעבענס יאהר, זיא וואר אין איין עלטער מיט נאכטיגאל. צווישען דיעזע צוויי מיידלאך איז געווען דערזעלבער אונטערשיעד וויא צווישען טרעהרען און געלעכטער, צווישען לוסטיגקייט און מע־לאנכאלי, צווישען מוטהיגע זארגלאזיגקייט און עוויגע זארג פאר דער צוקונפט, עוויגע מורא פאר שפעטער.

נאכטיגאל האט אימער געזארגט וועגען מארגען און טרויעריגע בילדער זיינען

אימער געוועזן פאר איהרע אויגען, וועהרענד דיפעלטאַן איז אימער געוועזן לוסטיג, לעבעדיג; א זיעסער שמייכעל איז געלעגען אויף איהר געזיכט, זיא האט אימער פאנטאזירט פון גליק און פריעדען, דיא זאָרגען וועגען שפּעטער און זאָגאר דיא צרות פון דער געגענוואַרט האבען איהר קיין מאל ניט געקימערט. נור ווען זיא האט געזעהן דיא ליידען פון אן אונגליקליכען, ווען זיא האט געהערט דעם געוויין פון הונגעריגע און קראַנקע, נור דאן איז זיא געוואָרען טרויעריג און איהרע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען. אָבער גלייך וויא זיא האט דיעזע אונגליקליכע פאר דיא אויגען ניט געזעהן, אזוי איז איהר מוטה ווידער געוואָרען לוסטיג און איהר געזיכט האט ווידער געשטראַהלט פון פריידע און צופריעדענהייט.

נאכטיגאַל האט געהאַסט דעם לעבען אין שטאדט און דעם גערויש און דעם פרעהליכען לעבען פון פאריז. איהר בעסטער פערגעניגען איז געוועזן דער איינזאמער לעבען פון דאָרף און פון פעלד, וועהרענד דיפעלטאָן האט געליעבט דעם טומעל און דעם שטורעמדיגען לעבען פון דער וועלט־שטאדט. זיא האט געליעבט דיא שמוציגע גאסען פיעל מעהר פון ריינע בלומענגערטנער. זיא האט ליעב געהאַט צו פערפּוצען איהר צימער מיט אלערליי שעהנע זאכען וואס זיא האט זיך געקענט פערשאפען. דיא גאנצע זעקס טעג פון וואָך איז זיא געזעסען אין איהר הויז און האט געארבייט מיט׳ן גרעסטען חשק, נור זאנטאג פלעגט זיא ארומשפּאצירען איבער דיא גאסען און האט זיך אמוזירט מיט פאריזער רייכטהום. איהר שעהנעס געזיכט און איהרע ריי־צענדע אויגען האבען צו איהר געצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון אלע פערביינגעהער; נור דיא אונשולד און עהרליכקייט, וואס איז געלעגען געזיגעלט אויף איהר געזיכט האבען זיא בעשיצט פון יעדען מוטהיגען און צולאָזענעם מאַן. א בעריהמטער מאלער וועלכער האט זיך געמאכט א גרויסען נאמען אלס דער גרעסטער מאלער פון פראנק־רייך, דער גרויסער קינסטלער קאָבריאָן, האט זיך אין איהר פערליעבט און האט זיא געוואָלט גליקליך מאכען, נור זיא האט איהם ענטזאגט, ווייל זיא האט געליעבט דעם עדעלען דזשערמאַן, וועלכען רודאָלף וויל געפינען און ברענגען צו זיין מוטער, דיא גוטע און בראווע מאדאם געאָרג.

— רודאָלף האט זיך לאנג ניט געזאמט. ער איז באלד געקומען מיט זיינע פאפירען און האט אנגעקלאפט אין טהיר.

— וויא שעהן און אנגענעהם אייער צימער איז איינגעאָרדענט! — האט רודאָלף געזאָגט גלייך וויא ער איז איבערגעגאנגען דעם שוועל פון דיפעלטאָנ׳ס צימער.

— דאָס איז מיין איינציגער פערגניגען, מיין הערר, — האט דיפעלטאָן גע־ענטפערט.

— וויא שעהן זיינען דיא גארדינען איבער אייער פענסטער און וויא פיין איז דיעזער שראנק!

— אויף דיעזען שראנק האָב איך אויסגעגעבען מיין גאנצעס געלד וואס איך האָב געזאַמעלט אין געפעננגיס —

— אין געפעננגיס? און ווארום זייט איהר דאָרט געזעסען? — האט רודאָלף פערוואונדערט געפרעגט.

— גאנץ אומזיסט. מיין איינציגער פערברעכען וואר מיין ארמוטה און עלענד.

— איז ארמוטה אזא פערברעכען, דאס צוליעב דעם ווערט מען איינגע־שפאַרט?

— איך וועל עס אייך ערקלעהרען. נאָך דער כאָלירע בין איך געבליעבען אן עלענדעס פערוואָרפענעס צעהן־יעהריגעס קינד.

— אבער ווער האט אייך געשפייזט ביז דאמאלס?

— זעהר גוטע מענשען. זיי זיינען געשטאָרבען אין דער כאָלירע. זייער קליינעס פערמעגען האבען זייערע קרעדיטאָרען צוגענומען, וועגען מיר האט זיך קיינער ניט געקימערט. ווען איך האָב דערזעהן, אז איך האָב קיין הילפע בין איך אוועק אין פאָליציי און האָב דאָרט דערצעהלט, אז מיינע עלטערען זיינען געשטאָרבען און איך ווייס ניט וואוהין צו געהן און וואָס צו טהאָן. דער פאָליציי בעאַמטער האט גלייך בעפאָהלען מען זאָל מיך אָפּשיקען אין געפעננגיס וויא אן היימאַטסלאָזע מיידעל. און זאָ בין איך געזעסען איינגעשלאָסען ביז מיר איז געוואָרען זעכצעהן יאָהר.

— אָבער ווער זיינען געווען אייערע עלטערען? — האט רודאָלף געפרעגט.

— מיין פאָטער האָב איך ניט געקענט. מיין מוטער האט מיך אריינגעגעבען אין קינדער אינסטיטוט, ווייל זיא האט מיך ניט געקענט ערנעהרען. ווען איך בין אלט געוואָרען זעקס יאהר האט זיא מיך גענומען צו זיך אין הויז. אבער באַלד נאָכדעם איז זיא געשטאָרבען, און דיעזע עדעלע מענשען וועלכע איך האָב אייך ער־אינערט האבען מיך צוגענומען און זיינען צו מיר געווען וויא עלטערען.

דער מאַן האט געהייסען גבריאל. ער וואר א סטאָלער און זיין פרוי האט מען גערופען חוה. זיי ביידע ווארען לוסטיגע און צופריעדענע מענשען. דעם גאנצען טאָג האבען זיי געארבייט, געלאכט און געשטיפט, וועגען מאָרגען האָבען זיי קיין מאָל ניט געזאָרגט. מיך האבען זיי געליעבט וויא אן אייגען קינד. דעם ביסען האָ־בען זיי געטהיילט מיט מיר אין צווייען, זיי האבען מיך געלערענט צו זיין לוסטיג און פרעהליך. דיעזע לעהרע איז ביי מיר פערבליעבען אויף אויביג. איך האָב פיינט צו זיין מעלאַנכאָליש. דאָס איז דער קיצור פון מיין ביאָגראַפיע. אויב איהר ווילט וויסען

אלעס וואס מיט מיר האט פּאסירט, וועל איך עס אייך ערצעהלען נאכדעם וויא מיר וועלען קומען פון קראַם. יעצט נאמיר אראָפּ געהן און זאגען מיסטער פּיפּעלעט דעם הויז־קיפּער, אז אין אַ פּאאר שטונדען ארום וועלען אהער קומען זאכען, געשיר און בעטציינג פאר מאַרעלס פאמיליע און ער זאָל זיי אריינשטעלען אין אייער צימער.

— איהר האָט רעכט, מיין פריילין, — האט רודאָלף געענטפערט און זיי זיינען ארונטער צום הויז־קיפּער.

פּיפּעלעט איז געזעסען אין זיין צימער, מיט'ן היטעל אויפ'ן קאָפּ און איז געווען פערטיפט אין דעם שוך וועלכען ער האָט געלאַטעט.

— הערר פּיפּעלעט מיין פריינד, — האט דיפּעלטאָן צו איהם געזאָגט — איך וועל אייך דערצעהלען אַ פריידע. דער אונגליקליכער מאַרעל איז הייטע ערלעזט געוואָרען פון זיינע צרות דורך דיעזען נאָבעלען הערר. יעצט געהן מיר קויפען אלעס וואס דיא ארמע מענשען געברויכען. מיר זיינען אייך געקומען בעטען איהר זאָלט זיין אזוי פריינדליך און זעהן, דאָס דיא זאכען וואָס מען וועט אהער ברענגען זאָלען אויסגעשטעלט ווערען אין מיין שכנ'ס וואוינונג, וועלכען ער האט אָפּגעטראָטען פאר דיעזע אונגליקליכע.

— איהר זאָלט אויך ניט פערגעסען צו זעהן דעם פּריסטער און דעם לייבענבעשטאטער און בעזאָרגען דיא לויה פאר דאָס טויטע קינד, — האט רודאָלף געזאָגט.

— איך וועל אלעס ברענגען אין אָרדנונג און וועל אלעס בעזאָרגען וויא איהר פערלאנגט. אייך זאָל גאָט בענשען פאר דאָס געלד און מיך פאר מיין מיהע! — האט מיסטער פּיפּעלעט געענטפערט מיט אַ פילאָזאָפישען און פּאָעטישען בליק.

— יעצט קענען מיר רוהיג געהן און קויפען אלעס וואָס עס פעהלט, — האָט רודאָלף געזאָגט געבענדיג זיין האנד צו דער פרעהליכער דיפּעלטאָן.

ארויסגעהענדיג פון הויז האבען זיי בעגעגענד דער אלטער מאדאם פּיפּעלעט, וועלכע איז געקומען פון מארק. דיא אלטע שאכטעל האט זיך צולאכט זאגענדיג:

— אט אזוי, אָט אזוי לעבען עס צוויי שכנים, ווען איינע איז אַ פרעהליכע, אַ לוסטיגע פּרויענצימער און דער צווייטער איז אַ שעהנער יונגער מאן!

דיפּעלטאָן האט זיך צולאכט, רודאָלף האט זיך פערניינט און ביידע זיינען געגאנגען וויא צוויי פערליעבטע.

שנעע און פראָסט האבען בעהערשט פּאריזער גאסען. רודאָלף און דיפּעלטאָן זיינען געגאנגען גאנץ שנעל. געהענדיג צום „טעמפּעל" זיינען זיי פאראיבערגעגאנגען אַ גרויסע קראָם. דיפּעלטאָן האט זיך אַ ווײַלע צוגעשטעלט בייַ'ן פענסטער.

— זעהט איהר יענעם זייגער און יענעם שעהנעם בלומענטאָפּ? — האט זיא

רודאָלף'ן געפרעגט — איך קלייב יעצט געלד און גאַנץ קירצליך וועל איך עס קויפען.

— איהר פערדיענט דאָך זעהר וועניג, וויא אַזוי קענט איהר שפּאָרען געלד צו קויפען אזעלכע טהייערע זאַכען? — האָט רודאָלף געפרעגט.

— יעדען טאָג שפּאָר איך דרייסיג סו. דען איך עס זעהר וויינינ און טרינק נור וואַסער. אין טהעאַטער געה איך ניט און אַנדערע פערגניגענס דאַרף איך אויך ניט האָבען, דאָרום שפּאָר איך יעדען טאָג. צוריק מיט צוויי וואָכען, ווען איך האָב ערפאַהרען פון דעם הונגער וואָס מאָרעלס קינדער ליידען, האָב איך זיי געבאָרגט גאַר דאָס געלד וואָס איך האָב געזאַמעלט. אייגענטליך האָב איך עס ניט געבאָרגט, נור געשאָנקען, איך האָב זיי אָבער ניט געוואָלט בעליידיגען.

— יעצט וויא איהם וועט בעסער ווערען, וועט ער אייך אומקעהרען דאָס געלד, — האָט רודאָלף געזאָגט.

— איך וועל זיך ניט לאָזען בעטען. איך דאַרף דאָס געלד צו קויפען דיעזען זיינער און דיעזען בלומענטאָפּ.

— אָבער וואָרום זאָלט איהר ניט זאָרגען פאַר אייער צוקונפט? — האָט רו־דאָלף געפרעגט.

— וואָס האָב איך צו זאָרגען פאַר דעם צוקונפט?

— וואָס ווייס אַ מענש וואָס מיט איהם קען פּאַסירען. וואָס טהוט מען ווען מען ווערט קראַנק און קיין געלד האָט מען ניט.

— איך קראַנק! חאַ, חאַ! איך קען ניט קראַנק ווערען. פון וואָס זאָל איך קראַנק זיין? פעטען פלייש עס איך ניט, ווייַן אָדער ביער פערזוך איך ניט, איך עס און טרינק מיט אַ מאָס און מיט אַ וואָג. קנאה, שנה, ליידענשאַפטען און כבוד האָב איך ניט. מיין הארץ איז אימער פרעהליך, מיין מויל לאַכט און מיין האַלז זינגט. וועגען מאָרגענדיגע זאָרגען קימער איך זיך ניט, איך בין אימער צופריעדען און גליקליך, פון וואָס קען איך אַלזאָ קראַנק ווערען?

רודאָלף איז פערוואונדערט געוואָרען אויף איהר גרויסע האָפנונגען. ער האָט זיך אַליין פאַרגעוואָרפען, וואָרום ער האָט איהר אַזאַ פראַגע געשטעלט. זאָרגט דען דער פאָגעל אין זאָמער פאַר דעם פורכט פון ווינטער? קימערט זיך דער נאַכטיגאַל ווען ער זינגט צווישען בלומען און שוועבט אין אַ מעער פרישע לופט פאַר דיא פרעסט און שנעען וואָס זיינען אנגעגרייט פאַר דעם ווינטער? רודאָלף האָט זיך נאָר גע־וואונדערט וואָרום דאָס מעדכען האָט קיין לוסט צו קיין זאַך אין דער וועלט.

— איז דאָס מעגליך דאָס איהר האָט קיין לוסט צו אַלע טהייערע זאַכען וואָס דיא וועלט בעזיצט?

— איך וויל און געלוסט קיין זאך, אויסער דעם זייגער און דעם בלומענטאָפּ, וועלכען מיר האָבען געזעהן. איך האָף עס נאָך צו קויפען. ווען? — דאָס ווייס איך ניט, אבער איך האָף אויף דעם.

— און מעהר וויא דאָס פערלאַנגט איהר ניט?

— ניין. איך האָב פערלאַנגט צו האָבען אַ גוטען שכן. יעצט האָב איך איהם. איהר וועט דאָך געוויס געהן מיט מיר שפּאַצירען איבער דיא פּאַריזער גאַסען.

— מיט פערגניגען. זאָל קומען דער פריהלינג, זאָ וועלען מיר פאָהרען איבער פעלדער און וועלדער.

— אָה, איך קימער זיך ניט וועגען גראָז און בלעטער. איך האָב ליעב פּאַריז. אמאָל האָב איך שפּאַצירט איבערן לאַנד נור אום צו טהאָן אַ געפאַלען מיין פריינ־דין. זייט איך וואוין אין טעמפּעל שטראַסע בין איך פון שטאָדט ניט ארויס. מיין לעצטער שכן דזשערמען פלעגט מיט מיר שפּאַצירען נור דאָרט וואו איך האָב איהם געפיהרט.

— וואו איז יעצט דיעזער גוטער שכן?

— איך רעכען, אז ער איז אין פּאַריז.

— בעזוכט ער אייך?

— ניין. זייט ער האָט פערלאָזען דיעזען וואוינונג האָט ער מיך ניט בעזוכט.

— און וואו וואוינט ער יעצט?

— וואָרום פרעגט איהר עס, מיין הערר?

— ווייל איך קען איהם טהאָן אַ גרויסע טובה, איך ווייס אבער ניט וואו ער געפינט זיך.

— איך ווייס, אַז איהר זייט אַ גוטער מענש און איהר מיינט נור צו טהאָן גוטעס. איך קען אייך אבער ניט זאָגען זיין אדרעסע, ווייל עס איז אַ גרויסער סוד, וועלכען איך האָב פערשפּראָכען צו האַלטען הייליג.

— אבער דאָס איז פאַר זיין טובה.

— גענוג, איך וויל דעריבער ניט רעדען. פאַר קיין געלד אין דער וועלט וועל איך זיין אדרעסע קיין לעבעדיגען פּערזאָן ניט פערטרויען.

רודאָלף האָט זעהר לייד געטהאָן צו הערען דיעזען ענטשלוס פון דער איינציגער פּערזאָן, וועלכע קען איהם דעם סוד ענטדעקען. ער האָט אבער געהאָפט, דאָס ווען ער וועט מיט איהר בעסער בעפריינדעט ווערען, וועט ער פון איהר ערפאָהרען דאָס וואָס ער זוכט שוין אזוי לאַנגט.

— היער איז דער „טעמפּעל“ מיט אלע זיינע גרויסע געשעפטען, — האט פריי־ליין דיפּעלטאן געזאָגט און האט אויפגעוועקט רודאָלף׳ן פון זיינע מחשבות.

רודאָלף האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האט דערזעהן דעם גרויסען און פּרעכטיגען באַזאר מיט זיינע הונדערטע אבטהיילונגען און פערשיעדענע וועגען. דער „טעמפּעל“ איז אין גאנצען געווען געבויט פון האָלץ, ער וואר אבער זעהר גרויס און זעהר טיעף דאס קיין מענשליכע אויג האט געקענט אויפפאסען זיין גאנצען שטח. דער אריינגאנג אין טעמפּעל וואר איין ברייטער וועג און פון אריינגאנג ביז טיעף, טיעף אין הינטערגרונד ווארען וועגען און שטעגען, גאסען און עוועניוס, גלייך וויא דער טעמפּעל וואָלט געווען איין גרויסע און רייכע שטאָדט.

אין דיעזען טעמפּעל האט זיך געפונען אלעס וואס א מויל קען ריידען און א מענשליכע אויג האט אמאָל געזעהן. ביי יעדער אבטהיילונג זיינען געשטאנען דיא פערקויפער און האבען איינגעלאדען דיא פערבייגעהענדע צו זיך. רודאָלף האט בע־טראכט דיעזען טעמפּעל מיטביידע אויגען. איהם האט פעראינטערעסירט דיעזער באַזאר, דער אויסזעהן און דיא זיטען פון דיא פערקויפער. דיפּעלטאָן האט זיך אינ־טערעסירט מיט דיא פערשיעדענע אנטיקען און שעהנע זאכען וואס ווארען אויסגע־שטעלט רעכטס און לינקס.

דיא צוויי זיינען דורכגעגאנגען פיעל אבטהיילונגען ביז פריילין דיפּעלטאן האט זיך אָבגעשטעלט ביי א קראם און האט איינגעלאדען איהר בעגלייטער, ער זאָל בעטראכטען דיא וואארע, וואס זיינען דארט צום פערקויפען.

דיא בעזיצערין פון דיעזער קראָם איז געווען א געוויסע מאדאם באָווארד, א נוטע און עהרליכע פרוי, וועלכע האט ערנעהרט א פאמיליע און איז געווען בעליעבט זאָגאר ביי דיא איבריגע קרעמערקעס אין דיעזען באַזאר.

מאדאם באָווארד האט דיא צוויי קונדען אויפגענומען מיט דער געוועהנליכער העפליכקייט וואָס א קרעמער ציינט צום קויפער. פריילין דיפּעלטאן האט געהאט מעהר ערפאהרונג אין א ווירטהשאפט, אלס דער פרינץ, מיט וועלכען זיא איז געווען אין „טעמפּעל“ און דארום איז רודאָלף געבליעבען שטעהן אין פאָדערגרונד, וועהרענד דיפּעלטאן און דיא קרעמערקע זיינען אוועק אויסקלייבען דיא נויטהיגע זאכען פאר דער ארמער פאמיליע מאָרעל.

רודאָלף האט דערוויל בעטראכט דיא פערשיעדענע מעבעל און אנדערע ארטיקלען. איין שעהנער שרייב־טיש פון גוטען האלץ און א מייסטערהאפטע שניצונג, וואס וואר געמאכט נאך און אלטען, גאנץ אלטען געשמאק, האט צוגעצויגען רודאָלף׳ס אויפמערקזאמקייט. איבער דיא אויסגעשניצטע בלומען און פיגורען איז געשטאנען א

נעקינצעלטע קראָנע. וויא דער זיגעל פון אן אדעלמאַן, און אין דער קראָנע וואַרען איינגעקריצט דיא בוכשטאַבען .M. R. דער שרייב טיש האט אויסגעזעהן צו שטאַמען פון א רייכען, טיטולירטען אריסטאָקראַט און דארום האט איהם רודאָלף נאך ערנסטער בעטראַכט. דיא שעהנקייט פון דעם שרייב־טיש האבען איהם ארייגעגעבען דעם חשק צו עפענען זיינע קעסטעלעך און טהירעלעך אום צו זעהן וויא ער איז געמאַכט פון אינווענינ. אין איינע פון דיזע קעסטעלאך האט רודאָלף געפונען א פערשריבענעם פאַפּיער, וואָס וואר צוזאַמענגעלעגט וויא א בריעף.

רודאָלף האט דיזען אפענעם בריעף ארויסגענומען און האט דאָרט פאָלגענדעס געלעזען:

— מיין הערר, איהר זאָלט וויסען דאס נור דער שרעקליכער אונגליק וואס איז מיר בעפאַלען, צווינגט מיך איך זאָל צו אייך שרייבען דיזען געבעט-בריעף. ווען ניט יענער אונגליק וואלט איך מיינע צרות געטראָגען אין הארצען ביז דער טוידט וועט מיך בעפרייען. אבער מיין טאָכטער! מיין טאָכטער! וועגען איהר מוז איך עס טהאַן, זיא ווערט פערלאָרען, און איך אלס מוטער קען איהר אונגליק ניט פערשווייגען. איהר ווייסט דאך מיין הערר, דאס מיין ברודער איז פון צרות, פון שלעכטע געזעצטען און פון דיא דערנער, וואָס ער האט בעגעגענד אויף יעדען שריט, בעגאַנגען זעלבסטמאָרד! — צוריק מיט אכט חדשים האב איך ערהאלטען זיין לעצטען בריעף, אין יענעם בריעף שרייבט ער מיר אוים אלעס וואס איהם האט געטראָפען. צום שלום פון זיין בריעף שרייבט ער מיר פאָלגענדע ווערטער:

— ווען דוא וועסט לעזען דיזען בריעף וועל איך שוין ניט זיין צווישען דיא לעבעדיגע, דען איך האב בעשלאָסען צו שטארבען. איך וויל דיר אָבער דערצעהלען, דאס צוריק מיט אנדערהאלבען יאָהר האב איך פערקויפט דיין גאנצען פערמעגען פאַר דריי הונדערט טויזענד פראנק און האב דאס געלד פערבאָרגט צום אדוואָקאַט יעקב פערראנד, אויף ניין פראָצענט. איך האב איהם געזאָגט, אז דאס איז דיין געלד און צו יעדער צייט וואס דוא וועסט עס פערלאנגען זאל ער דיר דאס געלד אבגעבען. יעצט זאָלסט דוא פאָהרען נאך פאריז און צונעהמען דאס געלד. קיין וועקסעל, קיין שריפטליכען צייכען, האט ער מיר ניט געגעבען, ווייל דאס איז זיין זיטע ניט צו געבען קיין שריפט פאַר דאס געלד וואס ווערט איהם אנפערטרויט. יעקב פערראנד איז א צדיק און איין הויפטאָרענטליכער מאַן. זיין וואָרט איז בעסער וויא א וועקסעל. וויא דוא וועסט נור קומען נאך פאריז און וועסט איהם זאגען דיין נאָמען, אזוי וועט ער דיר אבגעבען דיין געלד מיט פראָצענט.

נאך דעם וויא איך האב געענדיגט מיין טרויער נאך מיין ברודער, בין איך

נעקומען אין פאריז, א שטאדט וואו איך האב קיין פריינד און קיין בעקאנטען, אויסער איך מיין הערר, וועלכען איך קען נור מיט'ן נאמען דורך דיא געשעפטען וואס איהר האט געהאט מיט מיין מאן. אלס איך בין געקומען צו יעקב פערראנד און האב איהם געזאגט מיין נאמען, איז ער מיך בעפאלען מיט זידלערייא און בעליידיגונגען. פון כעס האט ער געשימפפט און בעליידיגט מיין ברודער, זאגענדיג דאס מיין ברודער האט גאר ביי איהם געבארגט צוויי טויזענד פראנק און האט ניט בעצאהלט.

— נור, — האט ער געזאגט — וואס זאל עס מיך וואונדערן, א פערברעכער וואס קען זיך אליין ערמארדען, קען אויך זעהר לייכט בארגען און ניט בעצאהלען.

דיעזע רייד האבען מיך אויפגערעגט, ווייל מיין ברודער איז אין גאנץ פאריז געוועזען בעוואוסט פאר אן עהרליכען מאן, אויסער זיין זעלבסטמארד, האט ער קיין מענשען ניט בעריהרט. ער האט נאך זיך קיינע שולדען געלאזען, אויסער דעם חוב צו יעקב פערראנד, וועלכער איז אויך ניט מעהר וויא א בילבול. אין מיין כעס האב איך איהם געזאגט, אז ער קען אראפרעכענען דיא צוויי טויזענד פראנק, וואס מיין ברודער איז איהם שולדיג און דיא איבעריגע זאל ער מיר בעצאהלען. דאן האט ער מיך אנגעקוקט וויא איך וואלט געוועזען א משוגענע און האט צו מיר געזאגט:

— וואס, איהר קומט מיך אויספרובירען און בעשווינדלען מיט זאכען וואס זיינען פאר מיר א רעטעניש. וועלכעס געלד פערלאנגט איהר פון מיר? איהר מוזט טרוימען אדער פון מיר לאכען? אייער ברודער האט ביי מיר קיין געלד ניט בעהאלטען און האט פאר מיר קיין מאל אייער נאמען ניט ערוואהנט. איך האב ביי איהם קיין געלד ניט געבארגט. אין געגענטהייל, ער האט ביי מיר גענומען צוויי טויזענד פראנק און האט זיך ערלויבט צו שטארבען איידער ער האט מיר בעצאהלט.

דיעזע ערקלעהרונג האט מיך באלד אראפגעפיהרט פון זינען. איך האב גענומען שרייען און קלאגען איבער מיין אונגליק. יעקב פערראנד האט מיר אבער גאנץ קאלט געענטפערט, אז ער האט אין דעם קיין שולד. ער האט מיין געלד ניט אנגענומען און אויב איך זאג אמת, דאס איך האב געהאט אזא פערמעגען און מיין ברודער האט עס פון מיינטוועגען פערקויפט, האט מיין ברודער דאס געלד פערלארען אין זיינע שלעכטע און געהיימע געשעפטען. אלעס וואס ער האט געשריעבען איז ליגען. „אדרבה וואו איז דער וועקסעל וואס איך האב איהם געגעבען?“ — האט ער מיר געפרעגט.

איך קען אייך ניט שילדערען דעם איינדרוק פון דיעזען אנטווארט. ער האט פאר מיר בעליידיגט מיין ברודער, וועלכען איך האב געקענט פאר איין עהרליכען און בראווען מאן. איך האב געשריען, פראטעסטירט איך האב פערשטאנען, אז מיין

ברודער האט דיא ווארהייט געשריעבען; נור ער, יעקב פעררואנד, וויל מיר פערלייר קענען דאס געלד און דארום מאכט ער אזעלכע בילבולים. אבער פעררואנד וואר זעהער קאלט און האט מיר געהייסען פערלאסען זיין הויז, מיט דער ערקלעהרונג, דאס אויב איך וויל ערפאהרען דעם אמת, אויב איך ווינש גערעכטינקייט זאל איך איהם פערקלאגען אין געריכט און זאלען דיא ריכטער פון שטאדט אורטהיילען צווי־שען אן עהרליכען מאן, וואס איז זייט דרייסיג יאהר בעקאנט און בעוואוסט פאר זיין עהרליכקייט, און א ניעדערטרעכטיגען מענשען וואס האט פערלארען זיין געלד דורך אונעהרליכע געשעפטען און איז צום סוף בעגאנגען זעלבסט־מארד — א פערברעכען נעגען גאט און לייט.

אבער, האט ער מיר אם ענדע געזאגט, — עס איז בעסער איהר זאלט רוהיג און געדולדיג איבערטראגען דעם שיקזאל אין וועלכען קיינער האט קיין שולד, אויסער אייער אייגענער ברודער, איידער צו מאכען א פראצעס דורך וועלכען דעם ברודערס נאמען וועט ווערען אויף אייביג צו שאנד און שפאט, און וועט אייך קיינע נוצען ניט ברענגען.

מיט א צובראכענעם געמיטה בין איך אוועק פון אדוואקאטס הויז. מיין גאנצע האפנונג איז פערלארען געגאנגען און איך האב ניט געוואוסט וואוהין זיך צו ווענדען. קיין בעווייז, קיינע עדות האב איך ניט געהאט; געלד צו דינגען אן אד־וואקאט האב איך אויך ניט. איך בין איין פערלאסענע און אן אונגליקליכע, דארום ווענדע איך זיך צו אייך און בעט מיטלייד פאר מיר און פאר מיין טאכטער....

היער האט זיך דער בריעף געענדיגט. דען דיא אונגליקליכע האט איהם, וויא עס ווייזט אויס געלאזען אין מיטען שרייבען. אין בריעף האט זיא ניט געשריבען צו וועמען זיא שרייבט איהם, און האט אויך ניט אונטערגעשריעבען איהר נאמען. נור אויף א ברעג פון דיעזען בריעף זיינען געשטאנען דיעזע ווערטער: „צו שרייבען צו דער הערצאגין פאן לוסעני.“

רודאלף האט געהאט פערשיעדענע געדאנקען איבער דיעזען בריעף. ער האט פערשטאנען, דאס א דאמע פון הויכען שטאנד האט דיעזען בריעף פערפערטיגט צו שיקען צו א רייכען און בעוואוסטען מאן, נור זיא האט איהם ניט געשיקט, ווייל זיא האט זיך געשעמט. אבוואהל עס ווארען קיינע בעווייזע צו איבערצייגען פעררואנד'ס רויבעריי, דאך האט רודאלף געגלויבט, אז דיא פרוי שרייבט דיא וואהרהייט. רו־דאלף האט שוין גוט געוואוסט, וואס פאר א חיה דער צדיק פעררואנד איז. רודאלף'ן האט לייד געטהאן, ווארום ער וויים ניט ווער דיעזע אונגליקליכע איז. ער האט אבער בעשלאסען צו ערצעהלען פון דיעזען בריעף דער מארקיזין דע הארוויל, וועלכע

איז בעפריינדעט מיט דער הערצאָגין פאָן לוסעני, פיעללייכט וועט זיא קענען אויס־געפינען ווער דיא אונגליקליכע איז.

ווערהרענד ער האט אזוי געטראכט איז פריילין דיפעלטאָן געקומען מיט דער קרעמערקע און האט געמאָלדען, אז זיא האט שוין אלעס בעשטעלט, יעצט זאָל ער בעצאָהלען דאָס געלד.

— זעהר שעהן, — האט רודאָלף געענטפערט — יעצט ליעבעס פריילין, געהט אין קליידער־האנדלונג און בעשטעלט קליידער פאר דער גאנצער פאמיליע, איך וועל דא אויף אייך ווארטען.

— זעהר אנגענעהם, — האט דיפעלטאן געענטפערט און איז אוועק אין קליידער־געשעפט, ווערהרענד רודאָלף איז געבליבען מיט מאדאם באָווארד.

— וואָס קאָסטען דיא זאכען וואס מיר האבען ביי אייך געקויפט ? — האט רודאָלף דער קרעמערקע געפרעגט.

— דריי הונדערט פראנק. איך שווער אייך ביי גאָט, אז מעהר וויא פופצעהן פראנק פערדיען איך ניט, דען איך האב אויך בעצאָהלט גוטעס געלד צו אן אלמנה פון רייכען שטאנד, וועלכע האט פערלאָרען איהר פערמעגען און איז געווען געצוואונ־גען צו פערקויפען איהר ווירטהשאפט אום צו ערנעהרען זיך און איהר טאָכטער.

— האט איהר, דיעזען שרייב־טיש אויך פון איהר געקויפט ? — האט רודאָלף געפרעגט.

— יא, מיין העדר. אָה, מיין הערץ טהוט מיר וועה, ווען איך עראינער מיך דיא ארמוטה און דיא שרעקליכע לאגע פון יענער אונגליקליכער. צוריק מיט דריי טעג איז זיא אהער געקומען און מיט א שעמעדיגען פנים האט זיא מיך געפרעגט, אויב איך וועל ביי איהר קויפען מעבעל, בעטציינ, און געשיר. איך האב איהר גע־געבען צו פערשטעהן, אז דאס איז מיין געשעפט און זיא האט מיך גענומען צו איהר אין הויז. עס וואר אן ארמע קליינע הויז, דאָרט האב איך בעסער בעטראכט דיעזע ארמע פרוי. זיא איז נאך א גאנץ יונגע דאמע, אין איהר געזיכט קען מען זעהן, אז זיא איז פון א רייכע פאמיליע, א קינד פון אן עדעלמאן. דאָרט האב איך אויך גע־זעהן איהר צערטליכע טאָכטער, וועלכע איז איינע פון דיא שעהנסטע קינדער וואס איך האב אין מיין לעבען בעגעגענד. וויפיעל דיא ארמע פרוי האט פון מיר פערלאנגט פאר איהר ווירטהשאפט האב איך איהר בעצאָהלט. אויך דיעזען שרייב־טיש האב איך ביי איהר געקויפט. ווען איך האב בעצאהלט פאר'ן שרייב־טיש, האט דאס יונגע פריילין אָנגעפאנגען צו וויינען און איהר מוטער האט אויך געוויינט. איך האב ניט געקענט זעהן דיעזע טרויעריגע סצענע. איך האב בעצאהלט און בין אוועק.

— וויא רופט מען יענער אונגליקליכע פרוי? — האט רודאָלף געפרעגט.

— איך ווייס ניט.

— און וואו וואוינט זיא?

— דאס ווייס איך אויך ניט, דען ווען איך בין געקומען מיט א וואָגען צונעה־מען דיא זאכען האב איך זיי שוין דאָרט ניט געפונען און דער הויזקיפער האט מיר געזאָגט, אז זיי האבען איהם ניט געגעבען דעם אדרעס פון זייער נייע וואוינונג. יא, איך האב מיך עראינערט, דיא טאָכטער פון דיעזער אונגליקליכער אלמנה, הייסט קלארא, דען אזוי האט איהר מוטער זיא גערופען.

רודאָלף האט זיך ענטשלאסען אויפצווזכען דיעזע אונגליקליכע. ער וואר זיכער, דאס דורך דעם נאָמען לוסעני, וואס וואר אויפ'ן בריעף און דורך דעם נאָמען קלארא, וועט ער מיט דער צייט אויסגעפינען ווער איז דיא אונגליקליכע פרוי, וואָס האט אזא שרעקליכע קלאגע געגען יעקב פערראנד.

— היער איז דאס געלד פאר דיא זאכען, — האט רודאָלף געזאגט געבענדיג דריי הונדערט פראנק — יעצט בעט איך אייך צו זיין אזוי פריינדליך און שאפען א פוהר וואס זאל דיעזע זאכען פיהרען צו מיר אין הויז, אין נומער 17 טעמפעל שטראסע.

— נומער 17 טעמפעל שטראסע? אָה, אין דיעזען הויז בין איך אייניגע מאָל געוועז. איין מאל האב איך דאָרט געקויפט זאכען און הויזגעשיר פון אן אלטע פרוי, וועלכע מען רופט בורעט, און א צווייטען מאָל בין איך דאָרט געוועז צוריק מיט זעקס וואָכען, איך האב אבגעקויפט דיא ווירטהשאפט פון א יונגען מאן, וואס האט גע־וואוינט אויפ'ן 4טען עטאזש.

— איז ניט דעם יונגענמאנ'ס נאָמען יוסף דזשערמאן? — האט רודאָלף געפרעגט.

— יא, דאָס איז זיין נאָמען, איהר קענט איהם?

— ער איז מיינער א פריינד. ליידער ווייס איך ניט, וואו איהם צו געפינען.

— אָה, איך קען אייך זאָגען זיין אדרעסע.

— איך וועל אייך געוויס דאנקבאר זיין, מיין דאמע, — האט רודאָלף מיט א בעהאלטענער שמחה געזאגט.

— ער ארבייט ביי אן נאָטאריוס מיט'ן נאָמען יעקב פערראנד אין סענטיער שטראסע.

— זאָ, ביי יעקב פערראנד, אין סענטיער שטראסע! — האט רודאָלף איבער־געפרעגט מיט א בעהאלטענע איבערראשונג — און וויא ווייסט איהר עס?

— צוריק מיט זעבצעהן טעג איז דיעזער יונגער מאן געקומען קויפען א בעטעל,

א טישעל און א בענקעל. ווען ער האט מיר בעדארפט בעצאָהלען האט ער געפונען, אז ער האט קיין געלד אין זיין טאשע. דאן האב איך איהם געזאָגט, אז ער קען נעהמען דיא זאכען און זאָל מיר געבען זיין אדרעסע, וועל איך צו איהם קומען נאך דאָס געלד. ער האט מיר געהייסען קומען אין סענטיער שטראַסע, אין יעקב פער־ראנד'ס הויז. איך בין אהין געקומען און ער האט מיר בעצאָהלט.

רודאָלף'ס הערץ איז געוואָרען פאל מיט פריידע, ווען ער האט אונערוואַרטעט ערפאהרען דיא אדרעסע פון דעם יונגען מאַן, וועלכען ער זוכט אזוי לאַנג. ער האט זיך פאָרגעשטעלט וויא גליקליך ער וועט מאכען דער מאדאם געאָרג, ווען ער וועט זיא ברענגען צו איהר איינציג קינד.

38טעם קאַפּיטעל.

ד ע ר א ַ ר ע ס ט.

— איך האב אייך געזאגט מיין פריינד, — האט פרייליין דיפעלטאַן געזאָגט מיט א ברייטען געלעכטער, ווערענד זיא איז צוריקגעקומען פון קליידער־געשעפט — איך האב אייך געזאגט, אז דא וועט עס קאָסטען ביליג. איך האב אין גאַנצען אויס־גענעבען זעקס הונדערט פראנק און דיא ארמע מאַרעלס וועלען האבען אלעס וואָס זיי דארפען. זעהט דיא ווירטהשאַפט, קוקט אָן, אלעס צוזאמענגעפּאַקט, צוזאמענ־געלייגט, קיין זאך פעהלט פאר דער בעסטער בעל־הבית'טע. אָבער ווייסט איהר וויפיעל צייט דאס האט גענומען, גאנצע דריי שעה. בעצאָהלט ליעבער שבן און נאָמיר שנעל געהן. עס איז שיין מיטטאג צייט און מיין נאָדעל ליעגט נאך רוהיג אין איהר אָרט.

רודאָלף האט בעצאָהלט און האט בעגלייטעט דער פרעהליכער דיפעלטאַן צוריק צום נומער 17.

וויא דיא צוויי זיינען געקומען צום טויער פון הויז, האבען זיי בעגעגענט מאַ־דאם פּיפּעלעט וויא זיא לויפט און ברעכט דיא הענד און רייסט זיך דיא האאר פון קאָפּ.

— וואָס איז אייך געשעהן, מאַדאם פּיפּעלעט? — האט דיפעלטאַן געפרעגט — וואוהין לויפט איהר?

— אָה, איהר זייט עס, טאָכטער! — האט דיא הויזקיפּערין אויסגעשריען — נאט האט אייך אהער געשיקט איהר זאלט רעטען מיין מאַן פון טוידט.

— ווער, וואס איז מיט איהם געשעהן?

— מיין ליעבער מאַן איז פּלוצלינג געפאלען אין אונמאכט! לויפט שנעל, מיין טהייערע און קויפט איהם אביסעל שנאַפּס; דאס איז אימער זיין רפואה ווען דער

בויך טהוט איהם וועה. ערבארעמט אייך, לויפט שנעל אי! שענק איך וועל געהן צוריק צו מיין מאן. אָה, איך געה אראָפּ פון זינען!

דיפּעלטאָן איז באלד אוועק קויפען דעם שנאַפּס.

— אָבער וואס איז מיט אייער מאן פּלוצלינג געשעהן? — האט רודאָלף גע פרעגט ווען ער איז געקומען צום שוועל.

— איך ווייס אויך ניט. איך בין אוועק אין שטאָדט צו פערזאָרגען זיין ארבייט, אלס איך בין צוריקגעקומען, אָה, וואס האב איך געפונען! מיין אלפערד ליעגט אויס געשפּרייט אויף אלע פיער! אט זעהט נור מיין הערר, זעהט! — ריידענדיג האט זיא געעפענט דיא טהיר — זעהט קען אַ מענש איבערטראָגען אזא שרעקליכע בילד?

דאס בילד וואר ווירקליך שרעקליך. פּיפּעלעט זיצט אויף דער ערד, זיין קאָפּ איז אנגעלעהנט אויפ'ן בעט און זיין היטעל איז אויף זיין קאָפּ, וויא געוועהנליך, זיינע אויגען זיינען איבערגעקעהרט און דיא הענד ווארפט ער אין אלע זייטען, אזוי וויא איינער וואָס שלאָגט זיך מיט אַ פיינד.

— ער קומט אביסעל צו זיך! — האט זיין פרוי אויסגערופען — וואס איז דיר געשעהן ליעבער מאן? פאר ווער'מען האסט דוא מורא? זעהסט דוא ניט, אז דיין געטרייע ווייב שטעהט נעבען דיר? באלד מיין מאן, באלד וועל איך דיר אריינטרי־פען אביסעל שנאַפּס אין מויל און דיינע וועהטאָגען וועלען געהיילט ווערען.

אלפערד האט ארויסגעלאָזען אַ קרעכץ פון טיעפען הערצען, און מיט אַ זיפץ וואָס צוברעכט דאס הערץ האט ער ארויסגערעדט דעם נאָמען „קאַבריאָן!“

— קאַבריאָן! — האט דיא ערשראָקענע פרוי געשריען מיט אלע כחות — דיעזער פערפלוכטער מאלער האט שוין ווידער אָנגעפאַנגען זיין ארבייט? הייטיגע נאכט האט זיך מיין מאַ געחלומ'ט, אז קאַבריאָן רייסט זיינע האאר און ער האט פון שלאָף געמאכט אַזעלכע געוואלדען, דאס דיא פיער ווענד האבען געציטערט. יעצט איז ער געקומען אויפ'ן וואהר. אָה, גוטער רודאָלף, מיין אלפערד איז אַ זינדיגער מענש, וואס ווערט געשטראָפט אויף דער וועלט און קאַבריאָן איז דער טייוועל, וואס גאט האט געשיקט צו נעהמען רעכענונג פון מיין מאַן.

רודאָלף האט פערשטאַנען, אז יענער מאלער, וואָס וואר דיפּעלטאַנס שכן, האט געמאכט אַ נייעם וויץ מיט דעם נאררישען הויזקיפּער.

— ענטפער מיר ליעבער אלפערד, ענטפער מיר נור, וואָרום שרעקסט דוא זיך אזוי פיעל פאר דיעזען פערפלוכטען מאלער. וואָרום דארפסט דוא וויא טאג אזוי נאכט טראכטען נור פון דיעזען שד? דוא ווייסט דאך, אז יעדעס מאל וואס דוא ערינערסט זיך אויף איהם פאלט דיר אן אַ בויך־וועהטאָג.

— קאַבריאַן! — האָט אלפערד ווידער געקרעכצט און האָט מיט שרעקליכע אויגען נעקוקט אין אלע זייטען.

דיא טהיר האט זיך געעפענט און פריילין דיפעלטא האט געבראכט דעם שנאַפּס.

— היער מיין אלטער — האט דיא הויזקיפּערין געזאָגט — היער האסט דוא דיין רפואה, טרינק נור אביסעלע און דיר וועט ליכטיג ווערען אין דיא אויגען. ריידענ־דיג האט זיא צוגעלענט דאָס גלאָז צו איהר מאַנס ליפּען. פּיפּעלעט האט זיך גע־וואָלט אויסרייסען, אבער זיא האט איהם א חאַפּ געטהאן מיט איין האנד פארן קאָפּ און מיט דער צווייטער האנד האט זיא איבערגוואַלד אריינגעהאַקט דאָס גלאָז צווישען זיינע צייהן ביז דער שנאַפּס האט זיך אריינגעגאָסען אין זיין האלז און ער האט עס אראָפּגעשלונגען.

דער שנאַפּס האט ווירקליך געהאט א גוטען ערפאָלג. אלפערד האט באלד געעפענט דיא אויגען און האט זיך געשטעלט אויף דיא פיס און האט געפרעגט:

— האט איהר איהם געזעהן?

— ועמען? — האט זיין פרוי געפרעגט.

— איז ער שוין אוועק?

— ווער?

— קאבריאַן! — האָט אלפרעד געענטפערט און איז ווידער געוואָרען א צו־מישטער.

— איז מאָנסיו קאבריאַן דאָ געוועזן? — האָט דיפּעלטאָן געפרעגט און האט זיך קוים איינגעהאלטען פון געלעכטער.

— דיעזער אונמענש פערפאָלגט און מאַטערט מיין ליעבען אלפערד, — האָט דיא הויזקיפּערין געענטפערט — אך, ווען איך מיט מיין בעזים וואָלטען נור דא געוועזן! אבער דערצעהל מיר ליעבער אלפערד, דערצעהל, וויא אזוי איז דאָס אונגליק גע־שעהן?

אלפערד האט געגעבען א צייכען, אז ער וויל דערצעהלען און אלע אנוועזענדע האָבען אנגעשטעלט זייערע אויערען.

— דיא חלומות וואס איך האב דיעזע נאכט געהאט האבען ניט געלייגט, — האט אלפערד אנגעפאנגען — א גאנצע נאכט האב איך געזעהן דעם שד פאר מיינע אויגען, היינט, וויא איך האב מיך נור געזעצט אויפ'ן בענקעל, דאן ווען מיין זאהן איז אוועק אין גאס האב איך דערהערט טריט. איך ווייס ניט אויב דאָס הארץ האט

מיר געזאָגט אדער עס וואר א צייכען פון הימעל, וויא איך האָב דערהערט דיא טריט, אזוי בין איך געוואָרען א פערציטערטער. איך האב א קוק געטאָהן אין פענסטער, און אה ווער איז מיר! וואס זעה איך? זיין בילד שטעהט פאר מיינע אויגען—

— טאקע זיין בילד, קאבריאָן'ס בילד? — האט דיא פרוי געפרעגט און האט פערבראָכען מיט דיא הענד.

— יא, זיין בילד, — האט אלפערד געענטפערט — זיין העסליבעס געזיכט האב איך געזעהן דורך'ן פענסטער און ער האט מיך אנגעקוקט מיט זיינע טיגערשע אויגען. איך האב געוואָלט עטוואס זאָגען, אבער מיין מויל האט זיך צוגעשלאָסען; איך האב געוואָלט אויפשטעהן, אבער איך בין צו מיין אָרט געווען צוגעשמידט. דער שוך איז ארויסגעפאלען פון מיין האנד און בין געווארען וויא א געלעהמטער. פלוצלינג זעה איך וויא דיא טהיר עפענט זיך און קאבריאָן איז אין הויז אריין. גאנץ לאנגזאם, טריט ביי טריט איז ער געגאנגען און האט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע גיפטיגע אויגען. ביי יעדען שריט וואס ער האט געמאכט האט ער זיך א וויילע אפגעשטעלט און האט אויף מיר אנגעשטעלט זיינע אויגען, וויא א שד וואס געהט איינשלינגען א מענשען. איך זיץ אויף מיין ארט וויא א צוגעשלאָגענער און ער געהט אלץ נעהענטער. ווען ער איז שוין געווען גאנץ נאָהענט נעבען מיר, האב איך זיך ניט געקענט איינהאלטען און האב צוגעמאכט מיינע אויגען איך זאל דעם מלאך־המות ניט דארפען אנקוקען; אבער איך הער וויא ער נעהמט מיין היטעל און טהוט זיא אויס פון מיין קאָפּ. א קעלט, א קדחת איז דאן מיך בעפאלען. איך האב געצאפּעלט מיט דיא הענד און פיס און ער, דער אונמענש, האט ארומגענומען מיין קאָפּ און האט א קוש געטהאן מיין קאלטען, נאסען שטערען. אָה, ווער איז מיר. מיין פיינד, וועלכער האט מיך א לאנגע צייט נאָכגעיאָגט איך זאָל איהם געבען א האאר פון מיין קאָפּ האט מיך געקושט! דיזער קוש האט פון מיר ארויסגענומען מיין לעצטע ביסעל קראפט. דאן האט ער ווידער אנגעטהאָן מיין היטעל אויף מיין קאָפּ און האט זיא אזא דריק געטהאן, דאס זיא איז אריבער מיינע אויגען. איך בין באלד געפאלען מיט'ן פנים צו דער ערד און דער שד האט זיך ארויסגערוקט פון הויז.

פיפעלעט האט ערצעהלט זיין ערצעהלונג מיט אזא ריהרענדען קול, מיט אזוי פיעל מורא און ציטערנים, דאס דיפעלטאָן האט זיך ניט געקענט איינהאלטען פון געלעכטער און דארום האט זיא זיך ארויסגערוקט פון הויז. רודאָלף האט זיך אבער בעהערשט און האט אויסגעהערט דיא שילדערונג מיט געדולד.

עס האט לאנג ניט גענומען און פריילין דיפעלטאָן איז צוריק אריינגעלאָפען אין הויז און האט אויסגעשריען:

— ווער, ווער, מאנסיו רודאלף, דאס גאנצע הויז איז ארומגערינגעלט מיט פאליציסטען.

— גאט האט מיך דאך ניט פערלאזען, — האט אלפערד געזאגט — זיי זיינען געקומען פערהאפטען דעם גזלן קאבריאן, ליידער זיינען זיי צו שפעט געקומען.

א פאליציי־אפיצער איז באלד אריין אין הויז. דעם אפיציער'ס געזיכט האט אויסגעדריקט פריינדשאפט, גוטהערציגקייט און עהרליכקייט.

— מיין העדר, — האט אלפערד פיפעלעט צום אפיצער געזאגט — איהר האט זיך פערשפעטיגט; דער רויבער איז אנטלאפען, אבער איך וועל אייך אפמעלען זיין געזיכט.

— ווער איז עס דער מערדער? — האט דער אפיצער געפרעגט.

— קאבריאן! ווען איהר וועט איהם נאכיאגען וועט איהר איהם נאך חאפען, — האט דער הויזקיפער געענטפערט.

— איך זוך ניט אזא מאן, — האט דער אפיצער געענטפערט — זאגט מיר נור וואוינט ביי אייך א דיאמאנטען שלייפער, וועלכער הייסט מארעל.

— יא, מיין העדר, — האט דיא הויזקיפערין געענטפערט.

— פיהרט מיך אין זיין הויז, — האט דער פאליציי־אפיצער געבעטען.

— אין זיין הויז? — האט דיא הויזקיפערין געפרעגט — ער איז דאך אן ערענט־ליכער מאן. ער האט אויף זיין לעבען קיינעם קיין בייז ניט געטהאן.

— פיהרט מיך אין זיין הויז! — האט דער אפיצער בעפוילען און דיא הויזקי־פערין האט איהם געוויעזען דעם וועג. מאדאם פיפעלעט איז געגאנגען פאראויס און דער אפיצער פון הינטען. פלוצלינג האט דער אפיצער בעמערקט, אז רודאלף און דיפעלטאן געהן איהם אויך נאך. ער האט זיך אפגעשטעלט און האט גע־פרעגט:

— ווער זייט איהר? וואס טהוט איהר דא? ווארום געהט איהר מיר נאך?

— מיין העדר, זיי ביידע וואוינען אין דיעזען הויז אויפ'ן אויבערשטען עטאזש, האט מאדאם פיפעלעט ערקלעהרט.

— דאן בעט איך אייך אום פערצייאונג, — האט דער אפיציער גאנץ העפליך געבעטען — איך האב ניט געוואוסט, אז איהר וואוינט אין דיעזען הויז.

רודאלף האט דערזעהן דעם אפיצערס העפליכקייט און אויך דיא גוטמיטהיג־קייט אויף זיין געזיכט, דארום איז ער צו איהם נעהענטער צוגעגאנגען און האט געזאגט:

— מיין העדר, אין מארעלס הויז וועט איהר געפינען אן ארמען אונגליקליכען

פאמיליען־פאטער וואס זעהט מיט דיא אויגען וויא זיינע ליעבע קינדער געהן אויס פון הונגער. דיעזע נאכט איז ביי איהם געשטארבען א קינד פון הונגער און קעלט.

— אמת, עס איז אמת, — האט דיא הויזקיפערין בעמערקט — ווען ניט דיעזער ערעלער הערר, וואס דערצעהלט אייך דיא ווארהייט, וואלט מארעל שוין געזעסען איינגעשלאסען וויא א פערברעכער, און זיינע קינדער וואלטען שוין געווען טויט פון הונגער.

דער אפיציער האט רודאלף'ן בעטראכט פון קאפ ביז דיא פיס.

— עס איז וואהר, דאס איך ווער דיא אורזאכע פון מארעלס הילפע. א רייכע פערזאן, פאר וועלכע איך האב דערצעהלט, וויא אזוי מארעל פלאגט זיך און וויא אזוי ער האט געארבייט אום צו בעצאהלען א חוב, דיעזע פערזאן האט מיר געגעבען דאס געלד איך זאל אויסקויפען דעם אונגליקליכען פון געפענגניס.

— דער אפיציער האט נאך אמאל בעטראכט רודאלפ'ס געזיכט און האט געענטפערט:

— איך צווייפעל ניט, אז איהר זאגט אמת, איך גלויב, אז מארעל איז אן עהרליכער מאן. עס טהוט מיר זעהר לייד, דאס איך בין געשיקט געווארען צו פערהאפטען זיין עלטערע טאכטער לואיזע.

— רודאלף האט זיך עראינערט וועגען דאס געלד, וואס לואיזע האט געבראכט אווסצעלעזען איהר פאטער און ער האט באלד געפרעגט:

— פאר וועלכען פערברעכען ווילט איהר זיא פערהאפטען?

— מען האט א חשד, אז זיא האט ערמארדעט א קליין קינד. מיר טהוט זעהר לייד צו זיין דער שליח, וואס וועט מוזען פערשאפען צרות איהר עהרליכען פאטער; אבער איך מוז טהאן וואס מען הייסט מיר.

— איז דאס נור א חשד? וויס מען עס נאך ניט אויף זיכער? — האט רודאלף געפרעגט.

— יא, דיא ריכטער וויסען אלע איינצעלהייטען פון דעם מארד. אן עהרליכער און בעגלויבטער מאן האט עס ענדעקט. דער מאן ביי וועמען לואיזע האט געדיענט האט דעם מארד אנגעצייגט.

— איז זיין נאמען יעקב פערראנד, דער נאטאריוס? — האט רודאלף געפרעגט.

— יא. דיעזער נאטאריוס איז בעוואוסט פאר אן עהרענמאן, — האט דער אפיציער געענטפערט.

— יעקב פערראנד איז א לומפ, א באנדיט א היפאָקראט און א מענשענ־פרעסער! — האט רודאָלף אויסגעשריען.

— וויא איך זעה קענט איהר ניט דעם נאָטאריוס, — האט דער אפיצער גאַנץ קאַלט געענטפערט — יעקב פערראנד איז אן עהרליכער אנשטענדיגער מאן. זיין עהרליכקייט און פרומקייט איז דאָך בעריהמט איבער גאַנץ פאַריז.

— איך זאָג אייך נאך אמאל, אז פעררנאד איז א ניעדערטרעכטיגער אונמענש. ער האט געוואלט פערהאפטען דעם פאטער, וויל האט ניט געוואָלט נאָכגעבען זיין ליידענשאפט. און וויל ער האט דאס פארמסר׳ט דער ארמער לואיזע, דארום בין איך זיכער, אז זיא איז אונשולדיג, — האט רודאָלף מיט פערדרוס גע׳טענה׳ט.

— איך בין אהער ניט געקומען צו דיספוטירען, — האט דער אפיציער גאַנץ רוהיג געענטפערט — איך בין געקומען אויסצופיהרען דעם בעפעהל פון דער רעגירונג און פערהאפטען מאָרעל׳ס טאָכטער. דיא ריכטער וועלען דארפען אורטהיילען ווער עס איז שולדיג און ווער עס איז אונשולדיג.

— פערצייעט מיר מיין הערר, — האט רודאָלף צום אפיציער געזאגט — פערצייעט מיר ווארום איך האב אנגעפאנגען א געשפרעך, וועלכער איז ניט אין צייט. איך וויל אייך נור בעטען, איהר זאָלט ניט שמידען דאָס קינד פאר איהר פאָטער און מוטערס אויגען. פיעלע שרעקליכע געדאנקען, פיעלע אונערטרעגליכע צרות האט איהר פאטער דיעזע נאכט דורכגעמאכט. ווען ער וועט דארפען צוזעהן וויא זיין טאכטער ווערט געשמידט קען ער אראפ פון זינען. דיא צייכענס פון וואהנזין זעהט מען אויף זיין געזיכט פון דער מינוט וואס זיין קינד איז געשטאָרבען פון הונגער. זיין פרוי, לואיזעס מוטער ליעגט אויפ׳ן קראנקען בעט, זיא וועט געוויס שטארבען, ווען זיא זאָל זעהן וויא איהר טאָכטער ווערט געשמידט. אין גאטעס נאָמען בעשווער איך אייך, ערבארעמט אייך איבער דעם אונגליקליכען פאָטער און דער קראַנקער מוטער און געהט ניט אריין אין מאָרעלס הויז. זיצט דאָ אין דעם צימער, וואָס בע־לאַנגט צו יענער פרייליין, לואיזע וועט צו אייך גערופען ווערען און דאָרט קענט איהר זיא ארעסטען —

— איך וועל עס געדען טהאן, — האט דער אָפיציער געענטפערט.

ווערענד רודאָלף האָט מיט׳ן אָפיציער געשפראָכען זיינען דיפעלטאָן און פי־פעלעט געשטאנען פון וויטען און האבען ניט געהערט וואס דיא צוויי שפרעכען. רודאָלף איז צוגעגאנגען צו פרייליין דיפעלטאן און האט איהר געבעטען דיא ערלויב־ניס צו זיצען א ווייל אין איהר צימער.

— מיט׳ן גאַנצען הארצען, — האט דיפעלטאָן געענטפערט — היער איז דער

שליסעל. נור זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואס פאר א נייער אונגליק האט יעצט געטראָפען דעם אונגליקליכען מאָרעל?

— איך וועל אייך אַלעס ערצעהלען, — האט רודאָלף געענטפערט — איך וויל אייך נור בעטען, איהר זאָלט גלייך געהן צוריק צום „טעמפעל" און זאָגען דאָס דיא זאכען זאלען אהער ניט געשיקט ווערען ביז פאר נאכט.

— איך טהו עס זאָפאָרט; נור איך בעט אייך, זאָגט מיר וואס האט שוין ווידער געטראָפען מיט דיעזער אונגליקליכער פאמיליע?

— דאס אונגליק איז זעהר גרויס. איך וועל עס אייך שפּעטער ערצעהלען. פארלויפיג געהט, פערזאמט קיין מינוט.

דיפּעלטאָן איז אוועק צום „טעמפּעל". רודאָלף האט זיא אוועקגעשיקט אום זיא זאל ניט בייוואוינען דיא שרעקליכע סצענע.

מאדאם פּיפּעלעט האט געבעטען ערלויבניס צו געהן צו איהר מאן, וועלכער איז נאך וואהנזיניג פון שרעק און זיא איז אוועק. רודאָלף און דער אפיציער זיינען געבליבען שטעהן אויף זייער שטעלע צו בעטראכטען זייער פּלאן.

פלוצלינג האט זיך דיא טהיר פון מאָרעל'ס הויז געעפענט און לואיזע האָט זיך פון הויז ארויסגעריסען. איהר געזיכט וואר בלאס וויא דער טויט און זייענדיג פער־צווייפעלט האט זיא געשריען:

— לעב וואהל, ליעבער פאטער! לעב וואהל. יעצט מוז איך געהן, איך וועל אבער באלד צוריקומען.

— לואיזע, מיין טאָכטער! — האט מאָרעל געשריען נאכלויפענדיג זיין קינד איהר אבצוהאלטען זיא זאל ניט געהן. ער האט זיא אָנגעיאָגט און גענומען ביי'ן האנד, נור וויא ער האט דערזעהן דעם פּאליצייאָפיציער און רודאָלף'ן שטעהענדיג פאר זיך האט ער צו רודאָלף'ן געזאָגט:

— רודאָלף מיין הערר, איהר זייט דאך מיין ערלעזער און בעפרייער פון דיא גרעסטע שמערצען, איך בעט אייך, העלפט מיר יעצט צוריקצוהאלטען מיין טאכטער, וועלכע וויל דורכאויס אוועקגעהן. אָה איך האב מורא, אז זיא וויל צוריקגעהן צו איהר טיראנישען און אונמענשליכען הערשער.... אָה, זאָג מיר טאָכטער וואוהין לויפסט דוא? וואָס זוכסט דוא? ווארום ווילסט דוא פון מיר אנטלויפען?

רודאָלף'ס הערץ איז צובראָכען געוואָרען פון מאָרעלס ביטערע רייד, ער האט קיינע קרעפטען געהאט צו ענטפערען, נור דער פּאָליציסט האט זיך געווענדעט צו דאס מעדכען און האט געפרעגט:

— זייט איהר עס לואיזע מאָרעל?

— יא, דאָס בין איך, — האט לואיזע געענטפערט און האט זיך געטרייסעלט פון שרעק.

רודאָלף האט מעהר ניט געקענט איינשטעהן אויפ'ן פּלאַץ. ער האט גלייך געעפענט דיפּעלטאַנ'ס צימער און איז אהין אריין.

— און איהר זייט מאָרעל, דער דיאמאנטען שלייפער? — האט דער אפיציער דעם טויט־בלאסען פאטער געפרעגט.

— יא מיין הערר, איך בין עס, אבער —

— קומט איהר מיט מיר אריין אין דיעזען צימער, — האט דער אָפיציער באלד געזאָגט און האט אנגעוויעזען דיפּעלטאַנ'ס צימער אין וועלכען רודאָלף איז אריינגעגאנגען.

זעהענדיג, אז רודאָלף איז אויך אין דעם צימער איז מאָרעלס הארץ אבי־סעל רוהיגער געוואָרען און ער איז מיט זיין טאָכטער אהין אריין. דער פּאָליציי־אָפיציער האט צוגעשלאָסען דיא טהיר און אין א ניעדעריגען קול האט ער געזאָגט:

— איך ווייס, אז מאָרעל איז אן עהרליכער ארבייטער, איך ווייס אויך, וועלכע אונגליקען איהר האט דורכגעמאכט און עס טהוט מיר זעהר לייד איך צו מעלדען, אז איך בין געשיקט צו פערהאפטען אייער טאכטער לואיזע.

— אָה מען האט ערפאהרען! — האט לואיזע אויסגעשריען און איז געפאלען אין איהר פאטער'ס ארם — וועה איז מיר איך בין פערלאָרען.

— וואס פלוידערסט דוא? — האט מאָרעל איהר געפרעגט — ביזט דוא פער־ריקט, ווארום ביזט דוא פערלאָרען? מען איז דיך געקומען פערהאפטען, און מיט וועלבען רעכט?

— אין נאמען דער גערעכטיגקייט און אין נאמען פון דאָס געזעץ בין איך גע־שיקט געוואָרען אייער טאכטער צו פערהאפטען, — האט דער אפיציער געענטפערט.

— וועה איז מיר! וועה איז מיר! — האט לואיזע געשריען און איז געפאלען אויף דיא קניע.

— אין נאמען פון גערעכטיגקייט? — האט מאָרעל געפרעגט און זיין פער־שטאנד האט גענומען וואנקען פון דעם נייעם אונגליק — וואס איז דאס פאר א גע-רעכטיגקייט, פאר וואָס וויל מען מיין אונשולדיגעס קינד פערהאפטען? איך וועל געהן אין פייער און אין וואסער אויב מיין טאָכטער האט געזינדיגט — איך שטעה גוט פאר מיין טאָכטער. איך בין איהר פאטער, זיא איז מיין טאָכטער, איך און זיא זיינען עהרליכע ארבייטער. וואס טאכטער, דיא ריכטער ווילען דיך פון מיר ענט־רייסען נאָכדעם וויא דוא ביזט צו מיר געקומען מיך צו טרייסטען נאָך מיין פער־

שטאַרבענער אדעלען? ניין, ניין, דאס קען ניט זיין! איך זאָג אייך אָפיציער, בעטס מיין קינד אום פערצייאונג, ניט איהר דיא עהרע וואס זיא האָט פערדיענט. נור פערברעכער ווערען אין געפענגניס פערשלאָסען, אבער מיין קינד איז ריין וויא א מלאך. איהר האט געמאכט א טעות מיין הערר. יא, יא, איהר האט א טעות. איז דען איין לואיזע אין פאריז? פיעלע, פיעלע לואיזעס טרייבען זיך ארום אין דיא פאריזער גאסען, איהר מיינט געוויס אן אנדערע; אבער ניט מיין טאָכטער!

— צו מיין גרעסטען בעדויערען האב איך קיין טעות, — האט דער אפיציער געענטפערט — לואיזע קומט מיט מיר.

— ווילט איהר פון מיר רויבען מיין קינד? — האט מאַרעל אויסגעשריען און איז דעם אָפיציער בעפאַלען מיט זיין גאנצע מאכט, נור רודאָלף האט איהם שנעל צוריקגעהאלטען זאגענדיג:

— בערוהיגט אייך, עהרליכער מאן. זייט זיכער, אז אייער טאָכטער וועט זיך צו אייך אומקעהרען ריין וויא דיא זאָגע און אונשולדיג וויא א מלאך.

— יא, איך שווער, אז זיא איז ריין און אונשולדיג, ווער ווייס בעסער פון מיר, אז מיין קינד איז אונשולדיג! — האט מאַרעל געשריען, נור פלוצלינג האט ער זיך ערAינערט וועגען דאס געלד וואס זיא האָט איהם געבראכט און ער האט גלייך אויסגעשריען:

— וואו האסט דוא גענומען דאָס געלד, לואיזע? וואו האסט דוא גענומען דאס געלד וועלכעס דוא האסט מיר הייטע פריה געבראכט?

לואיזע איז צו איהם צוגעפאלען מיט טרעהרען און האט אויסגעשריען:

— פאטער איך האב דאָס געלד ניט גע'גנב'ט. איך בין קיין גנב, איך קען ניט גנב'נען.

— איהר זעהט, מיין הערר, — האט מאַרעל געזאָגט צום אָפיציער — איהר זעהט, אז זיא האט דאָס געלד ניט גענגנב'ט. זיא קען קיין ליעגען ניט זאָגען. זיא האט מיך קיין מאל ניט בעטראָגען. לואיזע האט געבאָרגט דאס געלד פון א מאן. זיא וועט עס איהם צוריק געבען.

— ניט וועגען א גנבה ווערט אייער טאכטער פערהאפטעט, — האט דער אפיציער געזאגט.

— אָה גאט, ווארום פלאגסט דוא מיין טאָכטער מיט אזא שטראָף. לואיזע איז ריין פון א זינד. איך בין איהר פאטער און איך וועל עס פאר איהר שווערען. איך האב ניעמאלס פאלש געשווארען, — האט מאָרעל געשריען.

— וואָס קען אייך העלפען אויב איהר וועט וויסען דעם בילבול וואס א ניעדער-

טרעכטיגער אונמענש האט אויף אייער טאָכטער געמאַכט, — האט רודאָלף איהם געטרויסט — זייט זיכער, אז אייער קינד וועט זיך צו אייך אומקעהרען ריין און אונשולדיג פון אלע בילבולים.

— מיין הערר, — האט מאָרעל געזאגט צום אפיציער, ניט אכטענדיג אויף רודאָלף'ס רייד — מיין הערר, עס איז זעהר ניט עהרליך צו נעהמען א קינד פון פאַטער'ס הענד און איהם ניט צו זאָגען, וואָס איז איהר פערברעכען. איך וויל, און איך מוז וויסען, ווארום מיין לואיזע ווערט פערהאַפטעט.

— עס איז ארויס א קלאנג, אז אייער טאָכטער האט ערמאָרדעט א קליין קינד, — האט דער אָפיציער געענטפערט.

— איך.... איך.... איך פערשטעה ניט.... זיא.... זיא.... זיא.... — האָט מאָרעל געמורמעלט אין אונקלאָהרע און אונדייטליכע ווערטער.

— ווארום זאָלט איהר עס ניט פערשטעהן ? — האט דער אָפיציער געפרעגט — אבער איהר דארפט זיך בערוהיגען, דען דיא זאַך איז נאָך ניט פעסט-געשטעלט, עס איז בלויז א קלאנג, מעגליך, אז דאָס איז א ליעגען.

— דאָס איז א ליעגען ! — האט לואיזע מיט א געמאַכטען מוטה אויסגעשריען. איך וועל שווערען, אז דאָס קינד איז געבאָרען געוואָרען א טויטע. איך שווער, אז איך האב מ יין זאָהן ניט געטויט !

— ד יין זאָהן, דוא ניעדעריגע פערפלוכטע ! — האט מאָרעל געדאָנערט און האט אויפגעהויבען זיין האנד צו שלאָגען זיין טאָכטער — דיין זאָהן, זאָגסט דוא !.... דיין זאָהן !!!

— ערבארם דיך, פאַטער ! ערבארם דיך, אָה ערבארם דיך ! — האט לואיזע מיט א יאמערענדען קול געשריען.

— עהרליכער מאן ! — האט מאָרעל אויסגערופען צום אָפיציער — בעפעהלט אייערע פּאָליציסטען זיי זאלען שמידען דיעזע ניעדעריגע פערפלוכטע פרויענצימער ! זיא איז נים מיין טאָכטער ! זיא איז ניט מיין טאָכטער !

לואיזע איז צוזאמענגעבראָכען. זיא איז געפאלען צו איהר פאָטערס פיס און מיט א יאמערענדען קול האט זיא געשריען :

— פאָטער ! ערבארם דיך ! פאָטער הער מיך אויס !

— אָפיציער ! בעפעהלט מען זאָל אוועקשלעפען דיעזען אונווירדיגען קערפּער ! — האט מאָרעל געשריען און האט פון זיך אפּגעשטויסען זיין קינד.

— הערט אבער אויס, וואס אייער טאָכטער וויל אייך זאָגען, — האט רודאָלף

איהם געבעטען—הערט זיא אויך אויס, טאמער איז זיא גערעכט, זייט דאך ניט הארט-הערציג פאר אייער אונגליקליכעס קינד.

— זיא האט ערנידעריגט מיין עהרע! — האט מאַרעל געשריען — זיא האט מיך בעטראָגען און געשענדעט! — האט מאַרעל מיט א צובראָכענער הערץ געשריען.

— אָבער טאמער האט זיא עס געטהאן אום אייך און אייערע קינדער צו רע־טען? — האט רודאָלף איהם אין דערשטיל געפרעגט.

דיעזע פראגע האט געמאכט א שטורם אין מאַרעל'ס הערץ, און קריצענדיג מיט דיא צייהן און דרעהענדיג מיט דיא אויגען האט ער געפרעגט:

— ווער.... יעקב פערראנד?

— ערבארם דיך פאטער! איך וועל דיר אלעס ערצעהלען, און דאן וועסט דוא זיך איבערצייגען, אז איך האב קיין שולד.

— ערבארמט אייך און הערט זיא אויס,— האט רודאָלף געבעטען.

— וואס זאל איך הערען? איהר פערברעכען, איהר זינד? באלד, באלד וועט מען עס הערען איבער דער גאנצער וועלט—

— אדעלער הערר,— האט לואיזע געזאָגט צום אָפיציער—ערלויבט מיר אויס־צורייידען עטליכע ווערטער מיט מיין פאטער איידער איך געה פון איהם אוועק פיעל־לייכט אויף אויביג. אויך איהר אדעלער און גוטער מענש, איהר זאלט הערען מיין טרויעריגע ערצעהלונג; אבער נור איהר ניט קיין פרעמדער.

— איך ערלויב עס אייך,— האט דער פאָליציי־אָפיציער געזאָגט.

— האט איהר דען א הארץ פון אייזען? ווארום זאָלט איהר ענטזאגען אייער קינד דיעזע לעצטע טרויסט? אויב איהר ווילט מיר ניט בעדאנקען פאר אלעס וואס איך האב פאר אייך געטהאן, מוזט איהר אם וועניגסטענס רחמנות האבען אויף אייער קינד,— האט רודאָלף צום פערשטיינערטען מאַרעל געטענה'ט.

— מאַרעל האט אייניגע מינוטען געשוויגען, נאכדעם האט ער געזאָגט:

— גוט איך וועל אייך פאָלגען.

— אבער וואו זאלען מיר עס ריידען? — האט רודאָלף געפרעגט.

— וואו? — האט מאַרעל געפרעגט — אויבען אין מיין וואוינונג, וואו מיין איינגסטע קינד ליעגט טויט. דאָרט איז דער בעסטער אָרט פאר אזא געשפרעך. איך וויל זעהן, אויב דאָרט, אין געגענווארט פון א טויטע שוועסטער וועט לואיזע האבען דעם מוטה צו זאָגען א ליעגען.

מאַרעל איז באלד ארויפגעלאָפען אויפ'ן לייטער.

— מיין הערר,— האט דער פאָליציי־אָפיציער צו רודאָלפ'ן געזאָגט — זעהט,

דאס דער געשפרעך צווישען פאטער און טאָכטער זאָל ניט געדויערען זעהר לאַנג. איך האב מורא דער אונגליקליכער פאָטער זאָל ניט אראָפּ פון זינען. ער זעהט אויס זעהר פערדעכטיג.

רודאָלף און לואיזע זיינען אויך ארוף אויפ'ן לייטער.

42טעס קאפיטעל.

דער וידוי.

א פינסטערער, א טרויעריגער בילד.

מאָרעלס טוידטע קינד ליעגט אויף א ביסעל שטרוי און צוגעדעקט מיט א שווארצע שמאטע, מאָרעל האט זיך געזעצט ביי'ן טיש, וואו ער ארבייט ווי א טאָג אזוי נאכט. זיין קאָפּ הענגט איבער זיין ברוסט און זיינע הענד ציטערען. זיינע אויגען בלישצען ווי העלעשער פייער און בעטראכטען דעם טוידטען קערפער פון זיין קינד.

לואיזעס געזיכט איז בלאַס ווי דאס געזיכט פון טוידטען קינד, וואָס ליעגט אויף דער ערד; איהר נשמה האלט אויך ביי'ן ארויסלויפען. אלע איהרע גליעדער ציטערן ווי פון א פיבער. זיא גרייפט איהר פאָטער'ס האנד און בענוצט זיינע לאַנגע פינגער מיט איהרע הייסע טרעהרען. זיא בייגט זיך צו און בעריהרט דיא האנד מיט איהרע ליפען. דער בעס און דיא פעראכטונג געהן אוועק פון מאָרעל'ס געזיכט און דיא טרעהרען וועלכע ער האט איינגעהאלטען, ברעכען אויס אין שטראָמען איבער זיינע דארע באַקען.

רודאָלף שטעהט אָנגעשפארט צום וואנד און בעטראכט פון וויטען דיעזען שרעקליכען בילד.

א טוידטע שטילקייט הערשט אין גאנצען הויז, קיינער וואָגט ניט אנצופאַנגען צו ריידען. לואיזע וויינט אין זיך, נור ענדליך האט זיא געבראָכען דיא שטילקייט, און האט זיך צו־וויינט אויפ'ן קול.

— אָה, פאָטער, פאָטער! ווען דו וואָלסט וויסען מיינע צרות....

— אָה, טאָכטער! — האט מאָרעל געענטפערט — מיין הערץ ווערט אין מיר צובראָכען. דוא, וועה צו מיר, דוא זאָלסט אריינגעזעצט ווערען אין געפענגניס! דוא זאָלסט גערעכענט ווערען צווישען דיא פערדאָרבענע מיידלעך וואס האבען פערלאָרען זייער עהרליכקייט! אָה, בעסער וואָלט איך דיך געזעהן טוידט אויף דיעזער שטעלע!

— אָה, וויא גליקליך איך וואָלט דאן געוועזן! — האט לואיזע איהם אונטער־בראָכען.

מאָרעל האט זיך א ווײלע פערטראַכט און ארױפלעגענדיג דיא האנד אויף זיין מאַכטעריס קאָפּ האט ער געזאָגט:

— ניין, טאָכטער, איך וויל דיך נאך ניט שילטען — נור זאָג מיר, דערצעהל מיר וויא זאָ איז דאס אלעס געשעהן. איך בעשוועהר דיך אין נאָמען פון דיזען טוידטען קינד, דוא זאָלסט מיר דערצעהלען, וויא אזוי איז דאס אלעס געשעהן. אבער דערצעהל עס שנעל, דען דיא צייט איז קורץ, דרויסען וואַרט אויף דיר דיא פּאָליציי. אָה, וויא שרעקליך!

— איך וועל פאר דיר אויסריידען מיין גאנצע הארץ, טהייערער פאָטער, — האט לואיזע געזאָגט — אבער פערשפּרעכט מיר אלע דאס איהר וועט עס קיינעם ניט דערצעהלען; דען טאָמער וועט מיין הערר ערפאהרען, אז איך האב זיין געהיימניס ענטדעקט, אָה, דאן וועט ער אונז אלעמען אונגליקליך מאכען. איהר ווייסט קיינער ניט וויא מעכטיג דיעזער הערר איז, און וויא גרויס איז זיין איינפלוס.

— און ווער איז עס דיעזער הערר? — האט מאָרעל געפרעגט.

— יעקב פעררראנד! — האט לואיזע געענטפערט און האט גענומען ציטערען.

— דער נאָטאריוס? דער נאָטאריוס? פערפלוכט זאָל ער ווערען אויף אייביג! — האט מאָרעל געשריען.

— דיעזער נאָטאריוס, — האט זיך רודאָלף אבגערופען — דיעזער נאָטאריוס איז א פערדאָרבער און מעכטיגער באנדיט. אבער אין עטליכע טעג וועט זיין מאכט צובראָכען ווערען און דיא גאנצע וועלט וועט וויסען ווער ער איז. דערצעהלט נור לואיזע, וואָס האט דיעזער מענש אייך געטהאן, אום איך זאָל וויסען וויא זיך נוקם צו זיין פאר אייך.

— איך בעט אייך, מיין פאטער און דעם הערדען רודאָלף איהר זאָלט פאר קיינעם ניט ענטדעקען דעם נאָמען פון א צווייטען פערזאָן, א יונגער מאן, וועלכער האט מיט אונז זעהר פיעל גוטעס געטהאן, און וועלכער ארבייט ביי דיעזען נאָטאַריוס, דען איך האב איהם געשוואָרען, איך זאָל קיינעם ניט ענטדעקען וואו ער געפינט זיך.

— אויב דיעזער יונגער מאן הייסט יוסף דזשערמען, קען איך אייך פערשפּרעכען ניט צו ענטדעקען זיין נאָמען און אדרעסע, — האט רודאָלף צו איהר געזאָגט.

— קענט איהר איהם דען, מיין הערר? — האט לואיזע פערוואונדערט געפרעגט.

— דיעזער עדעלער יונגער מאַן, וועלכער האט היער געוואוינט דריי חדשים.

איז יעצט אן אנגעשטעלטער אין פעררּאנד'ס הויז? — האט מאָרעל געפרעגט — דוא האסט דאָך מיר אמאל געזאָגט, אז ער איז דיר אונבעקאנט?

— אזוי האָבען מיר בײדע אָפּגערעדט, ווייל ער וויל ניט מען זאָל וויסען זיין אדרעסע. איך האב איהם גערּאטהען צו וואוינען אין דיעזען הויף, ווייל איך האב געוואוסט, אז ער וועט זיין א גוטער שכן צו מיין פאטער.

— דערצעהלט מיר, — האט רודאָלף געזאָגט — דערצעהלט מיר אלעס וויא עס געהט צו אין פעררּאנד'ס הויז פון דעם ערשטען טאָג וואס איהר זייט אהין אריין, אום איך זאָל וויסען וויא אָנצופאנגען א פּראָצעס געגען איהם.

— דיא ערשטע צייט וואָס איך בין געווען אין יענעם הויז האב איך געמוזט ארבייטען וויא א שקלאַף; איך האב זיך אבער ניט בעקלאָגט און האָב געדולדיג איבערגעטראָגען מיינע צרות. יעדען טאָג שטעהט אויף דער נאָטאריוס זעהר פריה און געהט מתפלל זיין פאר זיין גאָט. גייסטליכע און פרומע מענשען זיינען זיינע שטענדיגע בעזוכער און דארום האָב איך גערעכענט, אז ער איז ווירקליך א צדיק. ווען ער האט צו מיר גערעדט האט ער מיר אין געזיכט ניט געקוקט און פלעגט אי־מער ריידען צו מיר מיט בייזען. מיין צימער וואו איך האב געשלאָפען איז אָהן א שלאָס און אָהן א ריגעל, איך האב מורא געהאט דאָרט צו שלאָפען און איך האב איהם געבעטען ער זאָל מיר קויפען א שלאָס; אבער ער האט זיך דעריבער געוואונ־דערט און האט געזאָגט:

— וואָצו דארפסט דוא עס, נארעלע? זייט דאן האָב איך מעהר ניט געוואגט צו בעטען נאָך אמאָל.

יעדען טאָג האט מען מיר געגעבען שווערע ארבייט, און יעדעס מאל ווען ער האט געהאט א גאסט אין הויז האט ער אויף מיר געשריען. צו יענער צייט איז ביי מיין פאטער פערלאָרען געגאנגען א טהייערער שטיין און ער האט דערפון זעהר פיעל געליטען. איך האב עס ערצעהלט צו דער מאטרעסע פון הויז און זיא האָט מיר געזאָגט:

— בעט דעם הערּרען פעררּאנד, פיעללייכט וועט ער דיין פאטער באָרגען אביסעל געלד.

אבענדס, ווען איך האב פאר איהם געגרייט דעם טיש האט ער זיך אליין צו מיר אפּגערופען:

— איך האב געהערט דיין פאטער'ס אונגליק. איך ווייס, אז איהם פעהלען 1300 פראנק, געה און זאָג איהם ער זאָל מאָרגען פריה צו מיר קומען און איך וועל איהם באָרגען דאס געלד.

איך האב זיך צו־ווײנט פון גרויס פריידע און האב ניט געוואוסט מיט וואס איהם צו בעדאנקען. אויף מארגען איז מיין פאטער געקומען און האט בעקומען דאס געלד.

— איך האב איהם אונטערשריעבען א וועקסעל, — האט זיך מארעל אפגערופען — און האב זיך אונטערנומען צו בעצאהלען דאס געלד אין דריי חדשים — וויא ער האט פערלאנגט. יענעם טאג האב איך געוויינט פון גרויס פריידע און האב צו איהם געזאגט, אז ער איז מיין ערלייזער.

זייט דאן, — האט לואיזע ווייטער דערצעהלט — זייט דאן האב איך זיך אנגעשטרענגט צו ארבייטען פיעל פלייסיגער. דיא מאטרעסע פון הויז האט מיך זעהר געהאסט. זיא האט מיך געצוואונגען צו ארבייטען איבער מיין כח. פערראנד האט מיט מיר זעהר בייז געשפראכען, איבערהויפט, ווען דיא מאטרעסע איז דערביי געווען. דאך מאנכעס מאל האבען זיך פון זיינע אויגען ארויסגע׳גנב׳עט ליעבעס בליקען. איין מאל איז דיא מאטרעסע מיט אלע אנדערע דינער אוועק אין א טהעאטער — א זאך וואס האט ביז דאמאלס ניט געטראפען. דעם הויז־קיפער האט ער אויך אוועקגעשיקט מיט א בריעף אין א גאנץ ווייטער וועג. איך בין געבליעבען גאנץ אליין אין הויז און האב געטהאן מיין ארבייט. פלוצלינג האט מיין הערר אנגעקלונגען איך זאל קומען אין זיין שלאף־צימער. וויא איך בין אין צימער אריין, אזוי איז ער מיך בעפאלען און האט מיך אומארמט. זיין געזיכט האט געפלאקערט וויא א פייער, און זיינע אויגען ווארען וויא ברענענדע קוילען. איך האב זיך גענומען ראנגלען מיט אלע קרעפטען, ביז איך האב זיך פון איהם אויסגעריסען און בין ארויסגעלאפען פון צימער און האב פערשפארט דיא טהיר הינטער איהם ער זאל מיך ניט נאכיאגען. ער האט אבער אזוי געזעצט אין טהיר, דאס ער האט ארויסגעקענט זעצט דעם רינגעל און דיא טהיר האט זיך געעפענט. איך האב גלייך פערלאשען דאס ליכט און האב זיך בעהאלטען אין א ווינקעל. ער האט מיך גערופען ביי'ן נאמען, איך האב איהם ניט געענטפערט. ער האט אנגעפאנגען צו פלוכען און שילטען מיין גאנצע פאמיליע און האט געזאגט דאס אויב איך וועל ניט טהאן, וואס ער פערלאנגט, וועט ער אונגליקליך מאכען מיין פאטער פאר דאס געלד וואס ער האט איהם געבארגט און ער האט איהם נאך ניט בעצאהלט. אין דער זעלבער צייט האב איך געהערט וויא ער האט פערשלאסען דיא טהירען פון הויז און איז אוועק צוריק אין זיין שלאף־צימער און איז באלד צוריקגעקומען מיט א ליכט. אהה, איך בין ניט אימשטאנדע צו דערצעהלען וואס פאר א שרעק מיך איז בעפאלען. איך בין פון איהם געלאפען וויא פון א טיגער, אבער ער האט מיך געחאפט, האט מיך געשליידערט

צו דער ערד, און פון גרויס רציחה האט ער מיך געשלאָגען און געפּאטשט ביז פּוּן מיינע צייהן האט זיך געגאָסען א טייך בלוט.

— וועה, וועה איז מיר! — האָט מאָרעל געשריען — דיעזער היפּאָקריט איז א מערד־ער און דיא גאנצע וועלט האלט איהם פאר א צדיק, פאר א היילינגען. אָה, ווער וועט איהם בעצהאָלען וויא ער פערדיענט.

— זיינע מעשים וועלען איהם ניט געשוויגען ווערען, — האָט רודאָלף געזאָגט — דערצעהלט נור, דערצעהלט.

א היבשע וויילע האב איך זיך מיט איהם געראנגעלט. מיינע קרעפטען זיינען ערשעפּט געוואָרען און איך האב געמיינט, אז איך בין שוין פערלאָרען. אבער דער הויזקיפּער איז אנגעקומען און האט גענומען קלינגען. פעררּאנד האָט זיך ערשראָקען און האָט מיר געהייסען געהן עפענען דיא טהיר, ער האט מיר אבער אנגעזאָגט, איך זאָל זיך ניט וואגען צו דערצעהלען א וואָרט פון אלעס וואָס עס איז געשעהן. ווען איך וועל ניט פאָלגען, וועט ער מיין פאטער באלד ארעסטען. ער האט מיר אויך אנגעזאָגט איך זאָל ניט וואגען אוועקצוגעהן פון זיין הויז, דען ער וועט ארויסלאָזען א קלאנג, אז איך האָב איהם בע׳גנב׳עט און דארום האט ער מיך ארויסגעטריבען — — אויף מאָרגען בין איך געקומען צו מיין פאטער און האָב איהם געוואָלט דערצעהלען אלעס וואס מיט מיר האט פּאסירט, איך האָב אויך געוואָלט פערלאָזען דעם נאָטאריוס הויז; אָבער איך האָב מיך עראינערט אויף דעם אונגליק וואָס איך וועל ברענגען אויף מיין פאטער, איך האָב זיך אויך בערעכענט, אז איך וועל אין קיין הויז קיין ארבייט ניט געפינען, און מיין קראנקע מוטער, מיט איהרע קינדער וועלען זיכער אויסגעהן פון הונגער.

— אָה! — האָט מאָרעל געזיפצט — מיר זיינען שולדיג ווארום מיר האָבען דיך געלאָזט צוריקגעהן צום אונמענש אין הויז. דיין פאָטער און דיין מוטער האָבען דיך געבונדען פאר דעם מערדער.

— ווען איך בין צוריק געקומען — האט לואיזע פאָרטגעזעצט איהר ערצעה־לונג — האט פעררּאנד מיך געזידעלט מיט דיא גרעבסטע ווערטער. גאנצע נעכט האָב איך ניט געקענט שלאָפען, וויל איך האָב מורא געהאט פעררּאנד זאָל ניט קר מען צו מיר אין צימער. איך האָב געהאט א קאסטען אין מיין צימער מיט וועלכען איך פלעג פערשפּארען דיא טהיר, אָבער פעררּאנד האט געהייסען מען זאָל דעם קאסטען צונעהמען און אין מיין צימער איז בלויז פערבליעבען א בענקעל, א טישעל און מיין בעטעל. מיט דיעזע קליינע זאכען פלעג איך צושפּארען דיא טהיר און פלעג אימער שלאָפען אין מיינע קליידער.

א לאנגע צייט האט ער מיך געלאָזט צורוה, פעררעאנד האט מיך זאָגאר ניט אנגעקוקט און איך האָב געהאָפט, אז ער האָט מיך אין גאנצען פערגעסען. מען האט מיר ערלויבט צו געהן בעזוכען מיין פאמיליע און מיר האבען זיך דאָ זעהר שטארק געפרעהט. אלעס וואס מיט מיר האט ביז יענעם טאָג פאסירט האב איך דיר דערצעהלט, ליעבער פאטער. יעצט וועל איך דיר דערצעהלען מיין גרויסען אונגליק, וואָס מיר האט נאכדעם געטראָפען, דען פון יענעם טאָג האָב איך שוין אלעס פערבאָרגען אין מיין ברוסט!

— איך האב געוואוסט און האב פערשטאנען, אז א גרויסער אונגליק האט דיך געטראָפען, נור דוא בעהאלסט עס פון מיר. דיא בלאסקייט פון דיין געזיכט, דיא טרויעריגקייט פון דיין געמיטה און דיא זיפצען וואָס האבען זיך ארויסגעריסען פון דיין הערץ האבען מיר פאראויס געזאָגט, אז דוא ביזט אונגליקליך... איך האב דיין מוטער הונדערט מאָל געזאָגט, אז איך פירכטע, דער פערפלוכטער נאָטאריוס האט דיך רועניורט; אבער זיא האָט אימער געלאכט און האָט מיך גערופען טרוי־מער, שרעקעדיגער. יעצט זעה איך דאָס איך האב ניט געטרוימט, און מיין שרעק איז געוועזען א ריכטיגע. וועה איז מיר, וועה איז מיר! — האט מאָרעל געשריען און געבראָכען דיא הענד.

— איך האב שוין דאן געמיינט, אז איך קען לעבען רוהיג, — האָט לואיזע ווייטער אנגעפאנגען צו ערצעהלען — אָבער מיין אונגליק איז דאן געוועזען פערטיג. אין א געוויסען אבענד איז פעררעאנד אוועק צו זיינע געשעפטען, דיא הויז־מאַטרעסע איז אויך אוועק און מיר האָבען זיי פאָרבערייטעט מיין אבענד מאהלצייט ברויט מיט א ביסעל ווין. ווען איך האב געענדיגט מיין ארבייט האב איך אויפגעגעסען מיין מאָהלצייט און בין אריין אין מיין שלאָף־צימער. אָבער פלוצלינג בין איך געוואָרען מיעד און שלעפעריג. וועה, שוין זיעבען חדשים וויא איך וויל אויסגעפינען דעם סוד פון יענעם שלאָף, אבער ביז יעצט קען איך עס ניט פערשטעהן. ניט ווילענדיג בין איך געפאלען אויף מיין בעטעל און האָב איינגעשלאָפען. וויא לאנג איך האָב גע־שלאָפען ווייס איך אליין ניט, נור וויא איך האב זיך אויפגעהאָפט.... וועה.... פעררעאנד ליעגט נעבען מיר.... און מיין אונשולד איז פערלאָרען....

— דוא זאָגסט ליעגען! — האט מאָרעל אויסגעשריען קלאפענדיג אין טיש — זיי זיך מודה. דוא האסט מורא געהאט טאָמער וועט ער מיך ארעסטען און דער־מיט האסט דוא זיך געלאָזט איבערריידען. זיי זיך מודה!

— איך שווער ביים קערפער פון מיין טויטער שוועסטער, אז איך זאָג דיא

— זאָג קיין ליעגען, זיי זיך מודה, וואָרום האָט דיין הערר מיך געוואָלט ערט־טען נאָכדעם וויא דוא האסט זיך אליין צו איהם פערקויפט?

— איך האב זיך ניט פערקויפט! ניין פאַטער, איך שווער עס דיר ווידער. איך האָב נור געשלאָפען.... דוא וואונדערסט זיך פאַטער, יא, יא, איך קען עס אויך ניט פערשטעהן.

— ביי מיר איז דאס אָבער קיין וואונדער, — האָט רודאָלף זיך אָפּגערופען — פערפלוכט זאָל ווערען דיעזער באנדיט פערראנד. פערשטעהסט איהר דען ניט, אז דיעזער לומפ האט אריינגעגאָסען א שלאָף־געטראנק אין דעם וויין וואס אייער טאָכטער האָט געטרונקען? איך צווייפעל ניט, אז אין דיעזען געטראנק איז געווען א שטאַרקער אָפּיום, וועלכער פערשלעפּערט אויף א לאנגע צייט.

— יעצט פערשטעה איך וויא אזוי מען האט מיך פעראונרייניגט. יעצט זעהסט דוא פאַטער, אז איך האב קיין שולד. אָה פאַטער! פאַטער! וואָס איז דיר פּלוצלינג געוואָרען.

מאָרעל איז פערזונקען געוואָרען אין א ים פינסטערע געדאנקען. ער האָט פערקרימט זיין געזיכט, האט צוגלאָצט זיינע אויגען און האט אויסגעזעהן וויא א מענש וואָס געהט אראָפּ פון זינען. דיעזער עהרליכער מענש האט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען וויא אזא מעשה קען זיך פערלויפען. זיין גאנצער פערשטאנד האט איהם ניט געקענט בעווייזען, אז אזא זאך איז מעגליך. אין א ווײַלע ארום האט ער זיך אויפגעהאפּט און האָט אויסגעשריען:

— אָה ניעדערטרעכטיגער! אזא פערברעכען איז דאָך נאָך ניט געהערט געוואָרען זייט דיא וועלט שטעהט! נור דערצעהל מיר טאָכטער, דערצעהל וואָס איז ווייטער געשעהן.

— וויא איך האב איהם דערזעהן אין מיין בעט האב איך גענומען שרייען און האב געוואָלט אנטלויפען; אָבער ער האט מיך אָנגענומען פעסט פאר מיין האנד. איך בין דאן געווען שוואך און האב ניט געקענט אנטלויפען.

— וואָרום שרייסט דוא? — האט דער אונמענש מיך געפרעגט — דוא האסט דאָך מיך אַהער גערופען און האָסט מיך געבעטען....

— אָה מיין הערר, — האָב איך מיט טרעהרען געענטפערט — איהר האט מיך בעשמוצט ווערענד איך האב געשלאָפען, אזא פערברעכען איז דאָך נאָך ניט געהערט געוואָרען. לאָזט מיך לויפען צו מיין פאַטער, איך וויל פאר איהם אויסווײַנען מיין הערץ.

(Paris, 29.)

— וואָס? דוא ווילסט געהן דערצעהלען דיין פאטער, אז דוא האָסט מיך אהער פערלאָקט מיט דיינע חנ׳דליך. ער וועט דאָך דיך שלאָגען און שילטען! ווערסט דוא איהם פיעללייכט זאָגען אַ ליעגען, אז איך האב דיך פערגוואלדיגט — זאָלסט דוא געדענקען, אז דיין פאטער איז אין מיין האנד און חען איך וועל וועלען, וועל איך איהם אויף אייביג האלטען פאר מיין געפאַנגענעם.

איך האָב עס ניט געקענט איבערטראָגען און האָב זיך צו־וויינט וויא אַ קליין קינד און האב איהם געזאָגט, אז איך וויים וואס פאר ניעדערטרעכטיגען ליעגען ער זאָגט.

— איך זאָג ליעגען? — האט ער אויסגעשריען — דוא אונפערשעמטע, געזונ־קענע פרויענצימער. דיא גאַנצע נאכט איז יוסף דזשערמען געזעסען אין אונטערשטען עטאזש און האט געמאכט זיינע רעכנונגען, פרעג איהם אויב דוא האָסט אַ ייִן גע־שריי ארויסגעלאָזען, אויב דוא האָסט אַ קרעכץ געטהאָן. איך האב דאָך דיך ניט נעחאפט אין אַ וואלד! אין אַ הויז צווישען אזוי פיעל מענשען, האָסט דוא זיך דאָך געקענט רעטען.

— אָה, דער לומפּ האט אלע מיטלען אַנגעווענדעט צו בלייבען דער עהרליכער מאַן, — האט רודאָלף געזאָגט.

— איך האָב דאָן ניט געוואוסט, אז ער האט מיר איינגעגעבען אַ שלאָף־טרונק, — האט לואיזע ווייטער דערצעהלט — איך בין אומגעגאַנגען אַ צוטומעלטע אַ צומישטע, איך האָב אבער מורא געהאט צו ערצעהלען, מיין פאָטער, טאָמער וועט ער עס מיר ניט גלויבען. דען איך אַליין האָב ניט געקענט פערשטעהן וויא אזוי איך האב קיין זאך ניט געפיהלט ביז איך האב ערוואכט.

— איך צווייפעל ניט, — האט רודאָלף געזאָגט אום צו פערלייכטערען דיא שמערצען פון דעם אייגענעם וידוי — איך צווייפעל ניט, אז נאָכדעם האָסט דוא איי־נינע מאָל נאָכגעגעבען דיין הערר׳ס ווילען, אום ער זאָל ניט פערהאַפטען דיין ארמען פאטער?

לואיזע האט אַראָפּגעלאָזען איהרע אויגען און האט קיין וואָרט ניט גע־ענטפערט.

— און זייט דאָן איז ער צו אייך ניט מעהר געווען בייז און שלעכט?

— ניין, מאָנסיו רודאָלף. אום צו פערהיטען זיך פון יעדען פערדאַכט האָט ער מיך אימער געמוסער׳ט, ווען דער גייסטליכער אדער אַנדערע היילינע מענשען וואָרען אין זיין הויז. ער פלעגט מיך זעהר שטאַרק בעליידיגען און האָט אַ פּאָאר מאָל נעבעטען דעם גייסטליכען ער זאָל מיך אויסמוסר׳ן איך זאָל ניט נאָכלויפען נאָך זיינע

שרייבער און משרתים. ער פלעגט זיי זאָגען דאָס איך וועל האָבען א פינסטערען סוף, און ווען ער וואָלט ניט רחמנות געהאט אויף מיין עהרליכען פאָטער, וואָלט ער מיך שוין לאנג ארויסגעיאָגט פון זיין הויז.

— און מיט וואָס פלעגט ער זיך פערטהיידיגען פאר דיעזע רייד, ווען ער איז געווען מיט דיר אליין.

— ער האט מיר געשוואָרען, אז ער מאכט עס נור פאר א שפאס. אָבער דער גייסטליכער און אלע אנדערע האָבען עס געגלויבט. דער גייסטליכער האט מיר אויך געזאָגט, דאָס איך בענעה א דאָפּעלטען פערברעכען, דערמיט וואָס איך פיהר מיך ניט עהרליך אין הויז פון אזא צדיק, אזא עהרליכען, אזא הייליגען וויא יעקב פער־ראנד. איך האב ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען אויף דיעזען מוסר. איך האב נור אראָפּגעלאָזט מיינע אויגען און בין געוואָרען רויטה פאר שאנדע און דער גייסט־ליכער האט געמיינט, אז דאָס בעוויזט מיין שולד. דאָס לעבען איז מיר מיאוס גע־וואָרען. אייניגע מאָל האב איך געוואָלט בענעהן זעלבסט־מאָרד; אָבער ווען איך פלעג זיך עראינערען אויף מיין פאמיליע, אויף זייער ארמוטה און זייער ליעבע צו מיר, פלעג איך חרטה האבען פון מיין בעפרייאונגס פלאן און בין געבליבען לעבען, אום צו ארבייטען און צו העלפען מיינע ארמע עלטערען. אלע מיינע צרות זיינען פערגעסען געוואָרען צוליעב דער לעצטער און שרעקליכער צרה — איך האב דערפיהלט אז איך שוואַנגער.... מיין הערץ האט מיר געזאָגט, דאָס ווען מיין הערר וועט ער־פאהרען פון מיין צושטאנד וועט ער מיך נאָך מעהר פייניגען און מאטערען.

מיט ווילדע בליקען האט מאָרעל געקוקט אין אלע זייטען. ענדליך האט ער נעפרעגט:

— וואָס האָסט דוא געזאָגט, טאָכטער?

— דאס ווען פערראנד וועט ערפאהרען מיין צושטאנד....

מאָרעל איז פערצאפּעלט געוואָרען. אָבער רודאָלף האט איהם בערוהיגט מיט א שארפען בליק.

— אך, זאָ, זאָ! — האט מאָרעל געזאָגט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — אבער דער־צעהל נור לואיזע, דערצעהל.

איך האב איהם דאן געבעטען א ראטה וויא צו פערבארגען מיין שאנדע וועלכע ער האט פעראורזאכט; אבער ער האט מיר ניט געלאזט אויסריידען. ער האט מיר אנגעקוקט גלייך וויא ער פערשטעהט ניט און האט מיר געפרעגט, אויב איך בין ניט משוגע. איך האב מיך צו־וויינט און האָב איהם געבעטען דאס אויב ער האט

קיין מיטלייד מיט מיר דארף ער דאך מיטלייד האבען מיט זיין אונשולדיגעס קינד — —

— אָה, דוא ניעדערטרעכטיגע, — האט ער דאן אויסגעשריען — וויא וואגסט דוא מיך אזוי צו בעליידיגען? וויא קענסט דוא זיין אזוי פרעך צו זאָגען, דאָס איך האב געהאט צו טהאן מיט אזא ניעדעריגע דיענסט וויא דוא? דוא ביזט אַן אויס־וואורף! איך האב דיר טויזענד מאָל געזאָגט אין געגענווארט פון הונדערטע מענשען, אז דיין ווילדקייט און צולאָזענקייט וועלען דיך פערפיהרען אין אַן אונגליק — יעצט וואגסט דוא מיך צו בעשולדיגען מיט אזא שענדליכער, ניט געשהענער טהאט? ארויס פון מיין הויז, דוא אונווירדיגע בעשעפעניס!

— אָה, — האט רודאָלף אויסגעשריען — אזא נבלה איז נאך ניט געהערט גע־וואָרען זייט דיא וועלט שטעהט!

מאָרעל האט קיין וואָרט ניט גערעדט. ער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, האט אויסגעקליבען אַ גרויסע פייל פון טיש און האט זיך געלאָזט צום טהיר. רודאָלף האט פערשטאַנען וואָס ער וויל טהאן און דארום האט ער איהם איהם גלייך אנגעחאפּט פאר'ן קארק און האט איהם ניט געלאָזט געהן. מאָרעל האט זיך מיט אַלע כחות אָנגעשטרענגט ארויסצורייסען. ראנגלענדיג זיך מיט רודאָלפ'ן איז ער געוואָרען אזוי אויפגערעגט, דאס ער האט אויפגעהויבען דיא פייל און האט אַ זעץ געטהאן איבער רודאָלפ'ס קאָפּ.

— פאטער! פאטער! — ער איז דאך אונזער רעטער! — האט לואיזע גע־שריען.

— ניין, ניין. ער וויל רעטען דעם מערדער וואָס מוז פון מיין האנד שטאר־בען! — האט מאָרעל געענטפערט וועהרענד ער האט זיך מיט רודאָלפ'ן געראַנגעלט. רודאָלף האָט אבער ארויסגעריסען דיא פייל און לואיזע איז געפאלען אויף איהר פאטערס האלז און האט געקוסט און געהאלזט, ער זאָל זיך ניט פערגעסען וואס רו־דאָלף האט פאר איהם געטהאָן.

מאָרעלס פערשטאנד איז געוואָרען אביסעל קלעהרער און ער איז געפאלען פאר רודאָלפ'ס פיס.

— שטעהט אויף אונגליקליכער פאטער! — האט רודאָלף צו איהם געזאָגט — איך פיהל אייערע וועהטאָגען און דעם שטורעם אין אייער הערצען. איך האב אויך אַ האס געגען דעם פערדאמטען פערראנד, אבער איך בעשווער אייך איהר זאָלט ניט זוכען דיא נקמה איידער דיא צייט איז געקומען. איהר מעגט זיכער זיין, אז גאָר אין קורצען וועט פערראנד געמשפט ווערען פאר אַלע זיינע חטאים.

— וועה, וועה האט מאָרעל געזיפצט וועהרענד ער איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד — וויא קען איך ארמער און עלענדער פּראָצעסירען אזא רייכען און געאַכטען נאָטאריוס וויא פעררענד, וועלכער מאכט זיך פאר דעם פרימסטען און הייליגסטען אויף דער וועלט? אויסער דעם, וואו זיינען מיינע עדות? און ווער וועט אָננעהמען מיינע טענות? ווער וועט עס מיר גלויבען? ניין, איך קען ניט וואַרטען אויף דיא גערעכטיגקייט, נור דיא פייל אדער דער מעסער קענען זיך פאר מיר רעדבענען.

— אבער אויך ניט יעצט, — האט רודאָלף געזאָגט — זאל אייער טאָכטער אלעס ערצעהלען אום איך זאָל וויסען וויא אזוי געגען איהם צו האנדלען, און איהר זאָלט אויך וויסען אלע איינצעלהייטען פון דער טראגעדיע.

מאָרעל איז געפאלען צוריק אויף זיין בענקעל און לואיזע האט ווייטער אנגעפאנגען צו דערצעהלען.

— פעררענד'ס ענטפער האבען מיך אין גאנצען פערצווייפעלט. דאָס איז געשעהן אום צעהן אוהר פאר מיטאג. פעררענד האט געוואוסט, אז דער גייסטליכער וועט איהם באַלד בעזוכען. אזוי איז עס געשעהן, וועהרענד פעררענד האט אויף מיר געשריען איז דער גייסטליכער ערשיענען. פעררענד האט זיך צו איהם געווענדעט מיט דיעזע ווערטער:

— איך האב דיעזער אויסגעלאַסענער, דיעזער צולאָזענער מיידעל אייניגע מאָל געמוסר'ט און האב איהר געזאָגט, אז זיא וועט האבען א ביטערען סוף. יעצט איז דיעזער סוף געקומען. זיא האט מיר ערשט מודה געווען, אז זיא האט זיך בענאַרעשט און זיא בעט פון מיר איך זאָל זיא רעטען פון אונגליק.

— וועה איז דיר, דוא אויסגעלאַסענע, — האט דער גייסטליכער צו מיר געזאָגט מיט א פערקרימטען פּנים — וויא אזוי האסט דוא עס ניט געפאָלגט דיין עהרליבען, דיין אונשולדיגען, דיין גוטען, דיין פרומען, דיין הייליגען הערר און האסט געטהאן וואָס דיר אַליין געפעהלט, וואס דיין הארץ האט געגלוסט. אזא זינד געגען גאָט און געגען פעררענד וועט דיר ניעמאלס פערגעבען ווערען, און איהר מיין גוטער, מיין פרומער, מיין אדעלער הערר פעררענד, איהר זאלט קיין מיטלייד האבען מיט דיעזער אויסוואורף!

דער גייסטליכער האט צו מיר געשפּראָכען מיט האס און מיט אָבשיי, ווייל ער האט ווירקליך געגלויבט, אז פעררענד איז א הייליגער און איך בין דיא זינדיגע. איך בין געוואָרען א צוטומעלטע, מיין הארץ האט שיער ניט געפּלאַצט און מיין האלז איז פערשטיקט געוואָרען. א היבשע ווילע האָט געדויערט ביז איך האב זיך געקענט

קאָנטראָלירען און האָב בעשלאָסען צו פערטהיידיגען זיך און אלעס ריכטיג דערצעה־לען דעם גייסטליכען; אבער קוים האָב איך נור ארויסגעלאָזען דיא ערשטע זילבע פון מויל, אזוי האט פערראַנד גענומען שרייען איך זאָל זיין שטיל, איך זאָל ניט וואַ־גען צו ריידען, און אין א שעה צייט זאָל איך פערלאַסען זיין הויז. ער האָט גענומען דעם גי סטליכען פאַר'ן האנד און איז מיט איהם אוועק אין א צווייטען צימער. איך בין שיער משוגע געוואָרען פון צרות און פון דאגות. מיינע געדאַנקען האבען זיך צו־מישט. מיר האָט זיך פארגעשטעלט, אז מען האט מיך שוין ארויסגעטריבען מיט שאנדע פון פערראַנדס הויז און קיינער וויל מיך אויף זיין שוועל ניט לאָזען; מיר האט זיך אויך פאָרגעשטעלט, אז פערראַנד האט בעפוילען מען זאָל מיין פאטער פערהאַפטען און נאָך אזעלכע שרעקליכע בילדער און געדאַנקען זיינען פאר מיר גע־שטאַנען מיט זייער גאַנצער שווארצקייט און ביטערקייט. אין צוויי שטונדען ארום איז פערראַנד אריין אין הויז וואו איך בין געזעסען און האָט געזאָגט:

— דוא ביזט נאָך דאָ חצופה? ארויס, ארויס פון מיין הויז, דיין פוס זאָל זיך דאָ ניט געפינען, ארויס!

— ערבאַרמט אייך מיין הערר, — האב איך פאר איהם געוויינט און בין גע־פאַלען אויף דיא קניע — ערבאַרמט אייך, פערשטעהסט מיך ניט, ווערענד איך בין אזוי אונגליקליך! אָה, צו וועמען זאָל איך זיך ווענדען נאָך הילפע? ווער וועט זיך איבער מיר ערבאַרמען און וואס וועט זיין מיין ענדע!

— דער ביטערער טויט זאָל זיין דיין סוף, — האט דיעזער אונמענש מיר גע־ענטפערט — דיין פערברעכען זאָל דיך פערפאָלגען און פאר דיינע ליעגענס זאָלסט דוא קיין ערבאַרמונג געפינען.

דיעזער היפאָקריטישער און טיראַנישער אנטווארט האט מיך געבראַכט צו פערצווייפלונג, און איך האב אויסגעשריען:

— באַנדיט, וויא שעהמסט דוא זיך ניט צו זאָגען, אז איך זאָג ליעגען? דוא, נור דוא האסט אויף מיר דיעזען אונגליק געבראַכט און דוא ווייסט, אז איך בין אונשולדיג.

פערראַנד איז געוואָרען וויטהענד וויא א טיגער, און מיט אויגען פאָל מיט בלוט, און מיט א געזיכט רויטה וויא פייער האט ער אויסגעשריען:

— זאָפאָרט זאָלסט דוא מיין הויז פערלאַסען און אום צו בעשטראָפען דיך פאר דיעזער בעליידיגונג וועל איך דיין פאטער לאָזען פערהאַפטען און האלטען פאר מיין אייביגען געפאַנגענעם. מאָרגען זאָל דיין פאָטער זיצען אין געפענגניס!

דיזע ווערטער האבען ווידער געטויטעט מיין מוטה און איך בין איהם גע־פאלען צו דיא פיס און האב אנגעפאנגען צו וויינען:

— אָה, מיין הערר, — האב איך זיך געבעטען — טהוט עס ניט, טרייבט מיך ניט ארויס פון אייער הויז און פערהאפטעט ניט מיין פאטער! איך שווער אייך, איך שווער אייך, איך וועל מעהר אזעלכע רייד ניט ריידען, איך וועל עס פאר קיינעם ניט זאָגען. ערבארעמט אייך, זאָ לאנג איך קען מיין שאנדע בעהאלטען פון דער וועלט זאָלט איהר מיך פון אייער הויז ניט פערטריבען!

אזוי האב איך פאר איהם א גאנצע שטונדע געוויינט. דאן יעצט האט ער זיך געלאָזט איבערבעטען און איך האב עס גערעכענט פאר א גרויסע וואהלטהאט. גאנצע פינף חדשים, נאך יענעם פריה־מאָרגען, האט ער געזעהן דאס איך זאל אר־בייטען פיעל איבער מיינע קרעפטען. צייטענווייס, ווען איך פלעג זיך בעגעגענען מיט׳ן יונגען דזשערמאן פלעגט ער מיר פרעגען, ווארום איך זעה אויס אזוי פינסטער? אבער איך האָב זיך געשעהמט איהם צו דערצעהלען דיא ווארהייט. צו יענער צייט האב איך איהם געראטהען ער זאל אריינציהען אין דיזען הויז, אבער צוריק מיט צוויי חדשים איז ער פון דאנען ארויס און האט מיך בעשווארען איך זאל קיינעם ניט דערצעהלען וואו ער געפינט זיך. אזוי האב איך זיך אָפּגעפּלאָגט גאנצע פינף חדשים, ביז איך האב אנגעפאנגען צו דענקען פון א שרעקליכען טהאט, פון א גרוי־סען פערברעכען, נור דאך האב איך עס ניט געטהאן; ווייל מיין הערץ האט מיך ניט געלאָזט. אום איהר זאָלט אלעס וויסען, און אום ניט צו בעהאלטען פון אייך אלעס וואס מיט מיר איז געשעהן, וועל איך אייך אויך דיזעס ערצעהלען: מאדאם פּיפּעלעט האט מיר געזאגט, אז אין דיזען הויז וואוינט אַן איטאליענישער דאקטאר צעזאר בראדאמאַנטי, וועלכער ...

לואיזע האט ניט געקענט ענדיגען, נור רודאָלף האט זיך עראינערט, דאָס ווען ער איז דעם ערשטען מאָל געוועזן אין דיזען הויז, האט דער בריעף־טרעגער געבראכט צוויי בריעף און איינער איז געוועזן געשריעבען מיט א פערשטעלטער האנדשריפט און בענאָסען מיט טרעהרען. ער האט יעצט פערשטאנען, אז דאָס האט געמוזט זיין איהר בריעף און ער האט איהר געפרענגט:

— זייט איהר עס דיא אונגליקליכע, וואָס האט צוריק מיט דריי טעג געשרי־בען א בריעף צו צעזאר בראדאָמאנטי און דיא טרעהרען האבען אפּגעוואשען דיא אדרעסע?

לואיזע האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט און האט געענטפערט:

— יא, מיין הערר איך האב דעם דאקטאר געשיקט א בריעף אהן אן אונטער־

שריפט און האב איהם געבעטען, ער זאָל פאַרנאַכט קומען אין א געוויסען פּלאַץ, וואו איך וועל מיט איהם שפּרעכען איבער א וויכטיגען געשעפט. איך האב איהם אויך געשריעבען, אז מיר איז אונמעגליך צו קומען אין זיין הויז, צוליעב אן אורזאַכע וועלכע איך וועל איהם ערקלעהרען. מיין וואונש איז געווען צו נעהמען פון דיעזען דאָקטאָר א געטראנק אראָפּצוטרייבען מיין קינד; אבער קוים איז געקומען דער אבענד און איך האב אפּגעגאַנגען עטליכע טריט אזוי האב איך חרטה געהאט פון מיין זינדיגען פּלאַן און איך האב זיך צוריק אומגעקעהרט צו מיין הערר׳ס הויז.

געהענדיג צוריק האב איך דערזעהן דאס דיא טהיר פון גאַרטען איז אָפען און דער שליסעל שטעקט אין שלאָס. איך בין אריין אין גאַרטען, האב צוגעשלאָסען דיא טהיר און האב אריינגעטראָגען דעם שליסעל אין הויז און האב אויפגעהאַנגען אויף זיין געוועהנליכען פּלאַץ, ביי׳ן טהיר פון אונזער הערר׳ס שלאָף-צימער. אין שלאָף-צימער האט פערראַנד אימער געשפּראָכען זיינע געהיימניסע מיט זיינע פערטרויטע מענער. קיינער האָט אהין ניט געטהאָרט אריינקומען אָהן דעם הערר׳ס ערלויבניס. וויא איך בין געקומען צום טהיר פון זיין שלאָף-צימער, אזוי איז פערראַנד פון דאָרט ארויסגעלאָפען און האט שנעל פערהאַקט דיא טהיר, איך זאָל ניט זעהן ווער דאָרט זיצט און מיט א מורא׳דיגען כעס האט ער מיך געחאַפּט פאַר׳ן גאַרגעל און האט געשריען מיט א פירכטערליכען קול:

— וואָס, דוא קומסט צו שפּיאָנען דאָס הויז? דוא שטעהסט הינטער דער טהיר? זאָג וואָס האָסט דוא געהערט? זאָג וואָס האסט דוא געהערט אין מיין צימער? זאָג, ווארום איך וועל דיך ערשטיקען.

ער האט אבער באלד חרטה געהאט פון זיין פּלאַן און האט מיך ארויסגעשטופּט אין קיך און האט מיך דאָרט פערשלאָסען.

— האט איהר געהערט וואס פערראַנד און זיין חבר האבען געשפּראָכען? — האט רודאָלף געפרעגט.

— ניין. ווען איך וואלט געוואוסט, אז זיי סוד׳ן זיך דאָרט, וואלט איך אהין ניט צוגעגאַנגען. דריי שטונדען שפּעטער האט דיא מאַטרעסע מיר געעפענט דיא טהיר און האט מיך אַרויסגעלאָזט פריי. יענעם אבענד האב איך מיין הערר ניט געזעהן; אבער אויף מאָרגען האב איך איהם בעגעגעט און איך האָב געמיינט, אז ער וועט מיך צורייסען אין שטיקער, אָבער גראַדע פערקעהרט, ער האט זעהר שטיל און זעהר פריינדליך צו מיר געזאָגט:

— איך האָב דאָך דיר פיעל מאָל אנגעזאָגט, דוא זאָלסט ניט אריינגעהן אין יענעם צימער וועהרענד איך זיץ דאָרט מיט מענשען, וואָרום האָסט דוא מיך ניט

געפאָלגט? נור אזוי וויא דוא וועסט שוין זעהר לאנג אין מיין הויז ניט פערבלייבען, דארום בין איך עס דיר מוחל.

דיעזע רוהיגע און פריינדליכע רייד ווארען פאַר מיר א געהיימניס, וועלכע איך האב ניט געקענט פערשטעהן. אויף פערראנד'ס בעפעהל בין איך אוועק אין זיין שלאָף־צימער צו מאַכען אלעס אין ארדנונג. איך בין דאן געוועזן זעהר שוואך און זעהר קראַנק. דיא גאַנצע נאַכט האב איך ניט געשלאָפען פון וועהטאג און הארץ־קלעמענעס. קוים האב איך נור אנגעפאנגען אויפצוהענגען מיין הערר'ס מאַנטלען, אזוי בין איך געוואָרען אונמעכטיג און בין געפאלען אין דעם ווינקעל וואו דיא זאַכען הענגען. פאַלענדיג האב איך מיטגעשלעפט דיא מאַנטלען, וועלכע זיינען אויף מיר ארויפגעפאלען און האבען מיך צוגעדעקט. אלס איך האב וויעדער ערוואַכט האב איך דערזעהן, אז דיא טהיר איז געשלאָסען און פערראנד רעדט דאָרט מיט א מאַן. איך בין געבליבען שטיל אהן אן אטהעם, אום פערראנד זאָל ניט דערשמעקען, אז איך ליעג אין ווינקעל אונטער זיינע מאַנטלען, און ניט ווילענדיג האב איך געהערט דעם געשפּרעך וואס פערראַנד מיט זיין פריינד האָבען געפיהרט אין געהיים.

— מיט ועמען האָט פערראנד געשפּראָכען? — האט רודאָלף געפרעגט.

— איך וויים אויך ניט, דען זיין שטימע איז מיר אונבעקאַנט.

— און וואָס האבען זיי דאָרט געשפּראָכען?

— דעם אנפאנג פון געשפּרעך האב איך ניט געהערט. דען אלס איך האב ערוואַכט האב איך געהערט וויא דער אונבעקאַנטער זאָגט:

— עס איז זעהר א לייכטע זאַך. א מאַן מיט'ן נאָמען קולאַק האט מיך בע־קאַנט געמאַכט מיט זעע־רויבער, וועלכע זיצען אויף א קליין אינזעל ניט וויט פון אסניערעס. דיעזע רויבער זיינען מעכטיגע רויבער און מערדער, וועלכע קענען טויטען דעם עהרליכסטען מאַן פאַר איין דאלאר. זייערע עלטערען און עלטער־עלטערען זיינען געשטאָרבען אויפ'ן עשאַפאָט; צוויי פון זייערע ברידער זיינען אויף אייביג פערשיקט געווארען קאַטאָרושנע ארבייט; נור דיא מוטער פון דער משפחה מיט דריי זיהן און צוויי טעכטער וואוינען נאָך יעצט אויף יענעם אינזעל. דאָס מיידעל פון וועלכער איהר ווילט פּטור ווערען זאָלט איהר שיקען אויף יענעם אינזעל צו דיא זעע־רויבער, וועלכע רופען זיך מאַרטיאַל. דיעזע רויבער וועלען זיא גאַנץ פריינדליך אויפנעהמען און וועלען זיך אָנשטעלען אלס עהרליכע פישער. זיא וועט זיכער דאָרט וועלען זיצען. איך וועל אהין קומען אָט וועל זיך פאָרשטעלען, אז איהר האט מיך אהין געשיקט איך זאָל זיא קורירען. איך וועל איהר דאָרט איינגעבען אביסעל גיפט און אין פערלויף פון אכט טאָג וועט דאָס מיידעל זיין אויף יענער וועלט. און אזעל־

בע ערטער, וויא דער אינזעל אסניערעס קען א טויטער קערפער דורכנעהן וויא א בריעף דיא פאסט. וועהרענד אין פאריז ווערט יעדער בר־מנן אונטערזוכט און בעטראכט גלייך וויא ער וואלט געוועזן עפּעס אן אנטיק.

— אייער פלאן געפעהלט מיר זעהר, — האט פערראנד געזאגט — מארגען וועל איך דאס מעדכען שיקען צו דיא מארטיאלט און איך וועל איהר זאגען, אז דער דאקטאר ווינצעט וועט זיא קורירען אויף מיין רעכענונג.

— דער נאמען ווינצענט געפעהלט מיר זעהר, — האט דער פרעמדער נעענט־פערט און האט זיך אויפגעשטעלט.

ווען דיא צוויי האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער האט דער פרעמ־דער געזאגט:

— איהר זעהט, מיין פריינד, וויא פערטיג איך בין אייך צו דיענען. אייער בריעף האב איך ערהאלטען נעכטען צעהן אוהר אווענדס אין הייטע גאנץ פריה בין שוין ביי אייך געוועזן. לעבט וואהל, מיר האפען צו דיענען איינע דיא אנדער. פער־געסט נור ניט דעם אינזעל אסעניערעס, דעם נאמען מארטיאל, און דעם דאקטאר ווינצענט. דיעזע נעמען וועלען אייער פויגעלע מאכען א נעסט אין דער ערד. לעבט וואהל.

— ווארט א ווילע, — האט פערראנד געזאגט — איך וויל געהן פאראויס און וועל זעהן אויב קיינער שטעהט ניט אין וועג. איך וועל אייך ווידער ארויסלאזען דורך דעם גארטען אום קיינער זאל ניט וויסען פון אייער קומען און אייער געהן.

דיא צוויי זיינען באלד ארויסגעגאנגען. איהר קענט זיך פארשטעלען וואס פאר אן איינדרוק דיעזער געשפרעך האט אויף מיר געמאכט. איך האב זיך קוים געשטעלט אויף דיא פיס, און ציטערענדיג און פלאטערענדיג בין איך אריין אין מיין צימער און בין דארט געלעגען, ווייל איך האב קיינע קרעפטען געהאט צו ריהרען זיך פון ארט. אין א פאאר שטונדען ארום, איז מאדאם סאראפין, דיא מאטרעסע אריין אין מיין צימער און האט מיר געזאגט, אז דער הערר וויל מיט מיר עפּעס ריידען. ווען איך בין אריין אין זיין צימער האב איך געציטערט וויא פארן טויט; אבער ער האט צו מיר גאנץ קאלט געזאגט:

— דוא ביזט קראנק און שוואך, דאס זעהט מען אן דיין בלאסעס געזיכט. דיין שוואכקייט איז פון דיין שוואנגערשאפט, און דיין שרעק מאכט דיך קראנק. אבוואהל דוא האסט אויף מיר אויסגעטראכט א ליגען און האסט אויף מיר גע מאכט א ממזור־בילבול, דאך וועל איך זיך אויף דיר ערבארמען און וועל דיר העלפען אין דיין אונגליק.

אין דיזען אויגענבליק האב איך זיך אליין אפגענארט און האב געמיינט, אז ער זאגט עס אויף ריכטיג און מיט פריידען טרעהרען האב איך צו איהם געזאגט:

— אה, מיין הערר, אייער יעצטיגע פריינדשאפט און בארעמהערציגקייט ווע‏לען פערגעבען אלעס וואס איהר האט ביז יעצט געטאהן.

— וואס פאר א שלעכטעס האב איך דיר געטהאן? — האט ער אנגעפאנגען צו שרייען. איך האב זיך ערשראקען און האב געמיינט, אז ער קען חרטה האבען, דא־רום האב איך גלייך געענטפערט:

— ניין, ניין, מיין הערר, איהר האט מיר קיין שלעכטעס געטהאן, פערצייעט מיר וואס איך האב אייך געזאגט.

— הער מיך אויס, — האט ער געלאסען גערעדט — געה יעצט צו דיין פאטער און זאג איהם, אז איך שיק דיר אויף צוויי אדער דריי חדשים אויפצופאסען אויף מיינע א פארם, וואס איך האב געקויפט. דיא גאנצע צייט וואס דוא ועסט זיין אין דעם פארם וועל איך דיין פאטער צאהלען דיינע שכירות. מארגען וועסט דוא פאהרען פון פאריז צו יענער פארם. איך וועל דיר געבען א בריעף צו אן עדעלער און גוטהערציגע פרוי מיט'ן נאמען מארטיאל, וועלכע האט עהרליכע קינדער וואס האנדלען מיט פיש און זיצען אויף א פיינעם אינזעל ניט וויט פון אסניערעס. דיזע פרוי וועט דיך זעהר שעהן בעהאנדלען, זיא וועט דיך האלטען וויא איהר איינען קינד. איך וועל צו דיר שיקען מיינעם א פריינד, א דאקטאר מיט'ן נאמען ווינצענט און ער וועט דיך דארט קורירען ביז דוא וועסט ווידער געזונד ווערען. זעהסט דוא וויא גוט און וויא פריינדליך איך בין צו דיר?

— אה, וואס פאר א שרעקליכע אינטריגע! — האט רודאלף אויסגעשריען — דער באנדיט האט זיכער געמיינט, אז איהר האט געסטערן געהערט עטוואס פון זיינע שרעקליכע געהיימניסע און דארום האט ער אייך געוואלט ערמארדען! אה, וואס פאר א שרעק איהר האט געמוזט דורכמאכען!

— עס וואר א שרעקליכער קלאפ פאר מיר. איך בין געווארען צומישט, מיין קאפ האט אנגעפאנגען צו שווינדלען און מיין הערץ האט געקאכט וויא דער ים. איך בין צוטומעלט געווארען און האב ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. איך בין גע־שטאנען וויא א גולם און האב איהם אנגעקוקט אהנע צו ריידען א ווארט. דאס וואר מיין גליק, ווען איך וואלט איהם געזאגט, אז איך האב געהערט וויא ער האט גע־דונגען א מערדער וואס זאל מיך טוידטען, וואלט ער מיך פיעללייכט אין שטיקער צוריסען.

— האסט דוא פערשטאנען, וואס איך האב דיר געזאגט? — האט ער מיך געפרעגט מיט כעס.

— יא, מיין העדר, איך האב פערשטאנען; אבער איך וויל ניט פאהרען אויף יענעם אינזעל, — האב אוך געענטפערט.

— און ווארום ענטזאגסט דוא זיך פון מיין פריינדשאפט? דארט וועסט דוא קענען רוהיג איבערקומען דיין שלעכטע צייט? — האט ער גדאנערט.

— ניין, ניין, איך וועל אהין ניט געהן, איך קען מיין פאטער ניט פערלאסען, איך וועל בעסער מודה זיין פאר מיין פאטער מיין גאנצען פערברעכען און איך וועל בעסער שטארבען פון שאנדע, איידער צו פאהרען אין יענעם פרעמדען אינזעל, — האב איך איהם געענטפערט.

אבער איידער איך האב זיך אומגעקוקט האט דער מערדער מיך א שליידער געטהאן מיט ביידע הענד אויסשרייענדיג:

— געה אין דער העלל, דוא אונווירדיגע! ביז מארגען גיב איך דיר צייט, אדער דוא וועסט פאהרען וואהין איך שיק דיך, אדער איך יאג דיך ארויס פון מיין הויז און דיין פאטער וועט פערהאפטעט ווערען פאר דאס געלד, וואס ער איז מיר שולדיג!

ביי דיעזע רייד האט ער א קלאפ געטהאן מיטן טהיר און איז פון צימער פערשוואונדען. זיין מעכטיגע האנד האט מיך געשליידערט צו דער ערד און איך בין א לאנגע צייט געלעגען אויפן זעלבען ארט און האב זיך ניט געקענט אויפשטעלען ביז סעראפין איז געקומען און האט מיך אוועקגעפיהרט אין מיין צימער.

אין מיין צימער בין איך געלעגען אהן קרעפטען ביז נאך האלבע נאכט. פלוצלינג האב איך אנגעפאנגען צו פיהלען וועהטאגען, שטעכעניסען און אנדערע ליידען וואס אן ערסטלינג פיהלט. איך האב פערשטאנען, אז א קינד וועט באלד קומען אויף דער וועלט. איך האב מורא געהאט צו שרייען אדער צו קרעכצען. איך האב געוואוסט, דאס ווען פערראנד וועט וויסען מיין צושטאנד וועט ער קומען אין מיין צימער און וועט מיך ערווערגען מיט זיינע הענד אום עס זאל הייסען, אז איך בין געשטארבען פון דער ענטבינדונג, איך האב איינגעגראבען מיין געזיכט אין קישען און האב זיך געשטארקט ניט צו שרייען. אבער יעצט טהוט מיר לייד, ווארום איך האב געזוכט מיין לעבען צו רעטען. ווען איך וואלט געפאלגט פערראנדס ראטה, אדער איך וואלט ניט געשוויגען ביי מיין ענטבינדונג וואלט איך יעצט געווען טויט. און וואלט ניט געליטען דיא שאנדע און דעם בילבול, דאס איך האב מיין קינד ער־

מארדעט! אָה, איך האב עס ניט ערמאָרדעט, דאס קינד איז געבאָרען געוואָרען אהן לעבען!

לואיזע האט מעהר ניט געקענט ריידען. זיא האט זיך צו־ווײנט אויפ'ן קול. מאָרעל איז דיא גאנצע צייט געזעסען שטיל און האט זיך איינגעהערט צו איהר ערצעהלונג מיט צומישטע, פערוואָלקענטע געדאנקען. ער האט כמעט ניט געוואוסט וואָס זיא ערצעהלט. ווען ער האט דערזעהן איהרע טרעהרען האט ער געפרעגט:

— דוא וויינסט מיין קינד? וואָרום וויינסט דוא? וואָרום? אָה, איך פערשטעה יעצט, פערראנד, דער מערדער פערראנד, אבער אונגליקליכע טאָכטער, וואָרום וויינסט דוא? יעצט ביזט דוא דאָך נאָך פיעל טהייערער אין מיינע אויגען. זאָג מיר וואָס וויינסט דוא, דיא טרעהרען בייטען אום דיינע אויגען און איך קען דיך באלד ניט ערקענען. אָה, מיין קאָפּ, מיין קאָפּ!

— דוא זעהסט פאָטער, אז איך האב קיין שולד אין דעם גאנצען פערברעכען? —האָט לואיזע שלוכצענדיג געזאָגט:

— יאָ, יאָ, איך זעה, אז דוא ביזט ניט שולדיג, איך זעה, פערראנד! —האט מאָרעל געענטפערט.

— האָסט דוא מיר פערצייעט פאָטער? —האט לואיזע געפרעגט.

— איך האב דיר פערצייעט, אונגליקליכעס קינד. איך ליעב דיך נאָך וויא א פאָטער זיין קינד.... אָה מיין קאָפּ, מיין קאָפּ!

לואיזע האט איהם אנגעקוקט און האט זיך ערשראָקען. רודאָלף האָט איהם אויך בעטראכט. דאן האט לואיזע וויעדער דערצעהלט:

— ווען איך זאָל אייך שילדערען יענעם אויגענבליק, ווען איך האב מיין קינד ארומגענומען און האב איהם געפונען קאלט וויא אייז, ווען איך האב צוגעלייגט מיין מויל צו זיינעם און האב קיין אָטהעם פון איהם געפיהלט, און ווען איך האב פרובירט איהם צו ערוואַרמען, איהם לעבעדיג צו מאַכען. אָה, איך קען עס אייך ניט שילדערען, איך בין ניט אימשטאנדע. ראכע, מוטערליעבע, האס און פערדרוס האבען זיך געמישט אין מיין הערצען. א טויט־שרעק איז מיך בעפאלען ווען איך האב זיך ערינערט דאס פערראנד קען מיך בעשולדיגען אין דעם קינדס טויט, און מיין איינציגער וואונש איז געווען איך זאָל איהם מקבר זיין און זאָל איהם בעהאלטען אין אזא אָרט, דאָס קיין לעבעדיגע זעעלע זאָל פון איהם ניט וויסען. איך האב זיך פאָרגעשטעלט דאָס דאמאלס וועל איך קענען אנטלויפען פון פערעאנדס הויז און קיין לעבעדיגע זעלע וועט פון מיין שאנדע ניט וויסען.

איידער אלע זיינען אויפגעשטאנען פון שלאָף בין איך אראָפּ פון מיין בעט,

האב איינגעוויקעלט מיין טויטעס קינד אין מיין טיכעל און בין אוועק אין גארטען, דארטען אויסצוגראבען פאר איהם א קבר. אבער יענע נאכט וואר זעהר א קאלטע און איך האב דיא ערד ניט געקענט גראבען. איך האב דעם טויטען קערפער בע־האלטען אין א קעלער וואוהין קיינער געהט ניט און האב מיין קינד צוגעדעקט מיט א קאסטען. אום נייען אוהר איז דיא מאטרעסע מיך געקומען וועקען. איך האב איהר געזאגט, אז איך וואר זעהר קראנק דיא גאנצע נאכט און האב איהר געבע־טען דיא ערלויבניס צו ליעגען דעם גאנצען טאג אין בעט און מארגען וועל איך פאה־רען וואוהין מיין הערר שיקט מיך. אין דריי שטונדען שפעטער איז פערראנד געקו־מען אין מיין צימער און האט צו מיר גערערט זעהר פריינדליך:

— דוא ביזט זעהר קראנק, — האט ער געזאגט — אבער דאס איז דיין שולד ווארום דוא ווילסט ניט פאהרען צו דיא מארטיאל פאמיליע; איך האב אבער אויף דיר רחמנות און איך וועל זעהן דיר צו העלפען, פארנאכט וועל איך צו דיר שיקען דעם דאקטאר ווינצענט און ער וועט דיך קורירען.

אום איהם צו נארען און צו רעטען זיך פון דעם דאקטאר ווינצענט האב איך איהם געענטפערט, אז איך האב מיך ווידערלעגט איהם צו פאלגען. אין א טאג, אדער צוויי וויא מיר וועט ווערען אביסעל לייכטער וועל איך פאהרען צו דער פא־מיליע מארטיאל; אבער עס איז ניט נויטהיג צו שיקען אהער דעם גרויסען דאקטאר ווינצענט; דען איך בין ניט אזוי געפעהרליך, איך וועל גאנץ אליין געזונד ווערען. מיין פלאן איז געווען איך זאל פון איהם אנטלויפען. ער האט זיך זעהר געפרעהט און האט בעפוילען מען זאל מיך לאזען רוהען ביז איך וועל געזונד ווערען. דעם גאנ־צען טאג האב איך געפירכטעט טאמער וועט מען געפינען מיין טויטעס קינד. ווען עס איז געווען שפעט און אלע האבען געשלאפען, בין איך אויפגעשטאנען, האב גע־נומען א גראב־אייזען און מיט גרויס מיהע האב איך בעערדיגט מיין קינד. ווען איך האב זיך אבגעזעגענט פון מיין קינדס קבר בין איך אריין אין מיין צימער און א גרוי־סער פיבער איז מיך בעפאלען. גאנץ פריה האט פערראנד צו מיר געשיקט געוואר־ווערען. איך האב געענטפערט, אז איך פיהל בעסער און מארגען פריה וועל איך פאהרען וואוהין ער שיקט מיך. א גאנצען טאג בין איך געלעגען אין מיין צימער. דער פיבער האט מיך זעהר געפלאגט, אבענדס בין איך אריין אין קיך און בין דארט געזעסען שפעט, ווייל אין דיא ווארימקייט איז דער פיבער מיר פיעל לייכטער געווען צו ערטראגען. געהענדיג צוריק אין מיין צימער האב איך בעגעגענט מיין פריינד יוסף דזשערמען, וועלכער וואר ווייס וויא מיין טויטעס קינד און שנעל אהן א סך צערעמאניעס האט ער מיר געגעבען א בייטעל מיט געלד זאגענדיג:

— מאַרגען פריה וועט פעררהאַנד ארעטירען אייער פאַטער פאַר דיא דרייצעהנ־הונדערט פראַנק וואס ער איז איהם שולדיג; אבער היער האט איהר דאָס געלד און מאַרגען גאַנץ פריה זאָלט איהר לויפען צו אייער פאַטער און איהר וועט איהם אויסלעזען מיט דיעזען געלד. יעצט זעה איך וואס פאַר אן אונמענש פעררהאַנד איז, איך וועל זיך מיט איהם רעכענען. איהר זאָלט אבער קיינעם ניט זאָגען אז איך האָב אייך געגעבען דאָס געלד. ביי דיעזע רייד איז דזשערמען פערשוואונדען.

— הייטע פריה, — האָט לואיזע געענדיגט איהר ערצעהלונג — ווען אלע האָבען נאָך געשלאָפען, האָב איך זיך ארויסגע׳גנב׳עט פון פעררהאַנד׳ס הויז און בין אהער געקומען צולויפען מיט דאָס געלד וואָס דזשערמאַן האָט מיר געגעבען. ליידער איז דיעזע סומע געוועזען צו קליין און ווען ניט דער אדעלער רודאָלף וואָלט מיין פאַטער יעצט געוועזען צווישען אלע ארעסטאַנטען. מיין הערץ זאָגט מיר, אז הייטע פריה איז דיא מאַטרעסע אריין אין מיין צימער און האָט דאָרט געפונען בלוט־פלעקען און דער־פון האָט פעררהאַנד פערשטאַנען, וואס מיט מיר איז געשעהן. אייך מאָנסיו רודאָלף בעט איך, איהר זאָלט זיין אזוי פריינדליך אפּגעבען דעם יונגען מאַן דאס געלד וואס ער האָט מיר געגעבען. זיין אדרעסע וויסט איהר דאָך נאָך איידער איך האָב עס אייך געזאָגט. איך שווער אייך נאָך אמאל, אז איך האָב אייך געזאָגט דעם אמת, מיינע הענד האָבען ניט פערגאָסען דאס בלוט פון מיין קינד.

43טעס קאַפּיטעל.

אַראָפּ פון זינען.

א טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם יאַמערפאָלען צימער. אלע האָ־בען געשוויגען, אלע האָבען געדענקט און געזיפצט. יעדען האָט זיך געדאַכט, אז לואיזע האָט נאָך אין ערצעהלען איהר טרויעריגע געשיכטע, און יעדער האָט גע־פיהלט דיא ליידען פון דאָס אונגליקליכע קינד.

פּלוצלינג איז לואיזע פערציטערט געוואָרען און האָט אויסגעשריען:

— אָה, מיין הערר, זעהט נור וואס עס איז געשעהן מיט מיין פאַטער!

רודאָלף האָט זיך צוגעקוקט צו מאַרעל׳ס געזיכט און האָט באַלד פערשטאַנען אז דער אונגליקליכער פאַטער איז אראָפּ פון זינען און האָט אין גאַנצען פערגעסען וועד עס איז מיט איהם אין הויז. מאַרעל איז געזעסען און האָט מעהר ניט געהערט וואָס עס ווערט געשפּראָכען. אָבוואָהל ער האָט אין האַנד קיין אינסטרומענט ניט געהאַלטען, דאָך האָט ער געשאָקעלט מיטן האַנד, געוואָרפען מיט דיא פיס און בע־וועגט זיין גאַנצען קערפּער, גלייך וויא ער וואָלט געשלייפט א שטיין.

— וועה, וועה! — האט לואיזע אנגעפאנגען צו שרייען און צופאלענדיג צו איהר פאטער האט זיא גענומען שרייען:

— פאטער! פאטער!

מארעל האט אויף איהר אנגעשטעלט זיינע ווילדע, משוגענע אויגען און ניט ענדערענדיג זיינע משונה׳דיגע בעוועגונגען האט ער געענטפערט:

— דרייצעהן הונדערט פראנק האב איך געבארגט ביי׳ן נאטאריוס. איך דארף ארבייטען, ארבייטען, ארבייטען, ביז איך וועל האבען גענוג געלד צו בעצהא-לען מיין חוב. איך וועל בעצהאלען, בעצהאלען, בעצהאלען.

— מארעל מיין טהייערער פריינד, — האט צו איהם רודאלף געזאגט — זעהט נאר איך בין דא אין הויז און לואיזע שטעהט דא אויך מיט אייך. זעהט נור אייער טאכטער איז אונשולדיג. זיא האט אויף זיך קיין זינד. זיא איז אונשולדיג.

— דרייצעהן הונדערט פראנק! — האט מארעל ווידער גע׳טענה׳ט און האט ניט געהערט וואס רודאלף האט צו איהם געזאגט.

— פאטער! טהייערער פאטער! — האט לואיזע געשריען און האט איהם ארומ-גענומען, אבער מארעל האט זיא א שליידער געטהאן פון זיך און האט געמורמעלט:

— דרייצעהן הונדערט פראנק בין איך שולדיג דעם נאטאריוס. איך מוז בעצהאלען, בעצהאלען, וועו ניט וועט מען אראפנעהמען לואיזעס קאפ.

— ער איז וואהנזיניג! וועה, וועה איז מיר! — האט לואיזע געקלאגט.

— בערוהיגט אייך, אונגליקליכעס קינד, — האט רודאלף איהר געזאגט — מיר שיינט, אז זיין וואהנזין וועט לאנג ניט האלטען. פיעלע אונגליקען זיינען איהם בעפאלען מיט איין מאל, ער האט זיי ניט געקענט אריבער טראגען און איז דאדורך אראפ פון זינען; איך האף אבער, אז זיין פערשטאנד וועט באלד ווידער ווערען אין ארדנונג.

— אבער, — האט לואיזע געשריען — וואס וועט זיין מיט מיין מוטער און מיט מיינע שוועסטער, זיי וועלען דאך אלע אויסשטארבען פון הונגער!

— און וואו בין איך? — האט רודאלף געפרעגט — פערליערט נור ניט אייער גערולד, לערענט זיך צו בעהערשען זיך אליין אין א צייט פון אונגליק. איהר האט מיר איבערצייגט, אז איהר זייט אונשולדיג און באלד וועלען עס אלע פאריזער וויסען.

— זעהט נור, מיין הערר, זעהט וואס פערראנד האט אונז געטהאן! שאנדע, משונה׳ע טויט האט ער אנגעשיקט אויף אונזער הויז, און דאך האלט איהם דיא

גאנצע וועלט פאר א צדיק און פאר א היילינגען! קיינער אין דער גאנצער וועלט וויל איהם ניט בעצאהלען וויא ער האט פערדיענט.

— איך, איך וועל איהם בעצאהלען פאר אייער בלוט! — האט רודאלף מיט א מורא'דיגען קול אויסגעשריען — איך וועל אראפרייסען דיא מאסקע פון דיעזען באנ־דיט און איך וועל פון איהם נעהמען ראכע, אזא פירכטערליכע ראכע וויא ער פער־דיענט.

— אה, גאט זאל אייך העלפען! — האט לואיזע געזאגט וויינענדיג — איך וויל פון איהם קיין נקמה פאר זיך, איך וויל אבער זעהן וויא ער וועט בעצאהלט ווערען פאר מיין פאטער און פאר מיין קינד, וועלכען ער האט געטויטעט איידער עס איז גע־בארען געווארען.

מארעל איז אלץ געזעסען ביים טיש און האט זיך געקרימט און געקנייטשט אזוי וויא ער וואלט געארבייט ביים שלייף־שטיין.

ענדליך האט זיך געעפענט דיא טהיר און דער אפיציער איז אריין אין הויז און האט צו רודאלף'ן געזאגט:

— מיר טהוט לייד צו אונטערברעכען אייער געשפרעך, אבער איך קען ניט העלפען, מיין צייט איז ניט אין מיינע הענד, איך מוז געהן.

— אונזער געשפרעך האט זיך געענדיגט, — האט רודאלף געענטפערט אנציי־גענדיג אויף דעם וואהנזיניגען — לואיזעס פאטער הערט ניט מעהר וואס מען רעדט צו איהם, ער איז אראפ פון זינען.

— וועה! — האט דער אפיציער געשריען — איך האב געפירכטעט, אז דאס וועט געשעהן. וויא שרעקליך דאס איז. איך האב זא וויא זא בעשלאסען צו פערטהיי־דיגען דיעזע אונגליקליכע פרויענצימער. יעצט שוועך איך אנצו־ווענדען אלע מיינע קרעפטען אום צו שטיצען דיעזער עהרליכער פאמיליע. איך וועל דיא ריכטער ער־צעהלען, וואס פאר אן עהרליכע און גוטעס קינד לואיזע איז און וואס פאר אן עלענד און אונגליק עס הערשט אויף דיעזען הויז. איך וועל דיא ריכטער אלעס פארשטע־לען וויא עס איז און איך האף, אז זיי וועלען זיך איבערצייגען, אז פערראנד האט גע־מאכט א שענדליכען בילבול אויף זיין עהרליכע דיענסט.

— אויב איהר וועט האלטען ווארט, און איהר וועט טהאן וויא איהר פער־שפרעכט, וועט איהר טהאן דיא בעסטע טהאט וואס א מענש קען טהאן אין זיין לעבען, — האט רודאלף איהם געזאגט — יעצט בעט איך אייך דיא טובה איהר זאלט דערצעהלען וויא אזוי איז געקומען דיא קלאגע געגען דיעזער אונגליקליכער?

(Paris, 30.)

— הייטע פריה, — האט דער אָפיציער געזאָגט — איז צו אונז געקומען דיא עלטסטע פון פערראנדס הויז און האט ערצעהלט, אז אין פערראנדס הויז איז געווען א דיענסט מיט'ן נאָמען לואיזע מאַרעל, וועלכע וואר שוואנגער, הייטע איז זיא פון הויז אנטלאָפען און אין איהר בעט האט מען געפונען דיא צייכענס פון אן ענטבינדונג. דיא מענשען פון הויז האבען אנגעפאנגען צו זוכען און האבען געפונען בלוטיגע צייכענס אויף'ן שנעע. דיעזע צייכענס האבען געפיהרט צו א ווינקעל אין גאָרטען וואו מען האָט געפונען בעגראָבען א קליין קינד. איך בין באלד אוועק אין פערראנד'ס הויז און האב איהם געפונען זעהר אויפגערעגט, ווארום אין זיין הויז איז זאָ וואס געשעהן. אויך וואר א גייסטליכער און האָט מיר ערצעהלט, אז לואיזע האט איהם מודה געווען איהר זינד. אויך האָט דער גייסטליכער א פאאר מאָל געהערט וויא פערראנד האט זיא געמוסר'ט און האט איהם אין פאָראויס געזאָגט, אז זיא וועט האבען א ביטערען סוף. פערראנד האָט מיר געזאָגט, אז לואיזע איז יעצט אין איהר פאטער'ס הויז און זאָ בין איך אהער געקומען.

— איך דאנק אייך, מיין הערר, — האט רודאָלף דעם אָפיציער געזאָגט — איך וועל דיא צוויי קראנקע, מאַרעל און זיין שווינער אריינגעבען אין אן אירערנ־הויז, וואו מען וועט זיי קורירען.

רודאָלף האט זיך דאן געווענדעט צו דער פערצווייפעלטער לואיזען, וועלכע איז געלעגען אויף דיא קניע פאר איהר וואהנזיניגען פאטער און האט צו איהר געזאָגט:

— ארעלעס קינד, נעהט יעצט מיט דיעזען גוטהערציגען אָפיציער. אייער מוטער זאלט איהר פון קיין זאך ניט דערצעהלען. איהר זאָלט ניט זאָרגען און זאָלט ניט קלאָגען. איך וועל פערזאָרגען אייער פאמיליע מיט אלעס וואס זיי האבען נויטהיג. אייער פאטער וועל איך זעהן צו קורירען. געהט מיין קינד, און זייט זיכער דאס גאנץ שנעל וועט איהר ארויסגעהן פריי, וויל איהר זייט אונשולדיג.

— — — — — — — — — — — — — —

אין צוויי שעה שפעטער איז לואיזע געזעסען איינגעשלאָסען אין געפענגניס און מאַרעל און זיין שווינער האבען זיך געפונען אין אן אירערנ-הויז וואוהין רודאָלף'ס דאקטאָר האט זיי אריינגעזעצט. דיא טהייערע שטיינער, וואס האבען זיך געפונען אין מאַרעל'ס הויז האט מאַרעל'ס ווייב אפגעגעבען צו וועמען זיי האבען בעלאנגט. דער חינקעדיגער האָפּי, קולאקס בן־יחיד, וועלכער האט ערפאהרען, אז מאַרעל האט געשלייפט גוטע שטיינער האט ניט גערוהט און האט ניט געשוויגען ביז ער האט

ערפאהרען, אז מאטיע, דיא וואס האט געגעבען דיעזע שטיינער צום שלייפען, וואוינט אין 12 סאנט דעניש.

דיפּעלטאן האט אויף זיך גענומען דיא ביטערע אויפגאבע צו ערצעהלען מאַ־רעל'ס ווייב וואס מיט איהר מאן און מיט איהר טאכטער איז געשעהן. אנפאנגס האט מאדעליין געוויינט און געיאמערט, אבער נאכדעם וויא דער ערשטער שטורם איז פאראיבער האט זיא זיך בערוהיגט, איבערהויפט ווען זיא האט זיך איבערצייגט, אז זיא ווערט פערזארגט מיט אלעס פון דעם גוטהערציגען רודאלף און אז זיא קען האפען צו זעהן איהר מאן און איהר קינד צוריק אין איהר הויז.

44טעס קאפּיטעל.

יעקב פעררַאנד.

אין דער צייט פון אונזער ערצעהלונג האט מען אין סענטיער שטראסע געקענט זעהן א לאנגע שטיינערנע וואנט, וועלכע איז צושפּאלטען און צובראכען און איז פער־שמירט און פערקלעפּט מיט ליים און מיט קאלך. דיעזע וואנט האט ארומגערינ־געלט פעררַאנדס גארטען און קאנטאָר און אייך דאס הויז, וועלכע איז בלויז איין עטאזש מיט א פּאאר דאך־שטיבעלעך.

דער גארטען ארום הויז איז געוועזן אָהן ארדנונג און אָהן חן. שטיינער און ברעטער זיינען געלעגען אויף דיא ערטער וואו עס האבען בעדארפט זיין בלומען און ביימער.

דאס הויז אין וועלכער פעררַאנד האט געוואוינט, איז געווען אַן איינפאכע, אַלטע, צובראָכענע געביידע, וועלכע האט אויסגעזעהן וויא א וואוינונג פאר אַן ארמע פאמיליע. דיא שויבען פון הויז זיינען געווען צובראָכען און פערקלעפּט. דיא טהירען האבען זיך קוים געעפענט און קוים געשלאָסען.

דיעזע ארימקייט און דיעזע קארגהייט פון פעררַאנדס הויז האט פערגרעסערט זיין קרעדיט ביי אלע פּאריזער. אין זיין קאנטאָר האבען געארבייט פיעל מענשען. מען האט אויך געוואוסט, אז ער האָט א גרויסען פערמעגען און וויל מען האט גע־זעהן אז ער לעבט אָהן לוקסוס, אָהן פערד און אָהן בעלער האט מען געוואוסט, אז ער וועט ניט פערשווענדען פרעמדעס געלד און אז ער וועט אימער האָבען צו בע־צאָהלען דאס געלד וואָס ווערט איהם פערטרויט.

פעררַאנד איז געווען אַן עכטער גייץ-האלז. געלד איז געווען זיין נאצער לע־לעבען. ער האָט געליעבט דאס געלד ניט ווייל מען קען עס געברויכען צו אלע פער־גניגענס פון לעבען, נור ווייל דאס איז געלד. דעם גרעסטען פערגניגען האט ער גע־

האט, ווען ער האָט גענעהלט זיינע רענדליך. ער האט ניט געקענט עסען, אדער שלאָפען אין זיין רייץ נאָך געלד.

איין אויסנאהמע האט ער געמאכט פון אלע קארגע. ער האט זעהר פיעל שפעקולירט. זיין חשק צו געווינען נייעס געלד האט בעקעמפפט דעם געוועהנליכען כאראקטער פון א קארגען, וואס פירכטעט צו ריזיקירען זיין פערמעגען.

יעקב פערראנד האט קיין געוויסען ניט געהאט. ער וואר א־היפּאָקריט פון ערשטען קלאס, און האָט זיין פרומע ראָלע אויסגעניצט צו פערדעקען דיא טויזענדע חטאים וואָס ער איז בעגאנגען. קיין מענש און קיין פרינציפּ האט ער געאכטעט. ער האב געוואלט געלד און געלד.

אויסע געלד האט ער נור נאך איין איינציגע ליידענשאפט געהאט; אבער דיא ליידענשאפט איז ביי איהם געווען פיעל מעכטיגער וויא זיין תאוה צו געלד. גוט עסען, גוט טרינקען אדער שפּיעלען, דערפון האט ער ניט געוואוסט. זיין חשק איז נור געווען גרויס צו פרויענצימער. און דיעזע ליידענשאפט האט איהם געטריבען צו אלע שענדליכע און ניעדערטרעכטיגע מיטלען.

פערראנד איז געווען אן אויסגערעכענטער פערברעכער און בעזאָנענער שאר־לאטאן, דאָך איז ער בעגאנגען צוויי אדער דריי מעשים, וועלכע דער לייכטזיניגסטער פערברעכער וואלט אויסגעוויכט.

פערראנד האט צו זיך געהאט צוויי קאמעראדען מיט וועלכע ער איז מיט זיי צוזאמען בעגאנגען א פּאאר גרויסע פערברעכען. דיעזען גרויסען פערזעהן האט ער אימער זיך ניט געקענט פערצייען; זיין טרויסט איז נור געווען דאָס זיינע קאמערא־דען קענען איהם ניט פערראטהען אָהנע זיך אליין צו בעשולדיגען. און זיי האבען אויך קיינע נוצען ניט געקענט ציהען פון אזא פערראטה.

פערראנד'ס פּערזאָן איז געווען מערקווירדיג וויא זיין לעבען. פערראנד איז געווען עלטער פון פונפציג יאהר, אבער זיין אויסזעהן איז געווען וויא פון פערציג. ער וואר פון מיטעלען וואוקס, מיט רונדע אקסלען און בעוואקסען מיט רויטהע האאר.

זיין געזיכט וואר א פלאציגע און פאָל מיט גריבלעך, וועלכע האבען איהם גע־געבען א שרעקליכען אויסזעהן. זיין נאז וואר לאנג און אראָפּגעצויגען פאסט איבער'ן מויל. זיינע ליפּען ווארען זעהר דין און זיין מויל אזוי ברייט, דאס עס האט געשיינט, אז זיין קאָפּ איז איבערגעשניטען אין צוויי טהייל. טיעף אונטער'ן שטערען זיינען ביי איהם ארומגעלאָפען צוויי קליינע שווארצע אויגען, וועלכע האבען אימער געזוכט אימער געברענט.

יעקב פערראנד האט געהאט זעהר געזונדע אויגען. דאָך האט ער געטראָגע

ברילען אום קיינער זאָל ניט קענען לעזען זיין כאַראַקטער, וועלכער האָט זיך אָפּגע־שפּיגעלט אין זיינע אויגען. ער האָט געוואוסט אז דעם מענשען׳ס אויגען זיינען דיא פענסטער צום הערצען. ער האט אימער געקוקט דעם צווייטען אין דיא אויגען; אבער זיינע אויגען האט ער פערשטעלט מיט א פּאָאר דונקעלע גלעזער.

דיא קליידער אויף זיין קערפּער ווארען אימער אַלטע צוריסענע, כמעט שמור־ציגע. דאס האט אויף איהם אויסגעזעהן וויא אן ענטזאגונג פון דיזער וועלט און לעבען נור פאַר דער צוקינפטיגער וועלט.

אַלע דינסטען און ארבייטער פון פּאַריז האבען איהם געקענט. מען האט גע־וואוסט, אז ער דיענט גאָט דריי מאל א טאָג און אז זיין בעסטער פערגעניגען איז צו הערען א דרשה. ער פלעגט זאָגען, אז עהרע און א גוטער נאָמען איז טהייערער און אנגענעהמער פון אלעס אין דער וועלט און אז עולם-הבא איז דער בעסטער אוצר וועלכען א מענש דאַרף זאַמלען.

דיזע ראָלע האָט איהם געמאַכט צום הייליגסטען מאַן אין דער וועלט. מענ־שען פלעגען זיך ביי איהם בעטען ער זאָל נעהמען זייער געלד אונטער זיין השגחה. קיינער האט ניט געצווייפעל, אז פערראַנד׳ס וואָרט איז בעסער פון א קעניגרייך׳ס אונטערשריפט.

דער קאַנטאָר אין וועלכען פערראנד האט געפיהרט זיינע געשעפטען האט געהאַט דעם געוועהנליכען אויסזעהן פון אַלע פּאַריזער קאַנטאָרען. דיא שרייבער און בוכהאַלטער וואַרען וויא אַלע שרייבער און בוכהאַלטער; דער איינגאַנג צום קאַנטאָר איז געווען א געוועהנליכער צימער מיט עטליכע הילצערנע שטוהלען; דער קאַנטאָר איז געווען פערפּאַקט מיט שרייב־טישען און שראַנקען וואו אלערליי שריפ־טען און דאָקומענטען האבען זיך געפונען. ביי דיא שרייב=טישען זיינען געזעסען יונגע לייט און האבען געאַרבייט, געשפּראָכען און א מאל געלאַכט. פון איין זייט איז געווען א צימער וואו דער עלטסטער בוכהאַלטער האט זיך אימער געפונען, און אין צווייטען זייט איז געשטאַנען א לעערער צימער, וואו דער ווירטה פלעגט אָפט רעדען זיינע געהיימניסע מיט דיא קונדען.

אין דעם טאָג וואָס מיר בעזוכען דיזען קאַנטאָר זיצען דיא שרייבער און דיא בוכהאַלטער און האבען צווישען זיך געשפּראָכען.

איינער האט געזאָגט:

— ווער וואָלט עס געגלויבט? ווען איינער וואָלט מיר געזאָגט, אז פראַנציס דזשערמאַן איז א גנב, וואָלט איך איהם ארויסגערופען אויף א דועל.

— איך וואָלט יענעם געטויטעט! — האט זיך א צווייטער אָפּגערופען.

— איך, — האָט זיך אַ דריטער אָפּגערופען — איך בין אזוי געריהרט געוואָרען ווען איך האב געזעהן וויא ער ווערט פערהאַפטעט אלס גנב, דאס איך האב ניט געקענט עסען מיין פריהשטאַק.

— זיעבעצען טויזענד פראנק! דאָס איז אַ סומע, אַ ריזיגע סומע! — האָט זיך נאָך איינער אָפּגערופען.

— אבער ווייסט איהר, דאס צייט ער איז היער קאַסיר האָט נאָך קיין איינ־ציגער פראנק ניט געפעהלט? — האָט ווידער איינער געפרעגט.

— נאָך מיין מיינונג, — האָט דער ערשטער ווידער געזאָגט — נאָך מיין מיי־נונג האט פעררצנד געטהאָן אן אונרעכט, ווארום ער האט איהם געלאָזט פערהאַפ־טען. דזשערמאַן אליין האט געשוואָרען, אז ער האט נור גענומען דרייצעהן הונדערט פראנק אין גאָלד און זיין שבועה מעג מען גלויבען.

— נאָך מעהר, — האָט דער צווייטער בעמערקט — ער האָט דאָך אהער גע־בראַכט דאס געלד אין דער זעלבער צייט וואס פעררצנד האט געשיקט נאָך דער פאָליציי מען זאל איהם ארעסטען.

— אָה, דאָס איז דאָך דיא קראַפט פון אונזער ווירטה. ער האט קיין הערץ און קיין רחמנות.

— אַ מענש פון אונזער קלאַסע וואלט זיך גוט איבערלייגט איידער ער וועט רועניר עו אַ יונגען מאַן, וועלכער האט ביז יעצט קיין פלעק אויף זיך.

— אָה, פעררצנד וועט שוין האבען אן אנטוואָרט. ער וועט זאָגען, אז ער האט עס געטהאָן אום אלע אנדערע קאַסירער צו שרעקען.

— שרעקען? וואס הייסט דאָס? דעם עהרליכען מאַן דארף מען ניט שרעקען און דעם גנב העלפט קיין שרעק.

— אבער דיעזער הויז ניט דער פּאָליציי ארבייט. הייטע פריה איז לואיזע פערהאַפטעט געוואָרען און יעצט דזשערמאַן.

— אבער איך פערשטעה ניט וואס מיט דיעזען אונגליקליכען איז הייטע גע־שעהן. ער האט זיך דאָך פאַרט מודה געווען? — האָט איינער זיך אָפּגערופען.

— יאָ, ער האט מודה געווען, אז ער האט גענומען דיא דרייצעהן הונדערט פראנק. ער שווערט אבער, אז ער האט ניט געזעהן און ווייס ניט פון דיא פופצעהן טויזענד פראנק אין פּאַפּיר געלד און ער ווייס אויך ניט פון דיא איבעריגע זיעבען הונדערט פראנק, וועלכע זיינען פערלאָרען געגאנגען.

— אָבער גוט, וויא באלד ער איז מודה אויף איין סומע ווארום זאָלט איהר

ניט גלויבען אז ער האט גענגב'עט דיא איבעריגע? — האט דער זעלבער יונגער מאן געפרעגט.

— דאס איז אמת, אז פאר דיא דרייצעהן הונדערט פראנק וועט ער בע־שטראפט ווערען וויא פאר דיא איבריגע פונפצעהן טויזענד.

— שטיל! — האט איינער פון דיא שרייבער אויסגערופען — היער קומט שא־לאמעל, ער וועט באלד איבערראשט ווערען.

— ווענען וואס, ווענען וואס? — האט שאלאמעל געפרעגט — האט איהר עפעס נייעס פון לואיזען?

— אה איהר וואלט אלעס געוואוסט ווען איהר וואלט זיך ניט געזאמט.

— איהר מיינט, אז פון דאנען ביז שאילאט שטראסע איז [שפאן? — האט שאלאמעל געפרעגט — איך האב געמוזט געהן צו דעם גראף פאן סאנט רעמי.

— נו איז דער גראף נאך ניט צוריקגעקומען? — האבען איינינע מיט א מאל געפרענט.

— ניין. מען האט מיר נור געזאגט, אז ער וועט באלד קומען. איהר האט נור בעדארפט זעהן אין וואס פאר א האטעל איך האב דעם גראף יעצט געזוכט. דער שעהנסטער האטעל אין שטאדט, — האט שאלאמעל דערצעהלט.

— איך האב געהערט, אז דער גראף האט אויף זיך א סך קרעדיטארען, און דאס מאנכע ווילען איהם ארעסטען, — האט א בוכהאלטער געזאגט.

— איינער פון זיינע קרעדיטארען וואס האט איהם פערקלאגט פאר דרייסיג טויזענד פראנק פערלאנגט פון איהם ער זאל עס בעצאהלען אין דיעזען קאנטאר. איך וויים ניט ווארום דער קרעדיטאר האט בעשטימט דיעזען קאנטאר.

— אבער ער מוז יעצט זיין אימשטאנדע דאס געלד צו בעצאהלען, ווייל ער איז געסטערען אבענד צוריקגעקומען פון דעם דארף וואו ער האט זיך בעהאלטען זיים דיא לעצטע דריי טעג.

— אבער ווארום האט מען ניט ארעסטירט זיין אייגענטהום?

— אה, דער קרעדיטאר איז נאך ניט אזא עזעל. דאס הויז איז ניט זיינע, דיא מעבעל איז אויפ'ן נאמען פון דעם הוידבעזיצער, וועלכער פערדינגט איהם דעם וואוינונג מיט דיא מעבעל; זיינע פערד זיינען אויפ'ן קוטשערס נאמען. אה, דער גראף פאן סאנט רעמי איז פארזיכטיג. אבער ווענען וועלכער איבערראשונג רעדט איהר דא. האט עפעס נייעס פאסירט?

— שטעלט זיך נור פאר, צוריק מיט צוויי שטונדען איז דער ווירטה אהער אריינגעלאפען ביי א משוגענער. „איז דושערמען דא? דער שארלאטאן האט מיר

נעכטען אבענד בערויבט אויף זיעבצעהן טויזענד פראנק!״ — האט ער געשריען.

— ווער, דזשערמאן האט גע׳גנב׳ט? אך פלוידער ניט, פלוידער ניט, מאך פון מיר קיין שפאס! — האט שאלאמעל געזאגט.

— מיר האבען אויך אזוי געזאגט. מיר האבען צום ווירטה געשריען, אז עס איז אונמעגליך. דזשערמאן איז קיין גנב.

— איך וועל אייך דערצעהלען, — האט דער ווירטה צו אונז געזאגט — נעכטערן האב איך אריינגעלעגט אין דזשערמאנ׳ס שרייב־טיש פונפצעהן טויזענד פראנק פאפיר געלד און צוויי טויזענד פראנק אין גאלד. דאס גאנצע געלד איז פערשוואונדען.

און וועהרענד ער האט עס אונז ערצעהלט איז געמאלדען געווארען, אז די פאליציי איז געקומען.

— און דזשערמאן? — האט שאלאמעל געפרעגט.

— האפט־זשע ניט. דער ווירטה האט בעפוילען דאס אין פאל דזשערמאן וועט קומען, זאל מען איהם פון קיין זאך ניט דערצעהלען, מען זאל איהם נור אריינשיקען אין קאנטאר; ווייל ער ווינשט, אז אלע שרייבער זאלען זיך איבערצייגען. אין פונפצעהן מינוטען שפעטער איז דזשערמאן געקומען גלייך וויא קיין זאך וואלט ניט געשעהן. סערזשין האט אונז צו יענער צייט געבראכט דעם פריהשטיק.

— דזשערמאן, ווארום געהט איהר ניט עסען? — האט דער ווירטה געפרעגט. דזשערמאן האט בעדאנקט.

— ווארום זייט איהר געקומען אזוי שפעט? — האט פערראנד ווייטער געפרעגט.

— יא מיין הערר, איך בין געווען אין בעל וויל, — האט דזשערמאן געענטפערט

— זייט איהר אהין געגאנגען בעהאלטען דאס געלד וואס איהר האט פון מיר גע׳גנב׳ט? — האט פערראנד מיט א ווילדען קול געשריען.

— און וואס האט דזשערמאן געטהאן?

— ער איז געווארען בלאס וויא א טויטער און האט געזאגט:

— ערבארמונג, רועגירט מיך ניט, הערר.

— וואס? ער האט גע׳גנב׳עט?

— האפט־זשע ניט שאלאמעל. הערט אויס ביז צום ענדע. דזשערמאן האט גענומען בעטען מען זאל איהם ניט רוענירען.

— לומפ דוא ביזט מודה דיין גנבה? — האט פערראנד געשריען.

— יא מיין הערר, אבער היער איז דאס געלד וואס אייך פעהלט. איך האב גערעכענט, אז איך וועל דאס געלד קענען אוועקלעגען צוריק נאך איידער איהר וועט

אייפשטעהן. צו מיין אונגלוק איז מיינער א פריינד, וועלבער האט געהאט מיין געלד און וועלכען איך האב געמיינט צו געפינען גאנץ פריה צופעליג אוועק אין בעל וויל. איך בין געווען געצוואונגען צו געהן אהין היינטע פריה און דארום האב איך זיך פער־זאמט. פערצייעט מיר מיין הערר. רועגירט מיך ניט. ווען איך האב גענומען דאס געלד האב איך געוואוסט, אז איך קען עס היינטע פריה צוריק ברענגען. היער זיינען דיא דרייצעהן הונדערט פראנק אין גאלד.

— גנב, דוא האסט מיך בערויבט אין זיבעצעהן טויזענד פראנק! — האט פער־ראגד געשריען — פונפצעהן טויזענד ווארען אין באנק־נאטען זיינען געלעגען אין א גרינעם בוך און צוויי טויזענד ווארען אין גאלד־שטיקער!

— איך האב עס ניט גענומען! — האט דזשערמאן געוויינט — איך האב ניט גענומען איין פראנק מעהר פון דרייצעהן הונדערט. איך האב קיין פאפיר געלט אין טיש ניט געזעהן. דיזעס געלד איז דארט געלעגען אין א קעסטעלע, אבער ניט מעהר.

— אה דוא ליגנער! — האט פערראנד געשריען — דוא האסט געקענט גנב'נען דרייצעהן הונדערט פראנק אין גאלד, האסט דוא אויך געקענט נעהמען פונפצעהן טויזענד אין פאפיר. דאס געריכט וועט דאס אורטהיילען. איך וועל דיך ניט ער־בארמען. איך וויל דיך אנלערנען אום אנדערע זאלען מורא האבען.

ענדליך איז געקומען דיא פאליציי און האט איהם צוגענומען.

— איז דאס מעגליך! דזשערמאן דער עהרליכסטער פון אלע מענשען, דער שעהנסטער פון אלע יונגע לייט, ער זאל זיין א גנב? ניין, דאס קען איך ניט גלויבען.

— דאס איז אונז אויך זעהר פערדעכטיג פארגעקומען; אבער מיר מוזען צו־געבען, אז דזשערמאן איז אימער געווען פערטראכט און אונמוטהיג.

— דאס איז קיין בעוויז, אז ער קען גנב'נען פרעמדעס געלד.

— אפשר איז ער געווען פערטראכט, ווייל ער האט ליעב געהאט לואיזען?

— וועלכע לואיזע?

— אה, דיא לואיזע וועלכע איז היינטע ארעטירט געווארען. סעראפין האט עס זעהר אפט געזאגט. מעגליך, אז ער איז דער פאטער פון טויטען קינד?

— מוטער סעראפין זאגט ליעגען. צוריק מיט צוויי וואכען האט מיר דזשער־מאן פערטרויט, אז ער איז שטערבליך פערליעבט אין א געוויסע נעהטערין מיט וועל־כער ער האט זיך בעקענט אין זיין ערשטען וואוינונג. זיינע אויגען ווארען פאל מיט טרעהרען ווען ער האט מיר פון זיין ליעבע דערצעהלט.

— עה, — האָט אַ לוסטיגער בוכהאַלטער בעמערקט — דאָס איז קיין בעוויז. אַ מאַן קען ליעבען איין מיידעל און „פערברענגען" מיט אַ צווייטער.

— אבער איך זאָג אייך, אַז דזשערמאַן איז אַן עהרליכער מאַן. ער האָט מיט לואיזען קיינע געשעפטען געהאַט.

ביי דיעזע רייד איז דער עלטסטער בוכהאַלטער אריין אין קאַנטאָר און האָט געפרעגט אויב דער בוכהאַלטער האָט ערפילט זיין שליחות.

— יאָ, מאָנסיו דובאָיס, — האָט שאַלאָמעל געענטפערט — גראף פאָן סאַנט־רעמי וועט אהער קומען.

— און דיא גרעפין מעקגרעגאָר?

— זיא אויך. היער איז איהר אנטוואָרט. יאָ, היער האָב איך אַ קאַרטע פון אַן אדעלמאַן וועלכער וויל זעהן אונזער הערר. אויף דער קאַרטע שטעהט געשריבען: „וואָלטער מאָרפי ווינשט צו זיין אום דריי אוהר וועגען זעהר וויכטיגע געשעפטען."

— און וואָס האָט מאָנסיו בודענאַט געענטפערט? - האָט דער עלטסטער געפרעגט.

— ער האָט געזאָגט, אַז מאָנסיו פערראַנד קען טהאָן וויא איהם געפעהלט.

— האָט ער געגעבען אַ געשריבענעם אנטוואָרט?

— ניין. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט קיין צייט. מאָנסיו טשאַרלעס ראָ־בערט וועט דאָ אויך זיין צו זעהן זיך מיט'ן הערר. עס שיינט, אַז ער האָט געבעטען געהאַט אַ דועל מיט'ן הערצאָג פאָן לוסעני.

— איז ער פערוואונדעט?

— מיר שיינט אַז נים. מען וואָלט עס מיר געזאָגט אין זיין הויז.

— זעהט, היער איז אַן עקיפּאַזשע אנגעקומען.

— אָה, זעהט וואָס פאַר אַ שעהנע פערד.

— און דער ענגלישער קוטשער מיט זיין ווייסען פּאַריק און סאַמעטענע קליי־דער און זילבערנע פּאַסען, וויא אַ פּאָלקאָווניק. עס איז אַן אמבאַסאַדאָר.

— ניין, דאָס איז דער גראף פאָן סאַנט רעמי. אָה, וויא עלעגאַנט, — האָט שאַלאָמעל אויסגערופען.

אין אַ ווייל שפּעטער איז דער גראף פאָן סאַנט רעמי אריין זעהר האַסטיג אין קאַנטאָר מיט זיין הוט אויפ'ן קאָפּ. אויף זיין געזיכט איז געלעגען אַ שמייכעל און אַ שטאָלץ. זיינע אויגען וואָרען האַלב צוגעמאַכט און מיט אַ גאַנץ שטאָלצער מינע, אָהנע צו שענקען אַ בליק אויף אַלע פערזאָנען פון אָפיס האָט ער געפרעגט:

— וואו איז דער נאָטאַריוס?

— מאָנסיו פערראַנד איז בעשעפטיגט אין זיין פּריוואַט צימער, — האט דער עלטסטער געענטפערט — ווארטען זיי איין ווייל, ער וועט זיי באלד עמפּפאַנגען.

— איך זאָל ווארטען? — האט דער גראַף מיט דער גרעסטער נאוה געפרעגט.

— אָבער מיין העררז?

— קיין אָבער! געהט און מעלדעט איהם, אז גראַף פאַן סאַנט רעמי איז דאָ.

— ביטע, געהט אריין אין צווייטען צימער. איך וועל מעלדען דעם נאָטאַריוס.

דער גראַף האט געקוועטשט מיט דיא פּלייצעס און געקוקט זעהר בייז; אָבער ער האט ניט געקענט העלפען. ער איז אריין אין צימער און האט דארט געוואַרט. נאך דעם וויא ער האט אפּגעוואַרט א פיערטעל שעה, וועלכע האט פאר איהם אויסגעזעהן וויא א יאָהר און אין וועלכער ער האט געפלוכט און געשאָלטען דעם פּרעכען פעררראַנד, איז ער אריינגעפיהרט געוואָרען אין פּראַצענטניקס פּריוואַט צימער. קיין זאך האט געקענט זיין אזוי קאָמיש וויא דער קאָנטראַסט פון דיזע צוויי פּערזאָנען. ביידע זיינען געוועזן מבנים אויף דעם אויסדרוק פון א געזיכט און ביידע האבען אימער געקענט משפּט'ן פון ערשטען בליק מיט וועמען זיי האבען צו טהאָן.

סאַנט רעמי האט דעם אלטען פּראָצענטניק געזעהן צום ערשטען מאָל. ער איז באלד איבערראַשט געוואָרען פון דעם מערקווירדיגען אויסזעהן וואס דיזער מאַן האט געהאט. ער האט אבער ניט געקענט אורטהייכלען וואָס פאַר א מענש דאס איז, ווייל זיינע אויגען ווארען פערשטעלט מיט ברילען און דער גרעסטער טהייל פון קאָפּ וואר פערדעקט מיט א יארמעלקע.

דער נאָטאַריוס איז געזעסען אויף אן אלטען שטוהל נעבען אן אלטען שרייב־טיש. אין צימער האט זיך געהייצט א צובראָכענער אויוועז. גרינע שטיקער טוך ווארען פערצויגען איבער דעם אונטערסטען טהייל פון דיא פענסטער און דאס האט צוגעגעבען א פינסטערן אויסזעהן צום שמוציגען צימער. אייניגע צוזאַמענגעשלאָגענע בענק, אן אלטער זייגער און עטליכע אַלטע קעסטלעך, דאס וואר דיא מעבעל פון דיזען צימער.

דער גראַף איז נאר וואס אַריינגעקומען אין צימער, ער האט נאך נים צייט געהאט צו זאָגען א פּאָאר ווערטער און דער נאָטאַריוס האט איהם שוין פערהאַסט. ער האט איהם יעצט געהאסט איבער צוויי אורזאכען: ערשטענס, ווייל ער האט געהערט וואס פאר א פויגעל דיזער גראַף איז; צווייטענס, ווייל דער העסליכער נאָטאַריוס האט אימער געהאסט דיא שעהנע, דיא לוסטיגע, דיא אנציהענדע יונגע לייט.

דער נאָטאַריוס האט אימער זיך נוהג געווען צו עמפּפאַנגען זיינע קונדען מיט א קאַלטער מינע און א גראָבער בענעהמונג. דיא מייסטען קונדען האבען גערעכענט, אז דאס איז דארום, ווייל ער איז ניט קיין שמייכלער. געגען דעם גראף פאָן סאַנט רעמי האט ער זיך נאָך קעלטער און נאך גרעבער בענומען.

דער גראף, וועלכער האט זעהר פיעל געהערט פון דיעזען נאָטאַריוס, האט ערוואַרטעט צו געפינען אין איהם א שטילען, א שוואכען, א גוטמוטהיגען מאן; ווען ער האט איהם אבער דערזעהן, האט ער געפיהלט עפּעס א מערקווירדיגען איינדרוק. ער האט פאר איהם האלב מורא געהאט און איהם האלב פערהאַסט. ער האט ניט געקענט גלויבען, אז אזא מאן וויא פערראַנד, וועגען וועלכען אלע פּאַריזער ערצעהלען אזוי פיעל גוטע זאַכען, זאל זיין אזוי רוהיג און שטיל זיצען אויף זיין פּלאַץ, ווען אזא פערזענליכקייט וויא דער גראף פאָן סאַנט רעמי האט איהם בעזוכט.

— עס איז דאָך אונערהערט! — האט דער גראף געשריען, וועהרענד ער איז צוגעגאַנגען נעהענטער צום שרייב־טיש — עס איז דאָך אונערהערט, דאס מיך זאָל מען לאָזען ווארטען א גאַנצע פיערטעל שטונדע. איך פערשטעה גלאט ניט ווארום איך האב בעדאַרפט קומען אהער; עס וואר אייער פפליכט צו קומען צו מיר און איינקאַסירען דאָס געלד פאר דיא וועקסלען, וועלכע באַדינאַ האָט געגען מיר. אויב איהר האט עטוואס וויכטיגעס פאר מיר, האט איהר מיך ניט בעדאַרפט לאָזען ווארטען אונטער אייער טהיר! עס איז דאך אונערהערט!

פערראַנד האט זיך ניט אומגעקוקט צום גראף ביז ער האט געענדיגט זיינע רעכענונגען. דאַן האט ער לאַנגזאַם אוועקגעלעגט דיא פּאַפּיר מיט אלע ביכער פון שרייב־טיש. ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט זיין ארבייט האט ער אנגעשטעלט זיינע אויגען אויפ'ן גראף און האט איהם א לאַנגע צייט בעטראַכט. ענדליך האט ער זיך א שטעל געטהאַן און האט געזאָגט:

— וואו איז דאס געלד?

דיא רוהיגקייט און קאַלטקייט פון דיעזען נאָטאַריוס און דיא איינפאַכע פראַגע וועגען דאָס געלד האבען דעם גראף זעהר בייז געמאַכט; ער האט זיך גאר ניט גע־קענט גלויבען, אז דיעזער אבשייליכער, נאַררישער און שמוציגער נאָטאַריוס זאָל ניט רעספּעקטירען אַזאַ שעהנעם גראף, וועלכער פערברענגט זיין צייט אין דער בעסטער געזעלשאַפט און געניסט דיא ליעבע פון פּאַריזער אריסטאָקראַטקעס.

— און וואו זיינען דיא וועקסלען? — האָט דער גראף מיט כעס געפרעגט.

— דער נאָטאַריוס האט קיין ווארט ניט געענטפערט. ער האט נור מיט'ן פינגער אנגעצייגט אויף א גרויסען קאַסטען, מיינענדיג, אז דיא וועקסלען ליעגען

דארט. דער גראף האט אויך מעהר קיין ווארט ניט גערעדט. ער האט פון טאשע ארויסגענומען א פאק מיט געלד און האט עס געציינט דעם נאָטאריוס.

— וויפיעל האט איהר דאָרט?

— פערציג טויזענד פראנק.

— גיט עס אהער?

— היער האט איהר עס, אבער גיט מיר צוריק דיא וועקסלען! — האט דער גראף אויסגעשריען און האט דאס געלד א שליידער געטהאָן אויפ'ן טיש.

פעררא‌נד האָט גענומען דיא אסיגנאציעס און האט זיא בעטראכט פאר דעם פענסטער. ער האט זיי איינציגווייס בעטראכט פון אלע זייטען, גלייך וויא ער וואלט מורא געהאט מען זאָל איהם ניט געבען פאלשעס געלד. דיעזע האנדלונג האט דעם גראף אויפגערייצט ביז ער איז געוואָרען בלאס וויא קאלך. פעררא‌נד האט זיך צו-געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ גלייך וויא ער וואלט געזאָגט, אז ער פערשטעהט וואס דער גראף דענקט און דאן האט ער זיך גאנץ שטיל גערעדט:

— מען מוז פאָרזיכטיג זיין. אין פאריז געהן ארום א סך פאלשע אסיג-נאציעס.

— אָבער וואצו זאָגט איהר עס מיר? — האט דער גראף אויסגעשריען.

פעררא‌נד האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט און האט פאָרטגעזעצט צו בע-טראכטען דאס געלד.

— איך בעפעהל אייך, איהר זאלט מיר גלייך געבען אנטוואָרט, האט איהר געהערט? — האט דער גראף געשריען טופענדיג מיט'ן פוס.

— דאס געלד איז ניט פאלש, — האט פעררא‌נד געזאָגט וועהרענד ער האט אפגעגעבען דיא וועקסלען און 1300 פראנק — היער האָט איהר אלעס וואס אייך קומט. איך האב פעררעכענט אלע קאָסטען נאָך דיא געוועהנליכע פרייזען.

דער גראף האט אבער געקאָכט וויא א קעסעל. דאס געלד וואָס ער האט צוריק בעקומען האט איהם ניט אינטערעסירט, ער האט נור געשריען:

— איך פרעג דאָך אייך, וואָרום האט איהר מיר דערצעהלט, אז אין פאריז געפינט זיך פאלשעס געלד?

— ווילט איהר וויסען? — האט פעררא‌נד געפרעגט — ווייסט איהר וואָרום איך האב אייך אהער גערופען? טאקע נור וועגען פאלשע געלד.

— איך פערשטעה אייך ניט! —

— אה, איהר ווייסט ניט וואס א נאָטאריוס איז, — האט פעררא‌נד מיט שפּאָט געזאָגט — א נאָטאריוס איז א מענש וועלכער ווייס זעהר פיעל פערברעכען און ניע-

דערטערבכטיגע מענשען. פיעל מאל איז ער געצוואונגען אנצושליסען זיך צו א באנדע פערברעכער און פיל מאל איז ער געצוואונגען אנצו־ווענדען אלע קרעפטען צו פער־היטען דיא עהרע פון אן אנשטענדיגען מאן.

— אבער ווארום דערצעהלט איהר מיר דיעזע אלע זאכען? — האט דער גראף געפרעגט.

— וייל איהר טראגט דעם נאמען פאן אייער עהרענווירדיגען פאטער און איהר האט דיעזען נאמען פערשמוצט —

— אך וויא פרעך און וויא ניעדערטרעכטיג איהר רעדט! — האט דער גראף אויסגעשריען.

— אה, ווען איך וואלט ניט געאכטעט אייער פאטערס שעהנעם נאמען וואלט איך אייך אהער ניט געלאדען. מען וואלט אייך געבראכט אין געריכט, — האט דער נאטאריוס ווייטער געזאגט.

— פערדאמט! וואס ווילט איהר דא מיך פלאגען מיט רעטענעסען?

— קיין רעטענעס. צוריק מיט צוויי וואכען האט איהר געפעלשט דיא אונ־טערשריפט פון „מאליער און קאמפאניע" אויס האמבורג אויף א וועקסעל פון אכט און פונפציג טויזענד דאלאר; דער וועקסעל ווער אויסגעשטעלט אויף דעם נאמען וויליאם סמיטה און צאהלבאר אין דריי חדשים אין גרימאלדי'ס באנק פון פאריז.

— דאס איז א פערדאמטער ליעגען; דיא האמבורגער פירמע האט דיעזען וועקסעל אונטערגעשריעבען.

— אה, מיך וועט איהר ניט נארען. דיעזע פירמע האט קיין מאל ניט עקזיסטירט אין דער וועלט. איהר האט אויסגעדענקט דעם נאמען און געמאכט א פאלשען וועקסעל.

— וויא וואגט איהר צו זאגען אזא זאך! — האט דער גראף געשריען.

— איך זאג אייך נאך א מאל, אז איהר האט געמאכט א פאלשען וועקסעל. דער מאן וואס האט דיעזען וועקסעל איז געסטערען געוועזען אין מיין קאנטאר און האט מיר געוויזען אלע פאקטען וואס בעשטעטיגען אייער שולד. ער האט מיר גע־זאגט, אז ער גיט אייך צייט ביז מארגען פריה. אויב איהר גיט איהם ניט ביז יענער צייט דיא סומע פון הונדערט טויזענד פראנק גיט ער אייך איבער פאר'ן געריכט. איך האב איהם דערצעהלט, אז איהר זייט פערארעמט געווארען און איהר זייט זעהר ניעדעריג געפאלען, זא דאס איהר קענט מיר ניט בעצאהלען דעם חוב וועלכען איהר האט מיר ערשט בעצאהלט — און איך ווייס נאך יעצט ניט וואו איהר האט גענומען דיעזע געלד. איך האב מיט דעם מאן זעהר פיעל וועגען אייך גערעדט, נור ער האט

מיר ערצעהלט, אז א רייכע פרוי פון גרויסען שטאנד בעפרייט אייך פון יעדע פער-לעגענהייט. איך וויל זיך נאטירליך ניט מישען און אזא שמוציגען געשעפט פון פאל-שע אונטערשריפטען און רייכע פרויען. איהר האט יעצט פאר זיך צוויי וועגען: איהר קענט בעצאהלען דיא הונדערט טויזענד פראנק, אדער איהר וועט פראצעסירט ווערען וויא דער ערגסטער שווינדלער און אונטערשריפטען פעלשער. דער מאן וועל-כער האט דעם וועקסעל הייסט „דזשאהן דער קליינער", ער וואוינט ביין ברענ פון דער זיינע אין נומער 16. נעהט הייטע פארנאכט צו איהם. ווארפט זיך צו זיינע פיס, בעט איהם, וויינט פאר איהם, טאמער וועט ער אייך מילדער בעהאנד-לען. איך ווייס זאגאר, אז אייער מיהע וועט זיין אומזיסט. אויב איהר וועט איהם ניט געבען דאס געלד ביז מארגען פריה זייט איהר א פערלארענער וויא אלע אנדערע שארלאטאנעס. מיין געוויסען וועט זיין ריין, ווייל איך ווייס, אז איך האב געטהאן דיא פפליכט פון אן עהרליכען מאן. איך האב אייך געווארענט, איהר קענט יעצט טהאן וואס אייך געפעהלט.

דער גראף פאן סאנט רעמי האט זיך אין גאנצען געענדערט, נאכדעם וויא ער האט געהערט, אז זיין גאנצער פערברעכען איז בעוואוסט. זיין שטאלץ, זיין פרעה-ליכקייט, זיין מוטה זיינען מיט איין מאל פערשוואונדען. זיינע קניע האבען זיך גע-בראכען און זיין הערץ האט גענומען קלאפען. ער האט אראפגעלאזט זיין קאפ און האט געשוויגען. נור נאכדעם וויא ער האט זיך איבערלעגט האט ער פרובירט בע-טען מיטלייד פון דיעזען הארטהערציגען נאטאריוס און מיט א צובראכענע שטימע האט ער געזאגט:

מיין הערר, מיר טהוט זעהר לייד ווארום איך בין אזוי שטאלץ געוועזען געגען אייך. איך וויל אייך יעצט בעדאנקען פאר אייער פריינדשאפט און גוטסקייט צו מיר.

— אה, ניין! — האט פעדראנד אויסגעשריען — ניט אויף אייך האב איך רחמנות, נור אויף אייער עהרליכען פאטער. מיר טהוט לייד, דאס אזא בראווער מאן וויא אייער פאטער זאל ליידען שאנדע פון אזא שארלאטאן און אזא פערברעכער וויא זיין זאהן. ווען ניט אייער פאטער וואלט איך אייך ניט ערלויבט צו בעטרעטען מיין שוועל.

— אבער, מיין הערר, — האט דער גראף געזאגט — איך שווער אייך, אז ניט איך האב דיעזען וועקסעל געפעלשט.

— דאס זאלט איהר ערצעהלען „דזשאהן דער קליינער", — האט פעדראנד אויס-געשריען.

— אָבער וויא דיא זאַך איז, וויל איך ניט דער מאַן זאָל מיר פערקלאָגען, דען בין איך וועל איבערצייגען מיין אונשולד וועל איך ליידען דיא גרעסטע שאַנדע און בעליידיגונג.

— און וואָס קען איך דערצו העלפען? — האָט פערראַנד געפרעגט.

— ניט דעם מאַן דיא פערציג טויזענד פראַנק וואָס איך האָב אייך ערשט גע־געבען און איך וועל איהם אויסצאָהלען דיא איבעריגע, — האָט דער גראַף געבעטען.

— דאָס געלד וואָס איהר האָט מיר געגעבען בעלאַנגט ניט צו מיר, נור צו מאַנסיו באָדינאָ, מיט וועמען איך האַנדעל, וויא אַזוי קען איך אָפּגעבען פרעמדעס געלד?

— איהר זאָלט וויסען מיין הערר, דאָס איך בין נאָך ניט אַזוי אָרם, — האָט דער גראַף גענומען זאָגען.

— איהר האָט דאָך געזאָגט, אַז אייער הויז און אייערע פערד און אַלעס וואָס איהר האָט בעלאַנגען ניט צו אייך? אַזאַ שווינדעל טהוען דאָך ניט דיא ניעדעריגסטע שווינדלער!

— יאָ, איך בין זיך מודה, אַז אַלעס בעלאַנגט צו מיר זעלבסט און איך וועל אַלעס פערקויפען און וועל בעצאָהלען פאַר דעם וועקסעל. איך בעט אייך איהר זאָלט מיר באָרגען הונדערט טויזענד פראַנק, איהר זייט דאָך רייך. ערבאַרימט אייך אויף מיר און רעטעט מיך פון געפאַהר!

— וואָס? איך זאָל אייך באָרגען הונדערט טויזענד פראַנק? זייט איהר פער־ריקט?

— אָבער איך בעשווער אייך אין נאָמען פון מיין פאָטער איהר זאָלט מיר ניט אָנטזאָגען!

— איך אָנטזאָג ניט דיא, וועלכע זיינען עהרליכע און בראַווע מענשען, — האָט דער נאָטאַריוס געענטפערט — אָבער אַלס עהרליכער מאַן האָב איך פיינד דיא לומ־פען און דיא שאַרלאַטאַנעס. מיין בעסטער פערגניגען איז צו זעהן, וויא אַזעלכע פערדאָרבענע יונגע לייט וויא איהר, ווערען בעשטראָפט אום אַנדערע זאָלען אַראָפּ־נעהמען אַ מוסר. אָבער גענוג צו טומלען מיר און פערברייגגען מיין צייט אין פוסטע זאַכען. איך הער וויא אייערע פערד הירזשען און וואַרטען אויף אייך. געהט אייך געזונטערהייד; איך האָב קיין צייט צו פערברענגען מיט אייך, — האָט פערראַנד גע־זאָגט מיט כעס און האָט זיך געזעצט שרייבען.

דער דינער האָט געמאָלדען, אַז מאַדאַם ראָלאַנד (דיא שטיפמוטער פון מאַרקיזע דע האַרוויל) וויל זעהן דעם נאָטאַריוס.

— מיין הערר,— האט פעררּאנד צום גראף געזאָגט — יעצט קענט איהר נעהן, איהר זעט דאך אז איך מוז ריידען מיט דער מאדאם ראָלאנד.

— אבער איהר זאלט קיינעם ניט וואגען צו ערצעהלען אונזער געשפרעך,— האט דער גראף געזאָגט.

— איך האב אייך געזאָגט, אז איך בין א מענש וועמען מען קען אלעס פער־טרויען,— האט פעררּאנד געענטפערט — פערגעסט ניט דיא דרייצעהן הונדערט פראנק, זיי וועלען אייך פעהלען ווען איהר וועט זיך רעכענען מיט „דזשאן דער קליינער."

מיט א צובראָכענעם געמיטה איז דער גראף ארויסגעגאנגען פון פעררּאנד'ס קאָנטאָר. נאכדעם וויא ער האט א ווײלע געטראכט האט ער צו זיין קוטשער גע־זאָגט:

— פאָהר גלייך צו דער הערצאָגין פאָן לוסעני.

45טעם קאפיטעל.

דיא צוואה.

וויא דער גראף איז ארויס איז מאדאם ראָלאנד אריין אין פעררּאנדס פריוואט צימער.

מאדאם ראָלאנד איז געווען א הויכע בלאָנדע פרוי, מיט אויגענברעמען וועלכע ווארען כמעט וויים און בלאסע בלאָע אויגען. איהר בליק איז געווען פאָל מיט פאלשקייט, איהרע מאנערען ווארען לוסטיגע און צווייזייטיגע.

— אך, וואָס פאר א שעהנער יונגער מאן דער גראף פאן סאנט רעמי איז! — האט זיא געזאָגט צום נאָטאריוס ווען זיא איז אריינגעגאנגען און האט געזעהן וויא דער גראף איז ארויסגעגאנגען.

— יא, ער איז שעהן; אבער מאדאם נאמיר בעסער ריידען פון געשעפט. איהר האט מיר געשריעבען פון נאָרמאנדי, אז איהר ווילט זיך מיט מיר בעראטהען וועגען וויכטיגע געשעפטען.

— יא, איהר זייט אימער געווען מיין בעל־עצה, זייט דער גוטער דאָקטאָר פאָלידאָרי האט מיך צו אייך געשיקט. יא, ריידענדיג וויל איך אייך פרעגען אויב איהר ווייסט וואו ער געפינט זיך יעצט און וואס הערט זיך פון איהם.

— ניין. זייט ער איז אוועק פון פאריז האט ער מיר ניט געשריבען,— האט פעררּאנד גאנץ נעלאסען געענטפערט.

מיר זיינען פערפפליכטעט אונזערע לעזער צו ערצעהלען דאָס ביידע.

ראנד און מאדאם ראָללאנד האבען איינע דיא אנדערע געזאָגט ליעגען. פּאָלידאָרי אדער צעזאר בראַדאָמאנטי וואר איינער פון פערראנדס פערטרויטע. ניט לאנג צו־ריק האט ער זיך מיט איהם געזעהן וועגען פערגיפטען דער ארמער לואיזע מאַרעל, וועלכע מען האט געוואלט שיקען צו דער מארטיאל פאמיליע און וואוהין דער דאָק־טאר פּאָלידאָרי וואָלט געקומען אלס דאָקטאָר ווינצענט. מאדאם ראָלאנד איז יעצט געקומען נאָך פּאריז, נור אום צו זעהן זיך מיט איהר אלטען פריינד, וועלכער הייסט צעזאר בראַדאָמאנטי און צו שליסען מיט איהם א וויכטיגען געשעפט.

— אָבער ניט וועגען דעם דאָקטאָר בין איך אהער געקומען, — האט מאַ־דאַם ראָלאנד געזאָגט — איך בין יעצט אין א גרויסער פערלעגענהייט. מיין מאַן איז קראנק און ער ווערט ערגער מיט יעדען טאָג. ער וויל יעצט פערפערטיגען זיין צוואה. וועהרענד זיא האט עס געזאָגט האט זיא זיך אפּגעזיפצט און האט אויסגעווישט איהרע אויגען.

— נאָט זאל איהם שענקען יאָהרען! — האט דער נאָטאריוס מיט א היפּאָקרי־טישען קרעכץ געזאָגט — אבער עס איז זעהר פערנינפטיג פון א מענשען צו בערע־כענען וואס שפּעטער קען זיין. וואס האט אייך אייער מאַן געזאָגט, וואס דענקט ער צו טהאָן?

— וואָס קען איך וויסען וואס ער דענקט צו טהאָן? איהר ווייסט דאך, דאָס ווען ער וויל מיט מיר דעריבער ריידען הייב איך אָן צו וויינען און פערפיהר איהם אויף א נייעם געשפּרעך.

— האט ער אייך עטוואס שוין געזאָגט?

— איך רעכען, — האט מאדאם ראָלאנד געזאָגט, גלייך וויא דיזע פראגע אינ־טערעסירט איהר ניט — איך רעכען אז ער האט זיך אויסגעדריקט, דאס ער וויל מיר לאָזען ניט נור וויפיעל דאָס געזעץ שרייבט פאר, נור פיעל מעהר.... אבער איך בעט אייך, נאמיר וועגען דעם ניט ריידען.

— וועגען וואס ווילט איהר דען מיט מיר רעדען?

— אָה, יא, יא, איהר האט רעכט, מיר מוזען בעשפּרעכען דיזע טרויעריגע פראגע, ווייל נור צוליעב דעם בין איך אהער געקומען. מיין מאַן וויל מיר געבען א גרויסען פערמעגען.

— און זיין טאָכטער? זיין טאָכטער? — האט פערראנד פערדריסליך געפרעגט איך מוז אייך זאָגען, דאס זייט א יאהר וויא איך בין דער פערטרעטער פון מארקיז דע הארווילס אינטערעסען. דאָ ניט לאנג האב איך פאר איהם געקויפט א גרויס־ארטיגע הויז. איהר ווייסט דאָך וויא עהרליך איך האנדעל. מיך קימערט ניט וואס

דער מארקיז איז מיין קליענט, איך וויל אבער גערעכטיגקייט. אויב אייער מאן וויל האנדלען געגען זיין טאָכטער אין אן אופן, וועלכער שיינט מיר צו זיין ניט עהרליך געגוג, מוז איך אייך דייטליך זאָגען, דאס ער האט ניט צו רעכענען אויף מיר. איך וויל איהם דערצו ניט העלפען. איך פערלאנג עהרליכקייט! איך האב אייביג אזוי געהאנדעלט.

— איך האב אויך אזא נאטור! — האט מאדאם ראָלאנד געענטפערט — איך האב מיין מאן געזאגט דאס זעלבע וואס איהר האט יעצט געזאָגט. איך האב איהם דייטליך געגעבען צו פערשטעהן, דאס אבוואהל זיין טאכטער האט איהם זעהר שלעכט בעהאנדעלט, דאָך האט ער קיין רעכט צו רויבען פון איהר איהר ירושה.

— זעהר גוט! דאס איז עהרליך. אבער וואס האט ער געענטפערט?

— ער האט געענטפערט: „איך וועל לאָזען מיין טאָכטער פינף און צוואנציג טויזענד פראנק א יאהר איינקינפטע. זיא האט געירש'ענט מעהר וויא א מיליאָן פון איהר מוטער; איהר מאן האט אויך א גוואלטיגען פערמעגען. ווארום זאל איך דיא איבריגע סומע, מיין גאנצען פערמעגען ניט איבערלאָזען פאר דיר, מיין זיעסער פריינד, מיין איינציגע שטיצע און בעגלייטערין אין דיא עלטערע יאהרען?" איך זאָג אייך איבער אלעס וואס ער האט געזאָגט אום איהר זאלט וויסען וויא גוט און ליעבענסווירדיג ער איז צו מיר. איך האב זיך ענטזאגט אנצונעמען אזא מתנה און ער האט מיך געשיקט צו אייך.

— אָבער אייער מאן קען דאך מיך ניט?

— יא, אבער ער האט געהערט פון אייער עהרליכקייט.

— און וויא אזוי האט ער עס אייך צו מיר געשיקט?

— ער האט געענטפערט: „זיי שטיל, מיין ענגעל, איך פערלאנג ניט פון דיר דוא זאלסט פרעגען א ראטה ביי אבי וועלכען אדוואקאט, ווייל דוא זאלסט ניט מיינען, אז ער איז אונטער מיין איינפלוס. אבער איך וועל עס איבערלאָזען פאר א מאן וועלכער איז דער עהרליכסטער מענש אויף דער וועלט; דאָס איז מאָנסיו פערראנד. אויב ער וועט דיר זאָגען, אז דיין עהרליכקייט וועט ליידען, ווען דוא וועסט אננעהמען וואס איך וויל דיר געבען, דאן וועלען מיר מעהר דעריבער ניט ריידען."
איך האב איינגעשטימט דערצו. און זא זייט איהר מאָנסיו פעררואנד דער מאן וואס זאל מאכען דיא פשרה. מיין מאן האט מיר געזאָגט, דאס ווען איהר זייט מסכים צו זיין פערלאַנג וועט ער אייך שיקען א פאָלמאכט צו פערקויפען אלע זיינע געשעפ־טען און אויפמאָנען אלע זיינע חובות. איהר זאָלט האלטען דאס געלד ביי זיך אלס

דעפּאָזיט און נאכדעם וויא מיין מאן וועט זיך מיט אונז צום לעצטען מאָל זעגנען וועל איך האבען אן איינקונפטע וויא איך האב ביי איהם פערדיענט.

נאך ניעמאלס אין זיין לעבען האט פעררא̇נד געפיהלט אזעלכע נוצען פון זיינע אוינגלעזער וויא אין דיעזען אויגענבליק. ווען ניט דיא גלעזער וואלט מאדאם ראָלאנד געקענט זעהן וויא זיינע אויגען האבען גענומען בלישצען וויא ער האָט דער־הערט דעם וואָרט „דעפּאָזיט.“

פעררא̇נד האט א וויילע געטראכט, נאכדעם האט ער געזאגט:

— נאָך א לאנגער צייט איבערלעגונג שיינט מיר, דאָס זיין טאָכטער איז דאָך זאָ וויא זאָ זעהר רייך, איהר זייט אן ארמע פרוי און איהר זייט בעסער צו אייער מאן וויא צעהן טעכטער. אייער מאן פערלאנגט דורכאויס איהר זאָלט נעהמען זיין מתנה אלס אנערקענונג פאר אייער טריישאפט און ליעבע, דארום קענט איהר נאך אלע געזעצע און נאָך יעדען יושר נעהמען וואס אייער מאן וויל אייך געבען.

מאדאם ראָלאנד האט ניט געוואוסט וואָס פאר א פוקס דיעזער נאָטאריוס איז. זיא האט איהם געהאלטען פאר א צדיק און פאר א היילינען וויא אלע אנדערע. בראדאָמאנטי האט איהר קיין מאל ניט ענטדעקט דעם סוד, אז פעררא̇נד איז נאך אן ערגערער לומפּ פון איהם און פון איהר. זיא האט דארום אנגענומען זיין אנטוואָרט פיר ריכטיג און האט איהם נור איבערגעפרעגט:

— אלזאָ דענקט איהר, אז אזא צוואה איז געזעצליך און מיין עהרע קען דערפון ניט ליידען?

— יאָ, דאָס איז מיין אורטהייל, און אזוי איז דאָס געזעץ.

ראָלאנד און פעררא̇נד האבען זיך יעצט געפרעהט. מאדאם ראָלאנד האָט זיך געפרעהט, ווייל זיא וועט קענען זאָגען פאר דער וועלט, דאָס זיא האָט דיא ירושה ניט געוואָלט אננעהמען, ביז אן עהרליכער מאן האט עס איהר מתיר געמאכט. פעררא̇נד האט זיך געפרעהט, ווייל ער האט געהאפט, אז דאָס געלד וועט בלייבען ביי איהם.

ביידענס פרעהליכע געדאנקען זיינען שנעל איבערגעשלאָגען געוואָרען דורך דעם דיענער וועלכער האט געמאָלדען, אז דיא גרעפין שרה מעקגרעגאָר וויל זעהן דעם נאָטאריוס.

— יעצט וועל איך געהן, — האט מאדאם ראָלאנד געזאָגט — איהר, מיין טהייער־רער פריינד, דארפט שרייבען מיין מאן א בריעף און ער וועט אייך גלייך ארויסשי־קען זיין פאָלמאכט.

— זעהר גוט מאדאם, — האט פעררא̇נד געענטפערט און האט זיך פערנייגט.

מאדאם ראלאנד האט זיך געזעגענט און איז אוועק.

שטיל און רוהיג, וויא איהר געוועהנליכע זיטע איז שרה מעקגרעגאר אריין אין פעררארנד'ס פריוואט צימער. פעררארנד האט זיא קיין מאל ניט געזעהן און האט אויך ניט געוואוסט וואס זיא דארף צו איהם האבען. ער האט זיא זעהר פריינדליך אויפ־גענומען און האט איהר געפרעגט וואס ער קען פאר איהר טהאן.

— זעהר א וויכטיגע זאך האט מיך צו אייך געפיהרט, — האט שרה איהם גע־ענטפערט — איך האב געהערט, אז איהר זייט אן עהרליכער מאן און וואס איהר זאגט איז דיא ריינע ווארהייט, דארום האף איך, דאס איהר וועט זיך ניט ענטזאגען צו שענקען דאס לעבען פון אן אונגליקליכע מוטער און צו העלפען א פערצווייפעלטער זיא זאל ניט פערלארען געהן.

— זאגט מיר נור וואס דאס איז אזעלכעס און איך וועל אייך באלד ענטפערן אויב עס איז נאך אין מיינע קרעפטען.

— צוריק מיט פיערצעהן יאהר, — האט שרה אנגעפאנגען צו ערצעהלען — עס וואר אין מאנאט דעצעמבער אין יאהר 1824 איז צו אייך געקומען א יונגער מאן פערקליידעט אין שווארצען און ער האט אייך געבעטען איהר זאלט ביי איהם נעה־מען הונדערט און פונפציג טויזענד פראנק, וועלכע זיינען בעשטימט געווארען פאר דער ערציהונג פון א דריי־יעהריגעס מיידעל, וויל דיא עלטערען האבען ניט געוואלט דאס מען זאל פון זייער קינד וויסען און זיי האבען דעם קינד ניט געוואלט געבען זייער נאמען. איהר מיין העררר זייט געווען אזוי פריינדליך און איהר האט צוגענומען דאס געלד פון דעם מאן און איהר האט איהם פערשפראכען צו געבען אכט טייזענד פראנק פראצענט פאר יעדען יאהר. העלפט פון דיעזען פראצענט האט איהר פער־שפראכען צו זאמלען פאר דאס קינד ביז זיא וועט אויסוואקסען און דיא אנדער העלפט האט איהר פערשפראכען צו צהאלען דער פרוי וועלכע וועט דעם קינד ער־ציהען. אין דריי יאהר ארום אין נאוועמבער 1827 איז דאס קינד געשטארבען — —

— איידער מיר וועלען דעם געשפרעך פארטזעצען, — האט פעררארנד איהר אונטערבראכען — וויל איך וויסען וואס פאר א שייכות האט איהר צו יענעם קינד?

— איך בין א שוועסטער צו דעם קינד'ס מוטער *) און איך האב בעווייזע. נעמליך: אייער בעשטעטיגונגס שרייבען אז דאס קינד איז טויט, דעם בריעף וואס דעם קינדס

*) דער לעזער דארף פערשטעהן, אז דא ווערט געשפראכען וועגען דער נאכטיגאל, שרה'ס קינד פון רודאלף'ן. שרה האט זיך ג"ד פארגעשטעלט פאר א טאנטע, וויל זיא האט גע־וואלט אויספיהרען א גאנצען פלאן, וויא דער לעזער וועט ווייטער זעהן.

אמע האט געשריעבען און אויך דעם בריעף וואס אייער פערטרויטער מאן ווען איהר האט דאס געלד געגעבען האט וועגען דעם געשעפט געשריבען.

— ווייזט מיר נור דיעזע בריעף,— האט פערראנד קאלטבליטיג געזאגט.

— שרה האט אויסגעלעגט דיעזע בריעף אויפ'ן טיש און נאכדעם וויא דער נאָטאַריוס האט זיי אונטערזוכט האט ער געפרעגט:

— און וואס פערלאנגט איהר יעצט? דער טויטען־שיין איז א געזעצליכער און א בעשטעטיגטער, דיא הונדערט און פונפציג טויזענד פראנק האט גע'ירש'ט „דזשאהן דער קליינער", לויט דעם אָפּמאך, וואס מיר האבען בעשטימט מיט דעם מאַן וואס האט אונז דאס געלד געגעבען. דיא פּראָצענט האב איך אָפּגעגעבען דער פרוי וועלכע האט דאָס קינד ערצויגען ביז עס איז געשטאָרבען.

— טויזענד דאנקען אייך, מיין הערר, פאר אייער עהרליכקייט און גוטהערציגקייט, אויך דיא פרוי וואס האט דעם קינד ערצויגען זיינען מיר דאנקבאר פאר איהר גוטסקייט.

— געוויס דארפט איהר יענער פרוי דאנקבאר זיין. איך האב זיך איבערצייגט אז זיא איז אן הויפּט אָרענטליכע און גוטע פרוי און איך האָב זיא אריינגענומען אין מיין הויז צו פיהרען מיין גאנצע ווירטהשאפט. דען נאכדעם וויא דאָס קינד איז געשטאָרבען האט זיא ניט געהאט קיין פרנסה, זיא איז ביז היינטיגען טאג אין מיין הויז.

— אזוי מאדאם סעראפין איז ביי אייך?

— יא. זיא פיהרט מיין גאנצע ווירטהשאפט. זיא איז א גאָטס־פאָרכטיגע און עהרליכע פרוי.

— אויב אזוי וועט זיא מיר קענען העלפען אין מיין פּראָיעקט, וועלכער וועט אייך פיעללייכט אנפאנגס שיינען צו זיין ניט קיין עהרליכער, דאָך ווען איהר וועט איהם בעטראכטען וועט איהר אויסגעפינען, אז עס איז א גאנץ עהרליכע זאך.

— קיין עהליכע זאך? מיך וואונדערט װיא אזוי וואגט איהר מיר גאָר אזא זאך פאָרצולייגען?

— איך האב עס געוואגט, ווייל איך האב געהערט, אז איהר זייט א גוטהערציגער און ליעבענסווירדיגער מענש. איך האף אז איהר וועט עס מיר ניט ענטזאגען. הערט נור אויס וואס איך פערלאנג:

דיא אונגליקליכע מוטער הערט ניט אויף צו קלאָגען און צו וויינען נאך איהר קינד. דיא גאַנצע צוועלף יאהר וואָס דאָס קינד איז טויט איז דיא אונגליקליכע ניט ביי איהר זינען. זיא גלויבט ניט אז דאָס קינד לעבט ניט מעהר, זיא וויל ניט גלוי־

בען דיא בעוויזע פון קינדס טויט. זיא שרייט נור אז איהר קינד לעבט און זיא מוז דעם קינד זעהן. איך פירכטע, אז דיא אונגליקליכע וועט שוין לענגער ניט איבער־טראָגען.

— אונגליקליכע מוטער, — האט פעררּאַנד געזאָגט מיט א זיפץ.

— יא, מיין הערר, דיא מוטער איז אן אונגליקליכע; דען אלס דאָס קינד איז געשטאָרבען האט זיא זיך געשעמט אויסצוזאָגען אז זיא איז איהר מוטער. נור יעצט האבען זיך דיא צייטען און דיא אומשטענדען געביטען. ווען דאס קינד וואָלט יעצט געלעבט וואלט זיא געווען דיא גליקליכסטע מוטער אין דער וועלט. זיא וואלט דעם קינד גענומען צו זיך אין הויז און וואלט מיט איהר שטאָלצירט.

— אָבער ווער קען איהר העלפען?

— איהר, מיין הערר.

— איך? און מיט וואָס?

— איהר זאלט איהר זאָגען, אז איהר טאָכטער לעבט און דיא פרוי וואס האט איהר קינד ערצויגען זאָל אויך דאס זעלבע זאָגען.

— און וואס קען עס איהר העלפען, ווען מיר וועלען זיא נאררען און איינריי־דען אזא פוסטע האָפנונג?

— ניין, איך וויל איהר ניט געבען א פוסטע האָפנונג. איך וויל מען זאָל איהר איבערצייגען, אז דאָס קינד לעבט.

— בין איך דען א גאָט? קען איך דען דיא טויטע לעבעדיג מאכען?

— איך וויים, אז איהר קענט ניט לעבעדיג מאכען דיא טויטע, דאָך קענט איהר רעטען מיין שוועסטער פון וואהנזין און פון טויט ווען איהר וועט איהר פאָר־שטעלען איהר טאָכטער?

— איך פערשטעה אייך ניט, מאדאם?

— איך וועל עס אייך ערקלעהרען. איך פערלאנג פון אייך, איהר זאָלט זיין אזוי פריינדליך איהר זאלט געפינען אן ארמע יתומה, וועלכע איז אלט 17 יאהר און איהר זאָלט זאָגען, אז זיא איז מיין שוועסטער'ס קינד, וועלכע איז צוליעב געוויסע אורזאכען געהאלטען געוואָרען פאר טויט. דיא פרוי וואס האט דעם קינד ערצויגען זאָל אויך עדות זאגען, אז דאס איז מיין שוועסטער'ס טאָכטער. דיא עלטערן האבען שוין לאנג פערגעסען וויא זייער טאָכטער האט אויסגעזעהן. זיי האבען זיא ניט גע־זעהן זייט זיא איז אלט געווען דריי יאהר און זיי וועלען זיכער גלויבען אז דאס מיי־דעל איז זייער קינד.

— גענוג אייך צו רעדען אזעלכע זינדיגע זאכען, — האט פעררּאַנד מיט א מעב־

טיגער שטימע אויף איהר געשריען — וויא האט איהר גאר געוואגט צו קומען צו מיר מיט אזא שמוציגען, זינדיגען און ניעדערטרעכטיגען פּראָיעקט.

— ענטשולדיגט מיר מיין הערר. עס איז קיין זינדיגער פּראָיעקט. פערקעהרט, עס איז א וואהלטהאט. איהר וועט דערמיט רעטען א יונגע פרוי פון טויט; איהר וועט איהר צוריקגעבען איהר מאַן, וועלכער האט זיא נור דערפאר פערלאָזען. ווען ער וועט וויסען, אז זיין טאָכטער לעבט וועט ער זיך אומקעהרען צו זיין ווייב, און איהר וועט גליקליך מאכען אן ארמע יתומה, וועלכע וועט ווערען דאָס קינד פון רייכע און אנגעזעהנע עלטערען. בערעכענט דיעזע זאכען און איהר וועט איינשטימען, אז עס איז דער בעסטער פּלאַן.

— מיך וואונדערט נור, — האט פערראנד געזאָגט — וויא אזוי קענט איהר איינוויקלען אזא פערברעכען אין אזא שעהנעם מאַנטעל.

— אָבער מיין הערר — —

— קיין וואָרט. איהר רעדט וויא א פערדארבענע פרוי! עס איז א שאנדע פאר אייך, דאָס אזעלכע געדאנקען קענען אייך אריין אין זינען!

— אָבער מיין הערר — —

— קיין וואָרט, דען איך געה ארויס פון געדולד.

שרה האט דעם נאָטאריוס אנגעקוקט מיט שארפע בליקען און האט איהם געפרעגט אין א וויכען טאָן:

— האט איהר זיך ענטזאגט?

— שטיל. עראינערט מיט ניט אייער פּראָיעקט!

— איהר דארפט זיך פון מיר היטען, מאָנסיו פערראנד, איהר קענט האבען א ביטערען סוף! — האט שרה געלאסען געזאָגט.

— וואָס? איהר זייט מיך געקומען שרעקען?

— יא, שרעקען. איהר זאָלט וויסען, אז איך האב קיין שוועסטער.

— וואס הייסט? — האט פערראנד געפרעגט אביסעל צוטומעלט.

— איך, איך בין דעם קינדס מוטער!

— איהר?

— יא, איך! איך האב נור אויסגעטראכט, אז איך האב אן אונגליקליכע שוועסטער אום צו ערוועקען מיטלייד אין אייער הערצען. אבער איהר האט א שטיינערנעם הערץ און דארום האב איך אראָפּגענומען מיין מאסקע. יע[illegible] איהר מיט מיר האלטען מלחמה? איך בין בערייט אייך צו בעקעמפּפען.

— מלחמה? ווייל איך וויל אייך ניט העלפען אין אזא מיאוסען פלאן? אָה, וויא פרעך איהר זייט!

— הערט מיך נור אויס. אַלע וואָס האבען פון אייך געהערט גלויבען, אז איהר זייט אן עהליכער מאן—

— און זיי האבען קיין טעות. נור א נארר און משוגענער וועט פון מיר פערלאַנגען איך זאל טהאן אזא שמוציגע, ניעדערטרעכטיגע זאך.

— איך ווייס, — האט שרה געזאָגט — דאס דער גוטער נאמען פון אזא היפאָקריט וויא איהר, איז ניט מעהר וויא א זייפענבלאזע. דעם ערשטען אויגענבליק וואָס איך האב אייך געזעהן האב איך פערשטאַנען אז איהר זייט א רויב-פויגעל וואָס פערדעקט זיך מיט דיא פעדערען פון אן אונשולדיגע טייבעלע. יעצט וויל איך אייך זאָגען וואָס איך דענק מיט אייך צו טהאָן: איך וועל פון אייך פאָדערען מיין קינד דורך דאס געריכט, און אבוואהל איך ווייס, אז מיין קינד איז טויט וועל איך דאָך ניט אויפהערען צו שרייען גוואלד, אז איהר האט זיך צוטהיילט דאָס געלד מיט אייער באנדע גנבים און מיין קינד האט איהר ארייננעזעצט צווישען ממזרים און קינדער אהן עלטערען. איך וועל שרייען און שווערען, אז איהר האט נור אויסגעטראַכט דאס מיין קינד איז טויט.

— אָה, ווען איך וואָלט וועלען רויבען פרעמדעס געלד, דאן וואלט איך ניט דארפען אריינגעבען אייער קינד צווישען ממזרים, איך וואלט אייער קינד ערמאָרדעט און ערשטיקט און וואָלט עס בעגראָבען אויף אייביג.

שרה האט זיך ערשראָקען, זיא איז א ווײלע געווען צוטומעלט פון דעם געדאַנק דאָס איהר קינד איז ערמאָרדעט געוואָרען; אבער נאכדעם האט זיא פון הערצען געזאָגט:

— פאַסט עס פאר אזא צדיק וויא איהר ארויסצולאָזען פון מויל אַזעלכע שרעקליכע ווערטער! יעצט זאָגט מיר מיין הערץ, אז איהר האט מיין קינד טאקע ערמאָרדעט. איהר האָט עס ערמאָרדעט און בערויבט! אבער איהר בלוט וועל איך פון אייך געריכטליך אויפפאָדערען. איך וועל ניט רוהען און וועל ניט שווייגען ביז איך וועל אייך שמידען אין קעטען און נאכדעם לייגען פאר דער גילאָטינא.

יעצט גיב איך אייך צוויי וועגען, קלייבט אויס וואס איהר ווילט! ווילט איהר מיך פאָלגען, וועל איך אייך שענקען דיא הונדערט און פונפציג טויזענד פראנק און וועל אייך אויך ניט פראָצעסירען פאר מיין קינד. איך וועל אייך נאָך זעהר רייך בעלאָהנען. דער פאָטער פון דעם קינד וועט זיך פרעהען ווען ער וועט הערען, אז זיין קינד לעבט און איך וועל איהם זאָגען, דאָס איך אַליין האָב אויסגעטראַכט, אז דאס קינד

איז טויט, ווייל איך האב איהם געוואָלט ערגערען. נור יעצט איז מיין בעס פּאַראַי־בער, יעצט וויל איך מיר זאָלען בעגייען אונזער אמאָליגע ליעבע און דארום גיב איך איהם צוריק זיין איינציגעס קינד. יעצט זעהט איהר דאס איהר ווערט קיין שלעכטעס ניט טהאן און איהר ווערט דאבײ קיין זאך פערלירען. נור, אויב איהר ווילט זיך ענטזאַ־גען און איהר ווילט מיר ניט העלפען אין מיין פּראָיעקט, זאָלט איהר וויסען, אז איך וועל אייך ביטער פערפאָלגען.

יעקב פערראנד האט אויסגעהערט אלעס וואס שרה האט איהם געזאָגט. ער האט זיך בעהערשט און האט געמאכט א גאַנץ רוהיגע מינע אבוואהל ער האט באלד איינגעזעהן, אז דא ערוואַרטעט איהם א ביטערער טאַנץ. אום צו געווינען צייט צו איבערלעגען זיך און צו געפינען מיטלען וויא אזוי ער זאָל זיך אויסדרעהן האט ער גאַנץ רוהיג געענטפערט:

— איך לאָך אין גאַנצען פון אייערע רייד און פון אלעס וואס איהר ווילט טהאן. איך גיב אייך דריי טעג צייט צו איבערלעגען זיך און הרטה צו האבען פון דעם ניעדערטרעכטיגען פּראָיעקט. אויב איהר ווערט מיר צום דריטען טאָג ניט שי־קען א בריעף אין וועלכען איהר ווערט מיר שרייבען, אז איהר האט דעם פּראָיעקט אויפגעגעבען, דאן וועל איך אליין דיא גאַנצע זאך פאָרלייגען פאר׳ן געריכט און איהר ווערט זעהן דאס דיא ריכטער וועלען בעשיצען אן עהרליכען מאַן, וועלכער וויל ניט האבען א האנד אין אזא שמוציגען סקאַנדאל.

— זעהר גוט, איך וועל ווארטען דריי טעג. דיעזע דריי טעג גיב איך אייך צייט צום איבערלעגען און צו פערהיטען זיך פון שלעכטס. אויפ׳ן דריטען טאג וועל איך אהער קומען; אויב איהר ווילט מיט מיר לעבען אין פריעדען איז רעכט, ווען ניט, וועל איך אנפאַנגען מיין שטרייט. וויסען זאָלט איהר, אז דער שטרייט ווערט זיין זעהר א גרויסער און א געפעהרליכער. איך וועל אויסניצען מיין גאַנצען איינפלוס און מיין גאַנצעס געלד צו טרעפען אייך אין הארצען.

ביי דיעזע רייד איז שרה ארויס פון הויז און פערראנד איז געבליבען זיצען פערטראַכט.

— איך וועל מיין פּלאַן אויספיהרען, — האט שרה צו זיך אליין געזאָגט — דאס שעהנע מיידעל, וועלכע האט געוואונען רודאָלף׳ס ליעבע און פריינדשאפט און ער האט זיא געשיקט אין זיין פּארם, דיעזע מיידעל ווערט מיר מעהר ניט קענען שטערען מיין פּלאַן, ווייל זיא איז פון איהם צוגענומען געוואָרען. דיא מארקיזין פאַן הארוויל וועלכע רודאָלף האט גערעטעט פון דעם קאָמאנדיר, דיעזע ווערט זיך יעצט ניט קע־נען רעטען פ׳ן דעם נייעם נעץ וואָס איך האב פאר איהר אויסגעשפּרייט און רר־

דאָלף וועט זיא שוין אייביג ניט קענען זעהן. רודאָלף וועט דאַן זיין עלענד און פערלאַסען פון אלע זיינע פריינדע און געליעבטע און ער וועט אנפאנגען צו דענקען פון זיין טאָכטער. ער וועט אנפאנגען צו גלויבען אז זיין טאָכטער לעבט. איך וועל איהם דאַן איבערראַשען אין זיינע פאַנטאַזיען, אויך דער נאָטאַריוס וואס וועט פירכטען פאַר מיר וועט מיר דאַן העלפען און רודאָלף וועט מוזען גלויבען, אז זיין טאָכטער לעבט. איך וועל זעהר לייכט קענען געפינען אן ארמע יתומה, וועלכע וועט זאגען אלעס וואס איך וועל איהר אויסלערנען. רודאָלף וועט געוויס וועלען גליקליך מאַכען זיין קינד, ער וועט אויך וועלען זיא זאָל האבען א מוטער און דארום וועט ער מיך מאַכען פאַר זיין פרוי. און דיא נבואה, וואָס מיין ניאַנקע האט געזאָגט און דער ציעל פון מיין לעבען — צו טראגען א קרוין אויף מיין קאָפּ וועט דאַמאלס ערפילט ווערען.

יעקב פערראַנד האט אבער ניט געהאט אזעלכע פרעהליכע געדאַנקען וויא שרה מעקגרעגאָר. ער איז געזעסען מיט א צולעכערטעם הארץ און האט זעהר געפירכטעט פאַר שרה'ס רייד. וועהרענד ער האט געזוכט פלענער וויא צו בעשיצען זיך פון נאַכטיגאַלס מוטער און וויא צו פערהיטען דאס זיין נאָמען און זיין געלד זאל ניט פערלאָרען געהן איז טשאַרלעס ראָבערט דער קאָמאַנדיר פון דער טעמפּעל שטראַסע אריינגעקומען אין קאַנטאָר.

נאכדעם וויא דער קאָמאַנדיר האט דעם נאָטאַריוס אנגעפּלוידערט א גאנצע וועלט מיט נאַררישקייטען פון דעם דועל וואס ער האט געהאַט מיט'ן הערצאָג פּאָן לוסעני, אום צו פערטהיידיגען דער מאַרקיזין דע האַרוויל'ס עהרע האט ער פערלאַנגט דאס פערראַנד זאָל איהם אומקעהרען דיא דריי הונדערט און פונפציג טויזענד פראַנק, וועלכע ער האט איינגעלעגט ביים פרומען נאטאריוס מיט'ן בעדינג, אז פערראַנד זאל פאַר איהם פערשאַפען א דיפּלאָם אלס אַדוואָקאַט.

— איך, — האָט ראָבערט געזאָגט — גלויב ניט אין דיא בעזע צינגער, וועלכע ערצעהלען איבער גאַנץ פאַריז, אז איהר האט קיין פראַנק אין אייער פערמעגען און איהר זייט ניט אימשטאַנדע צו בעצאהלען אייערע שולדען. איך גלויב ניט אין דיעזע זאַכען, איך וויל נור האבען מיין געלד מיט'ן פראָצענט, לויט אונזער אָפּמאַך; ווייל וויא איך זעה קענט איהר מיר מיין דיפּלאָם ניט פערשאַפען און אלע מיינע האָפנונגען אויף דער מאַרקיזין זיינען בטל געוואָרען און דארום וויל איך יעצט מאַכען א געשעפט אנשטאַט ליעבע.

ווען פערראַנד האב געהערט וואס מען רעדט וועגען איהם אין פאַריז האט ער זיך זעהר שטאַרק ערשראָקען פאַר זיין קרעדיט. ער האט גוט געוואוסט דאס ווען

דיעזער קלאנג זאָל זיך פערברייטען, וועלען אלע, וועלכע האבען בײַ איהם זייער געלד בעהאלטען, בעפאלען זיין קאָנטאר אין א יין טאג, און דאן איז ער ניט זיכער, ניט מיט'ן לעבען ניט מיט זיין פרומער מאסקע. זייענדיג געערגערט פון שרה'ס רייד און ער־ווארטענדיג א קאמפף מיט דיעזער פרוי האָט ער זעהר מורא געהאט פאר א שלעכטען נאמען, דארום האט ער לאנג ניט געטראכט און האט אָפּגעגעבען דעם קאָמאנדיר זיין געלד, מיט דער בעמערקונג:

— היער האט איהר אייער געלד צוריק. יעצט געהט איבער פאַריז און ער־צעהלט מיינע פיינדע, דאס זיי זאגען ליגען. פעררא‍נד איז נאך גענוג רייך און גענוג רעעל.

ראָבערט האט צוגענומען דאָס געלד און איז אוועק. אָבער קוים האט ער צוגעשלאָסען דיא טהיר הינטער זיך, אזוי האט פעררא‍נד חרטה געהאט פון געשעפט. ער איז אין זיין גאנצען לעבען ניט בעגאנגען אזא נארישקייט אָפּצוגעבען יענעם זיין געלד; איבערהויפּט האט ער קיין מאל ניט גערעכענט אָפּצוגעבען דיעזע געלד צו אזא נארר און שארלאטאן וויא טשארלעס ראָבערט. ער האט זיך גענומען רייסען דיא האאר פון קאָפּ און האט געביסען זיינע ליפּען ביז בלוט איז געגאנגען. ער האט פאר זיך קיין פערצייאונג ניט געפונען.

וועהרענד ער האט זיך אזוי שטארק געערגערט, איז זיין מאטרעסע סעראפין אריין אין זיין צימער. זיא וואר בלאָס און ערשראָקען. און גלייך וויא זיא האט צו־געשלאָסען דיא טהיר האט זיא געזאָגט:

— אָה, מיין העררר, יעצט זעה איך, דאס איהר זייט געווען גערעכט, ווען איהר האט צוריק מיט צוועלף יאהר פערלאנגט מיר זאָלען טויטען דאָס קינד, וועלכע מען האט אונז נעגעבען צום ערציהען; דען זאָנסט מעגען מיר ערווארטען א פינסטערען סוף.

— וואָס האט דען געטראָפען? ווארום זייט איהר אזוי ערשראָקען? — האט פעררא‍נד געפרעגט.

— א בלינדע פרוי, וועלכע איך האב אין מיין גאנצען לעבען ניט געזעהן, איז ערשט געווען אין מיין צימער און האט געזאָגט, דאס זיא ווייס אויף זיכער, אז איך האב איהר געגעבען דעם קינד צו ערציהען.

— אָה, ווער האט עס דיעזער בלינדער פרוי געקענט ענטדעקען? דער מאן וואָס האָט דעם קינד פון אונז צוגענומען איז דאָך אויף אייביג פערשיקט געוואָרען?

— איך האב עס איהר געלייקענט, אבער זיא האט מיר דערצעהלט, אז זיא

האט דיעזע מיידעל ווידער געפונען און זיא איז בערייט צו דערצעהלען פאר דיא ריכטער דיא געשיכטע פון דיעזען קינד.

— וואס? האט זיך היינטיגער טאג געגען מיר פערשוואָרען? — האט פער־ראנד געשריען.

— וואס זאָל איך דער בלינדער פרוי ענטפערען און וואס זאָל איך איהר פער־שפרעכען, אויב זיא וועט אונז ניט פערראטהען?

— וויס זיא דען אויף זיכער וואו דאָס מיידעל געפינט זיך יעצט? — האט פערראנד געפרעגט.

— זיא האט מיר געשוואָרען, אז זיא וויס וואו זיא איז.

פערראנד האט זיך דאָ פערטראכט. שרה מעקגרעגאָר האט איהם פערשפראָ־כען צו געבען אַ גרויסע סומע געלד ווען ער וועט איהר געבען אַ פאַלשע טאָכטער. פאַר דער אמת'ער קען ער דאָך בעטען נאָך אַ גרעסערע פרייז. אבער וואס זאָל ער טהאָן מיט'ן טויטען-שיין וועלכען ער האָט געמאכט? ווען מען ווערט אונטערזוכען זיין שווינדעל מיט'ן פאַלשען טויטען-שיין ווערט ער געוויס פראָצעסירט ווערען פאר דיעזען שווינדעל, און אנדער חטאים קענען ענטדעקט ווערען און זיינע לעצטע עטליכע יאהר ווערט ער מוזען פערברענגען צווישען דיא ערגסטע פערברעכער אין געפענ־גניס.

ער האט אבער זיך שטארק ניט געשראָקען פאַר'ן טויטען-שיין, ער האט גע־האָפט צו געפינען אַ מיטעל דערצו אויך. נאכדעם וויא ער האט דיא גאנצע לאַגע בעטראַכט האט ער זיך געווענדעט צו זיין מאַטרעסע מיט דער פראַגע:

— ווען ווערט דיא בלינדע פרוי דאָ ווידער זיין?

— מאָרגען, — האט סעראפין געענטפערט.

— געה און שרייב יעצט צו פּאָלידאָרי ער זאָל הייטע אום נייען אוהר זיין אין מיין הויז — האט פערראנד איהר בעפוילען.

— ווילסט איהר אָפּראַמען פון וועג דער בלינדער פרוי און דאָס קינד? — האט סעראפין געפרעגט — איך האב מורא, אז דאָס ווערט זיין צו שווער.

— פרעגט קיין פראַגען, געהט און שרייבט צו איהם ער זאָל דאָ אונבעדינגט זיין.

צווישען פערראנד'ס בעזוכער פון דיעזען טאָג האט נאָך בעדאַרפט זיין וואַלטער מאָרפי. נור איבער געוויסע אורזאכען איז ער ניט געוועזען. רודאָלף איז צו איהם גע־קומען און האט איהם בעפוילען ער זאָל זעהן, דאָס סיציליע, דיא ווייב פון שוואַרצע דאָקטאָר זאָל אין פערלויף פון זעקס טעג זיין אין פאַריז.

— וואָצו זאָל דיזע פערדאָרבענע פרוי אהער געבראַכט ווערען? — האט מאָרפּי געפרעגט.

— אין אַ חודש ארום וועט איהר עס פרעגען דעם פרומען פערראַנד, — האט רודאָלף געענטפערט.

46טעם קאַפּיטעל.

ניט אויסגעפיהרט.

אין דער זעלבער נאכט וואָס דער לעהרער און לילית זיינען איבערפאַלען דער אונשולדיגער נאַכטיגאַל האט שרה מעקגרעגאָר און איהר ברודער ארויסגעשיקט אַ שליח פון פאַריז, וועלבער איז געקומען אין דעם זעלבען אבענד אין מאָדעל פאַרם און האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מאדאם געאָרג אלס אַ געשיקטער פון רודאָלף'ן, וועלבער אין איהר געקומען זאָגען זיא זאָל ניט זאָרגען און זאָל ניט זוכען דער שעה־נער מאריע. דער שליח וואר פאַרבערייטעט מיט אַ גלאַטטען ליעגען, דאס רודאָלף האָט דאָס מיידעל געלאָזט ברענגען נאָך פאַריז צו ליעב זעהר וויכטיגע געשעפטען. אויך האט דיעזער שליח געזאָגט, אז רודאָלף האט בעפוילען מען זאָל איהם קיין בריעף שיקען פון דער פאַרם אויסער דורך דיעזען שליח.

דיעזער שווינדעל האָט גענגאָלטען צו בערוהיגען דער צערטליכער מאדאם געאָרג, צו פערהיטען, דאָס רודאָלף זאָל פאָרלויפיג פון קיין זאך ניט וויסען. אין דער זעלבער צייט האט שרה געזוכט אויסצו־ווירקען ביי יעקב פערראַנד ער זאָל עדות זאגען, אז איהר טאָכטער לעבט.

שרה האט אין דער זעלבער צייט ערפונדען אַ פּלאַן צו רועגירען דער גוטער מארקיזין קלעמענס פאַן הארוויל, וועלבער רודאָלף האט שוין איין מאָל גערעטעט פון שרה'ס אינטריגע. און וועז דיעזער נייער פּלאַן געגען דער מארקיזין וועט איהר ניט געלינגען וועט זיא אַם וועניגסטען מאַכען אַ פיינדשאַפט צווישען רודאָלפ'ן און דעם מארקיז פאָן הארוויל, זאָ דאָס דער מארקיז וועט פערוועהרען זיין פרוי צו בע־געגענען זיך מיט'ן שעהנעם רודאָלף. דורך דיעזע פּלענער האט שרה געהאָפט, וועט זיא וויעדער קענען צוזאמענקומען מיט רודאָלפ'ן, וועלבער האט זיא אַמאָל זעהר ערנסט געליעבט.

דער מיטעל דורך וועלבען שרה האט ערפאהרען וויא אזוי רודאָלף האט גערע־טעט דער מארקיזין פון איהר נעץ, וואר זעהר אַ לייכטער. טהאָמאס, שרה'ס ברו־ברודער איז אויף מאָרגען נאָך דער סצענע אין נומער 17 טעמפּעל שטראַסע געווען אין יענעם הויז און נאָר אָהן שוועריגקייטען האט איהם פּיפּעלעט'ס וויב דערצעהלט

וואס געסטערען איז אין איהר הויז געשעהן. וויא אזוי אן אייפערזיכטיגער מאן האט נאכגעיאגט זיין פרוי און רודאלף האט זיא גערעטעט.

אלס שרה האט דאס ערפאהרען, האט זיא אויפגעשריעבען א בריעף און האט איהם אפגעשיקט צום מארקיז פאן הארוויל.

פאלגענדעס איז דער אינהאלט פאן בריעף:

„מארקיז.

„אייער ווייב האט אייך בעטראגען מיט א שענדליכען ליגען. דען ווען זיא האט דערזעהן, אז איהר יאגט זיא נאך און אז איהר שטעהט נעבען איהר אין נומער 17 טעמפעל שטראסע האט זיא אייך געזאגט, אז זיא איז אהין געגאנגען שטיצען אן ארימע פאמיליע. אין אמת'ן איז זיא געגאנגען זעהן א גרויסען און רייכען אריסטאקראט, וועלכער הייסט רודאלף, און וועלכער האט געדונגען א וואוינונג אין יענעם הויז אויפ'ן פיערטען עטאזש, אום ער זאל זיך דארט קענען טרעפען מיט אייער ווייב. אויב איהר ווילט מיר ניט גלויבען, דאן געהט נאך א מאל אין דעם הויז נומער 17 טעמפעל שטראסע און איהר וועט זיך איבערצייגען ווער עס וואוינט אויפ'ן פיערטען עטאזש. איךווארן אייך נאך א מאל. דיא גאנצע שטאדט רעדט יעצט וועגען דעם מען זאגט אז אייער פריינדשאפט צו רודאלף'ן האט אייך בלינד געמאכט און איהר זעהט ניט וויא אייער פרוי איז אייך אונטריי.״

דיעזען בריעף האט שרה אפגעשיקט צום מארקיז נאכדעם וויא זיא האט זיך געזעהן מיט יעקב פערראנד, און איהר רעכענונג איז געווען, דאס דיעזער בריעף וועט אנקומען נאך אין דיעזען אבענד.

גראדע אין דיעזען אבענד האט רודאלף בעשטימט צו בעזוכע דער מארקיזין און זאגען איהר, אז ער האט פאר איהר געפונען א וואהלטהעטיגע בעשעפטיגונג, וועלכע איז ווערטה זיא זאל אין דעם זוכען טרויסט.

גראדע א ווייליע איידער רודאלף האט זיך געמאלדען צו דער מארקיזין, איז דיא מארקיזין קלעמענס געזעסען און געשפראכען מיט איהר מאן. זיא האט צו איהם געשפראכען זעהר ליעבליך. זיא וואר צו איהם זעהר פריינדליך, אזוי פריינדליך און ליעבליך, דאס ער האט עס פון איהר נאך ניעמאלס אזעלכעס געזעהן.

דער לעזער געדענקט וואהרשיינליך, דאס זייט דער מארקיז האט געהייראטהעט און זיין ווייב האט ערפאהרען, אז ער איז א קראנקער, א פאל-זיכטיגער, האבען ביידע געלעבט זעהר אונגליקליך. דיא מארקיזין האט איהר מאן ניט געקענט פערצייהען זיין הייראטה ביז זיא האט פאר רודאלף'ן איהר גאנצעס הערץ געעפענט. רודאלף האט איהר געגעבען צו פערשטעהן, דאס דער מארקיז פאן הארוויל איז אן

אונגליקליכער מיט וועלכען זיא דארף מיטלייד האבען, און ער האט איהר דארום געראטהען, זיא זאָל צו איהם זיין גוט און פריינדליך.

דער מארקיז האט געשפּראָכען מיט זיין פרוי און האט אליין ניט געוואוסט וויא צו ערקלעהרען זיך דיא אורזאכע פון זיין ווייב'ס גוטסקייט. ער איז געוועזען גליק־ליך פון איהר פריינדשאפט, אבער ער איז געוועזען איבערראשט. ער האט ניט גע־וואוסט, אז רודאָלף איז דאָ דערפון דיא אורזאכע. ער האָט ניט געפיהלט, אז יעדעס וואָרט וואס געהט ארויס פון איהר מויל דארף ער פערדאנקען זיין גוטען פריינד, דעם גראָס־הערצאָג פון געראָלשטיין.

וועהרענד דער גליקליכער אונטערהאלטונג צווישען מאן און ווייב האט א דיענער געמאָלדען אז דער גראָסהערצאָג רודאָלף פאָן געראָלשטיין ווינשט צו שפּרע־כען מיט דער מארקיזין פאָן הארוויל.

דער מארקיז האט געענטפערט דאס דער גראָס־הערצאָג דארף איהם טהאָן דיא עהרע און אריינקומען אין זאאל.

רודאָלף איז באלד ערשיענען. און נאכדעם וויא דיא געוועהנליכע צערעמאָניען פון דער בעגריסונג זיינען געמאכט געוואָרען האט רודאָלף געזאגט:

— עס פרעהט מיך צו געפינען דעם מארקיז פאָן הארוויל גאָר אונערווארטעט.

— מיך פרעהט עס זעהר דאס נאכדעם וויא איך האב אייער קעניגליכע האָהייט אזוי לאנג ניט געזעהן, האב איך דיא עהרע אייך צו בעגריסען אין מיין הויז, האט דער מארקיז געענטפערט.

וועהרענד דיא דריי, רודאָלף, דער מארקיז און זיינען ווייב זיין א היבשע צייט געזעסען און האבען פערבראכט איבער פערשיעדענע געגענשטענדע, האָט א דיענער אריינגעטראָגען דעם בריעף וועלכען שרה האט צוגעשיקט צום מארקיז פאָן הארוויל מיט דער אויפשריפט: „זעהר וויכטיג". דער מארקיז האט געבעטען ערלויבניס צו לעזען דעם בריעף, וועלכער שיינט צו זיין וויכטיג.

וועהרענד דער מארקיז האט געלעזען דעם בריעף האט רודאָלף געשפּראָכען מיט דער מארקיזין. דער מארקיז האט ניט געוויזען קיין ענדערונג אין זיין געזיכט, נור זיין האנד האט עטוואָס געציטערט. נאכדעם וויא ער האט דעם בריעף דורכגע־לעזען און האט איהם בעהאלטען אין זיין טאשע האט ער זיך געווענדעט צו רודאָלף'ן און האט געזאָגט:

— פערצייהעט מיר קעניגליכע מאיעסטעט, איך מוז געהן אין מיין שרייב־צימער ענטפערן אויף דיעזען בריעף, ווייל עס איז זעהר א וויכטיגער געגענשטאנד.

דער מארקיז איז גלייך ארויס פון זאאל. רודאלף האט אָבער בעמערקט, אז

עטוואס אונגעוועהנליכעס האט נעמאכט אן איינדרוק אויפ'ן מארקיז און ער האט צו דער מארקיזין געזאגט.

— דער מארקיז האט זיך בעהערשט און האט זיך געמאכט זעהר רוהיג; אבער מיינע אויגען האבען איינגעדרונגען אין זיין הערצען און איך זעה דארט אן אונגעהייערען שטורם.

— פיעללייכט איז דאס פון פרייד? — האט קלעמענס געענטפערט — דען מיט א ווייל צוריק האב איך איהם גליקליך געמאכט מיט זעהר פריינדליכע און גוטע רייד און איך האב אביסעל צוטריבען דיא מעלאנכאליע פון זיין הערץ, זא וויא אייער קעניגליכע האהייט האט מיר געראטהען. איך פערזיכער אייך, מיין הערר, דאס פון יעצט אן וועל איך מיך בעהערשען און וועל זעהן צו טרייסטען און ערפרייען מיין אונגליקליכען מאן, וועלכער ווערט געפלאגט פון אזא ביטערע קראנקהייט.

— דאס איז דער וועג פון מענשליכקייט, — האט רודאלף געענטפערט — איהר דארפט וויסען, דאס וועהרענד איהר וועט זוכען צו טרייסטען אייער מאן, וועט איהר אליין אויך געטרויסט ווערען און אייער צייט און לעבען וועט אייך זיין זעהר אנגענעהם. איך האב אייך יעצט צו מעלדען, דאס איך האב פאר אייך געעפענט א נייעם וועג פון וואהלטהאט, וואו איהר קענט פערשטעלטערהייד ערהאלטען דאס לעבען פון אן אונשולדיגען אבער אונגליקליכען קינד און איהר אונגליקליכעס מוטער. הערט וואס דאס איז:

איך האב געדונגען א וואוינונג אין נומער 17 טעמפעל שטראסע, וואו דיא אונגליקליכע פאמיליע פון דעם דיאמאנטען שלייפער וואלגערען זיך אין קעלט און אין הונגער. געסטערן בין איך געגאנגען מיט מיין נאכבארין א פריילין מיט'ן נאמען דיפעלטאן און האב איינגעקויפט הויז־ווירטהשאפט פאר דעם ארמען דיאמאנטען שלייפער מארעל אין דעם באזאר ויעלכען מען רופט דער טעמפעל. אין איינע פון דיא קראמען האב איך געזעהן א הילצערנעם שרייב־טיש און ווען איך האב בעטראכט דיא שאכטלען האב איך דארט געפונען א בריעף, וועלכער איז געשריעבען פון א פרויענצימער. דיא פרוי בעקלאגט זיך אויף א ניעדערטרעכטיגען מענשען, וועלכער פערלייקענט דאס געלד וואס איז איהם אנפערטרויט געווארען און דאדורך ליידעט זיא הונגער און קעלט. נאכדעם וויא איך האב דעם בריעף דורכגעלעזען האט מיר דיא קרעמערקע ערצעהלט, אז זיא האט דעם שרייב־טיש געקויפט פון א פרוי, וועלכע געהט געקליידעט אין שווארצען, זעהט אויס גאנץ יונג און וויא איינע פון דיא רייכסטע דאמען, וועלכע איז פלוצלינג געפאלען אין ארמוטה.

(Paris, 32.)

— און אייער קעניגליכע האָהייט, ווייס ניט דיא אדרעסע פון דיעזער פרוי און איהר טאכטער?

— ניין, דיא קרעמערקע ווייס עס אויך ניט. זיא ווייס אויך ניט איהר נאָמען. איך האָף, אז באראן פאן גרוין וועט געפינען דיא פרוי און דיא אדרעסע. איך וויל אייך נור זאָגען, אז אונטער דעם בריעף שטעהן פאָלגענדע ווערטער: „צו שרייבען צו דער הערצאָגין פאָן לוסעני״.

— אויב אזוי, — האט קלעמענס מיט פריידע געזאָגט — אויב אזוי וועל איך געהן און וועל פרעגען דער הערצאָגין וועגען דיעזער פרוי.

אין א ווײַלע ארום האט דיא מארקיזין אָבגעזיפצט און האט געזאָגט:

— אָבער וויא קען איך פרעגען וועגען א פערזאָן וואס איך ווייס ניט דעם נאָמען?

— פרעגט איהר נור אויב זיא קען א יונגע אלמנה, וועלכע האט איין איינציגע טאָכטער מיט'ן נאָמען קלארע און וועלכע האט געהאט א ברודער וואס איז צוריק מיט עטליכע מאָנאטען בעגאנגען זעלבסטמאָרד.

— מיר שיינט, אז דורך דיעזע סמנים וועט דיא הערצאָגין וויסען, ווער דיעזע אונגליקליכע פרוי איז. אָבער ווער איז דאס דער שרעקליכער מענש, וואָס האט פעראורזאכט איהר אונגליק?

— א נאָטאריוס. א רייכער מענש און א נידערטרעכטיגער מערדער, זיין נאָמען איז יעקב פערראנד.

— יעקב פערראנד! ער איז דאך מיין מאַנ'ס אדוואָקאט. ער איז אויך מיין שטיפמוטער'ס אדוואָקאט. איהר האט א טעות, קעניגליכע האָהייט. דיעזער אדוואָקאט איז אן עהרליכער מאַן. אלע וואס קענען איהם זאָגען, אז ער איז א הייליגער.

— און איך ווייס אויף זיכער, אז ער איז דער ערגסטער שווינדלער און רויבער, און אז ער האט בערויבט דיעזע אלמנה אזוי וויא ער בערויבט פיעלע אנדערע מענשען. ער איז א רייכער מאַן און אלע וואס קענען איהם מיינען, אז ער איז א צדיק און א הייליגער, און אויף דעם רעכנונג גנבעט ער און רויבט! זיין ליעבע צו געלד איז שטארקער פאר זיין פורכט פאר'ן טוידט. זיין געלד־גיערינקייט ווערט קיין מאָל ניט געזעטיגט. ער בערויבט אלמנות, ער בעשווינדעלט יתומים, ער פערפיהרט עהרליכע מענשען און ער רוענירט אונשולדיגע קינדער! ווען איינער איבערפאלט א מענשען און ערמאָרדעט איהם, טהוט ער אָפּ זיין מערדעריי מיט איין מאָל און דער אָפּפער ליידעט ניט לאַנג, וועהרענד דיעזער היפּאָקריט הרגעט לאַנגזאם, ביסלעכווייז, און ער זויגט אויס דאס בלוט פון זיינע קרבנות טראָפּענסווייז. דיעזער

אונמענש נעהמט אוועק דיא שפייז פון קליינע קינדער און רויבט דיא לעצטע שטיצע פון אלטע מענשען. ער גוואלטיגט אונשולדיגע פרויען און ער מאכט אויף זיי פאלשע בלוט-בילבולים אום צו פערהיטען זיין גוטען נאָמען. ער האט בערויבט דיעזע אלמנה און איהר טאָכטער, וועלכע וועלען געפּלאגט ווערען מיט הונגער ביז זיי וועלען ניט ווילענדיג פערקויפען זייער עהרע פאר געלד אָדער זיי וועלען רעטען זייער עהרע מיט זעלבסטמאָרד.

קלעמענס האט אין איהר גאנצען לעבען אזעלכע שטארקע רייד פון רודאָלף'ן ניט געהערט. זיא האט איהם אויך ניעמאלס געזעהן אין אזא כעס. זיא האט איהם אנגעקוקט און האט געשוויגען.

— ענטשולדיגט מיר,— האט רודאָלף צו איהר געזאגט נאכדעם וויא ער האט א ווילע געשוויגען— ענטשולדיגט מיר פאר אזא אויפרעגונג. איך האב זיך אָבער ניט געקענט בעהערשען, ווען איך האב מיך עראינערט דיא געפאהר וועלכע ער־ווארטעט דיא אָפּפער פון פעררּאַנד'ס האנד.

— איך דאנק אייך מיין הערר, – האט איהם קלעמענס געענטפערט — אייערע מעכטיגע רייד האבען מיר יעצט ערמונטערט, איך זאָל מיט מעהר פלייס ארבייטען צו געפינען דיעזע אונגליקליכע. מאָרגען גאנץ פריה וועל איך לויפען צו דער הער־צאָגין פאָן לוסעני אויסצופאָרשען ווער דיעזע אלמנה איז, נאכדעם וועל איך ארומ־פאָהרען איבער אלע פּאריזער גאסען און וועל ניט רוהען און וועל ניט שווייגען ביז איך וועל דיא אונגליקליכע געפינען. איך שטעל מיר שוין פאר דיא פריידע וואס מען פיהלט ווען מען העלפט אזעלכע עלענדע. איך בין מודה, אז זייט מיינע יונגע יאהרען וואר מיין הערץ געשלאָסען פאר יעדע פריידע, נור איהר, קעניגליכע האָהייט, איהר האט מיר געוויעזען דעם וועג צו וואָהלטהאט, וועלכע איז פאָל מיט גליק און פריידע. וואָס מעהר איך בעטראכט אייערע רייד אלעס מעהר זעה איך אין זיי אן אדעלעס הערץ, גערעכטיגקייט און ערבארמונג. דאָס וואָס איהר האט מיך געלע־רענט צו טהאָן וואָהלטהאטען אין געהיים, זאָ דאס דער געהאָלפענער זאָל ניט וויסען פון וואנען איהם איז דאָס געקומען, דיעזעס מאכט מיר נאָך אנגענעהמער דעם גוטען וועג. זאָגט מיר נור, קעניגליכע האָהייט, פון וואנען קענט איהר פיהלען דיא הער־צער פון דיא אונגליקליכע מענשען, נאכדעם וויא אייער לעבען איז אימער בעגליי־טעט פון גליק און נחת.

— ניין, וועהרטע מארקיזין. איך האב אויך געליטען אין מיין לעבען און איך וויים אויך וואָס ליידען בעדייטען!

— איהר, קעניגליכע האָהייט?

— יא. איך האב געזעהן פילע פינסטערע טעג, און ענדליך האב איך פער־לאָרען מיין איינציגעס קינד, מיין טרויסט און מיין פריידע אין לעבען.

— אייער קינד? איך האב געגלויבט, דאס איהר האט קיין קינד געהאט.

— איך האב געהאט א שעהנע טאָכטער—פרעגט ניט ווער איז געוועזן איהר מוטער. אָבער דאס קינד איז געשטאָרבען קליינערהייד און דאס פערביטערט מיין לעבען. יעדען טאָג עראינער איך זיא. יעדען טאָג טרויער איך נאָך איהר. וואס עלטער איך ווער, אלץ גרעסער ווערט מיין אונגליק. וועה, ווען זיא וואָלט געלעבט, וואָלט זיא הייטע אלט געוועזן זיעבעצעהן יאהר — — — אבער ענטשולדיגט מיר, אדעלע פרוי, ווארום איך ערצעהל אייך מיין טרויערינגען געמיטה. דאס איז דיא נאטור פון יעדען אונגליקליכען. א מענש וויל אימער א־יסריידען זיין הערץ. איך האָף אָבער, אז מיינע רייד וועלען אויף אייך ווירקען איהר זאלט זיך ווידמענען צו וואָהלטהאט צו העלפען געפאלענע, צו פיהרען בלינדע, צו היילען קראנקע, צו זעטי־גען הונגעריגע און צו קליידען נאקעטע. איך בין אימער בערייט צו שטעהן ביי אייער זייט און העלפען אייך אין יעדער גוטער אונטערנעהמונג. דיעזע טהאטען וועלען אייך אימער מאכען צופריעדען און גליקליך און וועלען אייך ערמוטהיגען צו טרויסטען און ליעבען אייער מאַן, וועלכער איז צו אייך צוגעבונדען מיט'ן גאנצען לעבען און וועל־כער ליידעט נור וייל איהר זייט ניט גליקליך.

— איך דאנק אייך, אדעלער הערשער, פאר דער לעהרע. ווען ניט איהר, וואָלט איך פיעללייכט קיין טרויסט ניט געהאט צו מיינע ליידען. יעצט שווער איך צו ווידמענען מיין צייט פאר מיינע ליידענדע מיט־מענשען און פאר דעם גליק פון מיין מאַן און מיין הויז.

ביי דיעזע רייד האט זיך פלוצלינג אויפגעריסען דיא טהיר פון זאאל. קלעמענס האָט אויסגעשריען פון שרעק. רודאָלף האט גענומען שוידערען און דער מארקיז פון הארוויל איז אריינגעלאָפען אין זאאל. זיין געזיכט וואר וויים וויא דער טויט, זיינע פיס האבען געוואנקט און זיינע אויגען ווארען פול מיט טרעהרען. נאכדעם וויא דיא ערשטע איבערראשונג איז פאָראיבער האט דער מארקיז געגעבען שרה'ס פאסקוויל צו רודאָלף'ן און האט געזאָגט:

— היער, קעניגליכע האָהייט, האט איהר דעם בריעף. לעזט איהם דורך און צורייסט איהם אויף שטיקער.

קלעמענס האט איהר מאַן פערוואונדערט אָנגעקוקט. רודאָלף האט דורכגע־לעזען דעם בריעף און האט אויסגעשריען:

— וויא אבשייליך דאס איז! און דער מארקיז האט זיך באלד אָפּגערופען:

— און איך בין נאך אבשייליכער פון דיעזען פאסקוויל; דען אנשטאט צו וויי־זען אייך דיעזען שמוציגען בריעף, האב איך איהם פריהער בעהאלטען און האב פער־שטעלט דעם פייער פון אייפערזוכט וואס האט געפלאקערט אין מיין גאנצען קערפער. איך בין ארויס פון הויז און האב זיך בעהאלטען אונטער׳ן טהיר צו הערען וואס איהר וועט דא ריידען. אבער וואס האב איך געהערט — אה, דאס שעהנסטע וואס צוויי הייליגע קענען ריידען. אה, וויא אונגערעכט איך בין געווען צו גלויבען אויף אייך אזא זאך! זעהט אבער קעניגליכע האהייט און מיין ווייב קלעמענס, איך פאל פאר אייך אויף דיא קניע און בעט פון אייך פערצייאונג.

— שטעהט אויף ברודער, — האט רודאלף געזאגט צום מארקיז — שטעהט אויף, איהר האט געגען מיר ניט געזינדיגט. מיך פרעהט, וואס איהר האט זיך יעצט איבערצייגט אין דער אונשולד און עהרליכקייט פון אייער פרוי.

— און דוא, מיין טהייערע קלעמענס, וועסט דוא מיר אויך פערצייען?

— יא. איך פערצייע דיר, מיט׳ן בעדינג, דוא זאלסט מיר העלפען אין מיין וואונש צו זעהן דיך גליקליך און צופריעדען.

— זעהט איהר, — האט רודאלף געזאגט — דאס דער בייזער געדאנק פון אונ־זער פיינד האט זיך אויסגעלאזען אונזער טובה; דען מירביידע זיינען נאך מעהר בעפריינדעט געווארען און דער אונשולד פון דער מארקיזין איז ארויס קלאהר וויא דער טאג. איך וויים ווער עס האט דעם בריעף געשריעבען און האף יענעם צו בע־צהאלען נאך זיין פערדיענסט. יעצט מוז איך געהן, עס איז שוין צייט.

דיא פריינדע האבען זיך געזעגענד און רודאלף איז אוועק. דער מארקיז האט איהם בעגלייט ביזן טהיר און איז נאכדעם אריין אין זיין צימער וואו ער האט זיך פערשלאסען און פערטראכט.

47טעס קאפיטעל.

דאס זעלבסט־מארד.

עס איז שווער צו בעשרייבען דיא געדאנקען, וואס האבען זיך ערוועקט אין דעם מארקיז פאן הארוויל׳ס קאפ נאכדעם וויא ער איז געבליבען איינער אליין. ער האט זיך געפרעהט דאס דיא בעשולדיגונג געווען זיין ווייב און זיין פריינד האבען זיך בעוויזען פאלש; אבער צו דער זעלבער צייט האט ער בערעכענט, אז ער מוז אויפ־געבען דיא האפנונג צו געווינען זיין ווייב׳ס ליעבע. וואס מעהר ער האט זיך ערווי־נערט אן זיין ווייב׳ס פערשפרעכען צו רודאלף׳ן צו זיין גוט און פריינדליך צו איהר קראנקען מאן, אלעס מעהר האט ער זיך אליין געמאכט פארווירפע ווארום ער האט דיעזער גוטער פרוי בעשווינדעלט און האט זיא צוגעבונדען צו זיך, וועלכער איז אזא

נעפעהרליכער און שרעקליכער מענש. דיזער געדאנק האט איהם אין גאנצען פער־פינסטערט זיין פריידע פון דער איבערציינונג, אז זיין ווייב איז אונשולדיג, אז זיין ווייב וויל צו איהם זיין גוט און פריינדליך. אין א לעבען פון רייכטהום און פערגע־ניגען, וואו מען דארף ניט זארגען פאר דעם לעבענס עקסיסטענץ, אין אזא לעבען איז מען אימער געפלאגט פון פערשיעדענע שווערע געדאנקען, וועלכע דיא לעדיגע צייט מוז בעשאפען. א לעבען אהן ארבייט, א לעבען אהן זארג וועגען דער צוקונפט, אזא לעבען איז בעלעסטיגט מיט אלערליי אמביציאנען און תאות. דער רייכער מאן וועלכער קען בעזיצען אלעס וואס מען קען קויפען פאר גאלד, דיזער מענש ווינשט און שטרעבט צו בעזיצען דאם, וואס גאלד קען ניט קויפען.

דיא זארגען פון דיזען מארקיז ווארען שרעקליכע. ער האט געוואלט דיא ליע־בע פון זיין שעהנער ווייב, א ליעבע וואס קען ניט געקויפט ווערען פאר מילליאנען. און נאך אלעמען האט ער אימער גערעכענט, אז זיין פערלאנג איז א גערעכטער, אז זיין ווייב איז פערפפליכטעט צו ליעבען איהר מאן. נור יעצט האט ער געענדערט זיינע געדאנקען. ער האט זיך איבערציינט אז זיא דארף איהם ניט ליעבען, אז זיא קען איהם ניט ליעבען. ער האט זיך געווארפען אויף א זאפא און האט גענומען ברומען:

— עס איז מיין שולד, מיין שולד! ארמע אונגליקליכע פרוי. איך האב זיא בעטראגען, זעהר אונעהרליך בעטראגען. זיא דארף מיך האסען, און דאך, האב איך זיך ערשט איבערציינט, אז זיא אינטערעסירט זיך וועגען מיר. און איך, אנ־שטאט זיך צו בענוגענען דער מיט בין איך פון נאררישע ליידענשאפט געווארען אייפערזיכטיג! ארמעס קינד! אזוי יונג און אזוי ליעבענסווירדיג און דאך, אלעס וואס זיא האט געקענט זאגען געגען מיין בעטרוג איז געווען, אז איהר שיקזאל איז צו שרעקליך און דאס זיא איז צו יונג אום צו ענטזאגען זיך פון ליעבע. איך קען מיין קלעמענס, דעם ווארט וואס זיא האט געגעבען צו מיר און צום פרינץ וועט זיא האלטען. יא, זיא וועט איהם האלטען, אבער פאר וועלכען פרייז? וואס וועט זיא דאפיר בעצאהלען? אה, איהר גאנצע יוגענד, איהר שעהנהייט, איהר לעבען! איך בין א טיראן! איך האב זיא בעטראגען און יעצט האלט איך זיא אין מיינע נעגעל!

אזעלכע געדאנקען האט ער געהאט דיא גאנצע נאכט. ער האט ניט געשלא־פען, ער איז אבער אויך ניט געוועזן אויף. ער איז געלעגען וויא א בעטרונקענער. ער האט גערעדט, ער האט געטראכט און האט אליין ניט געוואוס וואו ער איז.

וויא דער טאג איז געקומען אזוי איז דער מארקיז אויפגעשטאנען און האט אריינגערופען זיין געטריען דיענער יוסף און האט איהם געהייסען רופען דעם גרעס־

טען דיאמאנטען הענדלער פון פאריז. ער האט בעשלאָסען צו קויפען פיעל טהייערע שטיינער און צו מאכען זיין גוטער ווייב א טהייערען פרעזענט. ער האט אויך גע־שיקט נאך אַן ארכיטעקט און האט איהם בעפוילען צו פערגרעסערען דעם פאלאסט און בויען נייע צימערען פון דיא שעהנסטע און טהייערסטע שטיינער. נאכדעם האט ער געשיקט לאדען דעם הערצאָג פאָן לוסעני און דעם גראף פאָן סאנט רעמי און נאך איינינע באראָנען און גראפען זיי זאָלען צוזאמען מיט איהם עסען פריהשטיק און פערברענגען, דען ער האט בעשלאָסען צו מאכען דיעזען טאָג פאר זיין יום־טוב.

ווען דער מארקיז איז פערטיג געוואָרען מיט זיינע בעפעהלע איז קלעמענס אריין אין זיין צימער און האט איהם געמאָלדען, אז זיא געהט צו דער הערצאָגין פאָן לוסעני נאכפרעגען אויף דער אלמנה און איהר טאָכטער פון וועלכע רודאָלף האָט געבעטען געשפראָכען און דאָס זיא וועט דערנאך געהן צו בעזוכען דיא מיידלאך וואס זיצען אין דעם סאנט לאזארוס געפענגניס.

— וועלען מיר זיך נאָך הייטע זעהן? — האט דער מארקיז געפרעגט.

— אויב דוא פערלאנגסט וועל איך הייטע בלייבען צו הויז און וועל געהן מאָרגען.

— ניין, ניין, מיך פרעהט ווען דוא געהסט טהאן גוטעס מיט אָרימע מענשען. געה, נור קום וואָס שנעלער צוריק.

קוים איז קלעמענס ארויס פון הויז איז דער הערצאָג פאָן לוסעני אָנגע־קומען, און טומלענדיג און שרייענדיג איז ער אריינגעפאלען אין דעם מארקיז'ם צימער.

— איהר זייט זעהר אונגערעכט, הערצאָג, — האט דער מארקיז געזאָגט — איהר זייט זעהר אונגערעכט וואָרום איהר האט מיר ניט ערצעהלט פון דעם דועל וועלכען איהר האט געהאט. ערסט צוריק מיט אַ פּאאר טעג האט מען מיר דיעזע נארישקייט ערצעהלט.

— א נארישקייט? — האט דער הערצאָג געפרעגט — א נארישקייט? ניין, מיין פריינד, נאך קיין מענש האט פון מיר אזוי ניט געלאכט און האט מיך מיט זיין גע־לעכטער אזוי פיעל ניט בעליידיגט וויא דיעזער טשארלס ראָבערט, — דען ער האט געהאט דיא פרעכהייט צו ווערען אויף מיר בייז וואָרום איך האב איהם געפרעגט אויב ער איז שוין קורירט פון זיין לויזען מאגען.... ווייסט איהר, אז צוליעב דיעזער פראגע האט ער מיך ארויסגערופען אויף א דועל? איך האב איהם דיעזע פראגע געשטעלט אין דער נעגענווארט פון מארקיזין פאָן הארוויל און שרה מעקרענאָר. אין אמתן איז ער נאָר ניעמאלס קראנק געווען, איך האב עס נור געלאכט; אָבער

ער האט מיך ארויסגערופען אויף א דועל. מיך האט אבער דער טייפעל ניט גענומען. איך בין געזונד וויא אן אָקס און לוסטיג וויא א ציג.

ווערהענד דער הערצאָג האט עס געזאָגט, האָט ער זיך געשליידערט אויף א בעט און האט זיין שטעקען אויפגעהאנגען אויף א טהייערען שפּיגעל און האָט איהם ארומגעווינט רעכטס און לינקס.

— מיך פרעהט, וואס איהר זייט ארויס א לעבעדיגער, צוליעב דעם האב איך אייך אהער גערופען. איך האב אייך געלאַדען נאך איינינע הערן און מיר וועלען זיך הייטע אמוזירען.... אבער לאָזט דעם שטעקען צורוה. דער שפּיגעל וועט פאלען און וועט צוברעכען אייער קאָפּ.

— איהר האָט רעכט. איך זעה, אז איהר זייט א דיפּלאָמאַט און איהר קענט זעהן פאָראויס וואָס שפּעטער וועט זיין. אָבער זאָגט מיר נור, וועמען האט איהר געלאַדען? דעם גראף פאָן סאנט רעמי געוויס ניט! זייט איינינע טעג וויא ער זיצט אין א זאָמער־וואוינונג. — וואָס ער קען טהאן אויפ'ן לאנד אין א זאָמער־וואוינונג ווערהענד דער פּראָסט ברענט, דאָס איז א געהיימניס! — האט דער הערצאָג גע־שריען מיט זיינע אלע קרעפטען און האט געקלאַפּט און געטופּעט מיט דיא פיס. פּלוצלינג האט ער זיך איינגעגראָבען אין קישען, ווייל סאנט רעמי איז אָנגעקומען.

— איך וועל אייך ניט פרעגען אויב דער הערצאָג איז געלאַדען? — האט דער גראף געזאָגט — דען ווערהענד איך בין נאך געווען אין פאָרהויז האב איך שוין גע־הערט זיין שטימע.

— זייט איהר עס דער פעלד־ארבייטער? — האט דער הערצאָג געפרעגט — זאָגט מיר נור וואס האט איהר געטהאן אויפ'ן פעלד אין אזעלכע קאלטע טעג.

— ערשט נעסטערן בין איך צוריקגעקומען אין שטאָדט און גלייך וויא איך האב ערהאלטען דיא איינלאַדונג פון מארקיז בין איך גלייך אהער געקומען, — האט דער גראף געענטפערט.

— איך דאנק אייך מיין פריינד, — האט דער מארקיז געענטפערט — איהר זייט אויך א פריינד און בעקאנטער צום הערצאָג פון לוסעני און איהר דארפט זיך אויך פרעהען וואס ער איז ארויס א לעבעדיגער פון דועל.

— אבער איך פרעג נאך אמאָל, וואס האט דער גראף געטהאן אין דאָרף. איך מוז עס וויסען, וואָס האט איהם פעראורזאכט צו פריהרען אין א זומער־וואוי־נונג? — האט דער הערצאָג ניט אויפגעהערט צו שרייען.

— איך וועל עס אייך דערצעהלען, — האט דער גראף געענטפערט — איך האב

מיך בעשלאָסען זיך אפצוגעוואוינען פון דיעזער גרויסער שטאָדט איידער איך וועל זיא דארפען פערלאַסען.

— איך ווייס וואָס איהר מיינט,—האט דער הערצאָג געשריען—איך ווייס, אז איהר ווילט ווערען א מיטגליעד אין דער פראנצויזישער געזאנטשאפט וואָס זיצט אין געראָלשטיין. אבער גלויבט בעסער ניט אין דעם. איך זאג אייך פאָראויס, אז דאס וועט ניעמאלס געשעהן. מיין ווייב און אלע וואָס קענען אייך זאגען אויך דאס זעלבע.

— אייער ווייב און אלע מיינע פריינדע האבען א טעות.

— אָבער אין אייער געגענוואַרט האט מיין פרוי אייך געזאָגט, אז עס איז א דומהייט פון אייך, וואס איהר ווילט פערלאַסען פּאריז.

— איך האב אין מיין לעבען א סך דומהייטען געטהאן,—האט דער גראף געענטפערט.

— אז איהר האט זיך זעהר אָפט בענארישט, דאס ווייס איך,—האט דער הערצאָג געשריען—אייער ערשטע נאררישקייט איז, וואס איהר פערשווענדעט אזוי פיעל געלד אויף זאכען, וועלכע זיינען צו הויך און צו גרויס פון אייך און אם ענדע וועט איהר אומגעהן אָהן שיך. נור, אז איהר זאָלט זיך וועלען בעגראָבען לעבעדיגער-הייד אויף אַזאַ בית-עולם וויא געראָלשטיין, דאָס וואָלט איך ניט געגלויבט.

— שטיל!—האט דער מארקיז פאָן הארוויל געזאגט—איהר זאָלט ניט ריידען קיין שלעכטעס אויף געראָלשטיין, וועלכע ווערט בעהערשט פון מיין פריינד, דער גראָס-הערצאָג רודאָלף. ווען איהר וואָלט דיעזען גראָס-הערצאג געקענט, וואָלט איהר זיך קיינער ניט געוואונדערט, ווארום אונזער פריינד, גראף פאָן סאנט רעמי וויל אהין פאָהרען.

— איך גלויב, אז רודאָלף איז א בראַוער און א טהייערער מאַן, אָבוואהל פיעלע זאָגען, אז זיי פערשטעהן ניט וואָס מיט איהם טהוט זיך; אָבער איך גלויב ניט, אז דער ערשטער קאוואליער פון פאריז וויא אונזער סאנט רעמי, וועט קענען זיצען רוהיג אין רודאָלף'ס האָף.

וועהרענד דיעזען געשפרעך זיינען דיא איבריגע געסט אנגעקומען. אויך האט זיך געמאָלדען דער גרויסער דיאמאנטען הענדלער, וועלכען דער מארקיז האט געלאָזט רופען.

דער מארקיז האט דעם דיאמאנטען הענדלער געלאזט אריינפיהרען אין צימער, וואו אלע געסט ווארען פערזאמעלט.

— אָה, איך זעה, אז איהר ווילט איבערראשען אייער פרוי מיט א טהייערען

פרעזענט, — האט דער הערצאָג פאָן לוסעני געשריען — מיין פרוי האט מיך נעכטען אויך בדלות געשטעלט מיט א פרעזענט, וועלכען זיא האט נעכטען פון מיר אזוי זיעס אויסגעבעטען. זיא האט פון מיר פערלאנגט איך זאָל איהר באָרגען הונדערט טויזענד פראנק און איך האב זיך געלאָזט איינריידען נאכדעם וויא זיא האט מיר געגעבען איהר זאָמער־וואוינונג אין משכן. מיך אינטערעסירט זעהר פיעל צו קענען דעם מאן, וועלכען מיין ווייב טהוט אזוי פיעל טובות. נאך מעהר איך וואָלט וועלען קענען דעם בחור, וואס פערשווענדעט אזוי פיעל געלד מיט איין מאל. פיעללייכט קענט איהר איהם, גראף פאָן סאנט רעמי? איהר זייט דאך אויך א גרויסער פער־שווענדער. — דער הערצאָג האט נאטירליך ניט געוואוסט, אז ער טרעפט דאָ דעם יונגען גראף אין לעבער. ער האט אויך ניט בעמערקט וויא סאנט רעמי איז געוואָרען רויטה איבער דיא אויערן.

— מיין פריינד, — האט דער מארקיז געזאגט צום גראף — איהר האט א גוטען געשמאק אין ציערונג, העלפט מיר אויסקלייבען דיא שעהנסטע שטיינער פאר מיין פרוי

— אָה, דאס איז דאך בוידיאן! — האט דער הערצאָג פלוצלינג אויסגעשריען נאכדעם וויא ער האט דעם דיאמאנטען־הענדלער בעטראכט — דאס זייט איהר דער מאן וועלכער בעשווינדעלט מיין ווייב און מאכט מיך אזוי אָרים?

— ניין, מיין הערר, — האט דער געשעפטס מאן געענטפערט — איך האב אייער פרוי קיין מאל ניט בעשווינדעלט, דיעזען ווינטער האב איך פון איהר קיין זאך ניט געקויפט. זיא האט מיר נור געהייסען איך זאָל בעזעצען איהרע ציערונג מיט אנדערע שטיינער, און ערשט פאר א ווייל׳ע האב איך איהר אָפּגעבראכט דיא ארבייט.

כאנט רעמי האט געוואוסט, אז דיא הערצאָגין האט ארויסגענומען דיא גוטע שטיינער פון איהרע ציערונג און האט אריינגעשטעלט פאלשע. ער האט מורא גע־האט דאס דער הערצאָג זאָל עס ניט ערפאהרען, און דארום האט ער דעם גע־שעפטסמאן געזאגט, דאס דער הערצאָג זוכט נור צו טרייבען שפּאס און רייצען דעם צווייטען און דארום זאָל ער איהם קיין וואָרט ניט ענטפערן.

דער געשעפטסמאן האט געפאָלגט, ער האט מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט. ער האט אויסגעלעגט אלע שטיינער און דיא געסט האבען עס בעטראכט.

— דיעזע שטיינער האט געשלייפט איינער פון דיא פאריזער בעסטע קינסט־לער, — האט דער הענדלער געזאגט לויבענדיג זיין וואארע — מיר טהוט נור לייד, דאס דיעזער קינסטלער איז אראָפּ פון זינען און זיצט יעצט אין איררען־הויז. מען זאָגט דאָס ער איז משוגע געוואָרען פון הונגער.

— און וויא אזוי האט איהר אזא מאן געטרויט אייער פערמעגען? — האט סאנט רעמי געפרעגט.

— אָה, איך האב א הונדערט מאל פרובירט; ער האט אבער פרעמדעס ניט נעריהרט זאָגאר ווען זיין גאנצע פאמיליע איז אויסגעגאנגען פון הונגער.

וועהרענד דער מארקיז האט זיך געדונגען מיט'ן דיאמאנטען-הענדלער און האט איהם ענדליך בעצאָהלט זיין פרייז, האט דער גראף פאָן סאנט רעמי בעטאפּט און בעטראכט אלע שטיינער, וועלכע זיינען געלעגען אויפ'ן טיש. נאכדעם וויא דער סוחר האט צוגענומען דאס געלד, האט ער אויפגעקליעבען זיינע שטיינער, און האט זיי פערפּאקט גאָר ניט איבערציילענדיג, ווייל ער איז געווען זיכער, אז אזעלכע רייכע הערן וועלען ניט גנב'נען.

דער קויפמאן איז אוועק און דער מארקיז האט פאר זיינע פריינדע ערקלעהרט דעם פּלאן נאָך וועלכען ער וויל איבערבויען זיין פּאלאסט. ער האט זיי אויך דער־צעהלט פון דאס גרויסע הויז, וועלכע ער האט געקויפט דורך יעקב פערראנד. דער נאָמען פערראנד האט געמאכט שוידערען דעם גראף פאָן סאנט רעמי, ער האט אבער בעהאלטען זיין אויפרעגונג און דיא געסט האבען זיך בעגעבען צום טיש, וואו אלערליי שפּייזען און געטרענקע וואר פאר זיי געגרייט.

נאכדעם וויא דער מאהל־צייט איז פאָראיבער האט דער מארקיז געלאדען זיינע געסט אין רויך־צימער, וואו ער האט דיא בעסטע סיגארען. אלע געסט האבען אנגענומען דיא איינלאדונג. אין דיעזען צימער האבען זיך געפונען דיא געוועהר וועל־כע דער מארקיז האט ליעב געהאט צו זאמלען. אלע האבען זיך ארומגעשטעלט ארום דיא געוועהר און האבען נייגיעריג בעטראכט דיא טוידט־אינסטרומענטען.

מארקיז פאָן הארוויל האט ארויסגענומען א י י ן קונציגען רעוואָלווער און נעה־מענדיג איהם ביי'ן הענטעל האט ער גאנץ רוהיג געזאָגט:

— זעהט נור מיינע העררען! דיעזער קליינער אינסטרומענט איז גענוג שטארק צו רעטען אן אונגליקליכען פון אלע צרות! — ריידענדיג האט ער אָנגעשטעלט דעם רעוואָלווער געגען זיין מויל.

— איך וואָלט אבער קיין הילפע פון אזא שטיקעל שטאָל ניט פערלאנגט, — האט דער גראף פאָן סאנט רעמי געזאגט — איך וואָלט זיך נור דאן גענומען דאס לעבען, ווען איך וואָלט קיין אנדער ברירה שוין ניט געהאט. און דאָס וועט ניעמאלס געשעהן.

— אָה, איך דענק אנדערש. דיעזער קליינער אינסטרומענט גיט א קראך, א בליץ און דער מענש וועלכער ליידעט איז טוידט, און ליידעט שוין ניט מעהר! —

האט דער מארקיז נעענטפערט און האט דעם רעוואָלווער נאך טיעפער אריינגעלענט אין מויל.

— פאַרזיכטיג! פאַרזיכטיג — האט דער הערצאָג פון לוסעני נעשריען — אזא שפאס איז אימער געפעהרליך! פיעלע מענשען זיינען אוועק פון דער וועלט דורך אזא שפיעל — — —

אין דעם מאָמענט האט זיך דערהערט א טראך, דער רעוואָלווער האט אויס־געשאָסען און דער מארקיז איז געפאלען טוידט.

דיא געסט זיינען געפאלען פון שרעק. זיי האבען געציטערט, האבען געשריען, האבען פּרובירט מינטערן דעם מארקיז; אבער קיין זאך האט געהאָלפען. דער מאר־קיז פאן הארוויל איז פון זיין אייגענער האנד געשטאָרבען.

אבער דיא וועלט האט ניט געוואוסט דיא אורזאכע פון זיין טוידט. דען אויף מאָרגען האבען אלע פאריזער צייטונגען געמאָלדען:

„דער רייכער מארקיז פאן הארוויל, האט צו זיך געלאדען זיינע פריינדע און האט פאר זיי געמאכט א מאהל־צייט. ער האט זיי געוויעזען זיין זאמלונג פון פער־שיעדענע געוועהר. אונגליקליכער ווייזע האט ער זיך געשפיעלט מיט א געלאָדענעם רעוואָלווער און צופעליגער ווייזע האט דער טויט־אינסטרומענט אויסגעשאָסען און דער מארקיז איז געפאלען טוידט".

אזוי האט דער מארקיז פון דער וועלט בעהאלטען זיין זעלבסט־מאָרד און דיא אורזאכע פון זיין טוידט. ער האט ניט געוואָלט מען זאָל וויסען, אז ער איז געשטאָר־בען א זעלבסטמערדער און דארום האט ער איינגעלאָדען זיינע פריינדע און האט אין זייער געגענוואַרט געקויפט צירונג פאר זיין פרוי, האט זיך געוויעזען פרעהליך און גליקליך. אין אמת'ן אָבער האט ער אבזיכטליך געמאכט א סוף פון זיין לעבען, ווייל ער האט זיך איבערציינט, אז ער פערדיענט ניט דיא ליעבע פון זיין ווייב און ווייל דאס געוויסען האט איהם געפלאָגט, ווארום ער האט פעראונגליקט אזא צאר־טע, אזא גוטע, אזא אונשולדיגע פרויענצימער וויא זיין ווייב.

28טעם קאפיטעל.

סאַנט לאַזאַרום געפענגניס.

מארקיזין קלעמענס פאן הארוויל, האט ניט געוואוסט וואס אין איהר הויז האט פאסירט. זיא איז אוועקגעגאנגען צו דער הערצאָגין פון לוסעני צו ערפאהרען ווער איז דיא אלמנה און איהר טאכטער, וועלכע פעררעטער האט אזוי שענדליך בע־רויבט. אָבער דיא הערצאָגין האט אויך ניט געוואוסט און דיא איינציגע האפנונג צו געפינען דיא אונגליקליכע אום זיי צו העלפען וואר גאנץ אומזיסט.

פון דער הערצאָגין איז זיא אוועקגעגאנגען בעזוכען דאס געפענגניס סאנט לאזארוס, דארט וואו פאריז האלט געפאנגען דיא אויסגעלאסענע מיידלעך. איהר אבזיכט איז געווען אויפצוזוכען צווישען יענע מיידלעך איינע, וועלכע איז נאָך ניט אין גאנצען געזונקען אין שמוץ, איינע, וועלכע איז פון ארמוטה און עלענד ערטרונקען געוואָרען אין דעם אויסגעלאסענעם לעבען, איינע, וועלכע וועט ווערען אנשטענדיג און עהרליך ווען מען וועט זיך איבער איהר ערבארמען און מען וועט איהר שטיצען אין קאמפף אום דאס דא זיין.

דיא מארקיזין האט זיך פארגעשטעלט פאר דער עלטסטער דאמע איבער דיעזען אינסטיטוט און האט געבעטען מען זאָל איהר געבען אויסקינפטע איבער דיא אונגליקליכע, וועלכע זיצען אפגעשלאסען פון דער וועלט.

דיא עלטסטע דאמע, מאדאם ארמאנד, האט דער מארקיזין געשילדערט דיא ארדנונג פון דעם אינסטיטוט און דעם כאראקטער פון דיא מייסטען פרויען וואס זיצען אונטער איהר השגחה. אין פערלויף פון דעם געשפרעך האט זיא ערצעהלט, אז צוריק מיט א פאאר טעג האט דיא פּאָליציי געבראכט אין איהר געפעננניס א יונגע מיידעל פון 17 יאָהר, וועלכע שיינט צו האבען אן אדלע זעעלע און ערהא־בענעם געפיהל, און דאס נור דער ביטערער שיקזאל שיינט צו זיין שולדיג אין איהר אונעהרליכקייט. דאס אויסזעהן פון דיעזען מעדכען איז וויא א קינד פון רייכע און אריסטאָקראטישע עלטערן. דיא יוגענד און דיא אונשולד שטראהלען פון איהר גע־זיכט. דורך איהרע אויגען קען מען זעהן, וואס פאר א גוטעס הערץ זיא האט. דיעזעס מעדכען געהט געקליידעט וויא א דארפס פרוי. דיא פּאָליציי האט דיעזעס מעדכען ארעסטירט ווערענד זיא האט שפאצירט ביינאכט אין אן אנשטענדיגער גאס, וואו אזעלכע מיידלאך טאהרען ניט געהן זאָגאר ביי טאג. אין פּאָליציי סטאציאָן האט מען זיא ערקענט, דאס זיא איז צוריק מיט דריי מאָנאטען געזעסען אין א שענק אין דער „סיטע", וואו גנבים, רויבער און מערדער האלטען זיך אויף. דארום האט מען זיא געבראכט אין דיעזען געפעננניס.

— אלס איך האב זיא דערזעהן, — האט דיא עלטעסטע פון געפעננניס ער־צעהלט — האב איך זיך פערוואונדערט אויף דיא עהרליכקייט און דעם אונשולד וואס ליענט אין איהר געזיכט, איך האב זיא געטרייסט און האב איהר געבעטען זיא זאָל מיר ערצעהלען ווער זיא איז פון וואנען זיא קומט און וואס האט זיא געבראכט צו דער שטופע. איך האב איהר אויך פערשפּראָכען צו העלפען איהר אריינצוקומען אין אן אנשטענדיגער און עהרליכער געזעלשאפט, ווען זיא וועט מיר נור פערשפּרעכען

צו ווערען עהרליך. אָבער זיא האט מיך אנגעקוקט מיט איהרע שעהנע אויגען און האט צו מיר געזאָגט:

— איך דאנק אייך עדעלע פרוי פאַר אייער פריינדשאפט, אבער איך קען אייך ניט ענטדעקען מיין געהיימניס, ווייל איך האב געשוואָרען צו האלטען דאָס בסוד.

איך האב איהר געבעטען זיא זאָל מיר ערצעהלען פון וואנען זיא קומט, וויא אזוי זיא איז אוועק פון דער „סיטע" און אין וועלכען דארף זיא האט פערבראַכט דיא לעצטע דריי מאָנאטען. איך האב איהר אויך פערשפּראָכען דאס ווען זיא קען מיר בעווייזען דורך עדות, אז זיא וויל יעצט פיהרען אן עהרליכען לעבען, וועל איך זיא ארויסלאָזען פריי און וועל איהר פערזאָרגען מיט ארבייט. זיא האט אָבער נור געזיפצט און האט מיך געבעטען איך זאָל ניט זיין אזוי צודרינגליך, דען זיא האט געשוואָרען קיין וואָרט ניט צו זאָגען. איך זאָג אייך, מארקיזין, דאס איך בין געוואוינט צו זעהן אַלערליי פרויען אין דיעזען אינסטיטוט; איך האב אבער נאך ניט געזעהן אזא קינד וויא דיעזע. אין דיא פּאאר טעג וואס זיא איז דא האט זיא געוואונען דיא ליעבע און דעם רעספּעקט פון דיא פרויען אין גאנצען אנשטאלט. זיא זאגט זיי מוסר און זיא לערנט זיי צו זיין גוט און פרום. זאָגאר דיא ווילדעסטע צווישען זיי, דיא פרעכע און געזונקענע מיידעל מיט'ן נאָמען „וואָלף", וועלכע פערביטערט דאס לעבען פון אלע איבעריגע פרויען, זאָגאר דיא „וואָלף" רעספּעקטירט דיעזען ענגעל.

— און וויא רופט מען דיעזע מערקווירדיגע? — האט דיא מארקיזין געפרעגט.

— אין דער „סיטע" האט מען זיא גערופען נאַכטיגאַל, אויך מאריע־בלומע, ווייל זיא זינגט וויא א נאַכטיגאַל און איז שעהן וויא א בלומע און אונשולדיג וויא א הייליגע.

— איך הער פון אייך אזא זאך וועלכע איך וואלט זיך ניעמאלס פאָרגעשטעלט! — האט דיא מארקיזין געזאָגט.

— אָה, מיר האבען דאָ פערשיעדענע אינטערעסאַנטע כאראקטערע. דיא פרוי וועלכע פערוואלטעט דיא צווייטע אבטהיילונג פון דיעזען אנשטאלט האט מיר הייטע פריה ערצעהלט, אז אין איהר אבטהיילונג געפינט זיך יעצט א יונגעס קינד, וועלכע ווערט בעשולדיגט דאס זיא האט ערמאָרדעט איהר אייגען קינד און דיעזע בעשולדיגונג האט רואנירט איהר גאנצע פאמיליע. איהר פאָטער אן עהרליכער ארבייטער איז דאדורך אראָפּ פון זינען און זיין ווייב און קינדער געהן אויס פון הונגער.

— וויא רופט מען דיעזען ארבייטער און וויא איז דער נאָמען פון דער פערהאפטעטער?

- דעם ארבייטער רופט מען מאַרעל און זיין טאָכטער הייסט לואיזע. זיא האט געדיענט אין אן אנשטענדיגעס הויז, ביי יעקב פעררּאנד. לואיזע שווערט, אז איהר קינד איז געבאָרען געוואָרען א טוידטעס. דיא אונשולד פון איהר געזיכט בע־שטעטיגען איהר שבועה. אויב איהר אדעלע מארקיזין, אויב איהר זייט אומשטאנדע צו בעפרייען דיעזער אונגליקליכער לואיזע, וועט איהר אויך רעטען איהר פאָטער פון וואהנזין און איהרע שוועסטער און ברידער פון הונגער. איך וויים דאס א רייכע פרוי וויא דיא מארקיזין קען זעהר פיעל טהאן. איך בין זיכער, דאס מיט געלד קען לואיזע בעווייזען איהר אונשולד.

— איך וועל עס פּרובירען. פאַרלויפיג וואָלט איך ווינשען צו זעהן דער מער־קווירדיגער מיידעל, וועלכע מען רופט נאַכטיגאַל.

49טעס קאפּיטעל.

וואָלף און שעפּס.

— וואס ווינשט איהר מיט מיר צו שפּרעכען? — האט נאַכטיגאַל געפרעגט איהר קאמעראַדין וועלכע איז אריינגעקומען אין איהר צימער, אין ערשטען אבטהייל פון סאנט לאַזארוס.

— איך וויל זיך מיט אייך קריגען! — האט פריילײן וואָלף געענטפערט.

— קריעגען? און ווארום?

— וויל צייט איהר זייט אהער געקומען האט איהר מיך אונגליקליך געמאכט. איהר האָט ווייך געמאכט מיין שטיינערנעס הארץ און דאדורך איז אָפּגעשוואכט געוואָרען מיין גאנצע קראפט, און דער אויסדריק פון מיין געזיכט איז אין גאנצען פערענדערט געוואָרען. איך בין צוליעב אייך געוואָרען א שוועכלינג! ווען מאַרטיאַל מיין אָנקעל וואָלט דאס געוואוסט וואלט ער אריינגעהאקט זיין שווערד אין מיין ברוסט. איך מוז זיין א מוטהיגער וואָלף, מיין אָנקעל האט מיט זיין שווערד אויסגעקריצט אויף מייןארם אונזער פאמיליען צייכען. היער קענט איהר עס זעהן.

ביי דיעזע ווערטער האט זיא אָפּגעדעקט איהר רעכטען ארם, וואו עס וואר טאטואירט (אויסגעקריצט) מיט רויטען פארב דאס בילד פון א שווערד אין א מענש־ליכע ברוסט און אונטען וואר געשריעבען:

שוועכלינגע
דארפען שטארבען.
מארטיאל.

— האט איהר עס געזעהן? — האָט „וואָלף“ געפרעגט.

— איך האב עס געזעהן. אָה, וויא שרעקליך דאָס איז.

— זאָלט איהר וויסען, — האָט וואָלף גזעאָגט — דאס ועהרענד מיין אָנקעל האט מיך געזיעגעלט מיט דעם צייכען האב איך זיך געפיהלט קרעפטיג וויא א לייב און בלוטגיעריג וויא א טיגער. ווען מיין אָנקעל וואָלט געוואוסט, אז איך בין געוואָרען אזא גוטע, אזא שטילע וואָלט ער מיך ערמאָרדעט מיט זיין שווערד.

— מיט וואָס האב איך עס געענדערט אייער הערץ? — האט נאכטיגאל געפרעגט און פון איהרע אויגען האט געשיינט צופריעדענהייט.

— מיט אייער שעהנעם פנים, מיט אייער אונשולדיגען אויסזעהן, מיט אייערע שטילע זיפצען, מיט דיא זיסקייט פון אייער שפראך, מיט דעם כשוף וועלכען איהר בעזיצט. יאַ איהר זייט א כשוף מאכערין. איהר האט מיך געמאכט אנדערש וויא איך דארף זיין. איהר האט מיך בעצויבערט איך זאָל זיך ערבארמען אויף דיא איבעריגע מיידלעך וועלכע זיצען דאָ, און אנשטאט וואס איך האב אימער ליעב געהאט צו פערשאפען זיי שמערצען מיט זידלעריי, מוז איך יעצט צו זיי שפרעכען וויא צו מענשען און מוז פאר זיי אָפּטרעטען דעם וועג.

— טהוט אייך לייד ווארום איהר זייט געוואָרען בעסער וויא איהר זייט געוועזען?

— לייד? געוויס! דאס איז ביי מיר א שאנדע. דער שטאָלץ פון אונזער פאַמיליע איז טיראַניי. איך וויל זיין א וואָלף וויא מיין נאָמען, און איהר האט מיך דורך כשוף פערוואנדעלט אין א שעפּס. איך געה יעצט בעטען דער אויפזעהערין זיא זאָל מיך שיידען פון אייך. ווען זיא וועט מיין געבעט ניט ערפילען, וועל איך מאכען אזעלכע סקאנדאלען, דאס מען וועט מיך בעשטראפען און איינשפארען אין אונטערסטען קעלער. מיך קימערט ניט דער קעלער, אבי איך בין ווייט פון אייך און קען זיין דיא בייזע, דיא מוטהיגע וויא מיין משפחה דארף זיין.

נאכטיגאל האט באלד פערשטאנען, דאָס אבוואהל איהר קאמעראדין וויל זיין א פערדאָרבענע, א צולאָזענע, א שלעכטע, דאָך איז זיא נאך אין גאנצען ניט פערלאָרען און דאס מען קען זיא נאך ברענגען אופין גלייכען וועג. זיא האט גענומען איהר קאמעראדין פאר'ן האנד און מיט זעהר א פריינדליכעס געזיכט האט זיא צו איהר געזאָגט:

— פריינדין, איך וויל אז איהר זאָלט פערשטעהן, אז דאָס וואָס איהר זייט געוואָרען בעסער וויא פריהער איז ניט ווייל אייער הערץ איז געוואָרען שוואכער, נור ווייל איהר זייט יעצט שטארקער, מוטהיגער און ענטשלאָסענער. יעדערער וואס טהוט גוטעס מוז זיין א גבור.

— איך וויל פון אזא קראפט ניט וויסען. נאך היינטע אבענד געה איך בעטען

דיא אויפזועהערין זיא זאל אונז צושיידען אויף די עטליכע טעג וואס איך וועל דא דארפען זיצען.

— זא, נור עטליכע טעג וועט איהר דא זיצען און וואוהין געהט איהר פון דאנען? — האט נאכטיגאל געפרעגט אום אריינצוגעהן מיט איהר אין א געשפרעך.

— איך געה צו מיין אנקעל און צו מיין געליעבטען מארטיאל.

— און וואו געפינט ער זיך יעצט?

— ער זיצט אויף דער אינזעל אסניערע, ביי׳ן ברעג טייך. ער איז א פישער און ער האט אן עווינע מלחמה מיט דיא רעגירונגס בעאמטע, וועלכע לאזען קיינעם נים פישען אהן אן ערלויבניס פון דער רעגירונג. זיין פאטער איז געקעפט געווארען אין מיטן שטאדט. ער האט נאך א מוטער און צוויי ברידער מיט צוויי שוועסטער. איין ברודער איז א גוואלטיגער מערדער, הייטע, אדער מארגען וועט מען איהם חאפען און טויטען וויא זיין פאטער. זיין עלטערע שוועסטער וועט אויך שטארבען אונטער דער גילאטינא, ווייל זיא איז אויך א מערדערין.

— און ווער זיינען אייערע עלטערען?

— איך האב קיינע עלטערן ניט געהאט. מיך האט מען געפונען אין גאס. זייט איך בין געבארען געווארען האב איך זיך געוואלגערט צווישען שכורים, מערדער און בויאנעס, וועלכע האבען מיך אימער געלערענט צו זיין מוטהיג, צו זיין שלעכט. אין מארטיאלס הויז האב איך אויך אויסגעשטודירט וויא צו גנב׳נען, רויבען און מארדען! איך האב אין מיין לעבען געזעהן שוידערהאפטע סצענען, און איך וויל פיהרען אזא לעבען. איך וויל מען זאל פאר מיר שוידערען. איך וויל זיין וואס מען האט פון מיר אויסגעהאדעוועט.

נאכטיגאל איז געריהרט געווארען ביז טרעהרען פון איהר קאמעראדינס ווערטער. זיא האט בעשלאסען צו מאכען נאך א פראבע אויף איהר כאראקטער און דארום האט זיא געפרעגט:

— און איהר זייט גליקליך אין אזא לעבען?

— אה, ווען איך זאל נור ארויסגעהן פריי, וועל איך זיין דיא גליקליכסטע.

— און איהר וואלט גאר ניט וועלען בייטען אויף א בעסערען לעבען?

— וואס פאר א בעסערען לעבען קען איך האבען? רייך בין איך ניט, כבוד האב איך ניט? איך זאל גלאט אין דער וועלט אריין זיין א גוטע, א שטילע און אלע זאלען איבער מיר טראמפלען? ניין, איך וויל זיין שלעכט, איך וויל א לעבען פון א וואלף.

— הערט מיך נור אוים, האט איהר שוין אַ מאל פּרובירט פאַנטאַזירען פון אַ אנדער לעבען, פון אַ גליקליכען, עהרליכען לעבען?

— ניין. וואס נוצען מיר פּוסטע פאַנטאַזיען.

— וויא וואָלט אבער געווען, ווען אייך וואלט בעגעגענט אַ גוטער, וואָהלטהעטיגער מאַן און אין אַ זיעסער שפּראַכע וואלט ער צו אייך געזאָגט:

— איך וויים, מיין קינד, דאס איהר זייט געבאָרען געוואָרען אונטער שלעכטע מענשען וועלכע ליעבען זייער שמוציגען לעבען און איהר זייט געוואָרען איינע פון זיי. אבער איך וויל קורירען אייער פערדאָרבענהייט און איך וויל אייך פערזאָרגען אין עהרליכען לעבען. איך וועל אייער אָנקעל מארטיאַל געבען אַ שטעלע וואו ער וועט קענען פערדיענען אויפ'ן עהרליכען, אנשטענדיגען אופן. איך וועל פון איהם נור פערלאַנגען, ער זאל מיט אייך הייראַטהען און זאָל ווערען אַן אנשטענדיגער מענש. וועט ער עס וועלען טהאָן?—האט נאַכטיגאַל געפרעגט:

— איך רעכען אז ער וועט עס וועלען,—האט וואָלף געענטפערט—ער איז דאך אייגענטליך קיין פערברעכער; ער וויל נור פאנגען וואס דיא נאַטור גיט פריי און דיא רעגירונג וויל עס טעקסען.

— שטעלט זיך נור פאָר, אז דער גוטער מאַן וועט אייך שענקען אַ שעהנעס הויז אין זיין דאָרף און איהר וועט זיין דיא ווירטהין און אַלע וועלען אייך ליבען אלס עהרליכע, גוטע הויז-פרוי. אייער מאַן וועט אייך ליעבען און איהר וועט זיך שפּיעלען מיט אייערע קינדער אויפ'ן גראַז, ביז דער גוטער מארטיאַל וועט קומען פון זיין ארבייט און וועט אייך ברענגען שעהנע מתנות.

דיעזע זיעסע פאַנטאַזיע האט אין דער ווילדער מיידעל ערוועקט אַ גאַנץ נייעם געפיהל. זיא האט באַלד פערגעסען, דאָס נאַכטיגאַל רעדט עס נור מיט איהר פאַרשטעלונגס קראַפט, זיא האט געפיהלט פּונקט דאס זעלבע וואָס נאַכטיגאַל האט געפיהלט ווען רודאָלף האט פאַר איר פאָרגעשטעלט אַ פאַנטאַסטישעס בילד. פריילין וואָלף האט אַ ווײַלע געפיהלט אַן אנדער הערץ אין איהר קערפּער און זיא האט אויסגעהערט אַ לאַנגע שילדערונג פון אַ גליקליכען לעבען, וועלכען נאַכטיגאַל האט פאַר איהר געפאַרבען. נור פּלוצלינג האט זיא זיך אויפגעכאַפּט וויא פון שלאָף און האט אויסגעשריען:

— וואָס טהוט זיך דאס מיט מיר? דאָס אַלעס איז דאָך אַ חלום, איהר האט מיך ווידער משוגע געמאַכט מיט אייער כשוף. אַלעס וואָס איהר האט גערעדט איז ליגנען און כישוף. איהר האט מיך פערגיפטעט, ווייל פון יעצט אָן וועל איך אימער פאַר זיך זעהן נור אַ שעהנעם, אַ גליקליכען לעבען אין אַ דאָרף, וועהרענד אין

דער ווירקליכקייט וועל איך מוזען צוריק געהן צו מיינע קאַמעראַדען אין דער וועלט פון פערברעכער.

— ניין, מיין פריינדין, זייט ניט אזוי האָפנונגסלאָז. א מענש קען אימער ער־וואַרטען א הילפע פון א גוטען מענשען־ ווען איך וואלט ניט געוואוסט, אַז איך קען אייך העלפען וואלט איך אייך ניט פערפיהרט מיט אזא פאנטאזיע.

— וויא אזוי קענט איהר מיר העלפען?

— צוריק מיט דריי מאנאט,—האט נאַבטיגאל געענטפערט—בין איך געווען ארם און פערלאָרען אזוי וויא איהר. דאן איז צו מיר געקומען א געטליכער מאן און ער האט מיר געטרויסט, וויא איך טרויסט אייך יעצט. איך האָב פאר איהם דער־צעהלט דיא גאנצע געשיכטע פון מיין לעבען. איך האב פון איהם קיין זאך ניט בע־האלטען. דער גוטער מאן האט מיך אויסגעהערט און האט מיך ניט פערהאסט. פערקעהרט, ער האט מיר פאַרגעשטעלט א גליקליכען, א שטילען, א פרומען לעבען אויפ'ן לאנד. איך בין פערזונקען געוואָרען אין דער פאנטאזיע אזוי וויא איהר יעצט און איך האָב נאָכדעם געזאָגט דאסזעלבע וואָס איהר האט יעצט געזאָגט. אבער דער געטליכער מאן האט מיר געגעבען אַלעס וואָס ער האט פאַרגעשטעלט אין זיין פאנטאזיע און ער איז צו מיר וויא א פאטער צו זיין איינציגע קינד. איך בין געווען צווישען פערברעכער, פונקט וויא איהר, און ער האט מיך בעזעצט צווישען דיא עהרליכסטע מענשען אין דער וועלט. אַלעס וואָס איך האב צו אייך גערעדט, זיינען עס מיין ערלייזערס ווערטער און וואָס איך האב פאַר אייך פאַרגעשטעלט, זאָג איך עס אין זיין נאָמען. איך בין זיכער, דאס ווען דער גוטער מאן וועט הערען אייער געשיכטע און איהר וועט איהם פערשפרעכען צו ווערען אן אנדער מענש דאן וועט ער אייך שטיצען און העלפען.

— איך גלויב אליין ניט וואס מיינע אויערען הערען! —האט וואָלף געשריען—ווער זייט איהר און וואס טהוט איהר דאָ? איך האָב שוין געזאָגט, אז איהר זייט קיין געוועהנליכער מענש; אבער וויא אזוי קומט איהר צו זיצען אין סאנט לאזארוס? צו זייט איהר אהער געקומען צו בעקעהרען דיא פערברעכער? זייט איהר געקומען ווייך צו מאכען שטיינערנע הערצער?

וואלף האט נאָך ניט געענדיגט אויסדריקען אין ווערטער איהר גרויסען שטור־נען, און דיא אויפזעהרען פון דער אָבטהיילונג איז געקומען רופען נאַבטיגאַל אום פאַר־געשטעלט צו ווערען פאר דער מארקיזין דע הארוויל.

50טעס קאפיטעל.
נאכטיגאל'ס שבועה.

דיא אויפזעהערין האט פארגעשטעלט דער נאכטיגאל פאר דער מארקיזין און האט זייביידען געלאזט אליין אין צימער.

— מיין קינד, — האט קלעמענס צו איהר געזאגט — דיא אויפזעהערין האט מיר ערצעהלט פון אייער גוטעס הערץ; אייער געזיכט בעשטעטיגט איהרע רייד. איך פערלאנג פון אייך איהר זאלט מיר ענטדעקען אייער געהיימנים וועלכען איהר בעהאלט פון דיעזען אינסטיטוט. אבוואהל איך האב קיין רעכט דיעזעס פון אייך צו פערלאנגען; נור אזוי וויא איך וויל אייך בעפרייען און וויל אייך ערנעהרען אויף אן אנשטענדיגען אופן, דארום וויל איך וויסען מיט וועמען איך האב צו טהאן. איך וויל אויך וויסען, וואס איז אייער וואונש און שטרעבען.

נאכטיגאל האט זיך פערטראכט; אבער נאך א לאנגער איבערלעגונג האט זיא געענטפערט:

— גאט זאל אייך זעגנען פאר אייער גוטעס הערץ און פאר אייער מיטלייד מיט אזא אונגליקליכע בעשעפענים וויא איך בין. פאר אייך וועל איך עפענען מיין גאנצעס הערץ און איך וועל אייך ענטדעקען דיא געהיימנים וועלכע איך האב פערשפראכען צו בעהאלטען פון דיא ריכטער און פון אלע אויפזעהר. אבער איהר מוזט מיר פערשפרעכען צו בעהאלטען מיין סוד פון דיא וועלכע איך מוז עס בעהאלטען.

— גלויבט מיר, מיין קינד, דאס אייער געהיימנים ועט פערשלאסען ווערען אין מיין הערצען.

— נעהמט מיין דאנק אין פאראויס. מיין הערץ זאגט מיר, דאס איהר וועט טרויסטען דיא פריינדע וועלכע זארגען און וויינען נאך מיר.

— איך מוז גלייך מודה זיין, — האט קלעמענס געזאגט — דאס אייער געזיכט און אייער שפראכע איבערראשען מיך.

— אה איהר זייט איבערראשט און איהר קענט ניט פערשטעהן וויא אזוי איך בין אריינגעפאלען אין דיעזען הויז? נור ווען איהר וועט הערען מיין געהיימנים וועט איהר זיך דעריבער ניט וואונדערען. צו ערשט מוז איך אייך ערצעהלען, דאס ניט לאנג צוריק האט זיך איבער מיר ערבארעמט א גוטער, און עדעלער הערר און ער האט מיך ארויסגעשלעפט פון דעם זומפ — —

— ווער איז דאס יענער מאן?

— איך ווייס אויך ניט.

— וויא אזוי ווייסט איהר ניט ווער און וואס ער איז?

— קיינער קען איהם ניט נור דורך זיינע צדקות און וואָהלטהאַטען, דען זיינע פּריוואַט געשעפטען און זיין אמת'ן נאָמען האַלט ער בסוד.

— וואו האט ער אייך געפונען?

— אין דער „סיטע“, — האט נאכטינאַל געענטפערט מיט אַ צובראָכענעם גע־מוטה — איינער פון דיא דאָרטינע מענער האט מיך געוואַלט שלאָגען און דיעזער גוטער מענש האט מיך גערעטעט. דאַדורך האָב איך זיך מיט איהם בעקענט.

— איז ער פון דער אָרמער קלאַסע?

— צוערשט האָט ער זיך פערשטעלט וויא איינער פון דיא וואס בעזוכען דיא „סיטע“; אבער נאכדעם האָב איך ערפאַהרען, אז ער איז אַ גרויסער, ערהאַבענער מאַן, וועלכער בעלאַנגט צו דער העכסטער קלאַסע.

— און וואָרום האט ער זיך דאַמאַלס פערקלײדעט וויא אַן אָרימאַן?

— דאס ווייס איך ניט.

— און וויא איז זיין נאָמען?

— רודאָלף, קיין אנדער נאָמען ווייס איך ניט. אויך אין דעם דאָרף וואו ער האָט מיך געבראַכט ווייס מען קיין אנדער נאָמען.

— וויא אַלט איז ער?

— ער איז אַ מאַן אין מיטעלע יאהרען. שעהן און ליעבענסווירדיג וויא אַ מלאך.

ביי דיעזע ווערטער האט זיך געביטען דיא פאַרב אויף קלעמענס געזיכט. אַן אינערליכע שטימע האט איהר געזאָגט, דאָס דיעזער מאַן איז רודאָלף, דער גראָס־הערצאָג פון געראָלשטיין. זיא האט זאגאַר ניט געקענט פערשטעהן וואָרום ער זאָל זיך פערשטעלען און בעפריינדען מיט אַ מיידעל וואס וואָלגערט זיך אין דעם זומפּ פון דער „סיטע“, דאך האט זיא זיך ניט געקענט העלפען און האט אַלץ גערעכענט, אַז דאָס איז ער. שרה מעקגרעגאָר האט איהר איינינע מאל געזאָגט, אַז רודאָלף יאָגט זיך אַרום צווישען דיא אויסגעלאַסענע. זיא האט נאָך אַמאָל אַ קוק געטהאָן אויף דאָס געטליכע געזיכט פון דיעזער מיידעל און אין איהר האַרצען איז אַריינגע־פאַלען אַ פערדאַכט, דאָס רודאָלף ליעבט דיעזען געפאַלענעם מלאך. אָבוואָהל דיא מאַרקיזין האט אימער אונטערדריקט איהר ליעבע צו רודאָלף'ן, דאָך נעגען איהר ווילען איז זיא געוואָרען אייפערזיכטיג — — אין איין אויגענבליק האט זיא וויעדער אונטערדריקט דעם שטורם אין איהר הערצען און האָט געזאָגט:

— דאס מאַכט מיך נאָך מעהר צו שטוינען, וויא זאָ זייט איהר אַהער אַריינ־געפאַלען נאכדעם וויא רודאָלף האט אייך שוין בעשיצט? וואָרום האט איהר פער־

לאָסען דעם דאָרף, אין וועלכען ער האָט אייך אריינגעזעצט און האָט אייך געמאַכט גליקליך? ווארום האט איהר אויך געשוואָרען צו האלטען דיעזעס פאר א גע־היימניס?

— איך וואָלט יענעם דאָרף ניעמאלס פערלאַסען; אָבער מען האָט מיך פון דאָרט גע'גנב'עט! צוריק מיט איינינע טעג, ווען איך בין געגאנגען בעזוכען דעם נייסטליבען פון יענעם דאָרף זיינען מיך בעפאלען א שלעכטע פרוי, וועלכע האט מיך געפּלאָנט אין מיין יוגענד און איהר מאַן א מערדער און א פּיעלפאַכער פערברעכער; זיי האָבען מיך פערבונדען אין א זאַק און האָבען מיך אריינגעווארפען אין א וואָגען.

— און ווארום האבען זיי עס געטהאָן?

— איך ווייס אויך ניט. איך רעכען אז זיי האבען עס געטהאָן אויף'ן פער־לאַנג פון רייכע לייטע.

— און וואָס איז געשעהן נאך דעם וויא זיי האבען אייך געחאַפּט?

— קוים איז דער וואגען אַפּגעגאַנגען עטליכע שריט, אזוי האָט דיא שלעכטע פרוי, וועלכע הייסט לילית אויסגעשריען:

— יעצט וועל איך מאַכען אן ענדע צו נאכטיגאַלס שעהנעם פּנים! איך בע־נים זיא גלייך מיט דיא וויטריאָל וואס איך האָב אין מיין טאַשע. יעצט וועל איך זיא מאַכען פאַר א העסליכע, אבשייליכע בעשעפּנים!

— דאָס איז שרעקליך! אָה, זאָגט מיר שנעל ווער האט אייך גערעטעט פון אזא רציחה?

— דער מערדער, לילית'ס קאַמעראַד, מען רופט איהם דער לעהרער.

— דער מעדרער האָט אייך בעשיצט?

— יאָ, דיעזער מערדער האט מיך גערעטעט פון איהר וויטריאָל און ער האט מיך שפּעטער ווידער גערעטעט פון איהרע הענד. ווען לילית האט דערזעהן, אז דער לעהרער האט זיא אנגענומען פאַר ביידע הענד, איז זיא זעהר בייז געוואָרען און ביידע האבען זיך געזידעלט און געראַנגעלט ביז דאָס פלעשעל מיט'ן וויטריאָל איז ארויסגעפאלען און האָט זיך צובראָכען אויפ'ן וועג. יענע נאכט וואר זעהר פינסטער, און איך האב ניט געקענט זעהן וואו מיר פאָהרען. אין א פּאאר שטונדען ארום זיינען זיי מיט מיר געקומען צום סאַנט דעניש טהאָל. דארט האט אויף זיי געוואַרט א מאַן פון הויכען וואוקס, וועלכער האט געריטען אויף א הויכען און גע־ענדען פערד.

— האט איהר געפּאַקט דאָס מיידעל? — האט דער רייטער געפרעגט.

— יאָ, מיר האבען זיא געבראַכט אהער און אויב איהר ווילט זיא זאָל אייבי

שטומען, וועל איך זיא אוועקלייגען אויף דער ערד און וועל פאַהרען איבער איהר קאָפּ ביז דיא רעדער וועלען איהר צושמעטערען—דיא וואָס וועלען זיא געפינען וועלען דענקען, אַז זיא איז אַליין ארונטערגעפאַלען, — האט לילית איהם געענטפערט און איהר הערץ האָט געקאָכט ווארום זיא האָט ניט געקענט בעגיסען מיין געזיכט מיט וויטריאָל.

— אָה מיך שוידערט!—האט קלעמענס אויסגעשריען.

— לילית וואָלט דיזע מערדעריי בעגאַנגען, נור דער רייטער האט זיא אָפּגעהאַלטען און האט איהר ערקלעהרט אַז ער וויל ניט מען זאל מיך טויטען. ער וויל נור מען זאָל מיך איינשפּארען אויף צוויי חדשים אין אַזאַ אָרט פון וואַנען איך זאל ניט קענען שיקען אַ בריעף און זאָל ניט זעהן דיא ליכטיגע וועלט. לילית האט דאַן פאָרגעשלאָגען מען זאָל מיך אָפּפיהרען צו אַ געוויסען באַנדיט מיט'ן נאָמען קולאַק, וועלכער האט אַ שענק אויפ'ן וויסטען פעלד, וואו ער האָט פערבאָרגענע העהלען און פינסטערע חדרים. דעם רייטער איז געפעלען געוואָרען דיזע עצה. ער האט זיך צו מיר געווענדעט מיט פריינדליכע רייד און האט מיר פערשפּראָכען צו בעלאָהנען פאר דיא שמערצען וועלכע ער מוז מיר פערשאַפען נאָך צוויי חדשים. דאַן האט ער נעגעבען אַ גרויסע סומע געלד צו דער מכשפה און האָט זיך צוריק געזעצט רייטענדיג און איז פערשוואונדען.

איידער מען האט מיך געבראַכט אין פּאַריז, האָט דער לעהרער צו זיין פרוי געזאָגט:

— דוא מערדערין ווילסט דאָך אריינזעצען דאס מיידעל אין קולאַק'ס קעלער, ווייסט דוא דען ניט, אַז דיעזער קעלער איז נעבען דער זיינע און ער ווערט זעהר אָפט פול מיט וואַסער?

— דאָס ווייס איך און איך וויל, אַז דער זינג-פויגעל זאָל זיך לערנען שווימען! האט לילית געענטפערט.

— אָבער וואָס האט איהר אזוינס געטהאַן דיזער מערדערין וואס זיא איז אזוי דורסטיג נאָך אייער בלוט? האט דיא מאַרקיזין געפרעגט.

איך האב איהר קיין שלעכטעס געטהאַן נור זייט מיינע קינדערשע יאָהרען וויל זיא מיך פלאגען און טויטען. דיעזען מאל וואלט זיא מיך געטוידט, נור דער לעהרער האט איהר געענטפערט, אַז ער וועט ניט לאָזען מען זאָל מיך ערטרינקען און ער וועט אויך ניט ערלויבען מען זאָל מיך פיהרען צום מערדער קולאַק. איך האב זיך זעהר שטאַרק געוואונדערט אויף איהם, אויף דעם שרעקליכען מערדער, וויא קומט ער צו ווערען אזא בעל-רחמים; אבער לילית האט זיך נאָך מעהר געוואונדערט

און מיט ניפטינע ווערטער האט זיא געשוואָרען, אז זיא מוז מיך פיהרען וואוהין זיא וויל. אָבער דער לעהרער האט זיך צושריען:

— איך וועל דיר ניט לאָזען זיא בעריהרען מיט א פינגער. זיא ליענט היער אין זאק אונטער מיינע פלייצעס, אויב דוא וועסט זיא אנריהרען וועל איך דיך ער־ווערגען אויפ'ן אָרט!"

— אבער וואו זאָלען מיר זיא אהינטהאן, וואו זאָלען מיר זיא בעהאלטען גאנצע צוויי מאָנאטען? — האט לילית געפרעגט מיט כעס.

— איך וועל דיר געבען אן עצה, — האט דער לעהרער געענטפערט — מיר וועלען זיא אריינפיהרען אין דער אלעע און דער וואָגען וועט זיך אָפּשטעלען ניט וויט פון דער פּאָליציי. דוא וועסט געהן און וועסט אהער ברענגען דיין קאָמעראד קולאָק און ער וועט נעהמען דיא נאכטיגאל פאר'ן האנד און וועט זיא אריינפיהרען אין פּאָליציי סטאַציאָן און וועט מעלדען, אז דיעזע מיידעל איז א „פויגעל", וואס טאהר זיך ניט ארומטרייבען איבער יענער גאס. דוא ווייסט דאך, אז נאכטיגאל'ס נאָמען איז פערשריעבען ביי דער פּאָליציי, דארום וועט מען זיא איינשפּארען אויף דריי מאָנאטען אין סאנט לאזארוס.

— אָבער נאכטיגאל וועט ניט וועלען זיצען אין סאנט לאזארוס, — האט לילית נעזאָגט — אויך ווען זיא וועט דארט איינגעזעצט ווערען וועט זיא פאר אלעמען ער־צעהלען, אז מיר האבען זיא מיט גוואלד פערשלעפּט, זיא וועט אויך שרייבען בריעף צו איהר פריינד און מיר וועלען פערפאלגט ווערען צום טוידט.

— האב קיין מורא! — האט דער לעהרער געענטפערט — נאכטיגאל וועט מיט איהר אייגענעם ווילען געהן אין סאנט לאזארוס. זיא וועט אונז אויך שווערען ניט צו דערצעהלען א וואָרט פון אונזער טהאט. זיא וועט עס טהאן און אויך האלטען איהר שבועה צוליעב מיר, ווייל איך האב זיא הייטע נערעטעט פון דיין וויטריאָל און פון קולאָקס קעלער. אויב זיא וועט איהר שבועה ניט האלטען וועלען מיר אונטער־צינדען דיא גאנצע פארם פון וואַנען מיר האבען זיא ארויסגענומען און מיר וועלען ערמאָרדען יעדען וואָס בעלאנגט צו יענעם הויז.

ווערענד ער האט אזוי גערעדט האט ער זיך צו מיר געווענדעט און האט געזאָגט:

— נאכטיגאל, איך פערלאנג פון דיר, דוא זאָלסט מיר שווערען ניט צו דער־צעהלען אלעס וואס מיר האבען מיט דיר געטהאָן. ווען דוא וועסט האלטען דיין שבועה וועסט דוא בלויז זיצען דריי חדשים אין סאנט לאזארוס. ווען ניט וועל

איך דיך איבערגעבען אין לילית האנד און זיא וועט דיך ערטרינקען אין קולאק'ס קעלער. שווער מיר נור און איך וויים, אז דוא וועסט ניט ברעכען דיין שבועה.

— און דוא האָסט געשוואָרען? — האט דיא מארקיזין געפרעגט.

— איך האב געשוואָרען, ווייל איך האב מורא געהאט זיי זאלען מיך ניט ערווערגען אדער ערטרינקען. שטארבען וואָלט איך וועלען, איך האב אבער מורא פאר וואסער. שטארבען אין וואסער דאס האב איך מורא. איך וואלט צופריעדען געווען מיט א שנעלען נאטירליכען טוידט.

— דאס איז ווירקליך א שרעקליכע געשיכטע. דיעזע ערצעהלונג האט מיך געריהרט; נור ערצעהלט מיר דיא ענדע.

— דיא ענדע איז, דאס נאכדעם וויא איך האב געשוואָרען, האט לילית גע-בראכט דעם באנדיט קולאק, וועלכער האט מיך אריינגעפיהרט אין פאָליציי סטאציאָן און פון דאָרט האט מען מיך געבראכט אהער. איך האב געהאלטען מיין שבועה אויס דאנקבארקייט צום לעהרער, דען אָבוואהל רער לעהרער האט מיך ענטפיהרט פון מיין היים, דאך בין איך איהם דאנקבאר פאר מיין לעבען און איך וויל איהם ניט פעררראטהען. אייך, מיין ווערטהע דאמע, בעט איך, איהר זאָלט שרייבען א בריעף צו מיין בעשיצערין מאדאם נעאָרג אין מאָדעל פארם דאס איך לעב און בין געזונד. איהר זאָלט איהר אבער ניט שרייבען וואו איך בין, ווייל איך האב געשוואָרען ניט צו ענטדעקען וואו איך בין.

— פירכטעט ניט, מיין טהייערע פרייליין, איך וועל וועגען אייך ריידען מיטן ריכטער און מארגען וועט איהר ארויסגעהן פריי און איהר וועט גלייך קענען פאָהרען אין דעם פארם, אָהנע צו ברעכען אייער שבועה, וואס מען האט אייך געגווט דערצו.

— אָה, גנעדיגע דאמע! אייער בארימהערציגקייט איז מעהר וויא איך קען פערשטעהן. אָה, מיט וואָס האב איך עס פון אייך פערדיענט און מיט וואָס קען איך האפען אייך צו בעדאנקען?

— מיט אייער עהרליכקייט, אנשטענדיגקייט און פרומקייט, — האט דיא מארקיזין געענטפערט.

נאכטיגאל האט געוואָלט נאך עטוואס זאגען; אבער דיא טהיר האט זיך גע-עפענט און דיא עלטעסטע פרוי פון אינסטיטוט איז אריינגעקומען און האט געזאָגט:

— עס טהוט מיר זעהר לייד, צו מעלדען דער מארקיזין א שלעכטע נאכריכט. דער הערצאָג פאָן לוסעני ווארט אין קאָרידאר און ער וועט עס אייך זאָגען.

— וואָס איז געשעהן? — האט דיא מארקיזין געפרעגט.

— איך ווייס ניט, דער הערצאג האט מיר געזאגט, אז ער האט פאר אייך א טרויעריגע נאכריכט.

— וועה איז מיר! מיין הארץ זאגט מיר, אז אן אונגליק האט געטראָפען אין מיין הויז! — וואו איז דער הערצאָג? וואו איז ער?

— ער איז אין קאָרידאָר!

דיא מארקיזין קלעמענס פאָן הארוויל און דיא אויפזעהערין זיינען ארויס פון צימער.

51טעס קאפיטעל.

פיפעלעט און קאבריאָן.

יענעם טאג ווען דער מארקיז פאן הארוויל האט זיך ערשאָסען איז פיפעלעט, דער הויז-קיפער אין טעמפעל שטראסע געזעסען און האט געלאטעט אלטע שיך. זיינע געדאנקען ווארען וויא אימער נור וועגען דעם מאלער קאבריאָן. ער האט זיך קיין מאָל ניט געקענט ערקלעהרען וואס וויל דער מאלער פון איהם האבען. ער האָט ניט געוואָלט גלויבען, אז דער לוסטיגער קאבריאָן טרייבט מיט איהם שפאס. ער האט זיך איינגעבילדעט, אז קאבריאָן איז פעראייניגט מיט א באנדע מערדער, וועלכע ווילען איהם ערמאָרדען.

ווערענד פיפעלעט האט אזוי געטראכט האט ער פלוצלינג דערהערט א קול פון אונטערען טהיר:

— פיפעלעט, פיפעלעט! געה שנעל צו דיין וייב אויפ'ן צווייטען עטאזש; זיא איז געפאלען אין אונמאכט און קיינער העלפט איהר ניט.

פיפעלעט איז האסטיג ארויסגעלאָפען פון הויז און האָט פערגעסען צו פער־שליסען דיא טהיר. קוים איז ער אבער ארויס, אזוי האט זיך א מאן אריינגעהאפט אין הויז, איז ארויפגעשפרונגען אויפ'ן בעט און האט צוגעשלאָגען צום וואנד א גרויסע בילד און איז אנטלאָפען.

פיפעלעט האט נאך קיין צייט געהאט ארויפצוגעהן א פאאר טרעפ און ער האט שוין דערהערט זיין ווייב'ס שטימע פון קעלער. ער האָט זיך פערוואונדערט און איז אראָפגעלאָפען צוריק אין הויז און האט זיך בעהאלטען אין בעט, ווייל דאָס הערץ האָט איהם געזאָגט, אז קאבריאָן האט איהם אפגענארט. ער האט גערעכענט דאס קאבריאָן וויל איהם פערנארען אויפ'ן צווייטען עטאזש און ערמאָרדען. פון גרויס מורא האט ער געמאכט אזעלכע קולות, דאָס זיין ווייב איז אריינגעלאָפען און האט איהם גענומען פרעגען ווארום ער שרייט.

קוים האט פיפעלעט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטער'ן בעט-דעק און

האט א קוק געטהאן איבער זיין צימער האט ער ארויסגעלאָזען אזא גוואלד, דאָס זיין ווייב איז שיער געפאלען פון שרעק. פּיפּעלעט האט דערזעהן דעם שרעקליכען קאַב־ריאַן, מיט זיין גרויסען הוט, לאנגען באָרד און דיא פייערדיגע אויגען. איינינע מינו־טען האט פּיפּעלעט געמיינט, אז ער שלאָפט און ער זעהט עס אין חלום; אבער באלד האט ער זיך איבערציינט, אז ער איז וואך און קאבריאַן שטעהט ווירקליך פאר איהם. און וויא שרעקליך זעהט ער אויס! זיין קערפּער זעהט מען ניט, נור דעם קאָפּ און דעם געלעכטער אויף זיינע ליפּען. דער ערשראָקענער פּיפּעלעט האט וויע־דער בעהאלטען זיין קאָפּ אין קישען און האט אנגעפאנגען צו שרייען, וויא א געקוי־לעטער.

מאדאם פּיפּעלעט האט דאס בילד אויך דערזעהן. זיא האט זיך אנפאנגס אויך ערשראָקען. זיא האט אבער באלד דערקענט אז דאָס איז נור א בילד און מיט דעם מוטה פון א גרויסען העלד איז זיא ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן בעט און האט אראָפּגעריסען דאס בילד פון וואנד.

— זעה נור, מיין מאן! — האט זיא מיט פריידע געשריען — זעה נור, עס איז ניט קאבריאַן, נור זיין פערדאמטעס בילד. זעה נור וויא איך טרעט איהם מיט דיא פיס; אבער זעה וויא פרעך דיעזער מאלער איז, אונטער דעם בילד האט ער אונטער־שריעבען: „דיעזעס בילד איז צום עווינען אנדענקען פיר עווינער פריינדשאפט פון קאבריאַן צו זיין פריינד פּיפּעלעט".

— ניין, ניין! איך און קאבריאַן זיינען קיינע פריינדע! — האט פּיפּעלעט גע־שריען — אבער וויא קומט דאס בילד אין מיין הויז? ניט אנדערש, אז דוא האסט עס אויפגעהאנגען. דוא ביזט פערליעבט אין מיין גזלן! יעצט פערשטעה איך שוין וואָרום ער וויל מיך ערמאָרדען. אבער דאָס וועט אייך ניט געשווינגען ווערען. איך נעהם דאָס בילד און לויף צום ריכטער, איך וועל אייך ביידען פערפאלגען!

ביי דיעזע ווערטער האט פּיפּעלעט ארויסגעריסען דאָס בילד פון זיין ווייב'ס האנד, גלייך וויא דאָס וואלט געווען א טהייערער דאָקומענט.

וועהרענד פּיפּעלעט האט שוין געוואָלט לויפען צום ריכטער האט זיך געעפענט דיא טהיר און סעראפינא, יעקב פעררא'נדס הויזווירטהין איז אריינגעקומען.

— גוט מאָרגען, מאדאם! — האט מאדאם פּיפּעלעט זיא בעגריסט און האט געוואָלט בעהאלטען איהר ווילדע שרעק — וואס קען איך פאר אייך טהאָן.

— צו ערשט וויל איך איהר זאָלט מיר ערקלעהרען דיא בעדייטונג פון דעם שילד, וועלכען איהר האָט אויפגעהאנגען איבער אייער טהיר.

— איך שווער אייך, אז איך ווייס ניט וואָס פאַר א שילד איהר מיינט,— האט מאדאם פּיפּעלעט געענטפערט.

— וויא אזוי ווייסט איהר דאָס ניט? אויף אייער טהיר הענגט דאך א שווארצע שילד מיט רויטע ביכשטאבּען, אלע קענען דאָרט לעזען דיא ווערטער: „פּיפּעלעט און קאַבריאַן קויפען און פערקויפען ליעבע, פריינדשאפט און בריעדערשאפט. ווער עס פערלאנגט איינעם פון דיעזע ארטיקלען איז געבעטען אריינצוקומען אין הויז“.

— וועה איז מיר! — האט מאדאם פּיפּעלעט געשריען — אזעלכע זאכען שטעהן אויף מיין טהיר — האָסט דוא געהערט אלבערט?

פּיפּעלעט האט ניט געענטפערט. ער האט נור ארויסגעלאָזען א קרעכץ וויא פון דעם גרעסטען וועהטאָג און באלד האט ער זיך גענומען אראָפּלאָזען צו דער ערד וויא איינער וואָס פאלט אין אונמאכט. מאדאם פּיפּעלעט האָט איהם באלד גע־געבען זיין רפואה, דיא גלעזעל בראנפען און ער האט זיך געקרעפטיגט. קוים האָט ער נור געעפענט דיא אויגען און א רייכער מאַן אין זעהר שעהנע קליידער איז אריין אין הויז און האָט געזאָגט:

— מיינע הערשאַפטען, וועט איהר זיין אזוי פריינדליך מיר צו ערקלעהרען דיא בעדייטונג פון אייער שילד, וואו עס שטעהט געשריעבען, אז פּיפּעלעט און קאַבריאַן קויפען און פערקויפען ליעבע, פריינדשאפט און בריעדערשאפט?

— דיא בעדייטונג דערפון איז, — האט פּיפּעלעט אויסגעשריען — אז קאַבריאַן איז א מערדער, א באנדיט, א גנב, א גזלן און איך האב מיט איהם קיין פריינדשאפט און קיינע געשעפטען.

מאדאם פּיפּעלעט האט זיך אויף צושריען:

— ארויס, איהר ניעדערטרעכטיגער אונמענש! ארויס, ווארום איך צושפּאלט אייער קאָפּ מיט מיין בעזים!

— בין איך דען שולדיג וואָס איהר האָט ארויסגעהאנגען אזא שילד? — האט דער פרעמדער געפרעגט.

— און ווארום בעליידיגט איהר מיך? — האט פּיפּעלעט געפרעגט

— איהר זייט אן אלטער בעזאָפענער נארר! — האט דער פרעמדער געענט־פערט — אויב איהר וועט א צווייטען אזוי בעליידיגען פאר אייער שילד וויא איהר האט מיך בעליידיגט וועט איהר זיכער חאַפּען פּעטש און קולאַקעס.

דער פרעמדער מאַן איז מיט שנעלע טריט ארויס פון הויז. פּיפּעלעט האָט זיך גענומען רייסען דיא האאר פון קאָפּ און האָט גענומען שרייען:

— וועה, וועה, מיין לעבען איז מיר איבערדריסיג, מיין ענדע איז נאָהענט, איך

האָב מעהר קיין האָפנונג. מיין נאָמען ווערט צו שאַנדע און צו שפּאָט ביי אַלע פערביינעהענדע. יעדערער מיינט, אז איך בין אין אמת'ן קאַבריאָן'ס א פריינד און געליעבטער. אבער ניין, איך וועל שוין לענגער ניט ליידען, איך מוז מאַכען אן ענדע צו דער געשיכטע. איך אדער ער, איינער פון אונז מוז פערלאָרען געהן. איך נעהם דיעזען בילד און אויך דעם פערפלוכטען שילד און איך וועל פאַלען צום ריכטער'ס פיס, איך וועל צו איהם זאָגען: רעטעט מיך פון קאַבריאָן'ס הענד! ערבארעמט אייך אויף מיינע אַלטע יאָהרען און רעכענט זיך מיט איהם אָפּ פאַר מיר! אויב דער ריכטער וועט פאַר מיר זיך ניט אננעהמען, דאַן וועל איך אין גאַנצען פערלאַסען פּאַריז און פראַנקרייך און איך וועל געהן וואוהין דיא אויגען וועלען מיך טראָגען!

מיט דיעזע רייד איז פּיפּעלעט ארויסגעלאָפען פון הויז.

מאַדאַם פּיפּעלעט האט זיך צו־וויינט און האט פאַר סעראַפינען ערצעהלט דיא גאַנצע געשיכטע פון דעם טייפעל קאַבריאָן מיט איהר אונשולדיגען מאַן. סעראַפינא האט ערקלעהרט, אז קאַבריאָן איז אין איהרע אויגען אַן אונמענש. נאַכדעם וויא זייא האבען געענדיגט דעם געשפּרעך וועגען דעם מאַלער האט סעראַפינא זיך געווענדעט מיט דיעזער פראַגע:

— וואָס טהוט זיך דאָס מיט'ן דאָקטאָר בראַדאמאַנטי? געסטערען האָב איך איהם געשיקט א בריעף און ער האט מיר ניט געענטפערט, הייטע בין איך צו איהם געגאַנגען און האָב איהם ניט געפונען. איך האָב צו איהם הייטע זעהר א וויכטיגען געשעפט און וויים ניט וואו איך קען איהם געפינען?

— ער האט מיר געזאָגט, דאָס הייטע זעקס אדער זיעבען אוהר פאַרנאַכט וועט ער קומען אהיים און אויב אן אנשטענדיגע פרוי וועט אויף איהם נאַכפרעגען זאָל איך בעטען זיא זאָל אויף איהם ווארטען. קומט הייטע פאַרנאַכט און איהר וועט איהם דאָ געפינען.

וועהרענד מאַדאַם פּיפּעלעט האט דיעזען ליעגען געזאָגט האט זיא זיך קוים איינגעהאַלטען פון געלעכטער, דען זיא האט געוואוסט, אז אין א שטונדע ארום וועט בראַדאמאַנטי זיין אויפ'ן וועג נאָך נאָרמאַנדיע.

— אויב אזוי וועל איך דאָ זיין פאַרנאַכט; נור איידער איך געה אוועק וועל איך אייך עטוואָס בעטען: איהר ווייסט דאָך, אז לואיזע מאָרעל האט זיך זעהר שלעכט אויפגעפיהרט אין פערראַנד'ס הויז. איך וויל אייך בעטען טאָמער קענט איהר אַן עהליכע מיידעל וואָס זאָל וועלען דיענען ביי'ן נאָטאַריוס. איהר קענט איהר פערשפּרעכען אז איהר וועט זיין זעהר גוט אין אונזער הויז. לואיזע איז אַליין שולדיג אין איהר אונגליק. מיין העדר האט דערמיט גאָר ניט צו טהאָן. דאָס קענען

טויזענדע מענשען עדות זאָגען. אבער פערראַנד וועט יעצט ניט אריינגעהמען אין הויז קיין אַנדערע אויסער אַ יונגע יתומה, וועלכע האָט קיין ברודער, קיין שוועסטער און קיין בעקאַנטען אין דיעזער שטאָדט, אום זיא זאָל ניט האָבען קיין אויסרייד ווען זיא וועט וועלען ארומטרייבען זיך איבערן שטאָדט וויא לואיזע. ער וויל אַז דאָס מיידעל זאָל דעם גאַנצען טאָג זיצען אין הויז אום זיא זאָל ניט אריינפאַלען אין אונ־גליק. אויך ווען זיא וועט זיין אַ יתומה וועט מיין הערר עס האַלטען פאַר אַ מצוה צו שטיצען זיא מיט אַלע מעגליכקייטען. איהר דאַרפט זיך דעריבער גאָר ניט וואונ־דערען. לואיזע האָט אונז אַזוי פיעל שמערצען פערשאַפט, דאָס מיין הערר וועט גאָר קיין אַנדער מיידעל אין הויז ניט אריינלאָזען. יעצט מוז איך געהן. איך וועל דאָ זיין פאַרנאַכט און דאַן וועלען מיר נאָך ריידען.

וויא סעראַפינא איז ארויס פון הויז האָט דיא הויזקיפּערין איהר אויסגעשטעלט אַ צונג און האָט זיא אויסגעלאַכט. זיא האָט צו זיך אַליין געזאָגט: „מיר וועט איהר ניט איינריידען, איך וויים אַז לואיזע איז אַן עהרליכעס קינד. אָבער וואָס פאַר אַ געשעפטען האָט דיעזע סעראַפינא מיט'ן דאָקטאָר בראַדאַמאַנטי? ווארום אנטלויפט ער פון איהר און ער וויל זיא ניט זעהן איידער ער וועט צוריקומען פון נאָרמאַנדיע? איך האָב איהר דאָך נור געלייקענט, אַז ער וויל זיא זעהן, אין אמת'ן האָט ער מיר גאָר געזאָגט, דאָס איך זאָל דער צווייטער פרוי הייסען וואַרטען. איך בין זעהר נייגיעריג צו וויסען, ווער איז דיא פרוי, וועלכע איז דאַ געוועזען נעכטען און וועט דאָ הייטע אויך זיין. אָבער זעהט נור, ווער קומט עס, מאָנסיו רודאָלף? גוט מאָרגען מאָנסיו רודאָלף! גוט מאָרגען!

רודאָלף האָט נאָך ניט געוואוסט וואָס מיט זיין פריינד מאַרקיז דע האַרוויל האָט געטראָפען. ער איז אריינגעקומען אין הויז זעהר לוסטיג און האָט געפרעגט צו דיפּעלטאָן איז צו הויז.

— זיא איז אימער צוהויז און זיא אַרבייט פלייסיג, — האָט מאַדאַם פּיפּעלעט געענטפערט.

— און וואָס מאַכט רחל מאָרעל'ס פרוי?

— זיא ווערט בעסער. זיא קורירט זיך דורך דיא גוטע לופט און דער רייכער בעט. דער שוואַרצער דאָקטאָר האָט איהר געגעבען אביסעל מעדיצין. זיא הערט אָבער ניט אויף צו קלאָגען נאָך איהר מאַן און איהר טאָכטער. ווייסט איהר, אַז ערשט איז פון דאַנען ארויס סעראַפינא, פערראַנדס מאַטרעסע און זיא האָט אויס־געריעדט וואָס אין קאָרט שטעהט אויף דער אַרמער לואיזע. זיא האָט מיר אויך גע־זאָגט, אַז איהר הערר זוכט יעצט אַ מיידעל וואָס זאָל ניט האָבען קיין פריינד און

קיי בעקאנטען, זיא זאָל זיין אן ארמע יתומה, אום זיא זאָל ניט האבען קיין אויס־רייד ארומצולויפען איבער דיא גאסען, ער וויל דורכאויס, אז דאָס מיידעל זאָל אימער זיצען אין זיין הויז, אבער איך וייס אז דאָס איז א ליעגען. ער זוכט א יתומה, אום ער זאָל קענען טהאָן מיט איהר וואָס זיין הערץ געלוסט און קיינער זאָל זיך פאַר איהר ניט קומען אננעהמען.

רודאָלף האט זיך א וויילע פערטראַכט, דאַן האט ער זיך געוועגדעט צו דער הויזקיפּערין און האט איהר געפרעגט אויב זיא וויל איהם טהאָן א געפאלען.

— פאַר אייך, מיין הערר וועל איך געהן אין פייער און אין וואסער!

— הערט מיך אלזאָ אויס: דאָ ניט לאַנג איז געקומען א יתומה פון דייטש־לאַנד, זיא איז מיינע א פערוואַנדטע, זיא זוכט א שטעלע אין א רייכע הויז. אויב איהר קענט איהר אריינבערענגען אין פעררּאַנד׳ס הויז וועל איך אייך דיא טובה אייביג ניט פערגעסען.

— וואס רעדט איהר, מיין הערר? — האט דיא הויזקיפערין געפרעגט — ווילט איהר נעהמען אייער פערוואַנדטע, בינדען הענד און פיס און אוועקלייגען פאַר אזא באַנדיט וויא יעקב פעררּאַנד?

— אין פעררּאַנד׳ס הויז וועט זיא האָבען וואָס צו עסען. אויב ער וועט זיא שלעכט בעהאַנדלען וועט זיא פון איהם קענען אוועקגעהן, אָבער איך מוז זיא יעצט אראָפּנעהמען פון מיין האלז, דען איך קען זיא ניט שטיצען זאָגאר א יי ן טאָג.

— אויב דאָס איז אייך א טובה, וועל איך עס פאַר אייך טהאָן. איך האָף, אז איך וועל עס קענען אויספיהרען. פעררּאַנד איז אפילו א שלעכטער און א בעטריגער דאָך איז ער א פרומער מאַן וואָס דאַווענט דריי מאָל אין טאָג און טהוט אלעס וואָס גאָט האט געבאָטען. אין זיין הויז קען יעדע פרוי זיין אנשטענדיג. מיר איז נור א וואונדער וויא אזוי לואיזע איז אראָפּ פון גוטען וועג. דיא גאַנצע געשיכטע איז פאַר מיר א רעטענעש.

— איך מוז אייך אלעס פערטרויען ווענען דיעזעס מעדכען, — האט רודאָלף געזאָגט — זייענדיג אין דייטשלאַנד אין מיין אָנקעלס הויז איז זיא איי ן מאָל אראָפּ פון גלייכען וועג. מיין אָנקעלס זאָהן האט זיא פערפיהרט. ווען מיין אָנקעל האט עס ערפאַהרען האָט ער זיא ארויסגעיאָגט פון זיין הויז. אבער זיין זאָהן איז דאַן פון איהם אנטלאָפען און ער איז מיט איהר געקומען נאָך פאַריז. ווען ער האָט פער־לעבט גאָר דאָס געלד וואס ער האט געהאט האט ער זיך ארומגעזעהן, אז ער האט זיך בענאַרעשט. ער איז צו מיר געקומען, איך האב איהם געהאָלפען ער זאָל קענען פאַהרען צוריק צו זיינע עלטערן און האָב איהם פערשפּראָכען צו זאָרגען פאַר זיין

געליעבטער. מיר איז אבער זעהר שווער צו געפינען פאר איהר א שטעלע אין א רייכער הויז, ווייל איך בין דא פרעמד און זיא איז אויך א פרעמדע. איהר קענט מיר אבער העלפען. איהר דארפט זאגען אז דיעזע מיידעל, איהר נאמען איז סיצילע, איז אייערע א שוועסטער פון דייטשלאנד און איהר ווילט זיא אריינגעבען אין פערראנד'ס הויז. איך קען זיא זעהר גוט. זיא איז זעהר אן עהרליכעס קינד. זיא איז נור פערפיהרט געווארען פון א צולאזענעם בחור, איך בין זיכער, אז ווען זיא וועט אריינקומען אין אזא עהרליכע הויז וויא פעררראנד'ס וועט זיא ווערען נאך אנשטענדיגער. ווען איהר וועט פאר איהר גוט־זאגען וועט מען אייך גלויבען. מיין רעקאמענדאציע קען איהר דא ניט העלפען, ווייל איך אליין בין א פרעמדער אין דיעזער שטאדט.

— גוט, איך וועל טהאן וויא איהר פערלאנגט, — האט מאדאם פיפעלעט געענטפערט.

— איך וועל אייך דערפאר געבען הונדערט פראנק.

— חלילה, איך וועל ביי אייך קיין געלד ניט נעהמען!

— ווארום דען ניט? ווען דאס מיידעל וועט זיין אין מיין הויז נאך עטליכע וואכען, דאן ווען זיא מיר קאסטען צוויי מאל אזוי פיעל

— אויב אזוי וועל איך דאס געלד נעהמען און וועל זיא שוין אריינברענגען אין פערראנד'ס הויז. אבער זעהט, אט קומט אן עקיפאזש, דאס איז געוויס דיא דאמע, וועלכע האט געבעטען בעזוכט דעם דאקטאר בראדאמאנטי. געסטערען האב איך זיא ניט געקענט גוט אנקוקען, נור יעצט האב איך שוין א גוטען פלאן. קוקט זיך נור צו און איהר וועט לאכען.

דיא הויזקיפערין איז באלד ארויסגעלאפען אין קארידאר און פערשטעלענדיג דעם וועג פאר דער פרוי האט זיא געפרעגט:

— צו וועמען דארפט איהר?

— צום דאקטאר בראדאמאנטי! — האט דיא פרוי מיט כעס געענטפערט.

— ער איז ניט צו הויז, — האט דיא הויזקיפערין געענטפערט און האט זיך גוט איינגעקוקט אין דער פרוי'ס געזיכט.

— עס איז ניט ווער; ער האט אבער מיר בעפוילען איך זאל קומען צו איהם אין דיעזער צייט.

— אבער איך זאג אייך, אז ער איז יעצט ניטא צו הויז, ער איז שוין זייט דריי שעה אוועק און ער האט מיר אנגעזאגט דאס איך זאל קיינעם ניט אריינלאזען אויסער איין איינציגע פרוי.

— איך בין דאס דיא פרוי!

— איהר מוזט מיר זאגען אייער נאמען, דאן וועל איך וויסען אויב איהר זייט דיא דאמע וועלכע בראדאמאנטי האט געזאגט. ווען איהר זאגט מיר נור אייער נאמען, וועל איך אייך ניט לאזען געהן פאר קיין געלד אין דער וועלט.

— האט ער אייך דען געזאגט מיין נאמען?

— יא, מיין טהייערע דאמע.

— אונפערשעהמטער בראדאמאנטי — האט דיא פרוי געטראכט און ה. מיט א שטילען קול, וועלכען מען האט קוים געקענט הערען האט זיא געזאגט:

— מיין נאמען איז ראלאנד, איך בין דיא פרוי פון אורביגני

— וויא רודאלף האט דערהערט דיעזען נאמען איז ער געווארען א פערציטערטער; דען ראלאנד איז דער נאמען פון קלעמענס מארקיזין פאן הארוויל'ס שטיפמוטער און אורביני איז דער נאמען פון קלעמענס פאטער. רודאלף האט זיך צו איהר גוט צוגעקוקט און ער האט אין איהר דערקענט דאס בילד וועלכע דיא מארקיזין האט איהם פארגעשטעלט.

— ראלאנד אורביגני! — האט מאדאם פיפעלעט אויסגעשריען — דאס איז ריכטיג, יעצט קענט איהר געהן צו בראדאמאנטי'ס וואוינונג.

ראלאד איז ארויף דיא טרעפ און מאדאם פיפעלעט האט זיך צולאכט פון איהר אייגענעם וויץ.

— איז דיעזע פרוי דא שוין געוועזן? — האט רודאלף איהר געפרעגט.

— נעכסטערען פארנאכט איז זיא ארויס פון זיין הויז; באלד נאך איהר איז ער געגאנגען בעשטעלען א פערד צו פאהרען נאך נארמאנדיע. סעראפינא וועט זעהר ניט צופריעדען זיין מיט זיין רייזע. ווען זיא וועט אהער קומען וועט ער שוין זיין ווייט, ווייט אויף זיין וועג און דאן וועל איך מיט איהר ריידען וועגען מיין שוועסטער סיצילע אויס דייטשלאנד.

— דאס געפעהלט מיר זעהר, — האט רודאלף געזאגט — איך געה יעצט זעהן פריילין דיפעלטאן, ארפנעהענדיג וועל איך אייך ווייטער בעזוכען.

— מיין מאן וויל אייך טאקע זעהן! — האט דיא הויזקיפערין נאכגעשריען דעם גראסהערצאג פון גערלשטיין, וועלכער איז אוועק זעהן דאס ארמע ארבייטער מיידכען.

52טעס קאפיטעל.

דזשערמאַנ'ס בריעף.

איידער רודאָלף איז אריין אין פרייליין דיפעלטאַנ'ס צימער איז דיפעלטאַן גע־זעסען און געוויינט. פאר איהר איז געלעגען א בריעף פערשריעבען פוןביידע זייטען. דער בריעף וואר אזוי געשריעבען:

„פון געפענגניס, צווישען רויבער און באנדיטען שרייב איך צו דיר מיין אונ־שולדיגע טייבעלע. איך בין פערשלאָסען אין געפענגניס וויא א גנב און דיא ריכטער גלויבען, אז איך בין ווירקליך א גנב. איך בין אבער נאָך ניט פערצווייפעלט. מיין האָפנונג איז נאך שטארק, זאָלאנג דוא, מיין נשמה גלויבסט ניט אין דיזען בילבול. איך בעשווער דיך, דוא זאָלסט מיך ניט פערמשפט'ן ביז דוא וועסט מיין בריעף אין גאנצען דורכלעזען. ווען דוא וועסט מיך נאָכדעם פעאכטען און פערהאסען דאן בין איך פערלאָרען. יעצט הער וואס מיט מיר האָט פאסירט:

„לואיזע מאָרעל האט מיר ערצעהלט, אז איהר פאטער און איהר גאנצע פאַ־מיליע געהן אויס פון הונגער און פון קעלט. זייער לאַגע איז פאר מיר אזוי שרעק־ליך פארגעשטעלט געוואָרען, דאס איך האב בעשלאָסען זיי צו העלפען. דיעזער בעשלוס האט מיך רוענירט; אבער דאָך טהוט עס מיר ניט לייד און איך האב קיין חרטה.

„געסטערן בין איך געזעסען זעהר שפעט אין קאנטאָר און האב געארבייט זעהר פלייסיג. איך האב בעמערקט, דאָס מיין ווירטה וואר געסטערן זעהר בייז, זעהר צוטראָגען און זעהר טרויעריג. ער האָט מיר בעפוילען איך זאל ניט אוועקגעהן ביז איך וועל ענדיגען מיין ארבייט און נאכדעם זאל איך פערשליסען דיא ביכער אין זיין אייזערנעם קאסטען (סייף). ער האט מיר אפגעגעבען דעם שליסעל און איז אוועק. איך האב אפגעטהאן מיין ארבייט און האב געוואלט פערשליסען דיא ביכער, דאן האב איך ניט ווילענדיג בעמערקט א בריעף וואו עס שטעהט, אז מאָרגען פריה וועט מאָרעל פערהאַפטעט ווערען, פאר 1300 פראנק, וועלכע ער איז מיין הערךן שולדיג.

„איך בין פערציטערט געוואָרען. איך וויים וויא ארם דיעזער מאָרעל איז און ווען ער זאָל דארפען זיצען אין געפענגניס, דאן וועט זיין גאנצע פאמיליע שטאַרבען פון הונגער. פלוצלינג האב איך דערזעהן אין זעלבען קאסטען א פעקעל מיט צוויי טויזענד פראנק, און איידער איך האב צייט געהאט צו בערעכענען וואס שפעטער קען זיין, האב איך גענומען 1800 פראנק און האב דאָס באלד אוועקגעטראָגען צו מאָרעל'ס טאָכטער און האב איהר געהייסען לויפען גאנץ פריה צו איהר פאטער. איך האָב

איהר אויך אנגעזאָגט, זיא זאל קיין איינציגען מענשען ניט דערצעהלען, אז איך האב איהר געגעבען דאס געלד.

„דוא קענסט זיך דאך וואונדערען, וויא זאָ איך האב געוואגט צו נעהמען פרעמדעס געלד, דארום מוז איך דיר דערצעהלען, אז מיט א גרויסע מיהע האב איך שוין זייט לאנג אנגעזאמעלט 1500 פראנק און דארום האב איך גערעכענט, אז איך וועל נעהמען 1300 פראנק פון פעררּאנד'ס קאסע און מארגען פריה וועל איך צוריק אוועקלייגען דאס געלד. איך האב גוט געוואוסט, אז אין מיטען נאכט וועל איך ניט קענען געפינען דעם מאַן וועמען איך האב מיין געלד פערטרויט און אונטערדעסען וועט דאך מאָרעל דערוויל ארעסטירט ווערען, דארום האב איך גענומען פעררּאנד'ס געלד אויף א ווייליע, ביז איך וועל עס מאָרגען צוריקגעבען.

„ארויסגעהענדיג פון קאנטאָר האב איך זיך בערעכענט, אז איך האב געטהאן א פערברעכען געגען זיך. איך האב געוואוסט צו וואס פעררּאנד איז פעהיג און איך האב זיך געשראָקען טאמער וועט ער ערפאהרען נאך איידער איך וועל דאס געלד צוריקברענגען און ער וועט מיר מאכען פאר א גנב. אבוואהל עס וואר שפעט אין דער נאכט בין איך דאך גלייך געלאָפען צום קויפמאן אין הויז צו בעטען מיין געלד. אבער ביי איהם אין הויז האט מען מיר געזאָגט, אז ער איז אוועקגעפאהרען אין זיין זאָמער־וואוינונג, וועלכען ער האט געקויפט ווייט פון פאריז. איך האב דיא גאנצע נאכט ניט געשלאָפען. גאנץ פריה בין איך אוועקגעלאָפען צום זאָמער־פלאץ. צו מיין גרויסען אונגליק האב איך דאָרט ערפאהרען אז דער סוחר איז צוריק אוועק נאך פאריז. איך בין געלאָפען ווידער אין שטאדט, האב אויפגעזוכט דעם געשעפטס־מאַן, האב ביי איהם גענומען דאָס געלד און בין געלאָפען אין קא:טאָר; אבער, צו שפעט! יעקב פעררּאנד האט שוין ערפאהרען, וואס עס איז געשעהן און ער האט אויף מיר געמאכט א בילבול דאס אויסער דיא 1300 פראנק, האב איך גענומען נאך 1500 פראנק. איך האב מודה געווען דיא ווארהייט, אבער אומזיסט וואר אלע מיינע שבועות, ער האט בעפוילען און מען האט מיך פערהאפטעט וויא א גנב.

„דוא מיין נשמה דארפסט מיר גלויבען! דוא דארפסט וויסען, אז וואָס איך זאָג איז אמת און אז מיין מחשבה איז געווען צו גוטעס; נור ליידער, איך האב ניט אויסגערעכענט פון אָנפאנג וואָס עס וועט זיך אויסלאָזען אם ענדע!

„יעצט בעט איך דיך, מיין טהייערע דיפּעלטאַן, טהו מיר איין איינציגע טובה. נעהם מיין שליסעל, וועלכען איך שיק דיר צוזאמען מיט מיין בריעף און דעם צעטעלע וועלכען איך שיק צום הויזקיפּער פון מיין וואוינונג אין נומער 11 סאַנט דעניש. דער הויזקיפּער וועט דיר לאָזען אריינגעהן אין מיין צימער און טהאן מיט מיין ווירטשאפט

וואס דוא ווילסט. שליס אויף מיין קאסטען, און נעהם ארויס אלע בריעף. נעהם אויך דאס ביסעל געלד און האלט עס פאר זיך. מיין גאנצע ווירטהשאפט זאלסט דוא פערקויפען, דען ווען איך וועל ארויס פריי, וועל איך זיך אויך שעמען צו קומען אין פאריז. איך וועל אוועק אין דער ווייטער וועלט צו זוכען מיין גליק.

„פערצייע מיר ווארום איך בעמיהע דיך, דען ווענען האב איך אין דער גאנ־צער וועלט אויסער דיך? צווישען מיינע בריעף וועסט דוא געפינען פיעלע וועלכע זיינע געשריבען פאר דיר, דארט וועסט דוא אויך געפינען מיין לעבענס-געשיכטע. דוא וועסט אין מיין בעשרייבונג לעזען זעהר וויכטיגע זאכען און זעהר אינטערע־סאנטע זאכען.

„נאך איין טובה וויל איך פון דיר בעטען. עמפפאנג מיינע בריעף, וועלכע איך וועל דיר שיקען פון געפענגניס. איך בין איינער אליין, קיין פריינד קומט מיר זעהן, קיין מענשליכע זעעלע אינטערעסירט זיך מיט מיר — — פיעללייכט וועסט דוא אמאל מיך קומען זעהן —

„איך קען מעהר ניט שרייבען. מען פיהרט מיך יעצט צום אונטערזוכונגס ריכטער. לעבע וואהל, טהייערע דיפעלטאן, פערגעס ניט דיין אונגליקליכען, פער־לארענעם און פערשטארבענעם פריינד

פראנציס דזשערמאן."

רודאלף איז אריינגעקומען אין צימער גראדע דאן, ווען דיפעלטאן האט געענ־דיגט צו לעזען דיעזען בריעף.

— גוט מארגען, פריינד! — האט ער צו איהר זעהר לוסטיג געזאגט — שטער איך אייך?

— ניין, מיין הערר.

— איהר וויינט? וואס בעדייטעט דאס? — האט רודאלף געפרעגט גלייך וויא ער האט בעמערקט איהרע טרעהרען.

— לעזט דיעזען בריעף! — האט דיפעלטאן געענטפערט און האט איהם געגע־בען דזשערמאנ'ס בריעף.

רודאלף האט דעם בריעף דורכגעלעזען און זיין געזיכט האט בעקומען א נייעם קאליר.

— מיין הערר, — האט דיפעלטאן אנגעפאנגען — איהר האט מיר געזאגט, אז איהר זייט א פריינד צו דיעזען אונגליקליכען. איך בעט אייך ערבארימט אייך אויף אייער פריינד און מיין געליבטען און העלפט איהם אין נויטה. איז דען פערראנד ווירקליך געבארען געווארען, אום צו פערניכטען אלע עהליכע מענשען? געסטערען

האט ער צוויי אפּפער פערצוקט. פריהער האט ער פערהאפּטעט דער עהרליכער לואיזע מאַרעל און נאכדעם דעם בראַווען פראַנציס דזשערמאַן. אַה, איך וועל עס אויף פראַנציס נימאלס גלויבען. ער איז עהרליך, ער איז אונשולדיג. פערראַנד האט אויסגעטראַכט א ליגען אום צו נעהמען ראַכע.

— אבער וואס דענקט איהר צו טהאָן? — האט רודאָלף געפרעגט.

— וואס קען איך ארמע מיידעל טהאָן? וואס ער פערלאַנגט פון מיר אין זיין בריעף וועל איך ערפילען און נאכדעם וועל איך געהן בעזוכען לואיזע מאַרעל אין איהר געפענגניס, וויל איהר מוטער האָט מיך געבעטען איך זאל זיא בעזוכען. אבּ־וואהל איך וויס ניט אויב מען וועט מיך אריינלאָזען.

— זעהט איהר, איך האב עס שוין בעזאָרגט, נאָך איידער איך האב עס פון אייך געהערט. היער איז אן ערלויבניס צו בעזוכען דער ארמער לואיזע מאַרעל.

— איך דאנק אייך זעהר, אָה, ווען איהר זייט נור איםשטאַנדע מיר צו פער־שאפּען ערלויבניס צו זעהן דעם אונגליקליכען דזשערמאַן —

— איך וועל זעהן צו בעקומען אזא ערלויבניס. איך האב גערעכענט, אז איהר וועט זיך שעמען צו בעזוכען א מאַן אין געפענגניס.

— ווארום זאָל איך זיך שעהמען צו בעזוכען מיין גוטען נאכבאַר, וועלכער האט זיך אימער בעמיהט מיר צו פערשאפען פערגעניגען דיא גאַנצע צייט וואס ער האט דא געוואוינט? דער ניעדערטרעכטיגער לומפּ פערראַנד האט איהם גאַנץ אומזיסט בעשולדיגט. איך וויס וואס פאַר אן עהרליכער מאַן דזשערמאַן איז. ער איז נעביך אן עלענדער און דארום וועט ער פערפאַלגט. איך זאָג, אז עס איז אייער פפליכט איהם צו העלפען אין אזא נויטה. איהר זייט דאָך אן עהרליכער מאַן און איהר ווילט העלפען דיא עהרליכע.

— איך מוז אייך יעצט פערטרויען א געהיימניס: א געוויסער רייכער מאַן, וואס האט א גרויסען איינפלוס און אן אונגעוועהנליכען קראַפט, ארבייטעט אין גע־היים צו בעפרייען דזשערמאַנען פון פערדינאַנד'ס אינטריגע. איך מוז אייך זאגען, דאס ווען אייער געוועזענער שכן איז ביי אייך טהייער, טאָהרט איהר קיינעם דערי־בער ניט ערצעהלען, דען ווען פערראַנד וועט ערפאהרען וועט ער מאַכען אלערליי מיטלען צו פערצאמען יעדען וועג פון הילפע. יעצט זיצט ער רוהיג, ער פערלאָזט זיך אויף דעם וואס דזשערמאַן איז אן עלענדער, ארמער מאַן און קיינער וועט געגען איהם ניט אויפטרעטען; אבער פּלוצלינג וועט בעוויזען ווערען דאס דער בעשולדי־גער איז אונשולדיג און פערראַנד דער צדיק איז דער גרעסטער לומפּ אין דער וועלט. אויך פיר לואיזע מאַרעל ווערט געזאָרגט און אין איינינע טעג ארום וועט זיא ארויס

פריי. איך האב אייך דארום געבראכט דיעזע קארטע אום איהר זאָלט עס איהר בענאַכריכטען. איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל, אז קיינער טאָר דערפון ניט וויסען. ווען אלעס וועט זיין פערטיג וועט איהר שוין וויסען ווער און וויא אזוי עס ווערט געארבייט. איהר זאָלט איהר אויך זאָגען, אז זיא זאָל פאר'ן ריכטער ניט ערצעהלען וואָס פאר א חיה דער פערראנד איז, דען דיעזעס קען איהר אויך שאדען. איך וועל צו איהר שיקען אן אדוואָקאט. פאר איהם מעג זיא ערצעהלען איהר גאנצע געשיכטע, אום ער זאָל וויסען וואָס ער האט צו טהאָן.

— אָה, איך בין גליקליך אזא פפליכט אויף זיך צו נעהמען. איך וועל עס אויספיהרען פינקטליך וויא איהר הייסט, — האט דיפעלטאָן מיט פריידע אויסגע-שריען.

— אויב איהר ווילט קענען מירביידע געהן צו דזשערמאַן'ס וואוינונג, — האט רודאָלף איהר אנגעבאָטען.

— מיט'ן גאנצען הערצען, מיין העררר!

קוים איז רודאָלף מיט דיפעלטאָן אראָפּ פון דיא טרעפּ אזוי האבען זיי זיך בעגעגענט מיט דעם ארמען פּיפּעלעט, וועלכער איז געקומען צוריק פון ריכטער און האט געבראכט זיינע צוויי בעוויזע — קאבריאָנ'ס בילד און דעם שילד.

פּיפּעלעט וואר בלאַס און אויפגערעגט. זיין ווייב איז איהם געלאָפען אנטקע-גען און האט נייגעריג איהם געפרעגט וואָס האט דער ריכטער איהם געענטפערט.

פּיפּעלעט האט אפגעזיפצט און האט געזאָגט:

— שנעל, מיין ווייב, נעהם צוזאמען אלעס וואָס מיר האבען אין הויז און מיר אנטלויפען פון פאריז, פון גאנץ פראנקרייך. קאבריאָן יאָגט אונז נאך אויף שריט און טריט. זאָגאר אין געריכט-הויז קענען מיר זיך פון איהם ניט רעטען. וועה, מיין ווייב, דער ריכטער האט מיך אויסגעלאכט, גלייך וויא איך וואָלט געווען א משוגענער. איך האב פאר איהם אויסגעערעדט מיין גאנצעס הערץ, איך האב איהם ערצעהלט אלעס וואָס קאבריאָן האט מיר געטהאָן, איך האב אויך געוויזען דאס בילד און דעם שילד; אבער ער האט זיך צולאכט און האט מיר אויך געהייסען לאכען. איך האב זיך פאר איהם צו-וויינט מיט טרעהרען, איך האב איהם געשוואָרען אז איך וועל שטארבען און איך האב איהם געבעטען רחמים, ער זאָל דעם ניעדערטרעכטיגען מאַ-לער אויפהענגען. ער האט עס ניט געוואָלט. איך האב פערלאנגט ער זאָל איהם אם וועניגסטען פערשיקען אויף לעבענס לאנג — ער האט אויך דאס ניט געוואָלט! איך האב ענדליך פערלאנגט ער זאָל לכל-הפחות איהם ארויסשיקען פון פאריז — דאס האט ער אויך ניט געוואָלט. איך האב זיך געוואָלט אויס'טענה'ן; אבער דיע-

זען פערגעניגען האט מען מיר אויך עטזאָגט — מען האט מיך נאָר ארויסגעוואָרפען! איך זאָג, אז איך בין א פערלאָרענער. אין גאנץ פאריז געפינט מען קיין עהרליכע ריכטער! איך וויל אנטלויפען פון דיעזער פערפלוכטער שטאדט מיט איהר קאבריאָן.

רודאָלף און דיפעלטאָן האָבען קוים איינגעהאלטען זייער געלעכטער און זיינען אוועק.

53טעם קאפּיטעל.

דזשערמאָן'ס וואוינונג.

פראנציס דזשערמאַן האט געוואוינט אין סאנט דעניש, אין דעם זעלבען הויז וואו מאטיא דיא אנגעטין פון דעם דיאמאנטען געשעפט האט געוואוינט. רודאָלף און דיפעלטאָן זיינען אריין אין דזשערמאָן'ס וואוינונג און באלד האבען זיי געעפענט א קאסטען וואו זיי האבען געפונען א פאק בריעף, וועלכער איז געווען גוט פערבונדען און פערקלעפּט מיט אזא אויפשריפט: „ווען איך וועל שטארבען, זאל דער מאן, וועל-כער וועט עפענען דיעזען קאסטען זיין אזוי גוט און אפּגעבען דיא בריעף צו פריילין דיפעלטאָן, וועלכע וואוינט אין נומער 17 טעמפּעל שטראסע.״

דיפעלטאָן האט באלד אויפגעבונדען דעם פאק און האט דארט געפונען א בריעף, אדרעסירט צו איהר. דעם בריעף האט זיא גלייך גענומען לעזען. היער איז דער אינהאלט פון בריעף:

„דיפעלטאָן!

„וועהרענד דוא לעזט דיעזען בריעף בין איך שוין ניט מעהר אונטער דיא לע-בעדיגע. א מערדער האט זיך פערשוואָרען צו רויבען מיין לעבען. ער היט מיך וויא טאָג אזוי נאכט. הייטע אדער מאָרגען וועל איך פון איהם ערמאָרדעט ווערען; נור פון דיעזען בריעף וועסט דוא וויסען ווער דער מערדער איז — — —״

— אָה, מיין הערר! — האט דיפעלטאָן אויסגעשריען — יעצט וויים איך ווארום ער איז אימער געווען אזוי מוטהלאָז, אזוי טרויעריג! א מערדער האט איהם אימער פערפאָלגט.

— גלויבט מיר, — האט זיך רודאָלף אפּגערופען — גלויבט מיר, אז ער וועט מעהר ניט מורא האבען פאר דיעזען מערדער. נאך א קורצע צייט און ער וועט אלע זיינע צרות פערגעסען.

— וועה, וויא איז דאס מעגליך! ער זיצט פארשפּארט אלס גנב און בעטרי-גער. ווער וועט איהם בעפרייען פון געפענגניס און דערצו נאך גליקליך מאכען אין לעבען? — האט דיפעלטאָן געקלאָגט.

— איך פערזיכער אייך נאָך אמאָל, אז דזערמאן וועט באלד ווערען פריי און ער וועט געפינען אויך פריינדע און ליעבענדע. צו ערשט וועט ער האבען דאָס גליק צו זעהן אייך, זיין געליבטע, נאכדעם וועט ער זעהן זיין מוטער, וועלכע ער האט ניט געזעהן פון קינד-ווייז אָן —

— וואָס, פראנציס האט נאך א מוטער?

— יא. זיין מוטער רעכענט איהם פאר א געשטאָרבענעם; אבער זיא האט איהם נאך ניט פערגעסען. איהר אבער זאָגט עס איהם ניט, דען דאָס איז א גע-היימניס. איך האב עס אייך דערצעהלט נור אום אייך צוטרויסטען.

— אָה, איהר שיינט צו זיין א מלאך וואָס ברענגט נור נחמות און האפענונ-גען! — האט דיפעלטאָן געזאָגט און האט ווייטער אנגעפאנגען צו לעזען:

„פון מיין בריעף, וועט איהר פערשטעהן, טהייערע דיפעלטאָן, אז מיין גאנצעס לעבען איז געווען אן אונגליקליכער. איך האָב אימער געזעהן דעם טויט פאר מיינע אויגען. וואו איך בין געשטאנען, וואו איך בין געגאנגען האט מיר נאכגעפאָלגט א מערדער. נור דיא לעצטע צייט איז דאס לעבען מיר געוואָרען אנגענעהם און איך בין פלוצלינג געוואָרען גליקליך. דען וואס איהר האט גערופען פריינדשאפט איז ביי מיר געווארען „ליעבע“, אן עוויגע פייערדיגע ליעבע. איך האָב נור אימער גע-טראכט: איך וועל דאך זאָ וויא זאָ באלד ערמאָרדעט ווערען פון א גזלן און וואָצו זאל איך אייך ענטדעקען מיין ליעבע? יעצט, ווען איך בין שוין מעהר ניט אונטער דיא לעבעדיגע, יעצט ווען דער מערדער האט אויסגעפיהרט זיין בייזען ווילען, יעצט וויל איך איהר זאָלט וויסען, אז מיין פריינדשאפט איז געווען א ריינע, א היילינע ליעבע. איך וויל אייך יעצט נור בעטען איין טובה: איך האב געזעהן וויא איהר ארבייט טאָג און נאכט אום זיך צו ערנעהרען, צייטענווייז האט איהר מורא טאמער ווערט איהר קראנק און איהר וועט ניט זיין אימשטאנדע צואַרבייטען און דאן וועט איהר ניט האבען זאגאר וואָס צו עסען. איהר זייט אן עלענדע יתומה, אָהן פריינד און אָהן געלד און דארום האב איך אָפגעשפּאָרט 1500 פראנק און האב עס פאר אייך בעהאלטען ביי דעם קויפמאן.... ווען איהר וועט איהם ווייזען דיעזען בריעף וועט ער אייך געבען דאָס געלד. איך בעט אייך, נעהמט פון מיר דיעזע מתנה, עס איז א מתנה פון אן אמת'ן פריינד, א מתנה פון א מאן וואס האט אייך געליעבט און געשעצט און איז געשטאָר-בען מיט אייער נאָמען אויף זיינע ליפען.“

— אָה מאָנסיו רודאָלף! — האט דיפעלטאָן מיט א געוויין געזאָגט — זעהט נור וויא גוט און וויא עדעל זיין הערץ איז. ער האט זיך ענטזאגט פון אלע תענוגים און

האט אפגעשפארט 1500 פראנק פאר מיר! אָהּ, אזא מאן האט ניט זיין גלייכען אין דער וועלט! און אזא מאן ווערט עס בעשולדיגט פון א באנדיט!

— יא, ער איז אן עהרליכער, אדעלער מאן, — האט רודאָלף געענטפערט — אבער איהר דארפט ניט וויינען. ער לעבט דאָך נאָך און ער וועט נאָך לעבען און געניסען פיעל פערגניגען. אויך אויב איהר וועט איהם ענטפערען מיט ליעבע פאר — —

רודאלף האט נאָך ניט געענדיגט, ווייל שטארקע קלעפּ האבען זיך געהערט אויפ'ן טהיר.

רודאָלף האט געהייסען אריינקומען, און א גראָבער, א פערוווילדעטער מאן פון דיא לייטע, וועלכע רודאָלף האט געזעהן אין דער סיטע האט זיך געוויזען אויפ'ן שוועל.

— ווּעמען דארפט איהר? — האט רודאָלף געפרעגט.

— איך האב א בריעף צו מאטיא דער דיאמאנטען הענדלערין, — האט דער גראָביאן געענטפערט.

רודאָלף האט זיך פערגעסען, אז ער האט אמאל געהערט דיעזען נאמען. ער איז געוואָרען נייגיעריג צו זעהן ווער איז דאס מאטיא, וואָס האט געשעפטען מיט אזעלכע באנדיטען, דארום האט ער געעפענט דיא טהיר און האָט דעם באנדיט גע־וואָלט וויזען דעם וועג צום צווייטען טהיר. מאטיא איז גראדע דאן ארויס פון הויז און דער בויאן האָט איהר אָפּגעגעבען דעם בריעף.

מאטיא האט דורכגעלעזען וואס דאָרט איז געשריבען און האָט געענטפערט.

— געהט און זאָגט דער פרוי וואָס האָט געשיקט דיעזען בריעף, אז איך וועל קומען און וועל איהר ברענגען וואָס זיא פערלאנגט.

רודאָלף האָט זיך נאך אמאל איינגעקוקט אין מאטיא'ס געזיכט און איז צוריק אריין אין דזשערמאן'ס צימער און האָט געהאלפען דער פרייליין צו פערפּאַקען דיא זאכען. ווען אלע זאכען ווארען פערפאקט האבען זיי גענומען א דראָזשקע און זיינען אוועק צוריק אין טעמפעל שטראסע.

אין נומער 17 טעמפעל שטראסע האט מאָרפי רודאָלף'ן אפגעוואַרטעט און האט איהם געמאלדען, אז דער מארקיז פאן הארוויל האט זיך צוגעלי: געשפיעלט מיט א געלאדעם ביקס און איז אונגליקליכערווייזע ערשאָסען געוואָרען. דיא נייעס האט אין גאנצען צערשטערט רודאָלף'ס פרעהליכען געמיטה. באלד האט ער זיך געזעגענט מיט פרייליין דיפּעלטאָן, ער האט איהר פערשפּראָכען צו קומען נאָך אמאל צו איהר ניט שפּעטער וויא מאָרגען, און איז אפּגעפאָהרען.

וויא רודאָלף איז געקומען אהיים האט ער באלד אפגעשיקט פאָלגענדען בריעף צו דער מארקיזין קלעמענס פון הארוויל.

„מארקיזין!

„ערשט עבען האב איך געהערט פון דעם אונגליק וואס האט געטראפפען אין אייער הויז. איך האב קיין קראפט אייך צו שילדערען מיינע מיטגעפיהלען. אבוואהל איך פיהל וויא טיעף איהר זייט געריהרט פון דעם אונגליק און וויא שטארק איהר בעוויינט אייער מאן, ראָך מוז איך אייך בעקאנט מאכען מיט איין וויכטיגע זאך. עס איז זעהר דרינגענד און איהר מוזט עס גלייך הערען. הייטע האב איך ערפאהרען, אז אייער שטיפמוטער איז זייט איינינע טעג אין פאריז און הייטע אבענד פאָהרט זיא צוזאמען מיטן שארלאטאן פאָלידאָרי נאך נאָרמאנדיע. איך שטעל זיך פאָר, דאָס דיעזע רייזע איז אייער פאטערס אונגליק; דארום איז מיין ראטה איהר זאָלט שנעל וויא מעגליך אוועקפאהרען צו אייער פאָטער אום צו פערהיטען איהם פון אייער שטיפמוטערס פלאן. אלע וואָס ווייסען פון אייער אונגליק וועלען זיך דארויף ניט וואונדערען. מען וועט זאָגען אז איהר זייט אוועק פון פאריז וואו אייער שיקזאל איז געוואָהרען אזוי טרויעריג און דארום זייט איהר אוועק צו לעבען איינזאם אין אייער פאטערס הויז. איהר זאלט פאר קיין זאך ניט פירכטען. איך שטעה ביי אייער זייט און אייער שטיפמוטערס פלאן וועט ניט אויסגעפיהרט ווערען. לעבט וואָהל מארקיזין. פאָלגט וואס איך ראטה אייך צו טהאָן און ווען איהר דארפט מיין הילפע בין איך פערטיג צו טהאָן פאר אייך אלעס וואס מיינע קרעפטען ערלויבען.

אייער רודאָלף.“

קלעמענס האט ערהאלטען דעם בריעף און האט באלד געפאָלגט רודאָלף'ס עצה. קלעמענס איז געוועזען זעהר צומישט און צוטראָגען, און פון איהר גרויסער פערלעגענהייט האט זיא גאנצען פערגעסען מיטצוטהיילען איהר פריינד רודאָלף פון דער נאכטיגאל, וועלכער זיא האט בענענענד אין מאנט לאזארוס געפענגניס. רודאָלף האט אלזא נאך אלעס פון דער גאנצער געשיכטע ניט געוואוסט און ער האט אויך ניט געטרוימט אז נאכטיגאל איז ניט מעהר אין זיין מאָדעל פארם.

אין דעם זעלבען אבענד איז קלעמענס מיט איהר טאָכטער אוועקגעפאָהרען נאך נאָרמאנדיע. הינטער דעם וואָגען וואס האט געפיהרט דער מארקיזין צו איהר פאטער איז נאָכגעפאהרען א קארעטע מיט צוויי פערד, וועלכע איז ארויס פון זעלבען האף וואו רודאָלף האט געוואוינט.

דער לעזער דארף ניט פערגעסען, דאָס מיט א טאָג צוריק האט לילית בעזוכט פערראנדס הויז און האט געזאָגט צו פערראנד'ס מאטרעסע, אז זיא וויים וואו נאכ־

טינאל געפינט זיך. דער לעזער דארף אויך געדענקען דאָס פערראנד האט בעשלאָסען צו געפינען דאס מיידעל, וועלכע מען האט איהם אמאָל אנפערטרויט און אפּצוראמען דיעזער מיידעל פון דער וועלט אום צו פערהיטען זיך פון גרויסע צרות. צוליעב דיעזען צוועק האט ער געשיקט זיין הויז־ווירטהין סעראפינא צו זעהן דעם דאָקטאָר בראדאָמאנטי. אבער בראדאָמאנטי האט אין דער זעלבער צייט אונטערהאנדעלט מיט קלעמענס'ס שטיפמוטער, דארום האָט ער בעשלאָסען אויסצו־ווייכען דעם קארגען נאָטאריוס און בעסער פאהרען נאָך נאָרמאנדיע, וואו ראָלאנד וועט איהם זעהר גרויס בעלוינען.

אין דיעזען טאָג ווען סעראפינע איז געווען ביי מאדאם פּיפּעלעט אין הויז האט לילית נאָך אמאל בעזוכט דעם נאטאריוס און אום צו בעווייזען איהם, אז דאָס מיידעל איז ווירקליך לעבעדיג האט זיא דערצעהלט, אז זיא געפינט זיך יעצט אין סאנט לאזאריוס, איהר נאָמען איז נאבטיגאל און אויב פערראנד וועט ניט געבען צעהן טויזענד פראנק, וועט זיא איהם זעהר ביטער פערפאָלגען.

פערראנד האט זאָגאר זעהר מורא געהאט פאר ליליתן. דאָס הארץ האט איהם געזאָגט, אז קיין גוטעס קען ער ניט ערווארטען; אבער זיין הערץ האט איהם ניט דערלאָזען צו געבען אזוי פיעל געלד. ער האט אָפּגעלייקענט אלעס וואָס לילית האט איהם ערצעהלט און אין הערצען האט ער בעשלאָסען צו ערמארדען דאס אונשולדיגעס קינד, וועלכעס געפינט זיך אין סאנט לאזאריום געפענגנים.

דיא נאכריכט, אז בראדאָמאנטי האט פערלאָזען פּאריז האט איהם זעהר לייד געטהאָן, ער האט זיך אבער ערַאינערט אויף דיא מארטיאלס, דיא זעע־רויבער, וועלכע בראדאָמאנטי האט איהם רעקאָמענדירט. פערראנד האָט בעשלאָסען דאָס נאטיגאל מוז ערמאָרדעט ווערען. ער האָט עס אויך ערקלעהרט דער זינדיגער סעראפינא. וועלכע האט מסכים געווען צו זיין פּלאַן.

אין דער זעלבער צייט וואָס בראדאָמאנטי איז אוועק נאך נארמאנדיע צו בעגעהן א מאָרד איבער אן אלטען מאן איז סעראפינא אָפּגעפאהרען צום אינזעל אסניערעס צו דינגען א מערדער פאר א יונגעס מעדכען.

54טעס קאפּיטעל.

דיא זעע־רויבער.

ווען דיא זאָנע איז אונטערגעגאנגען און נאכט האט זיך פערשפּרייט איבער פּאריז און אומגעגענד איז סעראפינא אנגעקומען אויפ'ן אינזעל אסניערעס און האט אויפגעזוכט דיא רויבער־פאמיליע, וועלכע ווארען בעקאנט מיט'ן נאמען מארטיאַל.

דער פאטער פון דיעזער פאמיליע איז הינגעריכטעט געווארען אונטער דער

נילאָטינא. ער האט נאך זיך איבערגעלאָזען א פרוי מיט פיער זיהן און צוויי טעכטער. דיא מוטער פון דיעזע קינדער האט געהייסען צירע. איהר עלטסטער זוהן איז פער־שיקט געווארען צו ארבייטען אייביג מיט קייטען אויף דיא פיס. דער צווייטער זוהן מיט'ן נאמען מארטיאל וואר 25 יאהר אלט און האט געליעבט דאס ווילדע מעדכען „וואלף", וועלכע נאכטיגאל האט געפונען אין סאנט לאזארוס געפענגניס. דער דריטער זוהן האט געהייסען דיעב, ער וואר 20 יאהר אלט און איז געווען א באנדיט וויא זיין פאטער. דער פיערטער זוהן האט געהייסען ראטוב, ער וואר א 12־יאהריגער אינגעל. דיא צוויי טעכטער האבען געהייסען מחלה און חלשות.

דיא איינוואוינער פון דיעזער אינזעל זיינען געוועזן וואסער־טויכער. זעהר אָפט געפינען דיעזע מענשען שטיקער אייזען, קופער בליי, זילבער, גאלד און אנדערע גאנצע און צובראָכענע זאכען, וואס געהן פערלארען אין דיא פאריזער גאַסען רינשטאקען און ווערען פערשלעפט דורך דעם שטראם פון דיא קאנאלען ביז אין מיטען טייך.

איבער דעם הויז וואו דיא מערדער האבען געוואוינט איז געהאנגען אן אלטע שילד מיט פאלגענדען אויפשריפט:

„היער איז דער לאקאל פאר וואסער־טויכער. דאָ ווערט פערקויפט ווייך און פלייש. אויך קען מען דא דינגען שיפלאך צו שפאצירען איבער'ן וואסער."

דיא נאכט ווען סעראפינא איז אנגעקומען אויפ'ן אינזעל אסיענערעס איז געווען א פינסטערע און א שטורעמדיגע. וואלקענס וויא גרויסע בערג האבען געוואנדערט איבער'ן הימעל. דער גאנצער אינזעל איז געווען איינגעוויקעלט אין א פינסטערען מאנטעל. דיא נאקעטע בוימער האָבען זיך געשאָקעלט און האבען געקלאפט און גערוישט פון דעם ווינד וואָס האט געבלאָזען צווישען דיא צווייגען. דיא קעטען מיט וועלכע דיא שיפען זיינען צוגעבונדען צום ברעג האָבען געקלונגען וויא טויזענדע גלאָקען וועלכע בעגלייטען א טויזענד־פאכע לויה. דיא אינדען פון טייך האָבען זיך געשליידערט אין אלע זייטען. עס האט געשיינט, אז דער טייך וויינט און שליידערט זיך פון צאָרען.

צו דיעזער צייט איז צירע דיא אלמנה פון הינגעריכטען מערדער געזעסען ביי'ן פייער און איהר אינגסטער זוהן חאטוב מיט איהרע צוויי טעכטער מחלה און חלשות זיינען געזעסען ניט ווייט פון איהר. צירע וואר אלט אומגעפעהר אכט און פערציג יאהר, זיא וואר הויך און מאָגער, איהר שטערען וואר פול מיט קנייטשען און פאלדען, איהר נאָז לאנג און שפיציג, איהר פנים גרין און פול מיט בלאָזען און וואונדען. איהרע קליינע פייערדיגע אויגען האבען פון זיך געשאָסען ניפט און מערדעריי.

איהר עלטערע טאָכטער חלשות איז געווען וויא א פאָטאָגראַפישעס בילד פון איהר מוטער.

חאטוב איז געווען בעשעפטיגט צו פערריכטען דיא נעצען און אנדערע פישער־אינסטרומענטען און מחלה איז געזעסען ניט ווייט פון איהם און האט ארויסגעצויגען דיא פעדים פון דיא אויסגענעהטע נעמען אין דיא גע׳גנב׳טע נאָזטיכלעך. מחלה און חאטוב האָבען זעהר שטארק געליעבט זייער עלטערען ברודער מארטיאל, וועלכער האט זיי אימער געלערענט צו זיין עהרליך, ניט צו גנב׳נען און ניט צו נאשען.

— חאטוב! — האט חלשות אויסגעשריען — געה אין קעלער און ברענג האלץ, וויל דאס פייער לעשט זיך אוים.

חאטוב האט זיך א טרייסעל געטהאן און האט זיך ניט געריהרט פון אָרט.

— ווארום געהסט דוא ניט? דוא מיינסט, אז דיא מאמע וועט דיר שווייגען? — האט חלשות געשריען.

— ברודערעל, — האט דיא קליינע מחלה צו איהם געזאָגט — פאָלג וואס מען הייסט דיר, ווארום דיא מאמע איז שוין אין כעס, איך זעה וויא זיא האט פערביסען מיט דיא ליפען; געה בעסער אין קעלער, ווארום זיא וועט דיר טויטען!

— איך וויל בעסער שטארבען, איידער צו געהן אין קעלער אין אזא פינסטערע נאכט, — האט חאטוב געענטפערט.

— פאר וועמען האסט דוא מורא? — האט דיא מוטער געפרעגט און האט שוין געהאלטען א שטעקען.

— איך האב מורא פאר דעם טויטען מענשען וואס איך האב געזעהן אין דעם קעלער! — האט חאטוב געענטפערט און האט זיך שוין געוואָלט בעהאלטען אונטער׳ן טיש.

— עזעל, דאס איז קיין מענש, עס איז א שעפס! — האט חלשות זיך אָפגע־רופען.

— ניין, ניין, עס איז קיין שעפס, איך האב געזעהן א מענשען מיט הענד און מיט פיס.

— אזוי, דוא זאגסט, אז דאס איז א מענש? דוא ביזט נאָך אן עקשן? קום מיט מיר! — האט צו איהם זיין מוטער געזאָגט וועהרענד זיא האט איהם אָנגענומען פאר׳ן האנד און האט איהם באלד געשלעפט אויפ׳ן צווייטען עטאזש פון הויז.

וועז צירע האט געשלעפט איהר קינד האט זיא ניט אויסגעזעהן צו זיין אין כעס; אבער באלד וויא זיא איז מיט איהם אהין ארויף האט מען איבער׳ן גאנצען

הויז געהערט קלעפּ פון א שטעקען, בריקעריי פון פיס און דאס געוויין און געבעט פון אן הילפלאָזעס קינד.

אין א ווײלע ארום איז צירע אראָפּ פון עטאזש וואו זיא האט איינגעשלאָפען איהר צובלוטיגטען קינד און האט זיך ווידער געזעצט בײַן פייער אזוי רוהיג און אזוי קאַלט, וויא קיין זאך וואָלט פּאסירט.

אין א ווײלע ארום האט צירע א קוק געטהאן אויפן זײנער און האט צו איהר עלטערער טאָכטער געזאָגט:

— וואָס זאָל עס בעדייטען וואס אונזער ד עב איז נאך ניטאָ? מיין הארץ זאָגט מיר, אז דיא פרוי האט איהם פערנארט, זיא שיינט מיר צו זיין זעהר א שלעכטע פרוי. זיא האט ניט געוואלט זאגען איהר נאָמען און האט אויך ניט גע־זאגט אויף וואס זיא דארף האָבען אונזער דיעב. אבער איך האָף, אז דיעב וועט ניט זיין אזא נארר וויא זיין עלטערער ברודער. דיא פרוי וועלכע איז דאָ ניט לאנג געוועזען האט איהם געבעטען ער זאָל אָבוואַרטען אום זיעבען אוהר אויף א מאן אין א גרויסען פּעלץ. עס קען זיין, אז ער האט הייטע אבענד געפונען אן אוצר אזוי וויא ער האט לעצטע נאכט געפונען דיעזע נאָזטיכלאך.

— עס קען זיין! — האט חלשות געענטפערט און האט דערביי געגעבען א גנוב'שען וואונק מיט איהרע קליינע אויגען — עס קען זיין, אז ער האט געפונען אן אוצר אין אן אלטע שיף; עס קען נאָך זיין, אז אונז זאָל געלינגען צו געפינען דעם אוצר וואס דער אלטער מאן האט בעהאלטען אין דאָקטאָר גריפונ'ס הויז. נעכטען האט מיר דיעב דערצעהלט, אז ער האפט צו געפינען א גוואלדיגען פערמעגען אין יענעם הויז. מאָרגען פריה וועלען מיר אהין שיקען אונזער מחלה זיא זאל בעטראכ־טען און אויספארשען דעם הויז וואו דער אלטער וואוינט. קיינער וועט ניט האבען א פערדאכט אויף אזא קליינעם קינד. מען וועט מיינען אז זיא שפּיעלט זיך. וואס זאָגסט דוא מחלה, דוא וועסט געהן?

— יא, איך וועל געהן, — האט מחלה, געענטפערט און האָט זיך געטריי־סעלט.

— אימער זאָגסט דוא, אז דוא וועסט טהאָן וואס מיר הייסען, אבער טהאָן טהוסט דוא קיין מאל ניט. דוא פאָלגסט נור וואָס מארטיאל לערענט דיך. דוא ביזט א ציעג, וואס פּאָלגט מארטיאל'ס נארעשע רייד, אז מען דארף ניט גנב'נען, מען דארף ניט נעהמען! און וואָס מיינסט דוא, אז מיר האבען עפּעס מורא פאר דיין נארישען מארטיאל?

— מוטער, — האָט חלשות זיך געווענדעט צו צירען — וויא לאַנג נאָך וועט

מארטיאל שטעהן אין אונזער וועג? וויא לאנג נאך וועט ער איבערפיהרעז דיא צווייי קינדער חאטוב און מחלה? ער איז אונזער גרעסטער שונא. זיין איינציגער וואונש איז אונז צו פערקלאגען פאר דער פאליציי. זייט זיין געליעבטע איז פון איהם צוגע נומען געווארען איז ער גאר געפעהרליך. ער איז וויא א משוגענער הונד, יעדען אויגענבליק ערווארטע איך פון איהם דעם טויט.

— ער וועט שטארבען, דיעב האט שוין א פאאר גוטע פלענער וויא פון איהם פטור צו ווערען,— האט דיא מאמע געענטפערט און האט זיך פערטראכט.

אין הויז איז א ווייל געוועזען שטיל. פלוצלינג האבען דיא הינד אנגעפאנגען צו בילען און צירע האט זיך אויפגעחאפט פון איהר פערטראכטקייט.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האט זיך געעפענט דיא טהיר און דיעב איז אריין אין הויז.

— וואס מאכסט דוא מוטער? — האט דער באנדיט אויסגעשריען וויא ער איז אריין אין הויז און האט פון זיך אראפגעווארפען זיין מאנטיל. איך האב דיעזע נאכט געפונען א גרויסען אוצר. איך האב געבראכט א גרויסע און א פולע קאסטען, אבער איך האב זיא נאך ניט געעפענט.

— און וואס האסט דוא געמאכט מיט דעם מאן אין דעם פעלץ? — האט חלשות געפרעגט — האסט דוא איהם געזעהן? האסט דוא מיט איהם געמאכט א געשעפט?

אנשטאט צו ענטפערען, האט דיעב אריינגעלעגט דיא האנד אין טאשע און האט פון דארט ארויסגענומען א גאנצען הויפען מיט זילבער.

— האסט דוא עס פון איהם גערויבט אדער ער האט עס דיר געגעבען מיטן גוטען ווילען? — האט דיא שוועסטער געפרעגט.

— ניין, ער האט עס מיר געגעבען מיט׳ן גוטען ווילען. דא האב איך צוויי הונדערט פראנק. ער וויל מיר געבען נאך אכט הונדערט. איך וועל דיר עס אבער שפעטער ערצעהלען, דערווייל קומט און מיר וועלען אריינטראגען דעם קאסטען. איז מארטיאל צו הויז?

— ניין, — האט חלשות געענטפערט — האסט דוא דען פאר איהם מורא?

— איך זאל פאר איהם מורא האבען? אה ניין! איך היט זיך נור פאר איהם ער זאל מיך ניט מסרן, זאנסט לאך איך פון איהם. איך האב אימער א שארפען מעסער און מיין האנד איז א געשיקטע.

— אה, דאס זאגסט דוא נור פאר מיר. מיט׳ן צונג ביזט דוא א העלד. וויא דוא זעהסט איהם ווערסט א פערצאפעלטער. — האט חלשות געזאגט אום צו רייצען דיא מערדערשע בלוט פון איהר ברודער.

דיעב האט קיין וואָרט ניט געענטפערט, ער האט נור געהייסען מען זאל געהן אריינטראָגען דיא זאכען פון שיף און דאָס חאטוב זאל אויך העלפען אין דער ארבייט.

חלשות איז ארויף אראָפּצונעהמען דעם פערשלאָסענעם חאטוב און צירע האט זיך געזעצט נעבען איהר זאהן. צירע האט דיעזען מערדער זעהר שטארק געליעבט; נור איהר פערשיקטען זאָהן האט זיא נאך מעהר געליעבט. וואָס מעהר מערדעריי איהרע בנים זיינען בעגאנגען אלץ גרעסער איז געוואָרען איהר ליעבע. זיא האט ניט נעקענט אנקוקען איהר זוהן מארטיאל, וועלכער האט ניט געוואָלט גנב'נען. האָפּען פיש אָהן דער רעגירונגס ערלויבניס האט מארטיאל ניט בעטראכט פאר א פערברע־כען. נאך מעהר האט זיא איהם געהאסט ווארום ער „פערדארבט" איהר דיא קינ־דער חאטוב און מחלה.

— וואו האסט דוא הייטע אבענד געארבייט? — האט צירע געפרעגט איהר ליעבען זוהן.

— אלס איך האב מיך צוריק געקעהרט פון דעם אָרט וואו איך האב זיך גע־זעהן מיט'ן מאן אין פעלץ האב איך דערזעהן וויא א באַרק שווימט אויפ'ן וואסער. איך האב זיא בעטראכט און האב קיין מענ'שען ניט געזעהן. איך האב זיך איינגע־קעהרט און האב אראָפּגעשלעפּט דעם גרויסען קאסטען, דיא פיער קופּערנע שטע־קענס—

ווערענד ער האט עס ערצעהלט איז חאטוב אריין אין הויז און אלע זיינען ארויס און האבען אריינגעשלעפּט דיא קאסטען און פיעלע טהייערע פרויען־קליידער פון סאמעט און זייד. דיעב האט אויפגעריסען דיא קאסטען און האט דאָרט ענט־דעקט אן אמת'ן אוצר. דארט ווארען גאלדענע קעטען, זילבערנע געשיר, טהייערע טירקישע טיכער און אונשעצבארער צירונג. דיעב האָט גענומען צוויי פיינע זאכען און האט עס געשאָנקען צו חטוב'ן און מחלה'ן און האט דערביי געזאגט:

— איהר זעהט, דאָס ווען איהר פאָלגט מיך האט איהר גוטע זאכען. איהר זאלט ניט ערצעהלען אז ער ברודער מארטיאל וואָס איהר האט דאָ געזעהן. ווען איהר זאָגט איהם א יין וואָרט נעהם איך פון אייך אוועק דיעזע פּרעזענטען און ברעך אייך אויס דיא ביינער. נעהמט ברויט און קעז און געהט שלאָפען.

דיא קינדער זיינען אוועק שלאָפען און דיעב האט זיא געזעצט ביי'ן טיש און האט ארויסגענומען א לאנגען גוט אָנגעשארפטען מעסער און האט איהם געוויזען זיין מוטער.

— זעהסט דוא מאמע, — האט ער געזאגט — דיעזער מעסער איז אויסגעשלייפט

און אנגעשטעלט, ער איז פערטיג צו דער ארבייט, מיט דיעזען מעסער וועל איך פערניכטען אלע מיינע פיינדע!

— ווען איך זעה דיעזען מעסער עראינער איך זיך וואס מען האט מיט איהם געטהאן, — האט חלשות געזאגט — מיט דיעזען מעסער האסט דוא צושניטען יענעם מאן. חאטוב האט הייטע געזעהן זיין קערפער.

— עס איז אמת, — האט דיא מוטער געזאגט און האט געשטעלט אויפ'ן טיש א גרויסע שיסעל מיט פלייש.

— דאס וואונדערט מיך! — האט דיעב אויסגעשריען — מיר האבען דאך איהם גאנץ טיעף בעגראבען. עס מוז זיין א יער שולד וואס ער ליענט פריי אין קעלער. נאך הייטע דארף מען איהם ארייגלאזען אין טייך.

— האסט נאך צייט. א טויטער קען ניט שרייען. עס מיין קינד, טרינק מיין קינד, — האט דיא מוטער געזאגט אנגיסענדיג פאלע גלעזער מיט שנאפס.

— וואס האט מיט דיר גערעדט דער מאן אין דעם פעלץ? — האט חלשות איהר ברודער געפרעגט.

דיעב האט אויסגעטרונקען א גאנצע גלאז שנאפס און דערצעהלט:

— דיא אלטע פרוי האט קיין ליעגען ניט דערצעהלט, דען ווען איך בין נעקר מען צום ברעג האב איך געזעהן א מאן איינגעוויקעלט אין א גרויסען פעלץ זא, דאס מען קען זיין פנים ניט ארויסזעהן. (דער לעזער דארף וויסען אז דיעזער מאן איז געווען יעקב פעררצנד, וועלכער האט געשיקט זיין סעראפינאן אויפזוכען דיעזען באנדיט). וויא דער מאן האט מיך דערזעהן ביי'ן לאנטערנע אויפ'ן ארט וואו דיא פרוי האט מיר געזאגט האט ער מיר געגעבען דעם צייכען וואס דיא פרוי האט מיר גע- געבען, איך האב איהם געענטפערט מיט'ן בעשטימטען צייכען און דאן האבען מיר שוין ביידע געוואוסט, אז מיר זיינען דיא ריכטיגע פאאר.

— וויא רופט מען דיך? — האט ער געפרעגט.

— דיעב, — האב איך געענטפערט.

— ווילסט דוא רייך ווערען?

— געוויס, מיין הערר!

— ביזט דוא א שוועבלינג?

— אה, ניין! איך בין מוטהיג וויא א לייב. מיך וועט קיין זאך ניט צוריק- האלטען.

— ווילסט דוא ערטרינקען א מענשען אין וואסער?

— וואָרום ניט?

— און וואס ווילסט דוא פאר צוויי?

— פינף הונדערט פראנק פער קאפ, דאס איז גאנץ ביליג. איך וויל נור האבען האנד־געלד.

— איינפערשטאנדען. צוויי הונדערט פראנק גיב איך יעצט און דיא איבריגע נאך דעם וויא דיא ארבייט וועט זיין פערטיג.

ווענען דיעזען פונקט האבען מיר זיך א לאנגע צייט געדונגען ביז איך האב איהם נעמוזט נאכגעבען און מיר האבען אויסגעארבייט א פלאן נאך וועלכען ער זאל קענען וויסען, אז איך האב דיא ארבייט געמאכט. דער פלאן איז אזא: מארגען, אדער איבערמארגען וועט דיא אלטע פרוי, וואס איז ביי אונז געוועז קומען צום ברעג מיט א יונגע מיידעל וואס האט שעהנע האאר. דיא אלטע וועט א מאך טהאן מיט איהר טיכעל. דאן זאל איך צופאהרען מיט אן אלטע צופוילטע שיפעל אום צו פיהרען זיי צום צווייטען ברעג. איינער פון אונזער פאמיליע זאל הינטער מיר נאכפאהרען מיט א גרויסע און שטארקע שיף. ווען מיר וועלען קומען אין מיטען טייך וועל איך צופאהרען צום שטארקען שיף און וועל איבערקעהרען דיא שיף אין וועלכער דיא צוויי פרויען זיצען. איך אליין וועל זיך ארייננחאפען אין דעם גרויסען שיף. דיא אלטע פרוי און דאס מיידעל וועלען זיך ערטרינקען און קיינער וועט נאר קיין חשד אויף מיר ניט האבען. דיעזער פלאן שיינט צו זיין א גוטער און איך האב אנגענומען דאס געשעפט.

פון דיעזען געשפרעך איז לייכט צו פערשטעהן דאס פערראנד האט געמאכט א פלאן צו ערטרינקען זיין מאטרעסע סעראפינא און דער אונשולדיגער נאכטיגאל. סעראפינא האט נאטירליך גאר ניט גע'חלומ'ט, אז פערראנד וויל זיא אויך בעגראבען אין דעם קבר וואס זיא גראבט פאר אן אונשולדיגע פערזאן.

צירע, דעם מערדער'ס מוטער און חלשות, זיין שוועסטער האבען גאנץ רוהיג אויסגעהערט זייער ברודערס ערצעהלונג. דיעב האט אין זיך ארייננגאסען אזוי פיעל שנאפס ביז דאס בלוט אין זיינע אדערען האבען גענומען זידען, זיין געזיכט האט גע־פלאקערט און אין היץ האט ער געזאגט:

— איך האב אייך ניט דערצעהלט מיין גאנצען רייכטהום. אויב מיר וועט געלינגען אויסצופיהרען דאס געשעפט וואס איך מאך מיט מיין פריינד קולאק וועל איך האבען א פאלעס חוץ מיט געלד. איך און קולאק האבען געליינט א פאסטקע פאר אן אלטע פרוי, וועלכע האנדעלט מיט טהייערע שטיינער, מאנכעס מאל טראגט זיא דיאמאנטען פאר פונפציג טויזענד פראנק.

— פונפציג טויזענד פראנק! — האט דיא מוטער צוזאמען מיט דער טאָכטער אויסגעשריען און זייערע אויגען זיינען געוואָרען פאל מיט פייער.

— יא, פונפציג טויזענד פראנק. מיר האבען שוין דיזע פרוי פערנאררט מיט א בריעף. קולאק איז זעהר א קלוגער יונג. אום צו פערנארען דער פרוי האט ער איהר פערקויפט א טהייערען שטיין פאר 400 פראנק. זיא וועט זיך יעצט פון איהם ניט בעהאלטען. ער האט איהר געשריבען, זיא זאָל קומען צו איהם מיט איהרע דיאמאנטען, ווייל ער וויל מאכען א געשעפט. איך און בארביקאָן וועלען זיך בעהאלטען אין א הינטערשטען צימער. מיין שוועסטער הלשות דארף דערביי אויך זיין. מיר וועלען דער פרוי דאָרט ערמאָרדען. מיר וועלען צונעהמען איהרע דיאמאנטען, דאן וועלען מיר זיא אריינגעהמען אין א שיף און וועלען אריינוואַרפען איהר קערפער אין וואסער. דאס איז קולאק'ס פלאן.

— איך האב מורא פאר דיעזען קולאק! — האט צירע אויסגעשריען — ער און מיין עלטערער זוהן האבען געמאכט א שטיקעל געשעפט און ביידען האט מען געחאפט ער, קולאק איז ארויס פריי און מיין זוהן איז פערלאָרען. דעם געשעפט מיט'ן אלטען מאן זאלסט דוא מאכען, ווייל אזעלבע זאכען וויא אייער פלאן טרעפען זעהר אָפט. איך האב נור מורא, דאס מארטיאל דיין ברודער וועט דיר דיעזען געשעפט פערדערבען.

— וועט ער גאר קיין מאָל ניט געהן אין דער אדמה? -- האט דיעב אויסגעשריען און האט אריינגעהאקט זיין מעסער אין טיש — איך זאָג שוין לאנג דאס מארטיאל וועט מיך טויטען.

— איך זאָג עס שוין לאנג! — האט דיא שוועסטער געענטפערט — ער האט שפיאָנען אין אונזער הויז. ער שטעלט אָן דיא קינדער זיי זאָלען אונז שטערען אין דער ארבייט.

— און ווארום זאלען מיר איהם ניט טויטען? — האט דיעב געפרעגט זיין מוטער.

— ניין, טויטען דארף מען איהם ניט, איך וועל איהם נור פערטרייבען פון אינזעל! — האט צירע געענטפערט מיט א טאָן פון א הערשער.

— אבער זאָלאנג ער לעבט זיינען מיר ניט זיכער מיט אונזער לעבען! -- האט דיעב געשריען.

— איך זאָג, אז מארטיאל זאָל נאָך פאָרלויפיג לעבען. איך וועל איהם פעריאגען. ווען ער קומט הייטע אהיים וועלען מיר איהם אלע נעהמען זידלען און שיספען. ער וועט אויפגערעגט ווערען און ער וועט זיך וועלען שלאָגען. דאן וועלען מיר

אלע דריי איהם בעפאלען און מיר וועלען איהם צוברעכען אלע זיינע ביינער. מיר וועלען איהם אזוי שלאָגען יעדען טאָג. מיר וועלען איהם אויך זאָגען, דאס ווען ער וועט פון אינזעל ניט אוועק, וועלען מיר אַנדריגגען מענשען, וואָס וועלען איהם שלאָגען צום טויט.

— און וואס וועסט דוא טהאָן ווען דאָס וועט אויך ניט העלפען? — האט חלשות געפרעגט.

— דאן זאָל ער שטארבען! — האט צירע מיט רציחה אויסגעשריען.

— ביי דיעזען וואָרט האט זיך געעפענט דיא טהיר און מארטיאל איז אריין אין הויז.

מארטיאל האָט ניט געוואוסט וואס זיין מוטער האט ערשט געשפראָכען. ער איז אריין אין הויז פרעהליך און לוסטיג, נאך איהם איז אריינגעלאָפען זיין געטרייער הונד.

וויא מארטיאל איז אריין אין הויז האט ער באלד געפרעגט וועגען דיא קינדער. אויב זיי האבען געגעסען, אויב זיי האבען געטרונקען און אויב זיי שלאָפען.

זיין מוטער, זיין ברודער און זיין שוועסטער האבען איהם זיינע פראגען בעאנטוואָרטעט מיט זידלעריי און מיט שטעך־ווערטער. מארטיאל האט פערשטאנען, אז מען וויל זיך מיט איהם קריגען, דארום האט ער פערשוויגען. דיעב איז אויפגעשטאנען און האט א זעץ געטהאן מארטיאל׳ס הונד איבער׳ן קאָפּ. מארטיאל האט פערביסען דיא ליפּען און האט ארויסגעלאָזען זיין הונד אין דרויסען.

— אזוי וועל איך שלאָגען דיין געליעבטע! — האט דיעב געזאָגט.

— איך וועל דער „וואָלף“ אויסרייסען אלע צייהן! — האט חלשות געשריען.

— און איך וועל ארויסנעהמען איהרע אויגען! — האט דיעב ווייטער געזאָגט.

מארטיאל׳ס געדולד האט געפּלאצט און ער האט אויסגעשריען:

— שווייגט לומפּען. איך וועל אויפגערעגט ווערען און איך וועל אייךביידען שלאָגען, וויא איך האב אייך געשלאָגען צוריק מיט צוויי טעג.

— דוא וועסט מיך שלאָגען? — האט דיעב אויסגעשריען און איז ארויפגעפאלען אויף זיין ברודער מיט׳ן מעסער.

— ניט מיט׳ן מעסער! — האט דיא מוטער געשריען האפּענדיג דיעבס האנד. דיעב האט זיא אבער א שליידער געטהאן צוריק. מארטיאל האט זיך דערווייל איינגעקעהרט צו חאפּען א שטעקען.

— לייג אוועק דעם מעסער! — האט צירע געשריען.

— ניין, ער מוז שטארבען, — האט חלשות צו איהר ברודער געשריען און האט געחאפט א האק. דיעב האט זיך נאך א מאָל געשליידערט אויף זיין ברודער. אבער מארטיאל האט זיך געוועהרט מיטן שטעקען און האט אייניגע מאָל געטראָפפען איי־בער זיין ברודער'ס האנד ביז דאס מעסער איז געפאלען אויף דער ערד. דאן איז ער דעם מערדער בעפאלען און האט איהם ארויסגעשלעפט אין דרויסען. ער האָט אויך אנגענומען זיין שוועסטער פאר דיא האאר און האט זיא ארויסגעוואָרפען.

ווען ער איז געוואָרען פערטיג מיט זיין ארבייט האט ער זיך געווענדעט צו זיין מוטער און האט איהר געפרעגט זיא זאָל איהם ערקלעהרען, ווארום האבען זיי זיך גענגען איהם פערשוואָרען און ווארום וויל זיא דאס איהרע קלענסטע קינדער זאָלען ווערען גנבים און גזלנים.

דיא מערדערין האָט איהם גאנץ רוהיג געענטפערט:

— דוא ווייסט זעהר גוט, דאס דיין ברודער איז א גנב און א גזלן. ווען מען וועט איהם ארעסטירען וועלען מיר אויך ארעסטירט ווערען. אָבער דיך וועלען מיר ניט לאָזען זיין פריי. איך און דיין שוועסטער וועלען עדות זאָגען, אז דוא האסט גע־האט א טהייל אין אונזער געשעפט און דוא האסט אויך געהאלפען מאָרדען און רויבען, און דאן וועלען מיר אלע צוזאמען שטארבען אונטער דער גילאָטינא. דיך וועלען מיר אויך מיטנעהמען.

מארטיאל איז געוואָרען א פערציטערטער. ער האט געוואוסט אז זיין מוטער מאכט קיין שפאס און ער האט איהר געפרעגט, וואס פערלאנגען זיי פון איהם.

— מיר פערלאנגען דוא זאָלסט פערלאסען דיעזען אינזעל, זאלסט אויך פער־לאסען פאריז. דוא זאָלסט אין גאנצען פערשוואונדען ווערען פון דער וועלט.

— איך וועל עס טהאָן! — האט מארטיאל אויסגעשריען — אבער נור דאן ווען איהר וועט מיר געבען דיא קינדער. וואס וועט אייך נוצען ווען אויך דיעזע אונשול־דינע וועלען שטארבען אויפ'ן עשאפאָט?

— דאָס קענסט דוא קיין מאל ניט דערלעבען. דער אורטהייל אונזערער איז א גאנץ קורצער: שטארב אדער פערשווינד. דיא קינדער זיינען מיינע און זיי מוזען זיין וואס איך וועל זיי לערנען און וואס איך בין אליין.

— אויב אזוי! — האט מארטיאל מיט אלע קוכות אויסגעשריען — זאג איך אייך אז איך וועל ניט אוועק פון דעם אינזעל ביז איהר וועט אלע דריי פערהאפטעט ווע־רען פון דער פאָליציי. איך בין קיין מערדער, איך האב קיין מאָרד ניט בעגאנגען און איך וועל קענען בעווייזען פאר דער וועלט, אז איך בין געלעגען צווישען אייך, נור אום צו זעהן, דאס דיא קינדער זאָלען בלייבען עהרליכע און גוטע מענשען. איך

לאַך פון אייער כעס און פון אייערע בעשליסע. איך בין שטאַרקער פון אייך אַלע־מען און בין עהרליכער פון אייך.

צירע האט גוט געקענט איהר זוהן. זיא האט געוואוסט, אז ער וועט ניט ענ־דערען זיין בעשלוס און דארום האט זיא גלייך בעשלאָסען דאָס ער מוז פערניכטעט ווערען. זיא האט אויך געוואוסט, אז ער איז שטאַרקער פון איהר ליעבלינג און דארום האט זיא געמאכט אַ פריינדליכעס געזיכט און האט איהם געענטפערט:

— זעהסט דוא ניעדערינגער, שלעכטער זוהן. איך וועל טהאָן וואָס דוא פער־לאַנגסט. איך וועל דיר געבען דיא צוויי קינדער, נעהם זיי צו זיך, ערציה זיי וויא דוא ווילסט, נור זעה דאס זיי זאָלען האַלטען דעם מויל און זאָלען קיין וואָרט ניט ערצעהלען וואָס זיי האָבען דאָ געזעהן.

— אָה, אויב דוא גיסט מיר דיא קינדער, פערשפּרעך איך אייך צו געהן פון דאַנען וואוהין דיא אויגען וועלען מיך טראָגען און פון מיין מויל און דיא קינדערס מיילער וועט קיין וואָרט וועגען אייך ניט ארויס.

— איך שווער דיר. געה יעצט שלאָפען אין דיין צימער, נור מאָרגען פריה זאָל דיין פוס אין דעם הויז ניט זיין.

מארטיאל איז אריין אין זיין צימער, וועלכער איז געווען נעבען דעם צימער וואו דיא קינדער חאַטוב און מחלה האבען געשלאָפען. קוים האט ער צוגע־שלאָסען זיין טהיר פון אינוועניג אזוי האבען זיך דערהערט קלעפּ איבער דעם גאַנצען הויז. דיא צוויי קינדער האבען זיך אויפגעהאַפּט פון דיא קלעפּ.

— איך זאָג דיר מחלה, — האט חאַטוב מיט מורא געזאָגט — אז דיא מוטער שלאָגט אונזער גוטען ברודער וויא זיא האט מיך געשלאָגען.

— נאָמיר אַ קוק טהאָן דורכ׳ן טהיר, — האט מחלה געזאָגט.

דיא קינדער האבען געעפענט דיא טהיר און האבען דערזעהן וויא דיא מוטער און דיא שוועסטער שטעהן און פערשלאָגען דיא טהיר פון מארטיאל׳ס צימער. זיי שלאָגען מיט האמערס און העק איבער׳ן אייזען מיט וועלכע דיא טהיר ווערט פער־פעסטיגט.

קלעפּ האבען זיך אויך געהערט פון דרויסען. דיא קינדער האָבען אַ קוק גע־טהאָן דורכ׳ן פענסטער. זיי האבען דערזעהן וויא דיעב שטעהט אויף אַ לייטער און פערשלאָגט דיא לאָדען פון מארטיאל׳ס פענסטער.

— וועה איז מיר! — האט חאַטוב אויסגעשריען — זיי פערשפּאַרען איהם אין זיין צימער, ער זאָל דאָרט שטאַרבען פון הונגער.

— הער נר, — האט מחלת זיך אפגערופען — מארטיאל רופט אונזער נאמען. ער וויל מיר זאלען איהם העלפען."

— ענטפער איהם אז מיר קענען ניט! — האט האטוב איהר געזאגט.

דיא קינדער האבען געוואלט לויפען צום טהיר; אבער פלוצלינג האט זייער מוטער אויך זייער טהיר פערשלאסען און דיעב האט אויך צוגעשטעלט א לייטער צו זייער פענסטער און האט פערהאקט דיא לאדען. דיא קינדער האבען זיך ערשראקען און האבען זיך בעהאלטען צוריק אין זייער בעט.

55טעס קאפיטעל.

סיסעראַ'ס האטעל.

סיסערא איז געווען בעקאנט אונטער דיא וואסער-טויבער אין אסיענערעס אינזעל. ער האט געהאלטען א האטעל אין פאריז, וואו מענער, פרויען און פאמיליען פלעגען דינגען מעבלירטע צימערן. דיעזער סיסערא איז געווען אן אייזענהענדלער אין דער עפענטליכקייט, אבער אין געהיים האט ער געהאנדעלט מיט אלע אינסטרומענטען פאר גנב'ם. ער וואר א שותף מיט דיעב מארטיאל, ער האט אויך געהאט געשעפטען מיט דיא באנדיטען בארבילאן און קולאק און אלע אנדערע פאריזער גנבים.

במעט אלע פאריזער גנבים קענען זיך איינע מיט דיא אנדערע און האנדלען צוזאמען. דיא אורזאכע דערפון איז, דאס ווערענד זיי זיצען אין געפענגים זיצען זיי צוזאמען. דארט בעקענען זיי זיך און דארט שליסען זיי זייער בונד, דאס ווען זיי נעהן ארויס פריי זאלען זיי געהן האנד אין האנד. סיסעראַ'ס הויז איז געווען דער פערזאמלונגס לאקאל פאר הונדערטער גנבים, וועלכע זיינען צוזאמען מיט איהם געזעסען אין איין אסטראג. דיעב איז געווען איינער פון דיא הויפט איינגעהמער אין דיעזען הויז.

צו דער צייט ווען מיר בעזוכען דיעזען האטעל איז דיעב אהין געקומען מיט א גרויסען פאק פערשיעדענע מעטאלען. סיסערא האט אראפגעפיהרט זיין פריינד אין א טיעפען האל אונטערן הויז און דארט האבען זיי אפגעשלאסען זייער געשעפט. ווען דאס געשעפט איז פערטיג געווארען זיינען זיי צוריק אריין אין הויז און האבען זיך צוריק געזעצט פערברענגען.

— ניעבט עפעס נייעס אין אייער הויז? — האט דיעב געפרעגט.

— קיין נייעס, — האט סיסערא געענטפערט — אלע מיינע צימערן זיינען בעזעצט מיט גוטע שכנים, וואס צהאלען גוטעס געלד, ווייל קיינער וויל זיי ניט אריינעהמען אהן א פאספארט. איך האב פיינד צו פרעגען קשיות. אזוי וויא איך

פרעג דיר ניט וואו דוא האסט גענומען דעם מעטאל, וועלכען דוא האסט מיר פערקויפט אזוי פרעג איך ניט מיינע שכנים פון וואנען זיי קומען, ווער זיי זיינען און וואס זיי טהוען. פאר דיעזער פריינדשאפט צהאלען זיי מיר דריי מאָל אזוי פיעל וויא זיי וואָלטען געצהאלט אין דיא גרעסטע האָטעלען. צוריק מיט דריי טעג האב איך אריינגענומען אַ פרוי מיט אַ טאָכטער און איך קען זיי גאָר ניט פערשטעהן. אַ גאנצען טאָג און אַ גאנצע נאכט זיצען זיי אין הויז. זיי באקען ניט, זיי קאָכען ניט, זיי געהן ניט ארויס פון הויז און קיינער בעזוכט זיי ניט.ביידע זיינען זעהר שעהן און עהרליך, אָבוואָהל זיי האבען קיין פּאספּאָרט. וויא מיר שיינט זיינען זיי פון אדעל, וועלכע זיינען פעראָרימט געוואָרען. הייטע פריה האט דיא עלטערע פרוי געשיקט מיין נעפיו, ער זאָל פרעגען אויפ'ן פּאָסט נאָך אַ בריעף פון נאָרמאנדיע.

— וואָס טהוט אנדריי דער הינקעדיגער? — האט דיעב געפרעגט, ווייל דיא געשיכטע פון דער ארמער פרוי האט איהם גאָר ניט איטערעסירט.

— יא אנדריי. איך בין זעהר ניט צופריעדען וואס ער וואוינט אין מיין האָטעל. ער האט שוין פערשווענדעט דאָס געלד וואָס ער האט אָפּגעשפּארט אין אסטראָג. יעצט געהט ער ארום מיט בארביליאָן און זוכט אַ מיטעל צו שאפען זיך נייעס געלד. איך האב מורא אויב ער האט ניט געוואָרפען אַן אויגעל אויף דער רייכער פרוי באשא, וועלכע וואוינט אויפ'ן צווייטען עטאזש פון מיין האָטעל.

— ווער איז דיעזע באשא? — האט דיעב זעהר נייגיעריג געפרעגט.

— איך ווייס אויך ניט! — האט סיסערא געענטפערט וויא אַ צומישטער — איך ווייס נור אז איהר משרות איז אַ שטארקער מאַן; אויך באדינאַ, איהר אָנקעל, וועלכער בעזוכט איהר, איז גענוג שטארק. אָבער שטיל, אָט קומט איהר משרות.

באשא'ס משרות איז אריינגעקומען מיט אַ פערזיעגעלטען בריעף אין האנד און האט געזאָגט:

— מאָנסיו באדינא פערלאנגט איהר זאָלט אָפּשיקען דיעזען בריעף צום מארקיז פאן סאנט רעמי אין שווילאט שטראסע.

סיסערא האט גענומען דעם בריעף און פערשפּראָכען עס גלייך צו עקספּעדירען. דיעב האט זיך אָפּגעזעגענט און איז אוועקגעגאנגען.

אין אַ ווײַלע ארום איז באָדינאָ אריין אין סיסערא'ס צימער און האט צוריק פערלאנגט דעם בריעף, ווייל ער אליין געהט זעהן דעם מארקיז פאָן סאנט רעמי.

מיר רעכענען פאר איבעריג צו זאָגען דעם פערשטענדיגען לעזער, דאָס דיא פרוי און איהר טאָכטער, וועלכע וואוינען אין סיסערא'ס האָטעל זיינען דיא צוויי אונשולדיגע זעעלען וועלכע פערראַנד האט בערויבט, וויא מיר ווייסען פון דעם בריעף

וואס רודאָלף האט געפונען אין שרייב־טיש, וועלכען ער האָט געקויפט אין טעמפּעל שטראַסע. מיר וועלען יעצט אריינגעהן צו דיא צוויי אונגליקליכע אין צימער און מיר וועלען זעהן אין וואס פאר א לאגע זיי געפינען זיך.

אין קליינעם צימער, וואו דיא פענסטער זיינען פערקלעפּט מיט פּאַפּיר, דיא ווענט זיינען שווארץ, דיא ווינקלען פערצוויגען מיט שפּין־וועבס און דיא דילען זיינען פאל מיט בלאָטע, אין אזא צימער זיצט יעצט דיא באַראָנין פאָן פערמאָנט, וועה־רענד מיר בעזוכען דיעזען צימער זיצט דיא באַראָנין אויף א צוּבראָכענעם בענקעל און בעטראַכט איהר טאָכטער, וועלכע שלאָפט אין א צובראָכענער בעטעל. דער באַראָנינס געזיכט איז שווארץ פון צרות, איהרע אויגען זיינען רויטה פון געוויין און איהרע ליפּען זיינען שווארץ וויא קאָהל. איהר ברוסט איז אנגעגריפען, זיא איז גע־פעהרליך קראַנק; אבער זיא זאָגט עס ניט אוים פאר איהר קינד. איהר טאָכטער קלאַרא איז אויך זעהר קראנק און זיא האט עס אייך ניט ערצעהלט פאר איהר מוטער.

אמאָל זיינען זיי ביידע געווען דיא גליקליכסטע מענשען. זיי ווארען רייך, גע־עהרט, שעהן און געזונד. יעצט זיינען זיי פערוואָגעלט אין א פרעמדער שטאדט און געהן אוים פון הונגער. יעקב פעררהאנד דער בעריהמטער צדיק האט זיי צו דיעזער שטופע געבראַכט.

דיא אַלמנה איז זעקס און דרייסיג יאהר אַלט און איהר טאכטער איז מיט צוואנציג יאהר אינגער. יעצט זיצט דיא גוטע מוטער און בעטראַכט איהר שלאָ־פענדעס קינד, וועלכע קען ניט אטהמען, וועלכע שליידערט זיך און ווארפט זיך פון דיא וועהטאגען אין איהר הערצען.

— זיא איז קאַלט וויא אייז! — האט דיא מוטער געזאָגט צו זיך אליין נאכדעם וויא זיא האט בעריהרט איהר טאָכטערס קערפּער — מיט א שטונדע פריהער איז זיא געווען הייס וויא פייער. זיא האט פיבער, מיין אונגליקליכעס קינד! איך וואלט זעהר בעדאַרפט אריינלאָזען אביסעל פרישע לופט אין צימער; אבער איך האב מורא צו עפענען א פענסטער, דיא שכורים זאלען וויעדער ניט אריינשטעקען זייערע קעפּ, צו זעהן וואָס אין מיין הויז געהט פאָר. אַך, וואָס פאר א שרעקליכע הויז דאָס איז. אַלע באַנדיטען, גנבים, אויסוואורפען און שכורים האַלטען זיך דאָ אויף. ווען איך [illegible]לט עס פריהער געוואוסט וואלט איך ניט בעצאָהלט אין פאָראויס פאר א מאָנאַט. [illegible]עו וואָס האב איך געקענט טהאָן אָהן א פּאַספּאָרט! פּאַריז איז זעהר א שלעכ־טע שטאדט. אזא באַנדיט וויא פעררהאנד, וועלכער האט מיר בערויבט און בעגזל'ט דער איז א פיינער מענש און איך מיט מיין גוטעס קינד, וועלכע האבען קיינעם קיין

בייז ניט געטהאָן טהארען ניט וואוינען אָהן פּאספּאָרט, און מיר ביידע, צוויי קראנקע, געפעהרליך קראנקע מוזען ליגען בעהאלטען אין אזא הויז. יא, איך בין זעהר קראנק, איך וואלט מיט פריידע ערוואַרטעט מיין טויט! אבער וויא קען איך שטאַרבען און לאָזען מיין טאָכטער אין מיטען ים פון עלענד? אבער ניין, איך בין ניט קראנק, איך פיהל נור קאָפּ־שמערצען און דאָס איז נור ווייל איך האב ניט געשלאָפען אזוי פיעל נעכט. איך מוז זיין געזונד, איך מוז געהן ארבייטען און מוז פערדינען ברויט און שיך פאר מיין טאָכטער.

ווערענד דיא אונגליקליכע האט אזוי גערעדט האבען זיך דערהערט קלעפּ איבערן טהיר. דיא קלעפּ וואַרען וויא פון האמערס. זיי האבען געמאַכט אזא גערויש און אזא טומעל, דאס דיא באַראָנין איז געוואָרען א בּערציטערטע און קלארא האט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט שרעק.

— ווער איז דאָרט? — האט דיא אלמנה געפרעגט און האט ארומגענומען איהר טאָכטער וועלכע האט געציטערט וויא א בלאַט.

— איך בין עס! — האט א שטימע געענטפערט אונטערן טהיר — איך אנדריי דער הינקעדיגער. שנעל עפענט מיר דיא טהיר און גיט מיר פייער צו פערויכענען מיין סיגאַר.

— וועה איז מיר, דאס איז דער שכור! — האט דיא אלמנה געזאָגט צו איהר טאָכטער.

— שנעל גיט מיר פייער, ווען ניט צוברעך איך אייער טהיר!

— אונזער פייער האט זיך אויסגעלאָשען! — האט דיא אלמנה געענטפערט ניט עפענענדיג דיא טהיר.

— דאן גיט מיר א צינד־העלץ! שנעל! ווען ניט צוברעך איך אייער טהיר, דאָנער וועטער צוויי טויזענד מאָל! איך מוז האבען א צינד־העלץ.

— אבער מיר האָבען קיין צינד־העלץ אין הויז! — האט דיא ערשראָקענע פרוי געענטפערט.

— אזוי, איהר ווילט מיר ניט געבען? — איינס, צוויי. דריי!

ביין לעצטען וואָרט האט דער הינקעדיגער א שטויסגעטהאָן דיא טהיר מיט זיין גאנצע קראַפט און האט אויפגעריסען דעם שלאָס.

דיא אלמנה און איהר טאָכטער האבען זיך צושריען פאר שרעק, דער שכור איז אריינגעפאַלען אין הויז צוזאמען מיט'ן טהיר.

— פייער! — האט דער שכור געשריען.

— ארויס פון דאנען, מיר האבען קיין פייער, איך וועל מאכען א גוואלד איבער'ן גאנצען הויז.

— ניין, איך געה ניט פון דאנען! — האט דער הינקעדיגער געענטפערט מיט חוצפה — איהר ווילט ניט איך זאל אנקוקען אייער שעהנע טאָכטער. אבער איך זעץ באלד אויס אייערע צייהן און רייס אויס דיא האאר פון אייער קאָפּ און צוקוס זיך מיט אייער טאָכטער!

— ארויס פון דאנען שכור! — האט דיא מוטער מיט א ציטערענדער שטימע געשריען.

— אזוי, דוא שרייסט נאָך? — האט דער הינקעדיגער געדאָנערט און האָט אויפגעהויבען זיין קולאק.

דיא בעראָנין האט אנגעפאנגען צו שרייען גוואלד און דער שכור, וועלכער האט ניט ווענינ מורא געהאט פאר דער פּאָליציי האט זיך ארויסגערוקט פון טהיר שילטענדיג און ברומענדיג און מאכענדיג מיט'ן האנד געגען דיא ארמע פרויען.

וויא ער איז ארויס פון הויז איז דיא אלמנה צוגעלאָפען צום טהיר און האָט זיך פערבאריקאדירט מיט'ן טישעל און מיט דיא בענקליך. ווען זיא איז געקומען צוריק צו איהר טאָכטערס בעט האט זיא איהר קינד געפונען בעוואוסטלאָז. דיא מוטער איז געפאלען אויף איהר טאכטער'ס ברוסט און מיט איהרע הייסע טרעהרען האט זיא אָפּגעמינטערט איהר קינד.

קלארא האט געעפענט איהרע אויגען און האט געקוקט מיט פורכט אין אלע זייטען.

— זיי רוהיג, מיין קינד, דער שכור איז אוועק.

— אבער טאָמער קומט ער נאָך אמאָל אהער? זעהסט מוטער דוא האסט אזוי געשריען מען זאָל דיר העלפען און קיין לעבעדיגער מענש איז אהער ניט אריין. איך בעט דיך מוטער, נאָמיר אנטלויפען פון דיעזען הויז — איך שטארב דאָ פון שרעק.

— בערוהיג זיך טאָכטע, מיר זיינען פון איהם יעצט געשיצט. זעה נור וויא הייס דוא ביזט. דוא האסט א פירכטערליכען פיבער.

— ניין, מוטער, — האט קלארא געענטפערט אום צו בערוהיגען איהר מוטער. איך בין נור ערשראָקען, זאָנסט בין איך זעהר געזונד. איך בעט דיך, נאָמיר אנטלויפען פון דיעזען הויז. דאָ איז א העלע.

— וואוהין זאָלען מיר לויפען קינד? אָהן א פאספּארט וועט אונז קיינער אין חוין ניט אריינלאָזען. מיר זיינען דאך קוים אין דיעזען הויז אריינגעקומען. מיר

האבען בעצהאלט פאר א גאנצען מאנאט אין פאראויס און באלד וועלען מיר בלייבען אהן א יין פראנק.

— אבער טאמער וועט אונז ענטפערען דער מארקיז פאן סאנט רעמי?

— איך האף אויף איהם ניט מעהר. ווען ער וואלט מיר ווען העלפען וואלט ער ניט געשוויגען א גאנצען מאנאט.

— אבער טאמער האט ער דעם בריעף ניט ערהאלטען. ווארום זאלען מיר ניט שרייבען נאך אמאל?

— ווייסט דוא ניט טאכטער דאס עס איז מיר שווערער וויא דיא גרעסטע לאסט?

— אבער ער איז דאך א גוטער מענש און ער וואר א פריינד צום פאטער, ער איז אויך אונזערער א פערוואנדעטער.

— יא, אבער וויא איך וויים איז ער יעצט אליין אויך ניט רייך און מעגליך, אז ער קען פאר אונז גארנישט טהאן.

— דאן וועלען מיר האפען פון אורביני אין נארמאנדיע צו וועמען דוא האסט געשריבען אזא קלאגע בריעף.

— איך האף אויף איהם ניט. ווארום זאל ער אונז העלפען. ער איז טאקע געוועזען א גרויסער פריינד צו דיין פאטער, אבער דיעזער פריינד איז געשטארבען און מיט אונז איז ער א גאנץ פרעמדער. ער האט אויך ניט לאנג געהייראטהעט א יונגע פרוי און לעבט אפגעשלאסען פון דער גאנצער וועלט.

— מעגליך אז זיין פרוי וועט אויף אונז רחמנות האבען.

מיין הערץ זאגט מיר, אז ער וועט אונז ניט העלפען. אבער איך וועל זיך נאך פרובירען און וועל שרייבען צו זיין טאכטער קלעמענס פאן הארוויל זיא איז זעהר א גוטע פרוי. מעגליך, אז זיא וועט פיהלען אונזער לאגע און וועט אונז העל־פען אין נויטה. איך וועל זיך אויך פרובירען שרייבען צו סאנט רעמי'ס זאהן

— האט דען דער מארקיז א זאהן? — האט קלארע פערוואונדערט געפרעגט מיט איבעררא‌שונג.

— יא מיין קינד. זיין זאהן הייסט פירעס.

— און ווארום האט דער פאטער קיין מאל ניט ערמאנערט זיין זאהנ'ס נאמען?

— דאס איז א געהיימניס, וועלכע איך קען דיר ניט ענטדעקען. שוין פונפצעהן יאהר וויא דער מארקיז האט זיך ענטזאגט פון זיין קינד.

— און דער זאהן וויל אויך זיין פאטער ניט קענען?

— יא. דיעזער פירעס איז זעהר רייך און ער קומט אין דער געזעלשאפט פון

דיא גרעסטע אריסטאָקראטען. מיין ברודער האָט מיר דערצעהלט, אז ער איז א בראַווער מאַן און האט א גוטעס הערץ. איך האָף, אז ער וועט אונז ניט לאָזען שטאַרבען פון הונגער.

וועהרענד מוטער און טאָכטער האבען געשפּראָכען איז סיסערא אריין אין הויז און האט געבראכט א בריעף פון פּאָסט.

— היער איז דער בריעף נאָך וועלכען איהר האט געשיקט מיין נעפיו. איהר דאַרפט בעצהאָלען א פיערטעל פראנק פאר'ן בריעף און א פיערטעל פראנק פאר'ן גאנג. נעהמט דעם בריעף. צוריקגעהענדיג וועט איהר מיר בעצאהלען.

— טוט און לעבען ליענט אין דיעזען בריעף, — האט דיא אלמנה געזאָגט — באלד וועלען מיר וויסען וואָס ער האָט אונז געבראַכט.

מיט ציטערענדע הענד און קלאַפּענדעס הערץ האט זיא דעם בריעף אויפגע־עפענט. עס איז דער בריעף פון נאָרמאנדיע און פאָלגענדעס וואר אין איהם גע־שריבען:

„מאַדאַם.

„מיין מאַן הערר פאָן אורביגני איז זייט איינינע טעג קראנק. איך בין ערשט געקומען פון פּאריז און דארום איז דער אנטוואָרט געבליעבען ביז יעצט. איך האב אייער בריעף פאָרגעלעזען פאר מיין מאַן און ער האט מיר געענטפערט, דאָס ער געדענקט אייער מאַן'ס נאמען נור וויא דורך א חלום. ער ווייס ניט ווען ער איז מיט אייער מאַן געוועזען בעפריינדעט. ער ווייס זאָגאר ניט וואו ער האט אייער מאַן גע־זעהן. וועגען דער בעשולדיגונג וואס איהר מאכט אויף יעקב פערראַנד, מוז איך אייך שרייבען אז מיין מאַן איז זעהר בייז געוואָרען ווען ער האט עס פון אייער בריעף געהערט. מיר טהוט עס אויך זעהר לייד. מיר קענען זעהר גוט דעם עהרליכען פעררענד. דיא גאַנצע וועלט וועט אויך עדות זאָגען, אז אזא צדיק וויא ער, וועט ניע־מאלס בעטריבען אן ארמע אלמנה. מיר ראטהען אייך איהר זאָלט אויפהערען צו שרייבען און רעדען בייזעס אויף דיעזען בראַווען מאַן, וויל אלע וועלען אייך האלטען פאר א שלעכטע פרוי וואס מאכט בילבולים. מיין מאַן בעדויערט זעהר פיעל אייער לאגע, אבער ער קען אייך ניט העלפען.

„איך שרייב עס אין מיין מאַן'ס נאמען

ראָלאנד פאָן אורביני".

דיא אלמנה און איהר טאָכטער האבען זיך אנגעקוקט מיט פינסטערע בליקען. אין זייערע הערצער האט געפּלאצט דער וואָלקען און א שטראָם טרעהרען האט גע־

גאָפּען פון זייערע אויגען. זיי האבעןביידע קיין ווארט ניט גערעדט. זיי האבען ניט געהאט קיין ווערטער אויסצודריקען זייערע געדאנקען.

ווערענד ביידע זיינען געזעסען שטיל און ערשלאָגען איז סיסערא אריין אין צימער און האט פערלאנגט דעם האלבען פראנק פאר'ן בריעף. דיא באַראָנין פאן פערמאנט איז צוגעגאנגען צו איהר קעסטעל נעהמען דאָס געלד, אבער וויא זיא האט דיא קעסטעל געעפענט האט זיא אויסגעשריען:

— וועה איז מיר! מען האט אונז בע'גנב'ט! אונזערע לעצטע עטליכע פראנק האט מען צוגענומען. יעצט זיינען מיר געבליבען אהן ברויט, אהן ליכט און האבען ניט זאָגאר מיט וואָס איבערצולעבען אַ טאָג! אָה, יעצט זיינען מיר אין גאנצען פערלאָרען!

אין אַ ווײַלע ארום האט זיא זיך געפאסט מוטה און איז צוגעגאנגען צו סי־סעראָ'ן.

— איך בעפעהל אייך! — האט דיא פערצוויפעלטע געשריען — איהר זאָלט אפּנעהמען דאס געלד פון דעם גנב, ווען ניט וועל איך אייך פערקלאגען, ווארום אייער הויז איז אַ נעסט פאר אלע באנדיטען!

— איהר זאָגט ליגען. איהר ווילט ניט בעצהאָלען פאַר'ן בריעף און דארום האט איהר אויסגעטראכט דאס מען האט אייך בע'גנב'ט, — האט סיסערא גע־ענטפערט.

— איך שווער אייך, אז מען האט מיך בע'גנב'ט און יעצט האב איך זאָגאר ניט וואס צו עסען. איהר דארפט זוכען דעם גנב און אפּנעהמען דאס געלד. ווען ניט, וועל איך אייך פערקלאגען. זאָגאר ווען אונשולדיגע זאָלען דאדורך ליידען.

— דוא ביזט אַ קלוגע פרוי! — האט סיסערא געזאָגט און האט געלאכט אויפ'ן קול — געה דיר אין געריכט און דאָרט וועסט דוא בלייבען אויף אייביג פערשלאָסען ווייל דוא האסט קיין פּאַספּאָרט. איך וועל דאָ צונעהמען אייער לעצטע קישעלע פאַר מיין געלד.

דיא אלמנה האט זיך בערעכענט, אז עס לוינט איהר ניט צו געהן צום לייב אין מויל און אויך קען זיא ניט אָפּטרעטען פון איהר קראַנקע טאָכטער, וועלכע ווערט געהיט פון דעם שכור'ן אנדריי. זיא האט דארום געביטען איהר טאָן און האט אָנ־געפאנגען צו בעטען מיט טרעהרען:

— ערבאַרימט אייך מיין הערר, דאָס ביסעל געלד וואס מען האט ביי מיר געגנב'ט איז געוועזען מיין גאנצער פערמעגען, דיא איינציגע הילפע געגען דעם הונגער וואס ערוואַרטעט מיך און מיין קראַנקע טאָכטער. ערבאַרימט אייך — —

דיא אלמנה האט ניט געענדיגט ריידען. זיא איז געפאלען אין אונמאכט אויפ'ן בעטעל, וואו קלארע איז געלעגען מיט פערגלאָצטע אויגען און צומישטע געדאנקען.

סיסערא האט זיך ארויסגערוקט פון טהיר. איהם איז עס ניט אָנגעגאנגען. דיא אלמנה האט זיך אויפגעחאפט פון איהר אונמאכט; אבער א פירכטערליכער פיבער מיט א העלעשער היץ איז איהר בעפאלען. איהרע געדאנקען האבען זיך צור־מישט. זיא האט געפלוידערט פון היץ און האט זיך געוואָרפען איבער'ן בעט.

קלארע איז געזעסען און האט ניט געקענט ריהרען מיט קיין גליעד. זיא האט ניט געקענט העלפען איהר מוטער און האט זיך אליין אויך ניט געקענט העלפען.

56טעס קאפיטעל.

גראף פאָן סאנט רעמי און זיין זאָהן.

גראף פאָן סאנט רעמי דער פאָטער פון פערעס פאָן סאנט רעמי, האט אָנגע־קלאפט אויפ'ן טהיר פון זיין זאָהנ'ס וואוינונג אין שאילאָט שטראסע. דער דיענער פון הויז האט איהם אריינגעלאָזען און געבעטען ווארטען ביז דער זאָהן וועט קומען פון גאס. דער אלטער גראף איז ארומגעגאנגען איבער'ן הויז הין און צוריק און האט בעטראכטעט געוויסע פלענער. פלוצלינג האט ער זיך אָפגעשטעלט ביי א בילד וואָס איז געהאנגען אין א גאָלדענע ראם. זיין געזיכט איז געוואָרען רויטה און זיינע אויגען האבען געשאָסען מיט פייער. דאס וואר דאס בילד פון זיין ווייב, דיא מוטער פון זיין זאָהן פערעס. פון גרויס אויפרעגונג האט דער גראף גערעדט:

— דיעזע שענדליכע פרוי ליעגט שוין לאנג אין קבר, אויך דעם ניעדערטרעכ־טיגען מאן, וואָס האט זיא פערפיהרט האב איך שוין פערניכטעט און דאך איז נאך מיין צאָרן ניט געשטילט! נאך קאָכט מיין בלוט ווען איך ערמאנער מיך אויף דיעזער אונפערשעמטער. דער שטורם פון ראכע הערט נאָך אלץ ניט אויף צו אַרבייטען אין מיין ברוסט. פופצעהן יאָהר האב איך זיא געליעבט מיט א ריינער און שטארקער ליעבע. זיא איז מיר אבער געווען אונטריי און האט געטריבען א שענדליכען לעבען. פערעסען האב איך אויך געליעבט וויא א פאָטער זיין איינציגען קינד; ביז איך האב ערפאהרען זיין מוטערס טריילאָזיגקייט און דאן האב איך איהם אָנגעפאנגען צו פער־אכטען. מיין האס צו איהם איז געוועזן פיעל גרעסער וויא מיין ליעבע. דאָס איז א בעוויז, אז ער איז ניט מיין קינד, ער איז א ממזר, דיא פרוכט פון פאלשקייט און פערברעכען — דאָך, ווער קען מיר זאָגען דיא ריכטיגקייט? פיעללייכט איז ער

מיין זאָהן, מיין בכור, מיין איינציגער זאָהן אין דער וועלט! אָה, אויב דאָס איז אזוי איז דאך מיין פערברעכען נאָך טויזענד מאָל גרעסער. אָבער ביז וואנען וועט דער צווייפעל מיך פערצעהרען? מוטהיג דיך אלטער און ווער א מאן! פעריאָג פון זיך דיא טרויעריגע געדאנקען ווער פרעהליך און גליקליך דאָס דוא וועסט ווידער זעהן דיין איינציגען זאָהן, וועלכען דוא האָסט צעהן יאָהר לאנג געליעבט און געהאלטען טהייער.

אזוי האט דער אלטער גראף צו זיך גערעדט און איז ארומגעגאנגען איבער דיא צימער'ן ניט ווייסענדיג אליין וואוהין ער געהט און וואָס ער זעהט. ניט ווייסענדיג איז ער אויך אריין אין זיין זאהנ'ס פריוואט צימער, וואוהין קיינער האט געהאט דאָס רעכט אריינצוקומען אָהן דיא איינלאדונג פון ווירטה.

וויא ער איז אריין אין פריוואט צימער איז ער געוואָרען איבערראשט. דיא הערצאָגין פאָן לוסעני איז דאָרט געזעסען איינע אליין. דיא הערצאָגין האט געהאט א געהיימען אריינגאנג אין דעם גראַף'ס הויז, זאָ, דאָס ווען זיא האט געוואָלט זעהן איהר געליעבטען האט זיא איהם געקענט בעזוכען אין זיין פריוואט צימער און קיינער פון דיא דיענער זאָל ווייסען, אז זיא קומט אין דיעזען הויז.

וויא דיא הערצאָגין האט דערזעהן דעם גראַף, וועלכער האט זיא געקענט פון דעם טאג וואָס זיא איז געבאָרען געוואָרען און וועלכער איז געוועזן איהר פאטערס בעסטער פריינד איז זיא אזוי ערשראָקען געוואָרען, דאָס זיא איז געפאלען צוריק אין איהר שטוהל און האט צוגעמאכט איהרע אויגען פון שאנדע.

— וואָס טהוט איהר דא אין מיין זאָהנס פריוואט צימער? — האט דער גראַף געפרעגט און זיינע אויגען האבען זיא דורכגעשטאָכען.

דיא הערצאָגין האט זיך געפאסט מוטה און האט געזאָגט:

— אָה, וואָס מאכט איהר גראַף פאָן סאנט רעמי! וויא איך האב אייך דער־זעהן בין איך זעהר איבערראשט געוואָרען פון פריידע. איך האב מיך אין דיעזען אויגענבליק ערינערט אויף מיינע יונגע יאָהרען. געדענקט איהר נאך, דאָס ווען איהר פלעגט קומען צו מיין פאָטער פלעגט איהר מיך נעהמען אויף דיא הענד און איהר פלעגט מיך רופען „ליעבע טאָכטערעל?“

— איך געדענק עס זעהר גוט, — האט דער גראַף טרוקען געענטפערט — אבער וואס טהוט איהר איינע אליין אין מיין זאהנ'ס פריוואט צימער? איך אליין וואָלט אהער ניט געקומען, נור דאָס נויטה האט מיך געטריעבען.

— און וואָס איז דאָס אזא אונגליק! — האט דיא הערצאָגין מיטן גרעסטען ערנסט געפרעגט אום זיא זאָל ניט דארפען ענטפערן אויף זיין פראגע.

— איהר האט געמוזט הערען דיא אורזאכע וואס האט מיך פערטריבען פון דער פאריזער געזעלשאפט און האט געמאכט איך זאל פערהאסען דאס לעבען און זאל לעבען אפגעזונדערט פון אלע מענשען. אויב איהר האט דאס געהערט, דארפט איהר פערשטעה דאס נור א גוואלטיגע אורזאכע האט מיך געקענט ברייננען אין פאריז און צו קומען אין דיעזען הויז.

— איך פערשטעה ניט וואס איהר רעדט. איך בעט אייך ערקלעהרט עס מיר, טאמער וועל איך אייך קענען העלפען.

— איהר מוזט דאך וויסען, דאס זייט פערעס מוטער, האט געבראכט שאנדע אויף מיין הויז, האב איך פערלאסען פאריז און האב זיך בעזעצט אין אנגערס, ווייל דארט האט געוואוינט מיין פריינד און פערוואנדטער דער באראן פאן פערמאנט. צו מיין אונגליק איז דער באראן צוריק מיט דריי יאהר געשטארבען און האט נאך זיך געלאזען א פרוי מיט איין איינציגעס קינד. איך האב דיעזע צוויי טהייערע זעעלען געליעבט פיעל מעהר ח״ו זיך אליין און מיין איינציגער ציעל אין לעבען איז געווען צו טרייסטען דיעזע אונגליקליכע. אבער נאך איידער זיי האבען זיך געטרויסט פון איין אונגליק איז געקומען א צווייטער. דער אלמנה׳ס ברודער, וועלכער איז אימער געזעסען אין פאריז, האט פערטרויט זייער גאנצעס געלד ביי אן אנפערטרויטע פערזאן און אליין איז ער בעגאנגען זעלבסט-מארד. דיא אלמנה מיט איהר טאכטער, זיינען אוועק נאך פאריז צו נעהמען דאס געלד. אין א חודש ארום האב איך ערפאהרען, אז זיא האט בעפאהלען מען זאל פערקויפען איהר הויז און איהר ווירטה־שאפט און מען זאל בעצאהלען איהרע שולדען אין אנגערס. איך האב גענומען פרעגען און פארשען וואס מיט איהר איז געשעהן און האב ערפאהרען, אז זיא איז אין א גרויסער פערלעגענהייט. דאס הערץ זאגט מיר דאס דער מאן לייקענט אפ דאס געלד, וועלכע מען האט איהם פערטרויט און דאדורך איז זיא אין נויטה. דיעזעס האט מיך געבראכט נאך פאריז, איך וויל זיי געפינען און וויל זיי העלפען. צו מיין בעדויערן ווייס איך ניט וויא זיי צו געפינען. איך האב דארום בעשלאסען צו ווענדען זיך צו מיין זאהן. מעגליך, אז ער ווייס פון זיי. איך רעכען, אז זיי האבען זיך צו איהם געווענדעט, אלס צו דעם זאהן פון זייער בעסטען פריינד.

הערצאגין פאן לוסעני האט זיך א ווײלע פערטראכט. דאן האט זיא איהם אונטערבראכען.

— איז עס דיא אלמנה, וועלכע מארקיזין קלעמענס פאן הארוויל וויל געפינען? זאגט מיר, איז דיעזע אלמנה א יונגע און איהר טאכטער הייסט קלארא?

— יאַ, יאַ, דאָס זיינען זיי! — האָט דער גראף אויסגעשריען — זאָגט מיר וואו געפינען זיי זיך, וואו וואוינען זיי?

— דאָס ווייס איך ניט. נור קלעמענס האָט מיך געפרעגט אויב איך קען אַ יונגע אלמנה, וועלכע האט אַ טאָכטער מיטן נאָמען קלארע און האט געהאט אַ ברודער, וועלכער איז בעגאנגען זעלבסט-מאָרד. קלעמענס האט געזעהן אַ בריעף וואָס דיעזע אלמנה האט פאַרבערייט צו שיקען. אין דיעזען בריעף בעט זיא מען זאָל איהר העלפען אין נויטה. אויף אַ ברעג פון דיעזען בריעף שטעהט מיין נאָמען. קלעמענס האט דארום געדעכענט, אַז איך ווייס ווער זיא איז.

— אָבער וויא קומט דיעזער בריעף צו דער מארקיזין?

— דאָס ווייס איך אויך ניט. איך רעכען אָבער, אַז זיא מוז שוין וויסען, וואו דיא אלמנה געפינט זיך.

— אויב אזוי! — האט דער גראף געזאָגט — בעט איך אייך הערצאָגין, דאס איהר זאָלט נאָך הייטע שרייבען אַ בריעף צו דער מארקיזין און איהר זאָלט איהר פרעגען וועגען דיעזע אונגליקליכע. שרייבט איהר אויך דאס אין וויל זיי העלפען. אלעס וואָס איך בעזיץ בין איך בערייט צוטהיילען מיט זיי.

— מיט פערגעניגען וועל איך דיעזע גוטע זאַך טהאָן. אבער וואוהין זאָל איך אדרעסירען מיין אנטוואָרט?

— צו מיין פריינד דאָקטאָר גריפון וואָס וואוינט ביי אסניערס, ביין ברעג פון דער זיינע, גלייך ביי דער פעררי.

— זעהר גוט. איך מוז אייך אויך זאָגען, — האט דיא הערצאָגין נאָך אַ קליינע איבערלייגונג געזאָגט — דאס קלעמענס פאָן הארוויל ווייס ווער איז דער מאן וואס האָט אייערע פריינדע אזוי שענדליך בעטראָגען. יעקב פעררזאנד איז זיין נאָמען.

— פערפלוכט זאל ער ווערען! — האט דער גראף אויסגעשריען.

— דיעזער פעררזאנד מאכט זיך פאר אַ צדיק און אַ הייליגען. זיין הויז אין סענטיער שטראסע איז ביי מאנכע הייליגע וויא אַ קירכע.

— יעצט פערשטעה איך, דאָס מיין פריינד איז קיין זעלבסט-מאָרד בעגאנגען נור מערדער האבען איהם געטויט; איך געה גלייך צו איהם. איך מוז זעהן דיעזען הייליגען מערדער!

— איהר געהט נאָך איידער איהר האט געזעהן אייער איינציגע זאהן? — האט דיא הערצאָגין געפרעגט.

— איך קען איהם ניט זעהן. איך בין נור געקומען פרעגען פיעללייכט ווייס

ער פון דיא אונגליקליכע, יעצט וועל איך געהן צו יעקב פערראנד, דאָרט וועל איך אלעס ערפאהרען. לעבט וואהל הערצאָגין.

אין דיעזען אויגענבליק האט מען אין פריוואט צימער געהערט וויא פערעס רעדט מיט אויפרעגונג:

— אָבער עס קען ניט זיין! מאָנסיו באָדינא. דאס קען ניט

— אבער איך זאָג אייך, — האט געענטפערט אַ צוויטע שטימע — דאס אויב איהר וועט ניט בעצהאָלען דאס געלד ביז פיער אוהר נאך מיטאג וועט אייער פאַל־שער וועקסעל איבערגעגעבען ווערען אין געריכט און דעם שעהנעם גראף פאן סאנט רעמי וועט דיא רעגירונג אפשיקען אלס שווינדלער און פעלשער פון אונטער־שריפטען.

דער אלטער גראף און דיא הערצאָגין האבען אנגעפאנגען צו שוידערען פון דיעזען געשפרעך וועלכער איז געקומען פון צווייטען צימער. פון שרעק זיינען זיי געבליבען שטעהן וויא ליימענע פיגורען און האבען זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט.

— איך זאָג אייך נאך אַ מאָל, — האט באָדינא מיט אַ הויכער שטימע גע־שריען — דאָס אום פיער אוהר וועט מען אייך אָפפיהרען אין געפענגניס, וואו איהר וועט אויף אייביג פערלארען ווערען.

דער אלטער גראף האט מעהר ניט געשוויגען. דער געפיהל, אז אַ מאן וועל־כער טראָגט זיין נאמען, אבער וועלכער איז ניט זיין קינד האט דיעזען נאמען בע־שמוצט מיט שענדליכע טהאטען, דיעזער געפיהל האט איהם געמאכט ווילד פון כעס. ער איז אויפגעשפרונגען פון אָרט און האט געוואָלט לויפען אין צווייטען צימער און שיסען דיעזען פערעס; נור דיא הערצאָגין האט איהם צוריקגעהאלטען מיט איהר גאנצע קראפט און האט געשוואָרען ביי אלע הייליגקייטען אז דער יונגער גראף איז אונשולדיג. זיא האט איהם דערצעהלט דאָס זעלבע וואָס פערעס האט איהר דער־צעהלט וועגען דיעזען פאלשען וועקסעל און וואָס זיא האט איהם געגלויבט דאס ער איז אונשולדיג און נור אַ באנדע שווינדלער האבען זיך געגען איהם פערשוואָרען. זיי האבען איהם געגעבען פאלשע וועקסלען און ער האט עס פערקויפט צו אַ רייכען מאַן וועלכער פערפאָלגט איהם יעצט ביז'ן טויט.

איהרע רייד האבען אויפ'ן אלטען גראף געווירקט דאס ער זאל בלייבען שטעהן רוהיג ביז זיי וועלען אויפהערען דעם גאנצען געשפרעך.

— פערפלוכט זאל ווערען דזשאַן דער קליינער! — האט פערעס געשריען — ער האט מיר פערזיכערט, דאס ער האָט מעהר קיינע וועקסלען, נאבדעם וויא איך האב

איהם בעצאהלט פאר דיא וועקסלען, וועלכע ער האט ביי זיך געהאט. איך וויים נור פון נאך א וועקסעל וועלכען ער האט; אבער יענער וועקסעל איז דאטירט אויף דריי מאָנאטען שפעטער און פאר איהם וועט בעצהאָלען דער מאן וואס האט איהם אונטערגעשריבען.

— אָה, איך וויים וואָס פאר א מאכער איהר זייט! — האט באָדינא געענט־פערט — ביז דריי מאָנאטען וועט איהר אנטלויפען פון פראנקרייך.

— איהר זייט אין גאנצען שולדיג! — האט פערעס געשריען און געקלאפט איבער'ן טיש — איהר זייט געוועזן דער מעקלער צווישען מיר און זשאן דעם קליינעם.

— פון וואנען האב איך געקענט וויסען, אז איהר פערקויפט איהם פאלשע וועקסלען? בין איך דען א נביא? עס איז אייער אייגענע שולד און יעצט מוזט איהר זעהן אויסצוקויפען אייער פרייהייט און אייער שעהנעם נאמען.

— ענטשולדיגט מיר פאר מיין כעס, — האט פערעס געזאָגט מיט א ווייכערע שטימע — אבער זאָגט מיר נור דעם אמת, וועט זשאהן שוין הייטע מיך פערקלאגען?

— איך שווער אייך אז אזוי האט ער בעשלאָסען. איהר מוזט זיך רעטען שנעל וויא מעגליך. געהט צו דער הערצאָגין, זיא וועט אייך ניט לאָזען פאלען.

— איך קען אבער ניט! — האט פערעס געשריען — איך האב פון איהר שוין ארויסגענומען אזוי פיעל געלד, דאָס איך האב שוין גאָר קיין תרוץ פאר איהר.

— אויב אזוי זייט איהר פערלאָרען! מיר טהוט נור לייד דאָס איהר זייט אריינגעפאלען נאכדעם וויא איהר האט אויסגעקויפט אלע פאלשע וועקסלען, אויסער איין איינציגען. זייט איהר שוין דען אזוי ארעם דאס איהר קענט ניט בעצהאָלען 25 טויזענד פראנק אום אויסצוקויפען זיך פון קבר? איהר זאָגט, אז איהר האט אלעס פערקויפט און פער'משכנ'ט, אבער איז שוין דען אזוי שלעכט, דאס איהר מוזט פער־לאָרען געהן? איך רעכען, דאָס ווען איהר זאָלט געהן צו דער הערצאָגין און ערצעה־לען דיא ווארהייט, אז איהר זייט בעגאנגען דעם פערברעכען — נור דעם איינעם — און ווען זיא לייזט אייך ניט אויס זייט איהר אום פיער אוהר א פערלאָרענער ארעס־טאנט — איך בין זיכער, אז זיא וועט אייך געבען דאָס געלד.

— ניין, איך וויל בעסער שטארבען, איידער איך זאל דארפען מודה זיין מיינע חטאים. איך האב אזעלכע זינד געטהאן, וועלכע לאָזען זיך גאר ניט אויסריידען. איך וועל בעסער אנטלויפען. איך האב נאָך דריי שטונדען, און איך וועל פער־שווינדען.

— וואוהין וועט איהר לויפען אהן א פראנק, אָהן א פריינד, אָהן פעהיגקייטען צו ארבייטען. איך בעט אייך ערבארימט אייך אויף זיך אליין, געהט צו דער הער־

צאַנין, זיא וועט אייך דיעזען מאָל ווידער בעפרייען און דאן זייט איהר פריי.

— טויט און העלע! — האט דער יונגער גראף ענטשלאָסען געזאָגט — איך וועל נאָך דיעזען מאָל פּרובירען געהן צו דער הערצאָגין, פיעללייכט וועל איך נאָך עפּעס קענען אויסנארען, פיעללייכט וועל איך ביי איהר ווידער בעקומען אביסעל געלד.

— אזוי רעדט איהר וויא א מענש. געהט צו דער הערצאָגין. אדיע! — האט מען געהערט באדינאַ'ס שטימע.

דער אלטער גראף איז געשטאנען און דאס בלוט האט אין איהם געקאָכט. דיא הערצאָגין איז געוואָרען בלאַס און טויט. זיא האט גערעכענט, אז איהר געליעבטער איז אן עהרליכער מאן, אם ענדע האט זיא זיך איבערצייגט, דאס ער האט זיא גע־נארט. זיין ליעבע האט ער געבראוכט פאר א געשעפט צום האנדלען. זיא האט זיך אליין געמאכט פאָרווירפע פאר דיא ליעבע און דאָס געלד וואָס זיא האט איהם געשאָנקען. זיא האט גענומען פיהלען זעהר שלעכט. זיא האט זיך נור געשטארקט און האט גענומען אפשיעד פון דעם אלטען גראף, פערשפּרעכענדיג, אז זיא וועט אנווענדען אלע מיטלען דאס זיין עהרע זאל ניט ליידען פון זיין אויסגעלאַסענעם זאהן און האט זיך ארויסגערוקט פון דער געהיימער הינטער טהיר, דורך וועלכע זיא איז אריין אין הויז.

אין א ווײַלע ארום איז פּערעס אריינגעלאָפען אין זיין פּריוואט צימער.

— ווער ביזט דוא? — האט ער אויסגעשריען צום אלטען גראף.

— דער מאן וואס האט דיך צעהן יאהר געהאלטען פאר זיין קינד.

— פאטער! — האט פּערעס אויסגעשריען און איז צוריקגעשפּרונגען, ווייל ער האט אין דיעזען אויגענבליק זיין פאטער ערקענט — פאטער!

— רוף מיך ניט פאטער; דען נאָך דעם געשפּרעך וואס דוא האסט ערשט געהאט אין צווייטען צימער וויים איך אז איך בין ניט דיין פאטער.

— וועה, ער האט געהערט! — האט פּערעס אויסגעשריען און האט בעהאלטען זיין געזיכט.

א טויטע שטילקייט האט א ווײַלע געהערשט אין צימער.ביידע האבען קיין ווארט ניט גערעדט. פּערעס האט זיך דערוויל בערעכענט, אז דיעזעס איז זיין גליק, ווייל דער פאטער וועט ניט וועלען זיין נאמען זאָל בעשמוצט ווערען אויף אייביג און ווייל דער גוטער נאמען איז איהם טהייערער פון אלעס אין דער וועלט דארום וועט ער איהם בעפרייען פון אונגליק אָהן דער הערצאָגין'ס הילפע. ער האט דארום גע־מאכט א כשר'ן פערצווייפעלטען פּנים און האט מיט טרעהרען געזאָגט:

— אָה, פאטער, פאטער, איך בין פערלאָרען! פערלאָרען אויף אייביג. אבער מיין פערזאָן קימערט מיך ניט. איך וויין נור דאס דוא דארפסט האבען אזא ביטערע שאנדע, גראדע דאן ווען דוא האסט בעשלאָסען צו געהן זעהן דיין קינד. איך ווייס אז דוא פיהלסט אזעלכע שמערצען, וועלכע נור א פאטער קען פיהלען. איך ווייס אז דוא שטעהסט יעצט איבערן קבר פון דיין איינציגען זאָהן. אבער איך בעט דיך, ערלויב מיר און איך וועל ערצעהלען וואס דא איז געשעהן.

דער אלטער גראף איז געשטאנען מיט פערקריצטע צייהן און בייזע אויגען. פערעס האט ניט געוואוסט, אז זיין פאטער ווייס ניט אויב ער, פעריעס, איז זיין קינד אדער זיין ווייב'ס ממזר, דארום האט ער געגליבט אז זיין פאטער האט מיט איהם מיטלייד. אום צו מאכען דעם איינדרוק שטארקער האט ער זיך געשליידערט פאר זיין פאטער'ס פיס און האט אנגעפאנגען צו זאָגען:

— הער מיך אויס פאטער! —

— וואס זאל איך הערען? זאל איך הערען, אז אום פיער אוהר וועט מען דיך שמידען אין קייטען וויא דעם געמיינסטען פערברעכער? זאל איך הערען אז דיינע הענד זיינען איינגעריבט מיט גנבות און דיינע פינגער האבען געפעלשט אונטער־שריפטען?

— אבער ערבארים דיך מיין פאטער! איך בעט דיך מיט טרעהרען דוא זאלסט הערען וואס דיין איינציגער זאָהן וויל דיר זאָגען. איך וויל זיך ניט פערטהיידיגען, נור מודה זיין.

אלס איך וואר נאך א קליין קינד איז מיין מוטער געשטאָרבען. מיין פאָטער האט מיך אויך אוועקגעוואָרפען. איך האב געטהאן וואָס מיר איז איינגעפאלען און דאדורך בין איך אראָפּ פון וועג. איך האב זיך איבערגעגעבען צו אלערליי תענוגים. איך האב געפרעסען, געטרונקען מעהר וויא געוועהנליך, איך האב זיך ארומגעטריבען מיט נעליעבטע און מיט אויסגעלאַסענע פרויען, איך וואר אויף אלע בעלער און האב געשפיעלט אין אלערליי לאָטערייען, ביז איך בין אזוי ניעדעריג געזונקען — — אבער יעצט טהוט עס מיר לייד, און איך האָב בעשלאָסען צו שטארבען. איך האָב זאָגאר געקויפט גיפט פון אן איטאליענישען דאָקטאָר אום איך זאָל קענען שטארבען.

— און ווארום לעבסט דוא נאָך? — האט דער אלטער גראף געפרעגט — וואָרום האסט דוא זיך ניט פערגיפטעט איידער דוא ביזט אריינגעפאלען אין אזא זומפּ?

— איך שווער ביי גאָט, אז איך וועל שוין מעהר ניט זינדיגען; איך וועל פון יעצט אן פיהרען אן אנשטענדיגען, ריינעם לעבען.

— ניין! אזא פערדארבענער שארלאטאן וויא דוא, וועלכער איז געבארען גע-
װארען פון א זינדיגער ליעבע און ערצויגען אין פערברעכען, אזא געזונקענער װעט
שוין ניעמאלס ווערען עהרליך. אין דיין געוויין זעה איך דיין פאלשקייט און אין דיינע
רייד הער איך דיינע פערברעכען. דוא װעסט נאך גנבענען, וועסט נאך רויבען און
מארדען ביז דוא װעסט שטארבען אונטער דער גילאטינא. מיין נאמען ווערט דורך
דיר אויף אייביג בעשמוצט ווערען. איך וועל דיך דיעזען מאל אויסקויפען ניט ווייל
דוא ביזט מיר טהייער, נור ווייל איך וויל דוא זאלסט בעסער שטארבען איידער
מיין נאמען זאל דורך דיר ליידען. געה גלייך צום מאן, וואס האט דיין פאלשען
וועקסעל, ברענג איהם אהער און איך וועל איהם געבען דאס געלד.

— אה, מיט וואס זאל איך דיר בעדאנקען גוטער פאטער! — האט פערעס
אויסגעשריען און האט געוואלט נעהמען זיין פאטערס האנד צו קושען; אבער זיין
פאטער האט איהם פון זיך אפגעשטויסען און האט געזאגט:

— געה ברענג דעם מאן, איך וועל באלד צוריק קומען און וועל אויסקויפען
דעם וועקסעל — ניט פון דיינטוועגען, נור צוליעב מיין נאמען, וועלכען דוא פיהרסט.

דער אלטער גראף האט א קלאפ געטהאן מיט'ן טהיר און איז אוועק. פערעס
האט אנגעפאנגען צו טאנצען און זינגען:

— יעצט בין איך פריי! מיין חכמה און מיינע פאלשע טרעהרען האבען מיר
נעהאלפען איך זאל ארויסנעהמען געלד פון אזא שטיין, וויא דער אלטער נאר. איך
רעכען איך זאל שוין פאר איהם ערצעהלען וועגען דיא דיאמאנטען וואס איך האב
גענגבעט ביי בודיאן דעם דיאמאנטען-הענדלער. מיין אלטער נאר וועט ניט וועלען
דאס זיין נאמען זאל בעשמוצט ווערען און ער וועט מיר געבען דאס געלד צו בע-
צאהלען דעם דיאמאנטען-הענדלער, און אויב בודיאן וועט מיך ניט פערדעכטיגען
אין דער גניבה, וועל איך האבען ביידע זאכען, דיא שטיינער און דאס געלד.

וועהרענד דער יונגער גראף האט זיך געפרעהט איז איהם אנגעקומען א פער-
זיגעלטער בריעף. ער האט דעם בריעף געעפענט און האט דארט געפונען פינף און
צוואנציג טויזענד פראנק.

— ווער האט דאס מיר געקענט שיקען דיעזע געלד? — האט ער זיך אליין
געפרעגט — דער זיגעל איז פון דער הערצאגין. אבער וואָרום האט זיא מיר גאר ניט
געשריבען? ווער האט עס איהר ערצעהלט מיין פערלעגענהייט? איך מוז זיא באלד
בעזוכען און מוז ביי איהר פרעגען וואס דאס בעדייטעט!

ער האט זיך ארייגעזעצט אין זיין קארעטע און האט בעפוילען צו פאהרע:
צו זשאהן דעם קליינעם און פון דארט צו דער הערצאגין פאן לוסעני.

נאכדעם וויא ער האט זיך געזעהן מיט זשאהן דעם קליינעם און האט איהם געהייסען קומען נאך דאָס געלד איז ער צונעפאָהרען צו דער הערצאָגינ'ס וואוינונג. ער וואר שטאָלץ און לוסטיג וויא געוועהנליך; אבער דיא הערצאָגין האט איהם ניט געוואָלט עמפּפאנגען. זיא האט איהם אין עטליבע ווערטער ערצעהלט וואס זיא האט געהערט און דאָס זיא פּעראכטעט איהם אנשטאט דער ליעבע און דאס זיא וועט הייסען איהרע דיענער זיי זאָלען איהם מיט שאנדע ארויסשמייסען, אויב ער וועט וואגען צו בעטרעטען איהר שוועל.

פּערעס האט זעהר ניט געוואָלט פערליערען דיא ליעבע פון אזא רייכע און גוטהערציגער פרוי, ער האט זיך אבער ניט געקענט העלפען. מיט אן אראפּגעלאָזענעם קאָפּ האט ער זיך אומגעקעהרט נאך הויזע, וואו ער האט שוין געפונען זיין פאָטער און זשאהן דעם קליינעם.

זשאהן דער קליינער האט געהאט דעם פאָלשטענדיגען אויסזעהן פון א שענדליכען שווינדלער און ניעדעריגע בריאה. דער אלטער גראף האט מיט זיי ביידען קיין וואָרט ניט גערעדט. ער האט גענומען דעם וועקסעל פון זשאהנ'ס האנד און האט אָפּגעצעהלט דאס געלד, דאן האט ער דעם וועקסעל צוריסען.

פּערעס איז געווען איבערגליקליך. ער האט געמיינט, אז ער איז שוין ווידער פריי. קיינע פאלשע וועקסלען האט ער מעהר ניט געהאט. פינף און צוואנציג טויזענד פראנק האט איהם דיא הערצאָגין געשיקט איידער זיא האט איהם ארויסגעיאָגט פון הויז. בודיאן וועט געוויס ניט וואגען צו פערדעכטיגען אזא גראף אין א פּראָסטער גניבה, און וואס דארף ער מעהר? פון פריידע האט ער ניט בעמערקט דאס וויא זשאהן איז ארויס פון הויז, האט זיין אַלטער פאָטער צוגעשלאָסען אלע טהירען פון צימער. זיין פאנטאזיע איז אָבער שנעל אונטערבראָכען געוואָרען, ווייל זיין פאָטער איז צו איהם צוגעגאנגען און אויסזעהענדיג וויא אַ הונגעריגער לייב האט ער צו איהם געזאָגט:

— פּערעס, איך האב אויסגעקויפט דיין וועקסעל, דו וועסט יעצט ניט שטארבען אין געפענגניס וויא אַ פערברעכער, דו מוזט יעצט שטארבען וויא אן עהרליבער מאַן. שפּעטער קענסט דו ווידער בעגעהן א שרעקליכען פערברעכען.

— איך שווער דיר פאָטער, איך וועל שוין זיין אַן עהרליבער מאַן.

— דאס איז אַ ליגען דו ביזט פערדאָרבען ביזן גרונד. דו קענסט מעהר ניט זיין עהרליך, דו וועסט נאך ווערען אַ מערדער, אַ גנב ביזט דו שוין. פאַמיינע אויגען זעה איך דאס בילד וויא דו שטעהסט אויפ'ן עשאפאָט און טויזענדע מענשען זעהן צו דעם טוידט פון אַ סאָנט ריעמי. אָבער ניין, דאס זאָל קיין מאָל ניט

געשעהן. מיין נאָמען זאָל אין דער עפענטליכקייט ניט בעליידיגט ווערען. איך וויל יעצט מאַכען אַן ענדע צו דיינע מעשים — —

— אין דיעזען אויגענבליק האט מען אָנגעפאַנגען צו קלאַפּען אין טהיר און שרייען:

— אין נאמען דעס געזעץ בעפעהלען מיר, איהר זאָלט עפענען דיא טהיר.

פּערעס איז געוואָרען אַ פּערציטערטער. ער האט געוואָלט עפענען דיא פענ־סטער און אנטלויפען, אָבער דער אַלטער גראַף האט איהם אָנגעהאַלטען מיט ביידע הענד און האט געפרעגט:

— וואָס פערלאַנגט איהר?

— אין נאָמען פון אבערגעריכט זיינען מיר געקומען אונטערזוכען דיעזען הויז. מיר ווילען געפינען דיא שטיינער וואָס פּערעס פאָן סאַנט רעמי האָט געגנבעט ביי בודיאַן. עפענט, אָדער דיא טהיר ווערט אויפגעריסען — האט אַ שטימע געענטפערט פון דרויסען.

— דוא האסט געגנבעט! אָה, באַלד ווערסט דוא אויך מאָרדען! גנבים און מערדער זיינען ברידער פון איין מוטער. יעצט זאָלסט דוא שטאַרבען פון מיין האַנד!

— שטאַרבען! — האט פּערעס אויסגעשריען.

— קיין וואָרט! — האט דער אַלטער גראַף געזאָגט — איך האָב צווי רעוואָל־ווערס, נעהם איינעם און שיס דורך דיין שקייף, זאָנסט שיס איך דיר און ער־קלעהר, אַז דוא האסט זיך ערמאָרדעט, ווייל דוא האסט ניט געקענט איבערלעבען דיא שאַנדע.

מיט אַ מערקווירדיגער קאַלטקייט האט דער אַלטער גראַף ארויסגענומען אַ רעוואָלווער און האט געזאָגט:

— שיעס, ווען דוא ביזט קיין שוועכלינג!

פּערעס איז געוואָרען אַ פּערציטערטער. ער איז געפאַלען צו זיין פאָטערס פיס און האט גענומען בעטען פאַר זיין לעבען. אָבער דער גראַף האט אויסגעשריען:

— שטאַרב, דוא ניעדערטרעכטיגער! דיא פּאָליציי ברעכט דיא טהיר, באַלד קומען זיי אריין. ווילסט דוא איך זאָל דיך שיסען?

ביי דיעזע רייד האט דער אלטער גענומען ציעלען מיט זיין רעוואָלווער. פּערעס האט ערזעהן, אַז ער האט דאָ קיין רעטונג. ער האט זיך געשטאַרקט און האָט געזאָגט:

— דוא האָסט רעכט פאַטער! גיב מיר דעם רעוואָלווער, איך וויל אויך בעסער

שטאַרבען איידער לעבען אין שאַנדע. גיב מיר דעם רעוואָלוועד איך זעה וויא מוטהיג איך בין. איך בעט דיר אָבער, גיב מיר דיין פאַטער־זעגען, וויל מיין בלוט וועט באַלד אָפּוואַשען אַלע מיינע חטאים.

פּערעס האט גענומען דעם רעוואָלוועד און זיין גאַנצער קערפּער האט געציטערט. דער אַלטער גראַף האט אין דיעזען אויגענבליק גענומען קלעהרען, טאָמער איז פּערעס דאָך זיין זאָהן? טאָמער האט ער געגעבען דעם רעוואָלוועד אין זיין בן־יחיד׳ס האַנד. ער איז פּערציטערט געוואָרען פון דיעזען געדאַנק. אין דעם זעלבען אויגענבליק האט דיא הינטערסטע טהיר געגעבען אַ קראַך און פּערעס האט אויסגעשריען:

— פאַטער זיי קומען. יעצט וויל איך שטאַרבען; אָבער איידער איך שטאַרב וויל איך הערען דיין פּערצייאונג.

— איך פערצייהע! — האט דער אַלטער אויסגעשריען און האט זיך געשטאַרקט געגען יעדען געדאַנק.

— פּאָטער, זיי זיינען שוין אין ערשטען צימער. געה דוא ארויס צו זיי אום זיי זאָלען דיך ניט פּערדעכטיגען. האַלט זיי אויך אַ ווײַלע אָפּ, אום זיי זאָלען מיך ניט שטערען.

פּערעס האט אָנגעשטעלט דעם רעוואָלוועד געגען זיין ברוסט און דער אַלטער, וועלכער האט עס ניט געקענט צוזעהן, איז ארויסגעלאָפען אין צימער וואו דיא פּאָליציי האט זיך גשפּונען.

אין אַ ווײַלע ארום האט אויסגעשאָסען דער רעוואָלוועד. דער אַלטער גראַף איז געוואָרען בלאַסט און ער האט אויסגעשריען:

— טויdט! ער איז געשטאָרבען! אבער זיין טוידט איז בעסער וויא זיין לעבען!

דיא פּאָליסלייטע האבען באַלד פערשטאַנען, וואָס דאָ איז געשעהן. זיי האבען זיך דארום באַלד געווענדעט צום אַלטען און האבען איהם געבעטען ער זאָל אוועקגעהן, אום זיינע אויגען זאָלען נ׳ט זעהן זיין קינדס בלוט.

— איהר זייט גערעכט, — האָט סאַנט רעמי געענטפערט — זאָגט מיר נור וויפיעל איז ווערטה געוועזן דיא גנבה און איך וועל בעצאָהלען.

— בודיאַן האט געשטעלט עדות, אז דיא שטיינער האבען געקאָסט דרייסיג טויזענד פראַנק, — האט דער עלט:טער פון דיא פּאָליסלייטע געזאָגט.

— דאַן זאָל ער צו מיר קומען און איך וועל איהם בעצאָהלען, — האט דער אַלטער געזאָגט און איז אוועק.

דיא פּאָליסלייטע זיינען באלד אריין אין צימער, וואו דער זעלבסט-מאָרד איז געשעהן. זיי האבען גענומען זוכען אין אלע זייטען און האבען קיין טוידטען ניט גע-קענט געפינען. באלד האבען זיי ענטדעקט, אז א הינטער-טהיר שטעהט אָפען און מען האט געקענט זעהן, אז א מאן איז דאָרט דורכגעלאָפען. דיא פּאָליציי האט באלד פערשטאנען, אז פערעס האט נור אויסגעשאָסען אין דער לופט צו נארען זיין פאָטער און דער פּאָליציי כדי ער זאָל האבען צייט צו פערשווינדען.

57טעם קאפּיטעל.

נאַכטיגאַל איז פריי.

אויף מאָרגען נאָכדעם טאג, וואָס פערעס האט אָפּגענארט זיין פאָטער און איז אנטלאָפען דורכ'ן פענסטער איז סעראפינא, פערראנדס מאטרעסע געקומען צו נאַכטיגאַל אין סאנט לאזארוס און האט איהר געבראכט דיא גוטע בשורה, דאָס דורך דער מיהע פון דעם וואָהלטהעטיגען מאן וועט זיא ארויס פריי. נאַכטיגאַל האט ניט געקענט שטעהן אויף איהרע פיס פון גרויס שמחה. זיא האט זיך געמוזט אָנ-שפּארען צום וואנט אום דיא גוטע נייעס צו איבערטראָגען. זיא האט ניט געהאט גענוג קראפט אויסצודריקען איהר פריידע. סעראפינא האט געברויכט איהר גאנצע קראפט צו מוטהיגען דעם אָפּפער פאר וועלכען זיא האט פאָרבערייטעט א מזבח. זיא האָט איהר ערצעהלט, אז דיא מארקיזין קלעמענס פאן הארוויל, האט עס גע-ווירקט אויף איהר גוטען הערץ און דער גוטער הערר האט אויסגעווירקט איהר פרייהייט און דאָס זיא וועט איהר פיהרען צו דיא וואָהלטהעטיגע מענשען, וועלכע ערווארטען זיא מיט אונגעדולד.

— פריהער וויל איך געהן זעהן מיין בעסטער פריינדין, מאדאם געאָרג, — האט נאַכטיגאַל געבעטען.

— מיר וועלען נאָך הייטע אייך אפשיקען צו אייער טאנטע מאדאם געאָרג; אבער פריהער וויל איך אייך פיהרען אין א שעהנעם פּלאַץ, וואו איהר וועט זיך שטארקען און קרעפטיגען, — האט סעראפינא געענטפערט.

נאַכטיגאַל האט באלד איבערגעטהאן איהרע קליידער און זיא איז געגאנגען מיט דער פרוי, וועלכע איז אמאָל געוועזן איהר אממע, האט זיא נאָכדעם איבערגעגעבען צו דער מכשפה לילית און יעצט פיהרט זיא איהר ערטרינקען אין טייך. נאַכטיגאַל האט זיא אבער ניט געקענט. זיא האט אויך ניט געוואוסט, אז פערראנד האט דאָס פון לילית'ן ערפאהרען, וואו זיא געפינט זיך.

וויא סעראפינא און נאַכטיגאַל זיינען ארויס פון סאנט לאזארוס האבען זיי בענענענד פריילין דיפּעלטאן, וועלכע איז געגאנגען בעזוכען לואיזע מאָרעל.

— דיפּעלטאָן! — האט נאַכטינאַל אויסגעשריען ווען זיא האט ערזעהן איהר פריינדין, וועלכער זיא האט אזוי לאַנג ניט געזעהן.

— נאַכטינאַל! — האט דיפּעלטאָן אויך אויסגעשריען.

— שוועסטער, איך האב שוין ניט גערעכענט, אייך ווידער צו זעהן, — האט נאַכטינאַל געזאָגט און טרעהרען האבען זיך געוויזען אין איהרע אויגען.

— אָה, וויא פרעהט עס מיך צו זעהן מיין עהרליכע און גוטהערציגע שוועס־טער! איך זעה אָן אייערע קליידער, ליעבע נאַכטיגאַל, דאָס איהר האט דיא גאַנצע צייט פערבראַכט אין א דאָרף, אויף גראָז און צווישען בלומען.

— יא, — האט נאַכטינאַל געענטפערט און איז געוואָרען רויטה — אבער וואָס זאָל עס בעדייטען דאָס איהר זייט אזוי טרויעריג און איהר זעהט אויס אזוי שלעכט, אנשטאט וואָס איהר זייט אימער געווען פריש און פרעהליד.

— אָה, ליעבע שוועסטער, וויא זאָל איך ניט זיין טרויעריג און וויא זאָל מיין הערץ ניט צובראָכען ווערען, ווען איך געה בעזוכען אין געפענגניס מיין נאַכבארין, אן ארמעס פריילין, אָבער זעהר אן עהרליכע און אן אדעלע, וועלכע איז אונגליקליך געוואָרען דורך דיא לומפּעריי פון א ניעדערטרעכטיגען מאַן. דאָס פריילין הייסט לואיזע און איהר פאָטער איז מאָרעל א דיאַמאַנטען-שלייפער, וועלכער איז אראָפּ פון זינען פון פיעל צרות און הונגער. דער ניעדערטרעכטיגער מאַן, וואס האט דיעזע פאַמיליע רואינירט האט אויך געמאַכט א בילבול אויף אן אדעלען יונגען מאַן, מיינער א געוועזענער נאַכבאר, וועלכער הייסט דזשערמאַן. דער באַנדיט הייסט יעקב פעררּאַנד.

סעראַפינא איז פערציטערט געוואָרען הערענדיג דיא מיינונג פון אונבעקאַנטע מענשען איבער איהר ווירטה און איהר הויז. זיא האט אָנגעפאַנגען מורא צו האבען פיעללייכט ווייס דיפּעלטאָן אַלעס און פיעללייכט וויים זיא וואָס פעררּאַנד איז גע־שטאַנען אין פערבינדונג מיט דער מכשפה לילית, און אום צו מאַכען אַ ענדע פון געשפּרעך האט זיא געזאָגט:

— קומט נור, קינד מיינס, מיר דאַרפען געהן אַ וויטען וועג און דיא צייט איז זעהר קורץ. מיר טהוט זעהר לייד אויף דער אַרמער לואיזע און דעם אונגליקליכען דזשערמאַן.

— יא, איהר קענט ניט העלפען; אָבער דיא וואָס קענען ווילען ניט און דיא עהרליכע זעלען שמאַכטען אין געפענגניס גאַנץ אומזיסט. יא, אין דער גאַנצער וועלט גיבט עס קיין איינציגער גוטער מענש.

— זאָגט עס ניט דיפּעלטאָן, זאָגט עס ניט! — האט נאַכטינאַל זיך אָבגערופען.

איך קען א מאן וואָס האט געווידמעט זיין גאנצען לעבען און זיין גאנצען פערמעגען צו העלפען דיא ארימע, צו פערטהיידיגען דעם שוואכען געגען שטארקען, צו בעד שטראָפען דעם שלעכטען צו פערגיטיגען דעם עהרליכען. ווען ער וואָלט וויסען אלעס וואָס פערראנד האט געטהאָן, וואָלט ער איהם געוויס בעצאָהלט נאך זיין פערדינסט, דען עס גיבט קיין ענדע צו זיינע וואָהלטהאטען.

— וויא הייסט דיעזער עדעלער מאן? — האט דיפעלטאָן געפרעגט.

— רודאָלף איז זיין נאָמען.

— רודאָלף? — האט דיפעלטאָן געפרעגט מיט דער גרעסטער איבערראשונג — וויא זעהט ער אויס?

נאכטיגאל האט פאָרגעשטעלט רודאָלף׳ס גאנצע אויסזעהן און דיפעלטאן האט אויסגעשריען:

— דאָס איז דאך דער זעלבער רודאָלף וועלכען איך קען. ער איז דאך מיין נאכבאר, וועלכער וואוינט אויף׳ן פיערטען עטאזש, נומער 17 טעמפעל שטראסע.

— אויב אזוי איז עס ניט דערזעלבער רודאָלף. מיין רודאָלף איז א רייכער און א גרויסער העדר און אלע וועלכע קענען איהם זאָגען, אז ער איז א מלאך.

— מיר שיינט אויך, אז ער איז ניט דערזעלבער רודאָלף, דאך וועל איך איהם פרעגען אויב ער קען אייך, און איהר פרעגט אייער רודאָלף׳ן אויב ער קען מיך און דאדורך וועלען מיר וויסען דיא וואַרהייט.

— וואו וואוינט איהר דיפעלטאָן? — האט נאכטיגאל געפרעגט.

— דאָרט, וואו מיין רודאָלף וואוינט. אין נומער 17 טעמפעל שטראסע.

— מיר האָבען מעהר קיין צייט דאָ צו שטעהן, — האט סעראפינא געטענה׳ט וייל זיא האט געפירכטעט פאר דיעזען געשפרעך — דער וועג וואוהין מיר געהן איז א וויטער און דאָרט האבען מיר אויך זעהר פיעל צו טהאָן.

— לעבט וואָהל דיפעלטאָן, איך האָף אייך צו בעזוכען אין אייער וואוינונג, ווען ניט וועל איך אייך שרייבען.

דיא צוויי פריינדינען האבען זיך צוזעגענד. דיפעלטאָן איז אוועק איהר וועג און סעראפינא האט זיך אריינגעזעצט אין א קארעטע מיט דער נאכטיגאל און האט געהייסען פאָהרען צום וועג וואָס פיהרט צום אסניערס אינזעל.

— מיר שיינט, אז דאָס איז ניט דער וועג נאך בוקפעל, — האט נאכטיגאל געזאָגט.

— איך וועל אייך גאָר נישט זאָגען ביז איך וועל אייך ברענגען צו דיא עהר־ליבסטע מענשען, וועלכע האבען מיט אייך געטהאָן גרויסע טובות. מען האט מיר

פערזאגט איך זאָל מיט אייך קיין איינציגען וואָרט ניט ריידען פון קיין געגענשטאַנד ביז איך וועל אייך ברענגען צום ציעל.

נאַכטיגאל האט מעהר קיין וואָרט ניט געשפּראָכען ביז זיי זיינען געקומען צום טייך. נאַכטיגאל האט פון וויטען דערזעהן דעם אינזעל אסניערע. מיט זיינע שעהנע ביימער און פיינע בערג.

— אָה, וויא שעהן דיעזער אינזעל זעהט אויס, וויא לוסטיג דיא ביימער זעהן אויס און וויא שטיל דיא בערג שטעהן. דאס הויז אונטערן בארג זעהט אויס וויא דער וואוינונג פון דיא עהרליכסטע מענשען אין דער וועלט,—האט נאַכטיגאל גע־שפּראָכען מיט איהר געוועהנליכען ענטציקונג פון דער נאַטור.

— אויף דיעזען אינזעל וועל איך אייך פיהרען; דען אין יענעם הויז האבען זיך פערזאמעלט אלע אייערע וואָהלטהעטער צו פייערען אייער בעפרייאונג פון סאנט לאַזארוס. דאָרט וואָרט אויף אייך אייער גוטער רודאָלף און דיא ליעבע מאדאם געאָרג.

— אָה, וויא גליקליך איך בין!—האט נאַכטיגאל אויסגעשריען און איהרע אויגען זיינען געוואָרען פייכט פון טרעהרען.

ווען זיי זיינען געשטאַנען ביי'ן ברעג האט סעראַפינא געגעבען א צייכען מיט איהר טיכעל און דיעב מיט זיין אַלטע שיפעל איז צוגעפאָהרען. הינטער איהם איז נעגאַנגען נאך א שיף, וועלכע איז געפיהרט געוואָרען פון זיין מוטער און זיין שוועס־טער. סעראַפינא און דיעב האבען זיך אָפּגעגעבען זייערע סמנים און דאן האבען זיי זיך בעדונגען דעם פרייז פאר איבערפאָהרען דעם טייך. נאַכטיגאל האט זיך אריינ־געזעצט אין דעם שיפעל, וואו דיעב איז געזעסען. סעראַפינא האט מורא געהאט צו זעצען זיך אין יענעם שיפעל וואָס האט זיך בעדארפט אומקעהרען. זיא האט ניט געוואָלט געטרויען אויף דיעב'ס עהרענ־וואָרט, אז ער וועט זיא רעטען און זיא האט זיך אריינגעזעצט אין דעם צווייטען שיפעל.

ביידע שיפען זיינען אָפּגעפאָהרען. דיעב איז געגאַנגען פאָראויס און זיין שוועס־טער האט גערודערט נאך איהם. וויא דיא שיפען זיינען געקומען אין מיטען וואסער, האט דיעב א פעסטען בריק געטהאן אין דעק פון זיין שיפעל און דאס וואסער האט גלייך גענומען פלייצען און שלעפּען דיא שיפעל צום גרונד. דיעב איז שנעל אריינגע־שפּרונגען אין וואסער און איז צוגעשוואומען צום צווייטען שיפעל, וועהרענד נאַכטיגאל איז געבליעבען אין דעם שיפעל וואס איז שוין באלד געווען פול וואסער.

סעראַפינא האט אַפּלאָדירט דיעב'ס מוטה און העלדישע ארבייט. זיא האט ניט געקענט בעהאלטען איהר פריידע פון נאַכטיגאל'ס טוידט; אָבער וועהרענד זיא

האט זיך געפרעהט האט דיעב גענומען זיין האק און האט מיט איין קלאפ צושפאל־
טען סעראפינא׳ס קאפ, און איידער דיא אלטע מערדערין, יעקב פערראנד׳ס מאטרעסע
האט צייט געהאט אויסצושרייען האט ער זיא ארייננעשליידערט אין וואסער, און
האט געענדיגט זיין ארבייט וויא אן עהרענ־מאן, נאך דער בעדינגונג מיט יעקב
פערראנד.

58טעס קאפיטעל.

דער וואלף רעטעט דיא שעפסען.

וואלף דיא צולאזענע מיידעל פון אסעניערס אינזעל, וועלכע איז געזעסען אין
סאנט לאזארוס צוזאמען מיט דער נאכטיגאל האט זיך אין גאנצען געענדערט זייט
זיא האט זיך בעקענט מיט איהר פרומע חבר׳טע. זיא איז פלוצלינג געווארען שטיל
און גוט. דיא אויפזעהר פון סאנט לאזארוס האבען זיא בעפרייט פון געפענגניס
פריהער מיט עטליכע טעג איידער איהר צייט האט זיך געענדיגט, אום זיא זאל זעהן
דאס דער גוטער וועג איז דער בעסטער.

ווען וואלף איז ארויס פריי פון דיא אייזערנע סאנט לאזארוס טהירען האט
זיא קיין אנדער געדאנק ניט געהאט, נור צו פיהרען אן עהרליכען און רוהיגען לעבען
נאך דער פאנטאזיע וואס נאכטיגאל האט איהר פארגעשטעלט, און צוזאמען מיט
איהר זאל לעבען איהר אנקעל מארטיאל, אין וועלכען זיא איז איינגעליעבט. מיט
שנעלע טריט איז זיא געפלויגען צום טייך צו שיפען זיך צו איהר היים. ביי׳ן טייך
האט זיא ניט געפונען קיין איינציגע שיפעל און קיין איינציגען פישער וואס זאל זיא
נעהמען צו איהר אינזעל. איינער פון דיא פישער, איהרער און מארטיאל׳ס בעסטער
פריינד איז געשטאנען ביי׳ן ברעג, אבער ער האט קיין צייט געהאט איבערצופיהרען
זיין פריינדין.

— וואס מאכט מארטיאל? — האט וואלף איהם געפרעגט נאבדעם וויא ער
האט איהר ענטזאגט זיין שיפעל.

— ער איז קראנק! — האט דער פישער געענטפערט.

— קראנק! און איך האב עס ניט געוואוסט!

— יא, ער איז געבעך אונגליקליך. מיך טהוט זעהר לייד, ער איז מיין בעסטער
פריינד.

— וואס איז זיין קראנקהייט? ווארום איז ער אזוי אונגליקליך?

— שווערט מיר, קיינעם ניט צו ענדעקען וואס איך האב אייך געזאגט און
איך וועל אייך אלעס ערצעהלען.

— איך שווער עס ביי גאט!

— איהר זאלט וויסען, — האט דער פישער אנגעפאנגען — דאס צירע און חלשות ווילען ערמארדען זייער קינד און ברודער. הייטע פריה האב איך בעגעגענד דיא מערדערין צירע און האב איהר געפרעגט ווארום מען זעהט ניט איהר זאהן מארטיאל. זיא האט אויף מיר אויסגעגלאצט איהרע מערדערשע אויגען און האט געענטפערט, אז ער איז קראנק און וועט מעהר ניט געזונד ווערען. אבער וואלף וואס טהוט איהר? ווארום לויפט איהר איידער איך האב געענדיגט מיין ערצעהלונג?

וואלף האט אבער ניט געווארט. זיא האט געוואוסט וואס צירע און חלשות און דיעב זיינען פעהיג צו טהאן. זיא האט גלייך פערשטאנען, אז איהר געליעבטענס לעבען איז אין געפאהר. זיא האט ניט געוואלט ווארטען אויף דער ענדע פון דער ערצעהלונג; זיא האט אויך ניט געוואלט בערעבענען וואס דיא ענדע קען זיין פון איהר אונטערנעהמונג. זיא וואר א גוטע שווימערין, דען איהר גאנצען לעבען האט זיא פערבראכט ביי'ן וואסער. אהנע פיעל צו דענקען איז זיא אריינגעשפרונגען אין טייך און האט גענומען ארבייטען מיט דיא הענד און מיט דיא פיס, שווימענדיג נעגען שטראם און איבער וועלען, און האט געשניטען איהר וועג גלייך צום צווייטען ברעג.

וועהרענד וואלף איז געשוואומען איז דאקטאר גריפון און דער אלטער גראף פאן סאנט רעמי אנגעקומען צום ברעג. זיי האבען דערזעהן וויא דיא וואלף ארבייטעט אויפ'ן וואסער מיט אלע קרעפטען און זיי האבען גענומען שרייען נאך הילפע, נאך רעטונג פאר דער אונגליקליכער; אבער איידער זיי האבען בעקומען א שיפעל און האבען זיך געלאזט אויפ'ן וואסער איז דאס מיידעל שוין געוועז ביי'ן ברעג און האט אפגעטרייסעלט דאס וואסער פון איהרע קליידער און פון איהרע צעפ.

איידער דיא שווימערין איז אפגעגאנגען פון טייך האט זיא בעמערקט וויא דיא וועלעןווארפען ארום דעם קערפער פון א דארפס-מיידעל. וואלף האט קיין סעקונדע ניט געטראכט. זיא האט זיך וויעדער אריינגעווארפען אין טייך, איז צוגעשוואומען צו דאס מיידעל און אננעהמענדיג דעם ערטרונקענעם קערפער פאר דיא האאר האט זיא איהם ארויסגעשלעפט אויפ'ן ברעג.

דאקטאר גריפון און סאנט רעמי וועלכע האבען עס אלעס געזעהן זיינען געפלויגען מיט זייער שיפעל צום צווייטען ברעג און האבען ניט אויפגעהערט צו מוטהיגען דער העלדין מיט זייערע געשרייען און צו טרייבען זייער שיפעל וואס שנעלער.

וואלף האט אבער ניט געהערט זייערע קולות. זיא האט א טרייסעל געטהאן דעם דערטרונקענעם קערפער צו זעהן אויב ער האט נאך לעבען און האט זיך איינגעקוקט אין זיין געזיכט.

— נאַכטיגאַל! — האט זיא פּלוצלינג פערצווייפעלט אויסגעשריען — וועה, דאס איז דיא גוטע נאַכטיגאַל! זיא, די בעסטע פון אלע מיידלעך אין סאנט לאַזארוס איז ערטרונקען געוואָרען! וועה איז מיר! אבער ניין, זיא לעבט נאָך! איך זעה יאָך צייבענס פון לעבען אין איהר געזיכט און איהר קערפּער! אָה, וויא גליקליך איך בין! איך האב גערעטעט א מענשליכען לעבען איך האב גערעטעט דיא נאַכטיגאַל! אבער וואָס טהו איך יעצט? איך מוז לויפען רעטען מיין אָנקעל פון דעם טויט וואס זיין אייגענע מוטער און זיין אייגענער ברודער האט פאַר איהם פּאָרבערייטעט, און דעם קערפּער פון מיין פריינדין קען איך דאָ אויך ניט לאָזען? יאָ, יאָ, איך וועל דיא נאַכטיגאַל נעהמען אויף מיינע הענד און איך וועל זיא ברענגען אין צירעס הויז. איך וועל זיי מיט גוואלד צווינגען צו העלפען דיעזער אונגליקליכער און צו בעווייזען מיר וואו מאַרטיאַל געפינט זיך. טוהען זיי עס ניט צוהאַק איך זייערע קעפּ און לאַז וויסען דער פּאָליציי ווער זיי זיינען.

ריידענדיג האט זיא גענומען נאַכטיגאַל'ס קערפּער אויף דיא הענד און איז אוועק גלייך צו דיא מערדער אין הויז.

צירע, חלשות און דיעב האבען ניט געזעהן וואָס אויפ'ן טייך איז געשעהן און ועמען וואָלף האט געטראָגען צו זייער הויז; דען באַלד וויא זיי האבען אריינגעשליידערט דיא צוויי פרויען אין וואסער האבען זיי זיך אומגעקעהרט נאָך פּאריז און זיינען באַלד אוועק צו קולאַק'ס שענק, צו ערמאָרדען און צו בערויבען דיא פרוי מאַטיא דיא אגענטין פון בודיאַנס דיאַמאנטען־געשעפט. איין מאַן, וועלכער איז געשטאַנען ביי'ן ברעג, איינגעוויקעלט אין א גרויסען פּעלץ איז אויך פערשוואונדען גלייך וויא דיא צוויי קערפּער זיינען געפאַלען אין וואַסער. דיעזער מאַן וואַר יעקב פערראַנד.

וואָלף איז געקומען צום הויז מיט דער נאַכטיגאַל אויף איהרע הענד. זיא האט דאס הויז געפונען פערשלאָסען און פערשפּאַרט פון אלע זייטען. זיא האט אוועקגעליינט דער ערטרונקענער פריינדין און האט גענומען לויפען ארום הויז שרייענדיג: „מאַרטיאַל וואו ביזט דוא?! מאַרטיאַל וואו ביזט דוא?!“ זיא האט מיט אלע קרעפטען געקלאַפּט אויף דיא טהירען און איבער דיא לאָדען ביז זיא האט דערהערט א שוואַכע שטימע וויא פון א קבר. זיא האט ערקענט, אז דאָס איז מאַרטיאַל'ס שטימע. מוטהיג וויא א וואָלף פון וואלד איז זיא ארויף אויפ'ן דאך און קומענדיג צום אָרט וואו מאַרטיאַל וואַר איינגעשלאָסען האט זיא מיט דיא הענד און מיט דיא צייהן אויפגעריסען א לאָך און האט זיך אריינגעלאָזען אין קאָרידאָר. זיא האט געפונען א וועג צום הויז וואו זיא האט אויפגעזוכט א האַק און „ניט פערזאַמענדיג

איין סעקונדע האט זיא אויפגעהאקט דיא טהירען וואו מארטיאל, חאטוב און מחלה ווארען איינגעשפארט. דיא קליינע קינדער האבען אין דיא צוויי טעג פון זייער גע־פאנגענשאפט געהאט וואס צו עסען, וועהרענד מארטיאל איז געלעגען בלאס וויא א טויטער און שוואך וויא אן ערשט געבארענעס קינד. וואלף האט גלייך בעפוילען דיא קינדער זיי זאלען לויפען מאכען פייער אין הויז און אריינטראגען דיא ערטרונ־קענע מיידעל אין הויז צום פייער. זיא אליין איז צוגעלאפען צו איהר געליעבטען, וועלכער האט ניט געהאט גענוג קרעפטען צו דאנקען איהר פאר איהר גראסמוטהיגע טהאט.

א היבשע ווײלע איז מארטיאל געלעגען שטיל און שוואך און האט מיט גרויס שווערינקייט געאטהמעט דיא פרישע לופט וואס איז געקומען פון אפענעם פענסטער. וואלף האט געזעהן אז ער האט זיך אויפגעלעבט וויא איהר געליעבטען איי יענעם אויגענבליק ווען ער האט געפיהלט אז ער וועט שטארבען ניט פון הונגער, נור ווייל ער האט קיין לופט געהאט צו אטהמען. זיין צימער אין וועלכען ער איז געווען פערשלאסען וואר קליין אהן א קוי־מען און אהן א שפאלט. זיין מוטער און זיין שוועסטער האבען פון דרויסען פער־קלעפט און פערשלאגען יעדען פלאץ פון וואנען פרישע לופט האט צו איהם געקענט אריינקומען.

וואלף האט גלייך בעמערקט וואס איהר געליעבטען פעהלט. זיא האט זיך אנגעשטריינגט מיט אלע קרעפטען און האט איהם ארויסגעפיהרט פון צימער אונטער דיא ביימער.

מארטיאל איז א ווײלע געלעגען אויפ'ן פרישען לופט און האט געעפענט זיינע אויגען.

— יעצט ווערט מיר בעסער, — האט מארטיאל געזאגט — ווען דוא מיין גע־ליעבטע קומסט ניט אזוי שנעל, דאן וואלט איך נאך הייטע געשטארבען.

— ווילסט דוא אביסעל וואסער? ווילסט דוא עפעס עסען? — האט וואלף איהם געפרעגט ווייל זיא האט ניט געוואלט ריידען פון איהר טהאט איידער זיא האט איהם געזעהן פאלשטענדיג געזונד.

— ניין, איך וויל ניט עסען און וויל ניט טרינקען. דיא פרישע לופט גיט מיר לעבען. איך וואר לעבעדיג בעגראבען און דוא האסט מיך גערעטעט פון קבר.

— אה, וואס זעה איך?! דיינע הענד זיינען פאל מיט וואונדען, וועה, ווער האט עס דיר געמאכט?

— דאס האט מיר מיין שוועסטער געמאכט. זיי האבען מיך פערשפארט אין דיעזען צימער און ווען איך האב זיך מיט זיי געראנגעלט, זיי זאלען ניט פערשלאגען

מיין פענסטער, האט חלשות מיין שוועסטער צוהאקט מיין האנד מיט א האק.

— אָה, דיעזע ניעדעריגע חלשות! דיין מוטער האט ארויסגעלאָזען א קלאנג, אז דוא ביזט געפעהרליך קראנק, דוא וועסט געוויס שטארבען. אָה, דיין פאמיליע!

— בעסער עראינער זיי ניט פאר מיר, — האט מארטיאל טרויעריג געבעטען - אבער וואס איז מיט דיר געשעהן, דיינע קליידער זיינען נאס, דיינע צעפּ זיינען צו־לאָזען און פון דיא האאר פלייצט וואסער גלייך וויא מען וואלט דיך ארויסגעשלעפּט פון טייך? זאָג מיר געליעבטע וואס איז מיט דיר געשעהן?

— גאָר נישט. איך האב נור געהערט, אז דוא ביזט אין געפאהר. איך האב ניט געקענט געפינען א שיפעל וואס זאל מיך איבערפיהרען דעם טייך בין איך גע־שוואומען און דוא ווייסט דאך אז איך בין א גוטע שווימערין.

— אָה, גוטע זעעלע! — האט מארטיאל מיט טרעהרען געזאָגט — מיין לעבען איז ביי דיר טהייערער פון דיינעם. איך שווער, אז איך וועל פריהער שטארבען איידער איך וועל דיעזען טהאט פערגעסען.

— דאס איז קיין גרויסע זאך. איך בין א גוטע שווימערין און שווימענדיג צו דיר האב איך נאָך געהאט דיא געלעגענהייט צו רעטען אן אדעלעס קינד פון וואסער. זיא איז יעצט מיט דיא קינדער ביי'ן פייער. איהר נאמען איז נאכטיגאל, זיא איז געזעסען צוזאמען מיט מיר אין סאנט לאזארים. ויא האט אזא גוטע זעעלע, דאס זיא האט מיך אין גאנצען געענדערט. אלע שלעכטע זיטען וואָס איך האב געהאט האָט זיא מיט איהרע גוטע רייד פערוואנדעלט אין גוטע מעלות. יעצט בין איך א גאנץ אנדער מענש. איך בין ניט דיא זעלבע וואלף וואָס פריהער.

— איך בין אויך געוואָרען אן אנדער מענש! — האט מארטיאל איהר געזאָגט — איך האב בעשלאָסען אוועקצונעהמען דיא קינדער פון דיעזען הויז אום זיי זאָלען ניט ווערען וואס זייער מוטער איז. איך וויל דיך נעהמען פאר מיין בעגלייטערין און צוזאמען וועלען מיר אוועק אין אן אנדער שטאדט. איך וועל זיין א פאטער צו דיא קינדער און דוא וועסט צו זיי זיין א מוטער. מיר וועלען צוזאמען ארבייטען און פיהרען אן עהרליכען און אנשטענדיגען לעבען.

— אָה, מארטיאל, דוא האסט דיעזע ווערטער ארויסגענומען פון מיין מויל. איך בין אהער געקומען אום דיך צו בעטען דוא זאלסט מיך הייראטהען און מיר זאָלען פערלאסען דיא שטאדט און מאכען אונזער היים אין שעהנעם וואלד. דוא מוזט מיך אבער הייראטהען, זאנסט וועסט דוא ניט בעקומען דיעזע גוטע שטעלע.

— וואס פאר א שטעלע וועט מען עס מיר געבען? — האט מארטיאל געפרעגט. ער האט ניט פערשטאנען און האָט ניט געוואוסט פון וואָס זיא רעדט.

— אָה, דוא װעסט זיין דער װעכטער פון װאלד!

— פון װעלכען װאלד? און װער װעט אונז דיעזע שטעלע פערשאַפען?

— זעהר גוטע מענשען, מארטיאל, דיא זעלבע גוטע מענשען װאס האבען גע־טהאן אזוי פיעל גוטעס מיט דאס מיידעל װעלבע איך האב ארויסגענומען פון װאסער. איך האב מיט איהר גערעדט, איידער מיר זיינען ארויס פריי און זיא האט מיר פערשפראָכען צו ריידען פון אונזערט־װעגען מיט איהר װאָהלטהעטער. זיא האט מיר פאָרגעשטעלט דעם זיעסען לעבען װאס מיר ביידע קענען פיהרען, װען מיר װעלען פיהרען אַן עהרליכען לעבען, דאָרט אין דעם פרישען װאלד און שעהנער נאכבאר־שאפט, דאָרט װאו אונזערע קינדערליך װעלען זיך שפּיעלען און אונזער הויז װעט זיין פאָל מיט אַל־דאס־גוטס. אָה, איך קען זיך ניט איינהאַלטען פון טרעהרען, װען איך ערמאָנער מיך אויף איהרע זיעסע װערטער. זיא איז א מיידעל װעלבע שטעהט העכער פון אונז אלעמען, און אלעס װאָס זיא זאָגט מוז מקוים װערען.

— אבער װאו איז זיא דיעזע ערהאבענע מיידעל? — האט מארטיאל געפרעגט. װארום האָסט דוא זיא פערלאָסען? העלף מיר נור אויפצושטעהן און מיר װעלען ארייגגעהן אין הויז. איך פיהל זיך שוין פיעל שטארקער. איך װער שוין װיעדער געזונד. יעצט בין איך נור הונגעריג. איך װעל אפּעסען און בין װיא געװען. קום נאָמיר אַנװענדען אלע קרעפטען צו רעטען דיא אדעלע זעעלע.

װעהרענד מארטיאל און װאָלף האבען געשפּראָכען איז דער אלטער גראף פאָן סאנט רעמי און דאקטאר גריפין אנגעקומען צום אינזעל און זיינען אריין אין הויז װאוהין דיא קינדער האבען אריינגעטראָגען דיא האלב טויטע נאכטיגאל. דער דאקטאר האט זיא באלד בעטראכט און האט ערקלעהרט, דאס זיא איז נאך ניט טויט, אבער ער װייס ניט אויב מען קען איהר שוין רעטען.

— עס טהוט מיר לייד אויף אזא יונגעס קינד! — האט דער אלטער גראף געזאָגט — זיא איז נאָך צו יונג צו שטארבען. גיעבט עס דען גאָר קיין הילפע?

דער דאָקטאר האט זיא װיעדער בעטראכט. ער האט געעפענט איהרע אוי־גען, ער האט געקלאפּט איבער איהר ברוסט און האט זיא פאלשטענדיג אונטער־זוכט. ער האט אבער װיעדער א קװעטש געטהאן מיט דיא פּלייצעס און האט ער־קלעהרט, אז ער איז ניט זיכער אין איהר לעבען.

װעהרענד דער דאָקטאר האט אונטערזוכט דיא קראנקע איז מארטיאל און װאָלף אריין אין הויז. פון דער אונטערזוכונג האבען זיי באלד פערשטאנען אז דער פרעמדער איז א דאָקטאָר און ביידע צוזאמען האבען באלד געפרעגט אויב דיא דיא אונגליקליכע װעט אפּלעבען. װען זיי האבען פון דאקטאר געהערט דאס זיי

קענען ווענינ האָפען, האט וואָלף זיך צרווינס וויא א קינד און מארטיאל האט איך געפיהלט גרויסען פערדרוס.

— ווילט איהר האלטען דיא קראנקע אין אייער הויז? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

— מיר וואלטען עס גערען געוואָלט, — האט מארטיאל געענטפערט — אבער דיעזע הויז געהערט ניט צו אונז. מיר אלע וועלכע איהר זעהט פאר אייערע אויגען מוזען שנעל וויא מעגליך פערלאָזען דעם אינזעל.

— דאן וועל איך נעהמען דיא אונבעקאנטע און מיין הויז און וועל זיא בע־האנדלען, פיעללייכט קען זיא נאך אָפּלעבען, — האט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— טויזענד דאנקען אייך אדעלער מאן! — האט וואָלף דעם דאקטאר געזאגט. דיעזעס מעדכען איז אן ענגעל, זיא האָט א הערץ און א געפיהל וועלכען מיר האבען נים. ווען זיא וועט געזונד ווערען וועט זיא פערשטעהן וויא אייך צו דאנקען.

דער אלטער גראף האט דערווייל בעמערקט דיא וואונדען פון מארטיאל'ס האנד.

— זעהט דאקטאר, — האט דער גראף ערשראקען אויסגעשריען — דיעזער מאן האט א האנד וועלכע איז צוהאקט וויא פלייש אין יאטקע.

דער דאקטאר האט בעטראכט מארטיאל'ס טיעפע וואונדען, האט איהם גע־הייסען צומאכען און עפענען זיין קולאק.

— עס איז ניט געפעהרליך. דיא אדערען זיינען גאנץ. אין אכט טאָג קען דיעזע האנד זיין גלייך מיט אלע הענד, — האט דער דאָקטאָר ערקלעהרט.

— מיין מארטיאל וועט ווערען געזונד! — האט וואָלף אויסגעשריען פון פריי־דע — אבער דאָקטאָר איך בעט אייך מאכט לעבעדיג דיעזע שעהנע געטין. זיא איז אונזער מלאך און אויף איהר זיינען געבויט אונזערע האָפנונגען.

— איהר קענט זיא? — האט דער גראף געפרעגט.

— אויב איך קען זיא פרעגט איהר? אה, איהר דארף איך פערדאנקען דאס גליק פון מיין לעבען. ווען איך האב זיא גערעטעט פון וואסער האב איך ניט גע־טאהן א צעהנטעל וואס זיא האט געטהאן, ווען זיא האט מיך גערעטעט פון זומפ!

— און ווער איז זיא?

— א מלאך. זיא איז אלעס וואס גוט און שעהן. זיא איז געקליידעט וויא א דאָרפס־מיידעל; אבער קיין דאמע אין דער וועלט קען ריידען אזוי זיס און אזוי שעהן וויא זיא.

— וויא אזוי איז זיא אריינגעפאלען אין וואסער?

— איך ווייס ניט.

— איז זיא א דארפס־מיידעל?

— איהר זעהט דאך אויף איהרע דינע און ווייכע הענד.

— זיא איז א געהיימניס. וויא איז איהר נאמען? פון וואנען קומט זיא?— האט סאנט רעמי געפרעגט.

— גענוג צו פרעגען! — האט דער דאקטאר אויסגעשריען — פון ריידען קען זיא ניט געזונד ווערען. נאמיר זיא נעהמען אין אונזער שיפעל און פיהרען צו זיך אין הויז.

אין א האלבע שטונדע ארום איז נאכטיגאל געלעגען אין א ווארימען צימער און אין א ווייכע בעט. וואלף איז געזעסען ביי איהר בעט. זיא האט פון איהר ניט געוואלט אפטרעטען ביז זיא וועט ארויס פון געפאהר און מארטיאל מיט זיין ברודער האטוב און זיין שוועסטער מחלה זיינען אוועק אין פאריז.

דער אינזעל אסעניערס איז געבליעבען וויסט און לעהר. מיר וועלען קירצליך זיך טרעפען מיט איהרע איינוואוינער אין קולאקס הויז, וואוהין זיי זיינען אוועק בע־רויבען און ערמארדען דיא פרוי מיט דיא דיאמאנטען. פארלויפיג וועלען מיר ארי־בערגעהן צום ארט וואו טהאמאס סייטאן שרה'ס ברודער האט בעשטימט צו זעהן זיך מיט דער אלטער מכשפה, וועלכע האט פערביטערט נאכטיגאל'ס לעבען.

59טעם קאפיטעל.

ד א ס ב י ל ד.

טהאמאס סייטאן האט אונגעדולדיג שפאצירט איבער דעם סאנט דעניס טהאל ביז לילית איז אהין געקומען.

לילית איז געווען יום־טוב'דיג פערקליידעט. זיא האט געטראגען א קארב פון וועלכען עס האט ארויסגעשטעקט א לאנגער שפיעז. טהאמאס האט דיעזען שפיעז ניט בעמערקט. ער האט דער אלטער מכשפה געגעבען א צייכען און זיא איז איהם נאכגעגאנגען ביז זיי זיינען געקומען צו א גרויסער געביידע. דארט האט טהאמאס געגעבען א צווייטען צייכען. לילית איז געבליעבען שטעהן אין דרויסען און טהאמאס איז אריין אין דיעזען הויז.

— ער זאל מיך דא נור צולאנג ניט אויפהאלטען! — האט לילית ביי זיך גע־טראכט — איך האב נאך א שטיק וועג צו געהן ביז קולאקס שענק. דארט ווארטען אויף מיר בארבאליאן און מארטיאל'ס פאמיליע. אה, מיין שפיעז איז גאנץ שארף! דאס איז דעם לעהרערס שפיעז, איך האב עס ביי איהם אפגענומען, ווען איך האב

איהם פערשפּארט אין קולאקס קעלער, דאָרט וואו מיר האבען אמאל ארייגעשליי־ דערט דעם פערפלוכטען רודאָלף. דיעזער שפּיעז וועט מיר העלפען צו מאכען א סוף מיט דער דיאמאנטען־אגענטין. אָה, איך וועל מאכען א גרויסען פערמעגען, איך וועל ווערען רייך. פון דעם נאָטאריוס מוז איך אויך נעהמען געלד אָהן א צאָהל. אויב ער וועט מיך ארויסווארפען פון זיין הויז וועל איך גלייך שרייבען צו נאכטיגאל'ס פריינדע, אז ער, יעקב פעררארנד, האט גערויבט און ערמאָרדעט דאָס מיידעל. זיי וועלען זיך מיט איהם אָפּרעכענען! אויב זיי וייסען נאך ווער איהרע עלטערן זיינען, וועט איהם דאן זיין פינסטער און ביטער. האַ, איך הער מען קומט — זעה, דיא פרוי וועלכע וואר פערקליידעט ווי א מאן, וועלכע מיר האבען בעגעגענד אין דער „סיטע" קומט אהער, זיא קומט צו מיר, זיא וויל מיך עטוואס בעטען, אזוי האט דער מאן וואס האט מיך אהער געבראכט ערקלעהרט. גוט, אויב זיא וויל נור געבען גענוג געלד, וועל איך טהאן וואָס זיא ווינשט.

וויא מיר האבען דעם לעזער שוין ערצעהלט האט שרה געזוכט אלע מיטלען איינצורייידען איהר געוועזענעם מאן רודאָלף דאָס זייער קינד לעבט. זיא האט גע־ האָפט, אז דאדורך וועט ער זיא ווידער מאכען צו זיין פרוי, ווייל ער וועט וועלען דאס זיין איינציגעס קינד זאָל האבען א מוטער. ווען שרה האט זיך איבערצייגט, אז זיא וועט ניט זיין אימשטאנדע צו צווינגען דעם שווינדלער פעררארנד, ער זאָל איהר העלפען אין דיעזען פּלאַן, האט זיא בעשלאָסען צו ווענדען זיך צו דער אלטער מכשפה, וועלכע איז פעהיג צו אלעס אין דער וועלט.

— הערט מיך אויס, — האט שרה געזאָגט ווען זיא איז געקומען נאָהענט צו דער מכשפה — איך האב צו אייך א וויכטיגען און געהיימען געשעפט. איך וועל אייך גוט בעלוינען ווען איהר וועט האלטען דעם סוד.

— איך בין דיא איינציגע פרוי אין דער וועלט צו האלטען א סוד, — האט לילית געענטפערט.

— אויב אזוי וועל איך אייך געבען אן אויפטראג, איהר זאָלט געפינען א יתומה, וואָס זאָל אלט זיין זיעבענצעהן יאָהר, זיא זאָל זיין שעהן און אנגענעהם. דיעזע יתומה זאלט איהר ברענגען צו מיר און איך וועל אייך זעהר רייך בעלוינען.

— אָה מאדאם! — האט לילית מיט התפעלות געזאָגט — האט איהר פערגע־ סען דיא נאכטיגאל?

— ווער איז דיא נאכטיגאל?

— דאָס מיידעל, וועלכע מיר האבען גענגנבעט פון מאָדעל פארם. זיא איז א געבאָרענע יתומה, זיא איז שעהן וויא דיא לבנה און אנגענעהם וויא גאָלד. זיא איז

ערשט זיבענצעהן יאָהר. יאָ, זיא איז זיעבענצעהן יאָהר; דען צוריק מיט צעהן יאָהר, ווען זיא וואר עטוואָס עלטער פון זעקס יאָהר, האב איך זיא בעקומען פון סעראַפינאַ, פעררואַנד'ס מאַטרעסע, וועלכע האט געוואָלט פטור ווערען פון א שלים־מזל. טורני־מיני — ער איז יעצט אַן ארעסטאַנט — האט זיא צו מיר געבראַכט און האט מיר דערצעהלט, אז זיא איז א קינד פון רייכע עלטערן, איהרע עלטערן ווילען זיא אויף אייביג בעהאַלטען אום זיי זאָלען קענען ארויסלאָזען א קלאַנג, אז זיא איז טויט. דאָ ניט לאַנג בין איך געווען ביי יעקב פעררואַנד און האב איהם געזאָגט, אז דאָס מיידעל לעבט.

— יעקב פעררואַנד! — האט שרה פון גאַנצען הערצען געשריען — יעקב פער־ראַנד, דער נאָטאַריוס האט אייך געגעבען דאָס קינד און דאָס וואר צוריק מיט צעהן יאָהר?

פּלוצלינג איז זיא געבליעבען שטיל און האט ניט געקענט ריידען א וואָרט. איהרע אויגען האבען אויסגעזעהן וויא זיי ברענען. איהר געזיכט איז געוואָרען בלאַס וויא קאַלך, איהרע הענד האבען געציטערט און איהרע פיס האבען זיך געבראָכען.

— איך פערשטעה ניט מאַדאַם, וואָרום האט איהר זיך אזוי ערשראָקען? — האט לילית געפרעגט — האב איך אייך דען געזאָגט, א פערשטעלטע זאַך? איך זאָג אייך נאָך אמאָל, אז צוריק מיט צעהן יאָהר איז צו מיר געקומען טורנימיני און האט געזאָגט:

— דער נאָטאַריוס יעקב פעררואַנד האט צו מיר געשיקט זיין מאַטרעסע מיט דיעזער קליינער מיידעל איך זאָל געפינען א פרוי וואָס זאָל וועלען דיעזען קינד ער־ציהען פאר טויזענד פראַנק.

איך האב צוגענומען דאָס קינד און דער מעקלער האט מיר געזאָגט דאָס אויב דאָס קינד וועט לעבען אדער שטאַרבען וועט מען מיך דעריבער ניט פרעגען, ווייל איהרע עלטערן ווינשען איהר טויט און דארום מעג איך מיט איהר טהאָן, וואָס איך וויל.

— צוריק מיט צעהן יאָהר האט מען אייך דאָס קינד געגעבען? — האט שרה נאָך א מאָל געפרעגט.

— איך האב עס אייך שוין צוויי מאָל געזאָגט.

— און איהרע לאָקען זיינען גאָלדענע?

— יאָ.

— און איהרע אויגען זיינען בלאָעע?

— וויא דער הימעל, — האט לילית רוהיג געענטפערט.

— און זיא איז דאָס מיידעל, וועלכע איז געווען אין מאָדעל פּאַרס?

— זיא איז דאסזעלבע?

— און וואו געפינט זיא זיך יעצט?

— אין סאנט לאַזארוס געפענגניס.

— וועה, וועה! — האט שרה אויסגעשריען זיך האַפּענדיג פאר קאָפּ — אָח, איך בין דיא גליקליכסטע אין דער וועלט! אזא מערקווירדיגער צופאל! אזא אונ־געוועהנליכער צופאל! אָבער וואָס שטעהן מיר דאָ; דיא צייט איז קורץ, קומט פריינדין קומט מיט מיר אין דיעזען הויז.

ביידע זיינען צוגעגאנגען צום גרויסען הויז. שרה האט איהר נאכפאָלגערין גע־געבען אַ צייכען צו שטעהן אויפ׳ן שוועל און זיא אליין האט מיט׳ן גרעסטען אימפּעט גענומען רייסען דעם גלאָק. אַ דיענסט האט געעפענט דיא טהיר.

— הער נור, לאָז קיינעם צו מיר ניט אריין. זאָג יעדען, אז איך בין ניטאָ צו הויז. דוא הערסט, קיין איינציגען מענש, עס מעג זיין ווער עס איז. קיינעם ניט. זאָג דער גאנצער וועלט, אז איך בין ניטא צו הויז. פערשטאַנען?

דיא דיענסט האט פערוואונדערט אנגעקוקט איהר צוטומעלטע מאַדאַם. זיא האט אַ שאָקעל געטהאן מיט׳ן קאָפּ און איז אוועק.

שרה האט דאן גענומען דער מכשפה פאר׳ן האנד און האט זיא דורכגעפיהרט דעם לאַנגען קאָרידאָר און איינינע גרויסע און שעהנע צימערן ביז זיא איז מיט איהר געקומען אין דעם הינטערסטען צימער, וואָס געהט אריין אין גאָרטען. שרה האט גלייך פערשלאָסען אלע טהירען מיט דיא גרויסע שלעסער, האט אראָפּגעצויגען דיא פאָרהאנגען איבער דיא פענסטער און איז צוגעגאנגען צו אן אייזערנע קאסטען, וועל־כע זיא האט געעפענט מיט אַ שליסעל, וואָס זיא האט געטראָגען אויפ׳ן האלז. האסטיג און אונגעלומפּערט האט זיא פון דיעזען קאסטען ארויסגענומען אַ קעסטעלע מיט ברילליאנטען און אין גרויס ענטציקען האט זיא דיא קעסטעלע געלאָזט שטעהן אָפען אויפ׳ן טיש; דאן האט זיא ארויסגענומען גאנצע הויפענס מיט דיאמאנטענע און טהייערע האלזבענדער, בראַסלעטען, רינגען און אלעס וואָס זיא האט געהאַט אין איהר ציערונג און האט עס אלעס געשליידערט אויפ׳ן טיש. לילית האט עס אלעס געזעהן מיט איהר איין איינציגע אויגעלע און איהר הערץ האט גענומען קלאַפּען. זיא האט אַ טאָפּ געטהאן איהר שפּיעז, האט אַ קוק געטהאן צום פער־שלאָסענעם טהיר און אַ טייפעלשער געדאנק איז דורכגעפלויגען דורך איהר קאָפּ. שרה איז געווען אזוי צוטומעלט, דאס זיא האט געשליידערט אלע טהייערע זאכען ביז זיא האט ארויסגענומען אַ בילד, וועלכעס איז געווען איינגעפאסט אין אַ גאָל־

דענעם ראם. זיא האט באלד נעוויעזען דאס בילד דער מכשפה און האט האסטיג נעפרעגט:

— קענט איהר דיעזען בילד?

— אָה, דאָס איז דאך נאכטיגאל! — האט לילית געענטפערט און האט זיך נעוואונדערט וויא אזוי דער מאַלער האט געקענט מאכען אזא עכטען בילד פון דער קאַץ וואָס האט אויפגענעסען איהרע בלינצעס.

— איך בעשווער דיך מיט אַלעס וואס דיר איז הייליג, דוא זאָלסט מיר ניט לייגענען, — האט שרה געשריען און האט געציטערט פאַר פריידע.

— איך שווער, אז דאָס איז נאכטיגאַל, דאס מיידעל וואס מיר האבען ארויס־גענומען פון מאָדעל פארם, — האט לילית געענטפערט און האט זיך פערטיג געמאכט צו גרייפען דעם שפיעז — נאכטיגאל האט נאך יעצט דעם זעלבען אויסזעהן וואס אויף דיעזען בילד. ווען איהר וועט אריבערגעהן אין סאנט לאזארוס וועט איהר זיא דארט ערקענען צווישען טויזענד מיידלאך.

שרה'ס בלוט האט געזאָטען אין איהר גאַנצען קערפּער, ניט ווייל איהר מוטער־געפיהל, האט זיך צוקאָכט פאר איהר קינד, וועלכע זיא האט שוין זייט צעהן יאָהר אוועקגעוואָרפען און דאס קינד האט געהאט אזא ערציהערין וויא לילית. ניין, אין שרה'ס הערץ זיינען דיא געפיהלען פון א מוטער שוין לאנג טוידט און קיין פונק פון מיטלייד האט זיך געקענט אנצינדען אין איהר אייזקאַלטעם הערץ. איהר ענטציקען איז נור געווען פון דעם געדאנק, דאס רוראַלף וועט זיא צוריקנעהמען פאר זיין פרוי און אויף איהר קאָפּ וועט ווירקליך שיינען א קעניגליכע קראָהנע.

— קענט איהר שרייבען? — האט שרה געפרעגט.

— ניין, — וואר לילית קורצער אנטוואָרט, ווייל אלע איהרע געדאנקען ווארען וועגען דיא צירונג וואס איז געלעגען אויפ'ן טיש.

— דאן וועל איך אויפשרייבען עטליכע ווערטער און איהר וועט מיר ערלויבען אונטערצושרייבען אייער נאָמען. איך וויל שרייבען, אז איהר האט ערצויגען דאָס קינד, וואָס פעררואנד האט אייך געגעבען.

— איך וועל עס צוואנציג מאָל אונטערשרייבען, — האט לילית געענטפערט און האט דערווייל אריינגענומען דעם שפּיעז אין רעכטען האנד.

שרה האט גענומען פּאַפּיער, טינט און פעדער און האט זיך געזעצט שרייבען פאָלגענדעס:

— היערמיט זאָג איך עדות, אז אין יאָהר 1827 איז צו מיר געקומען א מאן מיט'ן נאָמען....

לילית האט זיך צוגערוקט נעהענטער צו שרה'ס קערפּער. אבער אין דיעזען אויגענבליק האט שרה אָפּגעקעהרט איהר קאָפּ און האט געפרעגט:

— וויא הייסט דיעזער מאַן?

— מורנימיני איז זיין נאָמען, ער איז יעצט אַן ארעסטאַנט.

שרה האט זיך ווייטער פערטיעפט אין שרייבען. לילית האט בענוצט דיא בעסטע געלעגענהייט, זיא האט אריינגענומען איהר שפּיזז גאַנץ פעסט און האט איהם אריינגעהאַקט אין שרה'ס קערפּער. שרה איז גלייך געפאַלען פון שטוהל. זיא האט אבער קיין קול און קיין זיפץ ניט ארויסגעלאָזען. לילית האט ניט געוואַרט, זיא האט מיטביידע הענד צוזאַמענגעשאַרט אַלע טהייערע זאַכען אין איהר קאָרב. אין האַסט האט זיא ניט בעמערקט, אַז שרה איז ניט געשטאָרבען, נור זיא איז גע־פאַלען אין אונמאַכט; דען זאנסט וואלט זיא איהר ארבייט געענדיגט.

נאכדעם וויא לילית האט פערפאַקט אַלע ווערטהפאָלע זאַכען האט זיא גע־עפענט דיא טהיר און איז ארויס צוריק מיט'ן קאָרידאָר. זיא האט באלד גענומען א קאַרעטע און איז שנעל אוועקגעפאָהרען צו קולאַקס שענק, צו טרעפען זיך מיט דער גרויסער באַנדע רויבער, וועלכע האבען געוואַרט אויף מאַטיא, דיא דיאַמאַנטען־פערקויפערין.

60טעס קאַפּיטעל.

שטרייט צווישען צוויי ווילדע טהיערע.

ביי דעם שענק, וועלכען קולאַק האַלט אַלס פערזאַמלונגס לאָקאַל פאַר אַלע מערדער און רויבער און וועלכען מיר האבען שוין אַמאָל בעזוכט, ביי דיעזען בעריהמ־טען שענק, וועלכען אלע רופען „דאס בלוטיגע האַרץ" שטעהט דער קליינער האָפּי און קוקט אין אַלע זייטען. ער שטעהט פון דרויסען, אום ער זאָל געבען א צייכען ווען צירע, חלשות, דיעב, באַרבילאָן און לילית וועלען קומען מאַכען זייער געשעפט.

אין דעם שענק, דאָרט טיעף אין דער ערד זיצט קולאַק און סודעט זיך מיט'ן אבער־דעטעקטיוו פון פאַריז. עס איז דער זעלבער דעטעקטיוו וועלכער האט אַרע־טירט דיא צוויי פערברעכער אין „ווייסען קאָרט", און וועלכער האט גוט געקענט אלע גנבים און גזלנים פון פאַריז.

— הער נור קולאַק,— האָט דער דעטעקטיוו געזאָגט — מיר ווייסען שוין אויף זיכער אַז דיין שענק איז א פערזאַמלונגס לאָקאַל פאַר יעדען פערברעכער און אנטלאָ־פענעם ארעסטאַנט. דוא בעשיצט היער גנבים, מערדער, אונטערצינדער און פאַלשע מינץ־מאַכער. מיר פערשטעהן שוין דאס דוא נאַרסט אונז. דוא ביזט געדונגען פון דער פּאָליציי ארויסצוגעבען פערברעכער און דוא זאָגסט אונז דאס דוא מאַכסט

מיט זיי געשעפטען, אום דוא זאָלסט זיך מיט זיי בעקענען. מיר פערשטעהן אבער, אז דוא נארסט אונז ווייל דוא ביזט אין אמתן א שותף צו זייערע געשעפטען. זיי פאַרזיכטיג קולאַק!

— מיין הערר! — האט קולאק מיט א גוטען צינגעלע געענטפערט — איך האב אייך שוין בעוויזען, אז איך דיען אייך זעהר געטריי. דאס האט איהר געזעהן, ווען איך האב אין אייערע הענד איבערגעגעבען דעם מערדער מארטיאל, וועלכער איז יעצט פערשיקט אויף אייביג. איך וועל אויך בעגראָבען זיין ווייב און זיינע קינדער, וועלכע זיינען גרעסערע מערדער פון איהם אליין.

— אָה, דאס זאָגסט דוא אימער, אבער געטהאן האָסט דוא נאך גאָר נישט. ווען ניט דוא וואָלט איך דיעזען מאַרטיאל שוין לאנג פערהאַפטעט. אין אמתן ווייס איך, אז דוא האָסט געזעהן, דאס ער קען זיך שוין פון מיינע הענד ניט ארויסדרעהען ערשט דאן האסט דוא איהם מיר אפגעגעבען. איך בין יעצט בעשלאָסען צו מאכען אן אונטערזוכונג אין דיין הויז. איך וועל אויפרייסען דיא ווענד און וועל צוגראָבען דיא קעלערען. דיך וועל איך באלד בינדען און אָפגעבען פאר'ן געריכט. איך בין אָהער געקומען מיט פופצעהן סאלדאטען און איך בין בעשלאָסען צו מאכען אן ענדע פון דיינע קונצען.

קולאַק איז געוואָרען צוטומעלט. ער האט לאנג ניט געטראכט און האט מיט א גלאַטען צינגעלע און וויא אן אונטערטהעניגער דיענער געזאָגט:

— וויא וועט אבער זיין, מיין הערר, ווען איך וועל גאנץ פּלוצלינג איבערציינגען אז איך דיען דיא שטאדט זעהר ערנסט און זעהר געטריי?

— רעדט מיט מיר ניט אויף שטום-לשון. ערקלעהרט עס מיר קורץ און שאַרף. איך בין פון אייך שוין צופיעל פערשווינדעלט.

— וואַרט נור איין פיערטעל שטונדע. — האט קולאַק געזאָגט — און איך וועל צו אייך אפגעבען דעם פירכטערליכען לעהרער און זיין ווייב לילית, דיא געפעהרליכע מערדערין; איהר וועט אויך נעהמען דיא מערדערין צירע, איהר טאָכטער און איהר זאָהן. איהר וועט דאַ אויך קריגען דעם מערדער וועלכען איהר זוכט אזוי לאנג, דעם פוהרמאַן בארבילליאָן — אה, וואס קענט איהר שוין דאן צו מיר האבען?

— אויב איהר וועט דאָס טהאָן, דאן נעהט איהר ארויס ריין וויא א צדיק. ווען ניט, וועט איהר זיין פעראַנטוואָרטליך פאר דער גאנצער באַנדע, וועלכע איהר האט אויסגערעכענט.

— איהר וועט זיי באלד האבען. נעהמט אייערע פופציג סאָלדאטען און בע-לט זיך אין דעם הייל וואס איך האב אונטער'ן הויז. ווען דיא מערדער וועלען

זיך דאָ פערזאמלען וועל איך אייך געבען א צייכען. איהר ועט דאן בעפאלען דאס הויז און טהאָן וואָס איך האָב אייך געפעהלט. איז דאס פאר אייך גענוג?

— יא.

דער דעטעקטיוו האט גענומען זיינע סאָלדאטען און האט זיך בעהאלטען דאָרט וואו קולאַק האט איהם געהייסען.

באלד נאָכדעם וויא דער דיטעקטיוו מיט זיינע לייטע האבען זיך בעהאלטען איז אנגעקומען דיא אלטע לילית צום שענק. זיא איז געפלויגען זעהר האסטיג און איז געווען רויטה און צוקאָכט פון דעם מאָרד, וואס זיא איז ערשט בעגאַנגען אין שרה מעקרעגאָר׳ס הויז. דער הינקעדיגער האָפּי האט בעמערקט וויא זיא לויפט. ער האט אונטערגעשטעלט א פוס און לילית איז געפאלען איבער דיא טרעפּ. פאַלענדיג איז ארויסגעפאלען א בונד פערל פון איהר קאָרב. לילית האט דעם שנירעל באלד געחאפּט און בעהאלטען, אבער דער קליינער האָפּי האט עס בעמערקט.

וויא א הונד וואס דערשמעקט פלייש איז ער צו דער מכשפה צוגעגאנגען, האט געמאכט אַן אונשולדיגען פּנים און האט איהר געפרעגט וויא אזוי איז זיא נעבעך געפאלען. לילית האט איהם ניט געענטפערט. זיא האט איהם באלד געחאפּט פאר א באק און האָט איהם שיער ארויסגעריסען א שטיק פלייש. דער הינקעדיגער האט זיך געמאכט ניט פיהלענדיג דעם וועהטאג און האט געזאָגט:

— איך שווער אייך, מומעלע, אז איך האב עס ניט געמיינט. איך האב אייך אימער ליעב וויא מיין מוטער. איהר מעגט מיך נאך אמאָל שלאָגען גאַנץ אומזיסט איך וועל אייך אלץ ניט אויפהערען צו ליעבען.

— זיינען שוין דיא מארטיאלס דאָ? — האט לילית געפרעגט ניט ענטפערענדיג אויף זיינע רייד.

— זיי זיינען נאָך ניט געקומען.

— דאן וועל איך אראָפּגעהן אין קעלער אויף א ווילע און וועל זיך רייצען מיט׳ן בלינדען לעהרער ביז זיי וועלען קומען.

— אזוי, איהר ווילט געהן אין קעלער? — האט דער הינקעדיגער געפרעגט מיט שמחה.

— איך וויל זיך אביסעל רייצען מיט׳ן בלינדען. דוא ווייסט דאך האָפּי אז איך האב נחת פון יענעמס צרות.

— אויב אזוי וועל איך מיט אייך געהן. איך האב זעהר ליעב צו זעהן וויא דער בלינדער העלד ווייסט וויא א קליין קינד און קען זיך ניט העלפען געגען א פּרוי.

— גוט, קום מיט מיר, נעה אבער און ברענג א ליכט. אויך פערגעס ניט צו זאָגען דיין פאָטער אז איך בין אין קעלער.

דער הינקעדיגער איז אוועק נאָך א ליכט און לילית האט צו זיך אליין געזאָגט:

— איך האב הייטע א גוטען טאָג. איך האב געפּאקט אן אוצר ביי יענער פרוי און וועל באלד האבען א חלק אין דיא טהייערע שטיינער וואס מיר וועלען רויבען ביי דער צווייטער פרוי. איך מוז יעצט אראָפּגעהן אין קעלער, דאָרט צו בעהאלטען דיא צירונג ביז איך וועל געהן צוריק! אָה, וועל איך עס נאכדעם קענען לעבען א גוטען טאג!

האָפּי איז געקומען מיט דעם ליכט און ביידע זיינען זיי אראָפּ אין קעלער. מיט גרויסער מיהע האבען זיי אויפגעעפענט דיא אייזערנע טהיר. וויא דיא טהיר האט זיך געעפענט איז פון קעלער ארויס א גערוך וויא פון א קבר וואו הונדערטע מענשען זיינען בעגראָבען. עס האט זיך אויך דערהערט א פירכטליכער קרעכצען און ברומען וויא פון א הונגעריגע חיה.

— מיין מאַן גיט מיר א גוט־מאָרגען! — האט לילית געזאָגט און איז אריין אונטער דיא טרעפּ צו בעהאלטען איהר קאָרב.

— איך בין הונגעריג! — האט זיך געהערט רעם לעהרערס שטימע אין א ווינקעל פון דיעזען קעלער.

— ביזט הונגעריג, ליעבער מאַן? — האט לילית געפרעגט מיט א געלעכטער — היער האסט דוא א הייסע קויל, עפען נור דיין פּיסק דוא בלינדער עזעל!

דער לעהרער איז אויפגעאָכט געוואָרען. ער האט גענומען רייסען דיא אייזערנע קייט מיט וועלכער ער וואר צוגעשמיט צום וואנד.

— זיי דאך ניט אזוי בייז, טהייערער טאטעלע! — האט האָפּי פון איהם געלאכט — דוא קענסט נאָך אפשלאָגען דיין פּוס, וויא דאמאלס ווען מיר האבען געגעסען ביי איין טיש מיט נאררישע פּארמערס.

— דאס קינד האט רעכט! וואצו זאלסט דוא אומזיסט רייסען דיא שטארקע קייטען וועלכע האלטען דיך וויא א בער. ביים דיינע פינגער ווען דיר איז שלעכט, שלאָג זיך קאָפּ אָן וואנד, דיא קעטען זיינען אבער ניט שולדיג. ווער האט דיר געהייסען זיין א נארר? ווארום האסט דוא רחמנות געהאט אויף דער נאכטיגאל? ווארום האסט דוא מיך ניט געלאָזען, איך זאל זיא בעשפּריצען מיט וויטריאָל אדער פערשפּארען אין דיעזען קעלער? ווארום האסט דוא מיר דערצעהלט אז דיין הארץ טהוט דיר וועה און דוא האסט חרטה אויף אלעס וואס דוא האסט ביז יעצט געטהאָן?

וויא דוא האסט עס מיר געזאָגט האב איך פערשטאַנען, אז דוא ביזט געווארען א צדיק און דוא ווערסט אונז אלעמען פערראטהען. מיר האבען זיך מישב געווען וואס מיר זאָלען מיט דיר טהאָן און מיר האבען אלע בעשלאָסען אז דיזער קעלער איז דער בעסטער פלאַץ פאר אזא שעהנעם מענשען וויא דוא ביזט.

דער לעהרער האט זיך צוראָוועט וויא א געשלאַכטעטער אָקס. ער האט פאר בעס געביסען דיא אייזערנע קעטען און האט געזעצט מיט דיא הענד אין וואנד. ווען ער וואָלט דיזע סעקונדע געקענט זיין פריי, וואלט ער דיא גאנצע וועלט חרוב געמאכט. לילית האט דערווייל בעהאלטען איהר קאָרב און האט געזאָגט:

— לעב וואהל, טהייערער בלינדער צדיק. איך האָף דיך נאך צו זעהן. איך האב פערגעסען צו נעהמען א נוטען שטעקען, איך וועל אבער באלד צו דיר קומען.

דער לעהרער האט אזוי געשריען דאס עס האט געשיינט, אז זיין קול וועט לעבערען דיא ערד.

— לילית טהייערע מאמעלע, וואס וואלט געווען, ווען דוא וואלסט יעצט חלילה אריינגעפאלען אין לעהרערס הענד? ער וואלט דאך דיר צוריסען אין טויזענד שטיקער.

אזוי ריידענדיג איז האָפּי צו דער אלטער מכשפה צוגעגאנגען און האט זיא מיט אלע קרעפטען א שטויס געטאָהן גלייך צום אָרט וואו דער לעהרער איז גע־שטאַנען. לילית איז פון דעם אונערווארטעטען שטויס געפאלען און האט זיך צוגע־קייקעלט ביז דעם לעהרערס פוס.

— האָפּ דער לילית! — האט האָפּי צום לעהרער געשריען — זיא ליעגט ביי דיינע פיס, צו דעם רעכטען זייט — — גוט, דוא האָסט זיא שוין! אָט אזוי! בעוויי איהר וויא א מאַן דארף ליעבען און האלזען זיין ווייב.

— איך האָב זיא! — האט דער לעהרער געשריען — איך האָב זיא! איך האב זיא!

— העלפט מיר! רעטעט מיין לעבען! — האט לילית געשריען, גלייך וויא זיא האט דערפיהלט דעם לעהרערס האַנד.

— איך דאנק דיר הינקעדיגער! — וואר דעם לעהרערס געשריי — איך דאנק דיר טויזענד מאָל. לילית וועט זיין דיין כפרה פאר דיא שמערצען וואס דוא האָסט מיר אימער פערשאפט. ווילסט דוא הערען לילית'ס לעצטען קרעכץ?

— געווים וויל איך הערען! איך געה ניט אוועק זאָלאנג לילית וועט נאך אטהעמען. זיא מיינט, אז איך האב איהר מוחל געווען מיין באַק! אָה, ניין! אין דיזען שטויס וועט זיא ניט ארויס א לעבעדיגע. איך האב שוין אויך געפונען לילית

דיין קאָרב אונטער דיא טרעפ און וועל האבען א סך טהייערע זאכען פאר מיין באפ. וואס שווייגט איהר דארט, לומפען?

דער הינקעדיגער האט אויפגעהויבען זיין ליכט צו זעהן וואס אין קעלער געהט פאָר. דאס ליכט וואר צו קליין געגען דיא פינסטערנעס און ער האט גאָר ניט געקענט זעהן. א שרעקליכע מלחמה איז געווען צווישען דעם לעהרער און זיין געוועזענע ווייב. אבער ביידע האבען קיין קול און קיין גערויש ניט געלאָזט הערען. דער הינקעדיגער האט געקלאפט מיט דיא פיס וויא א צושויער אין טהעאטער ווען איהם ווערט לאנגווייליג איידער דער פאָרהאנג הייבט זיך אויף. דיא ראנגלעריי צווישען דעם טיגער און דעם שלאנג איז א לאנגע צייט געווען א שטילע, ענדליך האט דער לעהרער אויסגעשריען:

— קענסט אפבייסען אלע פינגער פון מיינע הענד, לעבעדיג לאָז איך דיר ניט ארויס!

— האָפי רוף דיין פאטער! — האט לילית מיט א פערשטיקטען גאָרגעל געשריען.

— שווייג מאמעלע איך וויל בעסער הערען, וויא דער אלטער וואָלף קנאקט דיינע ביינדעלעך, — האט האָפי איהר געענטפערט

— האָפי נעה מאך א גוואלד מען זאל מיר העלפען איך וועל דיר געבען אלע בריליאנטען וואס ליעגען אין מיין קאָרב!

— טויזענד דאנקען. דעם קאָרב האב איך שוין און דיא בריליאנטען האלט איך יעצט אין האנד.

— אָה, הילפע! הילפע! — האט לילית געשריען.

— וואס שלאָפסט דוא דאָרט אלטער הונד! — האט האָפי געשריען — גיב עפעס קאָנצערט. איך וויל הערען וויא לילית גאָרגעלט!

אין דעם אויגענבליק האט זיך איבער דעם גאנצען קעלער געהערט א ווילדער קרעכצען, גאָרגלען געמישט מיט דעם קלאפ פון קייטען, טראמפלעריי מיט פיס, קלעפ מיט קולאקעס און געשרייען פון פירכטליכע וועהטאָגען. פלוצלינג האט זיך לילית ארויסגעריסען פון לעהרערס הענד און האט ארויסגעכאפט דעם שפיעז, מיט וועלכען זיא האט געשטאָכען שרה מעקגרעגאָר, מיט איהר גאנצע מאכט און ראבעזיכט האט זיא ארייגעהאקט דעם שפיעז אין דעם לעהרערס פוס. דער לעהרער האט אויסגעזעצט אן איבערנאטירליכען געשריי און פון ווילדער ראבע האט ער געאפט דיא לילית ביי'ן האלז און האט זיא גענומען שטיקען פאר'ן האלז שרייענדיג:

— שטארב דוא טייפעל, נעה אויף אויביג אין דער העלע און פאל וויא א [illegible]

אונטער מיינע פיס! איך דיין טויטען קערפער וועל איך צורייסען און מילליאנען טהייל.

לילית האט ארויסגעלאָזען איהר לעצטען און פירכטליכען געשריי, זא דאָס דער הינקעדינער אליין האט א שוידער געטהאן. דאס וואר אבער איהר לעצטער געשריי דען נאכדעם איז א ווײלע געווען ווידער שטיל אין גאנצען קעלער, אויסער דיא קלעפּ פון א קערפּער אָן דיא שטיינער און דעם לעהרערס ווילדען געלעכטער און ראכעזיכטיגע פריידע האט מען ניט געהערט.

האָפּי האט פערשטאנען, אז דיא ארבייט איז פערטיג. ער האט גענומען געהן צו דיא טרעפּ, אָבער ער איז געבליעבען שטעהן אויפ׳ן אָרט. א גאנצע קאָמפּאניע בעוואפּענטע סאָלדאטען מיט פייער אין דיא הענד, האבען זיך אריינגעלאָזען אונטערזוכען דעם קעלער. האָפּי איז געבליעבען שטעהן וויא א פּאראליזירטער און האט ניט געוואוסט וואוהין צו לויפען. דיא סאָלדאטען האבען איהם גלייך געפּאקט מיט דיא דיאמאנטען אין האנד און האבען איהם געבונדען. דער דעטעקטיוו מיט זיינע לייטע זיינען אריין אביסעל טיעפער אין קעלער און זיינען פּלוצלינג צוריקגעשפּרונגען פון דעם שרעקליכען בילד וואָס זיי האבען געפונען. דער לעהרער, וועלכער איז צוגעשמידט מיט איין פוס אויף א לאנגער קייט, לויפט איבער דעם קעלער הין און צוריק וויא אן אויפגערייצטער טיגער. דיא לאנגע האאר אויף זיין קאָפּ איז צווואָרפען, זיינע קליידער זיינען צוריסען אין שטיקער, פון זיין מויל שטראָמט שוים געמישט מיט בלוט און מיט דער ווילדעסטער רציחה שלעפּט ער ארום דעם קערפּער פון א פרוי, וועלכע איז צוריסען און צוריבען אונטער זיינע הענד.

מיט דער גרעסטער מיהע האבען דיא סאָלדאטען ארויסגעריסען דיא שטיקער קערפּער, וועלכע דער לעהרער האט געהאלטען אין דיא הענד, וואָס וואָרען רויטה פון בלוט.

דיא סאָלדאטען האבען איהם מיט גרויס מיהע געבונדען און האבען צוזאמענגעקליעבען לילית׳עס גליעדער אין א זאק און זיינען מיט דער נבלה און דעם ווילדען גזלן צוריק אריין אין קולאַק׳ס שענק.

אין שענק זיינען געזעסען א גאנצע קאמפּאניע צוזאמענגעשמידט און צוזאמענגעבונדען. דאָרט איז געווען בארביליאָן, צירע, חלשות, דיעב און אויך קולאק. מאַטיא דיא דיאמאנטען הענדלערין איז געלעגען אויף א בעטעל און האט שווער געאָטהעמט פון שרעק. דען דיא סאָלדאטען זיינען בעפאלען דעם שענק גראדע ווען דיא מערדער האבען זיא געוואָלט טוידטען.

(Paris, 38.)

דער לעהרער האט זיך באלד אויסגעצויגען אויף דער ערד. פון זיין פוס האט געשטראָמט בלוט דורך דעם וואונד וואס לילית האט איהם געמאכט. דיא איבריגע מערדער זיינען געזעסען שטיל און ווארען טוידט פון שרעק. צירע, מארטיאל'ס מוטער איז געווען דיא איינציגע, וועלכע וואר רוהיג און מוטהיג. זיא האט נור געקוקט מיט פעראכטונג אויף איהר זאהן, וועלכער איז געזעסען מיט אן אראפּגעלאָזענעם קאפּ.

אויף דעם דעטעקטיוו'ס א צייכען איז געקומען א גרויסער וואגען אין וועלכען אלע באנדיטען און לילית'עס פגר זיינען פערפּאקט געוואָרען.

אין געריכטס־הויז האט דער דעטעקטיוו צוגעפיהרט דעם געבונדענעם קולאק צום ריכטער און האט ערקלעהרט:

— דיעזער מאן האט אונז געהאָלפען פאקען דיא גאנצע באנדע. מיט'ן תנאי, אז ער זאָל זיין פריי.

— זעהר גוט, ער זאל אבער זיצען אין געפענגניס ביז אלע פערהאפטעטע וועלען פראָצעסירט ווערען.

דער ריכטער האט אָפּגעשיקט אלע ארעסטאנטען אין געפענגניס, צו ערוואר־טען זייער פּראָצעס, אויסער דער לעהרער איז אפּגעשיקט געוואָרען אין דול־הויז, דען ער איז אין גאנצען אראָפּ פון זינען.

61טעס קאפּיטעל.

רודאָלף הערט פון נאַכטיגאַל.

איינינע טעג נאָך דיא בעגעבענהייטען וואָס מיר האבען בעשריעבען, איז רודאָלף געקומען אין נומער 17 טעמפּעל שטראסע זעהן מאדאם פּיפּעלעט. ער האט געוואָלט וויסען אויב איהר איז געלונגען אריינצוברענגען דיא שעהנע סיציליע אין פערדאנד'ס הויז.

וויא רודאָלף האט אָנגעקלאפּט אויפ'ן טהיר, איז מאדאם פּיפּעלעט ארויס־געלאָפען גענגען איהם.

— סקאָצעל קומט! וואָס מאכט איהר מאָנסיו רודאָלף! — האט זיא געשריען וויא זיא האט איהם דערזעהן — אָה, וואו זיים איהר געוועזן דיא גאנצע צייט? מיר האבען דא זעהר פיעל נייעס. מיין מאן איז אויך קראנק און ער ליעגט אין בעט.

— וואָס איז מיט אייער מאן געשעהן?

— ווייסט איהר נאָך ניט זיין קראנקהייט? קאבריאָן איז דער נאָמען פון זיין קריינק, קאבריאן איז דער נאמען פון זיינע וועהטאגען און קאבריאָן וועט איהם ליינען אין דער ערד!

— איז דען קאבריאָן א מלאך־המות?

— יא, ליעבער רודאָלף, דאס איז ער. וויא איך געה ארויס פון הויז אויף איין מינוט רוקט ער זיך אריין אין הויז און מאכט מיין מאן א פריהצייטיגען טוידט. נעכטען, וויא איך בין אוועק צו יעקב פעררּאנד —

— יא, וואָס איז געשעהן מיט סיציליען? — האט איהר רודאָלף אונטערבראָכען. איך בין וועגען דעם אהער געקומען.

— דאס וועל איך אייך שפּעטער דערצעהלען. צוערשט מוז איך אייך זאגען, אז דיא אַלטע קאַרטענוואַרפערקע, דיא באָבע בורעט, איז נעכטען פערהאפטעט געוואָרען, ווייל זיא איז געווען א גנב'טע. אין איהר הויז האט זיא געהאלטען פערשיעדענע גנבות. זיא פלעגט דאָרט אויך צושמעלצען גאָלדענע און זילבערנע זאכען וואָס אנדערע גנבים פלעגען איהר פערקויפען. מיר האבען גאָר ניט געוואוסט וואָס פאר א געשעפטען זיא פיהרט. קולאַק, דער אייגענטהימער פון דיעזען הויז איז אויך געשמידט אין קעטען און ער זיצט יעצט אין חדר.

— ווארום איז קולאַק געשמידט? — האט רודאָלף געפרעגט.

— מען זאָגט, אז זיין הויז איז געווען א פערזאמלונגס פּלאַץ פאר גנבים און גזלנים און ער איז געווען דער רבי פון אלע פּאריזער באנדיטען לילית, דיא אלטע אויף איין אויג, וואָס פלעגט בעזוכען דער באָבע בורעט איז ערמאָרדעט געוואָרען אין א קעלער אונטער קולאַקס שענק. ווען דיא פּאָליציי וואָלט זיך אביסעל פערזאמט וואָלט דאָרט ערמאָרדעט געוואָרען מאַטיא, דיא גוטע פרוי וואָס פלעגט געבען ארבייט צום אונגליקליכען מאָרעל. זעהט איהר מיין הערר, אלע שלעכטע מענשען ווערען ארעסטעט, נור קאבריאָן, וועלכער איז פיעל ערגער פון זיי אלעמען, נור ער געהט ארום פריי.

— אבער וואָס טהוט זיך מיט סיצילען און דעם אדוואָקאט פעררּאנד? — האט רודאָלף געפרעגט.

— איהר ווילט עס אונבעדינגט גלייך וויסען? איך האב אייך צו ערצעהלען א סך זאכען, נור אויב איהר זייט אונגעדולדיג וועל איך אייך ערצעהלען וואָס איהר ווילט. אום זיעבען אוהר אבענד בין איך געקומען צו פעררּאנד'ס הויז און האב אָנגעקלאַפּט. א דיענער איז ארויס, איך האב איהם געהייסען געהן צו זיין ווירטה און זאגען, אז מאדאם פּיפּעלעט איז געקומען מיט דער דיענסט וועלכע מאדאם סעראַפינא האט געהייסען ברענגען. דער דיענער האט א זיפץ געטהאן און האט מיך געפרעגט אויב איך וויים, וואָס עס האט פּאסירט מיט דער אונגליקליכער סעראַפינא? אה, מאנסיו רודאָלף, דא איז נאך אן אונגליק, דיא אלטע סעראַפינא איז ערטרונקען

געוואָרען, וועהרענד זיא איז געפאָהרען מיט א פריינדין צו פערברענגען א פּאָאר טעג אין א דאָרף.

— ערטרונקען געוואָרען? און גראדע ווען זיא איז געפאהרען פערברענגען אין א דאָרף אין מיטען ווינטער? דאס איז וואונדערבאר! — האט רודאָלף געזאגט.

— יא, זיא איז ערטרונקען. נו, דאס וואונדערט מיך גאָר ניט, איך אליין האב איהר אויך געוואונשען דעם טוידט פאר דער ארמער לואיזע מאָרעל. איך האב מיך גאָר ניט אפגעגעסען דאס הערץ און האב באלד געפרעגט אויב פערראנד איז צו הויז. דער דיענער האט מיך צו איהם אפגעפיהרט. איך זאָג אייך מאָנסיו רודאָלף, איך האב דעם נאָטאריוס געזעהן צום ערסטען מאָל, נור אזא מיאוס׳קייט, אזא שרעקליכען פּנים, האָב איך אין מ׳ײ לעבען ניט געזעהן, ווען ער גיט מיר אלע זיינע מילליאָנען איך זאָל ווערען אונטריי מיין שעהנעם מאן—פּפוי, איך וואָלט זיך ענטזאגט.

— איז ער געריהרט געוואָרען פון סיצילעס שעהנקייט?

— ווער קען עס וויסען וואָס אונטער זיינע ברילען געהט פאָר. אזא אלטער מנובל דארף גאָר ניט וואגען צו קוקען אויף א שעהנע פרוי. וויא מיר זיינען אריין אין זיין צימער איז ער אויפגעשפרונגען פון אָרט. אפשר האט ער זיך ערשראָקען פאר דער שעהנער סיצילע, וועלכע איז געגאנגען אין א קורצע קליידעל און בלויע זאָקען, מיט קליינע שיכעלאך אויף איהרע קליינע פיסעלאך און האט געטראָגען א שעהנעם קינדערשען הוט. אָה, זיא וואר דאמאלס ווירקליך שעהן און האט אויסגע־זעהן וויא א זעכצעהן־יעהריגעס קינד. איך האב זיך אבער אביסעל פערשעהמט, איך האב פערשטאנען, אז פערראנד איז איבערראשט געוואָרען פון דעם קאָסטיום וואָס זיא האט געטראָגען. איך האב באלד פערשטאנען וואס דא טהוט זיך און האב איהם געזאָגט:

— ענטשולדיגט מיר גוטער הערר, מיין ניכטע איז געקליידעט נאָך דעם פא־סאָן וואס אלע מיידלאך טראָגען אין איהר לאנד.

— אבער איהר דארפט עס ניט ערלויבען! — האט פערראנד צו מיר געזאגט — פאריז איז א פרומע שטאָדט און איהר זייט איהר טאנטע.

— יא, איך בין איהר טאנטע; אָבער היינטיגע צייטען פאָלגט מען ניט אלעס וואָס א טאנטע זאָגט.

— דאָס איז ניט גוט. אזא מיידעל אין איהרע יאָהרען דארף פאָלגען וואס עלטערע מענשען הייסען, — האט דער מנובל געזאָגט שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

— עס איז אמת, — האב איך איהם געענטפערט — אבער וואס זאָל איך טהאָן, איך בין ניט שולדיג, וואס זיא איז מיין ניכטע און וואָלט וועלען איך זאָל גאר אזעל־

בע מיידלאך ניט האבען אין מיין משפחה. איך וויל זיך ניט צורייסען פאר מיינע ניכטעס. מיין מאן איז פון מיר אנטלאפען מיט אזא ניכטע.

ווערענד איך האב אזוי גערעדט איז סיציליע געשטאנען און האט זיך גע־טרייסעלט פאר שרעק. איהרע אויגען זיינען געוואָרען פייכט פון טרעהרען און איהר געזיכט איז געוואָרען בלאַס. פערראנד האט עס בעמערקט און ער האט זיך גע־שטעלט וויא א פערדינגער און אין א קול פון א הייליגען האט ער צו מיר געזאָגט:

— איהר, מאדאם פיפעלעט, איהר זאלט ניט פערגעסען, אז אויבען וועט מען ביי אייך פרענען רעכענונג פאר דער ארימער ניכטע, וועלכע איז אָנפערטרויט אין אייערע הענד. גאט וועט אייך שטראפען אויב איהר וועט ערלויבען אייער ניכטע זאָל אראָפּ פון גלייכען וועג. איך בין בערייט צו העלפען אייך אין אייער וואָהלטהע־טינער טהאט, אויב אייער ניכטע וועט מיר פערשפרעכען צו זיין פלייסיג, עהרליך און שטיל. וויכטינער פון אלעס איז זיא זאָל קיין מאָל ניט אויסגעהן. — איך וועל זיא נעהמען פאר מיין דיענסט.

— וואָס האט סיציליע דאן געזאגט?

— זיא האט געשוויעגען. זיא האט אראפגעלאזען איהר קאָפּ און האט גע־ווישט דיא טרעהרען וואס זאל איך אייך פיעל ערצעהלען, פערראנד האט ווידער נעפרעדיגט, איך האב גערעדט, סיציליע האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ ביז דאס גע־שעפט איז געענדיגט. סיציליע איז דאָרט פערבליעבען.

— איך דאנק אייך טויזענד מאָל, — האט רודאָלף געזאָגט ווערענד ער האט איהר געגעבען א בייטעל געלד — איהר האט מיר געטהאן א גרויסען געפאלען, וועל־כען איך וועל אייך ניעמאלס פערגעסען. איך וועל אייך דאפיר דאנקבאר זיין. איז דיפעלטאן יעצט צו הויז?

— יא, מיין העדר, זיא איז אין איהר צימער.

— איהר מוזט מיר מוחל זיין, איך האב קיין פיעל צייט. איך וויל נאך זעהן מיין נאכבארין איידער איך געה אוועק. גוטען טאג.

רודאָלף איז באלד געווען אין דיפעלטאָנ'ס צימער.

— וואָרום זייט איהר אזוי בלאַס, אזוי פערוויינט און אזוי טרויעריג? — האט רודאָלף געפרעגט דער נייטערין, וועלכע ער פלעגט אימער זעהן לוסטיג און ברעהליך.

— אָה, מיין העדר! — האט דיפעלטאן געענטפערט מיט א געוויין — מיין גאנ־צער מוטה און מיין גאנצע פריידע איז אוועק זייט איך האב געזעהן וויא מיין פריינד דושערמאן זיצט אין א פינסטערן, פערפעסטעטען צימער, וויא איינער וואָס וואָלט

בענעהן דעם געפעהרליכסטען פערברעכען. איך ווייס, אז ער איז אונשולדיג און דאך שמאכטעט ער אזוי לאנג און קיין הילפע איז פאר איהם נאך אלץ ניטא.

— זייט נור רוהיג, מיין פריינדין, נאך איינינע טעג און דזשערמאן וועט ארויס פריי און וועט זיין דער גליקליכסטער אין דער וועלט. ער וועט צוריק האבען זיין מוטער, וועלכער ער האט פערלארען, ער וועט האבען רוהע, פריעדען און גליק.

— אבער ווער ווייס וואס מיט איהם קען געשעהן, וועהרענד ער זיצט אין אזא געפעננגיס, וואו דיא ערנסטע פערברעכער זיינען פערשפארט. דארט האבען זיי איהם אלע פיינד פאר זיין עהרליכקייט און פאר זיין שטילקייט. דיא מערדער קענען איהם דארט צורייסען אין שטיקער.

— דאס איז אן אומזיסטע שרעק, דיא מערדער וועלען איהם ניט קענען בעריהרען און פאר דיא ביסעל צרות וועט ער האבען א סך פריידע.

— איך וועל שוין באלד גלויבען, אז איהר זייט ווירקליך דער רודאלף פון וועלכען מיין פריינדין האט מיר דערצעהלט. איהר זייט אין אלעס אזוי זיכער, גלייך וויא איהר וואלט געווען דער גרעסטער, דער רייכסטער און דער מעכטיגסטער אין פאריז. איהר מוזט ווירקליך זיין דער זעלבער רודאלף וואס האט געהאלפען דער נאכטיגאל.

— דער רודאלף וואס האט געהאלפען דער נאכטיגאל? — האט רודאלף געפרעגט און איז איבערראשט געווארען צו הערען דיעזע ווערטער.

— יא, מיין נאכטיגאל, מיין טהייערער און גוטער פריינדין. איך האב זיא געזעהן, ווען איך בין געגאנגען אין סאנט לאזארוס געפעננגיס צו בעזוכען לואיזע מארעל.

— נאכטיגאל? — האט רודאלף ווידער געפרעגט און האט אלץ ניט געגלויבט, אז ער הערט ריכטיג דעם נאמען.

— יא, יא, נאכטיגאל, איך האב זיא געזעהן ווען זיא איז ארויס פון סאנט לאזארוס צוזאמען מיט אן אלטער פרוי.

— איהר האט א טעות! דאס האט זיך אייך געדאכט! ניין, ניין, נאכטיגאל איז ניט אין פאריז. זיא קען דא קיין אלטע פרוי.

— איך שווער אייך, מיין הערר, אז איך האב זיא געזעהן אויג אין אויג און האב מיט איהר געשפראכען א היבשע ווילע. זיא וואר געקליידעט וויא א דארפס מיידעל. זיא איז נאך שעהן און אנגענעהם.

— נאכטיגאל אין פאריז. און איך האב דערפון ניט געוואוסט? ניין, איך וועל עס ניט גלויבען! איך וועל עס ניט גלויבען!

— קענט איהר דען מיין פריינדין?

— יא, איך קען זיא.

— אויב אזוי ווייס איך זיכער, אז איהר זייט עס דערזועלבער רודאָלף פון וועלכען נאַכטיגאל האט מיר דערצעהלט און איך גלויב איהר אלעס וואָס זיא האט וועגען אייך גערעדט.

— וואָס האט זיא וועגען מיר גערעדט?

— איך האב איהר ערצעהלט פון דעם אונגליק וואָס האט געטראָפען צו דער שעהנער לואיזע מאָרעל און צום עהרליכען דזשערמאַן, און זיא האט מיר געזאָגט, וועו דאס וואָלט געוואוסט דער מאַן, וועלכער האט איהר געהאָלפען, וואָלט ער אויך דיעזע אונגליקליכע גערעטעט. איך האב איהר געפרעגט וויא מען רופט דיעזען גראָס־מוטהיגען מאַן און זיא האט מיר געזאָגט, אז מען רופט איהם רודאָלף.

— דאס איז נאַכטיגאל! — האט רודאָלף אויסגעשריען.

— מיר ביידע האבען זיך געוואונדערט אויף דעם צופאַל, דאס מיר ביידע קענען א מאַן מיט'ן זעלבען נאָמען און מיר האבען אפגערעדט צו שרייבען איינע דיא אנדערע, אויב עס איז דער זעלבער רודאָלף אדער עס גיבען צוויי מיט דעם זעלבען נאָמען.

— איך בין עס דער זעלבער! — האט רודאָלף געענטפערט — איך האב דער נאַכטיגאל געהאָלפען וויפיעל מיר איז געווען מעגליך. אבער איך קען ניט פערשטעהן וואס טהוט זיא אין פאַריז? וואָס פאר א געשעפטען האט זיא אין סאַנט לאַזארוס? פאר וואס ווייס איך ניט דערפון? דאס איז ביי מיר א שווערע רעטעניס און איך מוז עס באלד ערפאהרען. לעבט וואָהל, איך מוז גלייך געהן און ערפאהרען, דען דאס אינטערעסירט מיך זעהר שטארק. זאָגט נור קיינעם ניט, וואס מיר האבען געשפראָכען. זאגט אויך ניט אייערע פריינדע, אז דזשערמאַן און לואיזע וועלען ארויס פריי. לעבט וואָהל.

רודאָלף האט ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי מאדאם געאָרג, האט גע־וואָגט צו שיקען דער נאַכטיגאל אין פאַריז אָהן זיין וויסען. ער איז באלד אוועק צו זיין פאַלאַסט אָפּצושיקען א שטאַפעטע נאך דער מאָדעל פאַרם און נאכפרעגען וואס נאַכטיגאל טהוט. אָבער איידער ער איז געקומען צום טהיר איז אָנגעקומען א קאַ־רעטע, געשפאַנט מיט צוויי פערד און מאַרפי איז פון איהר ארויסגעשפרונגען.

מיר האבען שוין ערצעהלט דאס וועהרענד דיא מארקיזין קלעמענס איז גע־פאָהרען צו איהר פאָטער איז איהר נאָכגעפאָהרען א קארעטע פון רודאָלפ'ס הויף. מאַרפי איז געזעסען אין יענער קארעטע און יעצט איז ער צוריקגעקומען.

62טעם קאַפּיטעל.

רודאָלף און מאַרפי.

מאַרפּי'ס געזיכט האט געלויכטען פאר פריידע. אראָפּשפּרינגענדיג פון קארעטע האט ער איבערגעגעבען איינעם פון דיא דיענער א פּאאר רעוואָלווערס און זיין לאַנגען מאַנטעל און איז גלייך געגאנגען מיט רודאָלפען אין א פּריוואַט צימער, צו ערצעהלען דיא נייעס וועלכע רודאָלף האט אונגעדולדיג ערוואַרטעט.

— קעניגליכע האָהייט, איך האב גוטע נייעס, פרעהליכע נייעס! — האָט מאַרפי געשריען גלייך וויא ער האט צוגעמאַכט דיא טהיר — דיא באנדיטען זיינען ענטדעקט! אורביגני איז גערעטעט. ווען איהר וואָלט מיך אהין אזוי שנעל ניט געשיקט וואלט ער שוין יעצט געלעגען צווישען דיא טויטע. איהר האט מיך געשיקט צו דער ריכטיגער צייט. איין שטונדע שפּעטער און נאך א פערברעכען וואָלט געשעהן.

— און וואָס מאכט דיא מארקיזין דע הארוויל?

— זיא איז איבערגליקליך פון איהר פאָטערס גליק. זיא דאנקט אייך פאר דער עצה צו פאָהרען אונגעזאַמט צו איהר פאטער.

— און פּאָלידאָרי?

— אָה, ער איז דער ריכטיגער קאַמעראַד פאר דער מארקיזין'ס שטיעף־מוטער! זיא איז נאך א גרעסערע חיה וויא פּאָלידאָרי! איך האב איהם געבראכט אהער?

— אהער?

— יא אהער. שטעלט זיך פאָר, דאָס גאנצע צוועלף שטונדען, האב איך בעדאַרפט פאָהרען זייט ביי זייט מיט דעם מאן וועלכען איך האס מעהר וויא אַלעס שלעכטע אין דער וועלט. איך וואלט בעסער געלעגען מיט א שלאַנג אין איין גרוב איידער צו פאהרען מיט דיעזען אונמענש אין איין וואגען. איך האב איהם אבער געבראכט אהער און ער איז איינגעשלאָסען אין אייער הויז אין וויוו שטראַסע, דאָרט איז ער בעוואַכט פון סאָלדאטען.

— אָה, דאס איז זעהר גוט. אבער האט ער זיך געלאָזט נעהמען?

— געווים נים. איך האב איהם געגעבען אויסצוקלייבען איינס פון דיא צוויי: איך זאל איהם לאָזען ארעסטען אויפ'ן אָרט, אָדער ער זאל מיט מיר פאָהרען נאך פּאַריז. ער האט בעסער אויסגעקליבען דאָס צווייטע.

— איך בין זעהר צופריעדען; עס איז זעהר גוט צו האבען איהם אין מיינע הענד. איהר זייט א מאן וועמען מען קען געטרויען א וועג; נור מיין פריינד, דערצעהלט מיר וויא איז אייך געגאנגען דער וועג. איך בין נייגיעריג צו וויסען אלע איינצעלהייטען.

— איך האב קיין נייעס אויפגעטהאן, איך האב נור אויסגעפיהרט אלעס וואס איהר האט מיר בעאויפטראגט איך וויל איהר זאלט פריהער פון אלעס לעזען דעם בריעף וואס מארקיזין פאן הארוויל האט צו אייך געשיקט. אין דיעזען בריעף שרייבט זיא אייך אלעס וואס עס האט פאסירט בעפאר איך בין געקומען.

— א בריעף! גיט עס מיר שנעל.

מארפי האט איהם געגעבען דעם בריעף. רודאלף האט איהם געלעזען מיט געפיהל און אויפרעגונג:

„קעניגליכע האהייט!

„איך האב ניט גענוג ווערטער און אויסדריקע צו שיקען אייך מיין דאנק און עווינע פערבינדליכקייט פאר אלעס וואס איהר האט פאר מיר געטהאן. צו דער גרויסער רייהע פון אייערע וואהלטהאטען איז יעצט צוגעקומען נאך איינע, וועלכע איז מעהר וויא דיא טובה פון א מענשען. איהר האט גערעטעט דאס לעבען פון מיין פאטער און איהר האט צוטריבען דיא מערדער וואס האבען זיך אריינגענבעט אין מיין פאטערס הויז.

„איך בין אייך פערפפליכטעט צו ערצעהלען, וואס מיט מיר האט פאסירט פון דעם ערסטען אויגענבליק וואס איך בין געקומען אין מיין פאטערס הויז:

„קוים וויא איך האב געעפענט דיא טהיר אזוי איז דיא שטיף-מוטער מיר ענטגעגען געקומען. איך האב בעמערקט וויא זיא איז ערשראקען און איבערראשט געווארען פון מיין ערשיינונג. זיא האט זיך אבער געשטארקט און האט אנגעשטעלט איהר פרעכען שטערען און האט מיך בעגריסט מיט פאלגענדע ווערטער;

„— אייער פאטער איז זעהר קראנק. ער האט ניט ערווארטעט איהר זאלט איהם קומען בעזוכען. אויב איהר וועט איהם פלוצלינג איבערראשען מיט אייער ערשיינען קענט איהר איהם טויטען. ווארט דא אויף און איך וועל איהם געהן מעלדען פון אייער קומען. איך וועל עס איהם פלוצלינג ניט זאגען, נור לאנגזאם, בים-לאכוויים.

„— ניין, מאדאם, איך וועל ניט ווארטען, אין דיעזען אויגענבליק וויל איך איהם זעהן! — האב איך ענטשלאסען געזאגט. ראלאנדס געזיכט האט זיך בעגאסען מיט פייער פון כעס און פערצווייפלונג. זיא האט א קלאפ געטהאן מיט'ן פוס און האט געשריען:

„— איהר קענט אייער פאטער ניט זעהן! ניין, דער לעבען פון מיין מאן איז מיר טהייער און איך מוז זיין לעבען פערטהיידיגען!

„— ווארום האט איהר מיר ניט געשריבען אז מיין פאטער איז קראנק? איך

מה באלד זעהן מיין פאטער! — האב איך צו איהר געשריען און האב זיך געלאזט געהן אין מיין פאטערס צימער, אבער דיעזע שענדליכע פרוי האט מיך אָנגעהאפט פאר דיא הענד און האט אויסגעשריען:

„— זיינט איהר געקומען מאכען א געשלעג? איך האב אייך געזאגט, אז איהר קענט אייער פאטער ניט זעהן און מיין ווארט וועל איך פערטהיידיגע!

„מיין הערץ האט מיר דאן געזאגט דאס אויב איך וועל זיך ניט אנשטרענגען מיט אלע קרעפטען צו רעטען מיין פאטער, וועט פיעלליכט זיין צו שפעט עטוואס צו טהאָן. איך האב זיך דארום ענטשלאָסען און מיט מיין גאנצע מאכט האב איך א שליידער געטהאן מיין שטיף-מוטער פון זיך און בין אריינגעלאָפען אין מיין פאטערס צימער.

„אָה, קעניגליכע מאיעסטעט! אין מיין גאנצען לעבען וועל איך ניט פערגעסען דאס שרעקליכע בילד וואס איך האב געזעהן. — מיין פאטער ליעגט קראנק אויפ'ן טויטען בעט, זיין געזיכט איז וויים און זיינע אויגען זיינען געשלאָסען. ביים בעט שטעהט פאָלידאָרי און האלט א גאָלדענעם בעכער אין וועלכען ער טריפט אריין אייניגע טראָפענס פון א קליינער פלעשעלע. מיין בלוט האט אויפגעקאָכט, מיינע אויגען זיינען פערלאָפען מיט בלוט און א שרעקליכע ראכע האט זיך ערוועקט אין מיין ברוסט ווערענד איך האב געזעהן וויא דער מערדער, וועלכער האָט פערגיפ־טעט מיין מוטער שטעהט יעצט מיט דעם זעלבען גיפט איבער מיין פאָטער. מיט מיין גאנצען כח האב איך ארויסגעריסען דאס פלעשעלע פון זיין האנד און האב זיא בעהאלטען אין מיין טאשע און דאס בעכער האב איך א שליידער געטהאָן אויף דער ערד. מיין פאטער האט זיך אויפגעהאפט און האט גענומען קוקען וויא א צומיש־טער, דער דאָקטאָר איז געבליבען שטעהן וויא א סטאטוע און האט זיך ניט געריה'ט פון אָרט. אין דיעזען מאָמענט איז ראָלאנד אריינגעלאָפען אין צימער און האט גלייך געוואונקען צום דאָקטאָר ער זאָל אָפנעהמען דאס פלעשעלע גיפט פון מיר. פאָלי־דאָרי האט זיך אויפגעהאפט פון זיין איבערראשונג און וויא ער האט דערזעהן מאַ־דאם ראָלאנד איז ער געוואָרען מוטהיגער און האט גענומען לויפען צום טהיר. קוים האט ער דיא טהיר געעפענט אזוי איז פאר איהם ערשיענען אונזער בראוור מאָרפי וועלכער האט אויסגעשריען:

„— שטעה! ריהר זיך ניט פון אָרט! זאָנסט פאלסט דוא טויט אויף דער שטעלע.

„פאָלידאָרי האט געמאכט א שריט צוריק און מאָרפי האט איהם אנגענומען פאר'ן קארק און איז אריין אין צימער. פאָלידאָרי האט אראָפגעלאָזען זיין קאָפ,

זיינע הענד און זיינע פיס האבען זיך געטרייסעלט און ראָלאַנד איז אויך פערפראַה־רען געוואָרען פון שרעק. מיין פאטער האט ניט געקענט פערשטעהן וואָס דאָ טהוט זיך. ער האָט זיך אנגעשטרענגט און האט געפרעגט:

„— וואָס געהט דאָ פאָר? וואס טהוט זיך אין מיין צימער?

„— בערוהיגט אייך מיין הערר, — האט מאָרפי איהם געזאָגט — איך בין דער געהיים ראטה פון גראָססהערצאָג רודאָלף פאן געראָלשטיין, מיין נאמען איז מאָרפי.

„— אבער וואָס טהוט איהר אין מיין הויז? — האט מיין קראנקער פאטער געפרעגט.

„— דער הערר מאָרפי איז געקומען מיט מיר אום צו רעטען דיך פון טויט, פאטער, — האב איך איהם געענטפערט — מיר זיינען געקומען צו צערשטערען דעם פּלאַן וואס מיין שטיף־מוטער און דאָקטאָר פּאָלידאָרי האבען געמאכט צו רויבען דיין לעבען. היער האב איך דיא פלעשעלע גיפט וואס איך האב ארויסגעריסען פון פּאָלידאָרי׳ס האנד.

„ביי דיעזע רייד האב איך אפגעגעבען דאָס גיפט צו אונזער מאָרפי.

„מיין פאטער האט מיך אנגעקוקט וויא א פעררינקטע. ער האט ניט געגלויבט וואס איך האב געזאָגט און האָט ניט פערשטאנען אום וואָס דאָ האנדעלט זיך.

„מאָרפי האט געהאלטען פעסט דעם באנדיט אין זיין האנד און האט צו איהם גערעדט אין דייטש:

„פּאָלידאָרי, — האט ער צו איהם געזאָגט — דוא ביזט פערמשפּט געוואָרען צום טויט אין געראָלשטיין. דוא ביזט אבער פון דאָרט אנטלאָפען נאָך פאריז און האסט זיך בעהאלטען אין נומער 17 טעמפּעל שטראסע, וואו דוא האסט געטריבען דיין מערדעריי אונטער דעם נאָמען צעזאר בראדאָמאנטי; אבער מיר ווייסען אלעס וואס דוא האסט געטהאָן. דוא האסט ערמאָרדעט דיא מאדאם אורביגני פאָר א לאָהן, וואס ראָלאַנד האט דיר געגעבען. יעצט האסט דוא אנגענומען דיא איינלאדונג פון דיעזער מערדערין און דוא ביזט געקומען פערגיפטען איהר מאַן. רודאָלף איז יעצט אין פאריז און ער האט בעווייזע געגען דיר. ער האט מיך אהער געשיקט איך זאָל דיר פאָרלייגען דוא זאָלסט זיך מודה זיין, אז דיא מערדערייען ביזט דוא בעגאנגען אויפ׳ן פערלאנג פון דיעזער ניעדעריגער פרוי און זאָלסט מיט מיר געהן צוריק נאָך פאריז, דאן וועט ער פערלייכטערען דיין שטראפע. ווען ניט וועלען מיר דיך גלייך איבערגעבען אין געריכט און מיר וועלען איבערצייגען, אז דוא ביזט א מערדער און א באנדיט.

„— איך וויל בעסער געמשפּט ווערען פון רודאָלפין, איך בין בערייט צו געהן מיט אייך נאָך פּאַריז, — האָט פּאַלידאָרי געענטפערט.

„— דאַן מוזט דוא ערצעהלען ווער עס האָט דיך געדונגען צו פּערגיפטען דיעזען אַלטען מאַן.

„— איך בין עס בערייט, — האָט ער געענטפערט.

„— אויב אזוי, — האָט מאַרפי געזאָגט אין פראַנצויז און זעהר הויך — אויב אזוי זאָלט איהר שוין ערקלעהרען, אז דיעזע אונווירדיגע פרוי האָט פעראורזאַכט דעם טויט פון אורביגניס ערשטע פרוי!

„— איך בין זיך מודה, — האָט פּאַלידאָרי געזאָגט אין פראַנצויזיש — דאָס דיעזע פרוי ראָלאַנד האָט מיך איבערגערעדט און האָט מיר זעהר רייך בעצאָהלט און אויף איהר פערלאַנג האָב איך פערגיפטעט דיא געוועזענע ווירטהין פון דיעזען הויז.

„וויא מיין פאָטער האָט דאָס געהערט האָט ער זיך צו־וויינט וויא אַ קליין קינד און איז אראָפּגעפאַלען פון בעט. ער האָט זיך פאַר מיר געשטעלט אויף דיא קניע און האָט מיך געבעטען איך זאָל איהם פערצייהען אין נאָמען פון מיין טהייערער מוטער; דען ער האָט ניט געוואוסט פון אַלעס וואָס עס איז געשעהן.

„איך און מאַרפי האָבען איהם אויפגעשטעלט און מיר האָבען אריינגערופען דיא דינער וועלכע האָבען איהם אַפּגעפיהרט אין אַ לופטיגען צימער. פּאַלידאָרי איז געבונדען געוואָרען און דיא דינער האָבען איהם בעוואַכט אין אַ בעזונדערען צימער. דאַן האָט מאַרפי זיך געווענדעט צו מיין שטיף־מוטער און האָט צו איהר געזאָגט:

„ניעדעריגע בעשעפעניס, שנעל זאָלסט דוא פערשווינדען פון דיעזען אָרט, זאָנסט גיב איך דיר איבער צו דער רעגירונג און דוא וועסט פּראָצעסירט ווערען פאַר דיין מאָרד. מערדערין, דיין פוס זאָל דאָ ניט זיין! גאָטס פלוך זאָל דיך נאָכיאָגען וואו דוא וועסט זיך קעהרען און ווענדען.

„ראָלאַנד האָט גלייך פערשטאַנען, וואו זיא האַלט אין דער וועלט און זיא איז פערשוואונדען. איך האָב דאַן דערצעהלט צו מיין פאָטער אַלעס וואָס דיעזע שטיף־מוטער האָט מיר געטהאַן דערמיט וואָס זיא האָט מיך פער־הייראַטה צום מאַרקיז. מיין פאָטער האָט פון דאָס אויך ניט געוואוסט. ער איז אזוי בייז געוואָרען, דאָס ער האָט געוואָלט שיקען יאָגען דער מערדערין אום זיא זאָל בעשטראָפט ווערען נאָך איהר פערדיענסט. איך האָב עס איהם ניט ערלויבט, ווייל איך האָב ניט געוואָלט דיא וועלט זאָל דיעזען סקאַנדאַל ערפאַהרען.

„מאָרגען וועל איך און מיין פאטער פאָהרען נאָך פאריז אום מיר זאָלען אייער האָהייט דאנקען פאר אַלעס וואָס איהר האט פאר אונז געטהאן. איך קען אייך ניט אויסדריקען מיינע געפיהלע, מיין פעדער בלייבט שוואך דארט וואו איך וויל אייך ווינשען גליק....

„יא, אין מיין גרויסער ערצעהלונג און פון אַלעס וואָס מיך האט געטראָפען אין דיא לעצטע פאאר טעג האב איך פערגעסען צו בעריכטען, דאָס וועהרענד איך בין געוועזען אין סאַנט לאַזאַרוס האב איך דאָרט געפונען א מיידעל, וועלכע רופט זיך נאכטיגאַל און זיא זאָגט אז איהר האט מיט איהר זעהר פיעל גוטעס געטהאָן. זיא וועט אייך ערצעהלען אלעס וואָס מיט איהר האט פאסירט אין דיא לעצטע עטליכע טעג. מען האט זיא ארויסגעגנבעט פון דעם פארם וואו איהר האט זיא אריינגע־זעצט און מען האט זיא פערשפּאַרט אין געפענגניס גאַנץ אומזיסט. איך וויל אייך אויך בעריכטען, אז איך האב ניט געקענט געפינען דיא אַדרעסע פון דער אלמנה און איהר טאָכטער. אויב איהר האָט זיי אויסגעפונען וועל איך זיי נעהמען אונטער מיין שוץ, ווען איך וועל צוריק קומען נאָך פאריז—"

— וואָס נאכטיגאַל איז שוין ניט מעהר אין פארם?—האט מאָרפי געפרעגט.

— ניין, זיא איז דאָרט ניטאָ, ערשט פאר א ווײלע האב איך געהערט, אַז זיא האָט פערלאָסען סאַנט לאַזארוס געפענגניס. מיך וואונדערט זעהר אויף מאדאם געאָרג וואָרום זיא האט מיר דעריבער גאָר ניט געשריבען. מיין הערץ זאָגט מיר, דאָס עטוואס בייזעס האט געטראָפען מיט דיעזער אונגליקליכער. איך בעט אייך גוטער מאָרפי, שיקט באַלד א סטאפעט צו מאדאם געאָרג. איך וועל דערווייל געהן צום געפענגניס טאָמער וועל איך דאָרט עטוואס ערפאהרען. נאָך דעם בריעף ווייזט אויס, אז נאכטיגאַל איז נאך אין סאַנט לאַזארוס, און וויא דיפּעלטאָן האט מיר ער־צעהלט, איז זיא פון דאָרט שוין לאַנג אוועק מיט אן אלטע פרוי? זאל דאס זיין נעמי? וואָרום האט זיא מיר גאָר נישט געשריבען?

— מוטהיגט אייך מאַיעסטעט! מיר וועלען אַלעס ערפאהרען און איך האָף, אז אַלעס וועט זיין צום בעסטען. מאָרגען וועלען מיר שטעלען דעם באַנדיט פּאָלי־דאָרי פאר אייער קעניגליכען געריכט. ער זאָגט, אז ער האט א סך געהיימניסע צו ענטדעקען וועלכע וועלען אייך אינטערעסירען.

— עס איז מיר זעהר שווער צו זעהן דאָס געזיכט פון דיעזען אונמענש. ווען איך וועל איהם זעהן וועלען זיך פאר מיר וויעדער פאָרשטעלען דיא אמאָליגע צייטען זייט איך האב אויפגעהויבען מיין שווערד אויף דעם מאַן וועלכען איך האב בעדאַרפט פערעהרען וויא א גאָט, ביז מיין איינציגעס קינד איז געשטאָרבען. אָה, דער טויט

פון מיין איינציג קינד פערביטערט מיינע יאָהרען, וואָס עלטער איך ווער מיט א טאָג, אלץ ביטערער און ביטערער ווערט מיר אויפ'ן הארצען. איהר טויט איז דער ווארם וואָס עסט מיך אויף. מעגליך אז איך אליין בין שולדיג דערמיט וואס איך האב זיא אָפגעגעבען צו איהר מוטער דיא פערדאָרבענע פרוי. ווען איך וואָלט זיא ערצאָגען אין מיין הויז וואלט מיין קינד פיעללייכט געלעבט!

— ווארום זאָלט איהר זיך מאכען פאָרווירפע אין א פערברעכען וועלכען איהר זייט ניט בעגאנגען? וויא זאָ האט איהר זיא געקענט האלטען ביי זיך, ווען איהר האט בעדארפט אויסוואנדערען אום צו זוכען א פערצייאונג פאר אייער פער-ברעכען — — —

— איהר האט רעכט מיין פריינד! ווער וויים אויב מיין פערברעכען איז שוין פערגעבען געוואָרען! אין עטליכע טעג ארום וועלען מיר זיך אומקעהרען נאָך גערטאל-שטיין; אבער איידער איך וועל פערלאסען פאריז מוז איך בעווייזען דאס דזערמאן איז אונשולדיג און איך מוז איהם פאָרשטעלען פאר זיין אונגליקליכע מוטער. איך מוז בעפרייען דיא אונשולדיגע לואיזע מאָרעל און איבערצייגען פאר דער גאנצער וועלט דאס זיא איז עהרליך און אונשולדיג, און איך מוז אראָפרייסען דיא מאסקע פון יעקב פערראנד'ס געזיכט און מוז זעהן דאָס ער זאָל בעלאָהנט ווערען פאר אלע מעשים וואָס ער איז בעגאנגען.

— אבער ווער ווייס אויב עס וועט סיצילען געלינגען צו פאנגען דיעזען צבויאק מיט איהר שעהנהייט אום זיא זאָל פון איהם ערפאהרען דיא געהיימניסע פון זיינע געשעפטען?

— בעראָן פאָן גרוין האט מיר פערזיכערט, דאָס סיצילע וועט אויספיהרען מיין פלאן. איך האב זיא דאָך צוליעב דעם געלאָזט ברענגען נאָך פאריז. ווען סי-צילע האט ערפאהרען וואָס מען פערלאנגט פון איהר איז איהר געזיכט געוואָרען לוסטיג און ליכטיג. עס איז גראדע אזא געשעפט וועלכען זיא האט ליעב. זיא האט פערשפראָכען צו ווייזען א קונסט דאס מעהר פון דריי טעג וועט איהר ניט דויערען צו האבען דעם צבועיאק אין איהרע הענד, און גלייך וויא זיא וועט איהם פאקען וועט זיא איהם אונז פערקויפען פאר דעם פערשפרעכען מיר זאָלען פערלייכטערען איהר שטראפע, צו וועלכע זיא איז שוין לאנג פעראורטהיילט.

וועהרענד דיעזען געשפרעך האט א דינער געבראכט צווייא בריעף. רודאָלף האט איינעם געעפענט. עס איז א בריעף פון מאדאם געאָרג. רודאָלף איז געוואָ-רען בלאס און האָט דעם בריעף פאָרגעלעזען פאר זיין געהיים-דאָטה, סער וואלטער מאָרפי. מאדאם געאָרג האָט געשריעבען:

„צוריק מיט איינינע טעג אלס מרים איז געגאנגען בעזוכען דעם גוטען גייסט־ליכען פון אונזער געגענד איז זיא פערשוואונדען געווארען און ביז הייטע האב איך זיא נאך ניט געזעהן. ווען איך האב עס אייך געוואלט שרייבען איז געקומען א רייטער פון פאריז און האט מיר געזאגט אין אייער נאמען, דאס איהר האט זיא צו־גענומען אין פאריז אויף א וויכטיגע און געהיימע זאך און אין עטליכע טעג ארום וועט מרים קומען צוריק. אבער איך קען ניט רוהען, מיין הערץ שרעקט מיך זעהר, איך בין נייגיעריג צו הערען פון אייך וואס מרים מאכט און ווען וועט זיא צוריק קומען?"

— איך פערשטעה עס ניט! האט רודאלף געזאגט — ווער האט עס געקענט גנבענען מיין נאכטיגאל און וואס פאר אן אינטערעסע קען מען האבען אין דיעזער אונגליקליכער?

— מיין מיינונג איז, דאס שרה האט דאס אונשולדיגע קינד געגנבעט. דאס איז ריכטיג נאך איהר כאראקטער און אויב איהר וועט בערעכענען וואס זיא האט גערעדט אויף דער מארקיזין קלעמענס, וועט איהר פערשטעהן, אז עס איז איהר אינטערעסע אפצושאפען דיעזער שעהנער מרים פון אייער וועג.

— איהר האט רעכט! — האט רודאלף געענטפערט — שרה מאקגרעגאר האט געדונגען דיא גנבים זיי זאלען גנב'נען דאס קינד פון מיטען וועג. שרה גיט ניט אויף איהר איינבילדונג דאס ווען זיא וועט פערניכטען דיא פערזאנען, וועלכע זיא האלט פאר מיינע געליעבטע וועט ערוואכען מיין אמאליגע ליעבע צו איהר... אבער איך מוז גלייך מאכען אן ענדע צו איהרע פלענער! שנעל שיקט דעם בעראן פאן גרוין און ער זאל איהר זאגען אין מיין נאמען דאס איך וויים און האב בעווייזע, אז זיא האט געדונגען דיא גנבים זיי זאלען איבערפאלען אן עהרליכע מיידעל אין מיטען וועג און אויב זיא וועט זאפארט ניט זאגען, וואו דאס קינד געפינט זיך, וועל איך זיא פערקלאגען פארן געריכט און מיין ראכע וועט זיא פערפאלגען ביז'ן גרוב. אבער ווארט נאך א ווילע, — האט רודאלף געזאגט עפענענדיג דעם צווייטען בריעף, — איך האב וויעדער א נייעס; דער מאן וועלכער האט בעגלייטעט דעם האלזשניידער נאך אלגיר, שרייבט מיר, דאס וויא האלזשניידער איז געקומען אין מארסייל, האט ער ווייטער ניט געוואלט פאהרען און דאס היינט אדער מארגען קומט ער צוריק נאך פאריז און וועט ערצעהלען אלע אורזאכען ווארום ער וויל ניט פאהרען.

— ער איז אונז ווילקאמען אין פאריז! — האט מארפי בעמערקט און איז אוועק ערפילען רודאלף'ס אויפטראג.

אין א פאאר שעה נאך דיעזען געשפרעך איז בעראן פאן גרוין געקומען פון זיין וועג צו שרה מאקגרעגאר און האט געמאלדען, דאס שרה איז אין איהר הויז

נעשמאַכען געוואָרען און זיא ראַנגעלט זיך יעצט צווישען לעבען און טוידט. דער מערדער איז פערשוואונדען און דיא פּאָליציי האט קיינע שפּורען.

רודאָלף איז איבערראַשט געוואָרען. איהם האט דאך לייד געטהאן, דאס שרה האט געהאט אזא מיאוס'ן סוף. אלס ער האט דעם מאָרד בעשפּראָכען איז מאַרפ̇ נעקומען פון סאַנט לאַזארוס און האט געמאַלדען דאס נאַכטיגאַל איז נאך געסטערן ארויס פריי דורך דיא בעמיהונגען פון מארקיזין קלעמענס פאַן הארוויל.

— דאס איז אָבער אונמעגליך! קלעמענס בעט מיך אין איהר בריעף איך זאל זעהן צו טהאן עטוואָס פאַר דער נאַכטיגאַל!

— מיר וואונדערט עס אויך. אין סאַנט לאַזארוס האט מען מיר ערצעהלט, דאס אן עלטערע און אנשטענדיגע פרוי איז געקומען מיט א בעפעהל פון געריכט אין האט ארויסגענומען דאס מיידעל און ביידע זיינען צוזאמען אוועקגעגאַנגען.

— דיפּעלטאַן האָט מיר אויך דאס זעלבע ערצעהלט. אבער ווער איז דיעזע אַלטע פרוי? וואוהין זיינען זיי אוועק? אָה, שרה איז דיא איינציגע וואס וויים דיעזע געהיימניס, אָבער זיא ליעגט יעצט אויפ'ן טוידטען בעט און טהאמאס, וועלכער וויים זיין שוועסטערס געהיימניסע, וועט קיין ווארט ניט זאָגען. מיר האבען אבער נאך איין האפנונג: מיר מוזען אויסגעפינען ווער איז דיעזע אַלטע פרוי, פון איהר קענען מיר אַלעס ערפאהרען. איהר מאַרפי און גרוין איהר מוזט זיך נעהמען מיט אייער גאַנצען קראַפט און געפינען דיעזע פרוי.

— מיר וועלען עס טהאן! — האט מאַרפי געענטפערט — מאָרגען קומט האלז־שניידער, ער קען פּאַריז בעסער ווי יעדער איינער און ער וועט אונז דערצו העלפען. ער וויים אויך דיא פּערזאָנען, וועלכע וואָרען בעקאַנט מיט דיעזער אונגליקליכער.

— יאָ, האַלזשניידער קומט צו דער ריכטיגער צייט! ער איז א בראַווער מאַן איהם בין איך דאנקבאר פאַר מיין לעבען און ער איז מיר אימער ווילקאָמען.

63טעם קאַפּיטעל.

ל א ת ח מ ד.

עס וואר נאַכט. דיא טוידטע שטילקייט וואָס האט נעהערשט אין יעקב פעררא‏נד'ס הויז איז צייטענווייז אונטערבראָכען געוואָרען פון ווינד און רעגען וואס האט געהעררשט אין גאַס. אין גאַנצען הויז וואָס דיעזער פּרומער נאָטאריוס בעד־וואוינט איז צו בעמערקען איין גרויסע ענדערונג: נייע מעבעל, נייע געשיר, נייע טאַפּעטען איז צו זעהן אין אַלע צימערען. עס איז לייכט צו בעמערקען, אַז א נייער גייסט געפינ[illegible]ך אונטער דיעזען דאך.

דיעזער נייער גאסט איז געוועזן סיציליע דיא געוועזענע שקלאפין אין אמעריקא און דיא ווייב פון דעם שווארצען דאקטאר, וועלכען רודאלף האט געליעבט און געשעצט.

מיר ווילען זיך ניט אונטערנעהמען צו מאלען דיא שעהנהייט פון דיעזער מולאטין, וועלכע דיא נאטור האט בעשטימט צו אל־ראס בייז און האט איהר בעוואפענט מיט אזא זעלטען שעהנעם קערפער, אזא רייצענדעס געזיכט, אזעלכע פייערדיגע אויגען און אזעלכע גראציעזע בעוועגונגען, דאס דלילה און אלע אנדערע בעריהמטע שעהנהייטען, וועלכע האבען בעצויבערט דיא שטארקסטע און גרעסטע מענער, זיינען געגען דיעזער סיציליע ניט מעהר־ וויא א שאטען פון א לבנה ווען זיא איז אין איהר רעכטען גלאנץ.

סיציליעס שעהנהייט איז געוועזן דאס העכסטע וואס דיא נאטור האט געקענט שאפען; דיא וואס האבען דיעזע מולאטין געקענט, דיא וואס זיינען אריינגעפאלען אין דעם נעץ פון איהר שעהנהייט האבען געגלויבט, אז אן איבערנאטירליכע קראפט האט זיא געשאפען; אבער ניט גליקליך צו מאכען דיא מענשען אונטער וועלכע זיא האט פערקעהרט; נור, אום אויסצוזויגען דאס בלוט, אום צו רוענירען דיא שטארקסטע העלדען, וועלכע זיינען געבליעבען מאכטלאז געגען איהר.

מען האט מיט רעכט געקענט דענקען, אז סיציליע איז א צויבערין, אדער וויא דיא היינטוועלטיגע געלעהרטע וואלטען געזאגט, אז זיא בעזיצט דיא קראפט צו היפנאטיזירען און טהאן מיט יעדען מאן וואס איהר הערץ געקוסט. סיציליע וואר אבער נור א שעהנהייט, וועלכע וואר פיעללייכט דיא איינציגע אין דער וועלט און אין איהר הערץ איז געזעסען א טייוועל וואס האט געשטרעבט צו זעהן רוענירטע מענער.

דער לעזער וויים סיציליעס ביאגראפיע אין אמעריקא. זיא וואר א שקלאפין, איהר איינענטהימער האט זיא גענומען אין זיין הארם. דוד האט זיא גערעטעט פון טוידט און פון איהר הערר׳ס גוואלדטהאטען. זיא האט געהייראטהעט מיט דעם שווארצען דאקטאר, וועלכער האט צוליעב איהר געשטעלט זיין לעבען אין געפאהר. רודאלף האט זיי בײדען געבראכט אין אייראפא. אין דער נייער וועלט, אונטער פרייער געזעלשאפט איז סיציליע געווארען ווילד און איז געווארען אונטריי איהר מאן. זיא איז פערמישט געווארען אין אייניגע סקאנדאלען און האט פערבראכט א צייט אין געפענגעניס. יעצט האט זיא רודאלף געבראכט נאך פאריז אום צו גע־ברויכען אלס ווערק־צייג געגען יעקב פערנאנד.

(paris, 39·)

מאדאם פיפעלעט האט זיא ארייננעבראכט אין פערראנד'ס הויז אלס עלענדע יתומה, וועלכע האט קיין איינציגע פערזאָן וואָס זאָל פאר איהר זאָרגען. סיציליע האט נום נעוואוסט וואס איהר אויפגאבע איז. בּאראָן פאָן גרוין האט איהר שוין פריהער דערצעהלט ווער פערראנד איז און וואס זיא דארף טהאן אום איהם צו פאנגען. זיא האט געמאכט א רחמנות פנים און פערראנד, וועלכער איז ערסט פריי געוואָרען פון לואיזע מאָרעל און פון זיין אמאָליגער מאטרעסע, דיא אלטע סעראפינע, האט באלד בעשלאָסען ארייננעהמען דיעזער שעהנער יתומה אין זיין הויז, אום ער זאָל מיט איהר קענען האנדלען וויא זיין כאראקטער טרייבט איהם. ער האט זיך גאָר ניט נעוואונדערט ווארום סיציליע האט אויף איהם געמאכט אזא פייערדיגען איינדרוק מיט איהר ערשטען בליק. ער האט געזוכט צו האבען א יונגע פרוי אין זיין הויז, ער האט נעוואָלט זיא זאָל זיין שעהן, רייצענד און עלענד, און ער האט זיך געפרעהט מיט'ן צופאל, דאס דיא נעווינשטע פערזאָן איז נעקומען אין זיין הויז נאָר אָהן פיעל מיהע.

סיציליע האט נענומען איהר ראָלע מיט טאלאנט פון דעם ערשטען שריט אין דיעזען הויז. זיא האט געוואוסט, אז פערראנד איז א געפעהליכע חיה און דארום מוז מען מיט איהם זעהר פאָרזיכטיג זיין. זיא האט באלד געזעהן צו ענטציגדען זיין הערץ מיט ליידענשאפט און האט גלייך איהם ארייננעוואָרפען אין א צווייפעל ווענען זיין ערפאָלג.

דעם ערשטען אבענד וואָס זיא האט פערבראכט אין פערראנד'ס הויז איז פערראנד געווען מיט איהר אליין אין איהר ארבייטס-צימער. ער האט בעטראכט איהר שעהנהייט, און זיא פון איהר זייט האט זיא אויך בעמיהט איהם צו געפעהלען. ער האט צו איהר גערעדט און זיא האט איהם ערקלעהרט, דאס זיא פיהלט זיך גליקליך פון דער עהרע וואס ער טהיילט איהר צו.

אויפ'ן צווייטען טאָג, גאנץ פריה, איז פערראנד געקומען אין איהר צימער און האט איהר ערקלעהרט וואָס זיא דארף ארבייטען. פערראנד האט נאָך נעוואָלט שפּילען זיין היפּאָקריטישע ראָלע אום ער זאָל געווינען איהר גאנצען צוטרויען. סי־ציליע האט אבער געוואוסט וואָס זיא האט צו טאָהן און ווען פערראנד האט איהר אויסגערעכענט דיא ארבייט, וואָס זיא דארף מאכען האט דיא מולאטין זעהר קאָ־קעטיש אויסגערופען:

— קוקט נאָר אָן מיין געזיכט! בעטראכט נור גוט מיין קערפּער!

— וואָס מיינסט דוא דערמיט? — האט פערראנד פערוואונדערט נעפרעגט גלייך וויא ער איז א צדיק, וואס פערשטעהט קיין זאך.

— איך מיין איהר זאלט זעהן וויא געזונד איך בין. איך וויל איהר זאָלט וויסען אז איך קען פאר אייך טהאָן אלעס—אלעס, וואס איהר ווילט קען איך טהאן.

— איך האף, אז איהר וועט מיך צופריעדען שטעלען,—האט פעררַאנד הי־פּאָקריטיש געענטפערט.

— זעהט נור מיין האנד, איז דאָס א האנד צו ארבייטען?—האט סיציליע געפרעגט מיט א חן, וואס האט עלעקטריזירט פעררַאנדס בלוט.

פעררַאנד האט זיך צוגעקוקט צו איהר האנד. עס וואר א האנד וויא פון מראמאָר. דער ארם וואר לאַנג, פאל און רונד. דיא האנד וויס ווייך און קליין. דיא פינגער אדעל און דיא נעגעל לאַנג און רויטלאך וויא א בלאַסע ראָזען.

— איז דאָס א פוס פון א דינסט?—האט סיציליע ווידער געפרעגט און האט אויסגעשטעלט א קליינע פוס, וועלכע וואר בעדעקט מיט א שנעע־ווייסען טריקאָ.

איך האָב מיין טאנטע געזאָגט וואס פאר מיר פאסט. זיא וויס ניט וואָס איך בין געוועזן צו הויז און וואס פאר א לעבען איך האב געפיהרט. זיא מיינט דאָס :אבדעם וויא איך בין געבליעבען א יתומה מוז איך שוין זיין א דיענסט. איך מיין אבער, אז איהר פערשטעהט בעסער צו וואָס דיא נאַטור האָט בעשאפען אזא קונסט־פאָלען קערפער.

— איהר זייט קיין דיענסט? וואס האָט איהר געטהאן ביז יעצט?—האט פעררַאנד איבערראשט געפרעגט.

— דאָס איז מיין סוד. איבער געוויסע אורזאכען וועלכע איך דארף ניט ענט־דעקען האב איך געמוזט פערלאסען דייטשלאַנד, איך וויל לעבען פערבאָרגען אין פאריז. מיין טאנטע האט מיר פאָרגעשטעלט ווער איהר זייט און האט מיר אויך ערצעהלט דאס איהר ווינשט אייער דינסט זאָל זיצען אימער אין הויז — — דאָס איז ריכטיג נאָך מיין וואונש. ווער קען מיך דען ענטדעקען אין אייער הויז?

— איהר דארפט זיך בעהאלטען? וואָס פאר א פערברעכען זייט איהר בע־גאנגען?

— דאָס איז מיין געהיימניס! הערט מיך אויס, הערר. איך האב אנגענומען דיא שטעלע פון א דיענסט, איך וועל מיין פפליכט ערפיהלען, ווייל איך בין געצוואנ־גען צו לעבען פערבאָרגען. איך וועל אייך דיענען מיט גאנצע קראפט און איך וועל רעספעקטירען אייער הויז. אבער ביין ערשטען פרייען וואָרט וואָס איהר וועט מיר זאָגען, ביין ערשטען אונהעפליכען שריט וואס איהר וועט צו מיר מאכען וועל איך אייך פערלאסען אויף אייביג. איך וויל דאָס ניט האבען. ניט אויס פורכט און ניט

אויס אונשולד—איך רעכען אז איך זעה ניט אויס צו זיין א שרעקעדיגע אדער א היילינע.

סיציליע האט אויף איהם געוואָרפען א בליק וועלבער איז דורכגעפלויגען אלע זיינע אָדערען. דער נאָטאריוס האָט א ציטער געטהאָן.

— איך בין ניט אזא היילינע,—האט זיא ווידער געזאָגט—ווען איך בין פערליעבט דאן געפינט איהר ניט נאך אזא טייפעל וויא איך בין. איך וויל אבער ניט ליעבען און וויל ניט גערייצט ווערען. איך בין יעצט א דיענסט און איך פערלאנג דאס מען זאל מיך לאָזען טהאָן מיין פפליכט אלס דיענסט.—דאָס איז מיין געהיימניס און איך בעט אייך איהר זאָלט איהם רעספעקטירען! דענקט איהר אָבער, אז איך בין צו שעהן צו זיין אייער דיענסט, ווילט איהר פיעללייכט זיך בייטען מיט מיר דיא ראָלען און איהר ווילט זיין מיין שקלאַף?—איך בין צופריעדען. איך זאָג אייך אָפען, אז איך וויל בעסער איהר זאָלט זיין מיין שקלאַף, איידער איך אייער דיענסט; איך וויל אבער ניט זיין ביי טאג א דיענסט און דערנאך א געליעבטע. איך וויל זיצען אימער צו הויז, איך וויל ניט געהן אין גאס, ווילט איהר, קענט איהר זיין מיין פאטער. איך וועל אייך בעלאָהנען מיט מיין שעהנקייט.

— איך ציטער!—האט פערראנד ארויסגעמורמעלט ועהרענד ער האט זיך געטרייסעלט.

— ציטערן איז דאָ ניטאָ פאר וואס. איך בין קיין טייפעל, איך בין א מענש. איך רייד נור פריי וואס איך דענק. יעצט וויל איך איהר זאָלט זאָגען וואס פערלאנגט איהר פון מיר? ווילט איהר זיין מיין קנעכט, דאן בלייב איך מיט אייך און לעב נור מיט אייך אין דיעזען הויז. ווילט איהר איך זאָל זיין אייער דיענסט, דאן מוז איך אייך זאָפאָרט פערלאסען. איך האב נור גענארט מיין טאנטע, ווען איך האב איהר געזאָגט, אז איך בין ארם און האב קיינע קליידער. היער איז א זעקעלע מיט גאָלד און אָט איז א קעסטעלע מיט דיאמאנטען. איהר קענט עס בעטראכטען און שאצען. איך בין רייך; אָבער איך האב געזוכט א וועג צו אייער הויז, ווייל ביי אייך רעכען איך צו זיין זיכערער וויא אין דער גאנצער וועלט און איך בין אהער געקומען ניט אום אייך צו דיענען, נור ביי אייך צו פרעגען אויב איהר ווילט מיך האבען פאר אייער קעניגין.—זעהט איהר, איך גיב זיך איבער אין אייערע הענד. איך האב אייך ענטדעקט, אז מען זוכט מיך מיט ליכט.

דיעזער ראָמאנטישער געשפרעך, דיעזער צויבער פון סיציליעס אויגען און דיא אפענהערצינקייט אין איהר געשפרעך, האבען פאראליזירט דעם אלטען באנדיט. ער האט ניט געקענט בעגרייפען, וואס פאר א פרוי דאס איז? ווארום בעהאלט זיא

זיך? וואָרום איז זיא אָפענהערציג? איז זיא געקומען אין זיין הויז מיט א געוויסער אבזיכט? וואס איז איהר אבזיכט?

ער האט אזוי גערענקט און געטראכט. דער פייער פון איהרע אויגען האט איהם ניט געלאָזט טראכטען קאלט און רוהיג. ער האט אָנגעפאנגען צו ברענען, זיין בלוט האט געזאָדען און אלע זיינע געדאנקען זיינען געגאנגען צו איין ציעל, נעמליך, דאס ער מוז בעזיצען דיא ליעבע פון דיעזער שעהנהייט.

דיא פרייהייט פון סיציליעס געשפרעך האט אראָפּגעריסען פערראנד'ס מאסקע. ער האט לאנג ניט געקענט שפּיעלען דעם הייליגען און ער האט איהר מודה געווען דאס ער ווינשט צו האבען אין איהר א געליעבטע, ניט א דיענסט. דאס ער קען ניט בייזטעהן איהר שעהנקייט. זיי זיינען דאן ביידע אריין אין אָן אָפענעם געשפרעך און האבען בעשלאָסען, דאס אום זיי זאָלען ניט פאלען אין א פערדאכט, זאָל סיציליע פערטרעטען דיא שטעלע פון א דיענסט. קיין צווייטע דיענסט זאָל אין הויז ניט אָנגענומען ווערען; דערפאר אָבער, זאל פערראנד אליין טהאן דיא הויז־ארבייט און זאל נאד בעדיענען זיין דיענסט. ער האט מיט איהר אויסגעארבייט דעם פּלאן דאס דיא ארבייטער אין זיין ביזנעס זאָלען בעקומען געלד פאר זייער קעסט, אנשטאט וואס ביז יעצט האבען זיי בעקומען קעסט פון זיין קיך. פאר זיך אליין האבען זיי געמאכט א בעשטעלונג אין א האָטעל, וואס האט געשיקט עסען דריי מאָל א טאָג.

סיציליע האט אין זעלבען טאג געשיקט אין איינע פון דיא גרויסע געשעפטען און האט בעשטעלט נייע מעבעל פאר דאס הויז. זיא האט געוואָלט בעצאהלען פון איהר טאשע; אָבער פעררואנד האט עס ניט ערלויבט און ער האט אליין געגעבען דיא צוויי טויזענד פראנק, וואָס דיא מעבעל האט געקאָסט.

אזא סומע געלד האט פעררא̈נד נאך ניעמאלס אויסגעגעבען און דאס בעווייזט דאס סיציליע האט איהם שוין אין גאנצען געפּאקט אין איהרע הענד.

פעררא̈נד איז ווירקליך געוואָרען אן אנדערער. ער האט געברענט מיט ליידענשאפט און איז געוואָרען ווי א שכור. ער האט ניט געוואוסט, וואס מיט איהם טהוט זיך, ער האט געוואָלט געפעהלען. ער איז געוואָרען סיציליעס שקלאף, ער איז געוואָרען איהר געפאנגענער. אויף איהר וואונש האט ער געשאָטען מיט געלד אין אלע זייטען, אויף איהר וואונש האט ער געטהאן דיא הויז־ארבייט. ער האט אויפגעהערט צו דענקען וועגען איהר געהיימניס, ער האט אויפגעהערט צו קלעהרען וואס פאר א פערזאָן זיא איז; ער האט געהאט איין געדאנק, צו געווינען איהרע ליעבע.

פעררא̈נד וואלט ניט אזוי געפאלען צו א פרוי'ס פיס, ווען ער וואָלט ניט בעמערקט, אז סיציליע איז ניט פון יענע פרויען, וועלכע קענען נענארט אָדער בעזיענט

ווערען. סיציליע וואר פאַרזיכטיג מיט איהר עסען. זיא האט געטרונקען נור וואסער, וואָס זיא האט אַליין געשעפּט פון קוואַל און האט געגעסען נור וואָס דער דיענער האט געבראכט גלייך פון האָטעל און וואס פעררואַנד אַליין האט אויך געגעסען. אזא פרוי קען מען ניט נעהמען מיט געוואַלד, מען מוז זיא געווינען, און וויל זיין לייד־ דענשאַפט און איהר שעהנקייט און קראַפט ווארען איבערנאַטירליך, דארום איז ער געלעגען אונטער איהרע פיס און האט געטהאן אַלעס וויא זיא האט בעפוילען. אונטער דיעזע אומשטענדען אין אַזא פייערדיגע ליידענשאַפט און אזא פּלאַגע וואָס ער האט געהאט, האט איהם פערלאַסען זיין געזונד, זיין אַפּעטיט און זיין שלאָף. אין מיטען נאכט, אין דעם קאַלטעסטען וועטער פלעגט ער מוזען אומשפּאַצירען אין זיין גאַרטען אום צו בערוהיגען אַ ביסעל זיינע נערווען.

סיציליע וואר אַן אמת'ע מכשפה. זיא האט געוואוסט וויא מיט אזא אַלטען זיך צו שפּיעלען, זיא האט פערשטאַנען וויא צו רייצען זיין ליעבע, זיין לוסט זיא האט געוואוסט, אַז יעדע נאַכט דרעהט ער זיך אַרום איהר צימער, און דאַרום פלעגט זיא אַנצינדען פייער און לאָזען אָפען דיא פענסטער, וועלכע זיא האט פער־ זאָרגט מיט אייזערנע גראַטעס, אום ער זאל קענען זעהן וויא זיא שלאָפט און דאך ניט קענען צוקומען צו איהר בעט. פעררואַנד איז איין מאָל געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט ביי דיעזען פענסטער. ער האט שיער פערלאָרען זיין זינען, זיין גאַנצען בעוואוסט זיין. צייטענווייס האט ער אַבסאָלוט ניט געוואוסט וואס ער טהוט. ער האט פערנאַכ־ לעסיגט זיינע געשעפטען, ער האט זיך ניט געקימערט פאר זיין נאָמען אלס פרומער און הייליגען מאַן. אַ נאָמען, וועלכען ער האט ערוואָרבען דורך פיעל מיהע און אַנ־ שטרענגונג דיא גאַנצע צייט פון זיין לעבען. ער האט ערלויבט זיינע אַרבייטער צו טהאן וואָס זיי ווילען; ער האט זיך ענטזאַגט פון פיעלע גוטע געשעפטען און האט געטריבען דיא קונדען פון הויז; ער האט געווייכט פון דעם גייסטליכען, וועלכען ער האט געמאַכט פאר זיין הויז־פריינד. ער איז געוואָרען אַ נייער, אַ פרעמדער, אַ משוגענער פעררואַנד.

ער האט ווירקליך געליטען מעהר וויא יעדער אין זיין אַרט. סיציליע פלעגט אין איהם צורייצען זיין בלוט און צורייסען זיין פערשלאָסענע הערץ; אָבער קוים האט ער געמיינט, אַז ער ווערט שוין גליקליך, פלעגט זיא זיך אויסרייסען פון איהם און פערשווינדען אין איהר צימער.

אין דער נאַכט, וועלכע מיר האלטען מיט אונזער בעשרייבונג. אין דער שטורימדיגער פינסטערער נאַכט, איז סיציליע געשטאַנען אין איהר צימער און האט געפּוצט איהרע האאר. זיא האט דערהערט פעררואַנד'ס טריט אַרום טהיר און זיא

האט באַלד אנגענרייט איהר שפּיעז, וועלכען זיא האט געהאַלטען צוקאָפּענס.

דיעזער שפּיעז איז געווען זעהר שפּיציג און פערגיפטעט. זיא האט איהם אָפּט געציינט איהר געליעבטען, זיא האט איהם אויך געוויעזען, אז דער גיפט איז א גע־פעהרליכער. זיא האט פאר זיינע אויגען א שטאָך געטהאן א הונד מיט דעם שפּיעז און דער הונד איז געפאַלען טויטט.

סיציליע איז וויעדער געשטאַנען רוהיג ביי'ן שפּיגעל און האט ענטבלייסט איהר בוזים און איהרע הענד, זיא האט אָנגעטהאן א רויטען באַנד אויפ'ן האלז און האט אנגעגרייזעלט איהרע שווארצע לאָקען אויפ'ן שטערן.

זיא איז דאַמאָלס ווירקליך געווען דיא שעהנסטע אויף דער וועלט און זיא האט זיך אמוזירט מיט איהר אייגענער שעהנקייט.

פּלוצלינג האט זיא דערהערט א שטימע אונטער'ן פענסטער. זיא האט אָפּ־געקעהרט דעם קאָפּ פון שפּיעגעל און האט דערזעהן דעם טויטט בלאַסען פערראַנד, וועלכער איז געשטאַנען אונטער'ן פענסטער און האט זיך געבעטען זיא זאָל איהם עפענען דיא טהיר.

סיציליע האט ניט געענטפערט. זיא האט זיך געזעצט אויף א ווייכען שטוהל און האט גענומען זינגען א פראַנצויזישעס ליעד פון ליעבע און ליידענשאַפט.

— סיציליע! סיציליע! — האט פערראַנד אונטער'ן פענסטער געשריען.

סיציליע האט זיך געמאַכט גלייך וויא זיא האט איהם ערסט בעמערקט און האט אויסגערופען לויפענדיג עפענען דיא טהיר:

— אָה, מיין ליעבער פערראַנד, קום הערייןן! קום הערייןן!

פערראַנד איז אריינגעפאַלען אין צימער און האט זיך באַלד געשליידערט צו איהרע פיס.

— אָה, סיציליע, מיינע קרעפטען פערלאָסען מיך! אין דיר זעה איך דעם באַלזאַם וואס וועט ערהאַלטען מיין לעבען! סיציליע, ערבאַרם דיך און זאָג איין גוטען וואָרט! איין פריינדליכען וואָרט!

— איך האב ניט וואס צו זאָגען, — האט דיא שעהנהייט שטאָלץ געענטפערט. וואס זאָל איך זאָגען? דארף איך זאָגען, אז איך ליעב דיך! אַלטער, צובראָבענער שארבען! זעה וויא שעהן איך בין! זעה וויא רייצענד! איך בין אויסגעפּוצט, אז א קעניג וואָלט אויך געלעגען פאר מיינע פיס. גענוג איז פאר דיר ווען איך בין אין דיין הויז און בין בערייט צו זיין דיין פרוי. אָבער היער איז מיין שפּיעז און פריהער זאָל איך דיך שטעכען, איידער דוא וועסט מיר בעריהרען אָהנע צו געבען מיר בע־ווייזע, אז דיין ליעבע צו מיר איז אן אמת'ע. איך וועל ניט ערלויבען דיא ערניעדערונג

דוא זאָלסט מיך אויסלאַכען! איך ערלויב ניט, דאס דער אַלטער צובראָכענער, העסליכער פערראַנד זאָל האבען דעם גליק, וועלכען קעניגע האבען ניט געקענט ער־רייכען און אם ענדע זאָל ער מיר הייסען פערלאָסען זיין הויז מיט שאַנדע! אָה, ניין פערראַנד, פון מיין זייט איז גענוג, וואס און וויפיעל איך טהו; פון דיין זייט מוז איך הערען ווערטער און זעהן בעווייזע. ווילסט דוא דאס ניט טהאן, בלייב איך ביי אונזער ערשטען אָבמאַך, אָדער ווען דוא וועסט ניט האלטען דעם מויל און וועסט זיך וואַגען עטוואָס פרייהייט, זאָלסט דוא מיך מעהר אין לעבען ניט זעהן — יעצט וואַרט איך אויף דיין אנטוואָרט.

— וואָס ווילסט דוא האבען! קיין אָפּפער איז פאַר מיר ניט שווער. מיין ליעבע צו דיר איז דאס העכסטע אין מיין לעבען.

— איך וויל אַ משכון! — האט סיציליע געדאָנערט.

— ווילסט דוא געלד?

— איך האב עס מעהר פון דיר.

— ווילסט דוא איך זאָל טוידטען דיין פיינד?

— איך האב נור פריינדע

— ווילסט דוא איך זאל דיך עפענטליך הייראַטהען?

— איך בין שוין פערהייראַטהעט.

— דאַן וואָס ווילסט דוא? וואס זאָל איך דיר געבען?

— איך וויל אַ בעווייז, אַז דיין ליעבע צו מיר איז בלינד, ווילד, אָהן רעכענונג און אָהן אַ גרענעץ. איך וויל זעהן, אַז דוא ליעבסט מיך וויא אַ יונגער מאַן פון צוואַנציג יאָהר און, אַז פאַר מיר ווילסט דוא אָפּפערן אַלעס וואָס ביי דיר איז הייליג. איך וויל זעהן וויא וויים געטהע האט ריכטיג געשילדערט זיין פאוסט. איך וויל זעהן, וויא וויים דוא אַלטער ביזט פעהיג צו אָפּפערן פאַר מיין ליעבע.

— יא, אַלעס וויל איך דיר אָפּפערן און געבען, אָבער, וואָס ווילסט דוא נעהמען?

— איך ווייס אַליין אויך ניט! עס גיעבען מאָמענטען ווען דיא בליקען פון דיינע אויגען מאַכען מיר ווילד, ווען דוא גיבסט מיר יעצט אַ בעווייז אויף דיין אמת׳ער ליעבע, בין איך פעהיג צו טהאן פאַר דיר אַלעס אין דער וועלט!

— אָבער וואָס זאָל איך טהאָן?

— עטוואָס גרויסעס, עטוואָס טהייערעס; עטוואָס, וואָס זאָל מיר איבערציי־גען, דאס דוא וואָלסט עס ניט פערקויפט פאַר געלד.

— אָבער וואָס איז דאס אַזוינס!

— אַה, ווען דוא וואָלסט מיך געליעבט, וואלסט דוא אליין אויסגעפונען וואס דוא האסט צו פערקויפען דער ליעבע.

— איך וועל דיך באלד צורייסען וויא א טיגער צורייסט א שעפּס! — האט פערראנד געשריען אויפשפרינגענדיג אויף דיא פיס, ווייל דאס געדולד האט ביי איהם אין גאנצען געפּלאצט.

— מיין שפּיעז! — סיציליע האט פעסט אנגענומען דעם הענטעל פון פער־גיפטעטען שטאָהל.

פערראנד איז צוריקגעשפּרונגען. ער האט זיך צו־וויינט.

— סיציליע! — האט ער אויסגעשריען — איך וויל דיר געבען א בעוויז. איך וויל דיר געבען אין משכון מיין עהרע! מיין לעבען! מיין גאנצען פערמעגען! וועט דאס דיר איבערצייגען מיין ליעבע?

— דיין עהרע? דיין לעבען? אָה, פערראנד, דוא נאררסט מיך! דוא ביזט אן עהרליכער נאטאריוס דוא ביזט א פרומער מאן, דוא האסט קיין פערברעכען אויף דיין געוויסען; דוא ווילסט מיך יעצט נאררען! דערפאר פּראכטע איך דיך און פערלאס דיך.

— געה ניט סיציליע! איך פערזיכער דיר, אז איך בין ניט דאס וואס מען דענקט פון מיר, מיין עהרע איז א בעפלעקטע און מיין קאָפּ בעלאנגט צום עשאַפאָט! איך וועל עס דיר געטרויען אלס צייכען פון מיין ליעבע.

— אזא צייכען בעדייטעט ליעבע, אָבער איך גלויב ניט, אז דוא קענסט עס מיר געבען.

— איך שווער דיר! איך בין א באנדיט!

— פערראנד! — האט סיציליע מיט א ווייכען קול געזאגט און האט ארויפ־געלעגט איהר ווייכע האנד אויף זיין אקסעל — פערראנד, אין דיינע אויגען זעה איך ווידער דעם פייער, וואָס מאכט דיך אינטערעסאנט. איך וויל יעצט ארויסוואַרפען דעם שפּיעז און וויל, זיך לאזען קושען פון דיר; אָבער, אבער, פערראנד, גיב מיר א בעוויז אויף דיין ליעבע, אן אמת'ן בעוויז, און מירביידע וועלען זעטיגען אונזער דורסט פון דעם פּערבאָטענעם קוואל! דוא זאגסט, אז דוא ווילסט מיר געבען אין משכון דיין עהרע, דיין לעבען, דיין פערמעגען — — איך וויל דיין עהרע!

— דוא זאָלסט האבען מיין עהרע אין דיינע הענד! הער מיך אויס: צוריק מיט צעהן יאָהר איז א קינד פון זעקס יאָהר אָנפערטרויט געוואָרען אין מיינע הענד; צוויי הונדערט טויזענד פראנק האט מען מיר געגעבען פאר איהר ערציהונג. איך

האב דיעזען קינד פערוואָרפען און האב ארויסגעלאָזען א קלאנג, אז זיא איז טוידט. דאס געלד איז געבליעבען אין מיינע הענד.

— אָה, דאס איז ניט אזוי געפעהרליך. עס איז געשיקט און קלוג; אָבער דאס פערדארבט נאָך ניט דיא עהרע.

— הער וויטער: איך האב געהאסט מיין קאסיר פראנציס דושערמאן. איין מאל האט ער גענומען אביסעל געלד און האט עס צוריק געבראכט אויף מאָרגען. אבער אום איהם צו רוענירען האב איך איהם בעשולדיגט, אז ער האט גענומען א גרויסע סומע. דער קאסיר איז יעצט אין געפענגניס.

— אָה, פערראנד דוא ליעבסט מיך! דוא ליעבסט מיך. אזעלכע געהיימניסע בעווייזען דיא אמת'ע ליעבע. ניין, איך וועל ניט זיין אונדאנקבאר. קום, איך וויל קושען דיין שטערען, וואו אזעלכע געדאנקען זיינען בעשאפען געוואָרען.

— אָה, — האט פערראנד וויא פון שכרות געשריען — ווען דער עשאפאָט וואלט דאָ געשטאנען, וואָלט איך אויך זיך ניט געשראָקען. הער מיך וויטער אויס: דאס קינד, איהר נאָמען איז נאכטיגאל, איז ניט געשטאָרבען און זיא איז מיר גע־קומען אין וועג. איך בין געשטאנען אין געפאהר און איך האב זיא ערמאָרדעט!

— דוא? וואו און וויא אזוי?

— דאָס וואר צוריק מיט איינגע טעג ביי דעם אסניערעס בריק. א מערדער מיט'ן נאמען דיעב מארטיאל האט זיא ערטרונקען מיט זיין שיפעל. איך בין גע־שטאנען ביי'ן ברעג ביז זיא איז געזונקען אין וואסער.

— אָה טייפעל, דוא שרעקסט מיך, אָבער דאָך, דיין צוטרויען צו מיר האלט מיך פעסט און איך מוז דיך נאָך מעהר ליעבען.

— הער מיך וויטער אויס: איידער איך האב ערמאָרדעט דער נאכטיגאל האט א מאן מיר פערטרויט הונדערט טויזענד פראנק, איך זאל דאס האלטען פאר זיין שוועסטער דיא וויטווע פון באראָן פאָן פערמאָנט. איך האב איהם געשאָסען אין שטערען און האב געליפערט בעווייזע, אז ער איז בעגאנגען זעלבסטמאָרד. דאס געלד וועלכע בעלאנגט צו דער אלמנה פון באראָן פאָן פערמאָנט האב איך פער־לייקענט. — יעצט איז מיין לעבען אין דיינע הענד.

— פערראנד איך פערגעטער דיך, דוא האסט מיר ענטדעקט מעהר וויפיעל איך האב פערלאנגט. אבער ליעבער אלטער מאן, דיין ערצעהלונג האט מיך געוואור־נען. דאָך, וויא קען איך זיך איבערגעבען אין דיינע הענד, ווען אלעס וואָס דוא האסט געזאגט איז בלויז רייד אויפ'ן ווינד? איך האב נאָך אלץ א פערדאכט, אז דוא נארסט מיך. וואָס טהו איך, ווען דוא לייקענסט מיר דיא געשיכטע.

— אָה סיציליע, גיב מיר א טויזענד־פאַכען טוידט, איך וועל איהם אַננעהמען! דוא גלויבסט ניט מיינע רייד, דאן זאָלסט דוא האבען מיין אונטערשריפט. גיעב מיר טינט, פאפיער און א פעדער און איך שרייב עס אויף און לייג דערצו מיין אונ־טערשריפט.

— אָה, וויא ליעב דוא האסט מיך ווען דוא וועסט עס טהאן, און וויא חיים איך וויל דיך ליעבען, וויא ערגעבען איך וועל צו דיר זיין, ווען אזא פאפיער, וועט ליעגען אין מיין בוזים. היער מיין אלטער געליעבטער, היער איז שרייב־מאטעריאל, גיב מיר דעם לעצטען בעוויז און מיין שפיעז וועט ליעגען פאר דיינע פיס.

פעררא:נד'ס ווילדקייט און וואהנזין האט געגרייכט אזוי וויית, דאס ער האט זיך געזעצט און אלס גוטער און פראקטישער נאָטאריוס, האט ער אויפגעשריעבען א פאַלשטענדיגען ווידוי אויף אלע זיינע מעשים.

— היער איז דער דאָקומענט! דאס איז מיין טאָדעס אורטהייל, נעהם איהם און זיי איבערצייגט, דאס דיא ליעבע פון אן אלטען מאן איז שטארקער וויא יעדע ליעבע אין דער וועלט.

— יעצט זעה איך, אז דוא האסט מיך ווירקליך ליעב! — האט סיציליע אויס־געשריען מיט פריידע וועהרענד זיא האט בעהאלטען דעם פאפיער אין בוזים — יעצט געליעבטער מיינער, זיינען מיר ביידע פערבונדען איינע מיט דיא אנדערע. שטעה רוהיג אויף דיין פלאץ, איך לעש אויס דיא ליכט און עפען אביסעל דיא פענסטער און דאן וועסט דוא גאנץ פריי האבען דעם לאָזן פאר דעם צוטרויען וואָס דוא האָסט מיר געוויעזען.

פעררא:נד איז געשטאנען און האט געציטערט פון גליקזעליגקייט. סיציליע האט אויסגעלאָשען דעם פייער, האט אויפגעעפענט דיא פענסטער און שנעל וויא א פייל פון בויגען איז זיא ארויסגעשפרונגען פון צימער און האט זיך געלאָזט לויפען דורכ'ן גאָרטען, ביז זיא איז געקומען צו דער צווייטער גאס און איז אריינגעשפרונגען אין א קארעטע וועלכע מאָרפי און גרוין האבען געהאלטען אויף יענעם פלאץ פאָרבערייטעט זייט זיא איז אַנגעקומען אין פיוררא:נד'ס הויז.

סיציליע איז אזוי שנעל אנטלאָפען דאס דיא ערסטע עטליכע מינוטען האט פעררא:נד זיך ניט ארומגעזעהן וואס אין דעם אויגענבליק איז געשעהן. ער איז גע־שטאנען אין דיא פינסטערניס און האט געווארט סיציליע זאל צו איהם קומען. אָבער ער האָט צו לאנג געוואַרט. ער האט זיא גערופען, — קיין אנטוואָרט; ער האט גע־נומען טאפען דיא ווענט — אלעס איז האָלץ און שטיין; ער האט אָנגעצונדען דעם פייער און אָה, וועה איז איהם, סיציליע איז פערשוואונדען! דער פענסטער שטעהט

אָפּען! איהר מאַנטעל, איהר הוט זיינען אויך ניטאָ. דיא נעשיקטע צויבערין האט אלעס נעהאַלטען פאַרבערייטעט און האט עס ניט פערגעסען דעם לעצטע זאוינענבליק.

סיציליע איז זיכער אנטלאָפען און מיט איהר איז אויך אנטלאָפען דיא בעווייזע אויף זיינע פערברעכען! ער האט ניט געצווייפעלט, אז סיציליע איז אויף אייביג פון איהם אוועק. ער האט עס געקענט פיהלען, ער האט עס געקענט בעמערקען אין דעם צימער. ער האט זיך איבערציינט, אז ער איז אריינגעפאלען אין א פאַסטקע און א דאָנערשלאַג האט געטראָפען אין זיין ברוסט.

א לאנגע צייט איז ער געבליעבען שטום, געלעהמט און ניעדערגעשלאָגען. זיינע אויגען האבען זיך אויסגעדרעהט, זיינע צייהן האבען געקריצט, זיין מויל האט זיך פערדרעהט און שוים האט געפלייצט וויא פון א מיעדען פערד אין א הייסען טאָג און זיינע הענד האבען מעכאַניש געריסען דיא הויט פון זיין ברוסט, וועלכע איז שיער ניט צוזעצט געוואָרען. ער האט געפיהלט, אז זיין פערשטאנד ווערט צומישט, ער ווייס ניט, וואו ער איז אין דער וועלט.

איבער א שטונדע איז ער אזוי געשטאַנען אין צימער. ענדליך איז זיין פערשטאנד עפּעס העלער געוואָרען. איהם האט געשטיקט דיא לופט און מיט שווערע פיס האט ער זיך ארויסגעשלעפּט אין גאָרטען צו אטהמען אביסעל פרישע לופט. דער רעגען האט אויפגעהערט, נור דער ווינד האט געבלאָזען און געריסען. ער איז געלאָפען צווישען דיא ביימער, האט זיך געשלאגען מיט ביידע קולאקעס אין קאָפּ און האט געריסען דעם פלייש פון געזיכט מיט זיינע שאַרפע נעגעל.

וויא ער איז אזוי ארומגעלאָפען דורך דעם גאָרטען האבען זיך זיינע פיס אריינגערוקט אין א גרוב. ער איז געפאלען און איז געבליעבען זיצען. ניט פיהלענדיג און ניט ווילענדיג זיינען זיינע אויגען געפאלען אויף עטליכע שמאַטעס, וועלכע וואָרען בעפלעקט מיט בלוט.—ער איז אריינגעפאלען אין דעם קבר, וואו לואיזע מאָרעל האט בעגראָבען איהר ניי־געבאָרענעם קינד. עס וואר אויך זיין קינד. ער האט נאך אמאל א קוק געטהאן אויף דאָס בלוט, ער האט בעמערקט, וואו ער זיצט, ער האט זיך עראינערט, אז דאס איז זיין קינד׳ס קבר, זיין קינד וועלכע ער האט ערמאָרדעט נאך אין מוטערס לייב, און ער האט אויפגעשווידערט.

אן אנדערס מאל וואָלט ער גאנץ רוהיג געטראַמפּעלט איבער דיעזען בלוט און איבער דיעזען קבר. יעצט האט עס איהם ערשראָקען. זיין פאנאטיזמוס האט ערוואַכט, ער האט נעגלויבט, אז ער איז אהער געבראַכט געוואָרען אום דאָ בעשטראָפט צו ווערען פאר זיינע חטאים. א קאַלטער שוויס איז ארויס אויף זיין געזיכט, אלע זיינע אָדערען האבען זיך צוזאַמענגעצויגען און ער איז געפאלען אין אונמאַכט איבער זיין קינד׳ס גראָב.

64טעס קאפיטעל.

דער לייבענגרוב.

יעצט וועלען מיר פיהרען אונזער לעזער אין דעם שרעקליכסטען און ערגסטען ארט פון פאריז, אן ארט וואו אלע רויב־טהיערע אין מענשענגעשטאלט, וואו אלע פערברעכער און באנדיטען זיינען פערזאמעלט. דיעזער ארט איז דאס געפענגניס, וועלכען אלע פאריזער פערברעכער רופען „דער לייבענגרוב".

אין לייבענגרוב קען מען זעהן אלערליי שרעקליכע אויגען, אלערליי ווילדע געזיכטער, אלע בעקאנטע פערברעכער, וואס האבען געהאלטען גאנץ פאריז אין שרעק. דארט זיצען יעצט דיא פערברעכער, וועלכע זיינען פערהאפטעט געווארען אין קולאקס שענק און וועלכע דיא לעזער האבען געהאט געלעגענהייט צו קענען.

דער לייבענגרוב איז ביי דיא באנדיטען געוועזען א סארט איינענע רעגיערונג: דארט האבען זיי אימער געהאט זייער קעניג — דער גרעסטער באנדיט; דיא חיה וואס האט זיך געווייקט אין מענשענ-בלוט ווערט דארט דער עלטסטער, דער קעניג איבער דיא גזלנים. דער קעניג, וועלכער איז יעצט דער הערשער אין לייבענגרוב איז א געוויסער באנדיט מיט׳ן נאמען סקעלעט. זיין אויסזעהן איז געוועזען פיעל שרעקליכער וויא פון א סקעלעט. זיין קאפ וואר פערדרעהט צום לינקען אקסעל, זיינע באקען-ביינער ווארען לאנג און שמאל און זיין האלז וואר אונגעוועהנליך לאנג. זיין גאנצער קאפ האט אויסגעזעהן וויא פון א שלאנג. דיא אויגען אין זיין קאפ ווארען קליין און פייערדיג און דיא צייהן אין זיין מויל ווארען גרויס און שארף. זיין קערפער וואר נור הויט, ביינער און מוסקולען.

דיעזער סקעלעט איז געוועזען דער שטארקסטער מערדער אין פאריז, פאר איהם האבען געציטערט דיא גרעסטע מערדער און דארום איז ער געקרוינט געווארען צום קעניג אין לייבענגרוב.

וועהרענד מיר בעזוכען דיעזען לייבענגרוב, שטעהט סקעלעט און סוד׳עט זיך אין א ווינקעל מיט דיעב מארטיאל.

— ביזט דוא זיכער, אז דזשערמאן האט אונז פערראטהען? — פרעגט סקעלעט ביי דיעב.

— איך בין זיכער. סיסערא האט עס אליין געהערט פון הינקעדינגען און דער הינקעדינגער האט בעשלאסען צו ערמארדען דיעזען יאלד.

— אויב אזוי וועל איך אנבינדען א שטריק אויף דזשערמאנ׳ס צונג און וועל

איהם ארויסשלעפּען פון אָרט! איך האב דיעזען צדיק פערהאַסט זייט דעם ערסטען טאג, וואס מען האט איהם אהער געבראכט, — זאָגט סקעלעט.

— איך וועל אויך העלפען צו דער מצוה, — האט זיך אריינגעמישט בארבילאָן, וועלכער איז אָנגעקומען צום געשפּרעך — איך בין געוואוינט צו דער ארבייט. אין דער פּרעהליכער „סיטע" האב איך פינף מענשען ערמאָרדעט.

– דיעזען דזשערמאַן מוזען מיר בעשטראָפען פאר אלע מוסרים. מיר מוזען איין מאָל פאר אלע מאָל ווייזען, דאָס א מוסר טהאָר ניט לעבען. דיעזע מוסרים טהוען אונז מעהר צרות וויא דיא גערעכטיגקייט. אונזערע בעסטע קאמעראַדען זיינען געשטאָרבען פּריהצייטיג אויפ'ן עשאַפאָט נור צוליעב דיא לאַנגע צינגער, — האט סקעלעט ערקלעהרט.

— ווער האט פערראַטהען מיך, מיין שוועסטער און מיין מוטער אויב ניט דער מוסר קולאק? — האט דיעב געשריען.

— אויך מיך האט ער געמוסר'ט! — האט בארבילאָן געזאָגט.

— טוידט צו אלע פעררעטהער! — האט סקעלעט אויסגעשריען — איך וועל ערמאָרדען דעם מוסר דזשערמאַן, וועלכער זיצט צוזאמען מיט אונז, און אונזערע קאַמעראַדען, וועלכע זיינען נאך פריי וועלען פערשטעהן, אז זיי דארפען אויסווערגען יעדען וואָס בענוצט זיין צונג, ניט זיינע הענד.

— אבער מיט וואָס וועסט דוא פערוויגען דיעזען צדיק? — האט בארבילאָן געפרעגט — מיר האבען דאך היער קיינע וואפען.

— ווילסט דוא אפשר אריינלייגען דיין קאָפּ צווישען דיעזע אייזערנע פלעקער? האָט סקעלעט געפרעגט און האט אויסגעשטעלט זיינע לאַנגע און דארע פינגער.

— ווילסט איהם ערווערגען?

— געוויס!

— און ווען מען וועט ערפאהרען, אז דוא האסט עס געטהאן?

— בין איך דען מיט צוויי קעפּ? דוא זעהסט דאך נור איין קאָפּ אויף מיינע פּלייצעס און דיעזער קאָפּ איז שוין ניט מיינער; מען וועט איהם אָפּהאַקען און ארויסוואַרפען פאר הינד פאר אן אנדער מצוה. פאר דיעזען מוסר וועלען דיא ריכטער ניט האבען וואס צו נעהמען.

וועהרענד דיא מערדער זיינען געשטאַנען און האבען געשפּראָכען וועגען דזשערמאַנ'ס לעבען, האט דער געפענגניס אויפזעהער געעפענט דיא טהיר און האט דזשערמאַנען אריינגעפיהרט אין דעם זעלבען צימער. אין דיעזען צימער פלעגט מען ברענגען אלע פערברעכער איידער מען האט זיי פאָרגעפיהרט פאר'ן ריכטער. דזשער-

מאַן האט זיך ניעמאלס אונטערהאלטען מיט דיא איבריגע ארעסטאַנטען. אין אמתן האט ער זיי אויך ניט געמסר'ט. זיי האבען אויף איהם נור געמאכט א בילבול, ווייל זיי האבען איהם פיינד געהאט פאר זיין עהרליכקייט, וויא אן עהרליכער האט פיינד א פערברעכער. ארעסטאַנטען האבען אימער רעספעקט פאר אן ארעסטאַנט, וואס קומט אין געפענגניס מיט א שרעקליכער קאריערע. א שטילען מאַן וויא דזשערמאַן האסען זיי וויא דעם טוידט.

דזשערמאַן איז נאַטירליך ניט געגאַנגען צום ווינקעל, וואו אלע פערברעכער זיינען געשטאַנען. ער איז צוגעגאַנגען צום קליין פענסטעריל און האט געקוקט אויפ'ן גאַס, וואו אלע זיינען פריי.

דזשערמאַן האט בעטראכט דיא פרייע נאַטור און האט אויך געטראכט פון זיין געליעבטע, וועלבע געפינט זיך פריי אין דער גרויסער שטאָדט. ער האט זיך ניט אומגעקוקט צום ווינקעל, וואו מען האט געמאכט א פערשווערונג געגען איהם; ער ו'אט זיך אויך ניט צוגעקוקט צום הויכען מאַן, וועלכער איז געשטאַנען אין א צווייטען ווינקעל און האט פון איהם ניט אראָפּגעלאָזען דיא אויגען.

דיא מערדער האבען אנגעשטעלט זייערע אויגען אויף דעם בעל-גאוה, וועלבער איז צו זיי ניט צוגעגאַנגען. סקעלעט האט ניט געוואַרט אויף א צייכען. ער האט זיך א וואָרף געטהאן אויף דעם יונגען מאַן און האט איהם ארומגענומען ביי'ן האלז און א שליידער געטהאן אויף דער ערד. אין איין אויגענבליק איז זיין קניע געווען אויף דזשערמאַנ'ס ברוסט און זיינע אייזערנע פינגער האבען פערשטיקט דזשערמאַנ'ס אטהעם. נאך איין מינוט און דער אונשולדיגער וואָלט געווען טוידט אונטער דעם פעראורטהיילטען מערדער'ס פינגער! דער הויכער מאַן, וועלבער איז געשטאַנען שטיל אין א ווינקעל האט אבער קיין סעקונדע ניט פערזאַמט. וויא א לייב האט ער זיך א שליידער געטהאן אויף סקעלעט'ס האלז און האט מיט אזא מאכט פערשטיקט סקעלעט'ס גאָרגעל, דאס ער האט אָפּגעלאָזען דזשערמאַנ'ס האלז און האט פערגלאָצט דיא אויגען און אויסגעשטעלט דעם צונג וויא אן אויפגעהאַנגענער פאַר'ן טוידט.

דיא איבריגע מערדער האבען זיך א וואָרף געטהאן אויף דיעזען הויכען; אָבער דער אונבעקאַנטער האט זיי אָפּגעשטויסען פון זיך מיט זיינע געזונטע פיס, וועלבע האבען זיך געוואָרפען רעכטס און לינקס. סקעלעט איז א ווילע געלעגען מאַכט-לאָז אין דעם פרעמדענס געזונדע הענד. קוים האט ער זיך נור גענומען ריהרען, אַזוי האט דער פרעמדער גענומען האַגלען מיט קולאַקעס איבער דעם אייזערנעם דאַרען קאָפּ. יעדער קלאַפּ האט פערהילכט דעם לייבענגרוב און יעדער קולאַק האט

געמאכט א לאַך אין דעם הארטען קאָפּ. דער פרעמדער האט איבערראשט אלע ארעסטאנטען מיט זיין גבורה און זיין געשיקטקייט. זיי זיינען אלע געשטאַנען פון וויטען און האבען געציטערט נאָהענט צוצוגעהן. נור ווען זיי האבען געזעהן, אז זייער קעניג פאלט באלד טוידט האבען זיי געמאכט אזא רעש און אזא געפילדער, דאס דער געפענגנים אויפזעהער איז אריינגעפלויגען מיט פינף און צוואנציג סאָלדאטען און האט איינגעשטילט דעם אויפשטאנד. דער פרעמדער און סקעלעט זיינען באלד אַפגעפיהרט געוואָרען צום געפענגנים ריכטער און דזשערמאַן, וועלכער איז געלעגען מאכטלאָז אויף דער ערד, איז אוועקגעטראָגען געוואָרען אין געפענגנים האָספּיטאל.

דזשערמאַן איז א היבשע ווײַלע געלעגען אין אונמאכט. דיא שרעק און דיא קלעפּ וואָרען צופיעל פאר זיין געזונד. דער געפענגנים אויפזעהער האט איהם גע־ליעבט, ער האט אן זיין געזיכט, אן זיין אויפפיהרונג איינגעזעהן, דאס ער איז נים קיין געמיינער פערברעכער. יעצט האט ער מיט דעם יונגען ארעסטאַנט מיטלייד געהאט, און ער האט זיך גענעבען דיא גרעסטע מיהע צו רעטען דעם יונגען מאַן, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט געגען אלע אנדערע ארעסטאַנטען. ווען דזשערמאַן האט געעפענט דיא אויגען און האט זיך ערזאינערט וואס מיט איהם האט פּאסירט איז זיין ערשטע פראגע געוועזען:

— וואו איז דער מאַן וואס האט מיך געראטעט פון טוידט?

— ער איז פאַרן ריכטער. ווען ניט דיעזער מאַן וואלט איהר ערמאָרדעט געוואָרען פון דעם באנדיט.

— און וויא רופט מען דיעזען טהייערען מענשען? — האט דזשערמאַן געפרעגט.

— זיין נאָמען איז האַלזשניידער. ער איז פריהער געוועזען א פערשיקטער, יעצט האט ער אויפגעבראָכען דאָס הויז פון א רייכען מאַן, מען האט איהם געחאפּט ביי דער גנבה. וויא מיר שיינט וועט ער יעצט חאַפּען נייע צוואנציג יאָהר.

דזשערמאַן האט געשווידערט הערענדיג דאס זיין רעטער דארף פערשיקט ווערן אויף צוואנציג יאָהר און ער איז איהם ניט אים שטאנדע צו העלפען. ער האט זעהר געגאַרט צו זעהן איהם און בעדאנקען איהם פאר זיין גרויסע טהאַט. ער האט געבעטען דעם אויפזעהער ער זאָל איהם פיהרען דאָרט, וואו האַלזשניידער געפינט זיך.

— דער אויפזעהער איז אוועק צו זיין ארבייט און אין א ווײַלע ארום איז האַלזשניידער אריינגעקומען דארט וואו דזשערמאַן איז געלעגען. וויא ער האט דזשערמאַנען דערזעהן האט ער אויסגעשריען:

— דאָנער וועטער! איך בין גליקליך, דאס איך האב אייך געראטעט פון דיא מערדער.

— איך דאנק אייך מיין הערר! פון גאנצען הערצען דאנק איך אייך! ביז דער לעצטער מינוט פון מיין לעבען ועל איך אייך געדענקען און וועל אייך דאנקען. אבוואָהל איך וויים ניט ווער איהר זייט און וואָרום איהר געפינט זיך דאָ, דאָך וויים איך, אז איהר האט מיך גערעטעט פון טוידט נור אוים ריינער מענשענליעבע.

— איהר קענט מיר ניט, אָבער איך קען אייך! — האט האלושניידער אויסגעשריען — און ווייל איך קען אייך האט מען מיך אהער געבראכט!

— איך קען דאס ניט בעגרייפען. וואָרום האט מען אייך ארעטירט, ווייל איהר קענט מיך?

— אָט אזוי איז עס. צוליעב אייך בין איך יעצט אין לייבעננרוב. נור צוליעב אייך.

— מיין פערשטאנד קען מיר דאָ ניט דיענען. איהר זייט פאר מיר א רעטעניש. דער אויפזעהר האט מיר געזאגט, דאס מען האט אייך פערהאפטעט ווייל — —

— ווייל איך האב אויפגעבראָכען דאָס הויז פון א רייכען מאן און מען האט מיך געהאפט מיט דער גנבה! — האט האלושניידער מיט א גאנץ הויכען קול און א גרויסען געלעכטער פערחאפט.

— זייט איהר בענאנגען אזא פערברעכען? ניין, איך וועל עס ניט גלויבען. א מאן וואָס ריזיקירט זיין לעבען פאר א צווייטען איז ניט פעהיג צו גנבענען. אָה, מיין הערץ ברעכט אין מיר, דאָס אזא גוטער מאן זאל דארפען ערוואַרטען אזא שווערע שטראפע.

— דיא שטראפע איז א שרעקליכע. גאנצע צוואנציג יאָהר שווערע ארבייט, אבער וואס זאָל איך טהאן דאס איהר האט מיך דערצו געבראכט, — האט האלושניידער געזאגט און האט וויעדער געלאכט.

— איך פערשטעה עס ניט. ביטע רעדט דייטליכער.

— וואס זאָל דא זיין ניט צו פערשטעהן, איך האב אויפגעבראָכען א הויז און האב גענגבעט — —

— געווים האט אייך דער הונגער דערצו געטריעבען!

— דער הונגער? ניין, ניין! איך האב נאך הונדערט און צוואנציג טויזענד פראנק פון דאס געלד וואס מיין וואהלטהעטער האט מיר געגעבען. אה מיין וואהלטהעטער האט מיך אויסגעלערענט ווי צו געבען א געזונדען קלאפ און נאך זיין שטייגער האב איך ארייגנעהאקט דיא קולאקעס אין סקעלעט'ס קאפ. צוליעב דיזען וואהלטהעטער בין איך געוואהרען א גנב און צוליעב איהם זיץ איך אין „לייבעננרוב".

(paris, 40*)

— און ווער איז אייער וואַהלטהעטער?

— מיין וואָהלטהעטער איז אויך אייערע, ער וועט אייך ארויסנעהמען פון דיעזער געפענגניס.

— מיין וואָהלטהעטער? — האט דזשערמאַן פערוואונדערט געפרעגט.

— יאַ, זיין נאָמען איז רודאָלף. ער וואַכט איבער אייך, ער זאָרגט פאר איין און ער ארבייט פאר אייך. ער איז אַ קעניג אָדער אַ פרינץ.

— איהר זייט אין אירטהום, — האט דזשערמאַן געענטפערט — איך האב גאָר ניט אַזאַ גרויסען מאַן אונטער מיינע בעקאַנטע און איך ווייס ניט אויב אַזאַ מאַן קימערט זיך וועגען מיר.

— יאַ, יאַ, ער קימערט זיך שוין זעהר פיעל וועגען אייך און ער קען אייך. ער וועט אייך בעפרייען פון אַלע צרות און איהר וועט גאר ניט וויסען, אַז ער האט עס פאר אייך געטהאַן.

— דאָס איז פאר מיר אַ רעטהזעל.

— אָבער איהר וועט זיך איבערצייגען, אַז איך בין קיין ליגנער! — האט האַלזשניידער אויסגעשריען — רודאָלף האט זעהר פיעל געטהאַן פאר מיר. איך בין אַ לאַנגע צייט געוועזען געשמידט אין קעטען און ווען מען האט מיך געלאָזען פריי האבען מיך אַלע מענשען פערשטאָסען פון זייער געזעלשאַפט. איך האב זיך געוואַלגערט אין דיא בלאָטעס פון דער „סיטע" ביז איך האב מיך בעקענט מיט דיעזען רודאָלף און ער האט מיר געזאַגט, אַז איך האב אַ מענשליכע הערץ און פערדיען געעהרט צו ווערען. דאַנער וועטער! ווען ער האט עס מיר געזאַגט האט מיר געשיינט, אַז אַ געטליכע האַנד האט מיך געהאַפט פאר דיא האאר און האט מיך אויפגעהויבען טויזענד אַרשין העכער פון דער גאַנצער באַנדע פערברעכער און לומפען אונטער וועלכע איך האב זיך געפונען. זייט דאַן בין איך געוואָרען אַ נייער מענש. איך האב זיך גענומען צו געהן אויף זיין וועג צו העלפען אַלע אונגליקליכע. איך בין צוגעבונדען צו דיעזען געטליכען מאַן. פאר זיינטוועגען וואָלט איך געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער.

האַלזשניידער האט עס גערעדט מיט אַזאַ היץ דאָס דזשערמאַן האט איהם אַנגעקוקט מיט דער גרעסטער פערוואונדערונג און האט געשלונגען יעדען וואָרט וואָס ער האט ארויסגערעדט. האַלזשניידער האט זיך ניט געקימערט וועגען דזשערמאַנ'ס איבערראַשונג און ער האט ווייטער גערעדט:

— מאָנסיו רודאָלף האט מיר געטהאַן פיעל גוטעס. ער האט מיר געקויפט הייזער, פעלדער און ווייגגערטנער אין אַלגיר און האט מיך אַהין געשיקט מיט פיעל

געלד. איך האב אבער ניט געקענט לעבען אָהן איהם. איך האב נאך איהם געבענקט. איך פלעג מיך ערמאנערן, אז ער האט ליעב מלחמה צו האַלטען מיט מערדער און מענשענפרעסער; איך פלעג ציטערן טאָמער איז ער אריינגעפאַלען אין אַן אונגליק. אין אַ געוויסען פריה־מאָרגען, בין איך אויפגעשטאנען און בין אוועק פון אַלגיר.

באלד וויא איך בין געקומען אין פאריז, האט מיך מאָנסיו מאָרפּי אויפגענומען וויא א ברודער און האט מיך גלייך אריינגעפיהרט אין רודאָלף'ס צימער. — דאָנער וועטער! וויא איך האב דערזעהן דעם מאן וואס האט א האנד וויא אַ האַמער און א האַרץ וויא אַ טויב, וואס האט א געשטאַלט פון אַ שרעקליכען לייב, און אַ זעעלע וויא אַ קליין קינד, וועלכער איז אַ קעניג אדער אַ קעניג'ס אַ זאָהן וואס טהוט זיך אָן אין קליידער פון ארימע לייט, אום ער זאָל קענען אריינוואַרפען אַ דוצענד קלעפּ אין אַזא בחור וויא דער לעהרער — דאָנער וועטער! וויא איך האב דיעזען מאן דער־זעהן האב איך זיך צו־וויינט וויא אַ קליין קינד.

— וואס מאכסט דוא האַלזשנײדער! — האט ער צו מיר געזאָגט.

— פערצייהעט מיר מיין העדר! — האב איך געענטפערט — פערצייהעט מיר, ווארום איך בין געקומען צוריק איך קען אהן אייך ניט לעבען.

— חלילה, איך בין אויף דיר ניט בייז! — האט רודאָלף מיר געענטפערט — פערקעהרט מיך פרעהט זעהר וואס דוא ביזט געקומען. דוא קענסט מיר העלפען אין אַ גוטער טהאַט.

— פאַר אייך וועל איך געהן אין פייער און אין וואַסער! — האב איך מיט פריידע אויסגעשריען.

— הער מיך אויס, האַלזשנײדער, — האט ער צו מיר געזאגט — אין דעם גע־פענגניס, וועלכען מען רופט דער לייבענגרוב געפינט זיך יעצט אַ טהייערער און עדלער יונגער מאן מיט'ן נאָמען דזשערמאַן. איך האב דיעזען יונגען מאן ליעב וויא מיין קינד. ער איז פערהאַפטעט צוליעב אַ בלבול וואס אַן אונמענש האט אויף איהם געמאַכט. דזשערמאַן איז זעהר אדעל און עהרליך, דיא באַנדיטען וואס זיצען מיט איהם צוזאמען האבען איהם פיינד וויא דעם טוידט. אייניגע זיינען איהם שוין זייט לאַנג שונאים אין לעבען. זיי האבען איהם פערפאָלגט וויא טאָג אזוי נאַכט און ער האט געמוזט לעבען אין בעהעלטעניס, זיי זאָלען איהם ניט טוידטען. יעצט האבען זיי איהם דאָרט אין זייערע הענד. אויב דוא האַלזשנײדער האסט אין דיעזען אסטראָג בעקאַנטע פון אַלטע צייטען, געה אריבער צו זיי און קויף זיי אונטער, זיי זאָלען פערהיטען דיעזען דזשערמאַן פון דיא מחבלים. איך וועל דיר דארויף געבען געלד פיעל דוא דאַרפסט.

— גוט מיין הערר! — האב איך געענטפערט — איך קען איינינע חברה לייט, וואס זיצען אין לייבענגרוב שוין זייט א לאנגע צייט, זיי זיינען אלע שטארק וויא לייבען און פאלש וויא קעץ, פאר געלד וועלען זיי בעטריגען זייערע קאמעראדען און וועלען פערהיטען דעם עדעלען יונגען מאן פון יעדע געפאהר.

רודאלף האט מיר גלייך געגעבען טויזענד פראנק און איך האב איהם פער־שפראָכען צו געהן צו דער ארבייט און צו געבען איהם אנטוואָרט אין צוויי טעג ארום.

— דאס אלעס שיינט מיר וויא א חלום! — האט דושערמאן געזאגט — ווער איז דיעזער רודאלף, וועלכען איך קען ניט און וויים ניט און דאך זאָרגט ער פאר מיר וויא א פאטער פאר זיין קינד? איך פערשטעה נאָך אלץ ניט, וויא אזוי האט אזא מענש וויא איהר געקענט אויפברעכען א הויז וויא אן איינפאכער גנב?

— ווער רודאלף איז? דאס וויים איך אויך ניט! מיר וועלען עס פיעללייכט נאך ערפאהרען; נור וויא אזוי מען האט מיך געחאפט גנבענענדיג, דאס וועל איך אייך ערקלעהרען:

וויא איך האב געגומען דאס געלד בין איך אוועק און האב געקויפט א שווארצען פערוק און א פאאר ברילען מיט א שעהנעם שטעקען. אונטער מיין ראָק האב איך אָנגעטהאן צוויי פעקלאך און האב אויסגעזעהן וויא א הארבעוואטער. דאן בין איך אוועק, האב געדונגען א הויז אין פראָווינץ גאס און האב אָנגעגעבען מיין נאָמען יאָשע קלאפער. איך האב אריינגעפיהרט אביסעל מעבעל און אביסעל זילבער אין דיעזען הויז און האב דעם הויזקיפער געזאגט, דאס איך וועל קומען אין א פאאר טעג ארום. דעם שליסעל פון הויז האב איך צוגענומען. פאר נאכט האב איך אויס־געטהאן מיין פערוק, מיינע ברילען און מיין הויקער און האב עס אפגעשיקט צו מאָנסיו מאָרפי און האב איהם געבעטען ער זאָל עס האלטען ביז איך וועל עס פער־לאנגען. דאן האב איך געקויפט א ראָק און א הוט און אן אייזערנעם שטאב און בין אום האלבע נאכט געקומען צום הויז, וואו איך האב געדונגען. איך האב אפגע־ווארט ביז דיא נאכט-וואכע איז געקומען נאָהענט צום הויז. גלייך וויא איך האב דיא סאָלדאטען געזעהן ניט ווייט פון מיר האב איך מיט מיין אייזען אויפגעבראָכען א פענסטער און בין אריינגעשפרונגען אין הויז. דיא סאָלדאטען האבען עס געזעהן, זיי האבען בעלאָגערט דאס הויז און האבען מיך פערהאפטעט מיט דיא זילבערנע כלים, וועלכע איך האב בעהאלטען אין מיין טאשע. דער הויזקיפער האט דערצעהלט, דאס דער ווירטה פון הויז האט שווארצע האאר און א הויקער, וועהרענד איך בין מיט ווייסע האאר און אהן א האָרב. איך האב אויך ניט געלייקענט, אז איך בין א

גנב און זאָ האט מען מיך אריינגעזעצט אין דיעזען אסטראָג צוזאַמען מיט אַלע גנבים און רויבער און, דאָנער וועטער! מיר איז געלונגען צו רעטען דעם טהייערען יונגען מאַן, וועלכען רודאָלף האט אזוי ליעב.

— אָה, וויא גראָסמוטהיג איהר זייט מיין הערר! — האט דזשערמאן געזאָגט און טרעהרען האבען געגאָסען פון זיינע אויגען — אָה, וואס איהר האט פאר מיר געטהאן, קען ניט טהאן א פאָטער פאר זיין קינד! מיט וואס בין איך אים שטאַנדע אייך צו דאנקען! איהר האט מפקיר געמאכט אייער עהרע, אייער פרייהייט און אויך אייער לעבען אום מיך צו רעטען פון דיא באַנדיטען!

— ניט מיר קומט דיעזער דאנק! — האט האַלזשניידער געזאגט — נור דעם הערן רודאָלף.

— אָבער ווארום טהוט ער פאר מיר אזוי פיעל גוטעס?

— ווייל איהר זייט אן עדעלער און עהרליכער יונגער מאַן. ער האט מיר דערצעהלט, אז איהר זיצט דאָ פאר א בלבול.

— און וויים ער, אז איהר זיצט דאָ וויא א גנב?

— ניין, איך האב איהם ניט ענטדעקט מיין פּלאַן, ווייל איך האב מורא נאָר האט טאמער וועט ער עס מיר ניט ערלויבען צו טהאן.

— וואס וועט איהר אבער טהאן אויב מען וועט אייך פעראורטהיילען?

— דאן וועל איך בעטען דעם הערען מאָרפּי, ער זאל מיר צושיקען מיינע זאכען און פאר דיא ריכטער אין דיא אויגען וועל איך אָנטהאן דעם פּערוק, דיא ברילען און דעם הויקער און וועל וויעדער ווערען יאַשע קלאַפּער פאר דעם הויזקיפער, וועלכער האט מיר פערדונגען דאס הויז. איך וועל אויך ברענגען דיא לייטע ביי וועמען איך האב געקויפט דיא זאכען, איך וועל דאן איבערצייגען, אז איך בין דער גנב און דער בעגנבעטער, דאס הייסט, אז איך האב ביי זיך אליין געגנבעט. און וואָס פאר א שטראפע קען מיר דאן קומען?

אין דיעזען אויגענבליק איז אריינגעקומען דער אויפזעהר פון געפענגנים און האט פערלאַנגט דאס דזשערמאַן זאָל זאָפאָרט געהן צום געפענגנים ריכטער, וועל־כער וויל איהם גלייך זעהן.

— לעבט וואָהל פריינד! — האט דזשערמאן געזאגט צו האַלזשניידער — נעהמט מיין טיעפסטען דאנק פאר אייער בראַווער טהאט. איהר האט מיך גערעטעט פון טוידט און צו אייך געהערט מיין לעבען.

— דאנקען דארפט איהר מיר ניט, — האט האַלזשניידער געענטפערט — איך וויל אייך נור איין טובה בעטען. איהר זייט דאך א גוטער שרייבער, שרייבט הייטע

א בריעף צו אונזער רודאָלף און דערצעהלט איהם אלעס וואס איך האב געטהאן, אום ער זאל מיך ניט זוכען און ער זאָל זיך אויך ניט ערגערען, ווען ער וועט הערען, אז איך בין ארעסטירט פאר א גניבה.

— נאך הייטע וועל איך איהם דאס שרייבען, איך וועל בעשרייבען אלעס וויא עס האט פאסירט. לעבט וואָהל פריינד!

דזשערמאן איז גלייך אָפגעפיהרט געוואָרען צום געפענגניס ריכטער. וויא דזשערמאן האט נור איבערגעטראָטען דעם שוועל האט ער דערזעהן דאס זיין גע־ליעבטע דיפעלטאן ווארט דארט אויף איהם. איהר געזיכט איז זעהר בלאס און איהרע אויגען זיינען פול מיט טרעהרען נור אויף איהרע ליפען שוועבט א קליינער שמייכעל און זיא שיינט צו זיין געריהרט פון פריידע.

— איך האב פאר אייך א גוטע נאכריכט, — האט דער ריכטער צום איבער־ראשטען דזשערמאן געזאגט — דאס געריכט האט אויסגעפונען, אז איהר זייט אונ-שולדיג. יעקב פעררא‍נד האט ערקלעהרט, אז ער האט אייך אומזיסט בעשולדיגט; דען ער האט געפונען דאס געלד, וועלכע איהם האט געפעהלט. איך ערקלעהר אייך פריי.

— איז דאס מעגליך! — האט דזשערמאן אויסגעשריען.

דיפעלטאן האט געוואָלט עפעס זאָגען, נור דיא טרעהרען האבען זיך מיט א מאָל א גאס געטהאן פון איהרע אויגען און זיא האט געמוזט וויינען פאר פרייד

— דיעזעס פרייליין, — האט דער ריכטער ווייטער געזאגט — איז אהער געקו־מען באלד וויא איך האב ערהאלטען דעם אויפטראג צו לאָזען אייך פריי. זיא האט מיר געבראכט א בריעף פון א גרויסען, אנגעזעהנעם הערר. אין דיעזען בריעף שרייבט מיר דער הערר, דאס דיעזעס פריילייין האט זיך אויפגעאָפפערט פון אייערטוועגען און זיא האט געטהאן אלעס מעגליכע פאר אייך. איך האָב אייך דארום געשיקט רופען צו מיר, ווייל איך ווייס, אז איהר וועט ביידע זיין דיא גליקליכסטע אין דער וועלט, ווען איהר וועט ארויס געארימט פון דיעזען הויז.

— הייטע איז א טאָג פון ניסים! — האט דזשערמאן געזאגט — אלעס צוזאמען! רעטונג, פרייהייט און ליעבע!

— איך קען ניט ריידען פון גרויס שמחה! — האט דיפעלטאן געזאגט — אָה, וויא גליקליך איך בין געוואָרען, ווען איך האב ערשט פאר א ווילע אנגעטראָפען דעם הערען מאָרפי, רודאָלפ'ס גוטען פריינד.

— ווידער רודאָלף! — האט דזשערמאן אויסגעשריען.

— יא, יא, ליעבער דזשערמאַן. מאָנסיו רודאָלף, וועלכער ווארט אויף אונז האט מיך ערשט עבען בענעגענד און האט מיר אָנגעזאָגט, דאס דיא ריכטער האבען דיך ערקלעהרט אונשולדיג. ער האט מיר געגעבען א בריעף און האט מיר געזאָגט, דאס וויא איך וועל איבערגעבען דעם בריעף צום ריכטער וועט מען מיר אָפּגעבען מיין דזשערמאַן און מיר וועלען ביידע קענען געהן, וואוהין מיר ווילען — — יעצט שנעל ליעבער דזשערמאַן, שנעל, מאָנסיו מאָרפי ווארט אויף אונז.

מיר איבערלאזען פאר דעם לעזער ער זאל זיך אליין פאָרשטעלען דיא פריידע און דעם גליק פון דעם גליקליכען פאאר ווען זיי זיינען ארויס געארימט פון ריכטערס הויז. דיא פעדער איז צושוואך אזא גליק צו שילדערן, דא מוז יעדער מענש בענוצען זיין אייגענע פאַנטאזיע.

65טעם קאַפּיטעל.

ראַכע.

מיר וועלען נאך אמאל בעזוכען דאס הויז פון יעקב פעררא̈נד:

פעררא̈נד דער געפעהרליכסטער באנדיט פון פאריז זיצט יעצט אנגעשפּארט צו א קישען אין זיין בעט. זיין געזיכט האט קיין צייכען פון לעבען. זיינע ליפּען זיינען דין און בלאָע; זיין הויט איז געל און אויסגעצויגען, קוים וואס זיי האלטען צוזאמען זיינע ביינער.

א פירכטערליכער פיבער ברענט אין זיין גאנצען קערפּער און ווארפט איהם אין אלע זייטען. ער הוסט, ער קרעכצט, ער ציטערט, ער זעהט אויס וויא איינער וואס האט פערבראכט זיין לעבען אין געפענגניס און יעצט ליעגט ער ביים שוועל פון קבר.

ניט וויים פון איהם זיצט דאקטאר צעזאר בראדאמאנטי און בעטראכט דעם צבועיאק מיט שפּאט און לעסטערונג.

מיר ווילען זיך ערשפּארען דיא מיהע צו ערצעהלען אלע איינצעלהייטען וואס האט זיך אָפּגעשפּיעלט מיט דיעזען פעררא̈נד זייט סיציליע איז פון איהם אנטלאָ-פען מיט זיין שריפטליכען געשטעהנדניסע אויף אלע זיינע פערברעכען. מיר ווילען ערצעהלען אין קורצען, דאס סיציליע האט איבערגעגעבען פעררא̈נד'ס שריפט צום באראָן פאָן גרוין און דער באראָן האט דעם דאָקומענט איבערגעגעבען צו רודאָלף'ן.

רודאָלף האט גלייך אריינגעשיקט זיינע לייטע צום פרומען מערדער און האט איהם פארגעלייגט צוויי וועגען: ענטוועדער ער, פעררא̈נד זאל פערטהיילען זיין גאַנ-צען פערמעגען אויף וואָהלטהאטען און זאל ניט אנגעבען זיין נאָמען צו דיעזע צדקות, אָדער ער זאל היינגעריכטעט ווערען וויא א מערדער און רויבער אונטער דער

נילאָטינא. דאקטאר צעזאר בראדאמאַנטי, פעררּאנדס חבר אין פיעלע פערברעכען, איז געזעצט געוואָרען ביי פעררּאנד׳ס בעט, ער זאל אכטונג געבען דאס פעררּאנד זאָל ניט אַנטלויפען און זאָל ניט בעגעהן זעלבסט־מאָרד פון צרות. אַן אנדער מאַן, אַן עהרליכער מאַן איז אָנגעשטעלט געוואָרען ביי פעררּאנד׳ס הויז, וועלכער האט געהיט דיעזען באַנדיט בראָדאמאַנטי.

פעררּאנד האָט נאַטירליך מקבל געווען דיא ערסטע שטראַפע. ער האט שוין פיעל געלד געגעבען צום גייסטליכען, וועלכער פלעגט אריינקומען זעהר אָפט אין זיין הויז. דער גייסטליכער האט פערטהיילט דאס געלד נאך דעם פאָרשריפט, וואס רודאָלף האט געמאכט.

דער גייסטליכער איז געווען אַן אַלטער עהרליכער מאַן, ער איז געווען אַ מענש מיט גוטע זיטען און זעהר הויכע פּרינציפּען. דעם איינציגען פעהלער וואָס ער האט אין זיין לעבען געמאכט, איז געווען, צו גלויבען דאס פעררּאנד איז אַן עהרליכער, פרומער מאַן.

וועהרענד פעררּאנד און בראדאמאַנטי זיינען געזעסען צוזאמען איז דער אַלטער הייליגער מאַן אריינגעקומען אין פעררּאנד׳ס צימער.

— וואס מאכט מיין פריינד? — האט דער גייסטליכער געפרעגט.

— איך פיהל זעהר שלעכט, — האט פעררּאנד מיט דיא לעצטע קרעפטען געענטפערט — דער פיבער ברענט און פלאַקערט אין מיר, איך פיהל, אז איך וועל שוין לאַנג ניט לעבען. גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט.

— זעהט נור הייליגער מאַן, — האט בראָדאמאַנטי געזאגט — זעהט נור וואס פאַר אַ פרומער און עהרליכער מאַן מאָנסיו פעררּאנד איז. ער נעהמט אַלעס אָן פיר גוט. ער וואלט שוין זיכער געשטאָרבען, נור זיין צדקה איז זיין רפואה

— אָה, מיר קומט קיין דאנק פאַר דיא צדקה! — האט פעררּאנד געזאגט און אין זיין הארצען האט זיך צופלאַקערט דער כעס אויף דיעזען שאַרלאַטאַן, וואָס מאכט זיך לוסטיג איבער איהם.

— וועמען דען, קומט דער דאנק? — האט דער גייסטליכער גאַנץ אונשולדיג געפרעגט — ווער וואלט געקענט טהאן אזוי וויא איהר, אָפּצוגעבען דעם גאַנצען פערמעגען וועלכען איהר האט אזוי כשר און אזוי שווער פערדיענט און אליין צו בלייבען אַן ארימער מענש אויף דער עלטער?

— איך שווער ביי מיין לעבען! — האט בראָדאמאַנטי אויסגעשריען און זיין גאַנצעס געזיכט האט געשמייכעלט — איך שווער ביי מיין לעבען, אז אין אונזערע צייטען איז שווער צו געפינען אזא עדעלען מאַן וואָס זאל זיין רייך און גוטהערציג,

קלוג און גאָטספאָרכטיג, וויא אונזער צדיק יעקב פעררׄאנד! אבער איך זאג אייך דא, דאס אבוואָהל אונזער היילינער בעררׄאנד וויל ניט ענטדעקען זיינע וואָהלטהאטען, דאך קען איך זיי ניט פערשוויינען. איך מוז אויסשרייען זיינע טהאטען. איך בין ניט אים שטאנדע אלעס אויסצורעכנען, ווייל זיי זיינען פיעל וויא זאמד און שטער־רען; אבער דיא וואס איך וויים מוז איך בעקאַנט מאַכען פאר דער וועלט. איך מוז דערצעהלען זיינע גנעדיגקייט צום ארמען מאָרעל, איך מוז בעקאנט מאכען דער וועלט מיט אלעס וואס ער האט געטהאן דער אלמנה פאָן פערמאנט! און איך מוז שרייען אין דיא גאַסען זיין טהאט צו זיינע דיענסטען לואיזע און סיציליע!....

דער נאָמען סיציליע האָט ערשראָקען און אויפגעקאָכט פעררׄאנד'ס הערץ. ער איז ארויס פון געדולד און האט אָנגעפאנגען צו שרייען:

— גענוג, גענוג! רעדט ניט מעהר! איך בעשווער אייך איהר זאָלט מעהר מיך ניט לויבען.

— ווער דען זאָל אייך לויבען, אז ניט איך, וועלכער וויים אלע אייערע טהאַ־טען? — האט בראָדאמאָנטי געפרעגט.

דער תמאוואטער גייסטליכער האט ניט בעמערקט דעם שפּאָט און דעם געלעכטער וואס איז געלעגען אויף בראָדאמאָנטים געזיכט, ער האט עס אָנגענומען פאר גאנץ ערנסטע רייד און האט געפרעגט:

— וואָרום דען ניט ערצעהלען? וואָרום ווילט איהר עס ניט ליידען? איך בעט אייך דאקטאר, דערצעהלט אלע גרויסע זאכען וואס אונזער פריינד האט אויפגע־טהאן. איך האב ליעב צו הערען אזעלכע זאכען.

— איך בין אויך אין דיעזער מיינונג, איך קען זיך ניט איינהאלטען, איך מוז עס ערצעהלען,— האט בראָדאמאָנטי געזאגט און האט באלד פאָרטגעזעצט:

איהר היילינער מאן ווייסט, דאס אונזער פריינד פעררׄאנד, האט געהאלטען דער ארימער לואיזע מאָרעל וויא א פאָטער זיין קינד. ער איז דאך קיין נביא צו וויסען פריהער וואָס שפּעטער וועט זיין. ער האט דאך ניט געקענט וויסען, אז לואיזע וועט ערמאָרדען איהר אייגען קינד. דיעזע פריינדשאפט צו אן ארמעס קינד איז געוועזען דיא ערשטע אורזאכע פון אונזער פריינדס קראנקהייט. ער האט ניט געקענט איבערטראָגען דעם געדאנק, דאס אין זיין הויז איז אזא פערברעכען געשעהן. מאָרעל, דער פאָטער פון דיעזעס מעדכען האט ערפאהרען, אז זיין קינד איז אראָפּ פון וועג און זיא האט פערגאָסען אונשולדיגעס בלוט, איז ער פון צרות אראפּ פון זינען. זיין פרוי איז קראנק און איהרע קליינע קינדער שטארבען פון הונגער. וויא פעררׄאנד האט עס ערפאהרען, האט ער זיך ערבארימט אויף דיעזע אונגליקליכע פערזאָנען,

וועלכע זיינען נעביך גאר ניט שולדיג און ער האט בעשטימט א גרויסע סומע געלד וואס טראגט צוויי טויזענד פראנק א יאהר פראצענט פאר מארעל'ס פאמיליע. דיעזער וואהלטהאט האט אונזער פריינד געטהאן אין געהיים אום מען זאל ניט וויסען, אז דאס געלד איז געקומען פון איהם — —

— דאס איז וואהר! — האט פערראנד געענטפערט מיט א שווערען טרויעריגען זיפץ — איך בעט אייך הייליגער מאן, איהר זאלט נעהמען דאס געלד און פערווארגען אין א באנק און דער פראצענט זאל געגעבען ווערען צו מארעלס פאמיליע. איהר זאלט אבער פאר קיינעם ניט זאגען, אז איך האב געגעבען דאס געלד.

— אה, וויא גוט און וויא גנעדיג איהר זייט! — האט דער גייסטליכער אויסגערופען. און פערראנד האט שיער קראפּירט, דאס ער דארף געבען זיין געלד אין געהיים און טהאר קיין ווארט ניט ריידען, זאנסט וועט ער שטארבען פון תליונ'ס האנד.

— יעצט מיין הייליגער הערר, — האט בראדאמאנטי צום גייסטליכען געזאגט — יעצט וועל איך אייך ערצעהלען נאך איין נייעס: דיא הונדערט טויזענד פראנק, וואס אונזער פריינד פערראנד, האט אייך פארגעסטערן געגעבען פאר דער אלמנה פאן פערמאנט זאגענדיג דאס א געוויסע פערזאן, וואס וויל פאר איהר טהאן גוטעס, האט איהם דאס געלד געגעבען, דיעזע געוויסע פערזאן איז אונזער פריינד פערראנד, וועלכער האט געטהאן אזא גרויסע טהאט, וויל נאך דאס קיינער זאל דערפון וויסען.

— אה, דאס איז א געטליכער טהאט! — האט דער גייסטליכער אויסגערופען אויפהייבענדיג דיא הענד צום הימעל — אזא וואהלטהאט האט נאך קיין מענש ניט געטהאן. דיעזע אלמנה וואר זעהר אונגליקליך. איהר ברודער האט איבערגעפיהרט איהר געלד און איז אם ענדע בעגאנגען זעלבסט־מארד.

— אזא צדקה איז נאך ניט געווען זייט דיא וועלט שטעהט! — האט בראדאמאנטי געשריען און האט דערביי געוויעזען זיין געלעכטער און פעראכטונג — קיינער האט אונזער פריינד געצוואונגען ארויסצונעהמען הונדערט טויזענד פראנק, וועלכע ער האט אזוי עהרליך צוזאמענגעקליבען און פערשענקען עס צו דער אלמנה און איהר טאכטער! ער האט דאך עס געטהאן מיט'ן גוטען ווילען און האט נאך דערצו בעהאלטען זיין נאמען — —

פערראנד האט זיך געווארפען און געשליידערט. זיין גאל האט באלד געפלאצט, ווען ער האט זיך עראינערט, דאס רודאלף האט איהם געצוואונגען אוועקצוגעבען אזא גרויסע סומע געלד, וועלכע ער האט ערווארבען דורך מארד און טיראניי. דער

פיבער האט זיך נאך שטארקער צופלאקערט אין זיין קערפער. דיא אויפרעגונג און דער כעס איז געווען צו זיין פיעבער וויא אייל צו פייער.

— אָבער מיין הייליגער הערר, — האט בראַדאמאַנטי ווייטער געזאָגט צום גייסטליכען — דאס וואָס איך האב אייך דערצעהלט איז ניט מעהר וויא א טראָפּען פון ים געגען דיא גרויסע און ערהאבענע זאכען, וועלכע אונזער פריינד האט בעשלאָסען צו טהאן און וועלכע ער האט פערשריעבען אין א בוך, אום דער פּלאן זאָל ניט פערגעסען ווערען.

פערראנד וואָלט זיך בעסער געלאָזט בייסען פון טויזענד שלאנגען איידער צו הערען פון דיעזען בוך, וועלכען רודאָלף האט אויפגעשריעבען און האט געמאכט א פּלאַן וויא פערראַנד'ס גאנצער פערמעגען ביז דעם לעצטען פראנק זאָל פערטהיילט ווערען און האט בעפוילען דאס פעררא נד זאל דיעזען בוך אונטערשרייבען, אויב ער וויל ניט שטארבען אונטער דער גילאָטינא.

— אין דיעזען בוך — האט בראַדאמאַנטי אנגעפאנגען צו זאגען און זיין געזיכט האט זיך פערוואנדעלט אין א קאָמישע געשטאלט, וועלכע האט אויסגעדריקט פערַאכטונג, שפּאָט און נקמה — אין דיעזען האט אונזער פריינד פעררא נד אויסגעדריקט אלע געפיהלען פון זיין גוטער זעעלע און דיא אמת'ע מענשענליעבע אין זיין הערצען. אין דיעזען בוך האט ער בעשריעבען דעם פּלאן פון דער פּאָלקס-באַנק, וועלכע ער וויל גרינדען פאר ארימע ארבייטער, וועלכע זיינען אהן ארבייט אדער אָהן כח. אויך דיעזען גוטען אנשטאלט וויל ער ניט אנרופען אויף זיין נאָמען. אזא מאן איז באלד העכער פון א מלאך. אָה, הייליגער הערר, בעט אונזער פריינד און זאָל ער אייך פאָרלעזען דיעזען בוך.

— איך בעט אייך בעמיהט מיך ניט! — האט פעררא נד זיך געבעטען און זיין הערץ איז באלד צערשפּרונגען — מיין טהאט איז ניט אזוי גרויס וויא איהר מיינט. לעזט עס אליין, ווען איהר ווילט, נור לאָזט מיך צורוה.

בראַדאמאַנטי האט איהם אָבער געוואלט פּלאגען מיט אלע יסורים, וואס ער האט נור געקענט אויסטראכטען. ער איז צוגעשטאנען מיט אלע קרעפטען און האט דורכאויס פערלאנגט דאס פעררא נד אליין זאל לעזען דעם דאָקומענט וואָס וואר פאר איהם, וויא זיין טאָדעס אורטהייל. פעררא נד האט זיך ניט געקענט העלפען. ער האט געמוזט געהאָרכען זיין הענקער. וויינענדיג און קרעכצענדיג האט ער גענרמען דעם פּאפּיער וואס בראַדאמאַנטי האט איהם געגעבען און ער האט פון דאָרט פּאָלגענדעס געלעזען:

„מענשענליעבע איז דער פונדאמענט פון גלויבען און מאָראל. דער מענש וואס ליעבט דיא מענשהייט מוז זוכען מיטלען צו פערלייכטערן דיא ליידען פון דיא ארמע. דער גרינדער פון דיעזען אינסטיטוט, וועלכער ליעבט דיא מענשהייט האט בעשלאָסען צו העלפען דיא ארמע נאך אלע זיינע מעגליכקייטען. זיין ערשטער שריט איז צו שטיצען דיא ארבייטער וועלכע ווילען ארבייטען און האבען ניט וואו, און דארום ליידען זיי הונגער און קעלט.

„דער גרינדער פון דיעזען אינסטיטוט וויל אבער ניט דאס דיא ארבייטסלאָזע זאָלען בעליידיגט ווערען און ערניעדריגט ווערען דורך אומזיסטע מתנות אדער נדבות, זאָנדערן ער וויל נור מען זאל באָרגען דיא ארבייטסלאָזע זאָפיעל געלד, דאָס זיי זאָלען קענען זיך בעזאָרגען מיט א פרנסה און זאָלען מיט דער צייט בעצאָהלען זייער שולד. צו דיעזען צוועק ווערט געגרינדעט דיעזע פאָלקס-באנק מיט א קאפּיטאל פון א מיליאָן פראנק. פון דיעזעס געלד זאָלען דיא ארבייטסלאָזע קענען באָרגען פון 40 ביז 50 פראנק אָהן א משכן און אהן פראָצענט. דאס געלד זאל פערבאָרגט ווערן אויף פאָלגענדע בעדינגונגען:

„1) דער וואס וויל באָרגען געלד דארף ברענגען א בריעף פון דעם מאן וואָס האט איהם דער לעצטער בעשעפטיגט, דאס ער איז אן עהרליכער מאן און דאס ער איז ווירקליך אָהן ארבייט צוליעב א געוויסע אורזאכע.

„2) דער וואס באָרגט דאס געלד דארף אונטערשרייבען דאס ער גיט זיין עהרענוואָרט צו בעצאָהלען דאס געלד צו דער ריכטיגער צייט. צוויי פון זיינע פריינדע דארפען פאר איהם גוט זאגען, דאס ער וועט האלטען זיין פערשפּרעכען.

„3) דער וואס וועט ניט בעצאָהלען צום לעצטען טערמין, ווייל ער וויל ניט בעצאָהלען זאל אויף אייביג פערליערען זיין זכות אין דיעזען באנק. אויך זיינע גוטזאָגער קענען מעהר קיין געלד ניט באָרגען.

„4) דער טערמין פון בעצאָהלען זאָל זיך אָנפאנגען פון דעם טאג, וואָס דער ארבייטער האט שוין פערדיענט גענוג צו ערנעהרען זיין פאמיליע. דאן זאָל ער מאָנאטליך בעצאָהלען א טהייל פון זיין שולד.

„פאר דיא ארבייטער וואס ווערען געשטראפט מיט קראנקהייט אין זייער פאמיליע, האט דער גרינדער פון דיעזען אינסטיטוט בעזאָנדערס בעשטימט הונדערט טויזענד פראנק. פון דיעזער סומע זאָלען זיי קענען באָרגען צו צעהן פראנק אויף א משכן.

„דיעזעס פאָלקס-באנק זאל געגרינדעט ווערען אין נומער 17 טעמפּעל שטראסע אין דאס הויז וואס עס איז געקויפט געוואָרען פאר דיעזען צוועק. דער פערוואלטער

איבער דיעזען באנק זאָל זיין דער עהרליכער און בראווער פראנציס דזשערמאַן. דיעזע שטעלע טאָהר פון איהם ניט אַפּגענומען ווערען זא לאנג ער לעבט. זיין גע-האלט מוז זיין פיער טויזענד פראנק א יאָהר...."

דער גייסטליכער, וועלכער האט געגלויבט דאס פעררּאנד האט עס געשריעבען מיט זיין אייגענעם גוטען ווילען, איז ענטציקט געוואָרען פון דער וואָהלטהאט און פון דעם גוטען פּלאן. ער איז אויפגעשטאנען, האט ארויפגעלעגט זיינע הענד אויף פעררּאנד'ס קאָפּ און האט פון טיעפסטען הערצען מתפלל געווען פאר פעררּאנד'ס געזונד און גליק. דאקטאר צעזאר בראדאמאנטי איז אויך צוגעגאנגען גאנץ נאָהענט צו פעררּאנד'ס אויער און האט איהם עראינערט דאס ער מוז זאָפאָרט געבען דעם גייסטליכען דאס געלד פאר'ן דיאמאנטען־שלייפער מאָרעל און פאר דער פלקס־באנק.

א טוידטע בלאסקייט האט זיך אויסגעגאָסען אויף פעררּאנד'ס געזיכט. ער האט פערקריצט מיט דיא צייהן, פערגלאָצט דיא אויגען און האט א ווייל'ע שווער געאטהעמט וויא פאר'ן טוידט. ענדליך האט ער זיך געשטארקט און האט געזאגט:

— הייליגער מאַן, היער האב איך דאס געלד וואָס איך גיב צו מאָרעל'ס פאמיליע און דער פאָלקס־באנק. הייטע וועט אייך בעזוכען און ענגלעגד דער מיט'ן נאָמען מאָרפּי און ער וועט זיך מיט אייך בעראטהען וועגען דער באנק און וועגען אלעס וואס מיט מיין געלד זאָל געטהאן ווערען. איהר זאָלט אבער קיין אנדער פערזאָן ניט דערצעהלען, וואָס איהר האט דא געהערט.

— איהר האט פאלשטענדיג רעכט, — האט דער גייסטליכער געזאגט — גאט ווייס דאך אלע אייערע טהאטען און אלע אייערע געדאנקען, פאר מענשען דארפט איהר זיך ניט בעריהמען — ריידענדיג האט ער צוגענומען דעם פּאַק געלד וואָס פער־ראנד האט ארויסגענומען פון אונטער'ן קישען. דערביי האט ער א קוק געטהאן אויף פעררּאנד'ס געזיכט און האט אויסגעשריען:

— אָה, וואָס איז דאס מיט אייך? איהר ציטערט דאך וויא א בלאט? פיהלט איהר אזוי שלעכט? נור שטערט אייך ניט מעהר פריינד פעררּאנד. לעגט אייך צוריק אין בעט. רוהט זיך אויס, איהר וועט נאך געזונד ווערען. גאט וועט אייך ניט פערלאָזען, מיר דארפען אייך נאך האבען אויף דער וועלט. אזא בעל־צדקה וויא איהר, דארפט זעהר לאנג לעבען, אום איהר זאָלט קענען טהאן גוטעס פאר דער וועלט. לעבט וואָהל, איך האף דאס איהר וועט נאך לאנג, זעהר לאנג לעבען, לעבט וואהל.

דער גייסטליכער האט זיך זעהר טיעף פערנייגט פאר׳ן גרויסען בעל־צדקה און איז אוועקגעגאנגען. בראַדאמאַנטי און פעררּאנד זיינען געבליעבען אליין.

דער גייסטליכער האט נאך ניט צייט געהאט צו פערמאַכען דיא טהיר און פעררּאנד האט אויסגעזעצט א געשריי און א קרעכץ, וועלכע האבען געקענט איינ־ווארפען דאס הויז. דער כעס און דיא רציחה וואס ער האט אין זיך ביז יעצט גע־דריקט האט זיך מיט גוואלד אויסגעריסען. ער איז אראַפּגעשפּרונגען פון זיין בעט וויא א ווילדע חיה און האט זיך גענומען פליקען דיא האאר פון קאפּ:

— פערפלוכט און פערשאַלטען! — האט ער געשריען און האט געריסען דאס פלייש פון זיין אייגענעם קערפּער — מיין גאנצער פערמעגען, מיין חיות, מיין פרייד איז מיט איין מאל פון מיר אַפּגענומען געוואָרען. און אלעס דורך דעם שרעקליכען רודאָלף. דיעזער אלטער נארר, דער הייליגער אידיאָט, האט נאך געשאָטען זאלץ אויף מיינע וואונדען מיט זיין נאררישער פרומקייט און זיינע הייליגע רייד. איך שווער, אז ער איז אויך איינער פון רודאָלף׳ס אגענטען און ער איז אויך געקומען אום מיך צו פּלאגען. זאָגט מיר נור דאקטאר צעזאר בראַדאמאנטי, איז אייער רודאלף דער קעניג איבער אלע טייוואָלים? זאָגט מיר וואָס פאר א שד איז אייער פריינד?

— ער איז ניט מיין פריינד, נור מיין ריכטער און אייער ריכטער, — האט בראַדאמאנטי גאנץ קאלט געענטפערט.

— אָה, וויא נארריש איך בין געווען אנצונעהמען זיין עצה! — האט פעררּאנד געשריען און זיך געשלאָגען מיט׳ן קאפּ אן וואנד.

— איהר האט געמוזט פאָלגען, זאָנסט וואָלט אייער קאפּ געלעגען אונטער דער גילאָטינא.

— אָה, דאס ווייס איך אהן אייך! איך בין פערלאָרען, איך קען זיך פון איהם ניט בעפרייען, אזוי פיעל געלד! אזוי פיעל געלד!

— דאס איז נאך ניט אלעס, — האט בראַדאמאַנטי רוהיג געזאָגט — דורך אייער שותף באַדינא האט רודאָלף ערפאהרען דאס דיא גוואלטיגע פּראָצענט, וואָס זשאהן דער קליינער האט גענומען פון סאנט רעמי איז אריין אין אייער קאסע. דאס געלד האט דער גראף גענומען ביי דער הערצאגין פאָן לוסעני. ער וועט יעצט געוויס וועלען דאס איהר זאָלט אויך דיעזעס געלד אומקעהרען צוריק.

— וועה, וועה! וואוהין זאל איך אנטלויפען פון דיעזען שטרענגען ריכטער.

— וואָס, איהר דענקט נאך צו אנטלויפען? — האט בראַדאמאַנטי מיט א ביטערען געלעכטער געפרעגט — ווייסט איהר ניט דאס איהר קענט ניט אנטלויפען?

איך וועל אייך דען לאָזען ארויסגעהן פון דיעזען צימער און איך זאל דערפאר פער־ליערען מיין קאָפּ? מיר האט מען בעפוילען איך זאָל אייך פון דאנען ניט ארויס־לאָזען, זאָנסט בין איך פעראורטהיילט צום טוידט. איך בין דאָ אויך אזוי איינגע־שלאָסען וויא איהר, דען דיא וועכטער, וועלכע שטעהן טאג און נאכט ארום דיעזען הויז היטען אייך און מיך. אויך דיא פּאָליציי גיט אכטונג אויף אונזביידען. איין וועג איז אונז געבליעבען צום לעבען און דיעזער איז צו פּאָלגען אלעם וואָס רודאָלף וועט בעפעהלען. מיין עצה איז, מיר זאָלעןביידע זיצען רוהיג אויף איין ארט אָן האלטען דעם מויל געשלאָסען. נור טאָמער מיינט איהר, אז איהר וועט מיך ער־מאָרדען אום איהר זאָלט קענען אנטלויפען, זאָג איך אייך, אז איך האב א שארפען פערגיפטעטען סטילעט און א גוט געלאָדענעם רעוואָלווער. אויך דארפט איהר ווי־סען, אז יעדע שטונדע מוז איך בענאכריכטען איינעם פון רודאָלף׳ס לייטע, וואָס מיט אייך געהט פאָר. ווען עס וועט פאָראיבער א שטונדע און זיי וועלען מיך ניט זעהן, וועלען זיי וויסען, אז איהר האט מיך ערמאָרדעט. מען וועט אייך דאן פער־האפטען, שמיעדען אין קעטען און נאכדעם וויא איהר האט שוין פערטהיילט אזא גרויסען טהייל פון אייער פערמעגען, וועט איהר ערשט הינגעריכטעט ווערען וויא א מערדער. אזא נארישקייט וועט איהר ניט טהאן.

— אבער ווארום פרעהט איהר זיך נאך פון מיין אונגליק? וואָרום לאכט איהר פון מיר? ווארום רייצט איהר מיך? — האט פערראנד געפרעגט מיט טרעהרען.

— איך מוז פון אייך לאכען, זאָנסט מוז איך אייך צורייסען אין טויזענד שטיקער! — האט בראָדאמאנטי אויסגעשריען — ווער האט מיך און זיך אונגליקליך געמאכט, אויב ניט איהר אליין דורך דעם פּאפּיער, וואס איהר האט געגעבען דער פערדאמטער סיציליע — —

— שטיל! — האט פערראנד געשריען — ערמאָנערט ניט איהר נאָמען, אויב איהר ווילט ניט איך זאָל קראפּירען.

— גוט איך וועל זיא מעהר ניט ערמאָנערן; אָבער דאס מוז איך אייך זאָגען, דאס נור זיא איז שולדיג אין אונזער אונגליק. ווען ניט זיא וואָלטען מיר זיך פּיעל־לייכט געקענט רעטען, יעצט זיינען מיר ביידע פערלאָרען. מיר זיינען ביידע אונטער־וואָרפען צו זיין גנעדיגקייט. רודאלף קען אונז יעדען טאג איבערגעבען צום געריכט און שטעהן דערביי ווען אונזערע קעפּ וועלען אפּגעהאקט ווערען. אונזער גליק איז נור, וואָס רודאָלף גלויבט ניט אין טאָדעס שטראפע. דער טוידט ווישט ניט אָפּ דיא טרעהרען פון דיא וואס זיינען פון דיא מערדער פעראונגליקט געוואָרען. ווען איהר וועט הינגעריכטעט ווערען, נעהמט דיא רעגיערונג אייער פּערמעגען פאר זיך, דיא

לייטע וואס זיינען דורך אייך נעקומען צום בעטעל ברויט, וועלען דערמיט ניט רייכער ווערען. רודאָלף האט אבער אן אנדער אורטהייל, ער וועט פון אייער פערמענגען רייך מאכען מאָרעלס פאמיליע, דיא אלמנה פאַן פערמאנט וועט קומען צו איהר פערמעגען, דזשערמאן, וועלכען איהר האט אומזיסט בעליידיגט וועט צוריק האבען זיין עהרע און א פרנסה פון דער פאלקס־באנק, און פון דיא איבריגע געלד, וואס איהר האט ערוואָרבען דורך גזלה און גנבה וועלען געהאָלפען ווערען טויזענדע אר־בייטסלאַזע מענשען. דאס איז אייער פסק. וואס מיין פסק וועט זיין, וויים איך נאך נים. איך האב זעהר מורא פאר רודאָלף'ס משפט. ער איז א טייוועל וואס האט זיין איינענעם געזעץ און זיין אייגענעם שטראף בוך. איך בין אבער ניט שולדיג אין מיין פאל. איך האב מיך גוט געהיט און איך וויים נאך יעצט ניט ווער האט איהם געקענט ענטדעקען, וואו איך בין. אָבער איהר זייט אליין שולדיג און דארום לאך איך פון אייך. איהר האט אייער גאנצען שיקזאל אנפערטרויט אן אויסגעלאסענע פרוי.

— אָה, ווען איהר וואָלט זיא געזעהן! — האט פערראנד מיט ביטערקייט געשריען — ווען זיא וואָלט אייך געזוכט וואָלט זיא אייך אויך געחאפט. איהר ווייסט וויא איך האב ליעב געלד. איהר ווייסט, אז צוליעב געלד איז גנבה, גזלה און מאָרד געווען פאר מיר א געלעבטער. מיין גאנצער וואונש און מיין גאנצער גליק איז געווען געלד. נים אום איך זאָל זיצען אין פאלאסטען און האבען אלע תענוגים, נים אום איך זאָל זיך קויפען עהרע און א גרויסען נאָמען, נור אום צו האבען געלד. איך האב זיך נים פערגונען עסען, טרינקען, שלאָפען, איך האב נור געוואָלט געלד. דאס געלד איז ביי מיר טהייערער פון מיין לעבען. צוריק מיט א מאָנאט, ווען מען וואָלט מיך געפרעגט, וואס וויל איך פערליערען, דאָס לעבען אָדער דאס געלד, וואָלט איך זיכער אָפגעגעבען דאס לעבען אבער נים דאָס געלד. אבער יעצט, צוליעב דיעזער סיציליע, צוליעב איהר כשוף, צוליעב דיעזע זיסע עראינערונג וועגען איהר, האב איך שוין אפגעגעבען אזוי פיעל געלד! אָה סיציליע, נאך מיין טוידט קען איך פון דיר נים טרוימען און דארום וויל איך קויפען מיין לעבען. סיציליע, דיין נאָמען איז מיר נאך טהייערער פאר מיין גאנצעס געלד! געלד! מיין געלד! אָה, דוא טייפעל סיציליע, דורך דיר ווער איך אזא קבצן! אבער דאך דאס פייער ברענט נאך אין מיין ברוסט, און וויל דוא ביזט פון מיר אנטלאָפען, ווייל דוא האסט מיך פערראטהען, ווייל דוא האסט מיך בערויבט, האב איך נאך מעהר ליעבע צו דיר! אה, סיציליע! סיציליע! סיציליע!

שרייענדיג דיעזען נאָמען איז ער געפאלען אויפ'ן בעט, זיין געזיכט האט זיך

פערקרימט, זײנע אויגען האבען זיך איבערגעקעהרט, זײן מויל האט זיך געעפענט און א שטראם שוים געמישט מיט בלוט האט גענומען פלײצען. דאקטאר צעזאר בראדאמאנטי האט זיך ניט ערשראקען און איז אויך ניט איבערראשט געווארען פון דיעזער ערשײנונג. אלס גוטער ארצט האט ער פערשטאנען דאס פון דער פײערדי־גער ליעבע און לײדענשאפט און פון זײן אויפרעגונג און פערצווײפלונג נאך זײן געלד האט ער בעקומען דיא פאלזוכט, דיא שרעקליכע און אונהײלבארע קראנקהײט, וועלכע איז נאך ביז יעצט א רעטעניש פאר אלע געלעהרטע ערצטע.

וועהרענד פעררא̈נד האט בעקומען דיעזען אנפאל און האט געקלאפט מיט דיא הענד און פיס האט אײנער געגומען קלאפען אין טהיר. בראדאמאנטי איז באלד ארויס פון צימער און האט דערזעהן דאס דער עלטסטער בוכהאלטער שטעהט בלאס און ערשראקען.

— איך מוז זעהן דעם הערין פעררא̈נד! — האט ער האסטיג געזאגט.

— דער הערר איז יעצט זעהר קראנק און ער קען קײנעם ניט זעהן.

— אבער דיא זאך איז זעהר וויכטיג!

— עס העלפט ניט. דער הערר איז יעצט ניט בײ'ן פערשטאנד, אויב עס איז וויכטיג קענט איהר מיר זאגען וואס דאס איז און איך וועל עס שוין מעלדען אײער הערר וויא ער וועט קומען צו זיך.

— גוט, איהר זאלט איהם זאגען, דאס איך בין ערשט געקומען פון שרה מעקגרעגאר, וואוהין איך בין געגאנגען זאגען דאס דער הערר קען זיא הײטע ניט בעזוכען. מאדאם מעקרעגנאר איז שוין באלד געזונד פון דיא וואונדען. זיא האט אויסגעזאגט איהר גאנצעס הערץ אויף מאנסיו פעררא̈נד. זיא האט געזאגט, דאס אויב פעררא̈נד קומט ניט צו איהר אין א האלבע שטונדע, וועט זיא איהם לאזען ארעטירען. דען דאס קינד וועלכע ער האט ערקלעהרט פאר טוידט, דיעזעס קינד לעבט נאך. זיא וויים אויך וואו זיא געפינט זיך יעצט און צו וועמען פעררא̈נד האט זיא איבערגעגעבען.*)

— אהה, מאדאם מעקרעגאר האט עס גערעדט פון פיעבער. אײער הײרען וועט קײן בײזעס געשעהן.

— וועהרענד איך בין געוועזען בײ דיעזער דאמע, איז געמאלדען געווארען, דאס אין א שטונדע ארום וועט זײן קעניגליכע מאיעסטעט דארט ערשײנען, — האט דער בוכהאלטער דערצעהלט — מיר וואונדערט, וועלכער קעניג קען דאס זיא בעזוכען?

*) שרה האט געגלויבט, אז נאכטיגאל איז נאך אין סאנט לאזארוס געפענגניס, דען אזוי האט איהר לילות ערצעהלט אײדער זיא האט זיא פערוואונדעט.
(Paris, 41.)

בראַדאַמאַנטי האט פערשטאַנען, אַז דאס איז רודאָלף. ער האט זעהר שטאַרק מורא געהאט, אַז רודאָלף׳ס זעהן זיך מיט זיין ערשטע ווייב זאָל איהם, בראַדאַמאַנטי, ניט שאַדען. ער האט אבער קיין צייכען פון שרעק ניט געוויזען אויף זיין געזיכט. ער האט דעם בוכהאַלטער נאך אמאל פערזיכערט דאס עס איז קיין געפאַהר און איז צוריק אריין אין פערראַנד׳ס צימער.

66טעס קאַפּיטעל.

רודאָלף און שרה.

מיר וועלען יעצט פיהרען אונזערע לעזער צו דער וויכטינסטער סצענע אין אונזער געשיכטע. נעמליך צו א געשפּרעך צווישען רודאָלף און שרה.

וויא דער לעזער וויים, האט שרה אַלע מיטלען אנגעווענדעט אום צו קענען שפּרעכען מיט דעם מאַן, וועלכען זיא האט אַזוי שענדליך פערפיהרט און האט נאכדעם געוואָלט ווידער הייראַטהען אום צו ערדרייכען איהר ציעל אין לעבען, צו טראָגען א קריין אויף איהר קאָפּ.

וועהרענד מיר בעזוכען איהר וואוינונג, זיצט שרה אנגעצויגען אין דיא שעהנ־סטע קליידער און איז אָנגעלעהנט אויף א טהייערן שטוהל. זיא איז ערשט אראָפּ פון בעט און דיא וואונדען, וואס לילית האט איהר געמאכט האבען זיך ערשט גע־נומען היילען. איהר געזיכט איז נאך בלאַס און דער פיבער איז נאך ניט אין גאַנצען פערשוואונדען. נעבען איהר שטעהט איהר ברודער טהאָמאַס און איז פערטראַכט.

— אָה, ברודער! — האט שרה צו איהם געזאָגט מיט שטאָלץ און פריידע — יעצט שטעה איך שוין נאָהענט צו מיין האָפנונג, באַלד, באַלד וועט ערפיעלט ווערען מיין וואונש פון זייט לאַנגע יאָהרען. עס וועט לאַנג ניט נעהמען און א קע־ניגליכע קראָהנע וועט לייכטען איבער מיין קאָפּ. דאס איז מיין העכסטער וואונש און גרעסטער אידעאַל אין לעבען.

— שרה! — האט טהאָמאַס מיט א טאָן פון א בעפעהל געזאָגט — שרה, צוריק מיט צוויי טעג האבען דיא ערצטע ניט געהאפט אויף דיין לעבען. יעצט ביזט דוא אביסעל בעסער און שוין רעכנסט דוא זיך אויף מיט דיין גרויסער פאַנטאַזיע. אויב דיין האָפנונג זאָל יעצט דיך נאַרען, דאַן פירכטע איך, וועסט דוא ניט זיין אים שטאַנדע איבערצוטראָגען דעם פערדרוס און דיא אויפרעגונג.

— אַזוי? — האט שרה לאַבענדיג און שטאָלץ געפרעגט — אַזוי? ווייסט דוא דען ניט ברודער דאס מיין האַרץ איז געמאכט פון קופּער און מיינע נערוון זיינען פון אייזען, וועלכע לאַכען און שפּאָטען פון יעדען שטורם? איך בין אבער זיכער, אַז רודאָלף וועט מיך יעצט אנערקענען! איך וועל איהם מיט פאַקטען איבערציינען,

אז אונזער טאָכטער לעבט. דאס קינד איז זיין גאנצעס לעבען. ער וועט זיך נאך בעטען ביי מיר איך זאל ווערען זיין פרוי, אום ער זאל קענען אנערקענען זיין קינד, אום ער זאל איהר קענען איבערלאָזען זיין קרוין און זיין פערמעגען. איך האב פערשטאנען וויא איהם צו פאנגען. איך האב איהם געשיקט בעטען, דאס פאר מיין טוידט זאָל ער מיר טהאן דיא לעצטע גנעדיגקייט און מיך בעזוכען; דען איידער איך שטארב וויל איך איהם זעהן און וויל איהם פיעל זאכען ענטדעקען. דערמיט האב איך איהם געחאפט. אָה, מיר פרויען האבען שוין פיעלע איינפעלע און אינטריגען פאר אונזערע פלענער. מיר טהוט נור לייד, דאס דער אויפזעהר פון סאנט לאַזארוס געפענגניס, האט מיר נאך ניט געענטפערט וועגען אונזער קינד און רודאָלף וועט מיך בעזוכען איידער דער אנטווארט וועט קומען.

ער קומט! — האט שרה אויסגעשריען מיט ענטציקען ווען זיא האט דערהערט א קלונג פון דעם טהויער־גלאָק — ער קומט! לאָז מיך אליין, שנעל!

טהאָמאס איז שנעל אוועק צו זיין צימער און שרה האט זיך פאָרבערייטעט צו עמפפאנגען איהר געוועזענעם מאן. עס האט לאנג ניט גענומען און רודאָלף האט זיך בעוויעזען אויפ'ן שוועל. זיין געזיכט וואר אן אונצופריעדענער, דאך האט געשיינט אז ער איז פאָל מיט מיטלייד און ערבארמונג. ער האט באלד געוואָרפען זיין בליק צום שטוהל, וואו שרה איז געזעסען. וויא ער האט אבער דערזעהן, אז זיא איז געקליידעט וויא א געזונדע, האט ער געמאכט א שריט צוריק און איז געוואָרען פאָל מיט כעס.

שרה האט זאפארט פערשטאנען וואס ער דענקט. זיא האט ניט פערזאמט א סעקונדע צו פרעגען:

— אייער קעניגליכע האָהייט, האט געגלויבט דאס איך האב שוין נור אייניגע מינוטען צו לעבען און איהר זייט מיך געקומען בענשען בעפאָר מיין טוידט, ניט וואהר?

— דער ווילען פון א שטערבענדען איז ביי מיר הייליג, — האט רודאָלף געענטפערט — אבער דיעזען מאל האט מען מיך גענארט.

— בערוהיגט אייך, קעניגליכע האָהייט. איך האב אייך ניט גענאַרט. דיא ענדע פון מיין לעבען איז שוין נאָהענט. איך ווייס ניט דיא שטונדע פון מיין טוידט. נור אום אייך ניט צו ערשרעקען האב איך אנגעשטרענגט אלע מיינע קרעפטען און האב זיך געזעצט אויפ'ן שטוהל — — מיר איז אויך אנגענעהם דער טוידט אין דיעזע קליידער. עס זיינען דיעזעלבע, וואס איך האב געטראָגען ווען איך האב אייך געזעהן צום ערשטען מאל — — — ענדליך זעה איך אייך ווידער נאך פינסטערע

זיעבצעהן יאָהר! איך דאנק אייך גנעדיגער מאַיעסטעט פאר דיעזען וואָהלטהאט. אבער וויסען זאָלט איהר דאָס ניט פון מיינטוועגען האב איך אייך אהער גערופען, עס איז פון אייערטוועגען. ווען איהר קומט ניט אהער צו דער ריכטיגער צייט, דאן וואָלט איך מיט זיך גענומען א גרויסע געהיימניס, א געהיימניס, וואס קען אייך אויף אויביג גליקליך מאכען. אבוואָהל פיעלע טרויעריגע מאָמענטען און פינסטערע עראינערונגען זיינען מיט דעם סוד פערבונדען; דאך וויים איך, אז איהר וועט יעצט לעבען פיעל גליקליכער וויא פריהער.

— איך פערשטעה ניט? — האט רודאָלף צומישט געפרעגט — איהר רעדט אזוי פערשטעלט!

— אָה, רודאָלף, ווען איהר קומט ניט אהער דאן וואָלט דיעזער טהייערער סוד בעגראָבען געוואָרען אין מיין קבר. דאס וואלט זאָגאר געווען מיין לעצטע ראַבע, פאר דיא פינסטערע זיעבענצעהן יאהר, וואס איך האב געליטען, אָבער ניין! אזוי שלעכט וועל איך ניט זיין. איך וויל ניט מיטנעהמען אייער גליק מיט זיך אין קבר.

— שרה! — האט רודאָלף אויסגעשריען — אויף אייער געזיכט זעה איך, אז א גרויסער שטורם רוישט אין אייער הערצען. האלט איהם ניט לענגער, לאָזט איהם פריי!

— אָה! איך קען איהם לענגער ניט האלטען!

דאביי האט שרה געמאכט א מינע וויא זיא קען זיך מעהר ניט בעהערשען און זיא האט אויסגעשריען מיט אלע קרעפטען:

— רודאָלף אונזער טאָכטער לעבט!

— אונזער טאָכטער! — האט רודאלף אויסגעשריען ניט מיט געוועהנליכע קרעפטען.

— זיא לעבט! זיא לעבט! — האט שרה געשריען.

פון איהרע אויגען און איהר קול האט רודאָלף באלד פערשטאנען, אז זיא זאגט דעם אמת און ער איז פערציטערט און ענטציקט געוואָרען,ביידעס צוזאמען.

— אונזער טאָכטער? איז דאס וואהר? אונזער טאכטער? זיא לעבט? — האט ער געפרעגט און האט זיך קוים געהאלטען, ער זאל ניט אומפאלען פון איבער־ראשונג און פרייד.

— ציטערט ניט רודאָלף, — האט שרה געזאגט און איז געוואָרען אויף ריכטיג אויפגערעגט — איך בין זיך מודה, דאס איידער איך בין קראנק געוואָרען, האב איך געזוכט אן ארמעס מיידעל וואס האט קיינע עלטערען, און האב אייך געוואָלט גאָררען; אבער גראדע דאן, ווען איך האב געוואָלט אויספיהרען מיין פאלשען פלאן,

האָב איך געפונען אונזער אמת׳ע, טהייערע, טאָכטער? אָה רודאָלף, און גראדע יענעם אויגענבליק האט מיך דיא מערדערין פערוואונדעט.

— שרה, רעדסט עס אייער בייזער גייסט, אָדער דער פיבער?

— ניין, ניין רודאָלף! אין דיעזען קאסטען וועט איהר געפינען בריעף און א פאָטאָגראפישעס בילד פון אונזער קינד, וועלכע וועלען אייך איבערצייגען דיא וואהר־הייט. איהר וועט דארט אויך געפינען א פאפיער איינגעשמירט אין בלוט, דאס איז מיין בלוט. אויף יענעם פאפיער האב איך גענומען שרייבען דיא אויסזאגען פון דער פרוי וואָס וויים דיא ביאָגראפיע פון אונזער טאָכטער. אָבער וועהרענד איך האב געשריעבען האט דיעזעלבע פרוי מיך פערוואונדעט.

— ווער איז דיעזע פרוי? — האט רודאָלף געשריען — פון וואנען ווייס זיא דאס אלעס?

— אין איהר האנד איז אָפגעגעבען געוואָרען אונזער קינד, נאכדעם וויא עס איז ארויס א קלאנג, אז זיא איז טוידט.

— אָבער ווער איז דיעזע פרוי? וויא רופט מען זיא? קען מען איהר גלויבען? וויא אזוי האט איהר עס ערפאהרען?

— איהר וועט עס באלד וויסען. אָבער זאגט מיר נור, האט איהר אמאָל ארויסגענומען א מיידעל פון דער „סיטע“ און אריינגעזעצט אין אייער מאָדעל פארם?

— יא.

— אייפערזוכט און האס האבען מיך געטריעבען דערצו, דאס איך האב מיין מערדערין געדונגען זיא זאל גנבענען דאס מיידעל פון דאָרף און זאָל זיא אריינזעצען אין כאנט לאזארוס.

— דאס מיידעל איז שוין דאָרט ניטאָ. איהר זייט שולדיג פאר איהר לעבען. וויל איהר האט זיא געגנבעט.

— איך בין שולדיג אין איהר לעבען? ווער, וואס איז מיט איהר געשעהן? — האט שרה געפרעגט מיט שרעק.

— א מערדער און א היפּאָקריט, האט זיא ערטרונקען אין טייך!

— מיין טאָכטער! — האט שרה אויסגעשריען, און מיט אן אמת פון גאנצען הערצען און איז געבליעבען שטעהן וויא א סטאטוע — וועה איז מיר!

— וואָס רעדט איהר? — האט רודאָלף געפרעגט.

— מיין טאָכטער! — האט שרה געשריען און א טוידטע בלאסקייט האט זיך פערצויגען איבער איהר געזיכט — מיין טאָכטער איז ערטרונקען!

— נאכטיגאל איז אייער טאָכטער? — האט רודאָלף געפרעגט און איז אפגע-שפרונגען פון אָרט.

— נאכטיגאל — יא, יא, מיט דיזען נאמען האט זיא לילית אנגערופען. מיין טאָכטער! מיין טאָכטער איז טוידט! וועה!

— שרה! — האט רודאָלף געזאגט ציטערענדיג — שרה בערוהיגט אייך און זאָגט מיר דיא ווארהייט. ווער איז דאָס מיידעל וועלכע איהר האט געגנבעט פון מאָדעל פארם?

— זיא איז אונזער טאָכטער! — האט שרה געענטפערט און האט אויסגע-שטאַרט איהרע אויגען.

— ניין, ניין, איהר רעדט עס פון פיעבער, דאס קען ניט זיין. אָה, איהר אליין ווייסט ניט דיא וויכטיגקייט פון אייערע רייד, אויב דאס איז אמת. שרה בערוהיגט זיך, ווערט געלאסען, בעדענקט זיך. איך זאג נאך אמאָל, אז איהר פאנטאזירט. גלויבט ניט אין אזא דומהייט, אין אזא אונגלויביגע זאך, איך וועל אויף אייך ניט בייז זיין. אבער בערוהיגט אייערע נערווען, וועלכע גיבען אייך אזא נארישע פאנטאזיע. איך ווייס, אז דאס קען ניט זיין, דאס איז אונמעגליך, דאס איז לעבערליך. זאָגט מיר שוין אויך, אז דאס איז לעבערליך.

שרה האט א לאנגע ווײלע געשוויגען, דאן האט זיא מיט א שוואכען קול אנגעפאנגען צו זאגען:

— ניין, עס איז קיין פאנטאזיע, הערט וויא דאס איז געשעהן:

ווען איך האב ערפאהרען, אז איהר האט געהייראטהעט האב איך אויך גע-הייראטהעט. איך האב דאס קינד ביי זיך ניט געקענט האלטען. זיא וואר דאן פיער יאָהר אלט.

— דאן האב איך אייך געבעטען איהר זאלט מיר שיקען דאס קינד. אבער איהר האט מיר ניט געענטפערט. דעם איינציגען בריעף וואס איהר האט מיר זייט דאן געשיקט איז געווען דאס מיין קינד איז טוידט — האט רודאָלף ביטערליך געזאָגט.

— איך האב זיך מיט אייך געוואָלט רעכענען, ווארום איהר האט מיך פער-וואָרפען און דארום האב איך דאס קינד ניט געוואָלט שיקען. איך פערשטעה מיין פעהלער. אבער הערט מיך אויס, מיין ענדע איז נאָהענט און דיזער לעצטער שטורם וועט מיך נאך שנעלער טוידטען.

— ניין, איך וועל עס אבער ניט גלויבען, נאכטיגאל איז ניט מיין טאָכטער. דאס האט איהר אויסגעטראכט, אום מיך וואס מעהר צו פלאָגען.

— הערט מיך אָבער אויס. ווען אונזער קינד איז אלט געוואָרען פיער יאָהר

האט זיא מיין ברודער אָפּגעגעבען צו א געוויסע סעראַפינאַ, דיא אַלמנה פון זיין געוועזענעם דיענער. ער האט איהר געהייסען האָדעווען ביז דאס קינד וועט קענען געהן אין דער שולע. דאס געלד וואס אייער פאטער האט געלאָזען פאר אונזער טאָכטער האט מיין ברודער בעהאלטען ביי א פּאַריזער נאָטאַריוס, וועלכער וואר בעקאנט פאר איין העכסט עהרליכען מאן. דיא בריעף פון דיעזען נאָטאַריוס און דיא בריעף פון דיעזער סעראַפינא זיינען נאך אין דיעזען קאסטען. אין א יאָהר ארום האב איך ערהאלטען א בריעף, אז דאס קינד איז קראַנק, און אין אכט מאָנאַטען שפּעטער האב איך ערהאלטען א בריעף און א בעשטעטיגונג, אז דאס קינד איז געשטאָרבען. סעראַפינאַ איז אנגעקומען אין דעם נאַטאַריוס פעררא‏אנד'ס הויז, נאכ־דעם וויא זיא האט איבערגעגעבען דאס קינד צו א פערברעכער, וועלכער איז יעצט אין געפענגניס. דער פערברעכער האט דאס קינד איבערגעגעבען צו דער מערדערין לילית. לילית אליין האט מיר דיעזעס ענטדעקט איידער זיא האט מיך געשטאָכען. יעצט נעהמט דיא בריעף פון קאסטען און לעזט זיי דורך, בעטראַכט דאס בילד פון אונזער קינד, ווען זיא וואר פיער יאָהר, און אייער קעניגליכע האָהייט וועלען זעהן דיא וואהרהייט.

שרה האט מעהר ניט געקענט ריידען, זיא איז געפאלען אויפ'ן שטוהל אין אונמאכט. רודאָלף איז געשטאַנען וויא א מארמאָרנע סטאטוע. ער האט שוין גע־וואוסט, אז שרה דערצעהלט דיא וואהרהייט. פון סיציליען האט ער אויך שוין געוואוסט, דאס פעררא‏אנד האט ערטרונקען דער נאכטיגאַל. ער האט געזעהן דאס אַלעס שטימט ריכטיג. דאך האט ער זיך געשטארקט און האט דורכגעלעזען דיא בריעף און האט זיך צוגעקוקט צום בילד פון דאס פיער יעהריגע קינד, וועלכע וואר נאַטור־טריי דיא נאכטיגאַל. זיין בליק אויף דאס בילד האט איהם וויא א דאָנער געטראָפען, ער איז געפאלען אויפ'ן קאסטען, האט גענומען רייסען דיא האאר פון קאפּ און וויינען מיט טרעהרען וויא א קליין קינד.

וועהרענד רודאָלף האט געוויינט האט זיך שרה'ס נעזיכט אין גאנצען געביטען. זיא איז געוואָרען גרין און געל. ניט אזוי פון איהר טאָכטער, וועלכע איז געשטאָר־בען פון איהרע הענד, נור דערפון, וואס דער לעצטער פונק פון איהר האָפנונג האט זיך אויסגעלאָשען און פון איהרע פּלענער וואס זיינען אלע מיט איין מאל צופאלען. פּלוצלינג האט רודאָלף אראָפּגענומען דיא הענד פון זיין נעזיכט, האט אויסגעווישט דיא טרעהרען, האט זיך געשטעלט נעגען שרה'ן און האט אויסגעשריען:

— ווייסט איהר ווארום דאס אַלעס האט מיר פּאַסירט? דאס איז מיין שטראָפע פאר מיין פערברעכען. עס איז דערפאַר, וואָס איך האב אויפגעהויבען מיין

שווערד איבער מיין פאַטערס קאָפּ.

— וואָס? איהר האָט אויפגעהויבען אַ שווערד געגען אייער פאַטער? וואָס הער איך?

— יאָ, אין דיעזער שרעקליכער שטונדע וויל איך אייך ערצעהלען דעם אונגליק וואָס איהר האָט געבראַכט אויף מיין קאָפּ דורך אייער פערדאַמטער ליידענשאַפט. הערט צו וואָס איהר האָט מיך געבראַכט, טריילאָזעס ווייב! הערט דיא טרויעריגע ערצעהלונג, איהר הערצלאָזע מוטער.

— וועה, ערבאַרימט אייך!

— קיין ערבאַרמונג פאַר אַזאַ פאַלשע און בעטריגערישע פרוי! קיין ערבאַרמונג צו אַזאַ פרוי, וועלכע האָט זיך געשפּיעלט מיט מיין ריינער אונשולדיגער ליעבע, נור אום צו ערדייכען דעם שטאָלץ און דיא פאַנטאַזיע פון אַ געוויסענלאָזער פרוי! קיין ערבאַרמונג איבער אַ מוטער, וואָס האָט זיך אפּגעלייקענט פון איהר אייגען קינד און האָט פּערוואָרפען איהר טאָכטער אום זיא זאָל קענען הייראַטהען אַ רייכען מאַן! קיין ערבאַרמונג צו אַזאַ טייפעל, וואָס האָט דורך אינטריגען און פערברעכען געבראַכט איהר קינד צום טוידט! פערפלוכט זאָל זיין אַזאַ מוטער און אַזאַ ווייב! פערפלוכט זאָל זיין דיא מוטער, וואָס האָט געטריבט דאָס קינד פון איהר פאָטער און האָט זיא איבערגעגעבען אין אַזאַ שלאַנגען-נעסט! פערפלוכט זאָל זיין דיא פרוי וואָס האָט זיך פערשוואָרען צו רועניהען מיין נייסט און צו פערניכטען מיין פאַמיליע!

— אָה, גענוג! גענוג! הערט אויף!

— איך הער ניט אויף ביז איך האָב אַלעס אויסגעשפּראָכען.— עראינערט אייך נור דעם לעצטען טאָג וואָס איך האָב אייך געזעהן, דאָס וואַר צוריק מיט זיעבעצעהן יאָהר, דאַן ווען איהר האָט שוין לענגער ניט געקענט בעהאַלטען דיא פרוכט בון אונזער הייראַטהע, פון אונזער געהיימער ליעבע. איך האָב געגלויבט, אַז אונזער בונד וועט ניעמאַלס צוריסען ווערען. איך האָב געוואוסט, אַז מיין פאַטערס הערץ איז וויא אייזען, איך האָב אויך געקענט דיא פרוי, וועלכע ער האָט מיר געוואָלט געבען נאָך דיא געזעצע פון אונזער קרוין און נאָך דיא פאָדערונגען פון דער פּאָליטיק. דאָך האָב איך געוואָגט צו זאָגען איהם, אַז איהר זייט מיין געזעצליכע פרוי און דאָס איהר וועט מיך באַלד גליקליך מאַכען מיט אַ קינד. מיין פאַטער'ס צאָרען האָט זיך צופלאַמט וויא פייער; ער האָט ניט געגלויבט דאָס איך האָב געטהאָן אַזאַ זאַך געגען זיין ווילען און געגען דיא עהרע פון זיין טהראָן. ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייען און האָט מיר בעפוילען איך זאָל פון דיעזער דומהייט מעהר ניט שפּרעכען. איך האָב אייך אָבער געליעבט מעהר פון דער גאַנצער וועלט און איך

האב געגלויבט, דאס אויך אין אייער הערצען פלאקערט אזא פייער און דארום האב איך איהם גאנץ שטאָלץ געענטפערט, דאס נור איהר זייט מיין פרוי און קיין אנ־דערע וועל איך ניעמאלס הייראטהען. מיין פאטערס צאָרען האט זיך צופלאַמט און ער האט מיך גענומען זידלען און בעליידיגען און האט בעפוילען דאס אונזער הייראטה איז ניט גילטיג און דאס איהר זאָלט עפענטליך פּראָצעסירט ווערען וויא אן אויס־געלאסענע פרוי, אום איהר זאָלט בלייבען אייביג צו שאנד און שפּאָט. איך וואר אבער שכור פון אייער פאלשער ליעבע, איך בין געווען פעררוקט פון אייערע זיעסע ווערטער. איך האב מיין פאטער בעפוילען ער זאל אויפהערען צו בעליידיגען דיא עהרליכע פרוי, וועלכע איך האב געזעצליך און אויף אימער געהייראטהעט, מיין פאָטער האט נאך מעהר געלאכט פון אייער עהרליכקייט. מיין ליעבע האט זיך ארויסגעריסען פון אלע גרענצען און אין משוגענער אויפרעגונג, האב איך ארויסגע־שלעפט דעם שווערד פון שייד און בין בעפאלען מיין פאטער.... ווען ניט מאָרפי וואלט איך דאמאָלס, הערט טייוועל אין פרויען-געשטאלט, הערט, דאמאָלס וואלט איך פערגאָסען מיין פאָטערס בלוט! דאס אלעס האב איך געוואָלט טהאן נור אום אייך צו בעשיצען — נור אייך!

— דיעזעס פערברעכען איז פון מיר געווען א געהיימניס ביז יעצט!

— אָה, איך האב געמיינט דאס מיין זינד איז פערגעבען געוואָרען דאדורך, וואס איך האב מיך געפלאגט א לאנגע צייט! אָה, דאס אונגליק וואס האט גע־טראָפען מיין קינד איז דיא פרוכט פון יענעם פערברעכען.

— אָבער איך בין דאך אויך פעראונגליקט געוואָרען דורך אייער פאָטערס ענטשלאָסענהייט? ווארום בעשולדיגט איהר מיך, דאס איך האב אייך ניט עהרליך געליעבט נאכדעם וויל — —

— שווייגט פאלשע! — האט רודאלף מיט זיין גאנצען קראפט אויסגעשריען — שווייגט און הערט ווארום איך האב אייך פערהאסט. נאכדעם וויא מען האט פון מיר ארויסגעריסען דעם שווערד, מיט וועלכען איך האב געוואלט טוידטען מיין פאָטער, בין איך פערשלאָסען געוואָרען אין האף־געפענגניס. פאָלידאָרי, דער וואס האט צוזאמענגעבראכט אונזער הייראטה איז אויך געשמידט געוואָרען אין קעטען. ער האט זיך אבער ריין געוואשען, דערמיט, וואס ער האט דערצעהלט מיין פאָטער, דאס אנזער חתונה איז ניט גילטיג, דען דער פריסטער וואס האט אונז פערהייראטה איז גאר ניט געווען קיין פריסטער. פאָלידאָרי האט אונז אלעמען בעטראָגען. ער האט נאך מעהר געטהאן, ער האט מיין פאָטער אָפּגעגעבען אייערען א בריעף, וועלכען ער האט געגנבעט פון פּאָסט. אין יענעם בריעף האט איהר מיט אייער

איינענער האנד־שריפט אייער ברודער ענטדעקט דעם סוד, אז איהר האט מיך ניט ליעב, עס איז נור אן אנשטעל און א שוישפיעל, אין הארצען פערהאסט איהר מיך און לאכט פון מיר און פון מיין שוועכע, איך בין נור א שפיעל־צייג אין אייער האנד און אן אינסטרומענט דורך וועלכען איהר וועט עררייכען דיא קראָהנע, וואָס דיא ניאַנקע האט אייך פערשפּראָכען! איהר האט זיך אויך בעקלאָגט ווארום מיין פאָ־טער לעבט אזוי לאנג — —

— וועה, יעצט וויים איך אלעס!

— אויף מאָרגען האט מיך מיין פּאָטער געלאָזט ברענגען צו זיך און ניט ריידענדיג א וואָרט האט ער מיר געוויעזען דעם פערפלוכטען בריעף. איך האב איהם דורכגעלעזען און האב זיך געוואָרפען פאר מיין פאטער׳ס פיס. איך האב געוויינט און געבעטען ער זאל מיר פערצייען. זייט יענעם טאג פּלאגט מיך דיא געוויסענביסע און מיין גאנצעס לעבען איז מיר שווער און אונערטרעגליך פאר מיין פערברעכען. איך האב באלד פערלאָזען מיין געבורטסשטאָדט און האב געוואנדערט דורך ווייטע און פערוואָרפענע לענדער אום צו געפינען א פערגעבונג אויף מיינע זינד. איך האב געשוואָרען צו טהאן גוטעס מיט גוטע און עהרליכע און צו בעצאָהלען שלעכטעס צו רשעים און פערברעכער, צו העלפען דיא ארמע און אונגליקליכע און צו זוכען אונטער דיא פערדאָרבענע, טאָמער געפינט זיך אונטער זיי איין זעעלע וואס מען קען רעטען און ברענגען אויפ׳ן גוטען וועג. נאך מיינע רייזען בין איך געקומען צו מיין פּאָטער און אויף זיין וואונש, האב איך געהייראטהעט מיט א פרוי, וועלכע איז געשטאָרבען צוריק מיט צוויי יאָהר. ערשט צוריק מיט זעקס מאָנאטען בין איך געקומען נאך פּאריז און האלט מיין שבועה וואס איך האב געשוואָרען. איך האב מיך אויסגע־לערענט דיא שפראכע פון מערדער און פערברעכער. איך האב זיך פערקליידעט אין זייערע קליידער און בין אוועק אין דער „סיטע" זוכען, טאָמער וועל איך געפינען — אָה, וועה, דארט האב איך געפונען!.... מיין הערץ פּלאצט ווען איך דארף עס זאגען. בערייט דיך פּאָר הערצלאָזע מוטער, בערייט דיך פּאָר צו הערען עטוואס וואס דיא טייוואָלים דארפען שוידערן הערענדיג....

— אָה, לאָזט מיך רוהיג שטארבען!

— ניין, איידער איהר שטארבט מוזט איהר עס הערען.... געדענקט איהר יענע נאכט, ווען איהר און אייער ברודער האבען מיך נאכגעיאָגט ביז א שענק אין דער סיטע?

— איך געדענק, אבער וואס ערמאָנערט איהר עס און ווארום שטעלט איהר אוים אזעלכע פּייערדיגע אויגען?

— נעהענדיג דורך דער סיטע האט איהר דארט געווים בעגעגענד אויסגעלא־סענע, פערדארבענע מיידלאך, וועלכע זיינען א שאנדע פאר דער מענשהייט. האט איהר געזעהן יענע מיידלאך, וועלכע בעלאנגען צום „ווייסען קראַט“? האט איהר בעמערקט, אז צווישען יענע מיידלאך איז געשטאנען א מיידעל פון זיבענצעהן יאָהר, שעהן וויא דיא לבנה און ליכטיג וויא דיא זאנע, אן ארמעס מעדכען, וועלכע האט אונטער יענער געזעלשאפט געוואוסט וויא צו ערהאלטען איהר אונשולד, זא דאס דיא גנבים און רויבער האבען איהר א נאָמען געגעבען מאריע־בלומע? האט איהר זיא געזעהן?

— ניין! ניין! גענוג!

— אָבער איך האב זיא יא געזעהן. געהענדיג אין דער סיטע זוכען א זאָהן, וועלכער איז פערלארען געגאנגען פון זיין מוטער, האב איך געזעהן וויא א געזונטער מאן וויל שלאָגען דיעזע ארמע בעשעפעניס. איך האב זיך ערבארימט אויף איהר און האב זיא געראטעוועט. אָה, איהר ווייסט נאך אלץ ניט ווער יענעס מעדכען איז? איהר ווייסט נאך אלץ ניט?

— איך ווייס ניט! גענוג!

— יענעס מעדכען איז געוועזען דיא מאריע־בלומע, זיא איז געוועזען נאַכטיגאַל, זיא איז געוועזען אייער טאָכטער! אָה! יענע אונגליקליכע, וועלכע איך האב געראטעוועט פון זומפ און פון דיא הענד פון א שיכור'ן טרעמפ, דיא איז געוועזען מיין טאָכטער, דיא טאָכטער פון רודאָלף גראָס־הערצאָג פאָן געראָלשטיין!

— איך שטארב! נאָטעס פלוך רוהט אויף מיר! — האט שרה קוים אויסגע־שפראָכען און איז געפאַלען אויפ'ן שטוהל און האט אויסגעבראָכען אין א געוויין.

— און דאן, — האט רודאָלף פאָרטגעזעצט, ווייל ער האט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון רייד און פון טרעהרען — דאן, וויא איך האב זיא געראטעוועט פון קלעפ בין איך פעראינטערעסירט געווארען אין איהר זיסע שטימע און איהר אונ־שולדיגעס געזיכט. איך האב בעשלאָסען צו העלפען איהר און צו ברענגען איהר אין נוטער געזעלשאפט. אָה, מיין הערץ איז צוגאנגען הערענדיג, וויא זיא האט ערצעהלט איהר לעבענסגעשיכטע און אלע צרות וואס זיא האט געליטען! הערט נור שרעק־ליכע מוטער: אין דער צייט ווען איהר זייט געזעסען אין א טהייערען פאלאסט און האט פאַנטאַזירט נור פון א קרוין, אין יענער צייט איז אייער קינד ארומגעגאנגען נאקעט און באָרפוס דורך דיא קאלטע נעכט און האט געבעטעלט נדבות פון גוטע מענשען — און ווען זיא איז געקומען צוריק צו דער שרעקליכער לילית, ווען זיא איז געקומען פערפראָרען, הונגעריג און שמוציג, האט זיא זיך געמוטשעט מיט דיא

שרעקליכסטע קלעפּ און פּייניגונגען און נאך דעם ליענען און פריהרען אויף א מיסט־קאַסטען. ווייסט איהר וואָס לילית האט איהר אמאל געטהאן, נאכדעם וויא זיא איז שוין מיעד געוואָרען שלאָגענדיג איבער איהר קערפּער? וועה, הערט מוטער, זיא האט אַרויסגעריסען א צאָהן פון דעם קינדס שעהגעם מויל מיט אן אייזערנעם צוואַנג.

— אָה, איך שטארב! איך שטארב! — האט שרה געיאָמערט.

— דאס איז נאך ניט אַלעס! אייער טאכטער איז אנטלאָפען פון דער מערדערין. נאַקעט, פערפראָרען, דורסטיג, הונגעריג, האט זיא ארומגעבלאָנדזשעט איבער פּאריזער גאסען ביז מען האט זיא פערהאַפטעט אלס שטראסען־וואַנדערין. דיא צייט וואס זיא איז געזעסען אין געפענגניס ווארען דיא בעסטע צייטען אין איהר לעבען. דאָרט וואר זיא זאט, דארט האט זיא ניט געמוזט שנאָרען, דאָרט האט מען ניט געריסען איהרע צייהן פון מויל און ניט געברענט זיא מיט הייסע אייזענס. דארט האט זיא געאַרבייט און געשפּאָרט געלד. ווען זיא איז ארויס האט זיא מיט איהר ביסעל פערמעגען געשטיצט אן ארמע פרוי, אָבוואהל זיא אליין איז באַלד געבליעבען ארם און עלענד. עס איז געקומען איהר פינסטערער טאג! עס איז געקומען צו דער צייט ווען זיא איז אויסגעגאַנגען פון הונגער. דאן, אָה, דאס איז דער שרעקליכסטער טאָג! דאן זיינען געקומען פערדאָרבענע פרויען, האבען זיא פערנארט צו זיך אין שענק, האבען זיא אָנגעטרונקען מיט שנאַפּס — — —

רודאלף האט ניט געקענט ווייטער ריידען. ער האט זיך אָנגעהאַפּט פאר דיא האאר און האט גענומען שרייען:

— און דאס וואר מיין טאכטער! מיין טאָכטער!

— איך בין פערפלוכט! — האט שרה געיאָמערט.

— און פערפלוכט דאַרפט איהר זיין! איהר האט ארויסגעוואָרפען דאס קינד פון אייער הויז! איהר האט זיא געגנבעט פון מאדעל פאַרם און דאדורך איז זיא ווידער אריינגעפאלען אין פערראנד'ס הענד און ער האט זיא ערמאָרדעט!

ערשינערענדיג פערראַנד'ס נאָמען איז רודאָלף געוואָרען א פערציטערטער. זיין בלוט האט אויפגעקאָכט, זיינע אדערען האבען זיך צוזאַמענגעצויגען און טופּענדיג מיט דיא פיס האט ער געשריען:

— דער מערדער וואס האט געטוידטעט מיין קינד, זאָל בעצאָהלען מיט זיין לעבען!

רודאָלף האט זיך באַלד א וואָרף געטהאן צום טהיר.

— וואוהין געהט איהר? לאָזט מיך ניט איבער? — האט שרה געבעטען און

האט אויסגעשטרעקט איהרע הענד—לאָזט מיך ניט איבער אליין, וועהרענד איך שטארב.

— אליין? ניין, ניין! זעהט נור, היער שטעהט אייער ערמאָרדעטעס קינד, זיא וויל אומארמען איהר מוטער, זיא איז א גוטעס קינד!

שרה האט ארויסגעלאָזען א ווילדען געשריי, גלייך וויא זיא וואלט ווירקלי געזעהן איהר טוידטעס קינד.

— ערבארימט אייך, איך שטארב!

— שטארבט און נעהמט מיט אין קבר מיין פלוך פאר אייער טאכטער! איך האב דאָ קיין צייט לענגער צו שטעהן. איך מוז געהן טוידטען דעם מאן, וואס האט מיט אייער הילף ערמאָרדעט מיין קינד.

ניט הערענדיג וואס שרה האט געשריען איז רודאָלף ארויסגעלאָפען פון הויז און האט געהייסען זיין קוטשער פאָהרען שנעל וויא מעגליך צו יעקב פערראנד.

67טעס קאפיטעל.

פערראָנד'ס ביטערער סוף.

נאכט האט ארומגערינגעלט גאנץ פאריז, וועהרענד רודאָלף איז געווען אויף דעם וועג צו פערראנד'ס וואוינונג. פערראנד'ס אַלטע וואוינונג איז געלעגען איינגעוויקעלט אין טיעפער פינסטערניס. דער ווינד האט גערוישט און געיאָמערט, דער רעגען איז געפאלען אין גרויסע שטראָמען, פונקט וויא אין דער נאכט ווען סיציליע איז אנטלאָפען פון פערראנד'ס הויז. א קליינער דונקעלער פייער האט בעלייכט פערראנד'ס צימער.

פערראנד איז געלעגען אויסגעצויגען אין א שמאָלער בעטעל און איבערגעדעקט מיט א שווארצע ליילעך. זיין רעכטע האנד איז געלעגען נאקעט איבער זיין קאפּ און האט נאך געבלוטעט פון דעם אויפשניט וואס בראָדאמאָנטי האט געמאכט. בראָדאמאנטי איז געשטאנען איבער'ן בעט און האט בעטראכט דעם חולה, וועלכען ער האט געהאסט און געפלוכט.

קיין זאך אין דער וועלט האט געקענט זיין שרעקליכער וויא פערראנד'ס גע-זיכט, וועלכע איז אין גאנצען אומגעביטען געוואָרען נאך דיא לעצטע אנפעלע פון קאָנוואולסיווען פאלזוכט. אין דיא פאלדען פון דעם טוידט בלאסען געזיכט, זיינען געשטאנען גרויסע און קאלטע טראָפּענס, וועלכע האבען יעדען גוטען דאָקטאָר געקענט ערצעהלען, אז זיין ענדע איז נאָהענט. זיינע אויגען-ברעמען וואָרען אזוי געשוואָלען און אָנגעגאָסען מיט בלוט, דאס זיי האבען אויסגעזעהן וויא צוויי אָבגע-קאָכטע ראקעס אויף א ווייסען טישטוך.

— נאך איין אנפאל וויא דער לעצטער און ער איז א כפרה פאר אלע הינד׳ האט בראַדאמאַנטי צו זיך אליין געזאגט — ערשט פאר א ווײלע, ווערהענד דעם אנפאל האט מיר געשיינט, אז איך טרוים; דען ער האט אזוי לאנג און אזוי דייט־ ליך בעשפראָכען און אפגעשילדערט אלע ניעדערטרעכטיגע פלענער, וועלכע זיינען געלעגען אין זיין מח זייט זיין פינסטערען לעבען. זיינע חושים זיינען זעהר פערדאָר־ בען. ווען איך רייד צו איהם שטיל, קוים וואס א געזונטער מענש קען הערען, דאך זאגט ער, אז צעהן גרויסע גלעקער הענגען אין זיין קאפ און איך קלינג מיט זיי אזוי גוואלטיג, דאס ער פערליערט זיין בעוואוסטזיין!

פאָלידאָרי אדער בראַדאמאנטי, וויא ער רופט זיך יעצט אין פאריז, איז ווידער צוגעגאנגען צום בעט און איז געבליעבען שטעהן שטיל מיט אן אראפגעלאָ־ זענעם קאָפּ. דער וועטער האט געשטורמט פון דרויסען. עס האט גערוישט, גע־ בלאָזען, געדאָנערט, געבליצט און גערעגענט איבער דעם הויז, וואו פערראנד און פאָלידאָרי האבען זיך געפונען. ניט אכטענדיג אויף דעם וואס פאָלידאָרי האט אין קיין זאך געגלויבט און פאר קיין פערברעכען ניט מורא געהאט, דאך איז ער אין מאנכע זאכען געווען אבערגלויביש. שווארצע, פינסטערע בילדער האבען איהם יעצט געשראָקען. ער האט געפיהלט זעהר שווער. דער שטורם אין דרויסען און דיא טוידטע שטילקייט אין הויז האבען אויף איהם געמאכט א פירכטערליכען איינדרוק און שווערע, שוידערהאפטע געדאנקען זיינען איהם בעפאלען. אום ארויסצושלאָגען דיעזע געדאנקען האט ער גענומען בעטראכטען זיין געוועזענעם פריינד און קאמעראד.

— יעצט, — האט ער געזאגט זיך אנלעהנענדיג איבער׳ן בעט — גיסען זיך אָז דיא ברעמען מיט בלוט! אָה, וואס פאר א שמערצען! וויא שווער דיא קראנקהייט איז און וועלכע יסורים זיא האט מיט זיך געבראכט! אָה, ווען דיא נאַטור ווערט שלעכט און זיא שפיעלט דיא ראָלע פון אן אינקוויזיטאר, איבערשטייגט איהר מאכט און איהרע פלאגען יעדען מענשליכען בעגריף. דיא קאָנוואולסע, דיא ספאזמען מא־ כען נאך שרעקליכער זיין אויסזעהן. עס שוידערט מיך צו קוקען אויף איהם און עס שרעקט מיך צו הערען וואס אין דרויסען געהט פאר! עס שטורמט, אָה, וואס פאר א שרעקליכע נאכט! שרעקליכער וויא דיא נאכט קען שוין ניט זיין!

פאָלידאָרי האט זיך געזעצט אויף א שטוהל, האט אריינגעלעגט דעם קאָפּ איןביידע הענד און האט זיך ווייטער געמורמעלט:

— ווען איך עראינער מיך אויף דיא פערגאנגענע צייטען, ווען איך עראינער מיך אויף יענער צייט, ווען איך האב צוזאמען מיט דער שעהנער שרה געמאכט פלענער צו פאנגען דעם יונגען, אונערפאהרענעם פרינץ; אָה, וואס דיט דאן איז

מיט מיר געשעהן! דורך וויפיעל שטופען בין איך זייט דאן געזונקען ביז איך בין געפאלען אין דעם קרימינעלען לעבען, וואס איך האב געפיהרט. וואו זיינען מיינע חלומות וועלכע האבען מיר פארגעשטעלט, אז איך וועל האבען דעם פרינץ אין מיינע הענד און וועל איהם מאבען פאר מיין אינסטרומענט. פון ערציהער האב איך ערוואַרטעט צו ווערען ערשטער מיניסטער! ניט אכטענדיג מיין בילדונג און מיין פערשטאנד בין איך געגאנגען פון איין פערברעכען צום צווייטען, ביז איך האב גע־טהאן דאס לעצטע וואס א פערברעכער קען טהאן. וואו בין איך יעצט? מיין שטראפע איז צו היטען מיין קאמעראד! אַה, דער פרינץ האט פאראויסגעזעהן וויא שרעקליך דיעזע שטראפע איז. פאר פעררואנד'ן וואָלט שוין טויזענד מאל געווען בעסער צו לעגען דעם קאפּ אונטער דער גילאטינא! טויזענד מאל בעסער איז צו ליעגען אונ־טערן מעסער, צו בראטען זיך אין פייער, צו באדען זיך אין זודיגעם בליי, איידער צו ליידען דיעזע שמערצען. און ווען איך זעה זיינע שמערצען הייב איך אן צו ציטערן פאר מיין אייגענעם שיקזאל. וואס וועלען זיי טהאן מיט מיר? וואס האבען זיי פאר מיר פארגעברייט? צו היטען פעררואנד'ן איז ניט גענוג פארן פרינץ. ער האט מיך ניט גערעטעט פון דער תליה אום צו לאזען מיך לעבען. פיעללייכט ערוואַרטעט מיך אן עווינע געפאנגנשאפט אין דייטשלאנד? דאס וואלט שוין געווען בעסער פון טוידט. פיעללייכט האט ער אבער פאר מיר אזא פארציאן וויא פעררואנד'ס.... אַה, עס שוידערט!

אין דיעזען אויגענבליק האט א דאנער איינגעשלאגען דעם קוימען פון פער־ראנד'ס הויז און דער קראך מיט אלע ציגעל, שטיינער און ליים איז אריינגעפאלען אין גארטען. פעררואנד האט זיך פלוצלינג אויפגעהאפט און האט זיך גענומען צאפּ־לען אין בעט.

— ער ערוואכט פון דעם אנפאל, — האט פאלידארי געזאגט און האט זיך צוגערוקט צום בעט.

— בראדאמאנטי, וואס שטורמט עס אזוי? — האט פעררואנד געפרעגט און האט ניט געעפענט דיא אויגען.

— דער קוימען איז איינגעפאלען, — האט פאלידארי געענטפערט אין א שטילען קול — א שרעקליכער שטורם רייסט דאס הויז פון פונדאמענט. דיא נאכט איז שרעקליך! שרעקליך!

דער נאטאריוס האט ניט געהערט. ער האט אביסעל אומגעדרעהט דעם קאפּ און האט געפרעגט:

— בראדאמאנטי, זייט איהר עס דארט?

— יאָ, דאס בין איך.

— איך הער אייער שטימע, אבער זיא מאכט מ ר ניט מעהר אזעלכע שמערצען וויא פריהער. דאך אין רעכטען מיטען שטורם, אין אלע ליידען וואס איך שטעה אוים הער איך אלץ קלאָהר און דייטליך דיא שטימע פון מיין סיציליען.

— נאך אימער דיעזע שענדליכע פרוי! נאך אימער איהר שטימע. טרייבט אוועק פון זיך דיעזע געדאנקען, זיי וועלען אייך טוידטען.

— וואָס, אוועקטרייבען דיעזע זיסע געדאנקען? אָה, ניעמאלס, ניעמאלס.

— וואָס פאר א משוגעת! דאס איז דאך געפעהרליך!

— שווייגט יעצט שטיל! — האט דער ●אָטאריוס געזאגט מיט א שטילען טאָן און האט אנגעשטעלט דיא בלוטיגע אויגען אויף א פינסטערען ווינקעל פון הויז — איך זעה שיין.... גלייך וויא זיא לעבט.... א שאטען בעוויזט זיך.... דאָרט.... דאָרט.

— שטיל, מאכט זיך דאך ניט נארריש, אונגליקליכער פעררּאנד!

— אָן דאָרט.... דאָרט! — האט פעררּאנד געמורמעלט און האט געציינגט מיט׳ן פינגער צום ווינקעל.

— פעררּאנד דאָרט איז אייער טוידט! — האט פאָלידאָרי אויסגעשריען.

— אָה, איך זעה זיא. דארט איז זיא, וויא שעהן זיא איז, וויא שעהן? זעהט איהרע לאנגע שווארצע האָאר, זיי ליעגען צו־ווארפען איבער איהרע אקסלען. איהרע קליינע צייהן, איהרע רויטע ליפען, צייהן וויא פערל. איהרע שווארצע אויגען ווארפען פונקען. אָה, סיציליע! סיציליע! סיציליע!

— פעררּאנד! — האט פאָלידאָרי מיט מעהר כעס געשריען — מאכט זיך אליין ניט דעם טוידט מיט דיעזע פאנטאזיעס.

— עס איז קיין פאנטאזיע.

— איך זאג אייך, עס איז פאר אייך געפעהרליך. פריהער האט זיך אייך געדאכט, אז איהר הערט א זיעסע פרויען־שטימע, דיא שטימע פון דיעזער סיציליע און באלד האט אייך אָנגעפאנגען צו קלאפען און האמערען אין קאָפּ.

— לאָזט מיך צורוה! — האט דער נאָטאריוס געשריען — וואס נוצט מיר אייער עקעלהאפטע שטימע, ווען איך קען הערען דיא זיעסע טענער פון מיין סיציליען. וואס נוצען אלע בילדער, ווען איך קען זעהן איהר בילד!

— אָבער דיא פלאגען וואס איהר האט נאכדעם פון דיעזען נחת, אונגליקליכער נאָ[illegible]?

דער נאָטאַריוס האט ניט געענדיגט זיין פאַנטאַזיע. ער האט נור אויסגעשריען פון גוואַלטיגע שמערצען און האט זיך גענומען וואַרפען איבערן בעט.

— וואָס טהוט זיך יעצט? — האט פּאַלידאָרי געפרעגט.

— לעשט אויס דאס ל כם! עס ברענט צו העל. איך קען עס ניט איבער־טראָגען, עס מאכט מיר בלינד!

— אין צימער ברענט נור איין דונקעלעס פייער? דאָס איז ווייטער פאַנטאַזיע!

— איך זאָג אייך, אז דאס פייער ווערט שרעקליך גרויס. וואס ווייטער ווערט עס מעהר און מעהר. אהה, עס איז צופיעל. איך קען עס ניט איבערטראָגען.

— איהר זייט משוגע. עפענט דיא אויגען און זעהט, אז דאס פייער לעשט זיך אויס.

— איך קען ניט עפענען דיא אויגען, איך וועל בלינד ווערען פון דיא פלאַמען. איבעראַל פלאַקערט! איך בין שוין בלינד. דיא פלאַמען ליעגען אויף מיינע ברעמען! לעשט אויס דעם פייער, עס פערברענט מיך אין גאַנצען. גזלן האט רחמנות לעשט אויס דעם פייער!

— עס איז ביי מיר קיין ספק, אז דער אנפאַל, וועלכער האט פריהער אַטאַ־קירט זיינע אויערן האט יעצט אטאקירט זיינע אויגען. אלע זיינע נערוועז זיינען רוענירט. דאָס איז דיא קראַנקהייט וואָס קומט פון צופיעל תאוה. דאס איז דער רעזולטאַט פון אויסגעלאַסענהייט און זעלבסט פערניכטונג. דאס קומט פון אוננאַ־טירליכע זעטיגונג. ער איז יעצט פערלאָרען. איך זאָל איהם ווידער לאָזען בלוט, וועט ער שטאַרבען פון בלוט ארמוטה. איך זאָל איהם קיין בלוט ניט לאָזען, וועט דאס פייער אלץ ברענען אין זיינע נערוועז.

— גזלן, תליון, לעש אויס דעם פייער! דאס פייער געהט אריין אין מיין קאָפּ. איך זעה דאס בלוט אין מיינע אדערען. עס איז גוט וואס איך האב געשלאָסען מיינע ברעמען. דער וואולקאַן וואַלט אין גאַנצען אריין אין מיין קאָפּ. אָה, וועלכע ליידען! איינער שטעכט מיינע אויגען מיט הייסע נאָדלען. הילפע! הילפע!

פעררּאַנד האט זיך גענומען שליידערן און וואַרפען. פּאָלידאָרי האט זיך ער־שראָקען און האט אויסגעלאָשען דעם פייער.

ווען פּאָלידאָרי האט אויסגעלאָשען דעם פייער האט ער געהערט דעם גערויש עקיפּאַזש. דיא פינסטערנים האט אביסעל לייכטער געמאכט פעררּאַנד׳ס האט צוריק געכאַפּט דעם אטהעם און האט געפרעגט:

— ווארום האט איהר ניט באלד אויסגעלאָשען דיא פלאַמען? האט איהר מיך נאך מעהר געוואָלט פּלאָגען? אָה, וויא שרעקליך איך האָב געליטען.

— און יעצט.

— יעצט איז עטוואָס לייכטער, איך וויל לעבען. איהר זעהט דאך, אז איך וויל לעבען, ווייל ווען איך לעב קען איך טראַכטען פון דער שעהנער סיציליע.

— אָבער דיעזע סיציליע איז דאך דיא קוועלע פון אַלע אייערע ליידען?

— וואָס? — האט פערראַנד אויסגעשריען — וואס איהר ווילט פון מיר צונעה־מען מיין סיציליען? אָה, איהר פערשטעהט ניט. מיין געדאַנק איז מעכטיגער פון אייך. אָט געה איך גלייך אין סיציליעס צימער. פריהער האב איך עס ניט געקענט. אָה, ווען איך בעריהר נור דעם בענקעל אויף וועלכען זיא איז געזעסען מאכט דאס ווארם מיין בלוט. ווען איך קוק זיך נור איין אין שפּיגעל וועלכען זיא האט בענוצט, זעה איך זיא אַליין. עס וועט ניט זיין א חלום, א פאַנטאַזיע, נור טאַקע זיא אליין —

ביי דיעזע ווערטער האט ער זיך גענומען אויפהייבען פון בעט.

— וואוהין? — האט פּאָלידאָרי געפרעגט.

— אין סיציליעס צימער? זיא ווארט דאָרט אויף מיר.

— איהר וועט ניט געהן! איך האלט אייך מיט ביידע הענד! — האט פּאָלי־דאָרי געשריען.

פערראַנד וואר צושוואך צו ראַנגלען זיך, ע האט נור גענומען וויינען:

— לאָזט מיך געהן צו מיין סיציליע.

— ניין, דאָרט ברענט א לאָמפּ, איהר ווייסט דאך, וואָס פאר א שמערצען איהר האט פון פייער.

— אָבער סיציליע זיצט דאָרט און ווארט אויף מיר. איך לאך פון פלאַמען ווען איך קען זיא אומאַרמען. לאָזט מיך.

— ניין, איך וועל אייך בינדען צום בעט, איהר קענט אהין ניט געהן.

— הערט נור דאָקטאָר, — האט פערראַנד רוהיג געזאָגט — איך בין ניט משוגע. איך ווייס, אז סיציליע איז דאָרט ניטאָ. דיא פאָרשטעלונג איז פאר מיר אזוי גוט וויא דיא וואהרהייט. אין יענעם צימער קען איך זיך פאָרשטעלען, אז זיא זיצט דאָרט. דיא פאַנטאַזיע אליין איז פאר מיר גענוג.

— שווייגט! — האט פּאָלידאָרי אויסגעשריען — איך האב געהערט וויא א קאַרעטע איז צוגעפאָהרען צום הויז. יעצט הער איך א שטימע הינטערען טהיר. איך קען דיעזע שטימע.

— דאָס איז אַ ליגען. איהר ווילט מיך נאררען אום איך זאָל ניט געהן צו מיין סיציליע. ניין, איך בין ניט אזא נאַר.

— אָבער לומפּ, הער זיך צו. אַה, איהר קענט ניט הערען.

— לאָזט מיך געהן! — האט פעררואנד געשריען — סיציליע איז דארט, זיא ווארט אויף מיר. זיא רופט מיך. מאכט מיך ניט צופיעל בייז. איך זאָג אייך לאָזט מיך געהן! זייט פאָרזיכטיג פאר אייער לעבען.

— ניין, איהר וועט ניט געהן. עס איז מיין אינטערעסע איהר זאלט ניט געהן.

— וואס דוא לאָזט מיך ניט געהן צו מיין סיציליען דאז ווען זיא רופט מיך! עס איז מיין אינטערעסע דוא זאָלסט שטארבען! היער האָסט דוא לומפּ!

פּאָלידאָרי האט זיך א חאפּ געטהאן ביי'ן ארם און האט גענומען שרייען:

— לומפּ, דוא האסט מיך א קראַץ געטהאן מיט א מעסער אין ארם. דיא וואונד איז קליין, איך וועל זיך אבער רעבענען מיט דיר.

— ניין, דוא שטארבסט וויא א משוגענער הונד. איך האב דיך געשטאָכען מיט סיציליעס פערגיפטעטען שפּיעז. איך האב עס אימער געהאט ביי זיך, זייט זיא איז אנטלאָפען. ווארט נור א ווייל, דוא וועסט שוין פיהלען. אה, דוא וואנקסט! דוא שטארבסט! דוא האָסט מיך בעדארפט לאָזען געהן צו מיין סיציליען — האט פעררואנד גערעדט וועהרענד ער האט געטאפּט דיא ווענד אין דער פינסטערניס אום צו געפינען דיא טהיר.

— אַה, — האט פּאָלידאָרי געמורמעלט — מיין ארם ווערט געשוואָלען. א טוידטע קעלט בעפאלט מיך. מיינע פיס ברעכען זיך אונטער מיר. מיין בלוט פער־קיהלט אין דיא אָדערן. מיין קאָפּ שווינדעלט. הילפע! הילפע! איך שטארב!

און ער איז געפאלען צום באדען. באלד האט זיך אויפגעריסען דיא גלעזערנע טהיר. אלע שויבען האבען זיך צושאָטען. רודאָלף׳ס שטימע און רודאָלף׳ס פעסטע טריט האבען זיך געהערט איבערן הויז גלייך וויא דאס וואלט געקומען אלס אנט־וואָרט אויף פּאָלידאָרי׳ס קולות. פעררואנד האט אין דער פינסטער געפונען דיא טהיר און דעם שלאָס און איז האסטיג ארייענגעלאָפען אין צווייטען צימער, מיט דעם שפּיעז אין האנד. באלד וויא ער האט איבערגעטראָטען דעם שוועל איז רודאָלף איהם געקומען ענטקעגען און וויא א ווילדער לייב האט דער פּרינץ געשריען:

— מערדער, דוא האסט ערמאָרדעט מיין טאָכטער! איך בין געקומען נעהמען ראַכע....

רודאָלף האט ניט געענדיגט. דיא ווערטער זיינען געבליעבען שטעהן אין זיין האלז. פעררואנד האט ארויסגעוואָרפען זיין שפּיעז און האט א חאפּ געטהאָן דיא

אויגען מיטביידע הענד. דאס ליכט פון דיזען צימער האט צוריק אויפגעוועקט דיא נערוועז־ענטצינדונג, וועלכע ער האט צוריק מיט א ווילע געליטען. זיינע שמערצען ווארען נאך פיעל גרעסער וויא פריהער, וויל ער איז ארויס פון א פינסטערען צימער אין א העל בעלויכטענעם. דיא קאנוואולסע איז איהם וויעדער בעפאלען און זיינע ליידען ווארען ניט צו בעשרייבען. ער האט געשריען מיט אן אונגעוועהנליכען קול און האט זיך געווארפען, געצאפעלט, געדרעהט, געקרימט און געברומט, וויא א מיליאן שדים וואלטען אין איהם אריין. איהם האט געשיינט, אז ער שווימט אין א ים פייער, איהם האט געשיינט, אז ער שלינגט הייסע קוילען און טאנצט אויף פייערדיגע שפיזען. ער האט פאר שמערצען געריסען שטיקער פלייש פון זיין לייב און האט מיט דיא ציינער געביסען דיא ערד. ער האט געוואלט אויסגראבען א גרוב און בעהאלטען זיך פון דיא פלאמען. ער האט פון זיך אליין געביסען גאנצע גלידער.

רודאלף איז געבליעבען שטעהן געלעהמט. זיין גאנצער כעס און זיין פעסטער בעשלוס צו נוקם זיין זיך אן דיזען באנדיט פאר זיין טאכטער איז מיט איין מאל אפגעלאשען געווארען. ער איז געבליעבען שטעהן מאכט־לאז און האט צוגעקוקט דיא ווירקונג פון נאטורס ראכע. דער דיענער וועלכער איז רודאלף'ן נאכגעלאפען דיא טרעפ איז אויך געבליעבען שטעהן פערשטיינערט.

פערראנד האט זיך געשליידערט און געווארפען ביז ער איז געלעגען אין מיטען צימער. אין דעם רעכטען פייער פון זיינע ליידען, ביי דער לעצטער שעה פון זיין נסיסה האט ער סיציליען אלץ ניט פערגעסען, ער האט אלץ געשריען:

— וואו איז זיא? וואו איז זיא? איך יאג זיא און זיא אנטלויפט? אה, דארט שטעהט זיא! דארט! זיאווארט. סיציליע איך קום!

מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג איז איהם קוים געלונגען צו שטעלען זיך אויף דיא קניע. באלד איז ער אבער צוריקגעפאלען אויפ'ן פלייצע. זיינע אויגען זיינען ארויס פון קאפ, זיין מויל האט זיך פערקרימט, זיינע האאר האבען זיך צושטעלט, זיינע הענד האבען זיך צושפרייט, זיין גאנצער קערפער האט זיך אויסגעדרעהט וויא א שלאנג. ער האט געפלוידערט איינציגע ווערטער, וועלכע קיינער האט ניט געקענט פערשטעהן. א שוויס, א קאלטער שוויס מיט גרויסע טראפענס איז ארויס פון זיין געזיכט. דאס וואר דעם טוידטס לעצטער שליח. שוים געמישט מיט בלוט האט געגומען רינען פון זיין מויל און ארויסלאזענדיג פון זיך דעם לעצטען אטהעם פון לעבען האט ער נאך גערעדט:

— נאכט — פינסטער — מתים — שדים — הייליגער פערראנד — פרומער מאן — מערדער — געטוידט — סיציליע — פייער — סיציליע — בלוט — מארד — סיציליע!

דאס ווארען דיא לעצטע ווערטער דאס וואר דיא לעצטע מינוט פון פער־ראנד'ס לעבען.

68טעס קאפיטעל.

אין האָספּיטאל.

דער לעזער געדענקט, דאס נאכטיגאל איז צוגענומען־געוואָרען צו דאָקטאָר גריפין אין הויז.

דאָקטאָר גריפין איז געווען דער עלטסטער דאָקטאָר אין פּאריזער שטאדט־האָספּיטאל. ער וואר א גרויסער דאָקטאר מיט פיעל ערפאהרונג. אָבער וויא האט ער אזא גרויסע ערפאהרונג ערוואָרבען? דעם סוד וויסען נור דיא גרויסע פריינדע פון דער מעדיציניש׳ער וויסענשאפט.

ער וואר איינער פון יענעם סארט דאָקטוירים, וואָס זיינען מקריב הומאניטעט אויפ׳ן מזבח פון וויסענשאפט. אום צו ערפאהרען דיא געהיימניסע פון א קראנק־הייט, אום צו ערפאהרען דיא ווירקונג פון פערשיעדענע רעצעפטען, איז ביי איהם רעכט געווען צו שניידען אדער צו מאטערן און זאָגאר צו לאָזען שטארבען דיא פּא־ציענטען וואָס זיינען אריינגעפאלען אין זיינע הענד. ער איז געווען פון יענע דאָק־טוירים, וואָס ווילען גליקליך מאכען דיא מענשהייט מיט זייער וויסענשאפט און וואס בערעכענען ניט זעהר פיעל דעם ווערטה פון פרט צוליעב דעם כלל.

דאָקטאר גריפין האט דארום זעהר שטארק געליעבט דיא ארבייט אין האָס־פּיטאל. דארט וואו דיא ארמע קראנקע ליעגען אָהן פריינדע, אָהן בעקאנטע, בעלאנ־גען זיי אין גאנצען פיר דער וויסענשאפט. דער פּראָפעסאָר קען אויף זיי מאכען יע־דען עקספּערימענט און דיא יונגע סטודענטען וואָס ווילען זיך פון איהם לערנען זיינען פריי צו טהאן מיט׳ן קראנקען וואס זיי ווילען.

אין דיעזען האָספּיטאָל וואו דאקטאר גריפין פּראקטיצירט פיהרען מיר יעצט אונזערע לעזער. אין דיא גאנצע לענג פון דיא דונקעלע ווענט אין פּאריזער „שטאָדט האָספּיטאל" זיינען געשטאנען צוויי געדיכטע רייהען מיט אייזערנע בעטלאך, וועלכע ווארען אנגעפילט מיט קראנקע. דיא פינסטערנעס פון דער נאכט איז בעלויכטען געוואָרען פון קליינע לעמפּעלעך וואס זיינען געהאנגען אין דער הויך. דיא קליינע פענסטער זיינען געווען פערשלאָגען מיט אייזערנע גראטעס, גלייך וויא אין א גע־פענגניס; דיא אטהמאספערע איז פאל מיט אלע קראנקהייטען, וועלכע בעפאלען דיא נייע חלאים, אלס א פּרעמיום צו אלעם וואס זיי שטעהן אויס. צייטענווייס אין דיא שטילקייט פון דער נאכט אונטערבראָכען געוואָרען, אמאל דורך דעם קרעכץ פון א קראנקען, אמאל פון דאס חראָפּען פון דעם איינגעשלאָפענעם.

פלוצלינג האט מען דערהערט א שרעקלוכען קרעכץ און דעם גערויש פון שנעלע טריט. דיא טהיר איז גענעפענט געוואָרען און א נאָנע איז אריין אין האָס־פיטאל. איהר ווייסער דעקטוך און שווארצע קלייד האבען זיך געזעהן פאר דיא לאַנטערנע וואס זיא האט געטראָגען. זיא איז דורכגעגאנגען דיא גאנצע לענג פון האָספיטאל. אייניגע חולאים האבען זיך אויפגעחאפט און האבען זיך געזעצט אויפ'ן בעט מיט אויסגעשטעלטע אויגען. באלד האבען זיך דיא טהירען געעפענט, א פּריס־טער איז אריינגעקומען מיט א צלם אין האנד, הינטער איהם זיינען געגאנגען צוויי נאָנעס. אלע זיינען צוגעגאנגען צו דער לעצטער בעטעל, האבען גערעדט און געזונגען אין גאנץ ניעדריגע טענער. אין א פיערטעל שטונדע שפּעטער האט דער פּריסטער גענומען א ליילעך און האט איבערגעדעקט דיא בעטעל און איז אוועק.

א קראַנקער איז געשטאָרבען. דער פּריסטער און דיא נאָנען האבען בעגלייט זיין נשמה. צווישען דיא פרויען וואָס האבען ניט געשלאָפען און האבען צוגעזעהן דיעזע טרויעריגע סצענע האבען זיך געפונען צוויי פרויען, וועלכע מיר האבען שוין בעגעגענד אין פערלויף פון אונזער ערצעהלונג. איינע איז געוועזען קלארא פאָן פער־מאָנט, דיא טאָכטער פון דער אלמנה, וועלכע איז רואינירט געוואָרען פון פערראנד'ס מערדערייען און דיא צווייטע איז געוועזען לא לאָריין, דיא ארימע פרוי וועמען נאכטי־נאל האט אמאל אפּגענעבען איהר גאנצען פערמעגען, אום צו רעטען זיא פון איהר קינדבעט.

דיא קראנקע האבען שוין מורא געהאט צו שלאָפען צוזאמען מיט'ן טוידטען אין איין צימער. זיי זיינען אלע געלעגען אדער געזעסען מיט אָפענע אויגען און האבען ערווארטעט דעם טאָג.

טאָג איז געקומען. דאס פייער האט זיך פערלאשען און ליכטיגקייט איז אריין דורך דיא אייזערנע גראטעס. דיא דיענער פון האָספּיטאל האבען אויפגעוועקט דיא קראנקע, דען דער דאָקטאָר דאַרף באלד קומען.

אין א ווײלע ארום איז דאקטאר גריפין אנגעקומען. ער האט מיט זיך געפיהרט זיין פריינד גראף פאָן סאנט רעמי, וועלכען ער האט געוואָלט ווייזען דעם האָספּי־טאל. סאנט רעמי איז אין דער קורצע צייט וואס מיר האבען איהם געזעהן אין גאנצען פערענדערט געוואָרען. דיא שאנדע וואָס ער האט געליטען פון דעם זאהן, וועלכען ער האט ניט גערעכענט פאר זיינעם און דיא שווערע און אומזיסטע ארבייט וואס ער האט אנגעווענדעט זוכענדיג דער באראָנין פאָן פערמאָנט האבען איהם געמאכט בלאס, צובראָכען און ניעדערשלאָגען.

אריינקומענדיג אין האספיטאַל האט דאקטאָר גריפין זיך געווענדעט צו זיין פריינד און האט געפרעגט:

— נו, וואָס דענקט איהר פון מיין האָספיטאַל?

— דעם אמת זאָגענדיג, — האט דער גראף געזאגט — ווייס איך ניט וואָרום איך בין אהער געקומען. קיין טרויעריגער, קיין מעלאנכאָלישער פלאץ קען ניט זיין אין דער גאנצער וועלט וויא דיעזע רייהע בעטלאך מיט דיא חולאים. זייט איך בין אַהער אריין האט מיין הערץ ניט אויפגעהערט וועהצוטהאן.

— באה! פופצעהן מינוטען פערברענגט אין דיעזען אנשטאלט און איהר וועט זיך פעראינטערעסירען אין דיא פערשיעדענע קראנקע און פערשיעדענע מעדיצינען. עס וואָלט געווען א שאנדע פאר אייך, איינער פון מיינע עלטעסטע און בעסטע פריינד, איהר זאלט ניט בעזוכען דיא פעלד, וואו איך ארבייט, וואו איך שטודיר, וואו איך זאמעל פערגניגען און כבוד. מיין גאנצער שטאָלץ איז אין דיעזען האָספי־טאַל. איך ווינש איהר זאלט זעהן וויא איך ארבייט. בין איך א שלעכטער ארצט?

— ניין, ניין! נאך דיא גרויסע קענטניסע וואס איהר האט געצייגט מיט נאכטיגאל, וועלבע איהר האט גערעטעט פון טוידט מוז איך אנערקענען אייער גרויסע ערפאהרונג אין מעדיצין.

— אָה, נאכטיגאל האט מיר געגעבען א נייע ערפאהרונג אין דער מעדיצין. איך האב זיא קורירט נאך א נייע מעטהאָדע און זיא איז געהיילט.

— יאָ, דאס שעהנע קינד האט דיעזע נאכט גוט געשלאָפען. זאָגט מיר דאקר טאָר, קענען מיר איהר ערלויבען צו שרייבען?

— יאָ, יעצט קען זיא שרייבען. פריהער האב איך געפירכטעט, אז דיא קלענ־סטע אנשטרענגונג קען איהר שאדען. יעצט איז זיא ווייט פון געפאהר. איך האב אייך פערגעסען צו פרעגען, האט איהר נעכטען עפעס ערפאהרען פון דער באראָנין?

— פאָרלויפיג ניט! — האט דער גראף געענטפערט מיט א זיפץ — מיין איינ־ציגע האָפענונג איז יעצט נור אויף מארקיזין קלעמענס פאָן הארוויל, וועלבע איז אויך פעראינטערעסירט אין דער באראָנין. צוריק מיט דריי טעג האב איך בעזוכט איהר וואוינונג, זיא וואר אָבער ניט אין פאריז. איך האב צו איהר געשריעבען און האב זיא ערזוכט זיא זאל מיר ענטפערן שנעל וויא מעגליך.

ווערהענד דאקטאר גריפין און דער באראָן האבען געשפראָכען, האבען זיך פערזאמעלט ארום זיי אלע סטודענטען וואס קומען פראקטיצירען אין האָספיטאַל. זיי האבען ערווארטעט ווען דאקטאָר גריפין וועט מאכען זיין טור ארום דיא קראנקע.

— איהר וועט דאך מיט מיר אויך געהן, איהר קענט זעהן פערשיעדענע קראַנקהייטען, וועלכע זיינען א קוריאָזיטעט.

— ניין! — האט דער גראף געענטפערט! — איך בין קיין דאָקטאָר. איך קען ניט צוזעהן אזוי פיעל שרעקליכע זאכען אין דיא קערפּער פון מיינע מיטמענשען. איך וועל בעסער שטעהן דאָ ביי׳ן טיש.

— אָבער געהט ניט אוועק פון האָספּיטאָל. איך וועל אייך צורופען צו איין אינטערעסאַנטע אָפּעראַציאָן.

— איך וועל אייך ערוואַרטען ביי דיעזען טיש.

— קומט, סטודענטען! — האט דאָקטאָר גריפּין קאָמאַנדירט און זיי זיינען אוועק בעטראַכטען דיא קראַנקע.

קומענדיג צום בעט, וועלכע דער פּריסטער האט צוריק מיט עטליכע שטונדען בעדעקט, האט דיא נאָנע געזאָגט:

— דאָקטאָר, נומער איינס איז געשטאָרבען נאך האַלבע נאכט.

— זאָ שפּעט? — האט דאקטאר גריפּין געפרעגט — דאס איבערראַשט מיך. נעכטען וואָלט איך דיעזער פרוי ניט געגעבען דריי שעה צו לעבען. האט מען שוין געפאָדערט דעם קערפּער?

— ניין, דאקטאר!

— דאס איז גוט! מיר וועלען זיא פּאַלמעסען. איין סטודענט וועט שוין האָבען פערגניגען. דער סטודענט וואָס שטעהט דער ערשטער אויף דער ליסטע קען דיעזען קערפּער האבען.

א סטודענט האט זיך זעהר העפליך פערנייגט. דער דאקטאר מיט אַלע סטודענטען זיינען אוועק ווייטער, נור דער איינער איז פערבליעבען. ער האט מיט זיין פעדער־מעסער אויסגעשניטען דיא ערשטע בוכשטאַבען פון זיין נאָמען אויף דער טוידטערס אָרם.

דער דאָקטאָר האט בעזוכט און געלעקטשורט איבער אַלע קראַנקע ביז ער איז געקומען צום בעט, וואו קלאַרא פאָן פערמאָנט איז געלעגען. דאס מעדכען האט געשלאָפען ווען דער דאָקטאָר איז צו איהר געקומען. א סטודענט האט זיא אויפגעוועקט. דאס יונגע מיידעל האט זיך אויפגעחאַפּט און האט אנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען. איהר שרעק און איבערראַשונג איז אונבעשרייבליך. עס וואר איהר ערשטער טאָג אין האָספּיטאָל, זיא האט גאר ניט געוואוסט ווער דיעזע מענער זיינען און וואס זיי ווילען. זיא האט געציטערט פאר זיי גלייך וויא זיי וואָלטען געווען וואַלד־גזלנים.

דער דאקטאר האט אויפגעדעקט איהר דעקע אום צו פיהלען איהר פולס. קלארע האט צוזאמענגעקליבען אלע איהרע קרעפטען און האט אויסגעשריען:

— מוטער! הילפע!

דורך א צופאל וועלכער איז כמעט וויא א נס, האט זיך געעפענט דיא טהיר פון האספיטאל גראדע דאן ווען קלארע האט אזוי פערצווייפעלט אויסגעשריען און דער דירעקטאר פון האספיטאל איז אריין מיט א יונגע דאמע, דיא דאמע וואר מארקיזין פאן הארוויל.

גראף פאן סאנט רעמי האט ערקענט דעם קול. קלארא האט זיך אויפגעהא־דעוועט אויף זיינע הענד. ער איז באלד צוגעלאפען צו איהר בעטעל און האט א קוק געטהאן אויף איהר געזיכט. ער האט זיא ערקענט, דאס איז קלארא.

— דאס איז דאך דאס עדעלע קינד קלארא פאן פערמאנט, וועלכע איך זוך שוין אזוי לאנג! — האט ער צום דאקטאר געזאגט — וואס האט איהר געטהאן וואס זיא איז אזוי ערשראקען?

— מיר האבען זיא געוואלט אונטערזוכען, — האט דאקטאר גריפין רוהיג געענטפערט.

— אין געגענווארט פון אזוי פיעל מענשען? — האט דער גראף געפרעגט און זיין פריינד דער דאקטאר איז פאר איהם פארגעקומען וויא א בעסטיע וואס האט קיין מיטלייד און קיין געפיהל.

— אהא, דאס איז א קליניק הי. מיר מוזען דאך לערנען. דיא יונגע לייט ווילען שטודירען. עס איז נויטווענדיג פאר דער געזעלשאפט דאס סטודענטען זאלען ביייוואוינען דיא אונטערזוכונגען — האט דאקטאר גריפין ערקלעהרט.

— איך פערלאנג איהר זאלט דיעזער פריילייו ניט בעריהרען. איך וועל א באלד צונעהמען פון האספיטאל. זיא בעלאנגט נאך ניט צו אייך, וויא יענער בר מנן.

וועהרענד גראף פאן סאנט רעמי האט אזוי געשפראכען, האט דער דירעקטאר אונטערגעפיהרט דער מארקיזין און האט זיא פארגעשטעלט פאר'ן דאקטאר.

— מארקיזין פאן הארוויל? — האט דער גראף אויסגעשריען און האט אפגע־שטופט דעם דאקטאר און האט זיך געשטעלט פאר דער מארקיזין — אהא, דער הימעל האט אייך אהער געשיקט. מאדאם איך ווייס, אז איהר אינטערעסירט זיך מיט דיעזע אונגליקליכע, וויא איך זעה האט איהר זיי שוין געפונען. מיר האט נור א צופאל אהער געבראכט; אבער גראדע דאן, ווען דיא ווייסענשאפטליכע בארבארען האבען זיא ערשראקען און זיא איז געפאלען אין אונמאכט. איהר זעהט וויא זיי שטעהן אלע רוהיג און קוקען זיך נור איין אין דיא סימפטאמען פון איהר חלשות?

איך בעט אייך דאקטאר, גיט אונז ערלויבנים און מיר וועלען דא זיצען ביז זיא וועט קומען צו זיך, דאן וועלען מיר זיא פון דאנען צונעהמען.

— איך וועל אייך געבען דיא ערלויבנים, מיט'ן בעדינג, דאס נור איך זאָל זיא קורירען. זיא האט א מערקווירדיגע קראנקהייט, וועלכע ווייזט זיך זעלטען און איך וועל זיא פראקטיצירען.

— איך וועל עס ערלויבען! — האט דער גראף געזאגט.

— דאן קענט איהר זיא נעהמען; אבער ניט פריהער וויא אין א האלבע שעה.

דאָקטאָר גריפין און דיא סטודענטען זיינען אוועק צו דיא איבעריגע קראנקע און סאנט רעמי איז געבליעבען זיצען מיט קלעמענס פאָן הארוויל ביי קלארעס בעט.

דיא נאָנען פון האָספיטאָל האבען אויפגעוועקט דער נעהלש'טער קלארא און האבען איהר אריינגעגעבען אייניגע טראָפּענס, וועלכע האבען זיא בערוהיגט. דיא טראָפענס האבען גוט געווירקט און קלארא האט איינגעשלאָפען. מארקיזין פאָן הארוויל האט צוגעהאלטען קלארעס קאָפּ און גראף פאָן סאנט רעמי האט מיט זיין טאשענטוך ארומגעווישט דעם שוויים פון איהר געזיכט. דער גראף איז געווען פער־טיעפט אין דיעזער בילד, אבער פלוצלינג איז איהם אריינגעפאלען א געדאנק און ער האט זיך געווענדעט צו דער מארקיזין מיט פאָלגענדער פראגע:

— ווייסט איהר וואו איז דיא מוטער פון דיעזער אונגליקליכער, מארקיזין?

— זיא האט שוין קיין מוטער! — האט דיא מארקיזין טרויעריג געענטפערט.

— טוידט!

— ערשט געסטערן ווען איך בין געקומען פון מיין רייזע האב איך אויסגעפונען דיא אדרעסע פון מאדאם פערמאָנט און אויך איהר טרויעריגע לאגע. אום איינס אוהר מאָרגענס בין איך שוין געווען מיט מיין דאָקטאר אין איהר וואוינונג. אָה, וואס פאר א טרויעריגעס בילד! ארמוטה מיט איהר גאנצער שרעקליכקייט! אוי! קיין האָפענונג צו רעטען דער שטערבענדער מוטער.

— אָה, וויא שרעקליך האט געמוזט זיין איהר לעצטע שטונדע, אויב זיא האט ניט פערגעסען איהר טאָכטער!

— איהרע לעצטע ווערטער ווארען: „מיין קינד!"

— אָה, וואָס פאר א שרעקליכע שמערצען זיא האט געליטען. זיא וואר דיא צערטליכסטע און בעסטע מוטער, וועלכע איך האב געקענט. ענטשולדיגט מיר מארקיזין אין דיעזען טרויער, אין דיעזער אויפרעגונג האב איך פערגעסען צו זאגען אייך, ווער איך בין. מיין נאָמען איז גראף פאָן סאנט רעמי. דער מאן פון דער פערשטאָרבענער וואר מיין בעסטער פריינד. איך בין געקומען נאך פאריז נור אום

צו זוכען דיעזע אונגליקליכע, ווייל איך האב געהערט, אז זיי זיינען רוענירט. איך ווייס זאָגאר ניט געניי ווי זאָ זיי זיינען אין אזא ארמוטה געפאלען.

— א שרעקליכער היפאָקריט, א באנדיט, א רויבער און א מערדער האט זיי צו דער שטופע געבראכט.

— פיעללייכט איז דאס דער נאטאריוס פעררענד? איך האב קיינע פאקטען, נור דאס הערץ זאגט מיר דאס ער איז דיא אורזאכע.

— יאָ, ער איז דאס. ער וואר א חיה, דיעזער פערברעכען איז ניט דער איינ־ציגער אויף זיין געוויסען. גליקליכער־ווייזע איז ער געצוואונגען געוואָרען צו טהאן תשובה, און וועהרענד איך האב צוגעשלאָסען דיא אויגען פון דער שטערבענדער מוטער, האב איך געהאט דיא מעגליכקייט צו פערזיכערען איהר דאס איהר טאָכטער איז פערזאָרגט און האט צוריק איהר געלד. איהר טוידט איז דאדורך פיעל פער־לייכטערט געוואָרען.

— איהר געלד צוריק? וויא אזוי איז דאס?

— מען האט דעם נאָטאריוס געצוואונגען אומצוקעהרען דאס געלד, וועלכע ער האט גערויבט דורך א שרעקליכען פערברעכען.

— וואָס וואר דיעזער פערברעכען?

— דער נאָטאריוס האט ערמאָרדעט דעם ברודער פון מאדאם פערמאָנט און ער האט דער וועלט איינגערעדט, אז דער אונגליקליכער איז בעגאנגען זעלבסט־מאָרד, ווייל ער האט פערלאָרען זיין שוועסטערס געלד אין ספעקולאציאָנען.

— שוידערהאפט! אזא פערברעכען טרעפט זעלטען. ווער האט יעצט דאס געלד?

— דאס געלד ליעגט יעצט ביי א גייסטליכען, וועלכער וועט עס אומקעהרען צו פריילין פערמאָנט.

— אָבער תשובה איז ניט גענוג אפצו־וואשען אזא פערברעכען. פעררענד מוז שטאַרבען אויפ'ן עשאפאָט. ער האט ניט ערמאָרדעט איין פערזאָן נור צוויי, דען דיא מוטער פון דיעזער אונגליקליכער קלארע איז אויך געשטאָרבען דורך איהם.

— אָה, דיעזער באנדיט האט נאך פיעלע פערזאָנען ערמאָרדעט. צוריק מיט איינינע טעג האט ער געלאָזט ערטרינקען א שעהנעס מעדכען, וועלכע איז געשטאַנען אין וועג פון זיינע פלענער.

סאנט רעמי האט געשוידערט. ער האט אָנגעקוקט דער מארקיזין און האט געטראכט פון נאבטינאל, וועלכע איז יעצט אין דאָקטאָר גריפינ'ס הויז. אין א ווײלע ארום האט ער אויסגעשריען:

— אָה, וואָס פאַר אַ מערקווירדיגער צופאַל!
— וואס מיינען זיי דערמיט, גראף?
— וואו האט מען דאס מעדכען ערטרונקען?
— אין דער סיינע, ניט וויט פון אסניערעס.
— דאס איז זיא! דאס איז דיעזעלבע! — האט דער גראף געשריען.
— ועמען מיינט איהר, גראף?
— דאס מעדכען, וועלכע דער נאָטאריוס האט געוואָלט ערטרינקען.
— נאַכטיגאל?
— וואָס, מארקיזין איהר קענט זיא?
— ארמעס קינד, איך ליעב זיא וויא מיין קינד. אָה, ווען איהר וואלט געוואוסט דיא שעהן זיא איז געווען! אבער גראף איהר קענט זיא?
— יא, איך און דאקטאר גריפין האבען איהר געגעבען דיא ערשטע הילפע.
— דיא ערשטע הילפע? וואו? ווען?
— אויפ'ן אינזעל, ווען מען האט זיא גערעטעט.
— גערעטעט! נאַכטיגאל איז גערעטעט?
— יא. אַ גוטע זעעלע, וועלכע האט ריזיקירט מיט'ן אייגענעם לעבען האט זיא גערעטעט.

— אָה, מיין הערר, איך וואג ניט צו גלויבען אין אזא גליק. איך בעט אייך ערצעהלט מיר, בעשרייבט מיר וויא זעהט זיא אויס.

— זיא איז שעהן וויא אַ פרינצעסין, אונשולד און גוטסקייט רוהט אויף איהר געזיכט, איהרע אויגען זיינען בלאָע וויא דער הימעל און איהרע האאר זיינען גאָלדענע לאָקען. געסטערן האט זיא מיר ערצעהלט, אז זיא איז צוזאמען מיט אן אלטע פרוי ערטרונקען געוואָרען אין טייך.

— אָה, גאט זיי דאנק! — האט קלעמענס אויסגעשריען — איך קען איהם אנזאָגען דיא בשורה, אז זיין ליעבלינג לעבט! אָה, וויא וועט ער זיך פרעהען!.... ענטשולדיגט מיר הערר גראף, ווען איהר וואָלט נור געוואוסט, וויא גליקליך איהר האט מיך געמאכט, וויא גליקליך איהר האט געמאכט נאך אַ פערזאָן, וועלכער האט געליעבט און בעשיצט דיעזע נאכטיגאל! איך בעט אייך זאגט מיר, וואו געפינט זיא זיך.

— זיא געפינט זיך אין דאָקטאָר גריפינס הויז.
— איז זיא ניט געפעהרליך?

— ערשט הייטע איז זיא ארויס פון געפאהר. דער דאקטאר האט איהר שוין ערלויבט צו שרייבען א בריעף.

— אָה, איך וועל האבען דאס גליק און דעם פערגניגען צו ברענגען דיעזער נאכטיגאל צו דעם מאן, וועלכער טרויערט נאך איהר אזוי פיעל! — האט קלעמענס געזאָגט און האט זיך געפיהלט איבער גליקליך דאס זיא וועט ברענגען דיא פריידע צו רודאָלף'ן, וועלכען זיא האט אין הערצען געליעבט און פערגעטערט.

אין א האלבע שטונדע איז קלארע געקומען צו זיך. זיא האט דערקענט איהר פאָטערס פריינד, דעם גראף פאַן סאנט רעמי און האט זיך זעהר שטארק געפרעהט. זיא האט נאך ניט געוואוסט, אז איהר מוטער איז טוידט.

דיא דיענער פון האָספיטאל האבען דער קראנקער אריינגעזעצט אין א קארע־טע און קלארע, סאנט רעמי און קלעמענס פאן הארוויל, זיינען געפאָהרען צו דאָק־טאר גריפינס הויז.

69טעם קאפיטעל.

ה אָ פ ע נ ו נ ג.

דיא שעהנע פריהלינגס טעג זיינען געקומען. דיא זאָנע האט אנגעפאנגען צו הערגשען מיט איהר גנעדיגעז סצעפטער. דער הימעל איז געוואָרען ריין, דיא לופט ווייך און מילד. נאכטיגאל האט זיך אָנגעלעהנט אויפ'ן ארם פון פריילייז וואָלף מארטיאל און האָט פרובירט אויב זיא קען דורכשפאציערען דאקטאָר גריפינ'ס גארטען. דיא שטראהלען פון דער זאָנע און דיא אנשטרענגונג צו שפאציערען נאך אזא שווערע קראנקהייט האט אָפגעפאָרבען נאכטיגאל'ס באקען. דיא דאָרפס־קליידער וועלכע זיא האט פריהער געטראָגען זיינען צוריסען געוואָרען, ווערענד זיא האט זיך געטרונקען און זיך געוואָלט רעטען. יעצט האט זיא געטראָגען א לויזע בלוזע און א גרינע קלייד, וועלכע האט צוגעגעבען שעהנקייט צו איהר צערטליכעם געזיכט.

— אָה, וויא זים איז דיא זאָנע! — האט זיא געזאָגט צו וואָלף ווערענד זיא האט זיך געזעצט אויף א גרינעם באנק פון גראָז — ווילט איהר דא מיט מיר זיצען?

— דארפט איהר עס מיך נאך פרעגען? — האט מארטיאל'ס ווייב געפרעגט מיט פערדרוס — אבער זייט איהר ניט מיעדע? שוין א האלבע שטונדע וויא איהר שפאציערט ארום.

— ניין, איך האב עס ניט געפיהלט. אָה, עס איז אזוי אנגענעהם צו שפאצירען נאכדעם וויא איך בין געלעגען אזוי לאנג! עס איז דאך אזא גליק צו זעהן דיא זאָנע, דיא לאנדשאפט, דיא וועלט, נאכדעם וויא מען האט שוין פערלאָרען דיא האָפנונג עס ווידער צו זעהן.

— יא, יעצט ליעבע נאכטיגאל מעגען מיר אייך ערצעהלען, אז איהר זי־ געוועזען זעהר געפעהרליך, מיר האבען ניט געגלויבט דאס איהר קענט לעבען.

— שטעלט אייך פאר, דאס וועהרענד איך האב מיך געטרונקען אין וואסער, האב איך מיך עראינערט אויף יענער שלעכטער פרוי, וועלכע האט מיך אזוי טיראַ־ניש בעהאנדעלט אלס קינד. איך האב מיך עראינערט, אז זיא האט מיך אימער געשראָקען צו ערטרינקען אין טייך. דאן האב איך זיך געקלעהרט, אז מיר איז שוין בעשערט צו שטארבען אין וואסער.

— ארמע נאכטיגאל! וואר דאס אייער לעצטער געדאנק פארן טוידט!

— אָה, ניין, — האט נאכטיגאל גאנץ ווארים נעזאגט — ווען איך האב געפיהלט דעם טוידט נאָהענט, האב איך געווידמעט מיין גאנצען געדאנק צו דעם טהייערען מאן, וועלכען איך האב געהאלטען פאר מיין גאָט. וויא איך בין ווידער געקומען צו זיך איז מיין ערשטער געדאנק געווען ווידער וועגען איהם. דער צווייטער גע־דאנק וואס איז צו מיר געקומען איז געווען וועגען מיין צווייטען לעבענס רעטער, וועגען אייך טהייערע וואָלף. איהר געדענקט נאך געוויס דעם לופט־שלאָס אין סאנט לאזארוס? איך האף דאס גראַף פאָן סאנט רעמי וועט מיר ברענגען דיא ערלויבניס פון דאָקטאָר, דאס איך מעג שוין שרייבען צו דער טהייערער מאדאם געאָרג און פיעללייכט אויך צו מאָנסיו רודאָלף. אָה, זיי מוזען מיך האלטען פאר טוידט!

— אָן עקיפּאזשע קומט אָן, זעהט אָט זיינען זיי, א דאמע איז אויך מיט זיי, — האט וואָלף אנגעזאגט דער פערטראכטער נאכטיגאל.

— אָה, גאט! — האט נאכטיגאל אויסגעשריען נאכדעם וויא זיא האט זיך צוגעקוקט צו דעם עקיפּאזש — מיר שיינט, אז איך קען יענע דאמע.

— ווער איז זיא?

— א שעהנע דאמע, וועלכע איך האב געזעהן אין סאנט לאזארוס, זיא האט צו מיר זעהר זיעס געשפּראָכען.

— ווייס דיעזע דאמע, אז איהר זייט דא?

— איך ווייס ניט. זיא איז אבער בעקאנט מיט דעם מאן, וועגען וועלכען מיר האבען ערשט געשפּראָכען. זיא קען מיר העלפען דאס איהר זאָלט האבען דעם לופט־שלאָס, וואס איך האב אייך פערשפּראָכען.

נאכטיגאל האט זיך ניט ארומגעקוקט וויא דיא מארקיזין און סאנט רעמי, זיינען שוין געשטאנען נעבען איהר. וויא קלעמענס פאָן הארוויל האט דערזעהן דיא נאכטינאל האט זיא אויסגעשפּרייט ביי'ע הענד און איז צו איהר צוגעלאָפען מיט א געשריי:

— אָה, מיין טהייער קינד! איך זעה אייך ווידער! אָה, איהר זייט גערעטעט! גערעטעט דורך א וואונדער. אָה, וויא גליקליך בין איך אייך ווידער צו זעהן! איך און אייערע פריינד האבען אייך שוין געהאלטען פאר טוידט!

— איך בין אויך גליקליך אייך ווידער צו זעהן, מאדאם. איך האב ניט פערגעסען וויא פריינדליך איהר האט צו מיר געשפראָכען, — האט נאכטיגאל געענטפערט און האט געוויינט.

— אָה, איהר ווייסט ניט וואָס פאר אן איבעררַאשונג, וואס פאר אווילדע פריידע דאס וועט זיין פאר אייערע פריינד, וועלכע זיצען נאך יעצט און וויינער ביטער נאָך אייך!

נאכטיגאל האט גענומען וואָלף מארטיאל פאר'ן האנד און האט זיא פאָרגעשטעלט פאר דער מארקיזין.

— וויא באלד מיין לעבען איז אזוי טהייער פאר מיינע וואָהלטהעטער, ערלויבט מיר אייך פאָרצושטעלען דיעזע פערזאָן, וועלכע האט מיר דיעזען לעבען געגעבען דורך איהר איינענער אויפאָפפערונג און ערלויבט מיר אייך צו בעטען, איהר זאָלט אויך פאר איהר שפרעכען צו מיינע בעשיצער.

— זייט זיכער, מיינע קינדער, — האט מארקיזין קלעמענס געזאגט — דאס אייערע פריינדע וועלען בעוויזען, אז זיי וויסען וועמען צו דאנקען פאר דאס גליק ווידער צו זעהן זייער ליעבע נאכטיגאל.

וואָלף איז רויטה געוואָרען און האט אראָפּגעלאָזען איהרע אויגען. זיא האט זיך אביסעל פערנייגט און האט ניט געהאט דעם מוטה צו אנטוואָרטען דער גוטער דאמע.

— מיר קענען קיין פיעל צייט ניט פערליערען, — האט דיא מארקיזין ווידער געזאָגט — איך שטארב פון אונגעדולד, איך וויל אייך שוין נעהמען מיט זיך. איך האב געבראכט ווארעמע קליידער, א מאנטעל און א טוך פאר אייך. קומט, קומט מיין קינד.

דאן האט זיך דיא מארקיזין געווענדעט צו נאכטיגאלס רעטערין און האט זעהר פריינדליך געזאגט:

— דער גראף וועט אייך געבען מיין אדרעס, איך בעט אייך קומט מאָרגען צו מיר. איך, נאכטיגאל און נאכטיגאלס פריינדע וועלען ווינשען אייך צו זעהן. איהר מוזט קומען אונז זעהן.

— איך וועל זיכער קומען, מאדאם. דאס וועט מיר געבען א געלעגענהייט צו זעהן זיך נאך אמאל מיט דער נאכטיגאל.

אין איינינע מינוטען נאכדעם איז מארקיזין פאן הארוויל אפגעפאהרען מיט דער נאכטיגאל נאך פאריז.

— — — — — — — — — — — — — —

נאכדעם וויא רודאלף האט צוגעזעהן פעררענד'ס ביטערן סוף, האט ער זיך אומגעקעהרט נאך הויזע אין א זעהר פערצווייפעלטער לאגע. דיא גאנצע נאכט האט ער ניט געשלאפען. קוים איז דער טאג געקומען האט ער געשיקט נאך זיין פריינד סער וואלטער מארפי און האט איהם ערצעהלט דיא ענטדעקונג, אז נאכטיגאל איז זיין אייגענע טאכטער, נאך וועלכער ער האט אזוי פיעל געטרויערט. דער עהרליכער ענגלענדער איז איבעררראשט געווארען. קיינער אין דער וועלט האט ניט געקענט פיהלען רודאלף'ס הערץ, וויא ער האט עס געפיהלט. רודאלף אליין איז געוועזן בלאס, צובראכען און אנגעוויינט, דאס ער האט ניט געקענט זעהר פיעל רעדען. מארפי האט איהם אויך ניט געקענט טרויסטען, דען ער האט געוואוסט, אז צו רודאלף'ס וועהטאג גיבט קיין טרויסט. ביידע, דער אונגליקליכער פאטער און זיין געטרייער פריינד זיינען געזעסען און האבען געוויינט אין דער שטיל.

אום האלבען טאג, ווען ביידענס אויגען זיינען געוועזן רויטה וויא פייער און זייערע געזיכטער האבען זיך אין גאנצען געענדערט האט א דיענער געמאלדען, אז מארקיזין פאן הארוויל בעט ערלויבנים צו שפרעכען מיט זיין קעניגליכע מאיעסטעט איינינע וויכטיגע ווערטער.

רודאלף האט זיך געווענדעט צו זיין פריינד מארפי און האט איהם געבעטען, ער זאל ארויסגעהן זעהן דיא מארקיזין, ווייל פאר איהם אליין איז דאס יעצט צו־שווער. מארפי האט ערפילט דעם פערלאנג. ער איז ארויס, אבער אין איינינע מינוטען ארום איז ער געקומען און האט געמאלדען דאס דיא מארקיזין וויל דורכ־אויס ריידען מיט'ן קעניג; דען זיא האט עטוואס וויכטיגעס צו זאגען.

רודאלף האט אנגעקוקט זיין פריינד און האט איהם געפרעגט:

— וואס איז מיט אייך געשעהן מיין הערר? ווארום זייט איהר אזוי בלאס, אזוי ערשראקען? זאגט מיר וואס האט קלעמענס מיט אייך געשפראכען, זאגט מיר דיא ווארהייט, קיין גרעסערער אונגליק קען מיר שוין ניט פאסירען.

— איך שווער אייך, אז איך האב מיט איהר פון קיין אנדער זאך ניט גע־שפראכען אויסער דאס זיא וויל נור אייך אליין זעהן, — האט מארפי געענטפערט.

— דאן געהט און ברענגט זיא אהער!

מארפי איז אוועק ברענגען דער מארקיזין און רודאלף אליין האט אויך געטטען

ולען א שרעקליכען געפיהל. זיין הערץ האט איהם געריסען און געקלאפט.
נערוועו האבען געציטערט. ער האט ניט געוואוסט, וואס דאס זאל בעדייטען.

קלעמענס פאן הארוויל האט נאך ניט געוואוסט, אז נאכטיגאל איז רודאלף׳ס קינד. זיא האט אנפאנגס געוואלט איהם איבערראשען און קומען אין פאלאסט צו־זאמען מיט זיין ליעבלינג, דאך האט זיא בעסער געלאזט זיצען דיא נאכטיגאל אין קארעטע אום דיא איבערראשונג זאל זיין ניט צוגרוים. וויא קלעמענס האט א קוק געטהאן אויף רודאלף׳ס געזיכט, האט זיא אנגעפאנגען צו ציטערן און האט געפרעגט:

— וואס איז אייך געשעהן קעניגליכע מאיעסטעט, ווארום האט איהר פער־לארען אייער מוטה?

— אה, מארקיזין פערלאנגט ניט פון מיר איך זאל אייך ערצעהלען מיין אונ־גליק, וואס מיר האט געטראפען האט נאך קיינער ניט פערזוכט. איך בין דער אונ־גליקליכסטער אין דער וועלט!

— איך בעשווער אייך, קעניגליכע האהייט, איך בעשווער אייך מיט אלע היילינקייטען, זאגט מיר וואס איז אייך געשעהן.

— עס איז צו שרעקליך פאר אייך. איהר זייט צו גוט, צו א־על און צו צערט־ליך אום מיין אונגליק אויסצוהערען.

— אה, איך ווער צופיעל אונגעדולדיג. איך פירכטע דאס דיא אונגעדולד קען מיר מעהר שאדען וויא יעדע אונגליקליכע נאכריכט.

— דאן זאלט איהר וויסען, — האט רודאלף פערצווייפעלט געזאגט — דאס נאכדעם וויא איך האב אייך געשריעבען דאס נאכטיגאל איז ערטרונקען האב איך ערפאהרען, אז זיא איז מיין טאכטער — —

— נאכטיגאל!.... זיא!.... אייער טאכטער!.... האט קלעמענס געשריען און האט זיך פערגעסען, פון גרויס ענטציקען, וואונדער און גליק.

— יא, מיין טאכטער! מיין טאכטער! מיין טאכטער! — האט רודאלף זיך צרוויינט — וועה איך בין יעצט אויף אייביג אונגליקליך! איך בין פערלארען!

קלעמענס איז געשטאנען וויא א געטראפענע פון א דאנער־שלאג. זיא האט דיך ניט געקענט ריהרען פון ארט און האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. אין איהר הערצען האט זיך צושפיעלט דיא פריידע, דאס זיא איז דיא גליקליכע, וואס האט געבראכט רודאלף׳ן זיין טאכטער. זיא האט אבער געציטערט דיעזע נאכריכט, דיעזע אונגעוועהנליכע און אונערווארטעטע נאכריכט ועט צורייסען רודאלף׳ס הערץ. איינינע מינוטען איז זיא געשטאנען וויא א סטאטוע ביז איהרע געדאנקען האבען

זיך נאָר צומישט. זיא האט פערלאָרען איהר גלייכגעוויכט, איז געפאלען אויף איהרע קניע, האט אויפגעהויבען איהרע הענד צום הימעל און האט גאַנץ שטיל געזאָגט:

— איך דאנק דיר אַלמעכטיגער, וואס דוא האסט מיך געוועהלט פאר דיין שליח און האסט דורך מיר אומגעקעהרט דיא טאכטער צו איהר פאָטער.

אבוואהל קלעמענס האט עס זעהר שטיל געזאגט, דאך זיינען איהרע ווערטער געקומען ביז רודאָלף'ס און מאַרפי'ס אויערן. רודאָלף איז געוואָרען צומישט. ער האט אויסגעזעהן וויא א מאן וואס געהט אראפ פון זינען. זיינע אויגען האבען געשאָסען פייער און דאס בלוט האט זיך אריינגעגאָסען אין זיין געזיכט. זיין הערץ האט גע־נומען ארבייטען זעהר שנעל. צווישען וואהנזין און אפאָפּלעקסיע איז געווען נור איין אויגענבליק. אין א בעוואוסטלאָזען צושטאנד האט ער געחאפט דער מארקיזין פאר ביידע הענד און האט אויסגעשריען:

— וואו איז מיין טאָכטער!

— היער אין האָף, זיא זיצט אין מיין קארעטע! — האט קלעמענס געענטפערט.

רודאָלף האט ניט געוואָרט א סעקונדע. ער האט זיך געשליידערט צום טהיר. אבער מאַרפי האט איהם אָנגעחאפט מיט ביידע הענד און האט צו איהם געזאָגט:

— מאיעסטעט, איהר וועט זיא דאָך טוידטען מיט אייער אינפעט.

— ערשט געסטערן איז זיא אראָפּ פון בעט, מאכט איהר נור קיינע איבער־ראשונגען, — האט קלעמענס געבעטען.

— איהר האָט רעכט! — האט רודאָלף געענטפערט ווערענד ער האט זיך געשטארקט צו אונטערדריקען דעם שטורם אין זיין הערצען — איהר האט רעכט... איך וועל מיך בעהערשען.... איך פיהל זיך שוין מעכטיג זיך צו בעהערשען.... איך וועלווארטען ביז דער ערשטער שטורם וועט פאָראיבער.... אָה, מארקיזין, אייך האט גאט אויסגעקליעבען פאר זיין גוטען ענגעל, איך בין ניט אומשטאנדע אייך צו בעלאָהנען אדער צו בעדאנקען.

— איהר האט מיר צוריקגעגעבען מיין פאָטער און איך האב אייך צוריקגע־געבראכט אייער טאָכטער, — האָט קלעמענס געענטפערט.

— אָבער ווער האָט גערעטעט מיין טאָכטער פון טוידט? — האט רודאלף געפרעגט.

— א בראווע, עהרליכע מיידעל האט זיא ארויסגענומען פון וואסער. מאָרגען וועט זיא מיך בעזוכען.

— איהר לאָהן איז מעהר וויפיעל דיא וועלט קען איהר געבען, — איך וועל מיך אבער בעמיהען צו טהאן פאר איהר אלעס וואס מעגליך. אבער יעצט איז מיין

אונגעדולד און טומעל פֿאַראיבער, יעצט פריינד מאָרפי געהט און ברענגט מיר אהער מיין — טאָכטער!

— זייט איהר זיכער, אז איהר זייט שוין פֿאָלשטענדיג רוהיג? — האט קלע־מענס געפרעגט.

— זייט זיכער, — האט רודאָלף געענטפערט — איך וועל מיין קינד קיין לייד ניט טהאָן. געהט מאָרפי, ברענגט מיר מיין טאָכטער.

— איך געה, קעניגליכע מאַיעסטעט, — האט מארפי געענטפערט און האט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— שנעל מיין פריינד, געהט שוין.

— ענטשולדיגט מאַיעסטעט, — האט מאָרפי געזאָגט זיצענדיג אויפ'ן שטוהל — איך קען נאָך ניט געהן, איך פירכטע איך זאָל זיא ניט ערשרעקען מיט מיין אויפ־רעגונג און מיט דיא טרערען אויף מיין געזיכט. איך קען נאָך אַלץ ניט איינהאַלטען מיין געוויין.

— קרעפטיגט זיך מיין פריינד און געהט זאָפאָרט.

מאָרפי האט זיך געשטעלט אויף דיא פיס, האט אנגעצויגען זיינע אקסלען און איז ארויס פון זאַאל. א מאָמענט פון שטילקייט איז געקומען. קלעמענס איז דאָן געוואָרען רויטה. זיא האט זיך עראינערט, אז זיא איז גאַנץ אליין מיט רודאָלף'ן אין זיין הויז. דער פרינץ איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהר און אין א שטילען טאָן האט ער צו איהר געזאָגט:

— ווען איך וועל דיעזען טאג — דיעזען מאָמענט — מאַכען פאר אייך א הייליגע ערקלעהרונג, איז עס נור ווייל דיא הייליגקייט פון דיעזען טאג — פון דיעזען מאָמענט וועט מאַכען מיין ערקלעהרונג נאָך הייליגער. זייט איך האב אייך געקענט האב איך אייך געליעבט. זאָ לאַנג מיין פפליכט האט געפאָדערט צו בעהאַלטען דיעזע ליעבע, האב איך זיא בעהאַלטען. יעצט ווען איהר זייט פריי און איהר האט מיר אומ־געקעהרט מיין טאָכטער — ווילט איהר זיין איהר מוטער?

— מיין הערר שער! — האט דיא מארקיזין אויסגערופען — וואס זאָגט איהר?

— איך בעשווער אייך, ענטזאָגט עס מיר ניט. זאָל דיעזער טאג בעשטימען מיין גליק אין דער צוקונפט, — האט רודאָלף געבעטען.

קלעמענס האט דעם פרינץ שוין לאַנג געליעבט. זיא האט געמיינט, אז דאס איז א טרוים. רודאָלף'ס ערקלעהרונג, וועלכער וואר אזוי איינפאך, אזוי ערנסט, אזוי ריהרענד און אין אזעלכע אומשטענדע האבען איהר געבראַכט אין א גליק וועלכען זיא האט ניעמאלס געהאפט. זיא האט באלד געענטפערט.

— קעניגליכע מאיעסטעט, איהר דארפט ניט פערגעסען דעם אונטערשיעד אין אונזערע בלוטען. איהר דארפט ניט פערגעסען, אז איהר זייט דער גראָס־הערצאָג פאָן געראָלשטיין!

— צוערשט וויל איך געדענקען דיא געפיהלען פון מיין הארץ, פון מיין מיהיי־ערע טאָכטער. מאכט אונז ביידען גליקליך, אה, זעהר גליקליך. ערלויבט מיר עלענדען, איך זאָל קענען זאָגען דיא צווי ווערטער: מיין ווייב, מיין טאָכטער! ערלויבט אויך מיין נאכטיגאל, וועלכע האט קיין פאמיליע זיא זאָל קענען זאָגען: מיין פאטער, מיין מוטער און מיין שוועסטער, דען איהר האט אויך א טאָכטער, וועלכע איך וועל מאכען פאר מיין קינד.

— אָה, מאיעסטעט, אויף אזעלכע נאָבעלע ווערטער קען מען נור ענטפערען מיט טרעהרען פון דאנקבארקייט, — האט קלעמענס געענטפערט—אבער הערט, מען קומט, דאס איז אייער קינד!

— אה, ענטזאגט מיר ניט! —האט רודאלף געבעטען—אין נאָמען פון מיין ליעבע, זאגט אונזער קינד.

— אונזער קינד, — האט קלעמענס אויסגעמורמעלט אין דער זעלבער מאָמענט, ווען דיא טהיר האט זיך געעפענט און מאָרפי האט אריינגעפיהרט דיא מאריע־בלומע.

נאכטיגאל איז אראָפּ פון עקיפאזש און איז אריין אין א פאָרצימער, וועלכער וואר אָנגעפילט מיט א הונדערט פאל אוניפארמירטע דיענער און פאזשען, דאן איז זיא דורכגעגאנגען דעם עמפפאנג זאאל און נאָך א צעהן צימערן מיט אלערליי זאָר־טען דיענער, טאפעטען און זילבערנע און גאָלדענע בעפוצונגען. עס וואר א פאָל־שטענדיגער קעניגליכע הויז צוזאמען מיט דער קעניגליכען סוויטע. נאכטיגאל׳ס איבערראשונג און שטוינען זיינען געווען ניט צו בעשרייבען. פאר איהר האט גאר ניט געקענט געבען איין גרעסערעס רייכטהום וויא דיא מאָדעל פארם. זיא איז פאָל־שטענדיג בערוישט געוואָרען פון דעם רייכטהום וואס זיא האט בעגעגענד.

גלייך וויא זיא האט איבערגעטראָטען דעם שוועל איז דיא מארקיזין פאָן הארוויל צו איהר צוגעלאָפען, האט זיא ארומגענומען און צוגעפיהרט צום פרינץ, וועלכער איז געשטאנען אָנגעשפארט צום וואנד און האט זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט. מאָרפי האט זיך באלד פעררוקט אין א ווינקעל און פערשטעלט מיט א גרויסען פאָרהאנג, ווייל ער איז ניט געווען זיכער צו זיין אים שטאנדע רוהיג בייצו־וואוינען דיא סצענע. וויא מאריע־בלומע האט דערזעהן איהר וואָהלטהעטער, איהר

פריינד, איהר רעטער, וועלכער שטעהט און קוקט זיא אָן אזוי ריהרענד, האָט זיא אנגעפאנגען צו ציטערן און בלאס צו ווערען.

— פאַסט אייך מיין קינד, — האט דיא מאַרקיזין געזאגט, — דארט שטעהט אייער פריינד מאָנסיו רודאָלף, וועלכער האט זעהר פיעל נאך אייך געטרויערט.

— אָה, יא, יא, זעהר פיעל און זעהר שטארק האב איך נאך אייך געטרויערט, האט רודאָלף געזאגט און האט זיך אלץ ניט געקענט ריהרען פון אָרט און האט געפיהלט, אז זיין הערץ האלט ביי'ן ארויסשפּרינגען אנקוקענדיג דיא זיעסע, בלאסע געזוכט פון זיין אייגען קינד.

— מיין קינד, איהר זייט נאך שוואך, איהר זייט נאך ניט פעהיג צו שטעהן. זעצט זיך אויף דיעזען שטוהל, — האט דיא מארקיזין געזאגט, אום נאכטיגאל זאָל קיין צייט האבען צו בעמערקען רודאָלף'ס טרעהרען. זיא האט זיא צוגעפיהרט צו א גרויסען גאָלדענעם שטוהל. נאכטיגאל האט זיך געזעצט. איהר אויפרעגונג איז גע-שטיגען מיט יעדע מינוט; איהר צונג האט זיך ניט געריהרט, זיא האט ניט געקענט ענטפערן מיט איין וואָרט.

ענדליך, נאכדעם וויא דיא מארקיזין האט זיך אויך געזעצט נעבען דאס מעד-כען און האט אנגענומען איהרע הענד איז רודאָלף לאנגזאם, אָבער ענטשלאָסען צוגעגאנגען צום שטוהל און האט זיך געשטעלט ביי'ן צווייטען זייט און האט געזאָגט:

— ענדליך מיין קינד, זעהן מיר דיך וויעדער ביי דיינע פריינד, וועלכע וועלען דיך שוין היטען אויף אייביג. איהר זאָלט אונז שוין, אויך מעהר ניט פערלאָסען. יעצט מוזט איהר פערגעסען אלעס וואס איהר האט ביז יעצט געליטען.

— יא מיין קינד, דער בעסטער וועג צו בעווייזען אונז אייער ליעבע, איז צו פערגעסען אלעס, וואס מיט אייך איז אמאל געשעהן, — האט דיא מארקיזין געזאגט.

— גלויבט מיר מאָנסיו רודאָלף, גלויבט מיר מאדאם, דאס ווען איך וועל דאס אלעס עראינערן, וועט עס זיין נור, דאס אהן אייך בין איך געווען זעהר אונ-גליקליך, — האט נאכטיגאל געענטפערט.

— אָבער מיר וועלען זיך בעמיהען דאס איהר זאָלט מעהר ניט האבען אזעלכע טרויעריגע געדאנקען. יעצט וועלען מיר אייך שוין ניט אָפּלאָזען אויף א מינוט, טהייערע מאריע, — האט רודאָלף געזאגט.

— געבע דער אלמעכטיגער! — האָט מאריע מיט א זיפץ געענטפערט.

— איך האב זעהר וויכטיגע נייעס פאר אייך, מאריע, — האט רודאָלף וויעדער געזאגט.

— פאר מיר?

— זייט איך האב אייך געזעהן דאס לעצטע מאל, האב איך א סך זאכען ענטדעקט וועגען אייער אבשטאמונג.

— מיין אבשטאמונג?

— מען וויים שוין ווער אייערע עלטערען זיינען, מען קען אייער פאטער.

רודאלף איז אזוי געריהרט געוואָרען פון דיעזע ווערטער, דאס ער האט ניט געקענט בעהעררשען זיינע טרעהרען. נאכטיגאל האט באלד געוואָרפען איהרע אויגען אויף איהם. אבער ער האט זיך באלד אפגעקעהרט אָן א זייט אום זיא זאָל ניט זעהן זיינע טרעהרען.

— יא, מיין טהייערעס קינד, — האט קלעמענס האסטיג געזאָגט — אייער פאָטער לעבט.

— מיין פאָטער! — האט נאכטיגאל אויסגעשריען מיט אזא אימפעט און אזא יאמערענדע שטימע, דאס רודאָלף'ס נסיון איז באלד געווען צו שווער זאָגאר פאר א מאן פון שטיין און אייזען.

— און ווען עס איז, פיעללייכט באלד וועט איהר איהם זעהן. איהר וועט איבערראשט ווערען דאס אייער פאָטער איז פון הויכען קלאַס, פון נאָבעלען יחוס — האט דיא מארקיזין האסטיג געזאגט.

— און מיין מוטער, מאדאם וועל איך זיא אמאל זעהן?

— אייער פאָטער וועט עס אייך אנטוואָרטען, מיין קינד. אבער זאגט מיר, וועט איהר ניט זיין גליקליך צו זעהן אייער פאָטער?

— אָה, יא מאדאם, — האט נאכטיגאל געענטפערט און האט אראָפּגעלאָזען איהרע אויגען.

— וויא וועט איהר איהם ליעבען, ווען איהר וועט איהם זעהן? — האט דיא מאַרקיזין געפּרעגט.

— פון יענעם טאג אָן וועט א נייעס לעבען פאר אייך אנפאנגען, — האט דער פּרינץ געזאגט.

— אָה, ניין, מאָנסיו רודאָלף! — האט נאכטיגאל געענטפערט און וואר גאָר ניט געריהרט — מיין נייעס לעבען האט אנגעפאנגען יענעם טאָג, ווען איהר האט זיך איבער מיר ערבארימט, ווען איהר האט מיך אבגעפיהרט אין אייער פארם.

— אבער אייער פאָטער וועט אייך האלטען טהייער, — האט דער פּרינץ געזאגט

— איך קען איהם ניט. אייך מאָנסיו רודאָלף בין איך שולדיג אלעס, אלעס

— דאן ליעבט איהר מיך אזוי פיעל און אפשר נאך מעהר וויא איהר וואלט געליעבט אייער פאָטער?

— איך בענש אייך און איך רעספעקטיר אייך וויא גאט אליין, וויל איהר האט געטהאן תאר מיר נור וואס גאט אליין האט פאר מיר געקענט טהאן, — האט נאכטיגאל געזאגט מיט פייער — ווען דיעזע דאמע וואר אזוי פריינדליך און האט מיך בעזוכט אין געפענגניס, האב איך איהר געזאגט דאס זעלבע וואס איך זאג צו אלע־מען. צו דיא וועלכע ווארען זעהר אונגליקליך פלעג איך זאגען: האפט, מאנסיו רודאלף העלפט דיא אונגליקליכע; דיא וואס האבען געוואנקט צווישען גוטעס און שלעכטעס האב איך געזאגט: זייט מוטהיג, זייט עהרליך, מאנסיו רודאלף בעלוינט דיא עהרליכע. ווען איך בין געווען נאהענט צום טוידט האב איך צו זיך אליין גע־זאגט: גאט וועט מיך ערבארמען, דען מאנסיו רודאלף האט זיך אויף מיר ערבארימט.

נאכטיגאל איז אזוי בעוועלטיגט געווארען מיט איהר דאנקבארקייט צו איהר וואהלטהעטער, דאס זיא האט אין גאנצען אויפגעהערט צו וויינען. אין איהרע באקען האט זיך בעוויעזען א רויטה פארב און איהרע אויגען האבען גענומען שיינען און שטראהלען. א לאנגע ווילע זיינען אלע געווען שטיל. אלע וואס האבען בייגעוואוינט דיעזע סצענע זיינען געבליעבען וויא פערשטיינערט.

— איך זעה מיין קינד, — האט רודאלף ווידער אנגעפאנגען און האט קוים בעהאלטען זיין פריידע — איך זעה מיין קינד, אז איך האב אין אייער הארצען פער־נומען דיא שטעלע פון א פאטער.

— עס איז ניט מיין שולד, מאנסיו רודאלף. עס איז פיעללייכט שלעכט פון מיין זייט; אבער איך האב אייך געזאגט, דאס איך קען נור אייך און מיין פאטער האב איך ניעמאלס געזעהן. און — דא האט נאכטיגאל אראפגעלאזט איהר קאפ — און דאן, איהר מאנסיו רודאלף, איהר ווייסט מיין גאנצע פערגאנגענהייט און דאך האט איהר מיך גליקליך געמאכט; אבער מיין פאטער וויים עס ניט! מעגליך, אז איהם וועט לייד טהאן, ווארום ער האט מיר געפונען. דיעזע ווערטהע דאמע זאגט, אז ער איז פון גרויסען אדעל, איך בין זיכער, אז ער וועט זיך מיט מיר שעמען, ער וועט רויטה ווערען פאר שאנדע.

— רויטה ווערען פאר שאנדע! — האט רודאלף אויסגעשריען און האט זיך זעהר שטארק אוועקגעשטעלט — זייט זיכער ארימעס קינד, אייער פאטער וועט אייך אוועקשטעלען אין אזא בריליאנטענע פאזיציאן, וועלבע וועט זיין אזוי הויך, דאס דיא גרעסטע לייטע אונטער דיא גרויסע אין דיעזער וועלט וועלען אייך בעטראכטען מיט'ן גרעסטען רעספעקט. שעהמען זיך מיט אייך! ניין, ניין! איהר זאלט שטעהן אויף איין שטופע מיט דיא גרעסטע פרינצעסינס פון אייראפא.

— מאיעסטעט! — האבען מארפי און קלעמענס צוזאמען אויסגעשריען פון

שרעק, דען רודאָלף איז ענטפלאמט געוואָרען פון דעם פייער אין זיין הערצען און נאכטינגאל איז געוואָרען בלאסער און בלאסער.

— שעהמען זיך מיט אייך! — האט רודאָלף ווייטער געשריען — אויב איך האב עפּעס גליק און פריידע אין מיין ראנק אלס הערדשער איז עס נור דערמיט, וואס מיין ראנק גיט מיר דיא מעגליכקייט צו שטעלען אייך אויף דער שטופע, וועלכע איהר פערדיענט. האט איהר געהערט מיין טהייער קינד, מיין ליעבע טאָכטער? איך, איך, איך בין דיין פאָטער!

און דער פּרינץ האט זיך לענגער ניט געקענט בעהערשען. ער האט זיך צרוויינט און איז געפאלען אויף דיא פיס און האט ארומגענומען זיין קינד.

— געלויבט איז גאט! — האט נאכטינגאל אויסגעשריען און האט פערבראָכען איהרע הענד — מיר איז יעצט ערלויבט צו ליעבען מיין וואָהלטהעטער, וויא איך ליעב איהם. איך קען איהם ליעבען עפענטליך, אָה מיין — — —

— זיא האט ניט געקענט ענדיגען. דער קלאפּ איז געווען צו שטארק. נאכטיגאל איז געפאלען מאכטלאָז אין איהר פאָטערס ארעמס.

מאָרפי איז צוגעלאָפען צום טהיר, האט זיא געעפענט און האט אויסגעשריען:

— שנעל נאך דאקטאר דוד, שנעל!

— פלוך אויף מיר, איך האב זיא געטוידטעט! — האט רודאלף געשריען און האט געהאלטען זיין טאָכטער וויא א מוטער איהר קליינעס קינד — מאריע מיין קינד, הער מיך אויס, איך בין דיין פאָטער! זיי מיר מוחל, איך האב דעם סוד מעהר ניט געקענט איינהאלטען. אָה, איך האב דיך געטוידט!

— בערוהיגט אייך קעניגליכע מאיעסטעט, דא איז קיין געפאהר, — האט מארקיזין פאָן הארוויל געזאגט — זעהט, איהרע באקען ווערען ניט בלאס, זיא איז נור איבערראשט, נור צופיעל גליקליך.

— אָבער זיא האט א גרויסע קאָנוואולסע! זיא וועט שטארבען! וועה איז מיר!

— אין דיעזען אויגענבליק איז דוד, דער שווארצער דאקטאר אנגעקומען. ער האט געבראכט א קליינעם פּעקעלע און א פּאַפּיער וועלכען ער האט איבערגעגעבען צו מאָרפּי'ן.

— דוד, איך האב געטוידטעט מיין קינד, — איך האב אמאל גערעטעט אייער לעבען, יעצט מוזט איהר רעטען מיין קינד! — האט רודאָלף געשריען.

דוד איז זעהר איבערראשט געוואָרען פון דיא ווערטער. ער האט ניט פערשטאנען וויא קומט צום גראָסהערצאָג אזא קינד. ער האט אבער ניט געפרעגט קיין

פראַגען. ער האָט בעטראַכט דיא געהלש'טע, האָט זיך צוגעהערט צו איהר דופק, האָט אָפּגעמאָסטען איהר טעמפּעראַטור און האָט גלייך געזאָגט:

— קיין געפאַהר, קעניגליכע האָהייט, דאָ איז קיין געפאַהר!

— איהר זאָגט דיא וואָהרהייט? איז ווירקליך קיין געפאַהר?

— קיינע, מאַיעסטעט. אַ פּאָאר טראָפּען און דער גאַנצער אַנפאַל וועט פאַראיבערגעהן.

— אָה, איך דאַנק אייך מיין דוד. מיין גוטער, טהייערער דוד! — האָט רודאָלף געשריען.

דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו דער מאַרקיזין און האָט געזאָגט:

— זיא לעבט! אונזער טאָכטער לעבט. זיא וועט לעבען!

מאָרפי האָט אונטערדעסען איבערגעלעזען דיא שריפט וואָס דער דאָקטאָר האָט געבראַכט און ער האָט אַ שוידער געטהאָן.

— יאָ, מיין פריינד, — האָט רודאָלף געזאָגט צו מאָרפי — אין אַ פּאָאר טעג ארום וועט מיין טאָכטער קענען רופען דיעזער דאַמע: „מיין מוטער“.

— מאַיעסטעט, — האָט מאָרפי געזאָגט און האָט געציטערט — דיא נאַכריכט וואָס איהר האָט געסטערן ערהאַלטען וואַר פאַלש.

— וואָס זאָגט איהר?

— אַ שטאַרקער אַנפאַל פון אונמאַכט, האָט פעראורזאַכט צו זאָגען, דאָס דיא גרעפין מעקגרעגאָר איז געשטאָרבען.

— דיא גרעפין?

— יאָ, הייטע האָפּט מען זיא זאָל געזונד ווערען.

— אָה! — האָט דער פּרינץ אויסגעשריען וועהרענד קלעמענס האָט איהם אָנגעקוקט און האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָס בעדייטעט.

— מאַיעסטעט, — האָט דוד געזאָגט — דאָס מעדכען איז אויסער געפאַהר. זיא וועט אָבער זיך בעסער ערהאָלען, ווען מען זאָל ארויספיהרען איהר שטוהל אין גאָרטען. דיא פרישע לופט וועט זיא שנעל געזונד מאַכען.

מאָרפי איז באַלד געלאָפען און האָט געעפענט דיא גלעזערנע טהיר און מיט דוד'ס הילפע האָבען זיי ארויסגעפיהרט דעם שטוהל צוזאַמען מיט דער נאַכטיגאַל, וואו דיא פרישע לופט האָט באַלד גענומען ווירקען אויף דער מאַכטלאָזער.

— אָה, מאַדאַם! — האָט רודאָלף אויסגעשריען גלייך וויא דוד און מאָרפי זיינען ארויס — איהר ווייסט ניט דאָס דיא גרעפין שרה מעקגרעגאָר איז נאַכטיגאַל'ס מוטער!

— נאַט אין הימעל!

— איך האב זיא געהאַלטען פאר טוידט, איהר ווייסט ניט, אז זיא איז אייגעננוציג און האט מיך געליעבט נור אום מיך צו פערפיהרען, און אין מיינע קינדישע יאהרען האט זיא מיך פערנארט, האט מיט מיר געהייראַטהעט און איז פון מיר געשידען. אום ווידער צו הייראַטהען האט דיא גרעפין פערוואָרפען איהר אייגען קינד און האט פעראורזאכט אלע שמערצען וואס דאס קינד האט געליטען.

— אָה, יעצט פערשטעה איך ווארום אייער האַהייט, האט זיא אזוי פערהאַסט.

— יעצט קענט איהר אויך פערשטעהן, ווארום זיא האט אייך געוואָלט רועני־רען. זיא האט ווידער בעקומען דיא אמביציאָן צו ווערען מיין פרוי און דארום האט זיא מיך ענטריסען פון אלע, וועלכע וואָרען נאָהענט צו מיר.

— אָה, וואס פאר א זינדיגעס הערץ.

— און זיא איז ניט טוידט! — האט רודאָלף געזאגט מיט א זיפץ.

— אָה, דיעזער פערדרוס מאכט אייך קיין עהרע.

— איהר זאגט עס, ווייל איהר ווייסט ניט וואס זיא האט פעראורזאכט. יעצט ווען איך האב ווידער געפונען מיין קינד, האב איך איהר געוואָלט געבען א מוטער וואס זאָל זיין נאך איהר עהרליכקייט. אָה, דיעזע פרוי איז א טייוועל פון אונגליק אין מיין וועג.

— גענוג, קעניגליכע האַהייט, זייט מוטהיג, — האט דיא מארקיזין געזאגט ווישענדיג איהרע טרעהרען, וועלכע האבען זיך געגאסען געגען איהר ווילען — איהר האט א גרויסע און הייליגע פפליכט צו ערפילען. איהר האט אליין געזאגט, אז פון יעצט אָן זאָל אייער טאָכטער זיין גליקליך און געעהרט. אום דיעזען וואָרט צו ערפילען, מוזט איהר מאכען איהר געבורט געזעצליך. אום דאס צו עררייכען, מוזט איהר אנערקענען דער גרעפין מעקגרעגאָר —

— ניעמאלס! ניעמאלס! עס וואָלט געהייסען, צו בעלאָהנען פערברעכען, פאַלשקייט און דיא משוגענע אידעען פון דיעזער אונמענשליכער פרוי. איך וועל אנערקענען מיין קינד און איהר וועט זיא אָננעהמען פאר אייער קינד.

— ניין, איהר וועט עס ניט טהאן! ניין, איהר קענט ניט ערלויבען, אז אייער קינדס געבורט זאָל בלייבען אין שאטען. דיא גרעפין איז פון א נאָבעלע און אלטע פאַמיליע. איך פערשטעה, אז פאר אייך איז עס ניט אנגענעהם; אבער עס איז אייער פפליכט. מיט דיעזער הייראַטה ווערט אייער טאָכטער פאַלשטענדיג געזעצליך און דאן קען זיא אימער זיין שטאָלץ אויף איהר פאָטער און אנערקענען איהר מוטער.

— אָבער צו פערוואָרפען אייך — דאס איז אונמעגליך. אָה, איהר ווייסט ניט

וויא גליקליך איך וואָלט געווען צווישען אייך און מיין קינד, דיא איינציגע, וועלכע איך ליעב אין דיעזער וועלט.

— דאס קינד פערבלייבט אייך; דער הימעל האט זיא אייך אומגעקעהרט דורך א נס. ווען איהר זאָלט ניט זיין פאַלשטענדיג גליקליך וואלט געהייסען אונ־דאנקבאר.

— אָה, איהר ליעבט מיך ניט, וויא איך ליעב אייך!

— איהר מעגט אזוי גלויבען. דער קרבן וואס איהר וועט ברענגען צו אייער פפליכט וועט דאן זיין פיעל לייכטער צו פערטראגען.

— אבער ווען איהר ליעבט מיך, וועט איהר זיין זעהר אונגליקליך. וואס פאר א גליק בלייבט פאר אייך!

— צדקה — דאס בלייבט מיין טרויסט. דיעזער געפיהל וועלכען איהר האט אין מיר ערוועקט בלייבט מיין נחמה. איך בין שוין גליקליך פון דיא גוטע זאכען, וואס איך האב דורך אייך געטהאן.

— הערט מיך אויס; זאָל זיין אזוי: איך וועל הייראטהען דיעזער פרוי. אָבער קיים האב איך געבראכט דעם קרבן וועט מיר זיין אונמעגליך צו לעבען מיט איהר, וועלכע מאכט מיך ציטערן און ליידען. איך מוז פון איהר בלייבען אויף אייביג אָפּגעזונדערט, זיא וועט ניעמאלס קענען זעהן מיין קינד. און זאָ וועט נאכטיגאל אייך פערלירען און קיין אנדערע וועט זיא אויך ניט האבען.

— אָבער זיא מוז דאך האבען א פאָטער! ווען איהר הייראטהעט מיט איהר מוטער זייט איהר, דער עררשער, איהר געזעצליך פאָטער. איהר מוזט זעהן דאס אייער טאכטער זאל אנערקענט ווערען אלס פרינצעסין, דען אזוי האט איהר זיא פערשפראָכען.

— אָה, איהר האט קיין מיטלייד, איך בין זעהר אונגליקליך.

— וואָס איהר אזוי צו שפרעכען? איהר, וועלכער איז אזוי גרויס, אזוי עהר־ליך, איהר, וועלכער פערשטעהט אזוי גוט וואס פפליכט, טרייהייט און מענשליכקייט בעדייטעט! מיט א ווײלע צוריק איידער איהר האט געפונען אייער טאכטער, ווען איינער וואלט צו אייך געזאגט, „טהוט איין זאך און אייערע טרעהרען וועלען אָפּ־געווישט ווערען", וואלט איהר אויסגעשריען, אָה, אלעס וועל איך טהאן פאר מיין טאכטער, ניט זיא מיר נור א לעבעדיגע. יעצט האט איהר אייער טאכטער און איהר האלט זיך אונגליקליך. אָה, א גליק איז, וואס נאכטיגאל האט עס ניט געהערט.

— איהר האט רעכט! — האט רודאָלף געזאגט נאך א לאנגען טראכטען. אזא גליק וואָלט געווען א הימעל אויף דער ערד. אבער איך פערדיען עס ניט. איך וועל

טהאן מיין פפליכט. עס טהוט מיר ניט לייד דיעזער געשפרעך, דאס בעווייזט מיר דיא שעהנקייט און דיא עדעלקייט פון אייער הערץ.

— איהר האט מיר אזא הערץ געגעבען, איהר האט עס מיר געלערענט. זייט מוטהיג מיין לאָרד, גלייך וויא מאריע קען שטעהן אויף איהרע פיס נעהמט זיא מיט זיך. זיא וועט קומען אין דער שטילער, רוהיגער דייטשלאנד און דארט וועט זיא שנעל פערגעסען איהר פערגאנגענהייט.

— קעניגליכע האָהייט! — האט מאָרפי אויסגעשריען אריינקומענדיג אין הויז— אייער קינד איז געקומען צו איהר בעוואוסטזיין. איהרע ערשטע ווערטער ווארען: „וואו איז מיין פאָטער".

אין עטליכע מינוטען ארום האט דיא מארקיזין פאָן הארוויל פערלאסען דאס הויז און טרעהרען האבען זיך געגאסען פון איהרע אויגען, ווערענד זיא האט איבער־געטראָגען דעם שוועל. רודאָלף האט גענומען זיינע פריינדע און אדיוטאנטען און איז מיט זיי אוועק צו שרה מעקגרעגאר.

70טעם קאפיטעל.

דיא האָכצייט.

זייט רודאָלף האט ערצעהלט צו שרה מעקגרעגאר דאס איהר טאָכטער איז טוידט און איהרע האָפענונגען זיינען אויף אייביג פערלאָרען, זייט דאן איז איהר בעפאלען א פיבער און אן נערוועז קראנקהייט און זיא איז פערפאלען אין א שטארקען אונמאכט, דאס אלע האבען געמיינט, אז זיא איז שוין געשטאָרבען. איהר קערפער איז אבער זעהר שטארק געבוים און זיא האט ווידער געעפענט איהרע אויגען.

זיא איז יעצט געזעסען אין איהר בעט, ליעגען האט זיא ניט געקענט. איהר געזיכט האט אויסגעזעהן וויא א געשטאָרבענע און אין איהרע אויגען האט געברענט א העלישער פייער. איהר ברודער טהאמאס איז געשטאנען נעבע איהר און האט צו איהר געזאגט:

— שרה דיין לעבען הענגט אויף א האאר, איין שטארקע אויפרעגונג קען דיך טוידטען אדער אין גאנצען געזונד מאכען.

— ניין, ברודער, מיין הערץ איז טוידט. קיין אויפרעגונג קען אויף מיר וויר־קען. דאס בילד פון מיין קינד, וועלכע איז דורך מיר ערטרונקען שטעהט פאר מיינע אויגען און דיא געוויסענסביסע האט שוין צוריסען מיין הערץ. אָה, ערשט נאכדעם וויא זיא איז טוידט האב איך גענומען פיהלען, אז זיא איז מיין טאָכטער. מיין גאנ־צער חשק צו זיין א הערשערין איז אויסגעלאשען געוואָרען זייט רודאָלף האט מיר

געזאגט וואס איך בין, און דיא געפיהלען פון א מוטער זיינען אין מיר ערוועקט גע־וואָרען זייט איך האב געהערט וואס מיט מיין קינד איז געשעהן.

— הער מיך אויס שוועסטער. אונזער גאנצעס גליק איז דאך נור א פאנטאזיע, יעצט אום דוא זאָלסט זיך בערוהיגען, וויל איך דוא זאלסט זיך פאָרשטעלען, אז דיין טאָכטער לעבט און דוא וועסט זיא נאך זעהן.

— אָה, ווען איך וואלט זיא זעהן, וואָלט איך געשטאָרבען פון שאנדע און הארצווייטאָג.

— ניין שוועסטער, דיין ליעבע צו עהרע וואלט זיך דאן געשטארקט איבער אלעס, דען ווען דוא האסט דיין טאכטער וועסט דוא זיין דיא קעניגין און הערשערין פאָן געראלשטיין, וויא רודאלף האט דיר אליין געזאָגט.

— ניין ברודער, ווען דאס זאל געשעהן וואָלט איך בעסער געשטאָרבען איידער צו זיין דיא פרוי פון א מאן, וואס האט מיך פערהאסט פאר מיינע מעשים און איידער צו זיין א מוטער צו דעם קינד וועלכען איך האב אזוי פיעל אונגליק און שמערצען פערשאפט.

טהאָמאס איז דא געבליעבען צומישט און ער האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. רודאלף האט איהם בעפאָהלען ער זאל מעלדען זיין שוועסטער, אז איהר קינד לעבט און אז ער איז געקומען מאכען זיא פאר זיין פרוי אום אלע זאָלען וויסען, אז שרה איז דיא מוטער פון זיין טאכטער. שרה ליעגט יעצט אויפ'ן שטערבע בעט אין דאס קען לאנג ניט אפגעלייגט ווערען. ער האט זיך לאנג בעטראכט ביז ער האט זיך געשטארקט און האט צו זיין שוועסטער געזאגט:

— טהייערע שוועסטער, איך האב פאר דיר א נאכריכט, וועלכע קען דיך קרעפטיגען און געזונד מאכען, אָבער אויך טוידטען מיט איין מאל און איך ווייס ניט ניט וואס צו טהאן.

— איך האב דיר ברודער שוין געזאגט, דאס דער גרעסטער געפיהל קען מיר ניט בעריהרען. מיין הערץ איז טוידט פאר אלעס. ערצעהל מיר וואס דוא ווייסט.

— דאס איז אבער א נאכריכט וועגען דיין טאכטער?

— וועגען מיין טאָכטער? פון דער טוידטער טאָכטער? שוויינ ברודער, שוויינ.

— אבער ווען איך וועל דיר זאגען, אז מען האט זיא גערעטעט פון טוידט?

— אָה, נארר מיך ניט פאר מיין טוידט.

— יעצט מיין שוועסטער! — האט טהאמאס אויסגערופען — יעצט מוז איך דיר ערצעהלען נור דיא וואהרהייט, עס מעג זיין וויא עס איז. וויסען זאָלסט דוא שוועסטער, דאס דיין טאכטער לעבט!

— מיין טאָכטער?

— איך שווער ביי מיין לעבען. רודאָלף, מיט דיא נייסטליכע און דיא עדות זיינען היער אין הויז. דער ציעל פון דיין לעבען איז ערררייכט געוואָרען. דיא פּראָפעצייאונג פון דיין אממע איז מקוים געוואָרען. דוא ביזט יעצט דיא קעניגען פון געראָלשטיין און דוא וועסט טראָגען א קרוין.

טהאָמאַס האט זיך איינגעקוקט אין זיין שוועסטערס געזיכט און איז איבער־ראשט געוואָרען דאס איהר געזיכט איז ניט געענדערט געוואָרען אויף א האאר, נור א שטילער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון איהר הערצען.

— וואס איז דיר מיין שוועסטער? — האט טהאמאס געפרעגט.

— קיין זאך, — האט שרה געענטפערט גאנץ רוהיג — דיא אונערוואַרטעטע נאַבריכט, דיא שטארקע פריידע, אָה, ענדליך איז מיין וואונש ערפילט!

— איך האב קיין אירטהום געמאַכט, — האט טהאמאס געקלעהרט — איהר ליעבע צו כבוד האט בייגעקומען אלע איהרע געפיהלען און זיא איז גערעטעט.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו זיין שוועסטער און האט געזאגט:

— יעצט שוועסטער וויים איך דאס דוא וועסט לעבען און וועסט געניסען א זיעסען און אנגענעהמען לעבען צוזאמען מיט דיין קינד.

— יא, מיין ברודער, דוא האסט רעכט, זעהסט דוא וויא רוהיג איך בין.

— איך האב מורא טאָמער האסט דוא צוזאמענגענומען אלע דיינע קרעפטען צו ווייזען זיך אז דוא ביזט רוהיג.

— ניין ברודער, איך האב דען כח דערצו? שיק רופען רודאָלפ'ן, שנעל ברודער רוף איהם, איך האב צו איהם א וויכטיגע זאך.

טהאָמאס איז שנעל ארויסגעגאנגען רופען רודאָלף'ן, וועלכער האט געוואַרט אין א צווייטען צימער און איז באַלד צוריקגעקומען מיט דער גאנצער קעניגליכער סוויטע.

— האט אייער ברודער אייך איבערגעגעבען וואס איך האב איהם בעאויפ־טראגט? — האט רודאָלף געפרעגט.

— ער האט עס מיר געזאָגט. אָבער הערט מיך אויס רודאָלף, מיינע סעקונ־דען זיינען געצעהלטע, יעדען אויגענבליק קען מיך דער טוידט בעפאלען. איך וויל זעהן מיין טאָכטער און וויל זיא אומארמען, אויב איהר ווילט מיר זיא ניט ווייזען, וועל איך מיט אייך ניט הייראטהען, נאך איין שטונדע און איך בין טוידט, דען איך פיהל מיין ענדע און אייער טאָכטער וועט בלייבען וויא א שטראסען קינד, אָהן א פאָטער און אָהן א מוטער.

— מיך וואונדערט וויא זא איז דאס פלוצלינג געוואָרען, דאס אייער טאָכטער זאָל ביי אייך ווערען טהייערער פון א קעניגליכע קראָהנע?

— יעצט איז קיין צייט צו אזא פראגע. שיקט שנעל נאך מיין קינד. איך וויל זיא א קוש טהאן בעפאר מיין טוידט. ווען ניט נעהט פון היער, אָדער ווארט א ווײלע און איהר וועט אויף אייביג צושליעסען מיינע אויגען.

— אָה, ווארום האט איהר ביז יעצט געווארט צו ווערען אזא גוטע מוטער! — האט רודאָלף אויסגעשריען — גוט, איך שיק רופען מיין טאָכטער.

— אויב איהר שיקט נאך מיין קינד, דאן קענט איהר אריינפיהרען דיא גייסטליכע און דיא עדות און מאכט דיא חתונה נאך אלע געזעצע ביז מיין קינד וועט קומען, דען דיא סעקונדען פון מיין לעבען זיינען געצעהלטע....

רודאָלף האט געשיקט זיין אדיוטאנט ער זאָל ברענגען דיא נאכטיגאל און שרה האט געהייסען מען זאָל אריינרופען איהר ברודער און מאָרפי.

— דיעזע חתונה, — האט שרה געזאָגט צו רודאָלפן — דיעזע חתונה איז א טוידטען-טאנץ. מיין זעעלע ווערט יעצט געפלאגט, איך שטארב, איהר קענט זיך דערמיט פרעהען און שעצען גליקליך. אה, איין זאך בעט איך ביי אייך, קרעפטיגט מיך און גיט מיר לעבען ביז איך וועל קענען זעהן מיין קינד. איך דאנק אייך רודאָלף, איהר האט אין מיר ערוועקט דיא געפיהלען פון א מוטער, אבער מיט דיעזע געפיהלען איז אויך געקומען דיא געוויסענסביסע.... ווען מיין ברודער האט צו מיר געזאָגט דאס מיין טאכטער לעבט, האט זיך מיין הערץ אפגעריסען פון אָרט און א וועהטאג, וועלכער איז דער טוידט האט מיך בעהערשט. איך וויים, אז איך שטארב. איך האב מיר נור פערשטעלט פאר מיין ברודער און האב בעשלאָסען צו רעטען מיין טאָכטערס עהרע בעפאר איך הער אויף צו עקסיסטירען.

— ניין, יעצט דארפט איהר ניט שטארבען! — האט רודאָלף אויסגעשריען.

— ניין, ניין, איך שטארב. נור איידער איך שטארב וויל איך פון אייך, רודאָלף איין טובה בעטען, גיט מיר אייער האנד.

רודאָלף האט איהר געררייכט זיין האנד, וועלכע זיא האט אָנגענומען מיט ביידע הענד.

— אייערע הענד זיינען קאַלט וויא פראָסט, — האט רודאָלף אויסגערופען מיט שרעק.

— יא, דער טוידט ליעגט שוין אין אלע מיינע גליעדער, איך האב נור מורא איך וועל שטארבען איידער איך וועל זעהן מיין קינד. אה, רודאָלף איך בעט אייך פערצייהעט מיר. פערצייהעט אלע מיינע פערברעכען געגען אייך.

— איך פערצייהע אייך אלעס! — האט רודאלף געענטפערט און צוויי טרעהרען האבען זיך ארויסגעקייקעלט פון זיינע אויגען.

— יעצט וועל איך רוהיג שטארבען, — האט שרה געזאגט — יעצט בין איך פערטיג צו הייראטהען.

רודאלף האט געעפענט דיא טהיר און אלע געלאדענע און גערופענע זיינען אריין אין צימער, וואו שרה איז געלעגען קראנק. אלע זיינען געווען זעהר טרויעריג, דען דאס בילד איז געווען א פירכטערליכע.

באראן פאן גרוין האט אויפגעשריעבען דעם הייראטס קאנטראקט און האט איהם פארגעלעזען. דאן האבען איהם אונטערשריעבען דער חתן און דיא כלה און דיא עדות. דאן איז דער גייסטליכער צוגעגאנגען און האט מיט א הויכער שטימע געפרעגט:

— וויל דער גראסהערצאג פון געראלשטיין, זיין קעניגליכע מאיעסטעט רודאלף, הייראטהען דיא גרעפין שרה פאן האלעסבורג?

— יא! — האט רודאלף געענטפערט מיט א הויכער שטימע און דיא צייכענס פון שטאלץ און זיעג האבען זיך בעוויזען אויף שרה'ס געזיכט.

דער לעצטער פייער פון עהרגייציגקייט האט זיך אנגעצונדען און האט זיך אויסגעלאשען צוזאמען מיט דאס לעבען.

דיא געלאדענע זיינען געשטאנען שטיל און טרויעריג ביז דיא גאנצע צערעמאניע איז פאראיבער. דאן האבען זיי זיך פערנייגט פאר דער קעניגין און זיינען ארויס. בלויז רודאלף איז דארט פערבליעבען. שרה האט גענומען אויסגעהן און האט גערעדט קוים וואס מען האט געקענט הערען:

— מיין טאכטער.... איך שטארב.... איך וויל זיא זעהן.... רודאלף מיין טאכטער....

— רוהיג, רוהיג, גלייך אין איינגע מינוטען קומט אהער אייער טאכטער! — האט רודאלף איהר געטרייסט.

— איך.. . האף שוין ניט מעהר.... מיינע אויגען האבען זיך אויסגעלאשען....

— שרה! — האט רודאלף געזאגט און האט זיא גענומען ביים האנד — שרה באלד קומט אייער טאכטער.

— אה, — האט שרה אויסגעזיפצט — איך בין עס ניט ווערטה.... איך שטארב!....

— שרה, הערט אט קומט דער עקיפאזשע, אייער טאכטער איז שוין דא.

— רודאָלף.... זאָגט איהר ניט, אז איך בין געווען א שלעכטע מוטער....
האט דיא שטערבענדע מיט דיא לעצטע קרעפטען געזאָגט.

דער עקיפּאזשע איז צוגעפאָהרען צום הויז, נאַכטיגאל איז שוין אריין אין קאָ-
רידאָר. אבער שרה האט קיין זאך ניט געהערט. איהרע ליפּען האבען זיך בעוועגט
און זיא האט גערעדט זאכען, וואָס מען האט ניט געקענט פערשטעהן. פּלוצלינג
איז מאָרפי אריינגעקומען און האט אָנגעזאגט דאס מרים איז דאָ.

— ניין,— האט רודאָלף האסטיג געענטפערט — מיין טאָכטער זאָל אהער ניט
אריינגעהן, שרה שטאַרבט שוין זא וויא זא. גאט האט איהר אויך דיעזען טרייסט
ענטזאָגט.

אין א האלבע שטונדע ארום איז שרה געווען טוידט.

71טעם קאַפּיטעל.

דאָס משוגעים הויז.

פיערצעהן טאָג זיינען אוועק זייט רודאָלף האט געהייראטה מיט דער פער-
האסטער שרה אום צו געבען זיין טאָכטער איהר עהרליכען נאָמען. נאַכטיגאַל איז
שוין יעצט בעוואוסט אין פּאַריזער רייבע קרייזען אלס מרים, דיא פּרינצעסין פאָן
נעראָלשטיין.

מיר ווילען יעצט פיהרען אונזערע לעזער צום הויז, וועלבער ווערט גערופען
פיצעטרא. אין דיעזען הויז ווערען געהאלטען געפעהרליכע משוגעים, אויך איז דאָרט
דא אן אבטהיילונג פאַר דיא וואָס זיינען פערמשפּט צום טוידט. אין דיעזען הויז
געפינט זיך יעצט מאַרטיאַל'ם מוטער און שוועסטער און דאָרט געפינט זיך אויך
מאָרעל, דער אונגליקליכער פאָטער.

אום צעהן אוהר פאַר- מיטאג זיינען צוויי עקיפּאזשען צוגעפאהרען צו דיעזען
הויז. פון דער ערשטער עקיפּאזשע זיינען אויסגעשטיגען מאַדאם געאָרג מיט איהר
זאָהן פראַנציס דזשערמאַן און דיפּעלטאַן. פון צווייטען איז אויסגעשטיגען לואיזע
מאָרעל מיט איהר מוטער. צוריק מיט פיערצעהן טעג האט דזשערמאַן געהייראַטהעט
מיט זיין געליעבטער דיפּעלטאַן און אין זעלבען טאג איז לואיזע ארויס פריי פון
פערראַנדם בעשולדיגונג. דאס אלעס איז געשעהן פון רודאָלף'ם וואָהלטהאטען.

דיעזע עדעלע זעעלען האבען זיך דאָרט פערזאמעלט אויפ'ן ראטה פון דעם
דאָקטאָר, וועלבער האט בעהויפּטעט דאס ווען מען וועט איבערראַשען דעם פער-
ריקטען מאָרעל מיט דער ערשיינונג פון זיין טאָכטער און זיין פרוי און זיינע בעקאַנ-
טע, וועט פון איהם אָפּטרעטען זיין וואהנזין און ער וועט ווערען קלאָהר ווי פריהער

מאדאם גערג האט גענומען געארימט איהר זאהן און מארעל׳ס ווייב, וועלבע איז נים לאנג צוריק געזונד געוואָרען און דיפעלטאן האט גענומען דער שעהנע לואיזע און זיי האבען אלע שפאציערט איבער דעם הויף. זיי האבען זיך איינע דיא אנדערע ערצעהלט וואס רודאלף האט פאר זיי געטהאָן און וואס ער האט געטהאן פאר נאך פיעלע ארימע און אונגליקליכע און וויא ער איז א הערלשער און א רייכער און איז ארומגעגאנגען אנגעטהאן וויא אן ארימאן און האט בעזוכט דיא הייזער פון דיא ארימע און האט זיי אליין געהאלפען ארבייטען.

— שטעלט אייך פאר מיין איבערראשונג ווען איך האב ערפאהרען ווער רודאלף איז! — האט דיפעלטאן געזאגט — שטעלט אייך פאר מיין לאנגע צוריק מיט אכט טעג, ווען רודאלף האט מיך מיט מיין מאן געשיקט רופען צו זיך, מיר זיינען געקומען צו זיין פאלאסט און איינער פון זיינע אדיוטאנטען האט אונז אויסגעפיהרט דיא קעניגליכע זאאלען פערפוצט מיט גאלד און דיאמאנטען ביז מען האט אונז געבראכט אין לעצטען זאאל, וואו זיין קעניגליכע האהייט אליין געפינט זיך! ער האט אונז זעהר פריינדליך אויפגענומען, האט מיט אונז גערעדט און געפלוידערט און האט אונז געטרייסט. ער האט זיך מיט אונז זעהר ליעבליך געזעגענד און האט געזאגט, אז קירצליך וועט ער פון דאנען אפפאָהרען. מעגליך, אז ער האט שוין פערלאסען פאריז, אָבער מיר וועלען איהם ניעמאלס פערגעסען.

— זעהט נור, זעהט דאָרט געהט פיפעלעט מיט זיין ווייב! — האט לואיזע געזאָגט.

— זעהט נור וויא פיפעלעט איז פרעהליך און צופריעדען, ביז יעצט איז ער אימער געוועז בלאס און קראנק, ווייל ער האט מורא געהאט פאר קאבריאן.

— פרייהייט! — האט פיפעלעט אויסגעשריען וויא ער האט זיי דערזעהן — פרייהיים, ער איז פון דאנען אוועק!

— ווער? — האט דיפעלטאן געפרעגט.

— וואס הייסט ווער? קאבריאן! ער איז אוועק נאך דייטשלאנד און וועט שוין מעהר אהער נים קומען.

— ווער האט עס אייך געזאגט?

— איינער פון רודאלף׳ס פריינדע, מארפי, וועלבער האט מיר אנגעזאגט, אז איך בין יעצט דער הויזקיפער אין דער „פאלקס-באנק״, וועלבע ווערט געמאכט אין 17 טעמפעל שטראסע, האט מיר אויך געזאגט דאס א רייכער מאן נעהמט דיעזען דיעזען קאבריאן אין דייטשלאנד, וואו ער וועט פערבלייבען אויף אימער.

דיפעלטאָן האט פערשטאנען, אז רודאָלף איז דיעזער רייכער מאן, דארום האט זיא געפרעגט:

— ווייסט איהר, אז רודאָלף איז א קעניג, וועלכער נעהט אום אין ציוויל־קליידער?

— וואָס פלוידערט איהר? ווילט איהר זיך לוסטיג מאכען איבער מיר וויא קאבריאָן! נײן דאס קען ניט זיין!

— איך שווער עס אייך ביי מיין לעבען און ביי מיין מאן.

— רודאָלף איז א קעניג! — האט פיפעלעטס וויב אויסגעשריען — און איך האב איהם געבעטען ער זאל אכטונג געבען אויף מיין הויז!

פיפעלעט האט אראָפּגענומען דיא הוט פון זיין קאָפּ און האט זיך פערנייגט מיט עהרעפורכט און האט געזאגט:

— א קעניגליכע מאיעסטעט איז געוועזען אין מיין הויז און איך וויים דאס ניט! עס לעבע דער קעניג!

אין דיעזען אויגענבליק האט מאדאם געאָרג אָנגעזאגט, אז דער דאקטאר קומט.

— גוט מאָרגען הערר דאקטאר, — האט מאדאם געאָרג געזאגט ווען דער ארצט איז צו זיי צוגעגאנגען — מיר האבען ערהאלטען אייער שרייבען און מיר זיינען געקומען.

— איך האָף, — האט דער דאקטאר געענטפערט — דאס מיט דיעזען מיטעל וועלען מיר אויסהיילען דעם קראנקען מאָרעל, וועלכער איז פערריקט נור אויף אן איינבילדונג. ביטע, איך וועל אייך פיהרען אין זיין צימער.

דער ארצט האט זיי געפיהרט דורך פיעלע צימערען, וואו פערשיעדענע משוגעים זיינען געוועזען. געהענדיג האט ער פאר זיי דערצעהלט, דאס ער האלט ניט דיא פער־ריקטע געשמידט אין קייטען אדער צוואנגס־יאקען, ער שלאָגט זיי ניט און שרעקט זיי ניט און גיסט ניט אויף זיי קאלטעס וואסער. ער קורירט זיי דורך פערשיעדענע מעטהאָדען און איינפעלע. אין פערלויף פון זיין ערצעהלונג האט ער צו זיי געזאגט:

— ניט לאנג האט מען אהער געבראכט א בלינדען און א שטומען, וועלכער האט קיין מענשליכען אויסזעהן. דיעזער בלינדער, שטומער און משוגענער איז גע־חאפט געוואָרען אין א העהלע, וואו אלערליי באנדיטען וואָרען פערזאמעלט. ער איז דאָרט געשטאנען געשמידט אויף א קייט און נעבען זייטע פיס האט זיך געוואלגערט דער קערפּער פון א פרוי, וועלכער וואר צוריסען אין שטיקער.

מאדאם געאָרג האט ניט געוואוסט, אז דאס איז איהר מאן. רודאָלף האט

איהר ניט ערצעהלט, אַז ער ווייס וואס מיט איהם איז געשעהן זייט ער איז אנטלאָ־פען פון געפענגניס. זיא איז נור פעראינטערעסירט געוואָרען אין דעם דאָקטאָר׳ס ערצעהלונג און האט געבעטען מען זאל איהר ווייזען דיעזען שרעקליכען משוגענעם. דער דאָקטאר האט זיי צו איהם צוגעפיהרט און אלע זיינען זיי ערציטערט געוואָרען פון שרקע.

דער בלינדער, וועלכער וואר קיין אנדערער וויא דער לעהרער, איז געזעסען אויף דער ערד, זיין שווערער קאָפּ מיט אלע וואונדען און פלעקען אויף זיין געזיכט איז געוועז פערוואקסען מיט לאַנגע, ווייסע האאר, פון דיא גריבער, וואו זיינע אויגען זיינען אמאל געזעסען רינט אייטער און פלאַגמע און זיין גאַנצער קערפּער איז גע־שוואָלען פון פיבער. ער איז געזעסען און האט געראָוועט וויא א ווילדע חיה. אין דער ווירקליכקייט איז פון איהם ביז א ווילדע און קראַנקע חיה קיין אונטערשייד געוועזן. ער האט פערלאָרען זיין פערשטאנד, זיין שפּראך און אלעס וואס א מענש קען בעזיצען. ער האט נור געפיהלט שרעקליכע וועהטאגען און פירכטערליכע פאנ־טאזיען און האט אימער געביסען און געפרעסען דעם פלייש פון זיין אייגענעם קער־פּער. דאס בילד, וואס דער לעהרער האט פאָרגעשטעלט, וואר דיא שרעקליכסטע וואָס דער טייפעל אליין קען נור אויסקלעהרען.

— אָה, מוטער! — האט דזשערמאן אויסגעשריען — איך קען ניט צוזעהן דיעזען שרעקליכען בילד. ווער קען זיין דיעזער מענש, וואס האט אזא שרעקליכען אויסזעהן און אזא ווילדען פּנים.

— עס איז ווירקליך טרויעריג. דאס הערץ און דער מענשליכער שטאָלץ קען אין גאנצען געבראָכען ווערען, ווען מען בעגעגענט אזא עלענדען.

דער לעהרער האט גענומען ברומען און שרייען. קיין ווארט האט ער ניט ארויסגערעדט. עס איז שווער צו בעשטימען, אויב ער האט דערקענט זיין ווייב׳ס שטימע אדער ניט, זיין געשריי האט זיי אלעמען ערשראָקען; דען קיינער פון זיי האט ניט געוואוסט ווער ער איז.

— קומט נאמיר פון דאנען געהן, איך פירכטע זעהר פאר דיעזען ווילדען נפש. עס שיינט, אז ער איז פעהיג אונז אלעמען צו צורייסען, וויא ער האט צוריסען יענע פרוי.

— נייז, קינדער, פאר אזא אונגליקליכען דארף מען ניט פירכטען, איהם דארף מען נור בעדויערן, — האט מאדאם געאָרג געזאגט און האט אלץ ניט גע־וואוסט ווענען וועמען זיא רעדט.

דער לעהרער האט זיך גענומען שליידערען און ווארפען איבער דער ערד.

זיינע קולות ווארען משונה׳דיג און זיין אויסזעהען איז געוואָרען נאך פיעל ווילדער.

— נאָמיר געהן פון דאנען, — האט דער דאקטאר געזאגט — דער מענש פער־שטעהט קיין זאך, ער פיהלט נור דאס מענשען זיינען נעבען איהם און דאס מאכט איהם ווילד. איך האב אין מיין לעבען נאך ניט געזעהן איינעם וואס זאָל אזוי ציטערן פאר מענשען וויא דיעזער פערלאָרענער. ער וועט אבער לאנג ניט ליידען. ער מוז שטארבען אין פערלויף פון א וואך אדער צוויי. זיין איינציגע רעטונג פון זיינע ליידען וועט זיין דער טוידט.

זיי זיינען אלע אוועקגעגאנגען. מאדאם געאָרג און דזשערמאן האבען איהם נאך אמאל צוגעוואָרפען א בליק פון מיטלייד און זיינען אויך אוועק, ניט וויסענדיג דאס דיעזער אונגליקליכער איז זעהר נאָהענט צו זיי.

דיא גאנצע געזעלשאפט איז געקומען צו מאָרעלס צימער. דער דאָקטאָר האט זיי אלעמען געלאָזט שטעהן ביי׳ן טהיר און האט זיי אָנגעזאגט, דאס ווען ער וועט אויסרופען „אריין!“ זאל לואיזע אליין אריין. ווען ער וועט זאָגען „אלע אריין“ זאָלען אלע ערשיינען.

דער דאקטאר איז אריין אין מאָרעלס צימער און האט איהם געפונען זיצענ־דיג ביי׳ן טיש, גלייך וויא ביי דער ארבייט און ער טרייסעלט זיך און שאָקעלט זיך און מאכט מיט׳ן רעכטען האנד און רעדט:

— דרייצעהן הונדערט פראנק! — ווען ניט וועגט לואיזע געהאנגען — דרייצעהן הונדערט פראנק. נאך פיעל צו טהאן, נאך פיעל צו ארבייטען.

דער דאקטאר האט ארויסגענומען א זעקעל גאָלד און האט פלוצלינג אויס־געשאָטען אויפ׳ן טיש.

— דיא ארבייט איז שוין פערטיג, אט זיינען דרייצעהן הונדערט פראנק פאר אייער ארבייט. נעהמט דאס געלד, ליעבער מאָרעל! — האט דער דאקטאָר האסטיג געזאגט.

— איך האב פערדיענט! — האט מאָרעל אויסגעשריען און האט געחאפט דאס געלד — לואיזע איז פריי! יעצט דארף איך לויפען צו פערראנד דעם מערדער.

— אריין! — האט דער דאקטאר פלוצלינג אויסגעשריען און לואיזע איז אריין און האט זיך געשטעלט פאר איהר פאטער.

מאָרעל איז אפגעשפרונגען פון איהר. ער האט זיא ניט דערקענט; אבער אויף זיין געזיכט האט מען געקענט בעמערקען, אז ער וויל זיך עטוואס ערא־ינערען. דער דאָקטאר האט געגעבען א צייכען דאס לואיזע זאל זיך ניט ריהרען פון אָרט.

מאַרעל איז געשטאַנען און האָט אויף איהר געקוקט און געקוקט ביז זיין געזיכט איז געוואָרען בלאַס און אויף זיין שטערען איז ארויס א קאַלטער שוויס.

— דאָס איז א גוטער צייכען, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט און האָט אויס־געשריען — „אַלע אריין!“

אין איין אויגענבליק האָט זיך געעפענט די טהיר און אַלע זיינען אריין אין צימער. לואיזע האָט זיך געוואָרפען אויף איהר פאָטער'ס האַלז און האָט גענומען וויינען.

מאַרעל איז געשטאַנען צומישט און האָט געפּלאַפּעלט פערשיעדענע ווערטער, וועלכע האָבען געשיינט, אַז ער וויל זיך עטוואָס עראינערען. לואיזעס געוויין האָט איהם אביסעל מעהר אויפגעוועקט פון זיינע געדאַנקען. ער האָט גענומען איהר קאָפּ איןביידע הענד און האָט געקוקט א לאַנגע צייט אין איהרע אויגען. דאַן האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריען: „לואיזע!“ און האָט זיך צוּוויינט וויא א קליין קינד.

— ער איז געראַטעוועט! — האָט דער דאָקטאָר אויסגעשריען פון פריידע דאָס זיין פּראָבע איז געלונגען.

— מיין מאַן! מיין מאַן! — האָט מאַרעל'ס פרוי גענומען שרייען.

— מיין פרוי! — האָט מאַרעל ווידער אויסגעשריען און האָט געציטערט.

— איך בין אויך דאָ! אַלע אייערע פריינדע זיינען אהער געקומען! — האָט דיפּעלטאַן אויסגערופען.

— אַלע אייערע פריינדע זיינען דאָ, — האָט דזשערמאַן געזאָגט.

— דיפּעלטאַן און דזשערמאַן זיינען אויך דאָ? — האָט מאַרעל געפרעגט און וואַר פאַל מיט איבערראַשונג.

— פּיפּעלעט און זיין פרוי זיינען אויך געקומען, — האָט פּיפּעלעט געזאָגט און האָט זיך פערנייגט.

— אָבער דאָס איז לואיזע? זאָגט מיר פריינדע דאָס איז לואיזע? — האָט מאַרעל געשריען און האָט זיך בעגאָסען מיט טרעהרען.

— יאָ, דאָס איז אייער טאָכטער לואיזע! — האָבען אַלע אין איין קול געשריען.

— אָבער וואַרט נור, וואַרט נור, — האָט מאַרעל געזאָגט און האָט זיך גע־וואָלט עראינערן — דיא פּאָליציי איז דאָך דאָ ערסט געווען און האָבען געוואָלט רויבען מיין טאָכטער!

— יאָ, פאָטער, אָבער איך בין פריי, פריי און אונשולדיג, און איך בין דיינע אויף אייביג.

— וואַרט נור — וואַרט נור — יעצט האָב איך מיך עראינערט — אָבער פערראַנד! — האָט מאַרעל אויסגעשריען.

— פעררּאנד האט קראַפּירט וויא א הונד! — האבען אלע איהם אַנגעזאגט.

— פעררּאנד איז טוידט? יעצט בין איך גליקליך. אַבער וואו בין איך? ווער האט מיך אהער געבראַכט? וואס טהו איך דא?

— איהר זייט געוועזען קראַנק, — האט דער דאָקטאר איהם געענטפערט — יעצט זייט איהר געזונד און איהר קענט געהן אַהיים.

— אַבער ווער האט דאס אלעס פאר מיר געטהאן? ווער איז מיין טאָכטערס רעטער?

— דאס האט געטהאן רודאָלף, געדענקט איהר איהם? — האט דושערמאַן געפרעגט.

— רודאָלף? רודאָלף? אָה, רודאָלף! איך געדענק איהם, איך וועל איהם אייביג ניט פערגעסען.

אין א שטונדע ארום איז מאָרעל געוועזען ביי זיך צו הויז צוזאמען מיט זיין ווייב און קינדער. אין א קורצע צייט איז ער פאָלשטענדיג געזונד געוואָרען און האט קיין מאָל ניט געוואוסט, אז ער איז געוועזען משוגע.

דושערמאַן מיט זיין פרוי און מוטער האט אין יענעם טאָג זיך בעזעצט אין א הויז, וועלכע דיפּעלטאַן האט אויסגעפוצט מיט אלעס וואס זיא האט געליעבט.

72טעס קאַפּיטעל.

האַלזשניידער'ס ענדע.

רודאָלף האט געענדיגט זיין ארבייט אין פּאריז. ער האט אנגעפאַנגען זיין טהעטיגקייט מיט זוכען דעם פערלאָרענעם זאָהן פון מאדאם געאָרג און האט געענדיגט מיט געפינען זיין אייגענע טאָכטער. איז פערלויף פון זיין קאַריערע אין פּאריז האט ער פיעל זאכען גוט געמאַכט. יעצט איז געקומען דיא צייט ער זאָל פאָהרען צוריק אין זיין קעניגרייך און זאָל זאָרגען פאר דיא צוקונפט פון זיין איינציג קינד. ער האט איבערהויפּט לענגער ניט געוואָלט בלייבען אין פּאריז, וואו זיין טאָכטער האט דורכגעמאַכט אזוי פיעל צרות און האט געהאט עראינערונגען אויף אזוי פיעל שמאַך און שאַנדע. ער האט בעשלאָסען צו זיצען רוהיג מיט זיין קינד אין געראָל־שטיין און פערזיסען איהר דאס לעבען.

אויף מאָרגען נאָכדעם וויא מאָרעל איז ארויסגעגאַנגען פון משוגעים הויז, איז רודאָלף שוין געוועזען פערטיג צו זיין רייזע נאָך הויזע. איידער ער איז אָפּגעפאָה־רען, האט ער צו זיך געשיקט רופען זיין בעסטען פריינד האַלזשניידער און זיין טאָכטערס פריינדין וואָלף מאַרטיאַל און איהר מאַן.

דער לעזער מוז געדענקען, דאס ווען דושערמאַן איז ארויס פון געפענגניס איז

האַלזשניידער נאָך געבליעבען זיצען. האַלזשניידער איז אבער לאַנג ניט געווען ארעסטעט. דען וויא רודאָלף האט ערפאַהרען פון דזשערמאַנס בריעף, וואָס פאַר א שעהנע טהאט האַלזשניידער האט געטהאן, האט ער זיך גלייך געמעלדעט פאַר׳ן ריכטער און האט איבערציינגט, אַז האַלזשניידער האט איינגעבראַכען זיין אייגענס הויז און האט געגנבעט זיין אייגענעם פערמעגען אום צו פערהיטען זיינעם א פריינד.

האַלזשניידער איז זאָפאָרט ארויס פריי. רודאָלף האט נאָך דאַמאַלס ניט געוואוסט, אַז נאַכטיגאַל איז זיין טאָכטער, דארום האט ער דאן בעשטימט צו נעהמען דעם מאַן, וואס האט גערעטעט זיין לעבען אין קולאַקס קעלער און האַלטען איהם נעבען זיך. ד׳אַלזשניידער וואס האט קיין אנדער וואונש געהאט, נור צו זיין נעבען רודאלף׳ן און דיענען דעם מאַן, וואָס האט איהם געמאכט פאַר א מענשען, האט זיך נאַטירליך געפרעהט מיט דיעזען פערשפּרעכען. אלס רודאָלף האט ערפאַהרען, אַז נאַכטיגאַל איז זיין טאָכטער האט ער געענדערט זיין בעשלוס. ער האט יעצט איינגעזעהן, דאס האַלזשניידער דאַרף ניט זיין אין געראַלשטיין, אום נאַכטיגאַל זאָל פאַר זיך ניט זעהן דעם מאַן וואָס ווייס איהר ביאָגראַפּיע און האט געזעהן, וויא זיא איז געווען פערקויפט אין אַזא שענדליכעס הויז, וויא דער וויסער קראָט. דארום האט איהם רודאָלף געשיקט רופען איידער ער איז אָפּגעפאָהרען און האט איהם ערקלעהרט דאס ער גיט איהם פיעל גאָלד און פערמעגען און דעם גאַנצען אייגענטהום, וואָס ער האט אין אַלגיר. אבער ער קען איהם ניט ערלויבען צו קומען נאָך געראַלשטיין.

האַלזשניידער האט ניט געוואָלט הערען פון אַלע מתנות. ער האט געוויינט וויא א קליין קינד, וואָרום רודאָלף פערשטויסט איהם פון זיך.

וועהרענד האַלזשניידער האט געוויינט האט רודאָלף געשפּראָכען מיט מאַרטיאַל און זיין פרוי און האט זיי אויך געגעבען געלד און א גרויסען פערמעגען אין אַלגיר, לויט דיא פאַנטאַזיע וואָס נאַכטיגאַל האט פאָרגעשטעלט צו מאַרטיאַל׳ס פרוי, וועהרענד זיי זיינען ביידע געזעסען אין סאַנט לאַזאַרוס.

מאַרטיאַל און זיין ווייב האבען זיך זעהר געפרעהט, ווייל זיי האבען געוואָלט אוועקפאָהרען ווייט, ווייט פון פאַריז, וואו זייער פאַמיליע איז געשטאָרבען אונטער דער גילאָטינאַ.

דיעזעס איז געווען רודאָלף׳ס לעצטער געשעפט. ער און נאַכטיגאַל האבען זיך אריינגעזעצט אין אן עקיפּאַזשע און זיי האבען זיך געלאָזט פאָהרען מיט דער גאַנצער קעניגליכער סוויטע.

אין דער צייט וואס רודאָלף מיט זיין סוויטע זיינען געפאָהרען צום לעצטען

מאָל דורך פּאַריזער גאַסען, זיינען דיא גאַסען געווען פאָל מיט טויזענדע אבער טויזענד מענשען אין מאַסקען און אהן מאַסקען, און האָבען געזונגען און געשפּרונגען, געטאַנצט און געלאַרעמט פון שכרות און לוסטיגקייט. יענער טאָג איז געווען אַן אויפרעגענדער אין פּאַריז. ערסטענס, וואָר עס דער לעצטער טאָג פון „קאַרנאַוואַל", דער טאָג ווען מען געהט אין מאַסקען און מען מאַכט זיך פרעהלאַך' אין דיא גאַסען. צווייטענס, איז עס געווען דער טאָג ווען מאַרטיאַל'ס פאַמיליע איז הינגעריכטעט געוואָרען אונטער דער גילאָטינא און אלע שאַרלאַטאַנעס, פערברעכער, מערדער און באַנדיטען פון פּאַריז זיינען געגאַנגען זעהן, וויא דיא בעסטע פון זייער קלאַס שטאַר־בען מוטהיג און פרעהלאַך.

עס איז אונמעגליך צו געבען דעם לעזער אַ בעגריעף פון וואָס אין פּאַריזער גאַסען האָט זיך דאַן געטהאַן. דיא מאַסקעס און דיא פערברעכער, דיא אָנגעטרונ־קענע פרויען און מענער פון ערגסטען סאָרט זיינען ארויס פון זייערע כלים פון הפקריי און לוסטינקייט. פון אלע שענק־הייזער, פון אלע פערדאָרבענע הייזער האָבען זיך געשאָטען מענשען וויא זאַמד און שטערען, ביז דיא גאַסען זיינען געוואָרען אזוי ענג, דאַס עס וואָר אונמעגליך דורכצוגעהן.

האַלזשניידער, וועלכער האָט זיך ניט געקענט אַפּרייסען פון רודאָלף'ן, האָט בעשלאָסען נאָכצולויפען זיין סוויטע ביז זיא וועט ארויס פון פּאַריז. דיא ענגשאַפט איז געווען אזוי גרויס, דאַס עס וואָר אונמעגליך פאַר רודאָלף'ס סוויטע צו געהן אין ליין. זיינע רייטער און בעגלייטער זיינען פון דער מאַסע פערט ראָגען געוואָרען אין אלע זייטען. רודאָלף'ס עקיפּאַזשע איז געבליעבען גאַנץ אַליין, אויסער האַלזשניידער איז זיא נאָכגעגאַנגען פון הינטען.

פּלוצלינג איז רודאָלף'ס עקיפּאַזשע שטעהן געבליעבען. רודאָלף האָט געעפענט דיא פענסטער און האָט געפרעגט דעם קוטשער וואָס דאַס בעדייטעט.

— קעניגליכע האָהייט — האָט דער קוטשער געענטפערט — טויזענדע מענשען האָבען זיך היער פערזאַמעלט צו זעהן וויא מען האַקט אָפּ דיא קעפּ פון עטליכע מערדער און זיי לאָזען אונז זיך ניט קעהרען ניט רעכטס און ניט לינקס.

— פאָטער! — האָט נאָכטיגאַל אויסגעשריען — וואָס וועלען מיר טהאָן? איך זעה אין דער מאַסע דיא ערגסטע באַנדיטען פון פּאַריז. זיי קענען אונז ערמאָרדען אין מיטען גאַס.

איידער זיא האָט נאָך געענדיגט האָט איינער, זעהר אַ געזונדער שכור אויפ־געריסען דיא טהיר פון עקיפּאַזש און האָט אויסגעשריען:

— ווער איז דיעזער פּריץ?

— וואָרום לאָזט איהר אונז ניט פאָהרען? — האט רודאָלף געפרעגט.

— וואָרום? ווייל מיר ווילען שנאַפּס אדער בלוט! — האט דער באַנדיט אויסגעשריען.

— פאָטער מיר זיינען פערלאָרען! — האט נאַכטיגאַל ווידער אויסגעשריען.

רודאָלף האט מיט איין האַנד צוגעהאַלטען זיין טאָכטער און מיט דער צווייטער האַנד האט ער ארויסגעוואָרפען א בייטעל מיט געלד.

— היער האט איהר, טרינקט און לאָזט מיך פאָהרען! — האט ער אויסגעשריען צו דער מאַסע.

דאס געלד האט איינער פון דער מאַסע צוגעכאַפּט. דער שכורער באַנדיט איז ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן ראַד און האט מיט רציחה געזאָגט:

— איך זעה, אז איהר האט דא א סך געלד. גיט אהער אלץ וואס איהר האט אדער מיר צורייסען אייך אין שטיקער.

— שלעפּט ארויס דעם פּריץ און זיין פּריץ'טע פון עקיפּאַזש — האבען א הונדערט באַנדיטען געשריען.

— דאס געלד אדער דאס לעבען! — האט דער שכור'ער באַנדיט אויסגעשריען און האט ארויסגעשלעפּט א לאַנגען און שאַרפען מעסער.

נאַכטיגאַל האט זיך ערשראָקען און איז געפאַלען אין אונמאַכט. רודאָלף האט זיך פערגעסען דאס זיין לעבען איז אין געפאַהר און ער האט געהאַפּט זיין טאָכטער מיט ביידע הענד. דער באַנדיט האט זיך א וואָרף געטהאן מיט'ן מעסער אויף זיי ביידען און ער וואלט זיי צושניטען אין שטיקער. נור האַלזשניידער איז שנעל וויא א בליץ ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן עקיפּאַזש און האט א חאַפּ געטהאן דעם באַנדיט פאר'ן האַלז און א שליידער געטהאן אויף הינטען. צום אונגליק האט ער ניט אויסגעריסען דעם מעסער פון דעם באַנדיט'ס האַנד און אזוי שנעל וויא דיא איבריגע באַנדיטען זיינען ארויפגעפאַלען אויף האַלזשניידערן, האט זיך דער שכורער באַנדיט א שליידער געטהאן אויף איהם און האט אריינגעהאַקט דעם גאַנצען מעסער אין האַלזשניידער'ס ברוסט.

דאס בלוט האט א שפּריץ געטהאן ביז נאַכטיגאַל'ס געזיכט. נאַכטיגאַל האט זיך אויפגעכאַפּט, רודאָלף האט א קוק געטהאן און האט ערזעהן וויא האַלזשניידער ליעגט אין זיין עקיפּאַזש און בלוטעט צום טויטט.

דערווייל איז געוואָרען א לאַרם איבער'ן גאס און אייניגע האבען בעמערקט דאס סאָלדאַטען קומען אָן. דיא גאַנצע באַנדע איז אין איין אויגענבליק צולאָפּען

אין אלע זייטען. ווען דיא סאָלדאטען זיינען אָנגעקומען האבען זיי קיינים ניט געפונען, אויסער רודאָלף׳ן, זיין טאָכטער און זיין קוטשער.

רודאלף איז געווען וויא א צומישטער. ער האט געוויינט וויא א קליין קינד אויף האלזשניידערס אונגליק. ער האט באלד געשיקט נאך א דאקטאר און האט געהייסען מען זאָל אריינטראָגען דעם ערמאָרדעטען אין דעם נעבסטען שענק אום צו זעהן אויב מען קען איהם נאך רעטען. ווענדענדיג זיך צו מרים׳ן האט ער געזאָגט:

— טהייערע טאָכטער, איך וועל דיך אריינפיהרען אין דעם קליינעם הויז, וואָס שטעהט דא איבערן וועג און דארט וועסט דוא ווארטען ביז איך וועל צו דיר צוריק קומען; דען עס וועט זיין פון מיר דער גרעסטער פערברעכען, איך זאָל ניט זעהן צו רעטען דאס לעבען פון דעם מאן, וואָס האט מיך צוויי מאל גערעטעט פון טוידט.

— אָה, פאָטער, לאָז מיך ניט אליין, איך קען דא שטארבען פון שרעק! — האט מרים געבעטען און האט ארומגענומען איהר פאָטער.

— אָבער וויא וועסט דוא קענען צוזעהן דיעזע שרעקליכע טראגעדיע? — האט רודאָלף איהר געפרעגט.

— ער האט דיך צוויי מאָל גערעטעט פון טוידט און דארום איז עס מיין פפליכט איך זאָל איהם דאנקען און טרויסטען בעפאר ער שטארבט, — האט מרים געענטפערט.

רודאָלף האט נעפיהלט, אז זיין טאָכטער האט רעכט און ער איז אריין מיט מרים׳ן אין דעם שענק, וואו האלזשניידער איז געלעגען און דריי פרויע האבען גע־וואלט איינהאלטען זיין בלוט. דיעזער שענק איז גראדע געווען דער „ווייסער קראָט“.

האלזשניידער האט נאך דערקענט דיא מענשען ארום איהם. וויא זיינע אויגען זיינען געפאלען אויף רודאָלף׳ן איז זיין געזיכט געוואָרען מונטערער און ער האט מיט דיא לעצטע קרעפטען געזאגט:

— איך שטארב גליקליך, ווייל מיט מיין טוידט האב איך אייך גערעטעט.

רודאָלף האט זיך צו־וויינט.

— מיין הערץ זאגט מיר דאס איך וועל באלד שטארבען.... מיין טוידט וועט זיין א כפרה פאר מיינע זינד.

— דיינע זינד זיינען שוין לאנג פערגעבען. אזעלכע מענשען וויא דוא מוזען לעבען! — האט רודאָלף איהם געטרויסט.

— ניין, איך וויים, אז איך מוז שטארבען. איך בין גליקליך דאס מיין לעבען האט גערעטעט אזא גוטען מאן, — האט האלזשניידער מיט דיא לעצטע קרעפטען געזאגט.

רודאָלף האט זיך ווייטער צרוויינט. ער האט גענומען האלזשניידערס האנד. דיא האנד וואר שוין קאַלט.

— זעהט איהר, אז גאט בעצאָהלט יעדען וויא ער פערדיענט.... מיט א מעסער האב איך געטוידטעט מיין אָפיציער און מיט א מעסער האט מען מיך אויך געטוידטעט!

האלזשניידער האט א זיפץ געטהאן און איז געשטאָרבען — — —

מרים איז דיא גאנצע צייט געשטאנען וויא א סטאטוע און האט זיך ניט געריהרט פון אָרט. איהר הארץ האט זיך צוזאמענגעפרעסט זעהענדיג וויא האלז־שניידער שטארבט. זיא האט אויך דערקענט דער שיינקערקע פון „ווייסען קראָט" צו וועלכער זיא האט זיך פריהער מיט עטליכע מאָנאטען פערקויפט. זיא האט אויך דערקענט דיא מיידלאך, וועלכע ווארען איהרע חבר'טעס. קיינער האט אבער איהר ניט דערקענט, דען זיא וואר געקליידעט וויא א פרינצעסין און רודאלף איז געווען אין זיין פאָלען אוניפאָרם.

רודאָלף האט א היבשע ווילע בעוויינט דעם טוידטען מאן וואס האט איהם צוויי מאל גערעטעט דאס לעבען. נאכדעם וויא ער האט בעשטעלט דאס האלזשניי־דער זאל בעערדיגט ווערען, האט ער מיט זיין טאכטער פעררייזט נאך געראלשטיין, וואו ער איז געווען דער גראָסהערצאָג און מרים איז פראקלאמירט געוואָרען אלס פרינצעסין און טהראָנפאָלגערין.

73טעס קאפיטעל.

דיא ענדע.

פרינצעסין מרים איז ניט לאנג געווען גליקליך. אין איהר הערצען האט גע־נאָגט און געביסען דיא עראינערונג אויף איהר פערגאנגענהייט. וואס רייכער און גרעסער רודאלף האט זיא געמאכט, וואס מעהר עהרע און רעספעקט דיא בירגער און דיא האָפלייט פון געראלשטיין האבען זייער פרינצעסין צוגעטהיילט, אלץ פינ־סטערער און ביטערער איז איהר געוואָרען דאס לעבען.

פאר איהרע אויגען איז געשטאנען דאס בילד פון איהרע יונגע יאהרען. זיא האט ניט געקענט פערגעסען וואס זיא איז געווען איידער איהר פאָטער האט זיא ארויסגענומען פון „ווייסען קראָט". זיא האט פון זינען ניט ארויסגעלאזען יענעם מאָמענט, ווען זיא האט געזעהן האלזשניידער'ס טוידט אין דעם שענק פון איהר שאנדע.

דיא עהרליכע און גוטע מרים האט געגלויבט, אז זיא, איהר פערזאָן פערונ־רייניגט דיא לופט אין איהר פאָטערס הויז און דאס זיא בעגעהט א פערברעכען

דערמיט, וואס זיא בעהאלט איהר פערגאנגענהייט און גענישט דיא עהרע און דיא ליעבע וויא דיא שעהנסטע און רייִנסטע פרינצעסין אין דער וועלט דארף געניסען.

רודאלף האט איבער גאנץ געראלשטיין פובליצירט דאס זיין טאָכטער מרים איז איהם געבאָרען געווארען פון שרה מעקגרעגאר, נאכדעם וויא ער האט מיט איהר געזעצליך געהייראטהעט. ער האט זיך געשיעדען פון זיין ערשטע פרוי נור, ווייל זיין פאָטער, וועלכער האט ניט איינגעוויליגט צו דער הייראטה האט געפונען, אז דיא צערעמאָניע איז ניט געווען נאך אלע הייראטה׳ס געזעצע. ער האט אבער וויעדער געהייראטהעט זיין ערסטע פרוי שוין נאך אלע שטרענגע געזעצע. ער האט ערקלעהרט, אז מרים איז דיא גאנצע צייט געווען אין פאריז מיט איהר מוטער. זא האט קיינער אין געראלשטיין ניט געוואוסט, וואס מיט דער שעהנער פרינצעסין איז געשעהן אין דער יוגענד.

מרים׳ס שעהנע פערזענליכקייט, איהר זיסע שטימע און ערהאבענער כאראקטער, וועלכער איז א זעלטענהייט אין דער וועלט, האבען פאר איהר גע׳וואונען, דיא אמת׳ע ליעבע און אכטונג פון אלעמען. רודאלף׳ס גאנצער האָף האט זיך אויסגעצייכענט מיט דעם כאראקטער פון אלע דאמען און הערען, אבער אזוי וויא דער וואס געהט ארויס פון פינסטערניס קען ניט ערטראגען דאס ליכט אזוי האט נאבטיגאל ניט געקענט ערטראָגען דיא ריינע געזעלשאפט ארום איהר, ניט ווייל זיא האט געבענקט נאך דעם לעבען פון שאנדע — ניין, דיא לעזער קענען שוין צוגום נאבטיגאל׳ס כאראקטער, און איזעלבעס וועט קיינער אויף איהר ניט דענקען, דיא איינציגע אורזאכען פון איהרע לייִדען, ווארען איהר איינבילדונג, דאס זיא איז ניט ווערטה צו געפינען זיך אין אזא געזעלשאפט און צו געניסען אזא כבוד.

רודאלף האט אנפאנגס ניט בעמערקט, וואָס זיין טאָכטער דענקט און פיהלט. ער האט זיך געגעבען יעדע מיהע אום צו מאכען זיין קינד דיא גליקליכסטע אין דער וועלט. ער האט פאר איהר אויסגעבויט א פאלאסט, וועלכער האט צו יענער צייט ניט געהאט זיין גלייכען אין קיין אייראָפעאישען האָף. ער האט זיא ארומגערינגעלט מיט קונסט, רייכטהום און שעהנע געזעלשאפט. ער האט אויסגעקליעבען דיא געבילדעסטע און עדעלסטע טעכטער פון לאנד און ער האט זיי געמאכט פאר איהרע האָף־דאמען; ער האט פעררופען צו זיך אלע קינסטלער, זינגער און שפיעלער, וועלכע זאָלען זיא ערמונטערן מיט זייערע טאלאנטען. ער האט זעהר אָפט געמאכט בעלער און אונטערהאלטונגען אום צו געוואוינען זיין קינד צו געזעלשאפט. דיעזע אלע קעניגליכע אונטערהאלטונגען און בעדינונגען האבען ניט געהאט קיין קראפט אויסצומעקען דאס אלטע בילד פון מרים׳ס געדעכנים.

אנפאנגס האט מרים געמיינט, אז זיא האט געפונען איהר טרויסט. זיא האט געגרינדעט צוויי אינסטיטוטען אין איהר לאנד איבער וועלבע זיא איז אליין געווען דיא אויפזעהערין. איין אינסטיטוט האט זיא בעשטימט פאר עלענדע, פערוואָרפענע קינדער, וואָס בלייבען אין דער וועלט אָהן עלטערן, וויא זיא איז געבליעבען אין איהרע קינדערשע יאָהרען; דעם צווייטען אינסטיטוט האט זיא געגרינדעט פאר מיידלאך וואס ווילען זיך רעטען פון דעם אונאנשטענדיגען לעבען אין וועלכען זיי זיינען אריינגעפאלען.

ביידע אינסטיטוטען האט זיא געמאכט גרויס און שעהן וויא מעגליך. זיא האט אנגעשטעלט דיא בעסטע לעהרער און ערציהער. דיא קינדער, וועלכע זיא האט אריינגענומען אין אינסטיטוט האבען אין איהר געפונען א מוטער און א פריינד, און דיא געוועזענע אויסגעלאסענע פרויען, האבען אין איהר געהאט א שוועסטער און א סימפאטייזער. זיא האט פערזענליך בעזוכט איהרע אינסטיטוטען צוויי מאָל א טאָג. זיא האט פערזענליך געזארגט פאר דאס עסען און פאר דיא קליידער פון דיעזע וואס ווארען אונטער איהרע שוץ. זיא האט מיט זיי אָפט געשפראָכען, האט אויס־געהערט זייערע געשיכטען און האט געוויינט ווען זיא האט געהערט פון זייערע ליידען.

דאס גאנצע לאנד האט בעוואונדערט איהר האלטונג צו דיעזע אונגליקליכע. מען האט איהר נאך מעהר געאכטעט פאר דיעזער איינפאכהייט. אין יעדעם הויז פון געראלשטיין האט מען דערצעהלט פון דיעזער פרינצעסין, וועלכע איז ביי זיך אזוי קליין און איז אזוי גוט. ליידער האבען דיעזע אינסטיטוטען איהר אויך ניט געטרויסט. אין איהר הערצען האט געברענט א פייער און קיין מיטעל האט איהם ניט געקענט אויסלעשען.

עס איז געקומען דער טאג פון רודאָלף׳ס העכסטען גליק — דער טאָג און וועלכען מען האט בעשטימט דיא הייראטה צווישען רודאָלף און זיין געליעבטע, דיא איידעלע און גוטע מארקיזין קלעמענס פאָן הארוויל. רודאלף האט געליעבט דיעזע מארקיזין וויא זיין גאנצען לעבען. ער האט נור זיך ענטזאגט פון זיין ליעבע, ווייל דיא מארקיזין האט איהם ערקלעהרט זיין פפליכט צו רעטען נאכטיגאל׳ס עהרע. יעצט האט ער אבערביידעם ערורייכט. נאכטיגאל׳ס עהרע איז געווען געשיצט מיט דער חתונה וואס ער האט געהאט ביי שרה מעקגרעגאָר׳ס טוידטען בעט, יעצט איז איהם געשטאנען פריי דער וועג צו מאכען זיין געליעבטע פאר זיין ווייב, און ער האט אויך דיעזע געלעגענהייט ניט פערזאמט.

עס איז געווען א גרויסארטיגע האָכצייט. קיין גרעסערע האט מען ניט געקענט זעהן ביין גרעסטען מאָנארך. פערטרעטער פון אלע רעגיערונגען אין דער וועלט, זיינען

נעקומען צו גראטולירען דעם שעהנסטען מאן, וואס איז ווען עס איז געזעסען אויף א טראָה. דיא בירגער פון פיעלע לענדער האבען געשיקט זייערע דעלעגאַטען אויס־צודריקען זייער רעספעקט און ליעבע צו א הערשער, וואס האט פערוואנדעלט זיין קליינע מלוכה אין א גן עדן און האט אויסגעשפרייט זיין וואהלטהאט איבער אלע עקען וועלט. דיא בירגער פון גראַלשטיין האבען בעטראכט דיא שמחה פון זייער הערשער, וויא דיא שמחה פון זייער אייגענעם זאַך. יעדעס הויז אין גראַלשטיין וואר דעקאָרירט און געפוצט, יעדער עפענטליכער פּלאַץ אין דער גאנצער מדינה וואר פאל מיט פרעהליכע און צופריעדענע מענער און פרויען, וואס האבען דערצעהלט פון דיא פרייהייט וואס זיי געניסען אונטער זייער יעצטיגען הערשער.

דער האָף אליין איז געווען דער שוי־פּלאַץ פון אזוי פיעל שעהנהייט, פריידע, רייכטהום און פריעדען, וועלכעס קיין מענשליכע פעדער איז אימשטאנדע צו שילדערען.

נאַכטיגאַל איז געווען גליקליך מיט איהר פאָטער'ס גליק; אבער אין דיעזען גליק האט זיך אריינגעמישט דער וואָרם, וואס האט פערביטערט איהר לעבען. פון אלע זייטען האט מען איהר צוגעטהיילט עהרע, פון אלע זייטען האט מען בעשפּראָ־כען איהר שעהנהייט און עהרליכקייט. אין איהרע אויערן האט יעדעס וואָרט גע־קלינגען וויא א ליעגען און איהר גוויסען איז ביי יעדען עהרען־צייכען געוואָרען רויטה פון שאנדע. דער „וויסער קראַט,״ דער שענק אין פאריז און דיא פרויען מיט וועלכע זיא האט פריהער געלעבט צוזאמען זיינען אלץ געשטאנען פאר איהרע אויגען.

זיא האט פירכטערליך געליטען פון דיעזע עראינערונגען; אבער איהרע ליידען האבען זיך טויזענד מאל פערדאָפּעלט, ווען דיא ערסטע געפיהלען פון ליעבע זיינען אריין אין איהר ברוסט און ווען איהרע אויערן האבען צ'ם ערשטען מאל געהערט דעם אויסדרוק פון א ריינער ליעבע צו איהר.

אונטער דיא געסט אויף דער האָכצייט האט זיך געפונען פרינץ הענרי פאָן הארקהויזען, דער איין און צוואנציג יעהריגער פרינץ פון וואלדענזאאל. דיעזער פרינץ איז געוועזן דער פערעל אין דיא קעניגליכע פאמיליען אין יענער צייט. נאטור האט איהם בעשאנקען מיט מעהר מתנות וויא זיין געבורט. אויסער וואס ער וואר רייך, פון א גרויסער אדעלער פאמיליע און האט גנהאט דיא בעסטע ערציהונג וואס א פרינץ קען געניסען, אויסער דיעזע גאבען, איז ער געווען דער שטערן וואס האט גע־שיינט אין איירָאפּא. ער וואר שעהן, געקינצעלט פון דעם מאלער — נאטור; ער וואר אנציהענד, ער וואר קלוג, ער וואר פעהיג. צו איין און צוואנציג יאהר האט ער געענדיגט זיין מיליטערישען סטודיום און איז אריינגעטראָטען אין דיפּלאָמאטישען קאָרפּוס, וואו ער האט איבערראשט דיא גרעסטע דיפּלאָמאטען פון זיין צייט. ער

וואר געפיהלפאָל, פּאָעטיש, מוזיקאַליש, צערטליך, מילד און גוט. ער וואר דער נעבען־בילד פון דער נאכטיגאל.

און ער האט דער נאכטיגאל זעהר שטארק געליעבט. נור ער איינער איז געוועז פעהיג צו ליעבען דיעזען אדעלען וועזען נאך איהר ווערטה, און נור ער איינער האט געקענט וויסען וויא זיין ליעבע איבערצוגעבען צו דער פּרינצעסין פאָן געראָל־שטיין. מרים האט איהם אויך געליעבט, זיא האט אבער מירא געהאט צו ערלויבען זיך דיעזען געדאנק. זיא האט געהאלטען פאר א פערברעכען צו רעכנען זיך ווערטה און גלייך צו דיעזען פּרינץ.

רודאָלף האט אויך געליעבט פּרינץ הענרי פאָן הארקהויזען. ער האט שוין לאנג אין איהם בעמערקט דעם אויסעראָרדענטליכען גייסט און טאלאנט. אין אלע ערפאהרונגען וואָס רודאָלף האט מיט איהם געהאט, האט ער געפונען דעם פּרינץ פאר א פאָלשטענדיגען נאָבעלמאן.

פּרינץ הענרי האט בעשטימט צו מאכען זיין ליעבעס ערקלעהרונג אין דעם אבענד פון רודאָלף'ס האָכצייט. עס וואר איהם שווער דיעזען שריט צו אונטערנעה־מען. ער האט דער פּרינצעסין געליעבט פיעל העכער פון יעדען בעגריף, און דער געגענשטאנד פון הייראטה איז ביי איהם געווען דיא נעבען זאך צו דער ליעבע, ער האט אבער בעמערקט, אז דיא פּרינצעסין ווערט אימער בלאס און טרויעריג, ווען זיא זעהט איהם. ער אלס גוטער מענשען־קענער, האט פערשטאנען, אז דיא פּרינ־צעסין פיהלט וועגען איהם דאס זעלבע, וואָס ער פיהלט וועגען איהר. ער האט גע־רעכענט, אז זיא ליידעט פון צווייפעל, אז זיא וויל וויסען וואס ער דענקט און פיהלט, און דארום האט ער עס גערעכענט פאר זיין פפליכט צו מאכען פאר איהר אן ער־קלעהרונג און אראפצונעהמען א לאסט פון איהר הערצען.

עס וואר נאך האלבע נאכט; דיא שמחה, דיא טענץ און דיא געזעננגע זיינען געווען אין פאָלען גאנג. רודאָלף האט זיך דאמאלס אונטערהאלטען אליין קוקענדיג פון וייטען אויף דיא געסט, אויף זיין געליעבטע פרוי און זיין טאָכטער. דיעזע צייט האט פּרינץ הענרי פאָן הארקהויזען בענוצט און ער האט זיך פערנייגט פאר דעם מאיעסטעט רודאָלף האט איהם זעהר פריינדליך אומארימט און דער פּרינץ האט נעבעטען דעם פאָטער'ס ערלויבניס צו שפּרעכען מיט דער פּרינצעסין.

רודאָלף האט זיך שטארק ניט געלאָזט בעטען. ער האט געליעבט דעם פּרינץ וויא זיין קינד און וואָלט איהם געוואָלט האבען פאר זיין איידים. ער האט אויך געהאָפט, דאס דיא ליעבע פון אזא יונגען מאן, וויא פּרינץ הענרי פאָן הארקהויזען

וועט גליקליך און פרעהליך מאכען זיין איינציג קינד, וועלכע איז אימער מעלאנ־כאליש ; אימער בלאס און צייטענווייז פערוויינט.

גלייך ווי דער פרינץ האט איהם געבעטען די ערלויבנים האט ער איהם גענומען אונטער׳ן ארם און האט איהם צוגעפיהרט צו דער פרינצעסין, וועלכע איז געזעסען אליין אין א ווינקעל ביי א גרויסען בייט פון ראזען. די פרינצעסין האט אנגענומען די איינלאדונג צו שפאצירען אין גארטען און רודאלף האט זייביידען געלאזט אליין.

די פאעזי אליין האט אין יענעם אבענד געהערשט אין דעם פרינץ׳ס מויל. זיין ליעבע צו דער שעהנער פרינצעסין האט זיך אויסגעריסען פון זיין הערצען מיט אזוי פיעל שעהנע ווערטער, דאס מיר וואלטען יעצט געמוזט ארויס־געבען דעם גרעסטען בוך פון פאעזי, וועלכען קיין זשעני האט ביז יעצט אויפ־געשריעבען. אלעס וואס פאעזי און ליעבע קענען אויסדריקען זיינען ארויס פון פרינץ׳ס ליפען.

אבער ענדליך ווען ער האט שוין ניט געהאט וואס צו ריידען און ער האט אויסגעשעטעלט זיינע פייערדיגע אויגען נאך אן אנטווארט, — אה, וואס האט ער געפונען ? די פרינצעסין שטעהט אנגעלעהנט צו א בוים, איז בלאס, ציטערט און וויינט. זי זעהט אויס ווי איינע וואס קעמפפט מיט געוויסען און ליעבע, ווי איינע וואס זינקט אין אבגרונד, ווי איינע וואס איז די אונגליקליכסטע אין דער וועלט.

דער פרינץ האט ניט געקענט פערשטעהן וואס דאס בעדייטעט. ער האט פאר איהר געוויינט זי זאל זיך קרעפטיגען, זי זאל זיך שטארקען, נאכטיגאל האט אבער פערלארען איהר זעלבסט-בעוואוסטזיין. דיעזע ליעבעס-ערקלעהרונג, פון אזא עדעלען מאן, דיעזע אמת׳ע, ריינע און הייליגע ליעבע, וואר מעהר ווי זי האט געקענט ערטראגען. זי האט יעצט געקעמפפט נור צווישען צוויי גע־דאנקען : זי זאל איהם ענטדעקען איהר פערגאנגענהייט אדער זי זאל שטארבען אונגליקליך.

רודאלף האט ניט גע׳חלומ׳ט דאס זיין טאכטער ליידעט אזוי פיעל פון איהרע עראינערונגען. ער האט שפאצירט אין זעלבען גארטען און האט אונ־געדולדיג ערווארטעט ווען די קינדער וועלען איהם אויפזוכען און ערקלהרען מיט פריידע זייער גליק. ער האט אבער צו לאנג געווארט. ער האט זיך געלאזט געהן נעהנטער צום ארט, וואו דער פרינץ און די פרינצעסין האבען זיך בע־דארפט געפינען.

ווי ער איז געקומען נאהנט האט ער גלייך דערזעהן, ווי מרים שטעהט ווי א מאכטלאזע און פרינץ הענרי איז פערצווייפעלט צו דער העכסטער שטופע. רודאלף האט ניט געקוקט אויף דער עטיקעטע און איז באלד צוגעלאפען צום פלאץ. מרים איז געפאלען אויף זיין האלז און האט אויסגעבראכען אין א גע־וויין. רודאלף האט איהר באלד אפגעפיהרט אין איהר פאלאסט.

— טאַכטער, וואָס איז מיט דיר געשעהן ? — האָט רודאָלף איהר גע־פרעגט באַלד ווי ער האָט זי אריינגעזעצט אין א ווייכען שטוהל.

— פאָטער... איך בין... אַן אונגליקליכע ! — האָט מרים געענטפערט און האָט אויסגעבראָכען אין טרעהרען.

— גרויסער גאָט ! דו, טאָכטער ביזט אונגליקליך ?

— ענטשולדיג מיר, פאָטער. האַלט מיר ניט פאַר אונדאַנקבאַר. דו ביזט צו מיר זעהר גוט, דיין גאַנצע עהרע און דיין גאַנצע קעניגרייך האָסט דו געלייגט צו מיינע פיס, דו ליעבסט מיך און מיין צווייטע מוטער ליעבט מיך אויך. מיך רינגעלט ארום עהרע און רייכטהום, אָבער דאָס אַלעס קען ניט אויסוואשען מיין שאַנד־פלעק. קיין זאַך אין דער וועלט קען מיך מאַכען פערגעסען מיין פערגאַנגענהייט. נאָך אמאָל בעט איך ענטשולדיגונג — איך האָב עס ביז יעצט פון דיר פערדעקט, פאָטער, אָבער יעצט קען איך עס ניט מעהר. וואָס העכער מיין גליק שטייגט אַלץ טיעפער זעה איך מיין וואונד. די פערגאַנגענהייט טוידעט מיך.

— אָה, שרעקליך, שרעקליך ! — האָט רודאָלף געשריען — יעצט זעה איך מיין אונגליק, איך בין אין דעם שולדיג. איך האָב רוהיג געלאָזט דאָס איהר איינבילדונג זאָל זיך איינוואָרצלן אין איהר הארצען. יעצט איז שוין צו שפעט אויסצואוואָרצלען. אונגליקליכער פאָטער וואָס איך בין !

נאַכטיגאַל איז א קליינע ווייל געווען שטיל און פערטראַכט, דאַן האָט זי גענומען איהר פאָטער׳ס האַנד און האָט געזאָגט :

— פאָטער, דו געדענקסט דאָך יענעם אָבענד, ווען דו האָסט מיך געפונען אין דער סיטע, דו ווייסט וועלכע געזעלשאַפט איך האָב געהאַט. אָה, מיר האָט געשיינט דאָס איך וועל דיעזע שאַנדע קענען פערגעסען און איך האָב עס פער־געסען ווערהרענד איך בין געוועזן אין מאָדעל־פאַרם ; אָבער איידער מיר האָ־בען פערלאָזען פאַריז, דאָרט וואו האַלזשניידער איז געשטאָרבען, האָב איך צום לעצטען מאָל געזעהן דאָס הויז און די שענקערקע — די עדות פון מיין ער־ניעדערונג און זייט דאַן פערגעס איך ניט, ווער איך בין געווען. אָה, ווען איך בין אין דיעזען האָף און אַלטע עהרענווירדיגע מענער נייגען פאַר מיר זייערע קעפּ און עהרליכע פרויען גיבען מיר זייער האַנד, ווען יונג און אַלט עהרט מיך און בענשט מיך, דאַן רייסט אויף די ערּאינערונג מיין הערץ און איך וואָלט בעסער געשטאָרבען, בעסער אַנטלאָפען פון דער גאַנצער וועלט, איידער אזא ראָלע צו שפיעלען. זעהר אָפט ברעכט אוים מיין פערצווייפלונג און דעם ערשטען בעסטען, וואָס איך בעגעגען וויל איך זאָגען וואָס איך בין געוועזן.

— אָבער טאָכטער ! — האָט רודאָלף מיט טרעהרען געזאָגט — דו ביזט ניט שולדיג אין אַלעס וואָס דו ביזט געווען און יעצט ביזט דו די שעהנסטע און די בעסטע אין גערּאָלשטיין. די אינסטיטוטען, וועלכע דו האָסט געגרינדעט זיינען אַן עהרע און א קרבן פאַר דיין פערגאַנגענהייט.

— אָה, פאָטער, דאָס איז נאָך ניט אַלעס. ווען איך וואָלט געווען בעשטימט

צו לעבען אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, ווען איך זאָל ניט דאַרפען בעגעגענען די אויגען פון עהרליכע מענשען, וועלכע עהרען מיך, ליעבען מיך און רעכנען מיך פאַר אַן אידעאַל, דאַן וואָלט איך פיעלייכט געלעבט רוהיג. מיינע וואונדען ווערען אָבער גרעסער פון די געלעגענהייטען וואָס וואַרפען זיך צו מיינע פיס.

—טאָכטער, זאָל איך פערשטעהן, דאָס דו ווילסט אריין אין אַ מאָנאַסטיר?

— פאָטער!

— איז דאָס וואהר?

— אויב דו וועסט עס מיר ערלויבען.

—ווילסטו מיך פערלאָזען, טאָכטער! — האָט רודאָלף אויסגעשריען.

— פאָטער, דער מאָנאַסטיר איז ניט ווייט פון געראָלשטיין, מיר וועלען זיך אָפט קענען זעהן.

— און דענקסטו, טאָכטער, דאָס אַזעלכע געדאַנקען זיינען אייביג. דו ביזט נאָך אַזוי יונג, בלויז 18 יאָהר, פיעלייכט וועסטו אַמאָל חרטה האָבען—

אָה, ניין, פאָטער, איך וועל ניעמאָלס, ניעמאָלס חרטה האָבען פון מיין בעשלוס. אין מאָנאַסטיר, דאָרט אין איינזאַמקייט און אין תפלה, אָהן רייכטהום און אָהן עהרע, דאָרט קען איך לעבען רוהיג און גליקליך.

רודאָלף האָט זיך אַ ווײלע פערטראַכט, דאַן האָט ער געזאָגט:

— טאָכטער, איך פערשטעה, אַז דאָס לעבען אין אַ מאָנאַסטיר קען פיעלייכט לייכטער מאַכען דיין וואונד. אָבוואָהל דו וועסט פערלירען די פערגעניגענס פון דער פרייער וועלט, קענסט אָבער אויך געהיילט ווערען פון דיינע וועהטאָגען, אָבער בעפאָר מען נעהמט דיעזען לעצטען און פערלאָרענעם שריט, מוזען מיר זעהן פיעלייכט גיט עס אַן אַנדער וועג, וואָס זאָל אונז ביידען ניט אונגליקליך מאַכען. טאָכטער, אין מאָנאַסטיר הייסט עס טוידט פאַר דער וועלט און לעבען אויף יענער וועלט. איך האָב שוין פיעלעס פון מיין גליק געאָפּפערט, איך וויל זיך אין גאַנצען אָפּפערען און איך מוז דיך זעהן גליקליך. פיעלייכט גיבט עס אַ מיטעל?

נאַכטיגאַל האָט איהם אָנגעקוקט מיט ביידע אויגען.

— קענסט דו דעם פרינץ הענרי? — האָט רודאָלף איהר געפרעגט.

נאַכטיגאַל האָט זיך צוּוויינט.

— ליעבסט דו איהם?

— דאָס מאַכט מיך נאָך אונגליקליכער! — האָט נאַכטיגאַל וויינענדיג אויסגעמורמעלט.

— אַזאַ ליעבע איז קיין אונגליק, טאָכטער.

— פאָטער, פערגעס ניט ווער איך בין געוועזן.

— אָבער ער ליעבט דיך אויך! קינד מיינע, ער ליעבט דיך אויך.

— דאַרום, פאָטער, בין איך נאָך אונגליקליכער. זיין ליעבע איז אַן אונגליקליכע.

— און ווארום ?

— פאַטער, פערגעס ניט מיין פערגאַנגענהייט ! אָה, איך האָב געקענט זיין אַזוי גליקליך, אָבער איך קען ניט !

— טאָכטער, פערגעס ניט, דאָס איך האָב ערלויבט דעם פרינץ צו בעטען דיין האַנד, נור ווייל איך ווייס דאָס ער איז דער נאָבעלסטער פרינץ אין איי־ראָפּא. טאָכטער, דאָס גליק שטעהט פאַר דיר פריי, פרינץ הענרי ליעבט דיך, דו ליעבסט איהם אויך. פערגעס וואָס מיט דיר איז געשעהן, ווען דו ביזט געווען עלענד און אונגליקליך און נעהם דאָס גליק ווי ער קומט צו דיר. מוטהיג, טאָכטער ! דאָס גליק וואַרט אויף דיר אויף דיעזער וועלט !

— ניעמאַלס, פאָטער ! ניעמאַלס וועל איך מיר ערלויבען דיעזען גליק אָנצונעהמען. ווארום זאָלסטו פאָטער, פערגעסען !

— איך פערגעס ניט און האָב ניט פערגעסען. אָבער טאָכטער, דו פער־געסט, דאָס ווי דו טרעטסט אַריין אין מאָנאַסטיר פערליער איך דיר אויף איי־ביג און דו פאַלסט אַריין אין אַ לעבען פון טרעהרען און טרויער. אָה, דיך צו פערליערען, טאָכטער ! דיך צו פערליערען ! טאָכטער, איך וויל דיך זעהן גליקליך און פערהייראַטהעט צו אַ מאַן, וועלכען דו ליעבסט און וועלכער ליעבט דיך.

— הייראַטהען דעם פרינץ ? איהם אונגליקליך מאַכען ? ניין פאָטער, דאָס קען איך ניט. איך בין ניט ווערטה צו טראָגען דעם נאָמען ו ו י י ב ! איך בין ניט ווערטה צו האָבען דעם הייליגען טיטעל מוטער ! ניין, ניין ! איך וועל פריהער שטאַרבען פון שאַנדע, איידער איך וועל זיך ערלויבען די צוויי הייליגע נעמען ! איך וועל פריהער צומאַכען די אויגען אויף אייביג, איידער איך וועל קענען קוקען אויף די הייליגע פרוכט פון אַן עהרליכען פאָטער ! ניין, איך וועל עס ניט קענען ! איך וויל ניט פעראונרייניגען דיעזע צוויי הייליגע נעמען, איך וויל ניט. פאָטער, לאָז מיך אַטלויפען פון דער וועלט, דאָרט אין מאָנאַסטיר זעה איך מיין רוה און פריעדען.

— טאָכטער, הער מיר אויס, איידער דו בעשטימסט אַזאַ שריט צו מאַכען !

— פאָטער, האָסטו פערגעסען מיין פפליכט צו דערצעהלען דעם פרינץ, איידער ער נעהמט מיין האַנד, וואָס איך בין געווען ?

— איך האָב ניט פערגעסען ! — האָט רודאָלף געשריען — ער מוז אַלעס וויסען, ער זאָל אַלעס וויסען !

— ניין, פאָטער, איך וויל בעסער שטאַרבען איידער ער זאָל עס וויסען, איידער איך זאָל אַזוי ניעדריג פאַלען אין זיינע אויגען.

— אָבער ער וועט אויך וויסען, דאָס דו ביזט געווען געצוואונגען, דאָס דו ביזט פערפיהרט געוואָרען און דאָס דו ביזט אַנטלאָפען פון שאַנדע. ער וועט

דיך געווים רופען ו ו י י ב, מיט דעם זעלבען שטאָלץ וואָס איך רוף דיך ט אָ כ ט ע ר!

— ניין, פאָטער, דאָס וועט ניט געשעהן. איך ליעב דעם פרינץ צופיעל, איך שעץ איהם צו טהייער. איך וועל איהם ניעמאָלס געבען די האנד, וועלכע איז בעפלעקט געוואָרען פון פאַריזער באנדיטען.

— — — — — — — — — — — —

עטליכע טעג נאָך דיעזער סצענע, וואר אין אלע צייטונגען געמאָלדען, דאָס פרינצעסין מרים פאָן געראלשטיין איז אריינגעטראָטען אין מאָנאסטיר פון סאנקט הערמאנגילדא, וואו זי וועט פערברענגען איהר גאנצען לעבען אָפּגע־זונדערט פון דער וועלט.

רודאָלף, דער גראָס־הערצאָג פאָן געראלשטיין, האָט איבערגעגעבען די פיהרונג פון זיין רעגיערונג צו פרינץ הענרי פאָן הארקהויזען און ער מיט זיין ווייב, גראָס־הערצאָגין קלעמענס, האָבען זיך געווידמעט צו צדקה. זיי האָבען געבויט אינסטיטוטען און האָבען געהאָלפען יעדען עלענדען און נויטהבעדערפ־טיגען.

ע נ ד ע.